STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00258

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Glenn C. Alex
in memory of
Philip & Sarah Alex and Isadore & Molly Goldstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
א ידישע פאָלקס שולן
Montreal

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
אידישע פאלקס שולן
Montreal

זיבעטער באַנד

צווייטער בוך

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.
ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn"

SEVENTH VOLUME

SECOND BOOK

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

מיין געטרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — א מתנה
פון מחבר

JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
אידישע פאלקס שולן
Montreal


שבחי הבעש"ט א

פרק א

דאָס ערשטע זײַטל פון דער ערשטער (אָסטרער) אויסגאַבע
„שבחי הבעש"ט" אין יידיש

זע זייט 205


משלי יד טו מב

אבר האלט אים פאר בייז :

טו (א) ווייכי אפגענטפערט קילט דעם צארן ,
אשטעכווערטל אבר בלאזט אויף דעם כעס:(ב)
דאס לשון פון חכמים שמיט אן דער חכמה · דאס
מויל פון טיפשים אבר פלוידערט נארישקייט : (ג)
אומעדום זענען השי"ת אויגן פול · זיא קוקן דורך שלעכ'
און גוטן : (ד) א צוגעבינג לשון איז א בוים פון לעבן,
ווען אבר שפיצליך דריקן צו ברעכט זיין איינגים
מבוקש : (ה) א נאר פאר דריסט דער מוסר פונים
פאטער · דער וואס פאלגעט אבר תוכחה דער טוט
אוודאי קלוג : (ו) די ווירטשאפט פון אין ערליכן
איז זייער בעפעסטיגט · מיט הולטייאסקע הכנסה
אבר ווערט זי בטריבט : (ז) די ליפן פון א חכם
שטעלן ארום געשאפט · דאס הארץ פון טפשים אבר
מיינט דווקא אנדערש : (ח) פאר דעם קרבן פון
הולטייאום איז השי"ת מיאוס · דאס געבעט פון ישרים
אבער געפעלט אים · (ט) השי"ת איז כמאס פאר דעם
שטייגער פון הולטייאום · דער וואס זוכט אבר נאך
ערליכקייט דער איז אים ליב : (י) א שווערי שטראף
[illegible]דעם וואס פאר לאזט דעם גלייכן גאנצוגייק דער
א[illegible]וואס תוכחה פיינט דאס מוז גאר שטארבן (יא)
[illegible]פאר שווינדעלש שטיין קעגן השי"ת , מכ"ש
נאך

א זייטל פון מענדל לעפינס „משלי"-איבערזעצונג

צענטער טייל

חסידות און אויפקלערונג

(1820 — 1780)

ערשטער קאַפּיטל

די נאָכווייען פון דער שבתי־צביאישער משיחישער באַוועגונג. — די סעקטאַנטן אין פּאָדאָליע. — די רבנים און זייער „חרם״. — יעקב פראַנק אַלס פּערזענלעכקייט. — יעקב פראַנק ביי די „שעבסין״ אין סאַלאָניקע. — דער פאַרקערפּערטער „מלכּא קדישא״ און דער גלגול פון שבתי צבי. — די פראַנקיסטן און זייער התנהגות. — יהודה ייטלש און זיין „שיחה״; די זכ־ונית וועגן די פראַנקיסטן אין אָפּעגבאַך פון משה פּאָרגעס — יעקב פראַנקס העבּ־עיִשע צווייי אויפרופן. — דער וועלט־באַנעם פון די פראַנקיכטן. — יעקב פראַנקס מעשהלעך. — דער פאָרויסבאַשטימטער אונטערגאַנג.

מיר האָבן שוין אין פינפטן באַנד פון אונזער ווערק אָנגעוויזן, ווי אַזוי די גזירות ת״ח און די שרעקלעכע מהומות און בלוטיקע מלחמות, וואָס האָבן דערנאָך געוועלטיקט אין די פּוילישע מדינות, האָבן אויף גאַנצע דורות געבראַכט דעם דאָרטיקן יידישן קיבוץ אין עקאָנאָמישן און מאָראַלישן חורבן. און דער חורבן איז נאָך מער געוואַקסן אינם 18טן י״ה ביי דעם צעפאַל און געוואַלדיקער ירידה פון גאַנצן לאַנד.

שוין אינם 17טן י״ה, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, ווען די ווילדע קאָזאַקן־חיילות האָבן אויף זייער בלוטיקן מאַרש די הונדערטער קהילות חרוב געמאַכט, — איז אין דעם באַוווסטזיין פון דעם אין טויט־שרעק פאַרשטאַרטן פאָלק אַליץ שאַרפער און דרינגענדיקער געוואָרן דער געדאַנק: ניט מעגלעך ווייטער אַזוי צו לעבן! עפּעס מוז געשעען און מאַכן אַ סוף צו די אומדערטרעגלעכע ליידן פון פאָלק. דאָס גרויסע אומגליק, וואָס ס׳איז געשעען — דאָס זיינען די „חבלי משיח״, וואָס זאָגן אָן די באַלדיקע ישועה!.. אָט דער גרונד־געדאַנק האָט געוועלטיקט איבער דעם פאָלקסבאַוווסטזיין און געטריפט מיט זאַלב־האָפענונג אויף די אָנגעווייטאָגטע הערצער. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך די געוואַלדיקע יובל־פרייד, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן אין די פּוילישע קהילות דער נצחָנישער אויפרוף פון דעם מיסטיקער אוים סמירנא: „איך אייער משיח, שבתי צבי!״ [1]...

---

1 זע אונזער ווערק ב׳ V, ז׳ 186.

די ליכטיקע האָפענונג איז אָבער ניט דערפילט געוואָרן, און טרויעריק האָט זיך פאַרענדיקט די „ביאת המשיח": דעם דערוואַרטן גואל האָט דער סולטאַן אין תפיסה פאַרשפאַרט און דאָרט האָט דער געפאַנ־גענער דעם מוסולמענישן גלויבן אָנגענומען... די שטאַרקע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס דער דאָזיקער אויסטערלישער טרוימער האָט אַרויסגערופן, האָט אָבער ניט געקאָנט אינגאַנצן בטל ווערן — צו ענג איז זי געווען פאַרבונדן מיט די תביעות און האָפענונג פון פאָלק. די שטורמישע מעכטיקע באַוועגונג איז זיך בלויז אין פיל באַהאַלטענע דינע שטראָמען צעפאַלן. אין פוילן האָבן זיך אין פאַרשיידענע פונקטן באַוויזן התלהבותדיקע מיסטיקער (ווי יהודה חסיד, חיון, חיים מלאך און פיל אַנדערע), וואָס האָבן גערופן און געוואָרנט דעם עולם וואָס מער צו פאַסטן און חוזר בתשובה צו זיין, ווייל די גאולה וועט באַלד קומען, מוז קומען... וואָרעם די לאַגע פון די יידישע מאַסן איז געוואָרן אַלץ שווערער און אומדערטרעגלעכער: דער קריגערישער קאַטוילישער קלע־ריקאַליזם האָט וואָס מער פאַרשטאַרקט די רדיפות, די עלילות דם האָבן זיך געמערט מיט יעדן יאָר און מיט זיי די שייטערהויפנס מיט די אויף טויט געפייניקטע קדושים, און די אַכזריותדיקע גירושים. און פון אינע־ווייניק, אין דער קהילה גופא, — די נגישות און רשעות פון די אויבערשטע „פני", פון די תקיפים און ראשי הקהל [1]. די אונטערדריקטע מאַסע איז געווען מאַכטלאָז צו קעמפן ניט בלויז קעגן דעם שונא פון אויסן, נאָר אַפילו קעגן זייערע באַדריקער פונם „קהל־שטיבל", ווייל יענע האָבן אין דעם קאַמף קעגן דעם „המון" שטענדיק געפונען שטיצע ביי די שררות און מאַכטהאָבער...

האָבן מענטשן געזוכט אַ טרייסט אין זייער גרויסער נויט, געזוכט זאַלב פאַר די שמאַרציקע וווּנדן, בכדי צו לינדערן דעם ווייטאָג און שטאַרקן די צאַנקענדיקע האָפענונג. עס איז קלאָר, אַז מענטשן מיט אומרויִקע נשמות און גלייביק־בענקענדיקע הערצער האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן דער טרוקענער פּלפּול מיט אַלע זיינע שפּיצלעך און שכלדיק־דיאַלעקטישע איינפאַלן. אין דער אַטמאָספער פון איבערגעשפּיצטן פּלפּול, קליינלעכן פעדאַנטיזם און פאַרגליווערטער רוטין האָבן די דאָזיקע מענטשן געשמאַכט נאָך דעם לעבעדיקן קוואַל פון הייסן גלויבן און רעליגיעזן פאַטאָס, געזוכט דעם דאָזיקן קוואַל אויף שטעגן און אומוועגן, וואָס האָבן זיי ניט זעלטן פאַרפירט אין ענגע לאַבירינטן, פול מיט אבני נגף און גיפטיקע מיִאַזמען. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן [2], ווי צווישן

1 זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז״ז 162, 256—259.

2 דאָרטן, 201.

די מיסטיקער און „חסידים״ אויס דער שבתי־צביאישער סעקטע האָט זיך ביי זייער שטרענגען אַסקעטיזם און אָפטע תעניתים און סגופים אַלץ בולטער געלאָזט באַמערקן, טאַקע אונטער דער השפּעה פון שבתי־צבים אידעען, אַן אַנטקעגנגעזעצטע טענדענץ: באַפרייען זיך פון די רבנישע חומרות און פאַרבאָטן אויפן געביט פון ריטואַל און עטיק; און די דאָזיקע צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטרעמונגען: דער שטרענגסטער אַסקעטיזם און מאָראַלישע אויסגעלאַסנקייט זיינען ניט זעלטן צונויפגעפלאָכטן צוזאַמען אין איין פאַרפּלאָנטערטן קנויל. חיים מלאך, יהודה חסידס מיטהעלפער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון דער טערקיי קיין פּוילן, האָט אַלס הייסער אָנהענגער פון שבתי צבים לערע ענערגיש אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק, אַז בכדי געהייליקט צו ווערן און איינגאַנצן מנצח צו זיין די „קליפּות״, מוז מען קודם־כל דורכגיין די ניין און פערציק טויערן פון טומאה, ווייל דאָס שלעכטע איז דאָך דער מקור פונם גוטן. די העכסטע און אמתע מדרגות פון ריינקייט קאָן ערשט דערגרייכן די נשמה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די אָפּגרונטן פון שמוץ און האָט פאַרזוכט דעם ניפטיקן זאַפט פון שוואַרצער זינד...

אָט אַזוי זיינען אין פּוילן, דער עיקר אין גאַליציע און פּאָדאָליע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות מיט טערקיי און דעם הויפּט־נעסט פון דער שבתי־צביאישער סעקטע — סאַלאָניקע, אויסגעוואַקסן גאַנצע גרופּעס סעקטאַנטן. דאָס פאָלק האָט זיי באַלד געקרוינט מיטן נאָמען „שבתי־צביניקעס״ אָדער געקירצט — „שעבסין״. די קרענקלעך־מיסטישע פאַנטאַזיע, משיחישע האָפענונגען און פינסטערער אָבערגלויבן האָבן זיך ביי די דאָזיקע סעקטאַנטן צונויפגעפלאָכטן מיט דעם אומקלאָרן פּראָטעסט קעגן דעם שווערן יאָך פונם „שולחן ערוך״ און מיט דעם האַלבסטיכישן דורשט נאָך אויפלעבונג און באַפרייונג. אין דער דאָזיקער שטיקנדיקער, אומגעזונטער אַטמאָספערע האָט דער זוכנדיקער, נאָר פאַרקריפּלטער געדאַנק מאַכטלאָז זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם לאַבירינט פון סתירות, פאַרלאָרן דעם קלאָרן באַגריף וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן דערלויבטן און פאַרווערטן. מען דאַרף, נאַטירלעך, מיט גרויס פאָרזיכטיקייט זיך פאַרהאַלטן צו די ידיעות, וואָס ווערן געבראַכט פון אַזעלכע פאַרביסענע קעמפער קעגן אַלץ, וואָס טראָגט אין זיך דעם מינדסטן רמז פון שבתי־צביאישער „אפּיקורסות״, ווי דער קנאי יעקב עמדן, דאָך איז אויסער ספק, אַז די מיסטיקער־סעקטאַנטן פון היים מלאכס חדר פלעגן אָפט זיך דערלויבן אַזעלכע מעשים, וואָס זיינען געשטאַנען אין סתירה

ניט נאָר מיט די רבנישע „פּוסקים״, נאָר אויך מיט די כּללים פון אייראָפּעיִשער עטיק [1].

די רבנים האָבן דערזען א גרויסע געפאַר אין די „אפּיקורסישע״ אידעען, וואָס ווערן פארשפּרייט דורך די פּאַרבאָרגענע „שבתי-צבי-ניקעס״, און זיי האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען קעגן זיי די שטרענגסטע מיטלען. זיי האָבן געמיינט, אַז מיט דער שאַרפער שטראָף-רוט פון חרם וועט זיי געלינגען אויסצוראָטן די גיפטיקע זוימען, וואָס שבתי צבי און זיינע מיטהעלפער האָבן פארזייט. מיר האָבן געזען [2], ווי זיי איז מיט זייערע חרמות און רדיפות געלונגען צו צעטרעטן די שיינע ראָמאַנטישע בלום, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דעם יידישן געטאָ — דעם טרוימערישן דיכטער משה חיים לוצאַטו. קיין אנדער געוווער אויסער חרמות און רדיפות האָבן זיי, די „רועי ישראל״, די היטער פון פאָלק, פּאַקטיש אין זייער רשות ניט געהאַט. די מנהיגי הדור האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז — „לא נחת ביעקב״, ס׳האַלט שלעכט אין די געצעלטן פון יעקב! זיי האָבן געזען, אויף וואָסערע ריזיקאַלישע און גליטשיקע וועגן עס פאַרפירן די משיחיש-מיסטישע שטרעבונגען, זיי זיינען אָבער מאַכטלאָז געווען צו קעמפן קעגן דער פאַרשטייענדיקער געפאַר מיטן געוועהר פון איבערצייגונג, מיטן התלהבותדיקן פּאַטאָס פונם באַגייסטערנדיקן וואָרט. עס איז קלאָר, אַז צווישן די תּלמידים און אָנהענגער פון יהודה חסיד, חיים מלאך וכדומה זיינען געווען ניט בלויז אוואַנטוריסטן פון אַזאַ גאַנץ נידעריקער מאָראַלישער מדרגה, ווי נחמיה חיון, נאָר אויך טיף עטישע „זוכערס״, וואָס זייער צאַרט פילנדיק געוויסן האָט זיי קיין רו ניט געקענט געבן. אויף די מיסטיש-טעאָסאָפישע, אין סודות איינגעהילטע פאַרפּלאָנטערטע וועגן האָבן זייערע לעכצנדיקע נשמות געזוכט א תשובה אויף דער האַרבער רעטעניש פונם לעבן, געהאָפט צו געפינען אן ענדגילטיקן ענטפער אויף דעם שמאַרציקן פּראָבלעם וועגן דער שליטה פון שלעכטס אויף דער וועלט און די ניט פאַרגיטיקטע ליידן פונם אויסדערוויילטן פאָלק, דעם טרעגער פונם „הייליקן בונד״. וואָס האָבן פאַר אָט די אומרויִקע, זוכנדיקע גייסטער געקאָנט געבן די פאַרגליווערטע משגיחים״ איבער דעם „שולחן ערוך״-רבנות, וואָס האָבן אַלע זייערע גייסטיקע כּוחות פאַרשוועדעט אויף פּרוכטלאָזן טרוקענעם פּלפּול, און זייער גאַנצע שאַפונגס-קראַפט האָט זיך אויסגעשעפּט דערמיט, וואָס זיי האָבן געזאַמלט גאַנצע בערג פון אַלץ נייע הגהות און פּשטלעך צו די פּוסקים

---

1 זע אונזער העדק, ב׳ V, ז״ז 201—202.

2 דאָרטן, בוך צווײ, קאַפּ. 3.

און די רעליגיעזע קאַרעקטן פון די פריִערדיקע דורות? קענען איינעם פון זייערע גלענצנדיקסטע פאַרשטייער, דעם גאוניש-באַגאַבטן אײבשיץ, וועלכן זיי האָבן.חושד געווען אין שבתי-צביאישער אַפּיקורסות, האָבן זיי אויך קיין אַנדער געווער ניט געהאַט, ווי חרמות און רדיפות, און טאַקע אַ דאַנק דעם דאָזיקן קמיעות-קאַמף האָט דער רבנות-אינסטיטוט זיך באַוויזן פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט אין זיין גאַנצער פּוילקייט און טויטער פאַרגליווערטקייט...

און טאַקע אין דער זעלבער צייט, ווען אין די קהילות פון דייטש-לאַנד און בעהמען האָט זיך געפירט די עקשנותדיקע מחלוקת אַרום דעם פּראַגער ראש-ישיבהס קמיעות, אין וועלכע מען האָט חושד געווען פאַרבאָרגענע שבתי-צביאישע „אַפּיקורסות", האָט אין די דרומדיקע פּראָ-ווינצן פון פּוילן, דער עיקר אין פּאָדאָליע, אויסגעבראָכן אַ נאָך מער פאַרביטערטער קאַמף קעגן אַ ניי-געשאַפענער שבתי-צביאישער סעקטע, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען דער באַוווּסטער יעקב פרענק (פראַנק).

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן אויף די דעמאָלטיקע ענגע עקאָ-נאָמישע און אידעיִשע פאַרבינדונגען צווישן פּאָדאָליע און טערקישע צענטרען. אין משך פון 27 יאָר (1672—1699) האָט פּאָדאָליע זיך געפונען אונטער דער טערקישער מאַכט. אויך נאָכדעם ווי פּאָדאָליע איז צוריק איבערגעגאַנגען צו פּוילן, האָט די באַפעלקערונג פון קאַמעניעץ, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער סאַמע טערקישער גרעניץ, קאַרגע צוויי מייל פון כאָטין, פאַרגעשטעלט אַן אמתן „ערב-רב" אויס פאַרשיידענע פּראָווינצן און פאַרשיידענע אמונות. קאַמעניעץ האָט געהאַט די ענגסטע פאַרבינ-דונגען מיט סאַלאָניקע; אויף אירע ירידים, ווי אויך אויף די ירידים אין סאַטאַנאָוו, הוסיאַטן וכדומה, פלעגן קומען פיל טערקישע יידן. און דווקא מיטן צענטער פון דעם וַעַד המדינה, מיט לעמבערג און אירע רבנים און גדולי התורה, האָבן די פּאָדאָליער יידן געשטערעבט צו האָבן וואָס ווייניקער קרבות, בכדי עס זאָל זיין וואָס קלענער זייער אָנטייל אין די שווערע שטייערן. דער וועד המדינה איז נאַטירלעך געווען דערמיט זייער אומצופרידן און האָט געקעמפט קעגן די דאָזיקע סעפּאַראַטיסטישע שטרעבונגען 1, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן און אין 1715 האָט זיך

---

1 ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס דער דאָזיקער קאַמף האָט אפילו געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די חסידישע וווּנדער-מעשיות וועגן בעש״ט. אין איינער פון די דאָזיקע מעשיות ווערט דערציילט, אַז בעת דער יונגער בעש״ט איז געווען מלמד אין אַ דאָרף, נעבן לעמבערג, איז אים אויסגעקומען צו דאַווענען שבת פאַרן עמוד. זיין דאַווענען האָט ביי די דאָרפס-יידן אַזוי אויסגענומען, אַז זיי האָבן געבעטן, ער זאָל אויך ימים-נוראים זיין בײַ זיי בעל-תפילה, ווײַל זיי ניט באַדאַרפן פאָרן אין שטאָט

פאָדאָליע איינגאַנצן אָפּגעטיילט פונם לעמבערגער וועד המדינה און איז געוואָרן אַ מדינה פאַר זיך. די דעמאָלט נאָך בערך קליינצאָליקע יידישע באַפעלקערונג אין פאָדאָליע איז געווען צעוואָרפן אין גאַנץ קליינע קיבוצים, אָפּגעזונדערט פון וויכטיקע קולטור־צענטרען. די באַפעלקערונג איז געווען פאַרגרעבט און ווייניק געהאַלטן פון לימוד התורה. פאָדאָליע איז דער־פאַר געווען אַ גאַנץ גינסטיק פראָפּאַגאַנדע־געביט פאַר כלערליי שבתי־צביאישע אַגיטאַטאָרס, מיסטיקער און בעלי־מופתים. אין 1722 איז אין יאַראָסלאַוו פאַרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון רבנים, דעלעגירטע פון פאַר־שיידענע קהילות, און דאָרט זיינען אונטער תרועות פון שופרות און ביי אויסגעלאָשענע שוואַרצע ליכט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין חרם די אין פאָדאָליע אַנטדעקטע אָנהענגער פון שבתי צבים לערע, און דער פסק החרם איז צעשיקט געוואָרן אין אַלע פאָדאָליער קהילות. „ותוקף גזרתנו בחרם — ווערט אין דעם פסק־החרם אָנגעוויזן — שיוכרז בכל בתי־כנסיות שבכל ארץ פאָדאָליה... וראשי רוזני קציני מנהיגי הארצות גיבן רשות ומקל ורצועה לראשי הגלילות ולראשי הקהילות, דאָס זיי זאָלין רודף זיין די לייט אונ׳ שטראָפן מיט חרפות אונ׳ קנסות ותפיסות אפילו בדיני עמים. אונ׳ די זעלביקע לייט זאָלן כל ימיהם זיין אָבגעשייט, אפילו ווען איין מפלה ווערט אויף זיי קומען, זאָל מען זיי ניט העלפן און מפריש זיין מקהל הגולה״ 1.

ווי עס שיינט, האָבן די שטרענגע מיטלען געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן דערפאָלג, וואָרעם אין דריי יאָר אַרום האָבן די רבנים געהאַלטן פאַר נייטיק נאָכאַמאָל אַרויסצוטרעטן קעגן די פאָדאָליער „שעבסין״ מיטן אַלטן חרם־געווער. איינער פון די דאָזיקע „שעבסין״ איז געווען אַ געוויסער לייב אויס דעם קליינעם שטעטעלע קאָרלאָווקע, אַ ייד אַ למדן, נאָר אַ הייסער אָנהענגער פון די שבתי־צביאישע אידעען: מען האָט אים דערפאַר גערודפט, און ער האָט געמוזט אַריבערפאָרן אין דער וואָלאַכיי 2. בערך אין דער צייט (אַרום 1726) איז ביי אים אַ זון געבאָרן, יעקב מיטן

אריין אויף יום־טוב. דער בעש״ט האָט איינגעחיליקט, און די ישובניקעס האָבן ימים־נוראים געמאַכט אַ מנין פאַר זיך. די ראשי הקהל פון לעמבערג האָט דאָס אָבער זייער פאַרדראָסן. און אין דער מעשה ווערט טאַקע דערביי גלייך דערקלערט די סיבה: „כי הקהל היה להם יניקה מהכפרים״; און עס ווערט דאָרט באַריכות דער־ציילט, מיט וואָס פאַר אַן עקשנות קהל האָט געקעמפט קעגן די דאָרפסלייט, און יענע זיינען טאַקע באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייער „העזה״ און געמוזט אַלע גיין באָרוועס, אָנגעטאָן אין די יום־כפורדיקע קיטלען, פון דעם שטאָט־טויער ביז צום רבס הויז. (ספורים נחמדים, 4—5).

1 זע ליסינטקי, קורות פאָדאָליע וקדמוניות היהודים, ז׳ 64.

2 קרויזהאַר, פראַנק ועדתו, II, 11.

נאָמען, וואָס האָט דערנאָך געשפּילט אַזאַ טרויעריקע ראָלע אין דער געשיכטע פון ייִדישע סעקטאַנטן. באַשענקט מיט אַ געוואַלדיקער פיזישער גבורה, מיט אַ הייס־שפּרודלדיקן טעמפּעראַמענט און פייערדיקער פאַנטאַזיע, איז דעם יונגן יעקב בן לייב ענג געווען אין דער פאַרמרה־שתורהטער ייִדישער סביבה. צו די טרוקענע תּלמודישע למודים, וואָס מען האָט מיט אים געלערנט אין חדר אין טשערנאָוויץ, האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין שום חשק. ער פלעגט גאַנצע טעג אַרומלויפן מיט אַ חברה יונגען, איבער וועלכע ער איז געווען „אַטאַמאַן", און מען פלעגט פירן „מלחמות", אָדער שפּילן אין „גזלנים" 1. נאָכדעם ווי זיינע עלטערן זיינען אַריבערגעפאָרן קיין בוקאַרעשט, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן פאַר אַ געהילף צו אַ ייִדישן סוחר מיטן נאָמען מרדכי מרגלית, וואָס האָט געהאַנדלט מיט טערקיי. דער סוחר האָט מיטגענומען זיין יונגן געהילף אויף זיינע מזרח־רייזעס קיין סאַלאָניקע, סטאַמבול און סמירנא. דאָרטן האָט יעקב בן לייב, וואָס האָט פון די טערקישע ייִדן באַקומען דעם ביינאָמען פרענק, זיך באַקענט מיט די טערקישע „שעבסן" (די דענעמי). דער ספרדישער חכם יששכר האָט אין סמירנא באַקאַנט דעם יונגן פרענק מיט די סודות פון דער קבלה און מיט די אידעען פון די סאַבאַטיאַנער 2. אַ באַזונדערן רושם האָבן אויף פרענקן געמאַכט פאָלגנדיקע צוויי טעזיסן, וואָס זיינען געווען שטאַרק אָנגענומען בײַ די סעקטאַנטן אין סאַלאָניקע: א) אַז שבתי צבי איז דער קערפּערלעכער לבוש, די מענטשלעכע פאָרם פון דעם „מלכּא קדישא", וואָס איז דאָך דער „זעיר אנפּין" — די געבורט און שפּראָצונג פון די ערשטע צוויי „פּרצופין": דעם „אַבּאַ", דעם אורקוואַל פון דעם אַקטיוון מענלעכן, און דער „אָמא" — דער מוטער און יסוד פונם פּאַסיוון ווייבלעכן. נאָך שבתי צבים טויט האָט זיך אין געוויסע סאַבאַטיאַנער קרייזן באַפעסטיקט דער גלויבן, אַז גלייך ווי משה רבנו האָט פאַרבראַכט פערציק טעג אויפן הימל און דערנאָך זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אַזוי וועט אויך שבתי צבי אין פערציק יאָר אַרום נאָך זיין פּטירה צוריק קומען פאַרענדיקן די גאולה. ב) אין ענגן פאַרבינד מיט דעם אר״ים לערע וועגן דעם סוד הגלגול, איז בײַ די סאַבאַטיאַנער געווען פעסט אָנגענומען, אַז דער „מלכּא קדישא" געפינט אין פאַרשיידענע דורות זיין מענטשלעכע פאַרקערפּערונג; די נשמה פונם משיח ווערט מגולגל און געפינט אַ נייעם לבוש, און בכדי געהייליקט צו ווערן, אינגאַנצן מנצח צו זיין די „קליפּות" און ברענגען די פולע

---

1 קרויזהאַר. פראַנק ועדתו, I, 51.

2 א געוויסע השפּעה האָבן אויך געהאַט אויף פראַנקן נאָך צוויי מקובלים: מרדכי און נחמן.

גאולה, מוז דער משיח קודם־כל דורכגיין די ניין־און־פערציק טויערן פון טומאה, ווייל דאָס שלעכטע איז דאָך דער יסוד פונם גוטן...

פראַנקס ברויזנדיקע כוחות, זיין שפרודלדיקע פאַנטאַזיע, שטורמישער טעמפּעראַמענט און דראַנג צו מאַכט און געוועלטיקונג — האָבן געפונען אַן אידעאַלע אונטערלאַגע, אַ ציל־באַשטימטע באַרעכטיקונג. ביי דעם רוב היסטאָריאָגראַפן און קולטור־פאָרשער ווערט יעקב פראַנק געשילדערט אַלס אַוואַנטוריסט, אימהעדיקער שווינדלער און אויסגעלאַסענער רודף זימה. דאָס איז געוויס ריכטיק, דערמיט שעפּט זיך אָבער נאָך בכלל ניט אויס דער גאַנצער מהות פון פראַנקס פּערזענלעכקייט [1]. פראַנק איז אַ מיט־צייטלער פון קאַזאַנאָוואַ, און עס פילט זיך טאַקע אַ שטיקל קרבֿות צווישן אים און דעם גאונישן איטאַליענישן אַוואַנטוריסט. די דאָזיקע קרבֿות פילט זיך ניט בלויז אין זיין סעקסועלער הפקרות, נאָר בכלל אין זיין אומשטילבאַרן דורשט צום שומיקן בעבער פון לעבנס־פריידן, אין זיין דראַנג צו רחבות, שיינקייט און פיזישער קראַפט. אים איז אָבער אויס־געקומען צו לעבן ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, ווי זיין איטאַליענישן בן־דור. אים, דעם לעבנס־און לוסטגיריקן, האָט געעקלט פון דער שווער־באַדריקטער יידישער לאַגע, פון די געקרימטע רוקנס און בלייך־דערשראָ־קענע געזיכטער, פון דעם שולחן־ערוך־רבנות מיט זיינע טויזנטער סייגים, מיט זיין פחדנישן שטעמפּלען דאָס ערדישע מיטן שאַנד־פלעק פון זינד. אַ סוף ווייל ער צו דעם אַלץ מאַכן. ער, דער גלגול פון שבתי־צבי, דער פאַרקערפּערטער „מלכא קדישא“, דער ס״ס („ראשי תיבות פון Santo Senor [2]), וועט זיין דער גואל פון פאָלק, ער וועט אויסגלייכן די געקרימטע רוקנס, שטאַרקן די שלאַבעריקע און דאָס „זינדיקע“ וועט ווערן געהייליקט און געאַכפּערט...

עס איז ניט אונזער אויפגאַבע צו געבן די געשיכטע פון דער פראַנקיסטישער באַוועגונג [3]. מיר ווילן בלויז זיך אָפּשטעלן אויף דער אידעען־וועלט פון די פראַנקיסטן, אויף זייערע זוכענישן און בלאָנדזשע־

---

1 דער ערשטער פרווו צו געבן אַ מער אָביעקטיווע און אויכשעפּנדיקע שילדערונג פון פראַנקס פּערזענלעכקייט איז געמאַכט געוואָרן דורך יוסף קליינמאַן אין זיין ביז גאָר אינטערעסאַנטער אַרבעט אין „יעווריעיסקי אַלמאַנאַך“, 1923, 195—227.

2 זע: יעבץ, ספר שמוש, דף ג׳ עמ׳ א׳, דף ז׳, עמ׳ ב׳.

3 זע באַריכות וועגן דעם: יעבץ, ספר שמוש; A. Kraushaar, Frank i frankiści (מיר האָבן זיך באַניצט מיט סאָקאָלאָווס העברעישער איבערזעצונג); גרעץ, פראַנק אונד די פראַנקיסטען (1868); מ. באַלאַבאַן, לתולדות התנועה הפראַנקית, העתיד, V; מ. וווישניצער אין ערשטן באַנד „געשיכטע פונם יידישן פאָלק“ (רוסיש), 458 - 486; א. י. בראווער „מקור עברי חדש לתולדות פראַנק ועדתו (השלח, כרך ל״ג, 1917, כרך ל״ח, 1921).

נישן. ווען פראנק איז אין דער מיט פון די 50ער יארן פונם 18טן י״ה צוריקגעקומען פון זיין מזרח-רייזע און אנגעפאנגען זיין פראפאגאנדע אין פאדאליע, זיינען צו אים צוגעטראטן ניט בלויז מענטשן פונם המון, נאר אויך למדנים און רבנים, ווי, אשטייגער, וואלף בן שלום, אלישע שור מיט זיינע צוויי זין און זיין טאכטער חוה, וואס האט געקענט גאנץ זוהר אויף אויסווייניק, דער בוסקער רב נחמן און דער רב פון גליאניאני און אפילו שפעטער, שוין נאכדעם, ווי פראנק האט מיט זיין גאנצער „מחנה“ אנגענומען דעם קאטוילישן גלויבן, געברענט די תלמוד-פאליאנטן אויף די שייטערהויפנס און צוזאמען מיטן קאטוילישן קלערוס ארויסגעטראטן קעגן זייערע געוועזענע ברידער מיט דער שענדלעכער באשולדיקונג וועגן עלילת-דם, — אויך דעמאלט זיינען צווישן די פראנקיסטן געווען פיל למדנים, ווי לייב מלמד אין בראד [1], און רייַנע אמת-זוכערס פון העכסטער מאראלישער קוואליטעט. אפילו דער טיפישער „אויפקלערער“ פון הערץ האמבערגס שניט, פעטער בער (געבארן אין 1758), מוז צוגעבן, אז צווישן די פראנקיסטן זיינען געווען מענטשן „פון בעסטן מאראלישן כאראקטער“ און פון גרויסער למדנות [2]. א ביז גאר אינטערעסאנט בילד וועגן די פראנקיסטן אין פראג שוין נאך פראנקס טויט גיט דער באקאנטער מיטארבעטער פון „בכורי העתים“, יהודה ייטלש, אין זיין „שיחה בין שנת תק״ס ובין שנת תקס״א“ [3]. ייטלש איז געווען אן איבערצייגטער משכיל און הייסער אנהענגער פון דעם „שכל אנושי הישר“ (געזונטער מענטשן-פארשטאנד, דארטן, 19), און אלס אזעלכער איז ער געווען אן אנטשיידענער קעגנער פון דער פראנקיסטישער באוועגונג. ער איז אבער ניט געווען קיין קַנאי, ער געפינט, אז מען דארף באקעמפן שעדלעכע אידעען, אבער ניט קיין פערזענלעכקייטן [4], און פארענדיקט דערפאר זיין אנטי-פראנקיסטישע פלוגשריפט מיט א הארציקער בקשה, די פארבלאנדזשעטע סעקטאנטן זאלן באקומען דערלויכטעטע אויגן און דערזען, אז זיי האבן געוואנדלט אין גרויס פינסטערניש (דארטן, 35—36).

„איך מוז זאגן דעם אמת און קאן ניט לייקענען, — ווייזט אן יהודה ייטלש, — אז זיי (די סעקטאנטן) זיינען ניט קיין אומוויסנדיקע מענטשן, זיי זיינען ניט בלויז פון תורה און זיינען באקאנט מיט אגדות און מדרשים. די מענער זיינען וויסנדורשטיק און די פרויען זיינען פון

1 זע דוד כהנא אין השלוח, VII, 569—570; דובנאוו, דארטן, 318—330.

2 געשיכטע, לעהרען אינד מיינונגען, II, 257.

3 געדרוקט אין פראג אין 1800, איז איצט פון די גרעסטע יקר-המציאותן.

4 דארטן, 28: ועי״ז אמרה ברוריה, דביתהו דר״מ: יתמו חטאים מן הארץ ולא חוטאים.

לפידות־געשלעכט [1] און כלל נים קיין שוואכקעפיקע [2]. אמת, זאגט ער ווייטער, די מענער זיינען מענטשן פון חכמה און וויסן, זיי שטודירן דעם זוהר און גיבן זיך פיל אפ מיט די כתבי האר״י. זיי (די סעקטאנטן) פארנעמען זיך דער עיקר מיט קבלה, סיי מענער, סיי פרויען [3]. עס איז ביי זיי פעסטגעזעצט, אז יעדן טאג פארטיפן זיי זיך אויף א שעה צי צוויי אין די סודות הקבלה. און די שיחות חולין פון די דאזיקע פרויען איז כלל נים גלייך צו די פלאפלערייען פון אנדערע פרויען. אויף זיי רוט דער גייסט פונם זוהר, און פיל אויסדרוקן פון קבלה־ספרים ליגן זיי תמיד אויף די ליפן [4]. עס זיינען אפילו פאראן צווישן זיי נביאות, וואס זאגן אן די בשורה וועגן ביאת המשיח; זיי גיבן צייכנס און זאגן פארוים מעשים, וואס דארפן געשען, און דעקן אויף טיפע סודות אין די ספרי הקבלה [5]. צווישן די פראנקיסטן — איז ייטלש מודה — געפינט זיך אפילו אן אייראפעיש געבילדעטער מענטש מיט ברייט־פילאזאפישן וויסן; אויך ער האט זיך געלאזט פארפירן פון די מיסטישע פאנטאזיעס און טוט קאנטס פילאזאפישע אידעען אנקליידן אין די מלבושי זוהר וקבלות האר״י (דארטן, 19—23). און דאס, — רופט אוים ייטלש מיט פארוואונדערונג, — קומט פאר אין דעם „דור השכלה ותבונה״ (דארטן, 13).

---

1 אן אנשפילונג אויף דבורה הנביאה, וואס איז געווען „אשת לפידות״.

2 יהודה ייטלש, שיחה, 9: והאכת אגירה ולא אכחידה תחת לשוני, כי לא נעדרי דעת ומזימה המה ובלתי נבערים מתורה אגדות ומדרשים. ולהם יד ושם מה. הגברים — אנשים אוהבי למודיות ומדע, והנשים נשי לפידות ואינם חלשי דעת.

3 אז ביי די פראנקיסטן פארנעמען זיך מיט קבלה פרויען גלייך ווי מענער, שרייבט אויך אונטער דער רב און בעל דרשן פון פראג אליעזור פלעקעלס אין זיין „אהבת דוד״: טף ונשים באים לשמוע קבלת יעקב רמאה, ועוסקים יחדו במעשה מרכבה טמאה למען ספות הרוה את הצמאה, בחורים וגם בתולות, זקנים עם נערים, שואלין ודורשין כתבי אר״י במסתרים... כהנה וכהנה מעשה עגעון ינהגו יחדו, אנשים ונשים, בחורים ועוללים... הכל מסמאין בנגעים, הכל חייבים בראיות פנים בעיר אשר נקבר שם, גם בחור, גם בתולה, גם שב, גם ישיש (דארטן, 25).

4 דארטן, 11—12: ואם אמנם אנשים בעלי חכמה ותושיה, ידעו כי ילמדו ספר הזוהר ולכתבי האר״י ישלחו ידיהם, וכל עסקם בספרי הקבלה. גם הזכרים, גם הנקבות חקה אחת להם בכל יום ויום ללמוד שעה אחת או שתים בעניני נסתרות. ושיחות חולין של נשים ההן לא כשיחות חולין של שאר נשים, כי נחה עליהן רוח הזוהר והקבלה ומלות הקבלה מורגלין בפומיהן. כמו מלות ספירוו., סטרא דוכרי ונוקבא, שכנתא עלאה ותתאה וכדזמיהן.

5 דארטן, 24: ועוד רעה חולה ורבה היא על כת הזאת, כי יש להם נשים מתנבאות ומבשרות ביאת זמן המשיח ע״פ חלומותיהן למראותיהן אשר חוזות; מגידות אותות אשר תבואנה לאחור, מגלות סודות עמוקות בספרי קבלה.

אויך אויס אַנדערע קוועלן איז באַקאַנט, אַז צווישן די פּראַגער פראַנקיסטן זיינען געווען יידן למדנים און זייער אָנגעזעענע אָרטיקע תּושבים, ווי, אשטייגער, נח קאַסאָוויץ, דער ענערגישער פראַנקיסטישער אַגיטאַטאָר יאנאַס וועהלי מיט זיינע דריי גוט־דערצויגענע און געבילדעטע זין, און דעם פּראַגער רבס איידעם גבריאל פּאָרגעס, ניט בלויז אַ ייִד אַ למדן, נאָר אויך אַ מענטש מיט געוויסע ידיעות אין „קריסטלעכע וויסנשאַפטן" [1]. און טאַקע זיין זון, משה פּאָרגעס, האָט איבערגעלאָזט גאַנץ אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן דעם פראַנקיסטישן הויף אין אָפּענבאַך אויף דער גרעניץ פון דעם 19טן י״ה (1799—1800), ווען בראש פון די פראַנקיסטן איז געשטאַנען די „גבירה" יעקב פראַנקס טאָכטער חוה [2].

משה פּאָרגעס דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, האָט אים זיין פאָטער אַריינגערופן צו זיך אין צימער און אים געשטעלט אין אַ פייערלעכער פאָרם די פראַגע: צי גלויבט ער, אַז די תּורה — אַט ווי זי איז אונז געגעבן געוואָרן אין נגלה — אַנטהאַלט אין זיך אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק צו וויסן פאַר אונזער גאולת־הנשמה און פאַרן גליק פונם מענטשן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט? און אין אַ פאַטעטישן טאָן האָט זיין פאָטער ווייטער דערקלערט, אַז באַגלייך מיט דער תּורה איז פאַראַן אויך דער הייליקער ספר „זוהר", וואָס איז אונז מגלה די סודות, אויף וועלכע די תּורה איז נאָר מרמז, און אַנטפּלעקט אונז, ווי אַזוי צו קומען צו שלימות. עס זיינען איצט פאַראַן אַ סך „אצילים", וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער נייער תּורה, דער ציל איז — די גאולה פונם גייסטיקן און פונם פּאָליטישן דרוק [3]. דער אויבערשטער איז, ווי אין די פריערדיקע צייטן, אויך לעצטנס נתגלה געוואָרן [4].

און בכדי זיין זון זאָל „וועגן דעם אַלעמען געוואָר ווערן", האָט גבריאל פּאָרגעס איבערגעגעבן דעם 14־יאָריקן משה איינעם „מאנשי שלומנו", נח קאַסאָוויץ, יענער זאָל מיט אים לערנען תורת הנסתר. יענער האָט אים פיל דערציילט וועגן יעקב פראַנקן, ווי ער איז „נתגלה געוואָרן אַלס משיח, פאַרזאַמלט אַרום זיך אַ סך יידישע תּלמידי חכמים, וואָס האָבן געגלויבט אין אים... ער האָט באַקומען אַ סך אָנהענגער; זיין נביאות־זאָגן און זיין צוזאָג צו ברענגען אַ גייסטיקע און קערפּער־

---

1 זע ז. מ. געלבער, היסטאָרישע שריפטן, 255.
2 פּאָרגעסעס זכרונית זיינען צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין די „היסטאָרישע שריפטן", I, 1929, 265—288.
3 שפּיצירס פון אונז. י. צ.
4 דאָרטן, 266.

לעבע גאולה, א חיי עולם — האט צו אים די אנהענגער ממש צוגעשמידט" 1. געשמדט האט זיך פראנק מיט זיין פאמיליע און א גרויסן טייל פון זיינע אנהענגער — „כדי צו באפרייען די שכינה, וואס רוים האט געפאנגען" 2. ווען משה פארגעס האט זיך דערנאך דערלאנגט צו דער „הייליקער מחנה" קיין אפענבאך, האט אים דארט גלייך ביי זיין אנקומען איינער פון די „מאמינים" דערקלערט: „מיין זון, די שכינה איז אין נויט, שכינתא בגלותא! אדום און ישמעאל האלטן זי געפאנגען, און אירע קינדער מוזן זי אויסלייזן און מוזן דעריבער מיט איר אינאיינעם איבערטראגן די ליידן. ווי נאר די דריי „ספירות" וועלן זיך אויפן רעכטן שטייגער פארבינדן, ווי א דריי־איינקייט, ווי א חוט־המשולש — וועט קומען די גאולה. צוויי פון זיי זיינען שוין דערשינען אין דער געשטאלט פון מענטשן, — מיר מוזן ווארטן אויף דעם דריטן; גליקלעך איז דער, וואס איז אויסדערוויילט זיך צו באהעפטן מיט „תפארת", ווייל פון אים וועט געבארן ווערן דער וועלט־גואל. טראג דיין דינסט און שטיי אויף דער וואך, בכדי דו זאלסט זוכה זיין צו ווערן דער אויסדערוויילטער" 3.

די „צוויי", וואס „זיינען שוין דערשינען" — דאס זיינען שבתי צבי און יעקב פראנק. דער אויסדרוק „באהעפטן זיך מיט תפארת" איז געווים אן אנשפילונג אויף דעם מיסטישן געדאנק, וואס איז געווען זייער פאפולער צווישן שבתי צבים מקורבים, אז דער משיח שבתי צבי איז די פארקערפערטע זעקסקאנטיקע ספירה „תפארת", די מענטשלעכע פארם פון דעם דריטן אות אין דעם שם המפורש (יְ דְהֹוָה), דעם אות, וואס איז לויט דעם אר״ים מיסטישער סיסטעם דער סימבאל פונם „זעיר אנפין" 4.

עס איז בכלל גאנץ שווער צו געבן א קלארן באגריף וועגן דעם וועלט־באנעם פון די פראנקיסטן. זייער באגרינדער, יעקב פראנק, האט איבערגעלאזט נאך זיך א גאנץ קנאפע ליטעראַרישע ירושה: בלויז צוויי אויפרופן, וואס ער האט אין העברעיש פארעפנטלעכט אין 1767 און 1768. זיינע מקורבים האבן אבער אין משך פון פיל יארן פארשריבן פראנקס דרשות, מעשהלעך, משלים און מימרות. די דאזיקע דרשות האט פראנק געהאלטן אויף אן אייגנארטיקן זשארגאן — א געמיש פון

---

1 פארגעס, אין די היסטארישע שריפטן, 1929, 267.

2 דארטן.

3 דארטן, 273.

4 זע אונזער ווערק, ב׳ IV, 452.

שפאניאליש, דייטש, יידיש און פויליש. זיינע מקורבים האבן זיי פאר־שריבן אויף פויליש און טיילווייז אויך העברעיש. אויפגעהיט זיינען אין מאנוסקריפטן בלויז די פוילישע, און די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: 1) Księga słów Pańskich (א זאמלונג פון סענטענצן, מעשהלעך, משלים און געשפרעכן, וואס ס'האט פארשריבן פראנקס סעקרעטאר, און 2) Kronika Pańska (ערינערונגען און מעשיות וועגן פראנקס לעבן) *. די דאזיקע צוויי מאנוסקריפטן האט אפילו טיילווייז אויסגענוצט קרויז־האאר אין זיין אויבן ציטירטן ווערק; לוידער, האט אבער דער דאזיקער פארשער געהאט א גאנץ קנאפן באגריף וועגן יידישער מיסטיק און דער אידעען־וועלט פון דעם זוהר און דעם אר"י, איז אים דערפאר שווער געווען צו געבן א קלארן באגריף וועגן דעם וויכטיקסטן תוך פון די דורך אים באנוצטע מאנוסקריפטן.

דערצו מוז מען נאך נעמען אין באטראכט, אז פראנק און זיינע אנהענגער האבן זייערע מיינונגען על פי רוב ארויסגעזאגט בלויז מיט רמזים, אוים מורא פאר דעם קאטוילישן קלערוס, וואס האט די גאנצע צייט געקוקט מיט חשד אויף די פראנקיסטן און ניט געגלויבט, אז זיי זיינען מיטן גאנצן הארצן איבערגעגאנגען צום קריסטנטום. און עס איז טאקע אויסער ספק, אז דאס שמדן זיך איז ביי די פראנקיסטן געווען א צוואנגס־אקט, וועלכן זיי האבן אויסגעפירט אויסשליסלעך דערפאר, ווייל זיי האבן קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט. עס איז דאך באקאנט, אין וואס פאר א לאגע יעקב פראנק און זיינע מקורבים האבן זיך געפונען נאכ־דעם, ווי די יידישע באפעלקערונג פון דעם שטעטל לאנצעקרון איז זיי באפאלן אין דער ווינטערנאכט אין 1756, בעת זיי האבן אין אפגע־זונדערטן הויז ביי צוגעמאכטע לאדנס געפראוועט זייערע מיסטעריעס מיט טענץ, געזאנג און עקסטאטיש־עראטישע תקונים. מען האט זיי געשלאגן מכות רצח, און די אויפרעגונג ביי דער יידישער באפעלקערונג איז געווען אזוי גרויס, אז זי האט געוואלט די „כופרים" פארברענען. נאכדעם ווי דער „ועד מדינת פאדאליע" האט צונויפגעזאמלט דעם גאנצן באשולדי־קונגס־מאטעריאל קעגן די סעקטאנטן, וואס האבן אנטיילגענומען אין די מיסטעריעס פון יענער נאכט [1], האט ער צוזאמען מיטן „ועד מדינת

* עס זיינען אויפגעהיט נאך צוויי מאנוסקריפטן: 1) Księga proroctw (ספר הנביאות) און 2) Księga snów pańskich (ספר החזיונות).

1 לויט דעם דאזיקן באשולדיקונגס־מאטעריאל (פארעפנטלעכט אין יעבצס „ספר שימוש", 5—6) האבן אייניקע פון די פרויען, וואס האבן זיך באטייליקט אין די מיסטעריעס, מיט דער איינוויליקונג פון זייערע מענער זיך איבערגעגעבן אנדערע „חברים" לשם מצוה, ווייל זיי האבן געגלויבט, אז דורכדעם זיינען זיי מצרף א שם און זיינען גורם צו א יחוד צווישן קודשא — בריך הוא און דער שכינה.

רוסיא״ און אויך מיט פיל רבנים אויס די גרעסטע פוילישע קהילות ארויסגעטראָגן אין בראַד דעם גרויסן חרם קעגן די פראַנקיסטן. די דאָזיקע „פושעי ישראל״ ווערן אויסגעשלאָסן פון דער יידישער עדה, זייערע ווייבער און טעכטער ווערן דערקלערט פאַר זונות, זייערע קינדער זיינען ממזרים און ביזן צענטן דור טאָרן זיי ניט אָנגענומען ווערן אין דער יידישער קהילה; מען טאָר מיט זיי קיין שום מגע ומשא ניט האָבן, זייער ברויט איז „פת כותים״, זייערע קרבנות — זיינען „זבחי מתים״ און זייערע כלים זיינען „פיגול״, וואָס קיין ייד טאָר זיי ניט אָנרירן [1].

דעם פסק החרם האָט מען אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען „חרב פיפיות״ [2], ער איז צעשיקט געוואָרן אין אַלע יידישע קהילות און דאָרט איז ער אויסגערופן געוואָרן בקול שופר, ביי אויסגעלאָשענע ליכט. די שנאה צו די סעקטאַנטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ביי איין איבערפאַל אויף די פראַנקיסטן איז אומגעקומען דער אַלטער אלישע שור און אַן אַנדערש מאָל איז שיר אויף אַזאַ אופן ניט אומגעקומען לייב קריסע: אַ צעהרגעטער און צעשלאָגענער איז ער קוים אַ לעבעדיקער ארויס פון די הענט פון דעם אויפגערעגטן המון. די פראַנקיסטן האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט: אויסגעשלאָסן פון דעם יידישן קיבוץ, האָבן זיי זיך געמוזט ווענדן צו דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. דער קאַטוילישער קלערוס מיט דעם קאַמענעצער בישאָף דעמבאָווסקי בראש האָבן קודם־כל געוואָלט אויס־נוצן די סעקטאַנטן אַלס ווערקצייג, בכדי צו פאַרשטאַרקן די רדיפות אויף יידן און יידנטום, און, אגב, דערוואַרבן נייע „נפשות״, „פאַרבלאָנדזשעטע שאָף״, פאַר דער קריסטלעכער קירך. שטאַרק געדרענגט פון ביידע צדדים, האָבן די סעקטאַנטן קיין אויסוועג ניט געהאַט, האָבן פאַרברענט הינטער

---

1 ... לרדוף הפושעים מכל עדתנו, וגבול נתן בינם ובינינו, השמים לבינם ובינינו, ושמנו פנינו בהמורדים האלה, לתת אותם לאָלה ולקללה, ואנחנו כולנו מחרימים ומשמתים ומנדים את הרשעים האלה החטאים בנפשותם בכח ב״ד של מעלה ושל מטה, ובכח התורה שבידינו. ואף גם זאת אנחנו גוזרים בגזרת עירין קדישין על כל מי ששידך את בנו או בתו לבני הרשעים האלה, וגם אם המצא ימצא איזה קישור תנאים ביד אחד מן הרשעים האלה ששידך בנו או בתו לאחד מכשרי ישראל — אנו מבטלין בכח ב״ד יפה הקישורי תנאים כחרס הנשבר. והחרם חל על העוזרים ומחזיקי ידיהם, הן ע״י עצמו או ע״י גירי דיליה. וחלילה לשום אדם להיות לו עסק עמהם באיזה מו״מ או באיזה הלואה. כללו של דבר שמגורשים ומובדלים מכל עדת ישראל, והכרזנו על נשיהם ובנותיהם שהן זונות ועל בניהם ובנותיהם שהם ממזרים גמורים, ולמען לא יתערבו בתוכינו גם דור העשירי לא יבוא להם בקהלינו, ופתם פת כותי, וזבחיהם זבחי מתים, וכליהם מרק פיגולים פיגול הוא, לא ירצה לשום איש ישראל...

2 איבערגעדרוקט אין יוסף כהן־צדקס „אוצר חכמה״, I, 22—29.

זיך אַלע בריקן, זײַנען אַרויסגעטראָטן ניט בלויז אַלס פאַרביסענע שונאים פונם תּלמוד, װעלכן זיי האָבן מיט אייגענע הענט אין די שייטערהויפנס געשליידערט, נאָר אַפילו באַשולדיקט זייערע געװעזענע ברידער אין עלילת דם [1]. און צו דערזעלבער צייט האָבן זיי מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך געפּלייסט װאָס װייטער צו זיין אָפּגעטיילט פון דער קריסטלעכער װעלט. דעם קאַטויילישן קלערוס האָבן טאַקע די פראַנקיסטן דערקלערט, אַז זיי גלייבן אויך אין דעם דרייאייניקן גאָט [2], דאָס איז אָבער געװען דער דריי־ספירותדיקער גאָט פונם זוהר, ניט פון דער קאַטויילישער קירך. מיט גרויס עקשנות האָבן זיי זיך געװערט אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, און װען זיי זײַנען דאָך געװען געצוװוּנגען מצד דעם קאַטויילישן קלערוס צו דעם שמד, האָבן זיי עס געטאָן פּאַקטיש בלויז לפּנים. מען דאַרף — האָט יעקב פראַנק דאַן דערקלערט — אָפּװאַרפן די „קליפּה", בכדי צו ראַטעװען דעם „תּוך" פון דער אמונה. „היט אייך — װאָרנט פראַנק זײַנע תּלמידים — פאַר דעם צלם. ער װייזט דאָך מיט זײַנע עקן אויף פיר פאַרשיידענע װעגן, — קאָן מען לייבט פאַרבלאָנדזשען" [3]. די סעקטאַנטן האָבן, אמת, אין זייער ערשטן „מאַניפעסט", װאָס זיי האָבן דערלאַנגט דעמבאָװסקין דעם 4טן אויגוסט 1756 [4], דערקלערט, אַז ירושלים װעט שוין מער ניט אויפגעבויט װערן און משיח װעט ניט קומען, װייל משיח איז דער „גאָט", װאָס האָט מענטשלעכע פאָרמען אָנגענומען [5], — אונטער דעם „אמתן" משיח האָבן זיי אָבער פאַרשטאַנען ניט קריסטוסן, נאָר שבתי צבי און זיין „גלגול" — יעקב פראַנק. און אַפילו נאָכדעם, װי די פראַנקיסטן האָבן שוין דעם קאַטויילישן גלויבן אָנגענומען, האָבן זיי כּלל קיין חשק ניט זיך אויסצומישן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אַפילו אין דער קאַטויילישער קירך זינגען זיי זייערע ספּעציעלע תּפילות און מזמורים: „יִגָּלֶה" און „ברכיה" [6]. זיי שטעלן אויך באַדינגונגען, מען זאָל זיי דער־

---

1 באַריכות װעגן דער דאָזיקער באַשולדיקונג מצד די פראַנקיסטן און װעגן דעם װיכּוח מיט די רבנים זע: א. בראַװערס ציטירטע אַרבעט אין „השלוח", כּ' ל"ח, 16—22, 231—238, 349—354, 441—450.

2 תלת פרצופין דאינון חד, סוד אלהים בתלת פרצופין, תלת קשרין דמהמנותא, תלת פרצופין קָיין דא לדא בלי שום פירוד.

3 פראַנק ועדתו, 278.

4 דער העברעיִשער טעקסט איז בשלימות געדרוקט אין יעבצס „שמוש", דריטער טייל (שבט לגו כּסילים).

5 דאָרטן, דף ס"ב.

6 דער טעקסט פון דער לעצטער תּפילה איז געדרוקט אין „ספר שמוש, ז' 4.

לויבן טראָגן באָרד און פאות, פייערן אי שבת, אי זונטאָג, לערנען דעם זוהר, פאַרנעמען זיך מיט קבלה, ניט עסן קיין חזיר, טראָגן יידישע טראַכט און זיך ניט משדך זיין מיט דער אָרומיקער באַפעלקערונג [1]. פראַנק דערלאַנגט אַ ביטשריפט דעם פּוילישן קיניג, מען זאָל די סעקטאַנטן אָפּגעבן ביי דער טערקישער גרעניץ אַ באַשטימטן שטח ערד, וואָס געהערט דער קרוין, בכדי זיי זאָלן קענען לעבן באַזונדער און פירן ווייטער זייער פּראָפּאַגאַנדע [2]. און אויך שפּעטער, ווען פראַנקס טאָכטער איז געווען דעם עסטרייכישן קיסרס געליבטע, האָבן די פראַנקיסטן ווידער געהאָפט, אַז עס וועט זיי געלינגען צו באַקומען אַ באַזונדערע טעריטאָריע [3], ווו זיי וואָלטן געקאָנט פריי און אומגעשטערט פראַווען זייערע רעליגיעזע מיסטעריעס. אפילו אין זייערע שמועסן מיט די קאַטוילישע גייסטלעכע האָבן די פראַנקיסטן אָנגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך געשמדט, בכדי די קריסטלעכע נשמות אויסצולייזן. דאָס איז געווים פאַרבונדן מיט דעם אר״יס לערע וועגן דער ספּעציעלער „מיסיע" פונם יידישן פאָלק, וואָס איז דערפאַר „צעזייט און צעשפּרייט" צווישן די אומות העולם, ווייל דורך אים באַקומען „תיקון" אַלע זיי נשמות פון די אַנדערע פעלקער, אין וועלכע עס געפינען זיך די הייליקע פונקען (ניצוצין), און אדאַנק דעם שכנות מיטן פאָלק ישראל, באַפרייען זיך די דאָזיקע נשמות אונטער זיין השפעה פון דער אומריינער שאָלעכץ (קליפּה) און באַהעפטן זיך מיט דער שכינה [4].

פראַנק, וועלכן די יידן האָבן אַזוי גערודפט ווי אַ געפערלעכן מסית ומדיח, רעדט טאַקע מיט גרויס כעס וועגן די יידן: „עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל גיין אויף אַזוינע פאַרדאַרבענע וועגן ווי יידן... זיי זיינען געגליכן צו שלאַנגען און עקדעשן, נישטאָ צווישן זיי קיין שלום און קיין ברידערשאַפט, נאָר קנאה, שנאה און קריגעריי [5]. און דאָך דערקלערט ער זיינע מקורבים: „איך זאָג אייך, אַז ווען ס'זאָלן אפילו קומען צו מיר אַלע מלכי האומות — האָט דאָס ביי מיר קיין שום ווערט ניט. מיין גאַנצע כוונה און ווונטש איז — די יידן זאָלן צו מיר קומען". און די יידן וועלן צו מיר קומען אין גרויסע מחנות, יעדע מחנה אונטער אַ באַזונדערער פאָן, און יעדע

---

1 פראַנק ועדתו, 34, II, 12; בער באָלעכאָווערס „אמרי בינה" (אין השלוח, כרך ל״ג, עמ' 444—445).

2 פראַנק ועדתו, 152; ספר שמוש, 82.

3 זע קליינמאַן, ציט. אַרבעט, 219.

4 זע אונזער ווערק, ב. IV, 337.

5 פראַנק ועדתו, 35.

פאָן וועט זיך האָבן איר פאַרב; נאָר די שוואַרצע און די בלויע פאָן — זיי וועלן גיין צולעצט. גאַנץ נייע זאַכן וועלן זיך אַנטפּלעקן אויף די דאָזיקע פאָנען, און קומען וועט די גאַנצע וועלט צו מיר און דערציילן, וואָס זיי האָבן אויף די פאָנען געזעען. איר זייט דערצו באַשטימט, איר זאָלט גיין מיט מיין פאָן, ווייל מיר וועלן גיין מיט דער פאָן צו אַ באַשטימטן ציל״.

„דאָס וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן, — דערקלערט פראַנק, — איז דאָס אַלץ געוועזן, בכדי די יידישע אומה צו דערהאַלטן און דער נאָמען פון ישראל זאָל ניט פאַרלאָרן גיין. איצט אָבער דאַרף מען שוין ניט קיין מצוות און ניט קיין תפילות, מען דאַרף איצט בלויז פאָלגן דעם באַפעל און גיין, ביז מיר וועלן ענדלעך דערגרייכן דעם באַשטימטן באַהאַלטענעם ציל״ [1]. אין וואָס איז אָבער באַשטאַנען דער דאָזיקער באַהאַלטענער ציל? מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די פראַנקיסטישע ליטעראַטור איז אַ זייער מאָגערע, דאָך זיינען אָפּגעהיט געוואָרן אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן פראַנקס תורה, וואָס אַדאַנק זיי קאָן מען דאָך געבן אַ מער־ווייניקער קלאָרן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע.

עס איז באַקאַנט, אַז דער קאַטוילישער קלערוס האָט חושד געוועזן פראַנקס, אַז ער האָט ניט מיטן גאַנצן האַרצן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, און מען האָט אים דערפאַר יאָרן לאַנג געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג. ביי די פראַנקיסטן האָט דעמאָלט די פעסטונג געהייסן „תרעי דרומי״, די טויערן פון רוים, אַן אָנצוהערעניש אויף דער באַקאַנטער תלמודישער לעגענדע, אַז משיח וועט פאַר זיין אַנטפּלעקונג זיצן פאַר די טויערן פון רוים „צווישן קראַנקע און קרעציקע בעטלער״ (ביני עניי סובלי חלאים) [2]. דאָרט, אין די „תרעי דרומי״, איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער סעקטאַנטישער גלויבן אונטערן נאָמען „דער דת פון אדום״. אונטער דער „קליפה״, דעם לבוש פון קריסטלעכע טערמינען, איז באַהאַלטן אַ באַזונדערער, ריין קאַבאַליסטישער „תוך״. אין דעם יאָר 1767 ווענדט זיך יעקב פראַנק מיט אַן אויפרוף צו דער בראָדער קהילה, געשריבן אין אַן אייגנאַרטיקן העברעיִש־זוהרישן סטיל: „הערט מיך אויס, איר מיט אייערע פאַרשטאָפּטע הערצער, וואָס איר זייט ווייט פון גערעכטיקייט און בלאָנדזשעט אויף קרומע וועגן! ווער פון אייך איז גענוג גאָטספאָרכטיק, ער זאָל פאַרנעמען די שטים, וואָס רופט אין דער וויסטעניש פון די פעלקער. ווי צו אייך, ווען דער גרויסער

1 פראַנק ועדתו, 122.

2 סנהדרין, 97. מיט דער דאָזיקער לעגענדע האָט זיך אויך שטאַרק גערעכנט דער מיסטיקער שלמה מולכו (זע אונזער ווערק, ב׳ IV, ז׳ 282).

לייב וועט דערוואַכן און אַז דער אינדין 1 זיך דערמאָנען (עי׳ לכון כד יתער אריה דברבא למפקיד לאילתא). עס שטייט געשריבן: און גאָט וועט קיין זאַך ניט טאָן ־איידער ער וועט זיין סוד ניט אַנטפּלעקן (עמוס, 3, 7). און אויב איר זייט ווירקלעך קינדער ביים שם יתברך, ווי זשע איז אייך נאָך ניט באַוווּסט, וואָס עס וועט געשעען אין סוף פון די דאָזיקע טעג, אין איצטיקע אייטן (איך לא נתגלא לכון מה שיהיה בסוף יומייא בעתים הללו)? דער אָנפאַנג איז שוין געשעען, און וועגן דעם, וואָס עס וועט ווייטער קומען — זאָג איך אייך אָן. איך זע שוין פאַראויס דעם סוף, אַז קלאָגן דאַרפט איר און באַוויינען די איינוווינער פון קראָקע און איר אומגעגנט. מיט זעק גורט אָן אייערע לענדן, יאָמערט און קלאָגט איבער אַלע גאַסן, וואָרעם פאַר זייערע גרויסע זינד האָט אַ פייער אויסגעבראָכן, וואָס וועט די גאַנצע שטאָט פאַרברענען. ווער עס וועט פאַלן דורך דעם שווערד, ווער פון הונגער, ווער פון אַ מגפה און ווער אין געפענגעניש. און זייערע נבֵלות וועלן זיך וואַלגערן ווי מיסט איבער דער ערד, און הינט וועלן לעקן זייער בלוט. גאָטס שטורעם האָט מיט צאָרן אויסגעבראָכן, טוט ווילדעווען איבער די קעפּ פון די רשעים און וועט אַלע פאַרברענען ביז טיף אין די גיהנום־אָפּגרונטן. און ווער עס וועט פון דעם שווערד אַנטרינען, דער וועט אין פאַלגרובן איינשטירצן. דערפאַר דאַרפט איר זיי באַוויינען און באַקלאָגן און אויך זיי דאַרפן אַ הספד מאַכן אויף די איינוווינער פון אייער קהילה און איר אומגעגנט. וואָרעם עס קומט אַ אומה, עס איילט אַ אומה פון אדומס געשלעכט, עס הערט זיך אַ שטים וועגן גרויסער נויט, ווען אַ מלך וועט אויף אַ מלך אויפשטיין. גערייניקט און געלייטערט וועלן מענטשן ווערן, די רשעים וועלן בלייבן אין זייער בייזוויליקייט, און ניט באַגרייפן וועלן עס די אַלע רשעים; אָבער די אַלע פאַרשטענדיקע — זיי וועקן איינזען, אַז אין וועמען עס געפינט זיך אַ ניצוץ מִזֶרַע אברהם, יצחק ויעקב, דער וועט מוזן אָננעמען דעם „דת הקדוש של אדום״. און ווער עס וועט אָננעמען דעם דאָזיקן דת מיט ליבע, דער וועט געראַטעוועט ווערן פון אַלע צרות און וועט זוכה זיין צו אַלע נחומים, וואָס זיינען פאַרצייכנט ביי ישעיהו און ביי די אַנדערע נביאים, געחתמעט: יעקב יוזעף פרענק.

אינעם נעכסטן יאָר (1768) איז ווירקלעך אַ גרויסע יידישע קהילה תרוב געוואָרן. אַ „אומה פון אדומס געשלעכט״, גאַנצע מיט זיינע הײַדאַמאַקעס האָבן די אומאַניער קהילה אויסגעשאָכטן, און יעקב פראַנק האָט דאָן פון זיין טשענסטאָכאָווער תפיסה זיך געווענדעט צו אַלע

1 דער אויסדרוק: אִלָא, אילתא, ווערט אין זהר גאַנץ אָפט באַנוצט אַלס מיסטישער סימבאָל.

יידישע קהילות מיט א צווייטן אויפרוף [1]. אין נביאישן סטיל טוט ער שטראפן דאס פארעקשנטע פאלק, וואס „שטאקט נאך אלץ אין דער פינסטער און הערט זיך ניט צו צו זיינע ווארנענדיקע רייד". זאלן זיי איצט וויסן, אז עס קומט אויף זיי א פינסטערע צייט; א שווערע גזירה ווארט אויף זיי און אלע לענדער, ווו זיי וווינען. „וויי, וויי צו דער דאזיקער צייט, וואס וועט באלד קומען איבער אייך, איבער אייערע פרויען און אייערע קינדער. די, וואס וועלן זיך געפינען אין די הייזער — וועלן אין די הייזער אומקומען, און עס וועט ניט זיין ווער עס זאל זיי צו קבורה ברענגען,—אזוי פיל טויטע וועלן זיין; און ווער עס וועט זיך אויפן פרייען פעלד געפינען — דעם וועט אויפן פעלד דער טויט אניאגן, און הינט וועלן זייערע קערפערס ארומשלעפן... בין איך אייך מודיע: עס קאן ניט אנדערש געשעען, עס מוז אלץ דערפילט ווערן, וואס אין תורת משה שטייט געשריבן, אז אלע (יידן) וועלן איבערגיין בדת הקדוש של אדום — צו דעם הייליקן דת פון אדום. טאקע ווי אין דער תורה שטייט געשריבן, אז יעקב האט מבטיח געווען עשון: זאל מיין האר פאראויסגיין פאר זיין קנעכט, איך וועל שפעטער אויך קומען צו מיין האר קיין שעיר (בראשית, 34, 14). און משה רבנו האט דאך טאקע געשיקט שליחים צום מלך פון אדום (במדבר, 21, 14). ווער עס שטאמט פון זרע אברהם, יצחק ויעקב, דער מוז איבערגיין צו דעם הייליקן דת פון אדום... און ווען דאס ליכט וועט אין דער נידער זיך באווייזן (נהרא כד מטא), וועט דער גרויסער קריג אויסברעכן, אלץ וועט אין שטיקער צעפאלן (והות חסף טינא). אויך שטארקע מלוכות וועלן צעבראכן ווערן, און איך זאג אייך אן, אז דער שוואכער וועט דעם שטארקן צעשלאגן (געשפייצט פון אונז. י. צ.), און ווען מענטשן זאלן דאס פארשטיין און באגרייפן, וואלטן זיי געוווסט, וואס עס וועט מיט זיי צום סוף פאסירן..." [2].

אין וואס איז אייגנטלעך באשטאנען דער „דת הקדוש של אדום"? און ווער איז עס דער „שוואכער", וואס וועט דעם „שטארקן" גובר זיין? עס איז קלאר, אז אונטער „דת של אדום" מיינט פראנק ניט דעם קריסטלעכן דת, נאר זיין אייגענע מיסטיש-סימבאלישע לערע, וועלכע ער האט געפרווט דורך זיינע עמיסארן פארשפרייטן איבער פיל יידישע

---

1 צום ערשטן פארעפנטלעכט דורך חישניצער אין דער צייט. ארבעט.

2 דארטן, א- בראחער האט ניט געוווסט, אז פראנקס בידע בריוו זיינען שוין פארעפנטלעכט, האט ער זיי איבערגעדרוקט אין זיין ציטירטער ארבעט (השלח, ברך ל"ח, 453 — 455).

גרעסערע און קלענערע צענטרען [1]. עס איז אויך אויסער ספק, אַז צום קריסטנטום האָט יעקב פראַנק, דער געבאָרענער ייד און געוועזענער מוסולמענער, זיך פאַרהאַלטן ניט מיט קיין קלענערער שנאה און אפשר נאָך מיט גרעסערן ביטול, ווי צום תלמוד. ניט דאָס קריסטנטום האָט אים איכפּאַנירט, נאָר די קריסטלעכע וועלט, און אויך זי ניט מיט אירע קולטורעלע דערגרייכונגען, וועגן וועלכע ער האָט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף, נאָר מיט איר אויסערלעכן גלאַנץ און פּראַכט. אים האָט איכפּאַנירט דאָס לוסטיקע טומלדיקע לעבן פון דעם קריסטלעכן אדל, מיט שווערד און מיט פערד, מיט טאַנץ און געזאַנג, מיט לאַכנדיקע יונגע פרויען און שוימענדיקע ווײַנען. און אים, דעם ריזיק-שטאַרקן, מיטן פייערדיקן טעמפּעראַמענט און זידיקע געבליטן, עקלט פון דעם יידישן פאַרפרומטן, פאַרמרה-שחורהטן געטאָ, פון דעם יידישן געבויגענעם רוקן, מיט זיין נכנעקייט און שוואַכקייט. „איר זאָגט אַלץ אין אייערע תפילות: כרַחֵם אָב עַל בנים כן תרחם ד׳ עלינו! ווּ איז דער רחמים?“ „זייט וויסן, — האָט פראַנק געדרשנט פאַר זיינע חסידים, — אַז גאָט רוט בלויז אויף די, וואָס זיינען באַקרוינט אָדער מיט ריטערטום, אָדער מיט רייכטום, אָדער מיט חכמה, — און וואָס געפינט זיך ביי אונז? ניטאָ קיין ריטערטום, ניטאָ קיין חכמה, ניטאָ קיין רייכטום. איר זעט דאָך איצט אַליין, ווי אונזערע רוקנס זיינען טיף ביז צו דער ערד געבויגן. איך קוק ניט אין די הימלען אַריין און כ׳האָף ניט, פון דאָרט זאָל קומען די ישועה. איך וויל נאָר זען, וואָס גאָט וועט דאָ אויף ד ע ר וועלט, אויף אונזער ערד דורכפירן...“

„דער מענטש איז צום גליק געבאָרן“ — אָט דעם דעוויז פון די „אויפקלערער“ אוים דער צווייטער העלפט פונם 18טן י״ה, — אים האָט שוין דער דאָזיקער מיסטיקער-אַוואַנטוריסט געשפּירט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. און אמת גליק איז נישט עולם-הבא, דאָרט אין די הויכע היכלען פון גן עדן, נאָר טאַקע דאָ אויף דער ערד. ערדישע פאַרגעניגונגען, פרויען-שיינקייט, לוקסוס און פּראַכט, אַלץ, וואָס איז באַחויכט מיטן ברענענדיקן אָטעם פון די באַרוישנדיקע זאַפטן פון דער ערד — אַלץ, וואָס די רבנים מיט זייערע ספרים האָבן געשטעמפּלט מיטן שאַנד-פלעק פון זינד — דאָס איז דאָס אמתע גליק, די גרעסטע מענטשלעכע פרייַד. ניט אויסלייזן פון זינד, נאָר די זינד אַליין אויסלייזן, איר אמתן ווערט דערקענען. דאָס, וואָס ס׳האָט טונקל און אומבאַוווּסט געצאַנקט אינם האַרצן פונם לײדנדיקן קיבוץ: עס איז ניט מעגלעך אַזוי ווייטער

1 אַדאַנק ןער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָט די צאָל פון די פראַנקיסטן דערגרייכט ביז בערך 15 טויזנט.

צו לעבן, באַפרייט מוז מען ווערן פון דער אומדערטרעגלעכער לאַסט, — דאָס האָט אָפן און קלאָר אַרויסגעזאָגט דער לעבנסדורשטיקער מיסטיקער אויס באַדאַליע, אַרויסגעזאָגט מיט פּאַטאָס, איינהילנדיק זיינע געדאַנקען און פאָדערונגען אין פּאָעטיש-פאַנטאַסטישע אָריענטאַלישע מעשהלעך און משלים. „ניט מיט דינים און געבאָטן וויל איך אייך לערנען, — דערקלערט ער זיינע חסידים — נאָר מיט מעשהלעך און משלים" [1]. און די מעשיות ווערן דערציילט אויפן אָריענטאַלישן אופן, מיט אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע און פראַכט. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס די דאָזיקע דרשות האָבן אויף מיסטיש-געשטימטע געפילס-מענטשן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. יהודה ייטלש דערציילט וועגן פיל פאַמיליען-טראַגעדיעס, ווי מענטשן פלעגן זייערע קינדער און אייגענע פאַרלאָזן און באַהעפטן זיך צו פראַנקס „מחנה" [2]. און אפילו נאָך זיין טויט פלעגן גאַנצע פאַמיליעס מיט ווייבער און מיט קינדער עולה רגל זיין קיין אָפענבאַך צו פראַנקס קינדער און מיט גרויס ערפורכט מתפלל זיין אין דעם חדר, וווּ דער פון זיי פאַרגעטערטער משיח האָט פאַרבראַכט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן [3]. אין פראַנקס אויערן האָט אַלץ

---

1 פראַנק ועדתו, 33.

2 ציט. ווו., 26.

3 די דאָזיקע נסיעות האָבן אָנגענומען אַזאַ ברייטן כאַראַקטער, אַז דער רעמאָלטיקער באַקאַנטער פראַגער בעל-דרשן ר' אליעזר פלעקעלס האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן אויפן שאַרפסטן אופן קעגן דעם עולה רגל זיין קיין אָפענבאַך און קעגן דער גאַנצער פראַנקיסטישער באַוועגונג אין ספּעציעלע דרשות, וואָס ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין זיין „אהבת דוד". וואָס אייגנטלעך — פרעגט ער די צוהערער מיט איראָניע — האָט איר דאָרט צו טאָן אין אָט דעם קליינעם שטעטל (אָפענבאַך) ביי מענטשן, וואָס זיינען ניט קיין ייִדן, ניט קיין קריסטן, ניט קיין מִצְרִים, ניט קיין טערקן און ניט קיין איטאַליענער? ווילט איר דאָרט שטודירן נאַטורוויסנשאַפטן, פילאָזאָפיע, עטיק — זיינען דען ניט פאַראַן אינעם לאַנד פון אונזער קיסר אָדער אין אַנדערע לענדער גענוג געניטע פראָפעסאָרן אין אַלע וויסנשאַפטן? האָט איר חשק צו באַקענען זיך מיט דער קריסטלעכער לערע — פעלן אייך דען קריסטלעכע טעאָלאָגן אין יעדער שטאָט און אין יעדער מדינה? גלויבט איר צו חכמת הקבלה, — צי זיינען דען דאָ קאַרג פאַרהאַן ערלעכע יראי שמים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט חקירה און זיינען בקי אין דער דאָזיקער חכמה. טאָמער ווילט איר לערנען גאָטס תורה, גמרא און פוסקים — האָבן מיר דאָך, ברוך השם, ביי אונז גענוג באַרימטע תופשי תורה, גרויסע למדנים, וואָס לערנען תורה ברבים... אפשר, — פרעגט פלעקעלס ווייטער מיט איראָניע, — האָבנדיק אין זינען דעם מיליטערישן סדר מיט די קריגס-איבונגען, וואָס פראַנק האָט איינגעפירט אין זיין רעזידענץ, — ווילט איר לערנען תכסיסי מלחמה, האָט איר דען וויניק קריגספירער און סטראַטעגן ביי די מלכים און שׂררות אין לאַנד?.. נאָך איינס וויל איך ביי אייך פרעגן: פאַרוואָס לויפן אַהין לערנען ניט בלויז מאַנסבילן, נאָר אויך פרויען און

געקלונגען דער פּערז פון דעם מיסטישן דיכטער אַלקאַביץ: „קומי צאי מתוך ההפכה, רב לך שבת בעמק הבכא — שטיי אויף! פּאַרלאָז די רויִנעס די וויסטע, גענוג שוין צו זיצן אין דעם טאָל פון יאָמער!״ 1. ער האָט אָבער ניט געוואָלט מאַכן דעם דיכטערס אויספיר; ניט קיין ציון רופט ער זיינע חסידים אַהער, ניט קיין ירושלים מיטן בית-המקדש, מיט די כהנים און די קרבנות, נאָר אין די פרייע ברייטע וועלט מיט אירע ערדישע פריידן און טומלדיקן געפילדער.

און י. קליינמאַן איז פולשטענדיק גערעכט, ווען ער ווייזט אָן, אַז אין דעם פּרט דאַרף פראַנק באַטראַכט ווערן אַלס פּאַרלויפער פון די „אויפ-קלערער״ 2. „עס שטייט דאָך בפירוש — דרשנט פראַנק פאַר זיין „מחנה״ — על חרבך תחיה, — פאַרוואָס זשע לעבט איר ניט אויף דעם שווערד? און איך זאָג אייך, אַז כל-זמן מען וועט אייך ניט צווינגען, איר זאָלט אייך מיט דעם שווערד אַרומגורטן, וועט איר ניט קאָנען אויס-געלייזט ווערן. תחית המתים וועט אויך פאַרקומען נאָר מיט דער הילף פון שווערד. אפילו פרויען דאַרפן אַ שווערד מיט זיך טראָגן, און ווען יידן וועלן אָננעמען דעם דת אדום, וועלן אפילו זעקסיאָריקע קינדער אויך זיך פאַרנעמען מיט טכסיסי מלחמה״. און ער דערציילט דערביי אַ מעשה וועגן אַ קינד, אַ בן מלך, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פרעמד, און מען האָט ניט געוווסט, פונוואַנען ער שטאַמט. מען האָט אים געגעבן אַלערליי שפּילגעצייג, ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיך צו זיי צורירן. ווי נאָר ער האָט אָבער אַ שווערד דערזען, גלייך האָט ער עס מיט פרייד אָנגעגורט אַרום זיינע לענדן. האָט מען באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פרינץ מזרע המלכים. „דאָס איז אויך צו אייך דער משל: זענט איר ווירקלעך פון זֶרַע מלכות בית דוד, וואָלט איר ניט געהאַט צו טאָן מיט אייערע ספרים און כּלערליי חוקים און דינים, נאָר איר וואָלט געפאָדערט געווער״.

און ער דערציילט דערביי אַ מעשהלע וועגן אַ פאַרבאָרגענעם אינזל אויפן ים: „און ביי דעם דאָזיקן אינזל שטייט אַ גרויסע שיף אָנגעפילט מיט כּלי זיין. אויף דעם אינזל וווינען יידן מקובלים, פרומע און גאָטס-פאַרכטיקע. און יעדן חודש פאָרן זיי צו אויף קליינע שיפלעך צו דער גרויסער שיף און פרעגן זיך דאָרט אַלץ אָן, צי עס איז שוין געקומען די צייט אַרוים אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט מלחמה צו דערקלערן.

קינדער... װעט די נבֿיאה׳ס נאַראָנים, װאָס דערצײלן מיט שמחה, אַז זײער מש״ח, װאָס איז געזאַלבט מיט חזיר-שמאַלץ, װעט באַלד װידער אױפֿשטײן... (אהבת דוד, 25—26).

1 זע אונזער װערק, ב. IV, ז׳ 210

2 זיס. װ. 223—224.

אויף דעם דאזיקן אינזל געפינט זיך א גרויסער אימהדיקער בארג, און קיין מענטש איז נים אימשטאנד אויף אים ארויפצושטייגן. און אויף דעם בארג געפינט זיך א רוט א גאלדענע. ווען קומען א מענטש פון דער פרעמד, וועט אנקלאפן אין דער שיף, דעמאלט וועט קומען די שעה, מען זאל די מלחמה אנפאנגען" [1].

„איך בין אויף דיר גוזר — זאגט פראנק אן זיין תלמיד דעמ-באוסקין — דו זאלסט זיך אויסלערנען שיסן, האלטן א שפיז אין דער האנט און קענען אויף א דועל ארויסטרעטן" [2]. „וואס ס'איז געווען — איז געווען, — דרשנט ער פאר זיין „מחנה", — איצט איז געקומען א גאנץ אנדערע צייט, מיר וועלן זיך מער שוין נים באשעפטיקן מיט דעם, וואס אמאל, מיר וועלן בלויז לערנען תכסיסי מלחמה [3].

שנוי ערכין! אלץ דארף אויפסניי איבערגעשאצט ווערן און דערצו מוז קודם-כל דאס אלטע אויסגעוואָרצלט און פארגעסן ווערן. די אלטע רבנישע ספרים דארפן אויסגעראטט ווערן, אויסגעמעקט פונם הארצן דארפן ווערן אלע זכרונות וועגן דינים און געזעצן. „צעטרעטן דארפט איר — אזוי לערנט פראנק זיינע חסידים — אלע געזעצן, וואס האבן ביז איצט געגאלטן". הערט, וואס איך זאג אייך: ווען ביי איינעם פון אייך וועט נאך, חס וחלילה, פארבלייבן אין הארצן דער מינדסטער זכר פון די אלטע למודים, וועט ער און אלע, וואס ארום אים, אומקומען; ווארעם דער מקום, וווהין מיר גייען, קאן נים סובל זיין קיין שום חוקים און דינים, ווייל זיי טראגן דאך אין זיך דעם טויט, און מיר גייען צום לעבן". „קערט ניט אום —" ווארנט פראנק — אייערע פני'ער צום עבר, צום פארגאנגענעם!" „אלע אמונות, אלע געזעצן, אלע ספרים, וואס זיינען ביז איצט געווען, און אייך די אלע, וואס לערנען אין די דאזיקע ספרים — דאס איז אלץ טויט און אפגעשטארבן". „איך בין דערצו געקומען צו אייך קיין פוילן מבטל צו זיין אלע אמונות און אלע מנהגים, ווארעם איך וויל לעבן דער וועלט". „יעדער פון אייך דארף האבן א הארץ פון א לייב, ער זאל פאר קיינעם קיין פחד נים האבן און נים ווייסן, וואס הייסט ציטערן". „איך וועל פון יידן מאכן טאפפערע ריטער".

און ער גופא ווערט א ריטער, קויפט אפ א שלאס ביי א פאר-ארימטן איידלמאן, טראגט דעם באראן-טיטל, רינגלט זיך ארום מיט קריגס-וואך פון זיינע יונגע חסידים, וואס טראגן מונדירן פון הוזארן און

1 פראנק ועדתו, 118.
2 דארטן 285.
3 דארטן.

אולאנער און מאכן טאג־טעגלעך מיליטער־איבונגען. ער חלומט וועגן אייגענע לעגיאָנען, וואָס זאָלן מיט דעם שווערד אין דער האנט אויס־קעמפן אן אייגענע טעריטאָריע. ער האָפט, אז דאָס קאָן לייכט דער־גרייכט ווערן, בשעת עס וועט אויסברעכן אַ וועלט־מלחמה. „בשעת חינט קריגן זיך, — דערציילט פראנק זיינע חסידים, — מעג קומען אַ מענטש און זיי מיט אַ שטעקן שלאָגן, וועלן זיי דאָס אפילו ניט באמערקן און וועלן זיך ווייטער בייסן. ווען עס וועט פארקומען אַ שפיכות־דמים אויף דער וועלט, וועט אין דער מהומה אונז געלינגען דאָס צו דערגרייכן, צו וואָס מיר שטרעבן. אין טריבן וואסער איז גוט פיש צו כאפן; ווען די וועלט וועט פול זיין מיט בלוט־געשלעג, וועט אונז געלינגען צו פאנגען דאָס, וואָס געהערט אונז".

„אומעטום, וווהין מיר גייען, דארפן מיר אפּוואַרפן אונזערע אַלטע מנהגים, אונזער קליידונג און שפּראך און רייד דן דעם לשון, וואָס דאָס אַרומיקע פאָלק רעדט". „איך וויל אויסמעקן אייערע נעמען, און אויך אייערע קינדער וועלן אייערע נעמען ניט טראָגן. נייע נעמען וועט איר און אייערע קינדער באַקומען".

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אז פראנק פּרעדיקט פולשטענדיקע אסימילאַציע, יידן זאָלן זיך אויסמישן צווישן די פעלקער, מיט וועלכע זיי וווינען. זיינע אינסטינקטן, זיין גיר צו די לעבנס־פרייד און זיין ביטול־געפיל צום פארמרהשחורהטן טרוקן בעלי־בתּישן שולחן־ערוך־רבנות האָבן אים געטריבן אַרויס פון די געצעלטן פון יעקב אין די געצעלטן פון עשו. „איך זאָג אייך — דערקלערט פראנק זיינע חסידים — מיין גאַנג איז אויך אין עשון, אין דער קראַפט און עשרות פון עשון. איך זאָג אייך — ביי יידן איז גאַרנישט פאַרהאַן, און ביי אַנדערע פעלקער — אַזוי פיל רייכטימער"... ער וויל מאכן אַ סוף מיט דער עטיק פון דעם יודנ־טום, אויסוואָרצלען וויל ער די אַלטע יידישע ספרים, עס זאָל פון זיי קיין זכר ניט בלייבן, אויסמעקן פונם זכרון דעם אַלטן וועלטבאַנעם פונם יודנטום. פראַנק, וואָס האָט אין זיין שטורמישן לעבן ניט ווייניקער עובר געווען אויף דעם זיבעטן לאו פון די עשרת הדברות, ווי זיין מיט־ציטלער קאַזאַנאָווע, פרוווט שטעלן אויפן העכסטן פּיעדעסטאַל דעם פרויען־אידעאַל. איך זאָג אייך, אז די יידן זיינען דערפאַר אין אַזאַ גרוי־סער צרה, ווייל זיי וואַרטן אויף ביאת הגואל, אָבער ניט אויף דער יונגפרוי. באַטראַכט די אַנדערע פעלקער, ווי זיי זיצן רויק אויף זייערע פלעצער, — דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייער יונגפרוי, וואָס איז דאָך די אָפּשפּיגלונג פון אונזער יונגפרוי... אָט צו איר גייט, פאַלט איר צו די פיס, קושט דעם שטויב ביי אירע

טריט, און ווען זי וועט איך פרעגן: וואָס איז אייער ווילן? זאָגט איר: ביז איצט האָבן מיר גאָט געדינט, איצט בעטן מיר ביי דיר אונז דעם וועג צו ווייזן... און ווער עס וועט זוכה זיין זי זען אין איר גאַנצער שיינקייט, דער וועט דערגרייכן חיי עולם-הבא, ווייל זי גופא איז דאָך חיי עולם הבא!

ער וויל אויסוואָרצלען די אַלטע יידישע ספרים, דעם אַלטן וועלט-באַנעם; דאָס איינציקע ביסל וויסן, וואָס ער גופא האָט זיך אָבער דערוואָרבן, איז דער אַלטער יידישער ספר, דער „זוהר", און די מיסטישע תורה פון דעם וונדער-ספר האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט איבער זיין היציקער פאַנטאַזיע. נישט בלויז אויס שווינדל, בכדי דעם עולם צו נאַרן, דערקלערט ער זיך אַלס גלגול פון שבתי צבי; ער פילט זיך טאַקע אין גרויס קרבות מיטן מיסטיקער אויס סמירנא. ער וויל דערפילן יענעמס שליחות, נאָר מיט אַנדערע מיטלען און אויף אַנדערע דרכים. „שבתי צבי — דערקלערט פראַנק זיינע תלמידים — האָט דערפאַר ניט דער-גרייכט די העכסטע שטופע פון שלימות, ווייל ער האָט ניט פאַרזוכט פון דעם שענסטן תענוג אין דער וועלט — די מתיקות פון הערשאַפט און מאַכט" 1.

און פראַנק וויל טרינקען פון דעם דאָזיקן באַרוישנדיקן בעכער, ער פאָדערט פון זיינע תלמידים קנעכטישע אונטערטעניקייט, בלינדע פאַרגע-טערונג. ער שפּילט דעם ריטער, דעם באַראָן, פאָרט אין די פּראַכטפולע קאַרעטעס, פירט אַ פאַרשווענדעריש לעבן, טראָגט אָבער שטענדיק אַ רויטן מאַנטל, ווייל איבער אים געוועלטיקט די מיסטישע מאַכט פונם פסוק: מי זה בא מאדום חמוץ בגדים — ווער קומט עס אָן פון אדום אין בלוט-רויטע קליידער?...

„איך בין געקומען — האָט פראַנק פאַר זיינע מקורבים געדרשנט — אַלץ צו צעשטערן, און אַלץ, וואָס וועט דערנאָך אויפגעבויט ווערן, וועט האָבן אַן אייביקן קיום". „און ווי איך בין געווען אַ זריז אין פאַרניכטן און צעטרעטן, אַזוי וועל איך אויך זיין אַ זריז אין בויען און פלאַנצן".

ער וויל זיין ניט בלויז אַ צעשטערער, נאָר אויך אַ בויער. „צי האָבן מיר דען אָנגענומען די דאָזיקע אמונה (די קאַטוילישע), כדי מיר זאָלן זיצן שטיל, ווי די מתים? מיר דאַרפן עפּעס לאָזן הערן די אומות העולם; און איר וועט זען, ווי דערשטוינט זיי וועלן זיין, ווי זיי וועלן אַלע גאַפן. האָב איך אייך דען ניט געזאָגט, אַז איך בין ווי דער ברע-נענדיקער סנה, וואָס ווערט ניט פאַרברענט?

1 פראַנק ועדתו, 59.

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז צווישן פראַנקס תּלמידים זייַנען אויך געווען לומדים און רבנים. אָט צו זיי ווענדט ער זיך מיט אַ געוויסער איראָניע: „איך בין דאָך ביי אייך אין די אויגן געווען אַ הדיוט, אַ פּראָסטאַק, וואָס קען ניט קיין תּורה, האָט ניט קיין ידיעות אין כּתב ולשון... און ווייל איך בין ביי אייך אין די אויגן אַזאַ עם הארץ, האָט איר דאָך געמיינט, אַז דורך מיר וועט די גאַנצע תּורה אומפּאַלן. דאַרפט איר וויסן, אַז ווען איר זאָלט זיך נייטיקן אין חכמים, וואָלט מען אייך צוגעשיקט לומדים און יודעי ספר... זאָג איך אייך אָבער, אַז כאָטש איר האָט פיל תּורה געלערנט, האָט איר מיט אייערע קרומע פּירושים פאַרקריפּלט גאָטס לעבעדיק וואָרט. די תּורה איז טאַקע פול מיט אמת, איר האָט אָבער אין איר קיין איינציק וואָרט ניט פאַרשטאַנען״ 1. און ער דערציילט זיי אַ מעשהלע וועגן אַ פּערל: איינער האָט זיך אַ וווּנדערבאַרן פּערל דערוואָרבן. איז ער מיט דעם דאָזיקן פּערל אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און אַלץ געזוכט דעם קונציקן יובע־ליר, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד דעם פּערל דורכצובויערן. קיין מייסטער האָט זיך אָבער דערצו ניט געוואָלט אונטערנעמען, ווייל ער האָט מורא געהאַט קאַליע צו מאַכן דעם וווּנדערבאַרן פּערל, וואָס זיין ווערט איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. אין איין שטאָט איז דער מאַן געקומען מיט דעם פּערל צו אַ מייסטער און יענעם ניט געטראָפן אין דער היים; עס איז בלויז געווען דעם מייסטערס געהילף, אַ פּשוטער פּועל. האָט יענער אים געוויזן דעם פּערל, אים גאָרנישט דערציילט דערביי וועגן דעם גרויסן ווערט פון דעם פּערל, — האָט דער פּועל גענומען און אָן שום פּחד דורכ־געבויערט דעם פּערל. יענער האָט אים זייער רייך באַצאָלט און איז אַוועק פון אים מלא שמחה. אָט דאָס אייגענע איז אויך מיט מיר. פיל חכמים האָבן געוואָלט דורכבויערן, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט, ווייל זיי האָבן פּחד געהאַט, אָבער איך בין עס אויסדערוויילט געוואָרן דורכ־צופירן דעם גרויסן תּיקון, פאַרקלענערן די קליפּה, ווייל איך בין אַ הדיוט, און איך וועל דורכבויערן און טאָן אַלץ ווי עס געהער צו זיין!״ 2 וואָרעם מיינע געדאַנקען זיינען ניט ווי אייערע, איך גיי אַ נייעם וועג, וואָס קיין אַנדערער מענטש האָט אים ביז מיר ניט באַטרעטן״ 3. „איר ווייסט דאָך, — זאָגט ער ווייטער, — אַז דער רופא קומט היילן ניט געזונטע, נאָר קראַנקע. אויך איך בין געקומען קראַנקע היילן — דאָס זיינען די, וואָס זיינען מכופּק

1 פראַנק ועדתו, 33, 265.
2 דאָרטן, 120.
3 דאָרטן, 264.

געוואָרן אין זייער אמונה און זייגען געבליבן כמעט ווי אַן אַ גאָט. ביז איך צו אייך געקומען מיט דער גוטער בשורה, אַז עס איז דאָ אַן אמתער גאָט אויף דער וועלט און איך וועל אים פאַר אייך אַנטפּלעקן״ [1]. און ער דערציילט זיי ווידער אַ משל: יעדער מענטש האָט ביי זיך צוויי שומרים, איינעם אַ נגלה, וואָס יעדער קאָן אים זען, און דעם צווייטן אַ פאַרבאָרגענעם; און זיי באַגלייטן דעם מענטשן, וווּהין ער ווענדט זיך און קערט זיך. דער ערשטער אַנטפּלעקט זיך פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלע זעען זיין שיינקייט, טוען אים לויבן און באַוווּנדערן, אָבער ווי פיל שענער איז יענער, דער פאַרבאָרגענער. און איך פיר אייך, בכדי איר זאָלט זען דאָס פאַרהוילענע [2].

„די יידן — זאָגט פראַנק — זייגען שטאַרק דערנידעריקט״ און פאַראַכטעט ביי אַלע פעלקער. זיי פאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, און ווען זיי וועלן שוין דערגרייכן דעם לעצטן אָפּגרונט — דעמאָלט וועט זיך אָנפאַנגען די עליה, דאָס דערהויבן און אומאויפהערלעכע שטייגן אין דער הייך; און דאָס איז דער לייטער, וואָס יעקב אבינו האָט אין חלום געזען, איבער וועלכן מלאכים האָבן געשפּרייזט אַרויף און אַראָפּ״.

„מיר דאַרפן זיך אַראָפּלאָזן ביז צום לעצטן אָפּגרונט״ — שטעלט אַרויס פראַנק אַלס דעוויז. „מאשפות ירים אביון״ — פון די געמיסטן טוט ער דעם אָרעמאַן דערהייבן. מען דאַרף ניט מורא האָבן פאַר שמוץ און מיסט, ווען מען וויל דערהייבן און אויסגעלייזט ווערן. און פראַנק, וואָס וואַרפט אָפּ די אַלטע יידישע עטיק, דערקלערט, אַז אַלע מיטלען זייגען דערלויבט, אַבי דעם געווינטשטן ציל צו דערגרייכן; און ער דערציילט דערביי, ווי זיין שטייגער איז, אַ מעשהלע: אַמאָל האָט אַ מלך באַלאַגערט אַ פעסטונג. די פעסטונג איז אָבער ניט געווען מעגלעך איינצונעמען. האָט דער מלך אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז וועמען עס וועט געלינגען אַריינצודרינגען אין דער פעסטונג, דעם גיט ער אַוועק זיין האַלבע מלוכה און אויך זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי. האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט גוט אויסגעפאָרשט די אומגעגנט פון דער שטאָט, און איז געקומען צום מלך און אים דערקלערט, אַז באָם ער גיט אים צו הילף אַ געוויסע צאָל קריגער, וועט ער ביינאַכט איינעמען די פעסטונג. דער מלך האָט דערויף מסכים געווען. האָט יענער ביי דער פינסטער פון דער נאַכט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיינע קריגער אין דעם אויסגוס־קאַנאַל, דורך וועלכן עס פליסט אַרויס דער גאַנצער שמוץ און אַלע אָפּפאַל־בליסיקייטן פון

1 פראַנק ועדתו, 265.

2 דאָרטן.

דער שטאָט, און דורך אים, דורך אָט דעם עקלדיקן וועג פון שמוץ און געשטאַנק, איז ער אין דער פעסטונג אַריינגעדרונגען, די שטאָט דעראָ-בערט און די בת-מלכה פאַר אַ ווייב באַקומען. אָט דער מוסר-השכל, וואָס שטעקט אין דעם דאָזיקן מעשהלע, דאָמינירט אין פראַנקס וועלט-באַנעם און אין זיין אַגיטאַציע-פּראָגראַם. מיר געפינען אים גאַנץ בולט אויסגעדריקט אויך אין דעם אויפרוף, וואָס זיינע נאָכפאָלגער האָבן אַרויסגעלאָזט אין 1800, אייניקע יאָר נאָך פראַנקס טויט 1. דאָרט ווערט, געשטיצט אויף אַ מימרא אין זוהר, אָנגעוויזן, "אַז דווקא פונם שענדלעכסטן אָרט וועט קומען די דערלייזונג" (כי דווקא בדוכתא בישא מכולא תמן תשכח פורקנא) "און אויס דעם טונקלסטן פונקט וועט דאָס ליכט דערשיינען". "ווען איך האָב מיך געשמדט — דערמאָנט פראַנק זיינע מקורבים — האָב איך אייך געזאָגט: "עד כאן", פון איצט אָן — משא דומה, ליגט אַרויף אַ שלאָס אויף אייערע ליפּן"...

עשו, אדום, די קאַטוילישע קירך — דאָס זיינען בלויז, לויט פראַנקס דערקלערונג, "ערי מקלט", די "אשפּתות" און "דוכתא בישא", פון וועלכע יעקבס קינדער וועלן דערהייבן ווערן, און "אַלע וועלן זיין נכנע פאַר זיי". "ווען יעקב זאָל געוועזן בשעתו בייקומען עשון, וואָלט איצט געקומען די צייט פון עשוס מלוכה. אָט דערפאַר טאַקע האָט דעמאָלט יעקב געזאָגט: יעבור נא אדוני לפני עבדו — גיי דו מיין האַר פאַרויס פאַר דיין קנעכט... און איצט וועט טאַקע קומען די צייט פון יעקבס הערשאַפט, און זי וועט געדויערן אייביק". "אברהם האָט נעגראָבן און געזוכט דעם קוואַל, יצחק האָט געגראָבן און געזוכט דעם קוואַל; אַלע האָבן געגראָבן און געשטרעבט צו אַ באַשטימטן ציל. איך האָב אויך געגראָבן, ווייל איך האָב געוואָלט, איר זאָלט זיין הארן איבער דער גאַנצער וועלט"... "איך וויל אַ קרוין געבן יעדן פון אייך באַזונדער". אָט דאָס איז דער מיין פון די ווערטער, מיט וועלכע פראַנק האָט געשלאָסן זיין אויבן ציטירטן אויפרוף אין 1767, אַז דער שוואַכער וועט דעם שטאַרקן בייקומען...

יהודה הלוי, יוסף אבן יהיא, דער פאַרפאַסער פון "תורה אור" 2, דער מהר"ל אויס פּראָג און אַנדערע האָבן זיך געפלייסט, יעדער אויף זיין שטייגער, צו געבן אַ היסטאָריש-פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג, פאַר וואָס זיינען עס די יידן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, דער "בני בכורי ישראל". זיין אויסדערוויילטקייט האָבן זיי געזען אין זיין גרויסער עטישער

---

1 פאַרעפנטלעכט דורך הישניצער אין דער ציטירטער אַרבעט.

2 זע אונזער ווערק, ב' IV, 82.

קראַפט, וואָס זי באַפּולמעכטיקט אים צו ווערן דער „אור עמים" — דאָס ליכט און דער וועגווייזער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. יעקב פראַנק, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער מיט פונם 18טן י"ה, אין דעם טיפסטן בין השמשות פון דער יידישער געשיכטע, אין דער אַטמאָספער פון טרויעריקן צעפאַל און פולשטענדיקער דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט געהערשט איבער דעם גוססדיקן פוילן-לאַנד, — האָט זיך פאַרמאָסטן, בלייבנדיק געטריי דעם „אתה בחרתניזם", אָפּצוּוואַרפן אַלע עטישע ווערטן, אַלע מסורות פון די פאַרגאַנגענע דורות, אַרויסצושטעלן אַלס שענסטן אידעאַל—דאָס שווערד, פּראָקלאַמירן אַלס העכסטן דעוויז: ס'איז אַלץ דערלויבט, אַלע מיטלען, די שמוציקסטע און שענדלעכסטע ניט אויסגעשלאָסן, זיינען באַרעכטיקט, באָס זיי פירן צום געווינטשטן ציל!

עס איז קלאָר, אַז דער פראַנקיזם איז פון דער התחלה אָן געווען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. פראַנק האָט אפילו פאַרזיכערט זיינע תלמידים, אַז „וויפיל האָר ער האָט אויפן קאָפּ, אַזוי פיל יידן וועלן איבערגיין צו אים" [1]. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. אָפּגעריסן פון די אייגענע לעבעדיקע וואָרצלען, פול מיט די טיפסטע סתירות און קאָנטראַסטן, האָט דער פראַנקיזם צענדליקער יאָרן געבלאָנדזשעט איבער די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דעם יידישן געטאָ, געבלאָנדזשעט ווי אַ פאַנטאָם, ווי אַ געשפּענסט, ביז ער איז ענדלעך שפּורלאָז פאַרשוואונדן...

צו דער זעלבער צייט, אין דער זעלבער סביבה און טאַקע די זעלבע צושטאַנדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם פראַנקיזם, האָבן אויך געבאָרן נאָך אַ צווייטע באַוועגונג, אַ קרובישע, און דאָך אַזאַ גרונד-פאַרשיידענע. און ווי גרונד-פאַרשיידן איז אויך געווען איר מזל און איר ראָלע אין דער יידישער קולטור-געשיכטע... איר באַגרינדער און באַשעפער איז טאַקע געבאָרן געוואָרן אין דער זעלבער געגנט, ווו יעקב פראַנק האָט צום ערשטן די וועלט דערזעען. ישראל בעל שם טוב האָט ער געהייסן...

---

1 פראַנק ועדתו, 64.

צווייטער קאפיטל

ר׳ ישראל בעל שם טוב. — זיינע קינדער־יארן. — זיין התבודדות. — דער יתום ווערט א באהעלפער ביי א דרדקי־מלמד. — זיין ליבע צו ניגונים און געזאנג. — דער באהעלפער ווערט אונטער־שמש אין קלויז. — זיין חשק צו קבלה. — דער אונטער־שמש באקאנט זיך מיט די כתבים פונם מקובל ר׳ אדם. — זיין פריינדשאפט מיט ר׳ אדמס זון. — דעם יונגן מקובל מאכט מען חתונה, און ער ווערט באלד אן אלמן. — ישראל בן אליעזרס וואנדער־יארן. — זיין חתונה מיט דעם בראָדער רבס, ר׳ גרשון קוטעווערס שוועסטער. — דער רב און דער עם־הארץ. — ישראל בן אליעזרס התבודדות אין די קארפאטן־בערג. — דער איבערברוך אין דעם וועלט־באנעם פונם יונגן מקובל. — ישראל בן אליעזרס פרנסות. — דער שענקער און דארפס־מלמד ווערט א בעל־שם. — דעם בעשט״ס התגלות. — דעם בעשט״ס וועלט־באנעם. — לית אתר פנוי מניה. — דעם בעשט״ס אפטימיזם. — די השפעה פון דעם רמב״ן און דעם אר״י. — דער בעש״ט קעגן אסקעזע; דער באדייט פון תפילה; מען קען תפילה טאן אויך „על ידי דיבור זול״. — וועגן זיסע און ביטערע געטראנקען. — גאט דינען קען מען נאר מיט פרייד. — דער בעש״ט און די לומדים. — דער מענטש און דער צדיק אין דעם בעשט״ס סיסטעם. — בעשט״ס בריוו וועגן „עליית נשמות״. — דער בעש״ט און זיין „חבורה״.

„דורך א נעפל קוקט צו אונז ארויס די היסטארישע געשטאלט פון דעם באשעפער פון דער חסידות, דורך א נעפל פון וואונדער־מעשיות, וואס די פאלקס־לעגענדע האט מיט זיי באקרוינט דעם קאפ פון איר באליבטן העלד. א געדיכטער שלייער, אויסגעוועבט אין דער פאנטאזיע פון די מענטשן פון זייער דור און פון די שפעטערדיקע דורות, פאר־שטעלט פאר אונזערע אויגן די אמתע געשטאלט פון בעש״ט, אזוי, אז צייטנווייז דוכט זיך אונז, אז ער האט גאר קיינמאל ניט עקזיסטירט ווי א לעבעדיקער מענטש, אז דאס איז נאר אן אויסגעטראכטער נאמען, וואס מען האט אים צוגעבונדן צו דער רעליגיעזער באוועגונג, וואס האט אויפגעטרייסלט די יידישע וועלט״. מיט די דאזיקע שורות פאנגט אן דער היסטאריקער דובנאוו זיין געשיכטע פון חסידיזם. אויף דער שוועל פון א נייער תקופה, אין דער צווייטער העלפט פונם 18טן י״ה, אין דעם „דור החכמה והתבונה״, ווען דער געזונטער מענטשן־פארשטאנד איז

דערקלערט געוואָרן אַלס דער איינציקער באַגלויבטער אויטאָריטעט אויף די פאַרפלאָנטערטע מענטשלעכע וועגן, — איז געשען דאָס גרויסע ווּנדער: אַ מענטשן-לעבן, אַ לעבן פון אַ פּשוטן ייִדן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנטאַסטישע לעגענדע, אין אַן אַגדה פון קדמונישע צייטן [1]. אַזוי געוואַלדיק גרויס איז געווען דער רושם, וואָס ס'האָט געמאַכט אויף זיין סביבה אָט דער וואַנדערנדיקער דאָרפס-מלמד און אָפּשפּרעכער. און דורך דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן, אָפט נאַיוו אָבערגלויבערישן געשפּינסט שימערירט אַ רעאַלע, בולטע געשטאַלט, אויסטערליש שיין אין איר האַרמאָנישער גאַנצקייט און גאונישער פּשטות...

ישראל בעש"ט איז געבאָרן בערך אין 1699 אין דעם קליינעם פּאָדאָליער שטעטל אָקופּ, ביי דער טערקישער גרעניץ. דער ברויט-געבער פון דער פאַמיליע איז, ווי עס שיינט, געווען ניט דער פאָטער אליעזר, נאָר זיין מוטער שרה, וואָס איז געווען אַ הייבאַם (באָבע). מען פלעגט דערפאַר דאָס ייִנגל רופן: ישראל דער באָבעס [2]. דער יונגער ישראל האָט זייער פרי זיין פאָטער פאַרלאָרן. פאַרן טויט האָט דער שטאַרבנדיקער פאָטער אָנגעזאָגט דעם קליינעם בן-יחיד: „מיין ליב קינד, זאָלסט געדענקען כּל-זמן דו לעבסט, אַז גאָט איז שטענדיק מיט דיר, און דערפאַר זאָלסטו פאַר קיין זאַך זיך ניט שרעקן“. באַלד איז אויך די מוטער געשטאָרבן, און דער קליינער יתום איז איבערגעגאַנגען צו פרעמדע מענטשן. קהל האָט געזאָרגט, דער יתום זאָל לערנען אין אַ חדר. דער פאַרחושכטער אַלטפרענקישער חדר וואַרפט אָבער אָן אַן אימה אויף דעם פאַרחלומטן און פאַנטאַזיעריכן ייִנגל. „זיין דרך—דער-ציילט דער „שבחי הבעש"ט — איז געווען צו לערנען כּמה ימים און דערנאָך אַנטלויפן פונם חדר“. מיר ווייסן שוין, אַז קיין התמדה צום לערנען האָט אויך יעקב פראַנק ניט געהאַט. נאָר יענער פלעגט, אַנט-לויפנדיק פונם חדר, פאַרזאַמלען אַרום זיך אַ גאַנצע באַנדע אויסגעלאַ-סענע יונגען, שפּילן מיט זיי אין „גזלנים“, און מיט זייערע ווילדע אָנפאַלן טעראָריזירן די באַפעלקערונג [3]; בעת אָבער מען האָט געזוכט

---

1 די מיט לעגענדן און פאַנטאַסטישע פּרטים אַזוי רייך באַפּוצטע לעבנס-געשיכטע פון דעם בעש"ט (שבחי הבעש"ט) האָט פאַרעפנטלעכט אין 1815 אין קאָפּוסט דוב בער ב"ר שמואל שוחט, וואָס זיין שווער אלכּסנדר שוחט איז געווען סופר ביים בעש"ט. אין דעם זעלבן יאָר איז דער „שבחי הבעש"ט“ דערשינען מיט גרויסע טעקסט-ענדערונגען אין אַ צווייטער אויסגאַבע אין בערדיטשעוו. און אויך אין באַאַרבעטונג אויף ייִדיש.

2 זע שבחי הבעש"ט, 25: ויקרא שמו ישראל בן המילדת.

3 פראַנק ועדתו, 51.

דעם אנטלאָפענעם יתום ישראל בן אליעזר, פלעגט מען אים געפינען זיצנדיק איינער אַליין אין וואַלד. האָט מען אים צוריק געבראַכט צום מלמד; אין אַ שטיקל צייט אַרום פלעגט ער אָבער ווידער אַנטלויפן אין וואַלד אַריין זיך מתבודד זיין. דער אין סוד איינגעהילטער וואַלד איז, ווי עס שיינט, געווען מער צום האַרצן דעם פאַרחלומטן יינגל, ווי דער ענגער פאַרחושכטער חדר און די בית־המדרש־לימודים מיט זייער איבערגעשפּיצטן פּלפּול. האָבן די קהלשע מדריכים זיך מְיַאֵש געווען פון דעם יתום. עס איז געווען קלאָר, אַז קיין למדן וועט ער שוין ניט זיין, — האָבן זיי אים אויף ווייטער געלאָזן צורו.

דער יונגער ישראל האָט געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן פּרנסה, און ער ווערט באַלד באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד. מיט גרויס חשק פלעגט ער טאָן די אויף אים אַרויפגעלייגטע אַרבעט: אָפּפירן אָדער אַריבער־טראָגן אויפן רוקן די קליינע קינדער אין חדר און אין בית המדרש אַריין. „אַז ער פלעגט פירן די קינדער — דערציילט דער „שבחי הבעש״ט״ — פלעגט ער מיט זיי זינגען מיט אַ זיס קול״. אויף דעם בעש״טס גרויסע ליבע צו געזאַנג און מוזיק ווייזן באַזונדערס אָפט אָן זיינע ביאָגראַפן. אפילו צו די לידער, וואָס די גויים פלעגן זינגען אין די שענקן, פלעגט ער זיך צוהערן מיט גרויס ליבע. זיינע מקורבים פלעגן דערציילן, אַז לויט דעם ניגון פון יעדן מוזיק־אינסטרומענט פלעגט ער גלייך דערקענען דעם גאַנצן לעבנסגאַנג פון דעם שפּילער גופא [1]. באַלד ווערט דער יונגער באַהעלפער מגולגל אין אַן אונטער־שמש אין קלויז. אויך דאָרט באַווייזט ישראל בן אליעזר זיין ליבע צו התבודדות: ביי־טאָג, ווען אין קלויז זיינען געזעסן לומדים און געלערנט, פלעגט דער אונטער־שמש שלאָפן, און טיף אין דער נאַכט, ווען אַלע פלעגן שוין שלאָפן, איז ער געווען וואַך, און שטילערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן, פלעגט ער דורכפירן זיין „עבודה תמה״: מתפלל זיין אָדער אַריינקוקן אין זיינע געליבטע ספרים. און די באַליבטסטע ספרים זיינע זיינען געווען דער „עין יעקב״ און דער „זוהר״. פיל האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אר״ים קבלה. חיים וויטאַלס ווערק, וואָס באַקענען מיט דעם אר״ים תורה, זיינען נאָך אָבער דעמאָלט ניט געווען געדרוקט. זיי פלעגן בלויז צירקולירן אין פאַרשיידענע אָפּשריפטן. דער „שבחי הבעש״ט״ דערציילט די פאַנטאַסטישע לעגענדעס וועגן דעם, ווי אַזוי דער יונגער ישראל בן אליעזר איז אַריינגעדרונגען אין די טיפע סודות פון דעם אר״ים „קבלה מעשית״. עס איז אָבער ניט שווער אַרויסצושיילן פון דעם

---

1 אברהם כהנא, רבי ישראל בעל שם טוב, 14.

דאָזיקן לעגענדן־קנויל דעם רעאַלן קערן. אין דעם שטעטל, ווו דער יונגער ישראל איז אויסגעוואַקסן, איז אָרפּגעקומען פאַר אַן איידעם דער זון פון אַ געוויסן מקובל ר' אדם. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט מיט זיך מיטגעבראַכט גאַנצע פּעק כתבים, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין פאָטער. מיט אים האָט עס זיך באַפריינדעט דער יונגער אונטער־שמש, און זיי פלעגן ביידע זיך מתבודד זיין אין אַ באַזונדער שטיבל אויסער דער שטאָט, און דאָרט זיך פאַרטיפן אין די סודות פון קבלה עיונית און קבלה מעשית. זיי פלעגן אויך פאַסטן און אָפּט זיך טובל זיין, כדי ראוי צו זיין צו פאַרנעמען זיך מיט דער פּראַקטיק פון די מקובלים און בעלי מופת.

ווען דער יונגער מקובל איז געוואָרן אַלט 15 יאָר, האָבן די שטאָט־לייט געהאַלטן פאַר זייער חוב חתונה צו מאַכן דעם יתום, וואָס איז אַזוי פלייסיק עוסק אין תורה און תפילה. ישראלס ווייב איז אָבער באַלד געשטאָרבן; אינגיכן האָט ער אויך פאַרלאָרן זיין חבר, וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעצערט פון די אָפּטע תעניתים. דעמאָלט האָט דער יונגער אַלמן פאַרלאָזן זיין געבורטס־אָרט און זיך געלאָזט קיין מזרח־גאַליציע. אַ שטיק צייט איז ער געווען אַ דאָרף־מלמד, און דאָ האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דעם טרויעריקן מצב פון די ישובניקעס, וואָס עס שילדערט אין אַזוינע שוואַרצע פאַרבן שלמה מיימון אין זיין „לעבענסגעשיכטע". דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אַלס מלמד אין אַ קהילה ניט ווייט פון בראָד. דער יונגער מלמד האָט שטאַרק אויס־גענומען ביים עולם מיט זיין תמימות, מיט זיין האַרציקייט און יושר־געפיל; און אַז עס פלעגט זיך מאַכן אַ סכסוך צווישן מענטשן פון דער קהילה, פלעגט ער גאַנץ אָפט זיין דער „שליש". ביי אַזאַ בוררות צווישן צוויי צדדים איז ישראל בן אליעזר איינמאָל אויסגעקומען זיך צו באַגע־גענען מיט אפרים קוטאָווער, דעם פאָטער פון דעם דעמאָלט באַוווּסטן בראָדער רב ר' גרשון. דעם אַלטן אפרים איז דער יונגער מלמד שטאַרק געפעלן, און דערוויסנדיק זיך, אַז יענער איז אַן אַלמן, האָט ער אים פאַר־געלייגט פאַר אַ פרוי זיין טאָכטער חנה, וואָס איז געווען אַ גרושה. דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן, און מען האָט גלייך געשריבן תנאים. דער אַלטער אפרים קוטאָווער איז אָבער באַלד געשטאָרבן, און זיין זון, דער רב און גדול בישראל, האָט צו זיין גרויס באַוווּנדערונג געפונען צווישן דעם פאָטערס כתבים געשריבענע „תנאים", פון וועלכע ער האָט זיך צום ערשטן דערוווּסט, אַז זיין שוועסטער איז פאַרקנסט פאַר עפּעס אַ יידן מיטן נאָמען ישראל בן אליעזר. באַלד האָט זיך באַוויזן דער חתן גופא. די לעגענדע דערציילט, אַז ער האָט זיך באַוויזן אין פּשוטע

בגדים „כּאחד הריקים״, אין אַ קורצן פּעלצל מיט אַ ברייטן גאַרטל, איז אַריין אין חדר צום בראָדער רב און גערעדט האַרבע דבורים, ווי אַן אמת׳ער גראָבער יונג. ער האָט געוויזן אים דעם כתב פון „תנאים״ און געפּאָ־דערט: הבה את אשתי — גיב מיר מיין ווייב. עס איז אויסער ספק, אַז אין דער דאָזיקער לעגענדע געפינט זיך אַ קערנדל אמת, ווייל אויך אין דעם ווייטערדיקן פאַרהאַלטן פונם בעש״ט, ביז זיין „התגלות״, צו זיין שוואָגער דעם רב פילט זיך אַ באַשטימטע באַהאַלטענע איראָניע צו דעם גאַוהדיקן למדן און עוקר הרים מיט זיין ביטול־געפיל צום עם־הארץ און פּשוטן „עמך״. אַ פאַרציטערטער איז געוואָרן דער בראָדער רב, ר׳ גרשון קוטאָווער; ער איז גלייך אוועק צו דער שוועסטער איר דערציילן די גאַנצע מעשה און זי געפרעגט, צי קאָן זי מסכּים זיין חתונה צו האָבן מיט אַזאַ עם הארץ. יענע האָט אָבער געענטפערט, אַז זי איז מחוייב צו דערפילן דעם רצון פון זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דעם גרויסן רב איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען צו האָבן נעבן זיך אַזאַ מגושם־גראָבן שוואָגער, האָט ער דער שוועסטער גלייך נאָך דער חתונה פאַרגעלייגט, זי זאָל זיך אַרויסקלייבן מיט איר מאַן פון בראָד, און איר דערביי אַלס פאַרגיטיקונג געשענקט אַ פערד און וואָגן. דאָס פּאָר פאָלק האָט זיך באַזעצט נעבן אַ דאָרף צווישן קוטעוו און קאָסעוו, טיף אין די קאַרפּאַטן־בערג. ווי דער יונגער אר״י בשעתו אויף די ברעגן פונם נילוס, אַזוי האָט אויך דער בעש״ט פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אין התבודדות צווישן די הויכע מיט געדיכטע וועלדער באַוואַקסענע קאַר־פּאַטן־בערג. צוויי מאָל אין וואָך פלעגט קומען צו אים זיין ווייב מיט איר פערד און וואָגן; ער פלעגט אָנגראָבן ליים אין די בערג, אָנפילן אַ גאַנצן וואָגן און די פרוי פלעגט דעם ליים אָפּפירן אין דער נאָענטער שטאָט צו פאַרקויפן. דערמיט האָט זיך דאָס פּאָר פאָלק מפרנס געווען בדוחק.

די ערשטע צייט פון זיין התבודדות האָט דער בעש״ט, ווי די לעגענדע דערציילט, זיך נוהג געווען, ווי די בעלי־קבלה און פּרושים פון דער שטרענג אַסקעטישער שיטה. שלמה מיימון שילדערט אונז אין בולטע שטריכן אין זיין „לעבענסגעשיכטע״ אַזעלכע אַסקעטן־מקובלים. ער דערציילט אונז וועגן איינעם, ר׳ שמעון לוביטשער, ווי אַזוי יענער האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן זיך נאָר מיט לייטערן זיין נשמה דורך שטרענגסטער תשובה. נאָך „תשובת הקנה״ איז ער איבערגעגאַנגען צו „תשובת המשקל״, דאָס הייסט: אָפּוועגן איטלעכע זינד און פּייניקן דעם גוף אין ערך צו דער באַטרעפנדיקער וואָג. האָט ער אָבער אויסגערעכנט און געפונען, אַז די צאָל פון זיינע זינד איז צו גרויס, ער זאָל קאָנען ברענגען

זיי א תּיקון דורך דער „תשובת המשקל". האָט ער דערפאַר באַשלאָסן צו געפינען אַ כּפּרה אויף זיינע חטאים אויף אַ פּשוטן אופן: זיך לאָזן אויסהונגערן ביז יציאת נשמה. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן; אין אַ שטיק צייט אַרום האָט מען אים געפונען אַ טויטן אונטער אַ דאָרף ליגן מיט דעם ספר הזוהר אין האַנט [1]. דער בעש"ט פּלעגט אויך די ערשטע צייט פון זיין התבודדות פאַסטן הפסקות און עסן בלויז אַ שטיקל ברויט צווישן איין תּענית און דעם אַנדערן. אין משך פון דער צייט, וואָס דער יונגער מקובל האָט אין התבודדות פאַרבראַכט צווישן די הויכע קאַרפּאַטן-בערג מיט זייער מאַיעסטעטישער פּראַכט, איז אָבער, ווי עס שיינט, פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג אין זיין גאַנצן וועלט-באַנעם. די ווערטער פון דעם שטאַרבנדיקן פאָטער: „זאָלסט געדענקען כּל-זמן דו לעבסט, אַז גאָט איז מיט דיר און זאָלסט דערפאַר פאַר קיין זאַך זיך נים שרעקן", וואָס האָבן געמאַכט אַזאַ געוואַלדיקן רושם אויף דאָס צאַרט פילנדיקע קינד, — האָבן דאָ, אויף דעם שויס פון דער געטלעך-שיינער נאַטור, באַקומען פאַרן יונגן מקובל אַ נייעם באַדייט פון אַ פּיל ברייטערן און טיפערן פאַרנעם. אַרומגערינגלט פון די מעכטיקע בערג מיט זייערע שאַרפע, מיט אייביקן שניי באַדעקטע און אין די בלענדנדיקע זונען-שטראַלן מיט טויזנטער פאַרבן שימערירנדיקע שפּיצן, הערנדיק דאָס גערויש פון די גרדיכטע וועלדער און דאָס געפּליסטער פון די בערג-שטראָמען און פון די אין געדיכטע גראָזן און גרינע געוויקסן צניעותדיק באַהאַלטענע קוואַלן — האָט דער פּרוש פון פּאַראַליע דערזען די אַנטפּלעקונג פון דעם טיפן סוד, וואָס איז באַהאַלטן אין די ווערטער: „מלא כל הארץ כבודו" און „לית אתר פנוי מניה". עס שטעקט אַ געוויסער סימבאָלישער אמת אין דער לעגענדע, אַז דאָרט אין די קאַרפּאַטן האָט דער בעש"ט געלערנט צו פאַרשטיין דעם לשון פון די עופות און פון די געוויקסן („שיחות עופות ושיחות דקלים") [2]. נים דורך ספּעקולאַ-טיווער חקירה, נאָר מיט זיין גאַנצן מהות, מיטן צאַפּל פון זיין הייס פילנדיקן האַרצן האָט ער באַגריפן, אַז אַלץ אין דער וועלט איז אַ פאַר-קערפּערטע אַנטפּלעקונג פון גאָט; אַלץ טראָגט אויף זיך דעם חותם און דעם אָפּגלאַנץ פון גאָט, וואָס איז לויטער מילדקייט און לייטזעליקייט. ער האָט דערפילט, אַז גאָט דינען קאָן מען נים בלויז מיט תּורה לערנען און מיט סיגופים און „תשובת המשקל", און אַז זיי זיינען נים די איינ-ציקע וועגן, וואָס פירן צו גאָט און צו גאָט-דערקענונג...

---

1 לעבנסגעשיכטע, 132.

2 זע די פאָררעדע צו דער בערדיטשעווער אויסגאַבע פון „מגיד דבריו ליעקב"; סדר הדורות החדש, 3.

אזוי האָט דער בעש״ט פאַרבראַכט אייניקע יאָר אָפּגעזונדערט פון מענטשן. ווי עס שיינט, איז זיין פרוי און אפשר אויך אים גופא דער־עסן געוואָרן צו לעבן אין אזא גרויס דחקות. האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט קיין בראָד. דער שוואָגער, ר׳ גרשון קוטעווער, בכדי צו האַלטן וואָס ווייטער פון זיך דעם „בעל־מום״, האָט פאַר אים אָפּגעדונגען א שענק אין א דאָרף, ניט ווייט פון קוטאוו. ווי דער סדר איז געווען אין יענע צייטן, האָט דער שענק אויך געדינט אלס אכסניה פאַר דורכפאָרער. די אשת חיל איז געווען דעם בעש״טס ווייב חנה. זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּרנסה און דער בעש״ט פלעגט איר בלויז צייטנווייז אונטערהעלפן. אין דער פרייער צייט פלעגט דער בעש״ט זיצן אין א קליינעם אָפּגעזונדערטן ביידל אויפן ברעג פונם טייך פּרוט און דאָרטן געלערנט סתרי תורה. דער דאָזיקער עפּיזאָד אין דעם בעשט״ס לעבן ווערט אין דעם „שבחי הבעש״ט״ איבערגעגעבן אין צוויי נוסחאות: איינער אין דעם נאָמען פון דעם בעש״טס סופר אלכסנדר שוחט, און דער צווייטער אינם נאָמען פון דעם אדמו״ר שניאור זלמן. לויט דעם ערשטן וואַריאַנט האָט דער בעש״ט אויך וווינענדיק אינם דאָרף אונטער קוטאָוו פאַרבראַכט זיינע טעג אין תעניתים, און פלעגט עסן בלויז איין מאָל אין דער וואָך. דעם אדמו״רס, מער באַגלויבטער נוסח דערמאָנט אָבער גאָרניט וועגן דעם בעשט״ס תעניתים, און עס ווערט דאָרט בלויז אָנגעוויזן, אז דער בעש״ט האָט פונם שענק געהאַט פּרנסה בריוות, „וד׳ שלח ברכה והצלחה במעשי ידיו והיו מכניסים אורחים להאכילם ולהשקותם בכבוד גדול״. אין א צייט אַרום האָט מען אָבער ביים בעש״ט דעם שענק אויסגעדונגען און ער האָט זיך געמוזט ווידער נעמען צו זיין אמאָליקער פּרנסה — צו מלמדות. ער איז א צייט אַרומגעפאָרן איבער דערפער און געלערנט תורה מיט די קינדער פון די ישובניקעס. ער האָט אויך געעפנט א חדר אין דער שטאָט טלוסט. ער האָט אָבער, ווי עס שיינט, געהאַט פון מלמדות קנאַפּ פּרנסה, און דער „שבחי הבעש״ט״ דערציילט, אז ער פלעגט אין יענער צייט גיין „אָנגעטאָן אין א טוליק פון קומאיי (אזא גראָבער שטאָף) און די פיס־פינגער פלעגן אַרויסשטעקן דורך די לעכער פון די שיך, וואָרעם ער איז געווען א גרויסער עני״. ביסלעכווייז איז אָבער ביים בעש״ט צו מלמדות צוגעקומען נאָך א פּרנסה — דער מלמד ווערט אויך א בעל־שם. אין יענער צייט פון ווילדן אָבערגלויבן, ווען די גאַנצע לופט פון דעם יידישן געטאָ איז געווען איבערפולט מיט כלערליי מחבלים, ניט־גוטע, מכשפים און דיבוקים, האָט א בעל־שם געשפּילט א גרויסע ראָלע אינם יידישן לעבן, בפרט אינם לעבן פון די דאָרף־יידן און ישובניקעס. א דאָרף־ייד

פלעגט זיך זייער זעלטן ווענדן נאך מעדיצינישער הילף צו א דאקטאר, נאר צו אפשפרעכערס און בעל־שמען. א בעל־שם פלעגט היילן פון אלע קרענק דורך כל המיני סגולות, אפשפרעכן, קמיעות; דער עיקר פלעגט ער באווייזן זיין גרויסקייט ביים ארויסטרייבן „דיבוקים", אדער ביים פארטרייבן אוים יידישע הייזער ניט־גוטע און מזיקים [1]. דער בעש״ט האט נאך גאר אין די יונגע יארן געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט פיל סגולות, וואס זיינען געווען פארשריבן אין די כתבים פון דעם אויבנדערמאנטן מקובל און בעל־מופת ר׳ אדם. עס איז העכסט ווארשיינלעך, אז אין די יארן, וואס דער בעש״ט האט פארבראכט אין די קארפאטן־בערג, האט ער זיך באקענט מיט דער היילקראפט פון פארשיידענע גראזן און קרייטעכצער. פלעגט ער בעת זיין מלמדות אין די דערפער אפט היילן קראנקע ישובניקעס מיט כלערליי סגולות, שפרוכן און קמיעות. א מענטש מיט אזא פעסטן גלויבן אין גאטס לייטזעלי־קייט, און אז גאט איז שטענדיק מיט אים — האט געוויס געקאנט האבן א היפנאטישע ווירקונגס־קראפט אויף היסטערישע און נערוון־קראנקע מענטשן. אט אזוי איז דער שענקער און מלמד ביסלעכווייז „נתגלה" געווארן אלס בעל־שם און בעל־מופת, וואס קען ארויסטרייבן „דיבוקים". זיין נאמען ווערט אלץ גרעסער. מען פלעגט אים שוין איינלאדן אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך. זיין נאמען ווערט שוין אזוי בארימט, אז ער דארף מער ניט ארומפארן — מען פארט שוין פון אלע עקן אוקראינע צו אים אין זיין וווינשטאט, פריער קיין טלוסט און דער־נאך קיין מעדזיבוזש, וווהין דער בעש״ט איז אריבערגעפארן בערך אין 1740 און דארט פארבלייבט ער זיינע לעצטע יארן [2]. קאן מען צו אים אליין ניט קומען, ווענדט מען זיך צו אים מיט בריוו, מען פרעגט ביי אים עצות און מען בעט אלס סגולה קמיעות. די קונדשאפט איז געווארן אזוי גרויס, אז דער בעש״ט האט געמוזט נעמען זיך צו הילף א שטענדיקן סופר, און אין די שפעטערע יארן אפילו צוויי סופרים. בכדי אים ארויסצוטיילן פון אלע אנדערע בעל־שמען [2], הייסט ער שוין

1 זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז״ז 191—193.

2 דער בעש״ט איז געשטארבן שבועות, 1760.

3 דער „שבחי בעש״ט" דערציילט, אז די ערשטע צייט, ווען דער בעש״ט האט זיך באזעצט אין מעדזיבוזש, איז ער ניט געווען באזונדערס חשוב ביי די דארטיקע למדנים און אנשי מעשה, ווי ר׳ זאב קיצעס און ר׳ דוד פורקס, „מחמת השם שקראו אותו, כי שם זה אינו נאה לצדיק (27). דאס אייגענע ווערט אויך דערציילט וועגן דעם מקובל ישראל דעם בעל „תפארת ישראל". אויך ער האט אין דער התחלה פארגעווארפן דעם בעש״ט: איך וואלט דיך ליב געהאט, ווען וואלסט נאר קיין בעל שם ניט זיין (מעשיות ומאמרים יקרים 11—12). דארטן ווערט אויך דערציילט וועגן

ניט סתם בעל־שם, נאָר דער בעל־שם־טוב. וואָרעם עס קומען שוין צו אים נאָך הילף ניט בלויז פיזיש־ און גייסטיק־קראַנקע, נאָר אויך זוכנדיקע גייסטער, וואָס האָבן ניט געפונען קיין באַפרידיקונג אין די אַלטע דרכים, אין דעם אַלטן רעליגיעזן וועלט־באַנעם. ניט קיין סגולות, ניט קיין מופתים זוכן זיי ביי אים, נאָר דעם לעבעדיקן קוואַל פון גאָט־דערקענונג, דעם ריכטיקן וועג, ווי גאָט צו דינען... צו אים, דעם פּראָס־טאַק, וואָס דער גאון התורה, ר׳ גרשון קוטעווער, האָט געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת הכּבוד, יענער זאָל זיך אין זיינע ד׳ אמות געפינען, זיינען געפאָרן גרויסע לומדים און רבנים און געוואָרן זיינע פייערדיקע חסידים. און ר׳ גרשון קוטעווער בכבודו ובעצמו איז אויך אַ בעל־תשובה געוואָרן און האָט סוף־כל־סוף זיין שוואָגערס גרויסקייט אָנערקענט.

פון וואָס זיינען זיי אַזוי נתפּעל געוואָרן? דורך וואָס איז ער, דער פּשוטער בעל שם און קמיעות־שרייבער, געוואָרן דער לעגענדאַרער העלד פון „שבחי הבעש״ט", דער גרינדער און לערער פון אַ גרויסער מעכטיקער פאָלקס־באַוועגונג?

ווי דער אר״י בשעתו, אַזוי האָט אויך דער בעש״ט זיין תורה אַליין ניט פאַרשריבן; עס איז צו אונז דערגאַנגען בלויז איין בריוו זיינער צו זיין שוואָגער, דעם רב גרשון קוטעווער 1, וואָס איז אפילו גאַנץ וויכטיק פאַר דעם בעש״טס וועלטבאַנעם, ער קאָן אָבער אין זייער אַ קנאַפּער מאָס דינען אַלס בוימאַטעריאַל, בעת מען וויל זיך באַקענען מיט דעם סיסטעם און דער תורה פון דעם באַגרינדער פון חסידות. „ער האָט פאַרמאָגט — שרייבט דער היסטאָריקער פון דער חסידות־באַוועגונג ש. דובנאָוו — אַ באַזונדער פעיִקייט: ער האָט געלערנט דורך שמועסן מיט איטלעכן איינציקן, דורך ווערטלעך און מימרות, אַזוי ווי די פּאַרצייטיקע באַשע־פערס פון רעליגיעס. בעתן שמועסן פלעגט אויף אים רוען דער „רוח הקודש", און זיינע געדאַנקען פלעגן זיך אָנקליידן אין דער געשטאַלט פון משלים, קורצע שפּראַכן און איינטייטשונגען פון פּסוקים פון דער תורה, וואָס די צוהערער פלעגן נתפּעל ווערן איבער זייער אָריגינאַליטעט,

---

פון אַנדערן למדן, וואָס קומט צום בעש״ט מיט דער טענה: למה קורין אתכם בעל שם. כי שם זה אינו הגון לאדם גדול.

1 געדרוקט צום סוף פון יעקב יוסף׳ס „בן פורת יוסף"; זע אויך אַנהאַנג „כתר שם טוב". אין דער נייערער צייט איז אפילו דערשינען (ירושלים 1924) אַ זאַמלונג בריוו און דאָקומענטן „גנזי נסתרות", ווו עס זיינען אויך פאַרעפנטלעכט דעם בעש״טס איניקע בריוו. עס איז אָבער זייער שטאַרק דער חשד, אַז די דאָזיקע בריוו, ווי דער רוב בריוו אין דער דאָזיקער זאַמלונג, זיינען געפעלשט (זע דובנאָווס אַרטיקל אין קרית ספר, II, 290).

איבער דער טיפֿקייט פֿון רעליגיעזן געפֿיל און איבער דעם גרונד־געדאַנק, וואָס פֿאַראייניקט די אַלע שפּראַכן צו איין באַשטימטער סיסטעם". דער „שבחי הבעש"ט", ווי אויך דער קעגנער פֿון חסידות, דער מגיד דוד מאַקאָוו, דערציילן, אַז דער בעש"ט פֿלעגט ליב האָבן אַרומצוגיין איבער גאַסן און מאַרקן מיטן שטעקן אין דער האַנט און ליולקע־ציבעך אין מויל און פֿאַר פּשוטע דאָרף־ייִדן (אַנשי כּפרים) און ווייבער דערציילן מעשׂיות און משלים. דעם בעש"טס שמועסן און מימרות זײַנען אויפֿגעהיט געוואָרן אינם זכּרון פֿון זײַנע תּלמידים און שוין בײַם בעש"טס לעבן האָבן אייניקע געפּרוּווט פֿאַרשרײַבן זײַן תּורה. עס האָבן זיך אָבער, ווי עס שײַנט, געגומען דערצו ניט קיין פֿעיִקע הענט. איינער פֿונם בעש"טס פֿאַרערער, דערציילט דער „שבחי הבעש"ט" (דף 28, עמ' ב'), האָט פֿאַרשריבן די תּורה, וואָס ער פֿלעגט הערן פֿונם בעש"טס מויל. האָט אַמאָל דער בעש"ט דערזען, ווי אַ שד שפּאַנט מיט אַ ספֿר אין האַנט, — פֿרעגט אים דער בעש"ט: וואָס טראָגסטו עס פֿאַר אַ ספֿר? ענטפֿערט יענער: דאָס איז ד ײַ ן ספֿר. האָט דער בעש"ט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז עס פֿאַרשרײַבט עמיצער זײַן תּורה; ער האָט דאַן פֿאַרזאַמלט אַלע זײַנע מקורבֿים און געפֿרעגט: ווער פֿון אײַך פֿאַרשרײַבט עס מײַן תּורה? איינער פֿון זיי האָט זיך מודה געווען און געבראַכט זײַנע כּתבֿים דעם בעש"ט. דער בעש"ט האָט זיי דורכגעלייענט און דערקלערט: אֵין כּאן אפֿילו דיבור אחד שאָמרתּי — ס'איז דאָ קיין איין וואָרט ניט פֿאַראַן, וואָס איך האָבווירקלעך געזאָגט.

ערשט בערך צוואַנציק יאָר נאָכן בעש"טס טויט האָט איינער פֿון זײַנע באַדייטנדיקסטע תּלמידים, דער פּאָלאָנויער רב יעקבֿ יוסף הכּהן, פֿאַרעפֿנטלעכט דרײַ ספֿרים, וווּ ער ברענגט אין זײַנע לאַנגע דרשות איבער תּורה און איבער דער תּלמודישער אגדה אין די הונדערטער דעם בעש"טס קורצע מימרות און משלים, וואָס ער האָט אַליין געהערט פֿונם רבינס מויל, אָדער אין דעם רבינס נאָמען פֿון זײַנע חבֿרים 1. די דאָזיקע ציטאַטן ווערן באַגלייט מיט דער סטערעאָטיפּער מעלדונג: שמעתּי ממורי (איך האָב געהערט פֿון מײַן רבין), אָדער: שמעתּי בשם מורי (געהערט אין מײַן רבינס נאָמען). אַט די אַלע מימרות און משלים, ווי אויך דעם בעש"טס מאמרים, וואָס ווערן געבראַכט אין די צוויי ספֿרים „מגיד דבֿריו ליעקבֿ" (1784) און „לקוטי אמרים" (1792), וועלכע

---

1 דער פֿאַרפֿאַסער פֿונם „תּולדות" ווייזט ערטערווײַז אָן, אַז ער גיט ניט איבער די גאַנצע תּורה פֿון זײַן רבין. ער שרײַבט, אַשטייגער: קבלתּי ממורי פּה אל פּה ואי אפֿשר לבאר בספֿר (תּולדות, פּר' נשׂא) אָדער: כּבֿוד ד' הסתּר דבֿר. אַן אַנדערש מאָל ווייזט ער אָן: שמעתּי ממורי וכעת נשכּח (יאָרטן פּר' קדושים).

דעם בעש״טס און דעם מעזעריטשער מגידס תלמידים האָבן פאַרעפנט־לעכט — זיינען באַלד צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ספּעציעלע אויסגאַבן: „כתר שם טוב״ פון אהרן הכהן אויס אַפּטא (ערשטער טייל 1784, צווייטער טייל 1792) און „צוואת הריב״ש״ (געזאַמלט דורך דעם יאַנאָווער רב ישעיה, 1792). פאַר די אַלע זאַמלונגען איז אין אַלגעמיין מער ווייניקער גילטיק די מיינונג, וואָס דער באַוווסטער מנהיג פון די חסידי־חב״ד, ר׳ שניאור זלמן, האָט אַרויסגעזאָגט בנוגע דעם ספר „צוואת הריב״ש״: „הגם דאָס איז אין דער אמתן כלל ניט דעם ריב״שס (ר׳ ישראל בעל־שם) צוואה, נאָר בלויז אַ זאַמלונג פון זיינע לויטערע רייד (לקוטי אמרותיו הטהורות), וואָס זיינע תלמידים האָבן איינער נאָך דעם אַנדערן צונויפגעקליבן. יענע האָבן ניט געוווּסט ווי געהעריק דעם לשון צוצופּאַסן, אָבער דער תוכן איז דער ריכטיקער אמת״ [1].

אויפן יסוד פון די דאָזיקע זאַמלונגען און פון נאָך אייניקע אַנדערע ספרים, וואָס זיינען פאַרפאַסט פונם בעש״טס און דעם מעזעריטשער מגידס מקורבים, ווי דער „דגל מחנה אפרים״ (דער מחבר איז דעם בעש״טס אייניקל), „אור המאור״ (פון ר׳ וועלוויל זשיטאָמירער), „ישמח לב״ (פון ר׳ נחום טשערנאָבילער), „קדושת לוי״ (פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער) — קאָן מען באַקומען אַ מער ווייניקער ריכטיקן באַגריף וועגן דעם בעש״טס וועלט־באַנעם און רעליגיעזן סיסטעם. עס איז אַפילו העכסט וואַרשיינלעך, אַז געוויסע ווערטלעך און קורצע מימרות זיינען אין זכרון פון זיינע תלמידים איינגעקריצט געוואָרן וואָרט־געטריי אין דעם רבינס סטיל, ווי, אַשטייגער, דעם בעש״טס מימרא, וואָס ווערט געבראַכט אינם „תולדות״ [2]: מען זאָגט אַלץ — דער אמת גייט איבער דער גאַנצער וועלט, ד״ה, — מען יאָגט אים פון איין אָרט צום אַנדערן.

דעם בעש״טס גאַנצע סיסטעם שטיצט זיך אויף דעם גרונד־פּרינציפּ, וואָס איז אַזוי בולט אויסגעדריקט אינם „זוהר״: די פולשטענ־דיקע צונויפגיסונג פון דער גאָטהייט מיטן קאָסמאָס, פון דער געטלעכער וועלט און דער מענטשלעכער וועלט, פון דעם הימלישן מיטן ערדישן. „שידע אדם כלל זה״ — לערנט דער בעש״ט — זאָל דער מענטש וויסן דעם דאָזיקן כלל — שהוא כלל גדול: אז בשעת תורה ותפילה איז צווישן דעם מענטשן און זיין גאָט ניט פאַראַן קיין שום מחיצה (אין שום מסך מבדיל), אַפילו ווען דעם מענטשן קומען בשעת מעשה אויפן געדאַנק פאַרשיידענע מחשבות זרות, וואָרעם אויך זיי, די דאָזיקע

---

1 אגרת הקודש. הוספה צום ספר תניא, דף כ׳ עמ׳ ב׳ (מיר ציטירן לויט דער שקלאָווער אויסגאַבע, 1814).

2 דאָרטן, פ׳ בא.

מחשבות זרות, זיינען דאָך בלויז לבושין און איינהילונגען, אונטער וועלכע הקב"ה פאַרהוילט זיך. און וויבאַלד דער מענטש וויסט, אַז אונטער זיי איז די פאַרהוילענע גאָטהייט, זיינען זיי דאָך שוין מער ניט קיין באַהעלטעניש" [1]. די גאָטהייט — דערקלערט דער בעש"ט — באַהאַלט זיך טאַקע דורך כמה מחיצות, אָבער פאַרשטאַנדיקע מענטשן (אנשי הדעת) ווייסן, אַז די אַלע מחיצות און אייזערנע טויערן, די אַלע לבושין און באַהעלטענישן זיינען אויך עצם מעצמותו יתברך. און דער בעש"ט דערציילט דערביי אויף זיין שטייגער אַ משל: ס'איז אַמאָל געווען אַ מלך, אַ גרויסער חכם, האָט ער דורך פאַרבלענדעניש (אחיזת עינים) אויפגעשטעלט גרויסע מויערן, טורעמס און טויערן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז ווער עס וויל קאָן צו אים קומען דורך די דאָזיקע טויערן. ער האָט אָבער דערביי באַפוילן, עס זאָלן בײַ יעדן טויער אַרויסגעשטעלט ווערן אוצרות פון זיין שאַצקאַמער. איז קיינער ביז צום מלך ניט דערגאַנגען, וואָרעם יעדער איינער, ווי נאָר ער האָט בײַ די טויערן די אוצרות דערזען, האָט ער מיט זיי גלייך זיינע טאַשן אָנגעפילט און גלייך געלאָזט זיך אַהיים. איז אָבער געקומען דער בן מלך. ער האָט אַלע זיינע כוח'ות אָנגעשטרענגט, בכדי ער זאָל זיך דווקא צום געליבטן פאָטער דערלאַנגען. און דאָ האָט ער דערזען, אַז עס איז גאָר קיין שום מחיצה ניט פאַראַנען, וואָס זאָל אים פון זיין פאָטער אָפּטיילן, וואָרעם אַלץ איז ניט מער, ווי אַ פאַרבלענדעניש [2]. און גלייך גייט די דערקלערונג צום משל: הקב"ה פאַרבאַהאַלט זיך בכמה לבושין ומחיצות, נאָר אַלץ איז דאָך געשאַפן פון זיין אייגענעם מהות והכל נברא (נעשה כביכול מעצמותו יתברך), און קיין שום מחיצה טוט ניט אָפּטיילן דעם מענטשן פון גאָט יתברך, ולית אתר פנוי מניה (עס איז ניט פאַראַן קיין איינציקער פונקט, וואָס גאָט זאָל דאָרט ניט זיין). די וועלט איז פון גאָט, און אין גאָט — מניה וביה. „שידע האדם — זאָל וויסן דער מענטש, אַז אין יעדער באַוועגונג פילט זיך דער האַר פון דער וועלט (אלופו של עולם הוא בכל תנועה), און וווּ דער מענטש איז, דאָרט איז אויך גאָט פאַראַנען [3]. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן [4], ווי אַזוי אינם זוהר גיסן זיך אויף אַ דיאַלעקטישן אופן צונויף די שאַרפסטע קעגנזאַצן: דאָס אומענדלעכע מיטן באַגרעניצטן, דער אוניווערסאַלער

---

1 תולדות, פר' בראשית.

2 כתר שם טוב, 7 (מיר ציטירן לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1858).

3 דאָרטן: ובמקום שאדם שם כבודו יתברך מצוי.

4 אונזער װערק, ב' III, ז' 58—60.

פאַרהוילענער און אומבאַגרייפלעכער „נײַן״ מיטן ממשותדיקן „יאָ״. דער בעש״ט גייט נאָך ווייטער און מאַכט לאָגישע אויספירן. „כבודו מלא כל העולם״ — אַפילו דאָס אָרט פון זינד און דער תענוג בשעת דעם זינדיקן שטאַמט פון דאָרט, וווּ עס געפינט זיך דער הימלישער תענוג (תענוג העליון). די שכינה — זאָגט ווייטער דער בעש״ט — איז פאַר־שפּרייט אין די העכסטע הימלען ביז אין דער טיף פון די נידעריקסטע מדרגות, און אין דעם ליגט דער סוד פון די ווערטער: ואתה מְחַיֶה את כלם״ — דו באַלעבסט אלץ. אין דעם חלל פון דער וועלט, וואָס דער „קב הישר״ און „שבט מוסר״ האָבן איבערפילט מיט שדים מחבלים און מזיקים, האָט דער בעש״ט געזען רק גאָטס גלאַנץ און פּראַכט, גאָטס אומענדלעכע לייטזעליקייט און ליבשאַפט. אַפילו ווען דער מענטש איז ח״ו עובר אַן עבירה, איז דעמאָלט „השכינה מתלבשת בו״, איז די שכינה אין אים פאַרקערפּערט, וואָרעם אָן איר איז דאָך דער מענטש ניט אימשטאַנד זיין מינדסטן גליד צו באַוועגן, זי איז דאָך זיין לעבנס־גייסט, רק זי גיט אים קראַפט און לעבן [1]. השכינה כוללת כל העולמות — די שכינה איז אין זיך כולל אַלע וועלטן און באַשאַפן: דומם, צומח, חַי, מְדַבֵּר און אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט — הן גוטע און חן שלעכטע. קאָן עס אָבער זוונדערן: היחוד האמיתי היא השכינה, די אמתע איינציקייט איז רק די שכינה, ווי אַזוי זשע קאָן זי אין זיך כולל זיין שְׁנֵי־הֲפָכִים בנושא אחד — טראָגן אין איר איינציקייט אַזוינע צוויי קעגנזאַצן, ווי גוטס און שלעכטס? די דאָזיקע סתירה דערקלערט זיך אָבער גאַנץ פּשוט דערמיט, וואָס די מענטשן לעבן אין טעות: די קעגנ־זאַצן זיינען פּאַקטיש ניט קיין אַבסאָלוטע קעגנזאַצן: אונטער דער אויבערשטער שאָלעכטס (קליפּה) פונם שלעכטן איז באַהאַלטן דאָס גוטע און ריינע. „אֵין רַע בהחלט, כי הרע הוא כסא אל הטוב״, דאָס אַבסאָלוט שלעכטע איז גאָר ניט בנמצא, דאָס שלעכטע איז אַ פוס־בענקעלע פאַרן גוטן. ערשט אַדאַנק דעם שלעכטן באַקומט דאָס גוטע זיין רעאַלן ממשות, זיין ריכטיקן ווערט; פינסטערניש און ליכטיקייט זיינען אויך ניט קיין צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָרעם - יתרון הָאור נמשך מן החושך, דאָס ליכט שטאַמט פון דער פינסטערניש, איינס איז פאַרבונדן מיטן אַנדערן (נעשה כסא זה לזה), טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד — פון ליכט און פינסטערניש איז געוואָרן אַ גאַנצע איינקייט [2].

---

1 דגל מחנה אפרים, תצא.

2 תולדות, בראשית; דאָרטן, לך לך; דאָרטן, משפטים. כתר שם טוב, דף 4, עמ׳ ב׳; דאָרטן II, 19.

„והכל טוב גמור!" — פירט אויס דער בעש"ט, אלץ אין דער וועלט איז לויטער גוטס. ער, דער זון פון א פאריתומטן דור, אויפגעוואקסן אין דער שטיקנדיקער ירידה פון סאציאלן צעפאל און פון בלוטיקע נגישות און רדיפות — איז זיין גאנץ לעבן געבליבן דער אייזנפעסטער אפטימיסט. אויך ער, דער אומוויסנדיקער טרוימער און מיסטיקער אויס פאדאליע, איז נים ווייניקער, ווי די איירא̈פעיִש געבילדעטע „אויפקלערער", געווען איבערצייגט, אז „דער מענטש איז צו גליק געבארן..."

עס איז בכלל נים קיין צופאל, וואס דער בעש"ט דערמאנט גאנץ אפט אין זיינע שמועסן דעם רמב"ן. מיר האבן געזען [1], ווי ביים רמב"ן איז דאס וווּנדערבארע געווען דאס געוויינטלעכסטע; די גאנצע וועלט איז פאר אים געווען איין גרויס וווּנדער — א וווּנדערבארע אנטפלעקונג פון גאטס אומבאגרענעצטער מאכט. דורכגעדרונגען מיט דעם פעסטן גלויבן אין דעם באשעפערס בארעמהארציקייט און אין דער אומענדלעכער פראכט פון זיינע מעשים, האט בן נחמן מיט אנטציקטע אויגן פון א תמימותדיקן קינד פארחידושט באטראכט די ארומיקע וועלט, ווו אלץ איז אזוי וווּנדערשיין, אלץ טראגט דעם שטעמפל פון גאטס לייטזעליקייט און גאטס אומבאשרייבלעכער חכמה... מיט די זעלבע אויגן באטראכט אויך דער בעש"ט די וועלט. „אוי ואבוי — רופט ער אויס — פול איז די וועלט מיט ליכטיקן גלאנץ און די וווּנדערבארסטע סודות, און די קליינע מענטשן-האנט שטארצט פאר די אויגן און פארשטעלט די אלע העלע געליכטער!" [2]. און מיט פיינער איראניע דערציילט דער בעש"ט א משל וועגן דעם טויבן: א מוזיקער איז אמאל אויף דער גאס געשטאנען מיט זיין כלי-זמר אין דער האנט און א ניגון זיך צוגעשפילט; און דאס שפילן איז געווען אזוי זיס און פול מיט הארמאניע, אז מענטשן האבן זיך אפגעשטעלט באצויבערט פון דער שיינער מעלאדיע און ביסלעכווייז האבן זיי אנגעפאנגען צו טאנצן צום טאקט פון דער נגינה, און אלע באוועגונגען פון זייער קערפער זיינען געווען צוגעפאסט צו דעם ריטם פון די טענער; און אלץ שטורמישער איז געווארן דער טאנץ, און אלץ מער איז געוואקסן די אנטציקונג. איז גראד א טויבער פארבייגעגאנגען — גאפט ער פאר גרויס וווּנדער: עס שטייט עפעס איינער און מאכט מיט דער האנט און אלע ארום אים טאנצן, ווי משוגעים מיט גרויס אנטציקונג; פארשטייט ער נים, וואס איז דא פאר א שמחה. וואלט ער אבער געווסט און פארשטאנען, אז

1 אונזער ווערק, ב' III, 30.

2 לקוטי מוהר"ן, ח"א, סימ' קל"ג.

דאָס טאַנצן עס מענטשן פאַר גרויס מתיקות פון דער וווּנדערבאַרער מעלאָדיע, — וואָלט ער אויך מיט זיי געטאַנצט צוזאַמען״ [1]. און דער בעש״ט, דער דאָרפס־מלמד פון פּאָדאָליע, האָט געהערט און באַוווּנדערט דעם וווּנדערבאַרן ניגון, וואָס קלינגט אין דער אומענדלעכער רחבות פונם קאָסמאָס...

אין זיין אויבן־דערמאָנטן בריוו צו ר׳ גרשון קוטעווער דערמאָנט דער בעש״ט דעם רבין זיינעם, ער רופט אים אָבער ניט אָן ביים נאָמען. זיין תלמיד, דער בעל „תולדות יוסף״, גיט אָבער איבער, אַז דעם בעש״טס רבי איז געווען דער נביא אחיה השלוני אוים שלמה המלכס צייטן, וואָס פלעגט קומען צו אים אין חלום אויפדעקן פאַר אים טיפע מיסטישע סודות. אין דעם בעש״טס תורה געפינען מיר אָבער די שטאַרקע השפּעה ניט פון דעם כמעט אומבאַקאַנטן נביא אוים די אַלטע ביבלישע צייטן, נאָר פון דעם צפתער מיסטיקער, דעם אר״י. דער אר״י איז געווען דער מאַן מיטן אָפענעם אויער, וואָס האָט אין יעדן קלאַנג און באַוועגונג, אין דעם ציטער פון דער כוואַליע, אין דעם צאַפּל פון א בלאַט און שטילן געפליסטער פונם אייער אויפן ברעג, אפילו אין די שטומע פאַר־שטאַרטע שטיינער — איבעראַל האָט ער פאַרנומען דעם מעכטיקן אָטעם פונם אומשטערבלעכן לעבן, אומעטום געשפּירט לעבעדיקע נשמות, וואָס בעטן וועגן „תיקון״, מען זאָל זיי באַפרייען פונם ענגן געפענגעניש, אויס־לייזן פון דעם שרעקלעכן כישוף — פון די שטיקנדיקע בענדער, אין וועלכע עס האַלט זיי איינגעקלאַמערט דער טויטער און פאַרמלאָזער חומר [2]. דאָס איז אויך געווען דעם בעש״טס אני מאמין. אַלץ איז די אַנטפּלעקונג פון גאָט. די אומענדלעכע קייט פון דערשיינונגען זיינען בלויז פאַרשיידענע פילפאַרביקע לבושין פון דער איינציקער גאָטהייט. „בכל דבר יש עולמות נשמות אלהות״, לערנט דער בעש״ט — אין יע־דער זאַך זיינען פאַראַן גאַנצע וועלטן געטלעכע נשמות. גאָט איז אין אַלץ, וואָס עקזיסטירט. יעדע זאַך, וואָס דער מענטש באַנוצט און גע־ניסט, לערנט דער בעש״ט, איז ער דערמיט מתקן די „ניצוצות״, די געט־לעכע פונקען, וואָס געפינען זיך אין דער דאָזיקער זאַך, וואָרעם אָן דעם „ניצוץ״, אָן דעם פונק פון רוחניות — לא היה שום קיום לאותו דבר, וואָלט דאָך קיין זאַך קיין קיום ניט געקאָנט האָבן. און טאַקע דערפאַר דאַרף דער מענטש זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס ליבע צו יעדער זאַך, וואָס ער באַרירט און באַנוצט, ווייל אין איר זיינען דאָך באַהאַלטן די „ניצוצי־

---

1 דגל מחנה אפרים, פ׳ יתרו.

2 זע אונזער ווערק, ב׳ IV, 323.

הקדושות" 1. און אין פאעטישער פארם שילדערט דער בעש"ט, ווי יעי דער „ניצוץ", וואס געפינט זיך אין דעם געוויקס אדער אין א „דומם", איז ווי א באשעפעניש, וואס איז פארשפארט אין „בית־האסורין" — אין געפענגעניש, קאן נעבעך מיט קיין האנט און קיין פוס ניט רירן, נאר ליגט צונויפגעקארטשעט דעם קאפ צווישן די קני. און ווער עס איז אימשטאנד צו דערהייבן מיט זיין גוטער מחשבה דעם ניצוץ פונם „דומם" אדער פונם געוויקס צו דער מדרגה פונם „חי מדבר" — ברענגט ער דאך דערמיט דעם ניצוץ מעבדות לחירות, פון קנעכטשאפט צו פריי־הייט, און קיין גרעסער פדיון שבוים קאן גאר ניט געמאלט זיין אויף דער וועלט 2. דער מיטלעלטערלעכער „פרק שירה" 3, ווו יעדע באשע־פעניש טוט זינגען איר לויבליד דעם איינציקן באשעפער, איז פארן בעש"ט פול מיט טיפן באטייט. אפילו דער ווארעם — דערקלערט דער בעש"ט — טוט דינען דעם בורא יתברך מיט זיין גאנצן כח און פארשטאנד" 4.

דאך איז א גרויסער אונטערשייד צווישן דעם בעש"ט און דעם אר"יס אידעען־וועלט. שוין איינער פון די ערשטע היסטאריאגראפן פון חסידות, דער בעל „סדר הדורות החדש", מענדל באדעק, האט אנגעוויזן: אונזער רבי דער בעש"ט איז נאכגעגאנגען דעם אר"י צו אנטפלעקן די גאטהייט אין דער דאזיקער נידעריקער ערדישער וועלט אין איטלעכן פרט באזונדער. דאס, וואס דער אר"י ז"ל האט מגלה געווען, איז דאס נוגע די הימלישע וועלטן און די אייבערשטע געליכטער, און ניט יעדער מוח איז אימשטאנד משיג צו זיין, וואס עס גייט פאר אין די געוואלדיקע הייכן; און דער בעש"ט האט אנטפלעקט די גאטהייט דא אויף דער ערד, בפרט אין דעם אונטערשטן מענטשן, ביי וועלכן עס איז ניטא קיין איין אבר און קיין איין קראפט, וואס זאל ניט זיין קיין לבוש פאר דעם געטלעכן כח, וואס איז אין אים פארבארגן... אין די פריערדיקע דורות האבן זיך מיט גאטס תורה פארנומען די רבנים און גרויסע לומדים, אבער די מענטשן פונם פראָסטן פאלק, וואס זיינען געווען פארטאן אין דאגות פרנסה, האבן די תורה ניט פארשטאנען און פון איר ניט גענאסן, זיינען זיי געגאנגען אין פינסטערניש, ווייל זיי האבן ניט געקענט לערנען די תורה, ארייננדרינגען אין אירע געמעכער... האט דער רבונו של עולם

1 צואת הריב"ש 9.

2 כתר שם טוב, ז׳ 22, 25.

3 דער אלטער מענדעלע האט איבערגעארבעט (1875) דעם „פרק שירה" אויף יידיש.

4 צואת הריב"ש, 2.

מיט זיין פול געגאַר אָראָפּגעשיקט פאַר אונז אַ מלאך פון הימל, דעם בעש״ט ז״ל, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג פון חסידות אויף דער וועלט, דעם וועג, וואָס דער מענטש זאָל גיין אין אים, אויך בעת ער איז שטאַרק פאַרטאָן אין זיינע דאגות [1].

אָבער ניט בלויז אין דעם גייען זיך פונאַנדער די וועגן פון דעם אר״י און דעם בעש״ט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן [2], ווי אין דעם כוואַ־ליעס־געברויש פון דעם נילוס האָט דעם אר״יס אויער פאַרנומען די טרוי־עריקע עפּאָפּעע וועגן אַ מוראַדיקער צאָל וועלטן, וואָס קומען אום אין די נעצן פון שלעכטס. אין טויטלעכער געפאַר געפינט זיך אויך אונזער וועלט, וואָרעם פון אַלע זייטן שטראָמען אויף איר די כישוף־כוחות פון זינד און שלעכטס; מען מוז גלייך צערייסן דעם געפערלעכן כישוף־קרייז, באַפרייען דעם געפאַנגענעם גייסט פון די מאַטעריעלע „קליפּות״, וואָס קלאַמערן אים אַרום פון אַלע זייטן. און ער, דער איינזאַמער פּרוש אויף די ברעגן פונם נילוס, ער מוז דאָס פאַרווירקלעכן, ער מוז זיין דער באַפרייער, קעמפן קעגן דער „סטרא אחרא״ מיט השבעות און מאַגישע „שמות״; מיט סיגופים און תעניתים מכפּר זיין די זינד פון דער וועלט, דערנעענטערן דעם „קץ״, דעם ליכטיקן טאָג פון ביאת המשיח... גאַנץ אַנדערש דער בעש״ט. ער האָט געוואָלט צערייסן דאָס בליי־שווערע מרה שחורה־געוועלב, וואָס איז געהאַנגען איבער דער יידי־שער גאַס, פאַרטרייבן די פינסטערע גייסטער פון שרעק און אימה, וואָס האָבן געוועלטיקט אינם וועלטבאַנעם פון דעם „קב הישר״ און דעם „שבט מוסר״. אַלס לייכטשטערן און וועגווייזער אין דעם „עולם הזה״־פּראָבלעם האָט ביים בעש״ט געגאָלטן ניט דער אר״י, נאָר דער שוין אויבן דער־מאָנטער רמב״ן. ער האָט ניט געוואָלט גיין אויפן וועג פון אַסקעזע, זיך פאַרהאַלטן מיט ביטול און פאַראַכטונג צו דעם „זינדיקן״ עולם הזה. ביי אים זיינען, ווי ביי דעם רמב״ן, געווען טייער און ליב אַלע אַנט־פּלעקונגען פון דעם אַרומיקן, ערדישן. וואָרעם אויך אין דער ערדישער וועלט, אין יעדן צאַפּל און ציטער פונם לעבן האָט דער בעש״ט, ווי בשעתו דער מיסטיקער פון געראָנע, געזען דעם פאַרבאָרגענעם סוד פון געטלעכער אומדערגרינדבאַרער חכמה [3]...

זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דעם בעש״טס לערע

1 מענדיל באָדעק, סדר הדורות החדש, 3—4 (מיר ציטירן לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע, 1865). זע אויך דברי צדיקים, 45 (לובלינער אויסגאַבע 1899).

2 אונזער ווערק, ב׳ IV, 323 א״וו.

3 זע אונזער ווערק, ב׳ III, 30—32.

זוענן דער ראַלע, וואָס די תפילה שפּילט אין דעם מענטשנס לעבן. מיר האָבן שוין מערערע מאָל אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר א התלהבות די יידישע מיסטיקער שטרייכן אונטער דעם גרויסן באדייט פון דער תפילה. שוין אין דעם זוהר פארנעמט דער „סוד התפילה" א באזונדער בכבודיקן אָרט. יעדעס וואָרט אין דער תפילה לעבט, לויט דעם וועלטבאנעם פון זוהר, א באזונדער לעבן, איז פול מיט טיפן באטייט, לייטערט און דער־הייבט די נשמה צום קוואל פון ליכט און שיינקייט. אויך דער בעש״ט זעט אין דער תפילה די טיפסטע מיסטעריע. „התפילה היא זווג עם השכינה"[1], „התפילה שהיא אבר השכינה"[2], „צלותא שהיא השכינה"[3]. דער עיקר און דער תמצית פון דער תפילה, וואָס גיסט־זיך אויס די טיפעניש פונם הארצן, איז צו באהעפטן זיך מיטן ליכט פונם אין־סוף. דער מענטש האָט גאָר קיין באגריף ניט, אז מיט זיין תפילה ברענגט ער א שֶפע פאר אַלע וועלטן און אויך די מלאכים ווערן געשפייזט דורך זיין תפילה[4]. וויסן דארף דער מענטש, אז „מהמעין העליון", פון דעם געט־לעכן קוואל שטראָמט שטענדיק די שפע, וואָרעם דער מהות פון דעם געטלעכן קוואל איז: משפיע זיין גוטסקייט און לייטזעליקייט אויף אַלע זיינע באשעפענישן. דער מקבל דארף אָבער ראוי זיין אויפצונעמען די געטלעכע שפע, און ווען דער מענטש טוט מתפלל זיין, דעמאָלט ווערט ער דער פאסנדיקער „צינור" (קאנאַל) פאר דעם געטלעכן קוואַל, און עס שטראָמט דורך אים די געטלעכע שפע אויף אים און פאר דער גאנ־צער וועלט (ולכל העולם כולו)[5]. דער מענטש, וואָרנט דער בעש״ט, דארף מיט זיין תפילה ניט באצוועקן קיין „תועלת גשמית", קיין פער־זענלעכן מאטעריעלן נוצן, וואָרעם דערמיט, וואָס ער ברענגט אריין אין רוחניות וואָכעדיקע מאטעריעלע תביעות, שאפט ער א מחיצה צווישן זיך און דער שכינה[6]. און דער בעש״ט דערציילט דערביי א משל אין פאָרם פון א פירוש אויף דעם פסוק: תפילה לעני כי יעטוף ולפני ד׳ ישפך שיחו. אמאָל האָט דער מלך אין טאָג פון זיין גרויסער פרייד אַרויסגעגעבן א באפעל, אז יעדער פון די איינוואוינער קאָן קומען מיט זיין ווונטש און יעדערנס ווונטש וועט גלייך דורכן מלך דערפילט ווערן. איינער האָט געפאָדערט מאכט און כבוד, אַן אנדערער רייכטום, און יעדערנס ווונטש

1 צואת הריב״ש, 5.
2 תולדות י״י, ויקרא.
3 דארשן, ויצא.
4 כתר שם ס״ב, 16.
5 כתר שם ט״ב, 24
6 צואת הריב״ש, 5

איז דערפילט געוואָרן. האָט זיך אָבער געפונען איינער אַ חכם, און יענער האָט געזאָגט, אַז זיין איינציקער ווונטש און באַגער איז בלויז, ער זאָל דריי מאָל אין טאָג פערזענלעך ריידן מיטן מלך. איז דאָס דעם מלך זייער געפעלן געוואָרן, וואָס ביי יענעם איז אַ פערזענלעכע אונטערהאַלטונג מיטן מלך טייערער פון רייכטום, מאַכט און כבוד. האָט ער באַפוילן, מען זאָל פאַר דעם דאָזיקן מאַן זיין קיניגלעכן פּאַלאַץ עפענען און ער קאָן מיט אים ריידן, ווען ער וויל. דאדורך האָבן זיך פאַר אים געעפנט אַלע קיניגלעכע אוצרות, אַלע רייכטימער פון דער וועלט 1.

די תפילה דאַרף געטאָן ווערן מיט כוונה און דביקות, מיט התפשטות הגשמיות, מיט פרייד און מיט פּאַטאָס 2. מען דאַרף כּלל זיך ניט רעכענען דערמיט, טאָמער שפּאָטן דערפון אָפּ די, וואָס זעען דאָס צו. „אַז אַ מענטש טרינקט זיך אין טייך, מאַכט ער דאָך דערביי כּלערליי באַוועגונגען, כּדי זיך אַרויסצורייסן פון די וואַסערן, וואָס פאַרפליצן אים, און די, וואָס זעען דאָס צו, וועלן דאָך געוויס ניט לאַכן פון אים און פון זיינע תנועות. אַזוי איז אויך ניטאָ וואָס צו לאַכן פון דעם, וואָס מאַכט תנועות ביים דאַווענען, וואָרעם ער ראַטעוועט זיך אַרויס פון די שטורעמדיקע וואַסערן, — דאָס זיינען די קליפּות און די מחשבות זרות, וואָס קומען אים מבטל זיין פון זיין כוונה בשעת דאַווענען״ (לקוטים יקרים דף 14, עמ׳ ב׳). און דער „שבחי הבעש״ט״ דערציילט, אַז דער בעש״ט איז אַמאָל ביים דאַווענען אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז אין דעם צימער זיינען געשטאַנען פולע פעסער מיט תבואה, האָבן די פעסער מיטגעטאַנצט. דער בעש״ט ווייסט אָבער צו דערציילן אויך וועגן אַן אַנדער סאָרט תפילה. צייטנווייז,—דערקלערט דער בעש״ט,—איז אַ מענטש מתפּלל פאַר גאָט און מאַכט דערביי קיין שום באַוועגונג ניט, און אַ זייטיקער מענטש קאָן מיינען, אַז יענער איז אינגאַנצן אָן דביקות, — און דאָך איז דאָס די העכסטע מדרגה: דאָס דאַוונט עס דעם מענטשנס נשמה אַליין, דאָס איז אַן אינעווייניקסטע תפילה, וואָס ציט זיך מיט דער גרעסטער ליבע צו גאָט דעם באַשעפער; דאָס איז די העכסטע שטאַפּל פון דביקות, אָן אַ כּמה שהוא פון גשמיות 4. ווי ביי ברענענדיק האָלץ, — דערקלערט אַן אַנדערש כּאָל דער בעש״ט, — שטייגט בלויז דער פלאַם אין די הימלען, די שווערע טיילן אָבער בלייבן אין דער געשטאַלט פון אַש, קאַלט און גרוי, אַזוי דערהייבט זיך אויך בשעת דער תפילה

---

1 תולדות, פ׳ ויגש.

2 צוואת הריב״ש, 9.

3 דאָרטן, 9.

4 צוואת הריב״ש, 8—9; כתר שם טוב, 26.

בלויז די התלהבות און די דביקות פונם מענטשן, די ווערטער אָבער — זיי צעשיטן זיך ווי אַש. און דאָך, שטרייכט דער בעש״ט מערערע מאָל אונטער, איז די תפילה נ י ט דער איינציקער וועג פאַר דער באַהעפטונג פון דעם מענטשן מיט זיין באַשעפער. יש יחודים בדיבור, לערנט דער בעש״ט, מען קאָן אויף פ אַ ר ש יי ד ע נ ע אופנים באַהעפטן זיך מיט דער הילף פונם וואָרט מיטן באַשעפער: „הן בדיבור תורה ותפילה״, אָבער אויך „בדיבור עם חבר בשוק״ — מיט ווערטער, וואָס מען רעדט מיט אַ באַקאַנטן אין מאַרק. „יש יחודים בכל דבורים וספור גשמיים — מען קען זיך באַהעפטן מיט גאָט אפילו מיט די פשוטסטע מעשיות, ויש שמתפלל בעת שמדבר עם חבירו דברים גשמיים — איינער איז אַמאָל מתפלל אפילו דערמיט, וואָס ער רעדט מיט זיין חבר גשמיותדיקע רייד [1]. ניט בלויז דורך „דיבור דקודש״, נאָר אויך „על ידי דיבור זול״ — דורך פשוטע וואָכעדיקע ווערטער, וואָס מען רעדט מיטן חבר אין גאַס, קאָן מען זיך דערהייבן צו די הויכע געטלעכע מדרגות [2]. אַלץ, וואָס דו ביסט בכוח צו טאָן — לערנט דער בעש״ט — דאַרפסטו דערפילן, דו דאַרפסט אָבער די מאַטעריעלע גשמיותדיקע מעשים לייטערן דורך דער מחשבה, באַהעפטן זיי מיטן באַשעפער (שהוא יחוד הקב״ה) [3]. כי האדם הוא סֻלם, — פירט ווייטער אויס דער בעש״ט, — דער מענטש איז אַ לייטער, וואָס שטייט מיט די אונטערשטע שטאַפּלען אויף דער ערד און איז באַשטימט „לעשות מעשה ארציות בגשמי״ — וראשו מגיע השמימה, און דער שפּיץ דערגרייכט אָבער די הימלען, דער קאָפּ קאָן מיט דער מאַכט פון דער מחשבה דערהייבן די פשוטע גשמיותדיקע זאַכן אין די הויכע הימלען [4].

מיר האָבן געזען [5], ווי שטרענג די „נשמתא דמשנה״ טוט וואָרענען איר „געליבטן זון״, ר׳ יוסף קארו, ער זאָל אפילו אויף איין מינוט ניט מפסיק זיין פון לערנען תורה, וואָרעם גאַנצע וועלטן ווערן דורכדעם חרוב. אַ גאַנץ אַנדער טעזיס שטעלט ארויס דער בעש״ט. דעם מענטשן קומט דאָך אַזוי אָפּט אויס צו ריידן מיט אַנדערע מענטשן, און איז זיך דורכדעם מבטל פון לערנען, אָדער ער געפינט זיך אונטער־וועגס און קאָן ניט דאַווענען און תורה לערנען, — זאָל ער דערפון קיין צער

1 תולדות, פ׳ 29.

2 כתר שם טוב, II, 23.

3 תולדות, פ׳ וירא; דאָרטן פ׳ וישב; דאָרטן פ׳ בהר.

4 דאָרטן פ׳ ויצא.

5 אונזער ווערק, ב׳ IV, 287.

ניט האָבן, ווארעם „השי״ת רוצה שיעבדו אותו בכל האופנים״, אמאָל אויף אזא אופן און אמאָל אויף אַן אנדערן אופן 1, אמאָל דורך לערנען, און אמאָל דורך פּשוטע זאַכן, „אפילו באכילה ושתיה ושאר דברים גשמיים״. דער מענטש דאַרף נאָר געדענקען און דורך זיין גאַנץ טאָן און טראַכטן דאַרף ער באַהעפטן אַלץ, וואָס עס עקזיסטירט אין דער וועלט, מיט גאָטס נאָמען, ווארעם עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין אויסער אים און אויסער זיין אײנציקייט. הכלל, דער מענטש דאַרף שטענדיק געדענקען דעם „סוד אחדותו יתברך״, אז „הוא והם הכל אחד״, און יעדע „מעשה גשמי״, וואָס דער מענטש טוט, דאַרף ער בכוח המחשבה פאַרבינדן מיט „קב״ה ושכינתיה״. און דער בעש״ט דער־ציילט דערביי אַ משל וועגן אַ בן מלך, וואָס דער פאָטער זיינער האָט אים אוועקגעשיקט אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, בכדי דער זון זאָל דערנאָך מיט גרוים בענקשאַפט גלוסטן צוריק צו דעם מלכס פאַלאַץ. איז אָבער דער זון אין דער דאָרפישער סביבה פאַרגרעבט געוואָרן, האָט אַלץ נאָכגעטאָן הן אין הלבשה, הן אין התנהגות די אַרומיקע פויערים, און אין דער פראַכט פונם קיניגס פאַלאַץ האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. אין אַ צייט אַרום האָט דער מלך געשיקט זיינע שרים נאָכן זון, זיי זאָלן אים צוריק צום פאָטער ברענגען, — האָט יענער אָבער ניט געוואָלט צוריק־קומען. האָט דער מלך געשיקט איין שר גרעסער פונם אנדערן צו ברענגען דעם זון, זיי האָבן אָבער ביים בן מלך ניט געקאָנט פועלן, ער זאָל דאָס דאָרף פאַרלאָזן און צום מלך צוריקקערן. האָט זיך אָבער געפונען איין קלוגער שר, האָט ער אויסגעטאָן זיינע רייכע בגדים, גענומען אויף זיך אָרעמע דאָרפישע קליידער, געקומען צום בן מלך און גערעדט מיט אים אויף זיין פאַרגרעבט פויעריש לשון, — איז ער דעם בן מלך געפעלן, ער האָט אין אים דערזען זיין גלייכן, און אזוי אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף אַ פשוטע מדרגה איז דעם שר געלונגען דעם בן מלך צוריק־צו ברענגען אין דעם קיניגלעכן פאַלאַץ 2.

דער בעש״ט וואַרפט דערפאַר אַנטשיידן אָפּ דעם וועג פון אַסקעזע. עס זיינען — זאָגט דער בעש״ט — פאַראַן צוויי אַרטן דאָקטוירים: איינע היילן מיט ביטערע געטראַנקען, אַנדערע אָבער, און די זיינען די בעסערע, זיי היילן מיט געטראַנקען, וואָס זיינען „פון האָניק זיסער״ 3. דער בעש״ט גופא געפינט אויך, אַז מען דאַרף היילן מיט זיסע געטראַנקען, „סיגופים

---

1 צוואת הריב״ש, 1; לקוטי יקרים, דף 15, עמ׳ א׳.

2 תולדות, פ׳ אמור.

3 תולדות, בײלאַגע צום שלום.

גורמים עצבות", — דערקלערט דער בעש"ט; "אין צורך לעשות סיגופים", — מען דאַרף זיך ניט פּײַניקן. דאָס רעדט עס אָן דער יצר הרע דעם מענטשן צו זײַן אין עצבות [1]. דורך תעניתים, סיגופים און שטענדיקן לערנען, ווײַזט אָן דער בעש"ט, פֿאַלט דער מענטש אַרײַן אין עצבות און איז מלמד חוב אויף אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס זײַנען זיך ניט אַזוי נוהג ווי ער און פֿאַרגעסן אין דעם אײביקן לעבן (ומניחין חיי עולם), — אָט דאָס איז די רפֿואה דורך די ביטערע געטראַנקען. "והעיקר להסיר העצבות ולאחוז בשמחה", — חזרט דער בעש"ט מערערע מאָל איבער, — דער עיקר איז אַרױסצוּוואַרפֿן פֿון זיך די עצבות און זײַן אין פֿרײלעכער שטימונג. "ווען דער גוף איז אָפּגעשוואַכט, ווערט דורכדעם אָפּגעשוואַכט אויך די נשמה, לכך צריך האדם לשמור בריאת גופו מאוד [2]. יעדעס מאָל דערמאָנט ער זײַנע תלמידים, אַז אכילה ושתיה איז אויך אַ גאָטעסדינסט, און דעם תענוג גשמי קאָן מען דערהייבן צו דער מדרגה פֿון געטלעכן תענוג [3]. דורכדעם, וואָס דער חומר (דעם מענטשנס גוף) זעטיקט זיך אָן באכילה ושתיה, גיט ער ד"ים מענטשן די מעגלעכקייט אויך צו געניסן די גײַסטיקע פֿרייד (לשמח בשמחת נפש); אָט אַזוי ווערט דער חומר (הקליפּה) אַ שטול פֿאַר דער קדושה, דער חומר ווערט בכן דערהייבן צו דער מדרגה פֿון צורה (רוחניות) — ונעשה מהחומר צורה, ווערט דאָס קערפּערלעכע אין גײַסטיקן פֿאַרוואַנדלט. הכל טוב, ואין הפרש בין החומר והצורה [4]. ווען אַ מענטש — זאָגט דער בעש"ט — פֿאַסט אַפֿילו פֿון שבת צו שבת, און אויב עס קאָן אים נאָר קומען אויפֿן געדאַנק, אַז ער טוט דערמיט אַ גרויסע זאַך, וואָס ער פֿאַסט תעניתים — פֿאַלט ער גלײַך אַרײַן אין דער סטרא אחרא [5].

אין דער צײַט פֿונם בעש"ט, דערציילט אַ לעגענדע, איז געווען אײנער, וואָס האָט געפּראַוועט סיגופים און איז געלאָפֿן יעדעס מאָל אין מקווה אַרײַן, בכדי ער זאָל דערגרייכן די מדרגה פֿון רוח־הקודש. האָט דער בעש"ט אויף אים געזאָגט בזה הלשון: אין יענער וועלט (בעולם התמורות) לאַכט מען פֿון אים [6]. די תלמודישע מימרא "הרבה עשו

---

1 לקוטי יקרים, דף א' עמ' ב'.

2 כתר שם טוב, 26; צוואת הריב"ש, 9; לקוטי יקרים, 16: כאשר גופו חולה גם נשמתו נחלשת.

3 כתר שם טוב, II, 6; תולדות, פ' וארא.

4 תולדות, פ' בא.

5 כתר שם טוב, 25.

6 אור המאיר, פ' וירא.

כר׳ שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם״, — דערקלערט דער בעש״ט אויף אזא אופן: ווייל זיי האָבן געוואָלט דורך סגופים און תעניתים דערגרייכן די מדרגה פון רשב״י, דערפאַר איז זיי דאָס ניט יעלונגען. אָבער אייך ר׳ שמעון בן יוחאי, — ווייזט אָן דער בעש״ט, — בעת ער איז ארוים מיט זיין זון פון דער הייל, אין וועלכער זיי זיינען אזוי פיל יאָר געווען באהאלטן, און האָט דערזען, אז די מענטשן „מניחין חיי עולם ועוסקים בחיי שעה״, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָט די וועלט געשאָלטן, ווייל ער האָט גערעכנט, אז היילן קאָן מען בלויז מיט „ביטערע געטראַנקען״, ד״ה, אז גאָט דינען קאָן מען בלויז מיט תורה, תפילה, תעניתים, געוויין און דאָסגלייכן. איז דעמאָלט ארויס א בת־קול און האָט אויסגערופן: איר ווילט עס די וועלט חרוב מאַכן — חזרו למערתכם, קערט צוריק אין אייער הייל! זיינען זיי דאָרט פאַרבליבן נאָך גאַנצע צוועלף חדשים, און ערשט דעמאָלט האָבן זיי קענען געלערנט דעם ריכטי־קערן וועג, אז מען דאַרף היילן מיט די „זיסע געטראַנקען״, דאָס איז דער וועג פון רחמים, וואָס לערנט, אז דעם ש״י קאָן מען דינען „בכל פרטי מעשי האדם״, דורך אַלע מענטשלעכע מעשים [1]. עס שטייט: קול באשה ערוה, — ווען אָבער די שטים פון דער אשה העלפט מיט „להסיר העצבות״ — ווערט זי דערהייבן פון איר נידעריקער מדרגה... אין דעם בעש״טס אויפגעהיטן בריוו, וואָס ער האָט געשיקט זיין תלמיד דעם פּולונער רב יוסף הכהן אלס ענטפער אויף יענעמס שרייבן, מעלדעט דער בעש״ט, אז ער האָט מיט גרויס פאַרדרוס געלייענט זיין תלמידס דערקלערונג, אז „ער מוז פּראַווען תעניתים״ (מוכרח להתענות). דער בעש״ט בעט אים, ער זאָל זיך ניט ברענגען אין אזא סכנה, ווייל דאָס איז „מעשה מרה שחורה ועצבות״, און די שכינה רוט ניט אין עצבות „רק מתוך שמחה של מצוה״ [2]. האָט מען דעם בעש״ט געפרעגט: מהו עיקר העבודה? האָט ער דערויף געענטפערט: איך בין געקומען וויזן אן אנדער וועג, דער מענטש זאָל וויסן, אז ער דאַרף אויף זיך נעמען דריי זאַכן: אהבת ד׳, אהבת ישראל ואהבת התורה, און סגופים דאַרף מען ניט האָבן [3].

עס פאַסירט גאַנץ אָפט, — לערנט דער בעש״ט, — אז דוקא אַזעלכע וואָכעדיקע זאַכן, ווי עסן און טרינקען אָדער עסק משא ומתן, וואָס ברענגען צו ביטול תורה, דערפרישן אזוי שטאַרק די נשמה, אז זי ווערט דאַדורך ערשט מסוגל צו דערגרייכן די

---

1 תולדות, פ׳ ויצא; דאָרטן, ביילאַגע צום שלוס.

2 הורודעצקי, החסידות והחסידים I, 38.

3 דאָרטן.

העכסטע מדרגה פון דביקות [1]. זאָל דערפאַר דער מענטש ניט אראָפּפאַלן ביי זיך: „אם יזדמן לו איזה ביטול תורה“, — חזרט איבער דער בעש“ט. דער „שבחי הבעש“ט“ דערציילט, אז ווען מען האָט אַמאָל דעם בעש“ט געוויזן אַ קמיע, וואָס אַ פרומער מקובל האָט זי געשריבן „בעודו במקוה ובתענית“, האָט דער בעש“ט מיט אַ שמייכל געזאָגט: און איך וועל אָנשרייבן אַזאַ קמיע גלייך נאָכן עסן, זיצנדיק אויפן בעט [2]. ער האָט געהאַט דעם מוט צו דערקלערן זיין דור, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דער דריקנדיקער, פאַרמרה־שחורהטער אַטמאָספער פון דעם „קב הישר“ און „נהלת צבי“, אַז ווען עס שטאַרקט זיך די מרה־שחורות אינם מענטשן, „דאַרף ער זיך האַלטן אין דער מידה פון רשעים“ — ער דאַרף עסן און טרינקען און זיך לאָזן וואויל טאָן [3]. און דער בעש“ט דערציילט, ווי זיין שטייגער איז, אַ משל וועגן אַ בן מלך, וואָס האָט געלעבט צווישן פאַרגרעבטע דאָרפסלייט. באַקומט ער אַ ליבע־בריוו פון זיין פאָטער דעם מלך, איז ער אויסער זיך פאַר פרייד; ער שעמט זיך אָבער אַרויסצוווייזן זיין גרויסע פרייד פאַר די אַרומיקע, — האָט ער צונויפגערופן די דאָרפסלייט און זיי מכבד געווען מיט וויין. האָבן זיי זיך געפרייט אויף זייער שטייגער און ער, דער בן מלך, האָט זיך געפרייט „בשמחת אביו“ [4]... און דער בעש“ט איז געווען ניט בלויז אַ נאה דורש, נאָר טאַקע אויך אַ נאה מקיים: ער פלעגט זיינע מקורבים משמח זיין מיט וויין און זיי פלעגן זיך לאָזן אין פריידיקן טאַנץ אַרום זייער רבין, דעם בעל שם. וועגן איינעם פון אַזעלכע פריידיקע „רקודים“ אין דעם בעש“טס וווינונג דערציילט דער „שבחי הבעש“ט“: איינמאָל אין שמחת תורה האָבן דעם בעש“טס „אנשי סגולה“ זיך שטאַרק משמח געווען, האָבן געטאַנצט און געטרונקען פיל וויין פון דעם בעש“טס קעלער. האָט דעם בעש“טס ווייב, די צדקנית, געזען, אַז די חסידים וועלן ניט איבערלאָזן קיין וויין אויף קידוש און הבדלה, איז זי אַריינגעגאַנגען צום בעש“ט און געבעטן, די חסידים זאָלן אויפהערן טרינקען און טאַנצן, אַניט — בלייבט ער אָן וויין אויף קידוש און הבדלה. זאָגט דער בעש“ט מיט אַ שמייכל: ביסט טאַקע גערעכט, גיי זאָג זיי, זיי זאָלן אויפהערן און גיין צו זיך אהיים. האָט זי געעפנט די טיר צום צימער, ווו די חסידים האָבן געטאַנצט אַ ראָד, און דאָס טאַנצן איז געווען מיט אַזאַ התלהבות, אַז זי

1 כתר שם טוב, 5.

2 שבחי הבעש“ט, 31.

3 כתר שם טוב, II, 2.

4 דאַרטן, II, 25.

האָט ממש געזעען, ווי עס ציט זיך אַרום זיי אַ פייערדיקע שנור; האָט זי גלייך די כלים געגומען, אַליין אין קעלער געגאַנגען און געבראַכט זיי וויין, ווי פיל זיי האָבן געוועלט. פרעגט זי דערנאָך דער בעש״ט: האָסטו זיי געזאָגט, זיי זאָלן זיך גיין? — „דו וואָלסט זיי דאָס אַליין באַדאַרפט זאָגן״, — האָט די צדקנית אים געענטפערט 1...

ווען איינער,—ווייזט אָן דער בעש״ט,—דערציילט דעם אַנדערן פּשוטע ספּורי מעשיות, נאָר ער פאַרטרייבט פון אים דערמיט די עצבות — איז דאָס דער גרעסטער יחוד (באַהעפטונג מיט גאָט) 2, וואָרעם גאָט דינען קאָן מען נאָר מיט שמחה. „ויהיה תמיד בשמחה״, „להרחיק את עצמו מעצבות ויהיה לבו שמח בו״, „זאָל דער מענטש תמיד זיין אין פרייד און גלויבן באמונה שלמה, אַז די שכינה איז מיט אים״ 3—ווערט דער בעש״ט ניט מיד צו דערמאָנען; און ער ברענגט מערערע מאָל דעם מדרש וועגן צוויי פּשוטע בדחנים, וואָס פאַר זיי איז אָנגעגרייט געווען „עולם הבא״ דערפאַר, „שהיו מפקיחין צער האדם על ידי מלתא דבדיחותא״, וואָס זיי האָבן דורך גלייכווערטלעך פאַרטריבן דעם צער פונם מענטשן און דאַדורך דערהייבן דעם מענטשן צו דביקות 4. דער וועג פון אַסקעזע, געפינט דער בעש״ט, איז אַ געפערלעכער וועג, וואָס דערווייטערט גאַנץ אָפט דעם מענטשן פון אמתער עבודת הבורא. דאָס רייצט עס דער יצר הרע אָן דעם מענטשן און וואַרפט אויף אים אָן אַ מורא, טאָמער איז ער ניט יוצא, און דאַדורך פאַלט דער מענטש אַריין אין עצבות (לקוטי יקרים, 1), און עצבות איז אַ גרויסע מניעה לעבודת הבורא יתברך. ווען אפילו דער מענטש האָט געטאָן אַן עבירה — „לא ירבה בעצבות״, און ווייל ער האָט חרטה מיטן גאַנצן האַרצן, „יחזור לשמוח בהבורא יתברך״ 5. זיי ניט צו פרום און זיי ניט אַ צו גרויסער מחמיר, חזרט מערערע מאָל איבער דער בעש״ט. ווער עס איז מקיים, לערנט דער בעש״ט, בלויז איין מצוה, נאָר מיט כוונה און מיט גרויסער ליבע און דביקות, איז גלייך ווי ער האָט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה 6. און דער „שבחי הבעש״ט״ דערציילט פילע מעשיות וועגן דעם, אַז דער בעש״ט איז געווען אַ מקיל אין ריטועלע פראַגן, און ווען, אַשטייגער,

---

1 שבחי הבעש״ט, 13.

2 כתר שם טוב, 11.

3 צוואת הריב״ש, 12.

4 כתר שם טוב, 5; תולדות, פ׳ ויצא.

5 צוואת הריב״ש, 4.

6 תולדות, פ׳ יתרו; כתר שם טוב, 13.

א שוחט האט געקוילעט א בהמה און דערקלערט, אז זי איז טריף, האט דער בעש"ט, וואס האט אליין א שטיקל צייט זיך פארנומען מיט שחיטות, רויק געהייסן אפשניידן א שטיק פלייש און לאזן אפבראטן פאר זיך [1].

בטחון, ניט יראה,—לערנט דער בעש"ט,—דארף זיין דער וועגפירער פונם מענטשן. „מקום שיש יראה אין גילה" [2]. דארט ווו יראה, קאן קיין פרייד ניט זיין און דער ציטער פון פרייד ברענגט צו אמתער יראת שמים. ווער עס לעבט מיט בטחון און גלויבט פעסט אין דער לייטזעליקייט פון גאט, דער לעבט אין דער „ספירה של חסד"; דער אבער, וואס האט שטענדיק מורא פאר גאטס שטראף, דער באהעפט זיך דערמיט אליין מיט דער ספירה פון שטרענגען דין, און דאס אליין קאן אים, חס-ושלום, ברענגען צו שלעכטן [3]. דערפאר איז זיך דער בעש"ט שטארק מתרעם אויף די דרשנים, וואס טוען, ווי דער בעל „קב הישר", איינשרעקן דעם עולם מיט פחדימדיקע שטראף. אמאל, — דערציילט דער „שבחי הבעש"ט", — ווען דער בעש"ט האט שבת געהאלטן אין נעמירוב, האט דארטן א בעל-דרשן אין שול שטארק געשטראפט דעם עולם, געלארעמט, פארוואס יידן זיינען ניט מקיים ווי געהעריק אלע מצוות און געבאטן. האט דאס דעם בעש"ט שטארק פארדראסן און ער האט געזאגט, אז דער דאזיקער בעל-דרשן איז „מלשין על ישראל" — רעדט מסירות אויפן פאלק ישראל. האט מען וועגן דעם דערציילט דעם בעל-דרשן, אין יענער אויפן אנדערן טאג געקומען צום בעש"ט, האט זיך פאר אים פארגעשטעלט און געפרעגט, פארוואס ער איז אין כעס אויף אים. איז דער בעש"ט גלייך פון ארט אויפגעשפרונגען, טרערן האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און אים געזאגט: דו רעדסט שלעכטס אויף יידן. זיי וויסן, ווען א פשוטער ייד דרייט זיך ארום דעם גאנצן טאג אויפן מארק און פארנאכט, אז ער דערמאנט זיך פלוצלינג: ווי איז מיר! איך קאן דאך עובר זיין די צייט פון מנחה דאווענען! און ער כאפט זיך אריין אין א הויז, דאוונט אויף דער גיך אפ מנחה און ווייסט אפילו ניט, וואס ער זאגט — דאך ווערן דארט אין דער פמליא של מעלה פון דער דאזיקער תפילה דערציטערט אלע שרפים און מלאכים [4].

ניט אבער בלויז אויף די שטרענגע דרשנים טוט צארענען דער

1 שבחי הבעש"ט, 26; זע אויך דארטן, 31, די מעשה וועגן ציצית.

2 תולדות, פ' בחקותי.

3 כתר שם טוב, 26.

4 דארטן, 29.

בעש״ט, נאָר אויך אויף די לומדים און תּלמידי חכמים. און ער קעמפט קעגן זיי מיטן שאַרפסטן געווער — מיטן סאַרקאַסטישן שמייכל, מיט פיינעם הומאָר שאַרף צוגעשפּיצטע פיילן. „דער יצר־הרע — זאָגט דער בעש״ט מיט אַ שמייכל — קומט צום תּלמיד חכם פאַרשטעלט אין דער געשטאַלט פונעם יצר־טוב, וואָס וויל פּלומרשט מקיים זיין אַ מצוה 1. דער יצר־הרע — זאָגט ווייטער דער בעש״ט 2 — פּרוּווט ניט איינריידן דעם מענטשן, ער זאָל בכלל ניט לערנען קיין תּורה, ווייל דער יצה״ר ווייסט דאָך, אַז יענער וועט אים ניט הערן, וואָרעם, ווען ער וועט ניט לערנען, וועט ער דאָך ביי די אַרומיקע קיין חשיבות ניט האָבן, מען וועט אים ניט האַלטן פאַר קיין למדן. וואָס דען טוט דער יצה״ר? ער רעדט איין דעם בן אדם, ער זאָל ניט לערנען אַזוינס, וואָס קאָן ברענגען צו יראת שמים, אַשטייגער, אַ מוסר־ספר, אָדער דעם שולחן־ערוך, ער זאָל קלאָר זיין אין אַ דין; נאָר וואָס דען? ער רעדט אים איין, ער זאָל זיך שטענדיק פאַרנעמען רק מיט גמרא און די מפרשים. אַמאָל,—דערציילן דעם בעש״טס מקורבים,—האָט דער בעש״ט באַטראַכט איינעם אַ למדן, ווי יענער זיצט טיף פאַרחקירהט אין לערנען, האָט ער געזאָגט אויף אים: זעט, דער מענטש איז אַזוי פאַרנומען מיט זיין תּורה, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן, צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט 3.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ באַהאַלטענער איראָניע דער בעש״ט האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר זיין התגלות צו זיין שוואָגער, דעם גרויסן למדן און מרא דאתרא, ר׳ גרשון קוטעווער. ווען ר׳ גרשון האָט אַמאָל, שטאַרק אויפגערעגט פון זיין שוואָגערס התנהגות ביים תּפילין לייגן, אים אַ פרעג געטאָן: פונוואַנען האָסטו דעם דאָזיקן דין גענומען? ענטפערט אים יענער געלאַסן: איך האָב עס געזען „בספרי טייטש״, ד״ה, אין די יידיש־דייטשע ספרים 4. עס גענוגט צו דערמאָנען, ווי דער רוב למדנים און רבנים האָבן אין די פריערדיקע דורות זיך פאַרהאַלטן צו די „ספרי טייטש״ בנוגע צו דינים פּסקענען 5, בכדי צו פאַרשטיין די בייסנדיקע איראָניע פון דעם בעש״טס ענטפער. מיט פאַר־ביסענעם סאַרקאַזם רעדט דער בעש״ט וועגן די לומדים, ביי וועלכע דער עיקר איז די טרוקענע לומדות, די חריפות פון פּלפּול און דעם עטישן

---

1 תולדות, פ׳ כי תשא.

2 צוואת הריב״ש, 9.

3 אברהם כהנא, ר׳ ישראל בעל שם טוב, 95.

4 שבחי הבעש״ט, 5.

5 זע צינבערג, געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, ב׳ VI, ז׳ 246.

תּוך און דראַנג צום אמת, וואָס דערהויבט און דערלייטערט די נשמה, אים איז געווען צו ווידער די פּאַרגליווערטע פאָרם, דאָס ריין מעכאַנישע דערפילן די מצוה אָן דער התלהבות פון געפיל. ער, דער פּשוטער קמיעות־שרייבער, פאַרהאַלט זיך מיט ביטול צו די „אשר באמת אינם לומדים רק מצוות אנשים מלומדה למען יחכמו״, — בכדי מען זאָל זיי האַלטן פאַר למדנים און זיי אָפּגעבן גרויס כּבוד; און אויף זיי זאָגט עס דער פּסוק: הוי חכמים בעיניהם 1. אמתע תּורה איז בלויז די, וועלכע ברענגט צו דער באַהעפטונג מיט דעם, וואָס איז אין איר באַהאַלטן (להתדבק במי שנעלם בה). אָן כּוונה און דביקות, — זאָגט דער בעש״ט, — האָבן אי לערנען, אי תּפילה קיין שום ווערט ניט, זיי זיינען גאָטלעס־טערונג. עס זיינען, — דערציילט דער בעש״ט, — פאַראַנען צוויי סאָרטן מענטשן: איינער איז אַ רשע גמור, ער ווייסט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, ער איז זיך אָבער מְתַכֵּוֵן צו זיין ווידערשפּעניק קעגן אים. אַ צווייטן אָבער האָט דער יצה״ר די אויגן פאַרשטעלט, און ער איז ביי זיך אין די אויגן אַ צדיק גמור, און אַזוי איז ער אויך פאַררעכנט בעיני הבריות. אין דער אמתן אָבער, כאָטש ער לערנט בתּמידות, דאַוונט און איז זיך מסגף — דאָך איז דאָס אַלץ אומזיסט, עס האָט קיין שום ממשות ניט — כּי אין לו דביקות בבורא יתברך און עס פעלט אים די אמונה שלימה, ער זאָל שטענדיק באַהעפטן זיין געדאַנק אָן גאָט, און ער ווייסט ניט, אין וואָס באַשטייט דער עיקר העבודה, ווי אַזוי מען דאַרף לערנען תּורה, דאַוונען און דערפילן אַ מצוה לשמה. און דער חילוק צווישן די דאָזיקע צוויי איז אָט וועלכער: דער רשע — איז נאָך אפשר מעגלעך, ער זאָל געפינען דעם ריכטיקן וועג, ווי באַלד עס וועט זיך אין אים דערוועקן דאָס געפיל פון תּשובה, און ער וועט זיך אומקערן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן; דער צווייטער אָבער — אֵין לוֹ תַּקָּנָה, ווארעם פאַרשלאָסן זיינען זיינע אויגן צו זען דעם באַשעפערס גרויסקייט און ער האַלט זיך דאָך פֿאַר אַ צדיק, — ווי אַזוי זשע קאָן ער תּשובה טאָן? 2.

דערפאַר האָט אָבער דער בעש״ט זיך פאַרהאַלטן מיט אַ געוויסן רעספּעקט צו די, וואָס האָבן געזוכט גאָט און זיינען דערביי נכשל געוואָרן און פאַרבלאָנדזשעט אויף פאַלשע דרכים. אויפן שבתי צבי האָט ער געזאָגט, אַז עס איז אין אים געווען „אַ הייליקער ניצוץ״, און ווען די פון די רבנים שטאַרק גערודפטע פראַנקיסטן האָבן זיך געלאָזט אויף מסירות און געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אין קאַמענעץ דעם תּלמוד

1 כּתר שם טוב, 27.

2 צוואת הריב״ש, 15; לקוטי יקרים, דף 16 עמ׳ א׳.

אויף די שייטערהויפנס געברענט, האָט דער בעש״ט זיין פּעס אויסגע־גאָסן ניט אויף די סעקטאַנטן, נאָר אויף די רבנים... דאָס האָבן זיי, — האָט ער געטענהט, — געבראַכט דערצו, וואָס טראַכטן אויס ליגנס און שקרים (שבודים שקר מלבם בהקדמות שקרים) 1. און ווען די פראַנ־קיסטן האָבן סוף־כּל־סוף קיין אַנדערן אויסוועג ניט געהאַט ווי גיין צום שמד, האָט דער בעש״ט דערויף געזאָגט: „די שכינה טוט קלאָגן און זאָגן, אַז כּל־זמן דער אבר איז נאָך צוגעבונדן צום גוף, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט געהיילט ווערן; שניידט מען אָבער אָפּ דעם אֵבר, איז ער שוין פאַרלאָרן אויף אייביק. און יעדער איינער פונם פאָלק ישראל איז דאָך אַן אבר פון דער שכינה 2.

טיפּיש איז די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין די פאַרשיידענע קוועלן 3, אַז דער בעש״ט איז אַמאָל געקומען אין אַ קהילה, ווו עס איז גראָד דעמאָלט פאָרגעקומען די זיצונג פון דעם וועד ארבע הארצות. אין אויף דער זיצונג געשטעלט געוואָרן די פראַגע, ווי דאַרף מען זיך פאַרהאַלטן צו דעם בעש״ט, וואָס איז ניט קיין למדן, און דאָך האַלטן אים פיל פאַר אַ בעל־מופת און פאַרזיכערן, אַז איבער אים רוט דער רוח הקודש. האָט מען אים געשיקט רופן, און ווען דער בעש״ט איז געקומען, האָט דער פּרנס פונם וועד, ר׳ אברהם אבא, זיך געווענדעט צו אים מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „לויט דעם סדר פון דיין אויפפיר ווייזט אויס, אַז עס רוט איבער דיר דער רוח הקודש, — אַנדערע אָבער זאָגן, אַז דו ביסט אַן עם־הארץ; בכן, לאָמיר הערן פון דיין מויל, צי קענסטו אַ יידישן דין״. און ווייל ס׳איז גראָד דעמאָלט געווען ראש־

---

1 שבחי הבעש״ט, 9.

2 דאָרטן, 10. אייניקע פאָרשער, ווי, צום ביישפּיל, גרעץ אין זיין „פראַנק אונד די פראַנקיסטען״, דוד כהנא אין זיין „תולדות המקובלים״, אברהם כהנא אין זיין „רבי ישראל בעל שם טוב״ און אַנדערע, גיבן איבער אַלס פעסטגעשטעלטן פאַקט, אַז דער בעש״ט האָט אויך אָנטיילגענומען אין דעם לעמבערגער וויכּוח מיט די פראַנקיסטן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון די רבנים, וואָס בראש פון זיי איז געשטאַנען דער לעמבערגער רב ר׳ חיים ראַפּאַפּאָרט. די נייערע פאָרשונגען האָבן אָבער פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ לעגענדע. אין די זכרונות פון דוב בער בירקענטאַל, וואָס האָט אַליין געהאַט אַ שייכות צום וויכּוח, ווערט דעם בעש״טס נאָמען גאָר ניט דערמאָנט. באַזונדערס וויכטיק איז מאיר באַלאַבאַנס גרינד־לעכע פאָרשונג „שטודיען צור געשיכטע דער פראַנקיסטישען בעוועגונג״ (פאַרעפנטלעכט אין דעם זאַמלבוך צום אָנדענק פון ש. פּאָזנאַנסקי, 1927), ווו עס ווערט דערוויזן, אַז דעם בעש״טס באַטייליקונג אין דעם וויכּוח ווערט ניט דערמאָנט אין קיין איינער פון די פּוילישע מקורים, וואָס באַשרייבן דעם וויכּוח פון די רבנים מיט די פראַנקיסטן.

3 שבחי הבעש״ט, 35; ישראל ליבל, ספר ויכּוח, 9 (1798).

חודש, האָט מען דעם בעש״ט געשטעלט די פראַגע, ווי דאַרף מען זיך נוהג זיין, אויב מען פאַרגעסט אום ראש־חודש ביים דאַווענען זאָגן „יעלה ויבוא״. בנוגע דער דאָזיקער שאלה זיינען אין דער רבנישער ליטע־ראַטור אָנגעזאַמלט גאַנצע בערג פלפול און חריפישע סברות; דער בעש״ט האָט אָבער געענטפערט דעם פּרנס מיט גרויס פּשטות: ניט איך און ניט איר באַדאַרפן דעם דאָזיקן דין, וואָרעם איר וועט אויך דאָס צווייטע מאָל ווידער פאַרגעסן (ווייל ביי אים, דעם למדן, איז דאָך דער עיקר דער פלפול וועגן דין און די תפילה גופא זאָגט ער ריין מעכאַניש, בהיסח הדעת) און איך וועל סיי ווי ניט פאַרגעסן.

אַן אַנדערש מאָל דערציילט דער בעש״ט א מעשה וועגן א פשוטן זאָקן־מאַכער (אומן הנקרא שופּאָוואַל), וואָס כלעגט א גאַנצן טאָג שטיין ביי זיין שווערער אַרבעט, פון וועלכער ער האָט געשעפּט חיונה, אויף גיך זיך אַריינכאַפּן אין בית הכנסת,—איז דאָרטן געווען א מנין, האָט ער געדאַווענט בציבור, ווען ניט, האָט ער געדאַווענט אין דער היים; אַפילו תהלים האָט ער געזאָגט בלויז די קאַפּיטלעך, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסווייניק. און דאָך, ווען ער, דער בעש״ט, האָט אים דערזען, איז ער דערציטערט געוואָרן, וואָרעם ער האָט ברוח הקודש דערזען, אַז אין זכות פון אָט דעם פשוטן מענטשן „הנהגה מיגיע כפו בכשרות״ האַלט זיך דער גאַנצער קיבוץ [1].

דעם בעש״ט גופא, — דערציילט א לעגענדע, — האָט מען געגעבן צו וויסן, אַז דאָס, וואָס ער האָט זוכה געווען צו דערהויבן זיך צו די הויכע מדרגות, אַז עס זאָלן פאַר אים אַנטפּלעקט ווערן „דברים עליונים״, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס ער האָט פיל מסכתות און פּוסקים געלערנט, נאָר מחמת זיין דאַווענען מיט גרויס כוונה [2]. און דער „שבחי הבעש״ט״ דערציילט, ווי א רב, א למדן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין דער קרעטשמע, וואָס דער בעש״ט האָט דעמאָלט געהאַלטן [3]. ביינאַכט האָט זיך דער רב אויפגעכאַפּט און דערזען, ווי אונטערן אויוון פלאַמט א פייער. האָט ער געמיינט, עס האָט זיך דאָרט אָנגעצונדן דאָס האָלץ, וואָס מען האָט געלייגט טריקענען; איז ער גלייך אַראָפּ פון געלעגער און געוואָלט לעשן דאָס פייער. ווי ער גייט־צו צום אויוון, זעט ער, עס זיצט דאָרט דער בעש״ט און אַרום אים שיינט א ליכט פול מיט גלאַנץ און פּראַכט. איז דער רב אין חלשות געפאַלן און מען

---

1 שבחי הבעש״ט, 18.

2 כתר שם טוב, 23; צוואת הריב״ש, 3.

3 שבחי הבעש״ט, 8.

האָט אים געמוזט שטאַרק מינטערן. אינדערפרי פרעגט דער רב דעם בעש״ט, וואָס איז נאָך דעמאָלט ניט נתגלה געוואָרן, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? ענטפערט אים דער בעש״ט: איך האָב בלויז תהלים געזאָגט, אפשר האָב איך מיך דעמאָלט באַהעפט צו גאָט (אפשר שנתדבקתי בהשם יתברך).

צי האָט דער בעש״ט גופא, ניט בלויז זיינע תלמידים, געגלויבט, אַז איבער אים רוט דער רוח הקודש און ער קאָן וווּנדער טאָן, ווייל מיט זיין ווילן רעכנט מען זיך אין די עולמים העליונים? דאָ באַרירן מיר דעם אינטערעסאַנטסטן און אויך צענטראַלן פונקט אין דעם בעש״טס וועלט-באַנעם.

די השכלה-קעמפער האָבן די פראַגע וועגן דעם מהות פון דעם באַגרינדער פון דער חסידות-באַוועגונג פאַראיינפאַכט ביז גאַר: עפּעס אַן אומוויסנדיקער שווינדלער, וואָס האָט געוואָלט דעם פּשוטן עולם פאַר-פירן. די טרוקענע לומדים, די מתנגדים, האָבן דעם בעש״ט אַרויסגע-שטעלט אַלס פּשוטן עם-הארץ, און אין בּרען פונם רעליגיעזן קאַמף אים אפילו דערקלערט פאַר א „נביא שכור ומשתגע״ [1]. א מאָדערנער קול-טור-היסטאָריקער, פון וועלכן וועלטבאַנעם ער זאָל ניט זיין, פאַרשטייט זייער גוט, ווי נאַיוו און אומבאַהאָלפן עס איז אַזאַ אַרט כאַראַקטעריסטיק פון דעם בעש״טס פערזענלעכקייט. מיר שטרייכן אונטער דאָס לעצטע וואָרט, ווייל דער בעש״ט איז קודם כל א באַדייטנדיקע, טיפע פערזענלעכקייט, וואָס באַטראַכט די וועלט-דערשיינונגען פון שטאַנדפּונקט פון א וועלטבאַוווּסטזיין, א פערזענלעכקייט, וואָס פילט זיך מיטפאַראַנט-וואָרטלעך פאַרן גורל פון דער גאַנצער וועלט און באַזיצט דעם אייזנ-פעסטן גלויבן, אַז זי קען אויפן יסוד פון דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרט-לעכקייט געבן תיקון די טראַגישסטע פּראָבלעמען פון דער וועלט...

דעם בעש״טס וועלטבאַנעם איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, א ריין אידעאַליסטישע. אויפן אַרט פון דעם עוואַנגעלישן זאַץ: „אין דער התחלה איז געווען דאָס וואָרט״, שטעלט דער בעש״ט אַרויס דעם גרונד-טעזיס: „אין דער התחלה איז געווען די מחשבה, די אידעע״. „ראשית הכל הוא המחשבה — דער געדאַנק איז פון אַלץ דער אָנפאַנג—והדיבור הוא ענף המחשבה״ [2]. „המחשבה נקראה אב לדיבור והדיבור בן״ — דער געדאַנק איז דער פאָטער פונם וואָרט און דאָס וואָרט איז דער זון. המחשבה היא החכמה והדיבור הוא התולדה [3]. די מחשבה, זאָגט דער

---

1 זע דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, I, 101.

2 כתר שם טוב, 24.

3 לקוטי יקרים, דף ד׳ עמ׳ א׳.

בעש״ט, זי ווערט אַנגערופן „אַין״, ווייל זי איז גרענעצלאָז ווי דער „אין״ [1]. בעת זי ווערט אָבער פארקערפערט אינם וואָרט, ווערט זי שוין באַגרע־נעצט און הייסט „אני״ — טאַקע די אייגענע סובסטאַנץ, די זעלבע אותיות, נאָר פון אַ גאַנץ אַנדערן פאַרנעם [2]. אינם וואָרט נייטיקט זיך בלויז דער מענטש. הדיבור הוא החיות של האדם — דאָס וואָרט איז דער לעבנס־גייסט פונם מענטשן [8]; „הלשון הוא קולמוס הלב״ — די שפּראַך איז די פען פונם האַרצן [4]. אָבער דאָרט, אין דער הייך, — דער־קלערט דער בעש״ט, — איז דער עולם המחשבות, די וועלט פון לויטער אידעען, ואין אומר ואין דברים [5]. אַז דער מענטש געפינט זיך אין דביקות מיט דער שכינה און גיט דערביי אַ טראַכט וועגן דער אויבער־שטער וועלט — דעמאָלט איז ער תיכּף אין די אויבערשטע וועלטן. וואָ־רעם וועגן וואָס דער מענטש טראַכט, דאָרט איז ער, און אויב ער וואָלט ניט געווען אין דער אויבערשטער וועלט, וואָלט ער וועגן איר ניט געטראַכט [6]. אַל דאָס געדאַכטע איז פאַראַנען, ווייל—אַל דאָס פאַראַנענע איז געדאַכט. עס איז דערביי ניט איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער זוהר דריקט שוין גאַנץ בולט אוים דעם געדאַנק, וועלכער ס׳האָט פיל שפּעטער פאַרנומען אַזאַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע: די לערע וועגן פולשטענדיקער גלייכהייט צווישן דענקען און זיין, צווישן דעם אידעאַל און רעאַלן [7]. עס מוז באַזונדערם אָנגעוויזן ווערן, אַז אין דעם בעש״טס מיסטישן וועלטבאַנעם שפּילט אַ צענטראַלע ראָלע ניט בלויז דביקות, דער פייערדיקער עקסטאַז, נאָר אויך די מחשבה, דער דערהייבענער געדאַנק. עס איז זייער כאַ־ראַקטעריסטיש, וואָס דער בעש״ט, וועלכער לערנט, אַז דער וויכטיקער גרונדזאַץ פונם לעבן איז אמונה און בטחון [8] — האַלט פאַר נייטיק אָנ־צווייזן, אַז עס זיינען בנמצא צוויי מדרגות פון גלויבן: איינער גלויבט

---

1 וועגן דעם באַטייט פון „אַין״ זע אונזער ווערק ב. III, 21 א. ח.

2 תולדות, פ׳ וישב.

8 צוואת הריב״ש, 8.

4 כתר שם טוב, II 6.

5 דערשן, פ׳ צו.

6 צוואת הריב״ש, 67 (1793); תולדות, פ׳ חיי שרה; לקוטי יקרים, 1: כשיחשב בעולם העליון הוא בעולמות העליונים, שכ״ם ושהאדם מחשב שם הוא, ואם לא היה בעלם לא היה מחשב בו כלל.

7 זע אונזער ווערק, ב׳ III, ז׳ 60

8 אַז מע וויל עמיצן באַשטראָפן, זאָגט דער בעש״ט, נעמט מען ביי אים צו דעם בטחון וכשרוצין ליפרע העונש למי שהוא ראוי לעונש, אזי נוטלין ממנו מדרגת הבטחון (תולדות, פ׳ משפטים).

אין גאָט, מחמת ער האָט די אמונה באַקומען דורך קבלת אבות, און אַן אַנדערער איז געקומען צו דער אמונה דורכן וועג פון חקירה. דער חילוק צווישן זיי באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער האָט די מעלה: מען קאָן אים ניט איבעררײדן, ווען מען זאָל אים אפילו פּרוּוון אָפּווענדן על פּי חקירה, ווײל זײן גלויבן איז דאָך שטאַרק דורך קבלת אבות; ער האָט אָבער דעם חסרון, וואָס די אמונה איז בײ אים „רק מצוות אנשים מלומדה בלי טעם ושכל". דער צווייטער האָט דערפאַר די מעלָה, וואָס ער איז דאָך געקומען צום גלויבן אין גאָט דעם באַשעפער דורך זײן גרויסער חקירה, — דערפאַר איז בײ אים די אמונה שטאַרק און מיט פולער ליבע. בײ אים איז אָבער פאַראַן דער חסרון, וואָס מען קאָן אים דאָך איבעררײדן, ווי באַלד מען וועט אים על פּי חקירה ברענגען אַזוינע ראיות, וואָס זײנען סותר זײן גלויבן.

דערפאַר איז די העכסטע מדרגה פון אמונה בײ דעם, וואָס האָט ביידע מידות: אי ער שטיצט זיך אויף קבלת אבות, אי ער האָט זיך דורך אייגענער חקירה איבערצייגט, אַז זײן גלויבן איז ריכטיק און גוט. דערפאַר,״ איז מוסיף דער בעש״ט, זאָגן מיר: אלהינו ואלהי אבותינו — אלהינו, וואָס מיר האָבן דערפאָרשט דורך אייגענער חקירה, ואלהי אבותינו — דורך דער קבלה פון אונזערע אבות 1.

בכדי קלאָר צו מאַכן, ווי דער בעש״ט האָט געקוקט אויף זײן אייגענע פּערזענלעכקייט, מוז מען קודם כּל באַטראַכטן די אויסשליסלעכע ראָלע, וואָס אין זײן סיסטעם האָט געשפּילט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. מיר ווייסן שוין, אַז לויט דעם זוהרם וועלטבאַנעם איז דער מענטש די פאַרקערפּערטע גאָטהייט, די אַנטפּלעקונג פון דעם אַבסאָלוט אומענדלעכן אין באַגרעניצטע קאָנקרעטע פאָרמען, און אַז דעם אַקטיוון ווילן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט קאָן אויך גאָטס ברכה ניט שולט זײן 2. אָט דער געדאַנק איז אויך דער גרונדזייל פון בעש״טס סיסטעם. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז דער בעש״ט פאַסט־אויף די גאָטהייט בנוגע צו וועלט און נאַטור, ניט טראַנסצענדענט, נאָר אימאַנענט, ד״ה, ניט אויסנווייניק, איבער דער וועלט, נאָר אינעווייניק, אין דער וועלט גופא; גאָט איז קיינמאָל ניט אויסערוועלטיק, אָפּגעטיילט דורך מחיצות און ווייטן, וואָרעם — „בכל דָבָר יֵש עולמות נשמות אלהות", אין יעדער זאַך זײנען פאַראַן גאַנצע וועלטן פון געטלעכע נשמות. די דאָזיקע געטלעכע נשמות זײנען אָבער אין געפענגעניש,

1 כתר שם טוב, 23.

2 אונזער ווערק, III, 67—65.

איינגעמויערט ווי באַזונדערע פונקען אין דער פאַרשטאַרטער „קליפּה" פונם חומר [1], און דעם „פּדיון שבויים" פירט דורך דער מענטש". דער קוואַל, דער שטיין, דאָס געוויקס, יעדע באַשעפעניש אין דער נאַטור, יעדער געגנשטאַנד און געשעעניש אין דער וועלט — ווערט אויסגעלייזט דורך דעם מענטשנס אויג און אויער, ווערט אַריבערגעפירט פון ניט-זיין אין זיין און ווערן דורך דעם מענטשנס באַוווּסטזיין, דורך דעם מענטשנס מחשבה...

דער מענטש איז בכן מיטאַנטיילנעמער פון „מעשה בראשית", פון דעם אומענדלעכן באַשאַף און ווערן; די וועלט ווערט באַאיינפלוסט ניט נאָר פונם ווילן פון דער גאָטהייט, נייערט אויך פון דעם ווילן און שטרעבן פונם מענטשן, וואָס איז די אָפּשפּיגלונג פון גאָט אויף דער ערד און איז באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון גאָט, טאַקע ווי אין תהלים שטייט: ותחסרהו מעט מאלהים, ער איז גאַנץ ווייניק געמינערט פון דער גאָטהייט. דער בעש"ט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער סביבה פון מענטשלעכער רעכטלאָזיקייט און פאַרקנעכטונג, פון גרויזאַמע רדיפות און בלוטיקע בלבולים, איז פול מיטן פעסטן גלויבן אין דעם מענטשנס געטלעכע רעכט — „האדם הלא עיקר משכן ד'", — דער-קלערט דער בעש"ט, — דער מענטש איז דאָס וויכטיקסטע געצעלט, וווּ גאָט טוט רוען [2]. עס שטייט: דַע מה למעלה ממך — דאָס איז דער טייטש, —דערקלערט דער בעש"ט,—דַע, זיי וויסן, שכל מה למעלה, אַז אַלץ, וואָס ס'איז אין דער הייך—הכל הוא ממך—ד אָ ס אַ ל ץ א י ז פ ו ן ד י ר. צווישן דער גאָטהייט און דעם מענטשן, — לערנט דער בעש"ט, — קומט פאָר אַ שטענדיקע קעגנזייטיקע אָנרעגונג און ווירקונג. הוא, דער מענטש, מסתכל בהבורא יתברך, והבורא מסתכל בו" [3]. „ד' צלך, — לערנט דער בעש"ט, — גאָט איז דיין שאָטן, דהיינו: ווי דער שאָטן טוט אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, אַזוי טוט אויך דער בורא עולם כביכול אַלץ, וואָס דער מענטש טוט [4]. „ווען דער מענטש, דער פּשוטער בשר ודם (האדם החומרי) דערהויבט זיך מיט זיין געדאַנק צו די אויבערשטע וועלטן, ווערן די מלאכים דערציטערט און גאַפן פאַר גרויס פאַרווונדע-רונג" [5]. ביי אַזאַ שטאַנדפּונקט איז גאַנץ לאָגיש דער אויספיר, אַז דער

---

1 זע אויבן ז' 52.

2 כתר שם טוב, II, 28.

3 צואת הריב"ש, 12.

4 חערט מערערע מאָל ציטירט אין „קדושת לוי"; פ' בשלח (צווי מאָל), דרוש לפורים, פ' מצורע, פ' נשא

5 כתר שם טוב, II, 28.

מענטש קאָן אַזוי ווייט זיך דערנעענטערן צו גאָט, אַז ער דערפילט זיך ווי אַ שותף צו מעשה בראשית, צו אַלעם, וואָס ווערט אָן אויפהער באַשאַפן; דער מענטש איז אויך ביכולת דורך דאָס העכסטע און טיפסטע אין זיך צו דערקענען די גאָטהייט גופא, צו באַגרייפן דעם מהות פון דער העכסטער קראַפט, וואָס ער פילט און שפירט אין זיך, צו באַוווּנדערן דאָס אומענדלעכע ליכט אין זיין פּראַכט און גלאַנץ, פון וועלכן ער גופא איז דאָך אַ לייכטנדיקער פונק. דער בעש״ט איז פעסט איבערצייגט, אַז דער מענטש איז מסוגל אין געוויסע מאָמענטן פון גייסטיקער התלהבות זיך איינצוּוועבן אין דער געטלעכער אייביקייט; ווייל גאָט איז דאָס אַלץ אַרומנעמענדיקע, אַלץ אין זיך איינשליסנדיקע, איז דאָך ניט מעגלעך, גאָט זאָל זיין אויסער דעם מענטשן, גאָט זאָל זיין אַ וועזן, וואָס קאָן פונם מענטשן ניט דערקענט און דערשפּירט ווערן. עס מוז עקזיסטירן אַ פאַרשטענדעניש פון דער נידער צו דער הייך און פאַרקערט— אַ קעגנזייטיקע ווירקונג פון מענטש און גאָט.

ניט אומזיסט ברענגט דער בעש״ט גאַנץ אָפט דעם משל מיטן לייטער, אַז דער מענטש איז ווי דער לייטער, וואָס די נידעריקסטע שטאַפּלען זיינען אויף דער ערד און דער שפּיץ שפּאַרט אין די הימלען. און דער שפּיץ, דער שטאָלץ און די קרוין פון דער מענטשהייט, איז דער צדיק. מיר ווייסן שוין, וואָס פאַר אַ בכבודיקן פּלאַץ דער צדיק פאַרנעמט אינם וועלטבאַנעם פונם זוהר [1]. צדיק יסוד עולם — דער צדיק איז דער גרונדשטיין פון דער וועלט, און זיין מדרגה קאָן אפילו קיין מלאך ניט דערגרייכן. אויך דער מקובל מאיר אבן גבאי פאַרזיכערט, אַז „צדיק כּושל בכל הנבראים״ — צו זיין ווילן זיינען נכנע אַלע באַשעפענישן [2]. אויך דער בעש״ט געפינט, אַז „צדיקייא אנון שלוחי דמטרוניתא״ — די צדיקים זיינען דער שכינהס שליחים [3]. דער צדיק, זאָגט דער בעש״ט, איז ווי אַ בוים, וואָס איז געפלאַנצט אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן. ווי דער בוים נעמט אויף אַלע זאַפטן פון דער ערד און באַשאַפט אוים זיי די שענסטע פּרוכטן, אַזוי איז אויך דער צדיק בעולם הזה: ער זאַמלט צונויף אַלע „ניצוצות״, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אין דער וועלט, און דערהייבט זיי צום באַשעפער [4]. עס שטייט: צדיק

1 זע אונזער חערק, ב׳ III, 67.

2 דאָרטן, ב׳ IV, 298;

3 תולדות, פ׳ ויגש; כתר שם טוב, 7,

4 כתר שם טוב, II, 4.

באמונתו יחיה 1, וואָרעם אמונה — דאָס איז „דביקות בו יתברך", באַהעפטונג מיט גאָט 2, און דאַדורך, אַז מיט זייער פעסטן גלויבן פאַרוואַנדלען די צדיקים די מידת הדין למידת הרחמים 3, פאַרזיסן דעם דין „בשורש חסד", דורכן וואָרצל פון חסד 4. און דער בעש"ט איז מסביר דעם דאָזיקן טעזיס מיט דער תלמודישער אגדה וועגן נחום איש גם זו, וואָס האָט אין יעדער געשעעניש געזען רק דאָס גוטע, אַלץ איז צו גוטן. אייזנפעסט, דערקלערט דער בעש"ט, איז איש גמזו געווען אין זיין אמונה און בטחון, אַז גאָטס ווילן איז רק צו גוטן, און אַנדערש קאָן עס גאָר ניט געמאָלט זיין, וואָרעם גאָטס ווילן פירט דאָך אַלץ צו איין באַשטימטן צוועק — צו אַ וועלט, ווי זי דאַרף זיין. און ווייל איש גם זו איז אינגאַנצן געווען דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיקן אייזנפעסטן גלויבן, איז דערפאַר — וכך נעשה באמת, איז טאַקע אַלץ געווען לטובה; און אין דעם — דערקלערט דער בעש"ט — האָט ער כלל קיין גם ניט געזען (ואין זה אצלו גם כלל), נאָר ווייל ער האָט זיך אַזוי פעסט געשטיצט אויף זיין אמונה און בטחון — וכך עלתה לו, איז דאָס טאַקע אַזוי געווען 5. עס גיט, זאָגט דער בעש"ט, צוויי מדרגות פון מענטשן: איינער פירט זיך אויף מיט זיינע מעשים על פי הטבע — לויט דעם סדר, וואָס געוועלטיקט אין דער נאַטור, ד"ה לויט די נאַטור־קרעפטן, וואָס זיינען אין דער בחינה פון „אלהים", וועלכער באַטייט דאָך בגימטריא „הטבע" 6. עס זיינען אָבער פאַראַנען מענטשן פון אַ העכערער מדרגה: זיי דערהייבן זיך דורך זייער דביקות איבער די „קליפות" פונם חומר, און זיי זיינען זיך נוהג לויט דעם סדר, וואָס למעלה מן הטבע — לויט די געטלעכע געזעצן פון „אדוני", דעם באַשעפער און באַהערשער פון דער וועלט 7, לויט די געזעצן, וואָס זיינען מבטל די „גזירות אלהים", די שטרענגע נאַטור־געזעצן. דאָרט, אין די העכערע מדרגות, ווערן דורך דער מאַכט פון דער מחשבה די ניצוצין באַפרייט פון די קליפות, וואָס באַהערשן דעם חומר, און די מידה פון „דין" ווערט

---

1 אין אַן אַנדער אָרט פאַראַפראַזירט דער בעש"ט דעם דאָזיקן זאַץ אַזוי: צדיק באמונתו יְחַיֶּה — דער צדיק באַלעבט אַלעמען מיט זיין פעסטן גלויבן.

2 תולדות, פ' וישלח.

3 דאָרטן. פ' נח.

4 דאָרטן.

5 דאָרטן, פ' ויחי.

6 די אותיות פון „אלהים" און „הטבע" באַטרעפן איינע און די זעלבע צאָל—86.

7 דער בעש"ט שרייבט אָבער אונטער, אַז אפילו דער שם הויה עקזיסטירט בלויז פאַרן מענטשן, אָבער אין דער אמתן איז גאָט יתברך „גבוה מכל השמות" (זע אור המאיר, פר' שופטים).

נתעלה אין דער מידה פון „חסד״ [1]. אויף די פליגלען פונם דערהייבע־נעם געדאנק, דורך דעם באהעפטן זיך מיט גאט, באגרייפט ערשט דער מענטש, אז דאס, אין וואס ער האט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן געזען בלויז שטרענגן גזר און דין — איז אין דער אמתן די מידה פון חסד, די לייטזעליקייט פון דער געטלעכער חכמה.

עס זאל אבער די מענטשן ניט חידושן, — ווייזט אן דער בעש״ט, — וואס אויך דער צדיק געפינט זיך צייטנווייז אין גאנץ נידעריקע מדרגות. דאס געשעעט אויס צוויי טעמים: ערשטנס, איז אפילו דער צדיק ניט אימשטאנד אזוי שטארק אנצושטרענגען זיינע גייסטיקע כוחות, בכדי שטענדיק זיך צו געפינען אין די הויכע מדרגות. לאזט ער זיך דערפאר אויף א צייט אראפ אין דער נידער, דערפרישן זיינע כוחות, בכדי דער־נאך מיט נייעם אימפעט זיך צו דערהייבן אין די געטלעכע הייכן. עס איז אבער נאך פאראן א צווייטע סיבה: בכדי דער צדיק זאל קאנען דערפילן זיין מיסיע בשלמות — דערהייבן פון די נידעריקע מדרגות אין די העכערע, מוז ער גופא זיך אראפלאזן אין דער נידער, דארט זיך באהעפטן מיט די אינם חומר „געפאנגענע ניצוצין״ און זיי באפרייען, דערהייבן אין די עולמות העליונים. דערמיט, — דערקלערט דער בעש״ט, — איז אויך פארבונדן דער סוד פון „התלבשות התורה בספורים גשמיים״ — וואס די הייליקע תורה באנוצט זיך אפט מיטן לבוש פון ספורי מעשיות אויס דעם פשוטן וואכעדיקן לעבן...

דא מוז אנגעוויזן ווערן אויף איין וויכטיקן פרט, וואס די חסידות־פארשער האבן אים, לײדער, ביז איצט ווייניק אויפמערקזאמקייט גע־שאנקען. דער בעש״ט דערקלערט טאקע, אז „צריך לקשר את עצמו עם גדול הדור״ — יעדער יחיד דארף זיך פארבינדן מיטן צדיק הדור. דער בעש״ט האלט אבער דערביי פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז נישט נאר דער פשוטער המון נייטיקט זיך אינם צדיק, נייערט אויך דער צדיק נייטיקט זיך אין די מענטשן פון דער נידעריקער מדרגה, זיי דערגאנצן איינער דעם אנדערן און איינער ווערט דער „לבוש וכסא לחברו״ [2]. מיר האבן דאך שוין געזען, ווי דער בעש״ט דערקלערט אויף ריין דיאלעק־טישן אופן, אז אפילו דאס שלעכטע איז „דער שטול״, דער יסוד פארן גוטן, ווארעם דער באגריף פון גוטן באקומט דאך ערשט זיין רעאלן אינ־האלט אדאנק זיין קעגנזאץ — דעם שלעכטן. דער צדיק און דער המון, — חזרט מערערע מאל איבער דער בעש״ט, — זיינען ווי דער גוף און די

---

1 תולדות, II, פ׳ משפטים.

2 תולדות, פ׳ משפטים.

נשמה, ווי דער זכר און די נקבה, איינער מוז ווירקן אויפן אנדערן [1]. דער המון און דער צדיק זיינען ווי די ימי המעשה און דער יום השבת. יש חיבור וקישור, — זאָגט דער בעש״ט, — ענג פאַרבונדן זיינען צווישן זיך די וואָכעדיקע אַרבעטס־טעג מיטן יום השבת, וואָרעם דער שבת באַקומט ערשט דאַן זיין רעאַלן ווערט, ווען ער שטיצט זיך אויף די וואָכן־טעג, און די וואָכן־טעג ווערן געהייליקט, שעפּן יניקה פונם הייליקן יום־השבת. אין זה בלא זה — איינער קאָן זיך אָן דעם אנדערן ניט באַגיין [2]. עס שטייט: אש תמיד תוקד על המזבח — אַ שטענדיק פייער דאַרף ברע־נען אויפן מזבח. דאָס דאַרף, — דערקלערט דער בעש״ט, — אויך דער הדיוט, דער פּשוטער מענטש, משפּיע זיין מיט זיינע פונקען, אַז דאָס פייער אויפן מזבח, וואָס ס׳האַלטן אונטער די שלומי אמוני ישראל — די צדיקי הדור, זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן [3]. די מדרגה פון צדיק איז אָפּהענגיק פון דער מדרגה פון זיין דור. ווי דער דור — אַזוינע צדיקים; אין אַ נידערגעשלאָגענעם גוף איז אויך די נשמה נידערגעשלאָגן [4]. דערפאַר דאַרף דער פּשוטער עולם קעמפן צוזאַמען מיטן צדיק (לעמוד בקשרי המלחמה גם הם עמו) און ער דאַרף זיך ניט פאַרלאָזן אויפן צדיק אַליין. „ניט פאַרלאָזן זיך אויפן צדיק אַליין״ — דאָס ווערט מערערע מאָל איבערגעחזרט פונם בעש״ט. פעסט געדענקען דאַרף דער מענטש דעם כלל, אַז „אם אין אני לי — מי לי״, ווי באַלד ער אַליין וועט ניט שטרעבן מיט זיינע כוחות זיך צו דערהייבן און פון די ענגע גרענעצן פון דעם „אני״ זיך אויפצוהייבן צו די אוניווערסאַלע ווייטן פון „אַין״ [5], דעם וועט קיינער ניט קאָנען העלפן [6]. אין די ימים נוראים, ווייזט אָן דער בעש״ט, פאַרלאָזט זיך דאָך דער עולם ניט אויפן חזן אַליין און יעדער באַזונדער איז מתפּלל צו גאָט [7]. און דער בעש״ט דערציילט אַ משל: אַ לאַנד איז אַמאָל אויסגעקומען צו פירן אַ שווערע מלחמה. איז אין דעם דאָזיקן לאַנד געווען אַ געוואַלדיקער גבור, האָט זיך דאָס

---

1 תולדות, פ׳ שמות: המוני־עם נקראים גוף ושלומי אמוני ישראל הם הנשמה להשפיע זה לזה כמו זכר ונקבה.

2 דאָרטן, פ׳ ויקהל.

3 דאָרטן, פ׳ וארא.

4 דאָרטן, פ׳ קדושים.

5 זע אויבן, ז׳ 68 און 69.

6 תולדות, קדושים: אם אין אני לי, ר״ל כשאין אני בעצמי מתוקן תחלה להפך מחומר אל הצורה שיתהפך ויעשה אַין מן האני, — אם כן מי לי... מי מאחרים שיהיו לי שיתקרבו לי לבחינתי אחר שלא תקנתי הדבר תחלה לי.

7 כתר שם טוב 5.

פאלק אינגאנצן פארלאזן אויפן גבור און זיין שווערן קאמף. דער גבור איז גוט געווען באזארגט מיט די פארשיידנסטע כלי־זיין און האט מוטיק געפירט דעם קאמף. דער שונא האט זיך אבער געקליגט און שטילער־הייט צוגעגנבעט דעם גבורס טכסיסי מלחמה; האט דער גבור ניט געהאט מער מיט וואס צו קעמפן, זיינען די אנשי המדינה, וואס האבן זיך אינ־גאנצן פארלאזן אויפן גבור, צוזאמען מיט אים געפאנגען געווארן [1].

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער בעש״ט האט אין זיך גופא געזען דעם „גבור עריץ״, דעם צדיק הדור. ער האט אין געוויסע מאמענטן פון עקסטאז געפילט זיך ארגאניש איינגעוועבט אין גאט, געשפירט אין זיך די פערזענלעכקייט, וואס איר פארטיפונג און דער־הויבונג באווירקט און באאיינפלוסט דאס אייביקע זיין און אומאויפהער־לעכע ווערן פונם אוניווערסאלן קאסמאס. אין דעם וועלט־באנעם פון דעם דאזיקן מיסטיקער זיינען געווען אפגעווישט די גרעניצן צווישן וואכן און טרוים, צווישן רעאלן און געדאכטן, ווארעם אין דעם רעאלן האט זיין עקזאלטירט אויג געזען בלויז דאס אידעאלע און געוואונטשענע, אין דעם לעבלאזן פארגליווערטן חומר — די דארט שמאכטנדיקע פונקען, וואס לעכצן צו די הייכן און ווארטן אויף באפרייאונג. אינטערעסאנט ביז גאר איז אין דער הינזיכט דער בריוו, וואס ער האט פון מעזבוזש געשריבן זיין שוואגער ר׳ גרשון קוטעווער קיין ירושלים [2], אין וועלכן ער גיט איבער מיט אלע פרטים צוויי פון זיינע „עליות נשמה״. די ערשטע איז פארגעקומען ראש השנה תק״ו (1746) און די צווייטע אין דריי יאר ארום — אום ראש השנה תק״י (1749):

„אום ראש השנה פונם יאר תק״ו האב איך געמאכט די השבעה אויף עלית נשמה, ווי דיר איז באוווסט; און איך האב אין מיין זעאונג געזען וווּנדערלעכע זאכן, וואס איך האב אזוינס ניט געזען זינט איך בין ביים זינען (מיום עמדי על דעתי). און דאס, וואס איך האב, ווען איך האב מיך אהין דערהויבן, געזען און געלערנט, איז ניט צו דערציילן און ניט אויסצורעדן אפילו פון מויל צו מויל. אז איך האב זיך אומגע־קערט צום גן עדן התחתון (צום אונטערשטן גן עדן) האב איך געזען כמה נשמות פון לעבעדיקע און פון טויטע, אזוינע, וואס זיינען מיר באקאנט, און אויך אזעלכע, וואס איך קען זיי ניט. אן א צאל און

---

1 תולדות, פ׳ קדושים; דארשן, פ׳ אמור.

2 דעם דאזיקן בריוו האט געזאלט איבערגעבן דעם שוואגער דעם בעש״טס תלמיד, יעקב יוסף הכהן, וואס האט געזאלט פארן קיין ירושלים. די נסיעה איז אבער ניט פארווירקלעכט געווארן, איז דער בריוו געבליבן ביי יעקב יוסףן, און ער האט אים מיט א סך יארן שפעטער פארעפנטלעכט צום סוף פון זיין „בן פורת יוסף״.

שיעור האָבן די נשמות געוואַנדערט פון איין וועלט אין דער אַנדערער מיט גרויסער וווּנדערלעכער פרייד, וואָס ס׳איז ניט צו באַשרייבן און ניט צו דערציילן. און אויך פיל רשעים האָבן חוזר בתשובה געווען, און מען האָט זיי מוחל געווען זייערע זינד... אַלע צוזאַמען האָבן זייער געבעטן ביי מיר און גזאָגט: דיך האָט דער אייבערשטער באַגנעדיקט מיט גרויסן פאַרשטאַנד משיג צו זיין און צו וויסן פון די דאָזיקע ענינים, וועסטו אויפשטייגן צוזאַמען מיט אונז און וועסט אונז שטיצן און באַהילפיק זיין. און מחמת דער גרויסער שמחה, וואָס איך האָב געזען צווישן זיי, האָב איך באַשלאָסן אויפצושטייגן מיט זיי. און איך האָב אין מיין זעאונג דערזען (וראיתי במראה), ווי דער ס״ם (דער שטן סמאל) איז אַרויף מקטרג צו זיין מיט אַזאַ גרויסער שמחה, וואָס איר גלייכן איז ניט געווען. און ער האָט אויסגעפּועלט גזירות פון שמד אויף כמה נפשות, זיי זאָלן געהרגעט ווערן מיט מיתות משונות. האָט מיך אַ טויטשרעק אָנגעכאַפּט און איך האָב מיך ממש מוסר נפש געווען און האָב געבעטן מיין לערער און רבין [1], ער זאָל גיין מיט מיר, ווייל ס׳איז אַ גרויסע סכנה אַרויפצושטייגן אין די עולמות העליונים, וואָרעם זינט איך בין צו מיין באַוווּסטזיין געקומען, איז מיר ניט אויסגעקומען אין אַזוינע הייכן צו שטייגן. און איך בין אַרויף איין מדרגה נאָך דער אַנדערער, ביז איך בין אַריין אין היכל פון משיח, וואָס דאָרטן לערנט דער משיח תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים און אויך מיט די זיבן פּאַסטעכער [2] און דאָרט האָב איך געזען אַ גרויסע שמחה, וואָס אָין לשער; האָב איך ניט געוווּסט, וואָס זאָל די דאָזיקע פרייד באַטייטן. איך האָב געמיינט, אַז די שמחה איז אפשר וועגן מיין צעשיידן זיך מיט דער וועלט, האָט מען מיר אָבער געגעבן צו ווּיסן, אַז איך וועל נאָך ניט נפטר, ווייל זיי האָבן הנאה דאָרטן אויבן, בעת איך בין אונטן מְיַחד יחודים מיט דער הילף פון זייער הייליקער תורה... האָב איך געפרעגט ביים משיח: אֵימת אָתי מַר? ווען קומט דער האר? און ער האָט מיר געענפערט: זיי ווייסן, אַז ווען דיין לערנונג וועט מפורסם ווערן און אָנטפּלעקט זיין איבער גאָר דער וועלט... און אויך אַנדערע וועלן קענען מאַכן יחודים און עליות ווי דו, דעמאָלט וועלן פאַרטיליקט ווערן אַלע קליפּות און עס וועט קומען די שעה פון באַוויליקונג און הילף. און איך האָב זיך געוווּנדערט דערויף, און האָב געהאַט גרויס

1 אַ רמז אויף אחיה השילוני (זע אויבן, ז׳ 52).

2 געמיינט די אָבות אברהם יצחק ויעקב, דאַן משה און אהרן, יוסף הצדיק און דוד המלך.

צער, וואָס די צייט איז נאָך אַזוי לאַנג: ווען קאָן דאָס געשעען? נאָר ווייל איך האָב זיך אויסגעלערנט, בעת איך בין דאָרטן געווען, דריי אָרטן סגולות און דריי הייליקע שמות... האָב איך זיך געטרייסט און געטראַכט בײַ זיך: אפשר קאָנען דורך דעם אויך מענטשן פון מיין עלטער קומען צו דער מדרגה און בחינה, ווי איך; אויך זיי ווען מסוגל ווערן צו אַזוינע „עליות נשמות", ווי איך. מיר איז אָבער ניט געגעבן געוואָרן קיין רשות, ווייל איך לעב, דאָס צו אַנטפּלעקן..."

ווייטער דערציילט דער בעש"ט וועגן זיין צווייטער עלית נשמה, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1749. אין יענער צייט האָט זיך געשטאַרקט די היידאַמאַקן-באַוועגונג אין דער אוקראַינע און אַ סך יידישע קהילות זיינען דורך דעם חרוב געוואָרן. שרייבט וועגן דעם דער בעש"ט אין זיין בריוו: „און ראש השנה תק"י האָב איך געהאַט אַן עליית נשמה, ווי באַוווּסט, און האָב געזען אַ גרויסן קטרוג, אַזוי אַז עס איז כמעט געגעבן געוואָרן דעם ס"ם רשות מחריב צו מאַכן גאַנצע מדינות און קהילות. און איך האָב זיך מוסר נפש געווען און האָב תפילה געטאָן: נפלה נא ביד ד' ואל נפלה ביד אדם — לאָמיר פאַלן פון גאָטס האַנט, נאָר ניט אַריינפאַלן אין מענטשנס האַנט! און מען האָט מיר געגעבן רשות, עס זאָלן זיין אַנשטאָט דעם זייער גרויסע שלאַפקייטן, וואָס זייער גלייכן איז ניט געווען אין די גאַנצע מדינות פּוילן און אויך ניט אין די איבעריקע מדינות, וואָס זיינען נאָענט צו אונז. און אַזוי איז טאַקע געווען; די שלאַפקייט האָט זיך פאַרשפּרייט וואָס אָן לשער. האָב איך אָפּגערעדט מיט מיין חבורה צו זאָגן קטורת גאַנץ פרי, בכדי מבטל צו זיין די גזירה. האָט מען מיר מגלה געווען פון הימל: דו האָסט דיר דאָך אַליין אויסגעקליבן פאַלן פון גאָטס האַנט, היינט וואָס ווילסטו מבטל זיין?.. זינט דעמאָלט האָב איך ניט געזאָגט קיין קטורת און ניט מתפלל געווען דערויף. בלויז אום הושענא רבה בין איך אַוועק אין שול מיטן גאַנצן עולם און געזאָגט איין מאָל קטורת, כדי די פּעסט זאָל זיך ניט אויסשפּרייטן אין אונזער סביבה, — און אַזוי האָט אונז אָפּגעגליקט מיט גאָטס הילף"...

מען דערציילט, אַז נאָכדעם ווי דער גאָנישער דיכטער אַליגיערי דאַנטע האָט פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל פון זיין „געטלעכער קאָמעדיע", פלעגן די איטאַליענישע פרויען מיט יראת הכבוד אויף אים מיט די פינגער ווייזן: „אָט דאָס איז דער מאַן, וואָס איז אין די טיפסטע אָפּגרונטן פון גיהנום אַריינגעדרונגען און צו אונז צוריק געקומען". ניט מיט קיין קלענערן רעספּעקט האָט די מעזבוזשער „חבורה" אויף דעם בעש"ט געקוקט, וואָס האָט אַזוינע „עליות נשמות" דורכגעמאַכט, מיט די אָבות און זיבן פּאַסטוכער ביי איין טיש געזעסן און מויל צו מויל

געערדט מיט משיח בן דוד. און דער רושם, וואָס דער בעש״ט האָט מיט זיין תורה געמאַכט אויף זיינע תלמידים, די לומדים און רבנ״ם, איז געווען נאָך געוואַלדיקער דערמיט, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געזעען אַ פשוטן בעל־שם, ניט קיין חריפישן למדן, ניט קיין קונציקן שווימער איבערן ברייטן ים־התלמוד. דאָס איז געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג, אַן אויסטערלישער שנוי־ערכין *...

און פול מיט אַנטציקונג האָבן זיי זיך געלאָזט איבער דער וועלט דערציילן וועגן דעם גרויסן וואונדער, אַנטפּלעקן זייער רבינס תורה...

---

* שנוי ערכין — איבערשאַצונג פון אַלע ווערט.

דריטער קאַפּיטל

דעם בעש״טס תּלמידים — זיין פאָרטרעטער ר׳ דוב בער דער מעזע־ריטשער מגיד. — פון מעדזיבוזש קיין מעזעריטש. — די קוועלן פונם מגידס תּורה. — „לקוטים יקרים״, „לקוטי אמרים״, „אור תּורה״ און „אור המאיר״. — וועגן פאַנטעאיסטישע אָנשויאונגען אינם וועלט-באַנעם פון די באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג. — די לערע וועגן צימצום. — דער צימצום און דער צוועק פון „מעשה בראשית״. — ליבע און צימצום אַלס „אחדות גמורה״. — די שליחות פונם פאָלק ישׂראל. — דער צדיק אין דער בחינה פונם כּהן גדול אין יום-כּיפּור. — דער צדיק און דער „אוֹם בּפועל״. — טעאָרעטישער צדיקיזם. — דער ערשטער קאַמף קעגן די חסידים. — די סאָציאַלע יסודות פון דעם דאָזיקן קאַמף. — דער חרם-קונטרס „זמיר עריצים וחרבות צורים״. — יעקב יוסף כּהן, דער גרינדער פון דער חסידישער ליטעראַטור. — זיין קאַמף קעגן די רבנים. — דער באַטייט פון זיין „תּולדות יעקב יוסף״.

מען דערציילט וועגן דעם בעש״ט, אַז ער האָט אַמאָל זיך געווענדעט צו גאָט מיט אַזאַ תּפילה: „רבּונו של עולם! גלוי וידוע לפניך — דיר איז אָפֿענבאַרט און באַוווּסט, ווי שטאַרק איבערפֿילט ס׳איז מיין האַרץ, און ס׳איז ניטאָ דער מענטש, פאַר וועמען איך זאָל דאָס אַלץ קאָנען אַנטפּלעקן!״ „דאָס — דערקלערט אַן אַנדער מאָל דער בעש״ט — וואָס איך זאָג אַמאָל דברי תּורה פאַר אַנדערע, איז דאָס בלויז פון די מותרות, וואָס שטייגן אַריבער די בּרעגעס, פּונקט ווי אַ כּלי, וואָס איז איבער־געפילט מיט אַ געטראַנק ביז איבערן אויג, גיסט זיך אַריבער אַ געוויסער טייל פון דער פליסיקייט 1. ווי יעדער נייערער, גרינדער פון נייע שיטות און וועלט־באַנעמען, האָט דער בעש״ט געפילט זיין איינזאַמקייט, געשפּירט — עס פעלט דער ריכטיקער נאָכפאָלגער, וועמען ער זאָל קאָנען אָנפאַרטרויען אַלץ, וואָס ער פילט און טראַכט.

יעדער פון דעם בעש״טס תּלמידים מובהקים — ווייזט אָן דער היסטאָריאָגראַף פון חסידות מענדל באָדעק — האָט ביי אים מקבּל

---

1 ומה שאני אומר לפעמים ד״ת לאחרים הם רק מהמותרות, כמו כלי שממלאים אותו ביותר ונשפך מלמעלה מעט.

געוועזן לפי שורש נשמתו הקדושה" [1], ד"ה, לויט דער מדרגה פון דעם תלמידס נשמה, אָבער ניט דעם רבינס גאַנצע תורה. דעם בעש"טס אייגענער זון, צבי-הירש, האָט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף וועגן דעם באַטייט פון זיין פאָטער. טיפּיש איז אין דער הינזיכט, וואָס דער „שבחי בעל שם טוב" דערציילט, אַז אין דעם טאָג פונם בעש"טס טויט זיינען אַלע תלמידים געשטאַנען אַרום זיין בעט, נאָר זיין זון הערשעלע איז דערביי ניט געווען — ער איז געשלאָפן. און אַז מען האָט אים אויפגעוועקט און צוגעפירט צום פאָטערס בעט און יענער האָט מיט אים אָנגעפאַנגען צו ריידן דברי תורה, האָט דער זון דערקלערט: אֵינִי מֵבִין מה שאתה אומר [2], — איך פאַרשטיי ניט וואָס דו זאָגסט. אויך דער אָקערשט דערמאָנטער מענדל באָרעק, וואָס קאַרגט ניט די גרעסטע שבחים ביי יעדן פון דעם בעש"טס תלמידים, מוז, בעת ער דערמאָנט דעם בעש"טס בן יחיד, זיך באַגניגען בלויז מיט דער באַמערקונג, אַז יענער איז זיין גאַנץ לעבן „היה הצנע לכת עם ד' והיה מתנהג כמו אדם פשוט ולא נתוודע לאיש צדקתו" [3]. דעם בעש"טס ממלא מקומו, זיין גייסטיקער יורש און פירער פון דער דורך אים געשאַפענער באַוועגונג איז געווען דער מעזעריטשער מגיד ר' בער, וואָס איז ערשט אין דעם בעש"טס לעצטע יאָרן געוואָרן זיינער אַ מקורב און אָנהענגער.

גענויע פּרטים וועגן דעם מגידס לעבן זיינען זייער ווייניק באַקאַנט. אויס די אַלע לעגענדעס, וואָס זיינען אין חסידישע קרייזן געשאַפן געוואָרן אַרום אים און אַרום זיין צונויפקומען מיטן בעש"ט, קאָן מען בלויז פעסטשטעלן, אַז איידער ר' דוב-בער האָט זיך באַגעגנט מיטן בעש"ט, איז ער געגאַנגען אויף דעם זעלבן דרך, ווי אַלע רבנים און לומדים פון יענער צייט. געבאָרן אין אַ קליין וואָלינער שטעטעלע לוקאַטש [4], האָט ער יום-ולילה געלערנט נגלה און נסתר, און שוין אין די יונגע יאָרן, ווי עס ווערט דערציילט אין „כתר שם טוב" (II, 30), געשעצט אַלס גרויסער חריף און בקי אין גאַנץ ש"ס און פוסקים און אויך אין חכמת הקבלה. אַ הייסער אָנהענגער פון אריז"ס קבלה, איז ער געגאַנגען אויפן וועג פון אסקעזע און פלעגט אָפּטמאָל פאַראַוועז תעניתים פון שבת צו שבת. אַלס שטאָט-מגיד (אין וואָלינער שטעט מעזעריטש, דובנא, קאָרעץ און

---

1 סדר הדורות החדש, דף י, עמ' ב.

2 שבחי בעש"ט, 41.

3 סדר הדורות החדש, דף ז' עמ' ב': „איז שטיל געגאַנגען מיט גאָט, זיך געפירט ווי אַ פּשוטער מענטש, און קיינער האָט ניט געוווסט וועגן אים".

4 זיין געבורטסיאָר ווערט אין איניגע קוועלן אָנגעגעבן פאַרשיידען: ביי דובנאָוו — אַרום 1710, ביי האָראָדעצקין — 1704.

ראַוונע) פלעגט ער אויך אין זיינע דרשות רופן צו סיגופים, תשובה און תיקון.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דעמאָלטיקן וועלט-באַנעם איז פאָלגנ-דיקע מעשה, וואָס עס דערציילט אין זיין נאָמען דער תלמיד זיינער, ר׳ וואָלף זשיטאָמירער: אין די יינגערע יאָרן, ווען דער מגיד איז געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף, איז ער אַמאָל געזעסן אין שטוב אין אַ ווינקל. זיינען אַהין אַריינגעקומען עפּעס אַ פּריץ מיט איינער אַ חצופה, אַ יפת תואר, מיט שטאַרק דעקאָלטירטע ברוסטן, ווי זייער שטייגער איז. אומבאַוווּסט האָט דער מגיד אַ קוק געטאָן אויף די דאָזיקע שיינע פרוי מיט דער אַנטבלויזטער ברוסט, און גלייך האָט דערוואַכט אין זיין האַרצן אַ גרויסער צער. האָט ער דעמאָלט אָנגעפאַנגען צו פאַרמיאוסן אין זיין האַרצן דאָס דאָזיקע שלעכטס אויף אַזאַ אופן: דער אָנהויב פון איר באַשאַפונג נעמט זיך דאָך פון דעם פאַטערס און דער מוטערס זאָמען, פון דאָרטן ציט זיך איר שיינקייט, איר ווייסקייט און די רויט-קייט אירע. און פונוואַנען ציט זיך זייער זאָמען? פון זייערע מיאוסע און עקלהאַפטע מאכלים, ווי שלענג, ראַקעס וכדומה. און פונדאַנען ציט זיך דער זאָמען מיט איר פוסטער שיינקייט און חנעוודיקייט. און ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט וועגן די עקלהאַפטע געגנשטאַנדן, ביז ער האָט אָנגעהויבן ברעכן פאַר זיי אין די אויגן. האָט דעמאָלט דער פּריץ געהייסן אים אַרויסוואַרפן אין דרויסן [1].

און ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס דער מגיד גופא, ווען ער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן דער אָנערקענטער מנהיג פון די חסידים, ברענגט אין איינער פון זיינע דרשות [2] דעם בעש״טס דידאַקטישע סענטענץ, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שאַרפן קאָנטראַסט צו דעם מגידס אַמאָליקער התנהגות: „ווען אַ מענטש זעט אַ שיינע פרוי, זאָל ער טראַכטן, פונוואַנען קומט צו איר די דאָזיקע שיינקייט? ווען זי וואָלט געווען טויט, וואָלט זי דאָך דאָס דאָזיקע שיינע פנים ניט געהאַט. אויב יאָ אַזוי, קומט דאָס דאָך אַלץ פון דעם געטלעכן כוח, וואָס איז פאַרשפּרייט אין איר, — ער גיט דאָס איר פנים די קראַפט פון שיינקייט און פאַר-ביקייט. דערפון איז געדרונגען, אַז דער שורש פון שיינקייט איז דער געטלעכער כוח, — הייסט, צוליב וואָס זאָל איך זיך ציען און גלוסטן נאָך אַ טייל, בעסער זיך צו באַהעפטן מיטן שורש פון אַלע וועלטן, וואָס איז דער אורקוואַל פון שיינקייט...

---

1 אור המאיר, אָנפאַנג פרשה חיי שרה (מיר ציטירן לויט דער װאַרשעווער אויסגאַבע פון 1883).

2 אור תורה, 76 (מיר ציטירן לויט דער לובלינער אויסגאַבע פון 1884).

ווענן דעם צונויפקומען פון דעם מגיד מיט דעם בעש"ט ווערן אינם „שבחי הבעש"ט" 1 און אין דעם „כתר שם טוב" 2 דערציילט פארשיידענע לעגענדעס, פון וועלכע עס איז ניט שווער ארויסצושיילן דעם רעאלן קערן: פון די שטענדיקע תעניתים איז דעם מגידס גוף אזוי אפגעשוואכט געווארן, אז ער איז שוין ניט אימשטאנד געווען צו גיין מיט די פיס און פרעמדער הילף און געמוזט ליגן צו בעט. האבן אים באקאנטע געראטן, ער זאל פארן זיך היילן צום בעש"ט, וואס האט שוין דעמאלט געשמט איבער דער גאנצער געגנט מיט זיינע סגולות און רפואות. אין דער התחלה האט דער בעש"ט זיך פארהאלטן צום מגיד, ווי צו פיל אנדערע חריפישע לומדים, מיט א געוויסער איראניע, זיך געהאלטן, ווי א „פראסטאק", דערציילט פשוטע מעשיות און פאלקסטימ־לעכע גלייכטווערטלעך. דעם ארי"ס קבלה איז אבער געווען דאס געביט, אויף וועלכן די דאזיקע צוויי מענער האבן זיך געקאנט דערנעענטערן. דער בעש"ט האט געפונען פאר זייער געוואונטשן צו געווינען דעם דאזיקן טיפן מקובל פאר זיין „חבורה", ברענגען אים צום באוווסטזיין, אז ער האט כל ימיו געבלאנדזשעט, דערוויזן אים, אז „הלימוד שלך היה בלי נשמה" 3. דער בעש"ט האט ניט נאר אויסגעהיילט דעם מגידס גוף מיט זיינע קראנקע פיס, ער האט אויך געמאכט א גאנצע איבער־קערעניש אין זיין וועלט־באנעב, באפרייט זיין נשמה פון דער בלייענער מרה שחורה, פון דעם פחד פאר זינד. אים איז געלונגען דעם מגיד־אסקעט צו איבערצייגן, אז גאט דינען דארף מען ניט מיט תעניתים און סגופים, נאר דווקא דורך שמחה און מונטערקייט. און דער מגיד ר' דוב־בער, — דערציילט דער „כתר שם טוב", — האט דעמאלט צוריק אפגעשיקט אהיים דעם משרת, וועלכער האט דעם קראנקן מגיד באגלייט אויף זיין נסיעה צום בעש"ט, און אליין איז ער געבליבן ביים בעש"ט, „ולמד אצלו חכמות גדולות ועמוקות — און האט געלערנט ביי זיים גרויסע און טיפע חכמות. אדאנק זיין שטארקן כאראקטער און ארגאניזאטארישע פעיקייטן, איז ער נאך דעם בעש"טס טויט געווארן דער פירער פון דער נייער באוועגונג און האט פיל מיטגעהאלפן איר פארשפרייטונג און שטור־מישן וווקס. דער צענטער פון דער חסידישער תורה איז נאכן בעש"טס טויט איבערגעגאנגען פון מעדזשיבאזש קיין מעזעריטש, פון פאדאליע קיין וואלין.

---

1 אור תורה, 13.

2 דארסן, II, 30.

3 ד,רסן.

ווי דער בעש״ט, אזוי האט אויך דער מגיד ביי זיין לעבן קיין חיבורים ניט פארעפנטלעכט. א געאיבטער בעל־דרשן, פלעגט דער מעזעריטשער מגיד פארטראגן זיין תורה פאר זיינע צוהערער אין פארם פון דרשות — „מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו״ 1. א לעבעדיק בילד, ווי אזוי דער מגיד ר׳ דוב־בער פלעגט שבת ביים טיש האלטן זיינע דרשות און ווי קונציק ער פלעגט דערביי אויסטייטשן פארשיידענע פסוקים פון תנ״ך, גיט אונז אין זיין לעבנסבאשרייבונג (ניינצנטער קאפיטל) שלמה מיימון, וואס איז אליין אין זיינע יונגע יארן עולה־רגל געווען קיין מעזעריטש, בכדי זיך צו באקענען מיט דער ניי־אויפגעשפראצטער חסידישער באוועגונג. דער מגיד אליין האט זיינע דרשות ניט פארשריבן, דאך האט ער זייער געוואלט, זיי זאלן ניט פארלארן גיין און זיינע תלמידים זאלן זיי פארשרייבן און איבערגעבן די שפעטערדיקע דורות. וועגן דעם דערציילט באריכות זיין תלמיד שלמה לוצקער אין דער פארדערע צו „לקוטי אמרים״. ער דערציילט, אז פיל פון דעם מגידס חסידים פלעגן פארשרייבן דעם מגידס דרשות, זיי פלעגן אבער צו מקצר זיין און גאנץ אפט אויך ניט ריכטיק איבערגעבן דעם אמתן תוך פון דעם מגידס טיפע רייד, און האבן זיי אויסגעטייטשט לויט זייער פארשטאנד 2. ער גופא האט אויך זיך ניט איינגעשטעלט צו פארשרייבן דעם רבינס הייליקע רייד, ווייל ער האט מורא געהאט, אז אויך ער וועט זיי ניט איבערגעבן מיט דער געהעריקער גענויקייט. איין מאל האט אים דער מגיד געפרעגט, פארוואס ער פארשרייבט ניט זיין רבינס דרשות. האט ער אים דערקלערט, אוים וואסער טעם ער פארמעסט זיך ניט דאס צו טאן. האט אים דערויף דער מגיד אזוי געזאגט: פונדעסטוועגן וואלט גוט געווען, זיי זאלן זיין ווי עס איז פארשריבן, „בכדי עס זאל זיין א דערמאנונג פאר דער עבודת הבורא ב״ה״. און אז דער תלמיד האט געפרעגט, פארוואס „וויל ער און גלוסט אזוי דערצו?״ האט אים דער מגיד געענטפערט מיט א סמך אויף א פסוק: איז דען אין דיינע אויגן א קלייניקייט דאס, וואס דוד המלך ע״ה האט געבעטן: „אגור באהליך עולמים״, ד״ה, — איך וויל ווינען אין דיינע געצעלטן אויף ביידע וועלטן. דאך האט שלמה לוצקער אפילו נאכן מגידס טויט יארן לאנג ניט דערפילט דעם רבינס רצון. ערשט נאכדעם, ווי יעקב יוסף הכהן האט אין זיינע ווערק „תולדות יוסף״ און „בן פורת יוסף״ פארעפנטלעכט דעם בעש״טס בריוו און פיל מימרות זיינע, האט

1 זע שער־בלאט פון „לקוטי אמרים״.

2 דארטן: כי ראיתי כותבי כתבים ומקצרים מאוד מכוונת אדומ״ו ולפעמים אינם כבינים וכותבים לפי הבנתם.

אויך שלמה לוצקער באשלאסן צו באקענען דעם ברייטערן עולם מיט זיין רבינס גייסטיקער ירושה. פון אלע אים באקאנטע מאנוסקריפטן, ווי עס זיינען געווען פארשריבן דעם מגידס דרשות, האט ער אויסגעקליבן דעם בעסטן, דעם, וואס ס׳האט אויפגעשריבן דער ישיש ר׳ זאב וואלף אוים גראדנע אין מדינת ליטע, ארייגעטראגן געוויסע אויסבעסערונגען און פארעפנטלעכט אין קארעץ אין 1784 אונטער א דאפלטן נאמען „לקוטי אמרים" און „מגיד דבריו ליעקב" [1]. דאס ווערק האט געהאט גרויסן דערפאלג, און ביז 1792 האט עס אויסגעהאלטן דריי אויפלאגעס. נאר שלמה לוצקער ווייזט אליין אן אין דער פארערדע, אז די דאזיקע זאמלונג פון דעם מגידס דרשות „הוא רק טפה מן הים מגודל חכמתו". עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס חוץ דעם געדרוקטן „מגיד דבריו ליעקב" האבן נאך צווישן די חסידים צירקולירט פיל מאנוסקריפטן און אפשריפטן מיט דעם מגידס תורה. אין 1792 האט שמואל בהרבני יהודה לייב סגל בודק אוים לעמבערג פארעפנטלעכט א זאמלונג „לקוטים יקרים" [2], ווו ער ברענגט פיל מימרות פון דעם מעזעריטשער מגיד און פאררופט זיך דערביי אפט אויף צירקולירנדיקע „כתבים" און „כתבי קודש", ווו עס זיינען פארצייכנט פיל „סודות נפלאים" פון דעם מעזעריטשער מגיד [3]. איין מאל שליסט ער אפילו מיט דער באמערקונג: און איך וויל דא ניט אפשרייבן פון די דרושים, וואס געפינען זיך אין די כתבים פון מו"ה ד"ב זלה"ה, ווייל זיי זיינען זייער טיף און דערהויבן און יעדעס ווארט נייטיקט זיך אין א גרויסן פירוש [4]. אין 1804 איז אין קארעץ דערשינען א נייע זאמלונג פון דעם מגידס דרשות און מימרות „אור תורה", וואס ס׳האט בשעתו פארשריבן ר׳ דוב בערס תלמיד ישעיה פון דונאוויץ. די דאזיקע אפשריפט איז א ברייטערע פון שלמה לוצקערס, און זי אונטערשיידט זיך דערביי פון דעם „לקוטי אמרים" ניט בלויז מיט איר נוסח, נאר אויך מיט איר גאנץ אנדערן סדר. בעת אין לוצקערס אויסגאבע זיינען די דרשות געדרוקט אן א שום סדר, זיינען זיי אינם „אור תורה" געאָרדנט לויטן סדר פון די פסוקים פון תנך און פון די מאמרים פון תלמוד, מדרשים און זוהר.

---

1 די שלוס-אותיות פון די דריי ווערטער מגיד דבריו ליעקב חיין אן דעם מגידס נאמען דוב.

2 דער נאמען פונם זאמלער איז ניט אנגעוויזן אויף דעם שער-בלאט, נאר אויפן צווייטן בלאט אין די דריי רבנישע הסכמות. דובנאוס אנווייזונג, אז דער „לקיטים יקרים" איז דערשינען אנאנים, איז דערפאר ניט גאנץ ריכטיק.

3 לקוטים יקרים, דף 25, סוף עמ׳ ב׳; דארטן, דף 27, עמ׳ א׳; דארטן, דף 28, עמ׳ ב.

4 דארטן, 24, עמ׳ 2

איניקע פון דעם מגידס תלמידים האָבן אין זייערע אייגענע ווערק געבראַכט אַ גאַנצע צאָל מימרות פון זייער רבין, וואָס פעלן איןביידע אַקערשט דערמאָנטע זאַמלונגען. באַזונדערס וויכטיק איז אין דער הינזיכט ר׳ וואָלף זשיטאָמירערס „אור המאור״. אָט די דאָזיקע אויסגערעכנטע קוועלן גיבן דעם מער־ווייניקער גענוגדיקן מאַטעריאַל, בכדי צו באַקענען זיך מיט דער פּערזענלעכקייט און וועלט־באַנעם פון דעם בעש״טס גייסטיקן יורש, פון דעם צווייטן מנהיג פון דער יונגער חסידישער באַוועגונג.

קודם־כל דאַרף דאָ אָנגעוויזן ווערן אויף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריםטישן פּרט: דעם בעש״טס תלמיד, יעקב יוסף הכהן, יעדעס מאָל, ווען ער ברענגט די רייד פון זיין רבין, ווייזט ער דערביי גלייך אָן: „שמעתי ממורי״, „שמעתי בשם מורי״. אַנדערש איז דער מגיד ר׳ דוב בער. ניט אין „לקוטי אמרים״, ניט אין „אור תורה״ ווערט דער בעש״ט ניט באַגלייט מיטן טיטל „מורי״. די געציילטע מאָל, וואָס דער מגיד דערמאָנט דעם בעש״ט, טוט ער דאָס בלויז מיט דער באַמערקונג „אמר ריב״ש ז״ל״ אָדער „ר׳ ישראל ב״ש״. אָבער גאַנץ פיל פון דעם בעש״טס מימרות, און דווקא פון די וויכטיקסטע, ווערן געבראַכט אין דעם מגידס דרשות ניט בשם אומרם, און דעם בעש״טס נאָמען ווערט דערביי גאָר ניט דערמאָנט. און דאָס איז כלל ניט קיין צופאַל. צו פאַרשיידן זיינען געווען די דאָזיקע צוויי מענער לויט זייער כאַראַקטער, לויט זייערע געפילן און אפילו לויט זייער וועלט־באַנעם. ערשט אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ר׳ דוב בער, דער למדן־אַסקעט, פאַרקערעוועט אויפן וועג, וואָס ס׳האָט אינטויִטיוו מיט זיין גאונישן פאָלקס־חוש דורכגעלייגט דער וואַנדערנדיקער דאָרפס־מלמד און אַפּשפּרעכער ישראל בן אליעזר. דעם בעש״ט איז געלונגען מיט דער גרויסער מאָראַלישער קראַפט פון זיין פּערזענלעכקייט אָפּצוווענדן דעם פאַרמרה־שחורהטן למדן פון דעם וועג פון אַסקעזע. דער מגיד האָט אָבער באַגריפן די רייכקייט פון דעם בעש״טס וועלט־באַנעם בלויז מיטן מוח, ניט מיטן הארצן, מיט דער שאַרף פון זיין חריפישן געדאַנק, אָבער ניט מיטן ברענענדיקן געפיל.

דעם מגידס תורה שטיצט זיך אויף דעם זעלבן גרונט־געדאַנק, וואָס איז אויך דער צענטראַל־פּונקט פונם בעש״טס גאַנצן וועלט־באַנעם, אַז די וועלט איז ניט נאָר גאָטס באַשאַפונג, נאָר טראָגט אין זיך די גאָטהייט — מיניה וביה, און לית אתר פנוי מיניה [1]. דער מגיד ווערט ניט מיד איבערצוחזרן אין זיינע דרשות, אַז השי״ת „הוא ממלא כל עלמין ואיהו

[1] זע אויבן 49.

בתוך עלמין״ 1. הקב״ה טראָגט אויף זיך אַלע וועלטן, ער איז איבער און אונטער אַלע וועלטן און פילט אָן אַלע וועלטן, און ער איז דער אָרט פון אַלע וועלטן 2. דער פאַרשטענדיקער מענטש, — לערנט דער מגיד, — ווייסט, אַז „כל העולם כולו מלא מהשי״ת״; און ווי שטאַרק איז צו באַדויערן דער, וואָס נעמט אָן ווערטלעך דעם פשט פונם פסוק און מיינט „שהשי״ת בשמים הכין כסאו״, און די גאַנצע וועלט ליגט פאַר זיינע אויגן ליידיק, פוסט און טויט 3. און דער מגיד טייטשט אויס אויף אַ קונציקן אופן די באַקאַנטע ווערטער פונם פילאָזאָפּישן פעסימיסט קהלת: „כי האלהים בשמים ואתה על הארץ, על כן יהיו דבריך מעטים״ (קאַפּ׳ 5, 1): דער וואָס פאַרשטייט ניט, אַז גאָט יתברך פילט אָן אַלע וועלטן, דרינגט דורך אַלע וועלטן, רינגלט אַרום אַלע וועלטן (ממלא כל עלמין, מלגאו כל עלמין ומסבב כל עלמין) ולית אֲתַר פנוי מיניה, און מיינט, אַז השי״ת איז אויבן אין די הימלען, און ער, דער מענטש, איז אויף דער ערד, — דער טאָר קיין סך ניט רייד, וואָרעם וואָס קאָן ער מיט זיינע רייד אויפטאָן, וואָס קאָנען זיינע ווערטער מתקן זיין? 4 אפילו אין גשמיות־זאַכן, — חזרט דער מגיד איבער דעם בעש״טס סענטענץ, — איז גאָט איינגעהילט; און אָט דאָס איז דער באַדייט פון — „מלא כל הארץ כבודו״ — די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין פראַכט 5.

דאָ איז אָבער וויכטיק אָנצוּווייזן אויף איין וויכטיקן פּרט: אייניקע פאַרשער שטרייכן באַזונדערס אונטער אין דעם וועלטבאַנעם פון די באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג ריין פּאַנטעיִסטישע אָנשויונגען. מען דאַרף אָבער דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז ביים בעש״ט און ביים מגיד זיינען די דאָזיקע געדאַנקען ענג פאַרבונדן מיט אַזוינע באַגריפן, וואָס טיילן זיי אויף אָנטשיידנסטן אָפּ פון דעם פּאַנטעיִסטישן וועלטבאַנעם. פונם פּאַנטעיִסטישן שטאַנדפּונקט קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אונטערשייד און מחיצה צווישן גאָט און צווישן דער נאַטור, צווישן דער מאַטעריע און גייסט. די דאָזיקע אַבסאָלוטע אידענטישקייט איז אָבער ניט די ס י ב ה פון דעם וועלטאַל — זי איז טאַקע דער וועלטאַל גופא, די גאָט־וועלטאַל־אייניקייט, דער אוניווערסאַלער, אַבסאָלוטער דו־פּרצופים. דער דאָזיקער באַגריף געפינט זיך אין פולער סתירה מיטן וועלטבאַנעם

---

1 אור תורה, 121.

2 דאַרטן, ז׳ 44 הקב״ה סובל כל עלמין ולעילא מכולא ותחת כל עלמין וממלא כל עלמין ואיהו מקומן של כל העולמות.

3 לקוטי יקרים, 23.

4 אור תורה, 106.

5 דאַרטן, 104.

פון די באַגרינדער פון חסידיזם. אמת, אויך זיי זיינען פעסט איבערציינגט, אַז די וועלט איז דורכגעדרונגען פון גאָט, מיניה וביה, און לית אתר פנוי מניה; גאָט איז אָבער איבער דער וועלט, די וועלט איז זיין באַשאַפונג, בכן האָט גאָט עקזיסטירט פאַר דער וועלט; און עס ווערט טאַקע ביים מגיד מערערע מאָל איבערגעחזרט דער געדאַנק, אַז „עלה ברצונו לברוא העולמות״ [1], „הרצון הקדמון לברוא העולמות״ [2], „נתהוו כל העולמות ברצון״ [3], ד״ה אַז דער וועלטבאַשאַף איז אַ פּרייער ווילנסאַקט פון דער גאָטהייט. לכאורה אין העולם כבודו יתברך — דערקלערט דער מגיד — אייגנטלעך קאָן די וועלט ניט באַטראַכט ווערן אַלס לויב פאַרן שם יתברך, וואָרעם ער איז דאָך דער אֵין־סוף בלתי בעל תכלית, און אַלע וועלטן האָבן קעגן אים קיין שום ווערט ניט (אין כל העולמות נחשבים כנגדו כלום) [4]. גרויס איז אויך דער אונטערשייד בנוגע דער פראַגע וועגן דער ראָלע און באַטייט פון דער מאַטעריע. ביי שפּינאָזען, אַשטייגער, זיינען אויסשפּרייטונג (התפשטות) און דענקען, ד״ה מאַטעריע און גייסט, די צוויי געטלעכע גלייכבאַרעכטיקטע אַטריבוטן, וועלכע דער מענטש קאָן משיג זיין; ווען ביים בעש״ט געפינט זיך נאָך אַזאַ פראַזע ווי: „ואין הפרש בין החומר והצורה״ [5], איז שוין ביים מגיד דער חומר, די מאַטעריע, אַ מינדערווערטיקע זאַך. אמת, דער מגיד ווייזט אָן, אַז „השי״ת מלובש אפילו בכל הגשמיות״ — אין יעדן חומר געפינען זיך אויך געטלעכע פונקען און דער מענטש איז דערצו באַרופן צו באַפרייען די דאָזיקע פונקען פון דער קליפה, פון דעם חומר. און דער חומר, שטרייכט דער מגיד אונטער, „הוא הפסולת און די צורה, די שיינקייט — „הוא הרוחני והחיוני מזה הכלי״ [6]. עס איז דאָך אַ דבר ידוע — דערקלערט דער מגיד — אַז דער גשם, די מאַטעריע, איז די נידעריקסטע פון אַלע מדרגות, נאָר ווייל עס איז ניטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל זיין אויסער גאָט (לית אתר פנוי מיניה), איז ער דאָך די גאָטהייט [7]...

---

1 לקוטי אמרים, דף 23, עמ׳ ב׳; דאָרטן, דף 39, עמ׳ א׳.

2 לקוטי אמרים, 29.

3 אור תורה, 97.

4 לקוטי אמרים, 24, (מיר ציטירן לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1862).

5 תולדות, פר׳ בא.

6 אור תורה, 76.

7 לקוטי אמרים, 43.

ענג פארבונדן דערמיט איז די לערע וועגן צמצום, וואס פארנעמט א זייער בכבודיקן פלאץ אין דעם מגידס וועלטבאנעם. מיר מוזן אבער דערביי אויפמערקזאם מאכן אויף איין גאנץ וויכטיקן פרט, וואס בלייבט ניט גענוגנדיק באלויכטן אין די זאמלונגען, אדאנק וועלכע מיר האבן די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט דעם מגידס תורה. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז לויט דעם מגידס וועלטבאנעם איז דער וועלטבאשאף א פרייער ווילנסאקט מצד דער געטלעכער אלמאכט. איןביידע זאמלונ-גען ווערן אבער געבראכט דעם מגידס פיל-זאגנדיקע צוויי מימרות: „הקב"ה נקרא מנוחה — גאט ברוך הוא ווערט גערופן רו, שאין שייך בו תנועה; ווארעם תנועה—באוועגונג איז שייך בלויז ביי א זאך „שהוא בזמן ובמקום", וואס געפינט זיך אין די גרענעצן פון צייט און פון ארט, אבער הקב"ה — ער איז דאך דער אין-סוף „ואינו נעתק ממקום למקום", און ער באוועגט זיך ניט פון ארט צו ארט, און ער געפינט זיך אויך ניט אינם גדר פון צייט. נאך טיפישער איז די צווייטע מימרא: „כי באין-סוף אינו שייך רצון" — בנוגע צום אין-סוף איז ניט שייך צו ריידן וועגן רצון [1]. דער דאזיקער זאץ בארעכטיקט אפשר צו מאכן די השערה, אז אויך דער מגיד, ווי מנחם די פאנו און יונתן איי-בעשיץ [2], איז ארויסגעגאנגען פון דעם גערדאנק, אז ניט די סיבה ראשונה, נאר דער אלהי ישראל, דער פארבילד פון די עשר ספירות, איז דער באשעפער פון דער וועלט. און אפשר איז דאס איינע פון די „סודות נפלאים" אין דעם מגידס תורה, וועגן וועלכע עס רעדט דער בעל „ליקוטי יקרים", און די זאמלער, וואס האבן דעם מגידס דרשות פארשריבן, האבן געהאלטן פאר פאסיקער דעם דאזיקן „סוד" ניט מגלה צו זיין און געבראכט דערפאר דעם רבינס מימרא אן וועלכע ס'איז פרושים.

דערפאר אבער ווערט גאנץ באריכות גערעדט וועגן סוד הצמצום [3]. „צמצם את עצמו וברא העולמות [4] — גאט האט דורך צמצום די וועלטן באשאפן. „בעולם הזה הכל צמצום גמור — דערקלערט דער מגיד [5]. ווען ניט דער צמצום — ווייזט אן דער מגיד, — וואלטן די וועלטן ניט געקאנט עקזיסטירן, ווייל זיי וואלטן דאס געוואלדיקע געט-

---

1 איר תורה, 82; לקוטי אמרים, 7; אור תורה, 4; לקוטי אמרים 15.

2 אונזער חערק ב' V, ז' 229.

3 אויך אין בעש"טס נאמען חערט איבערגעגעבן פאלגנדיקער זאץ: והקב"ה עשה כמה צמצומים דרך כמה עולמות כדי שיהיה אחדות עם אדם שלא היה יכול לסבול בהירתו (כתר שם טוב, 5).

4 איר תורה, 67.

5 דארטן, 30.

לעבע ליכט נים געקאָנט איבערטראָגן [1]. אלץ, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, איז עם דורך צמצום געשאַפן [2].

מיר האָבן אין פריקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, אַז דער בעש״ט האָט אין דעם באַגריף „אלהים״ געזעען די נאַטור־קרעפטן; דער מגיד פון זיין זיים דערקלערט: „הנה הצמצום נקרא אלהים״ — אָט דאָס דורך מחיצות און לבושין פאַרקלענערטע און אָפּגעשוואַכטע געטלעכע ליכט הייסט „אלהים״; און ער דערקלערט דערביי אויף אַ גאַנץ אויסטערלישן אופן די ווערטער פון דער תורה: בראשית ברא אלהים — צום ערשטן איז אלהים געשאַפן, ד״ה צום ערשטן איז פאָרגעקומען דער צמצום פון דעם „אין־סופס״ ליכט [3].

דער טעזיס וועגן צמצום איז ביים מעזעריטשער מגיד צונויפגעפאַלן מיטן פּראָבלעם וועגן דעם צוועק פון וועלטבאַשאַף. דאָ חזרט דער מגיד מערערע מאָל איבער דעם געדאַנק, וואָס ס׳האָט שוין אַרויסגעזאָגט דער בעש״ט אין פאָלגנדיקן זאַץ: די מידה פון „מלכות״ איז אין אונזערע הענט און מיט אונז צונויפגעבונדן, ד״ה דערמיט, וואָס מיר אָנערקענען זיין גרויסקייט און זיין מלכות, דערלאַנגט ער זיין שלימות מיט דער מידה פון מלכות, ווארעם אָן דעם פאָלק איז ניטאָ קיין מלך, און ערשט דורכן פאָלק אַנטפּלעקט זיך די קיניגלעכע פּראַכט [4]. עיקר בריאת העולמות, — דערקלערט דער מגיד, — דער צוועק פונם וועלטבאַשאַף — שיתגלה מידת המלכות: שאין מלך בלא עם — זאָגט דער מגיד אויף אַן אַנדער אָרט—לכן צמצם את כבודו [5]; און דער מגיד חזרט איבער [6] דעם בעש״טס געדאַנק, וואָס איז אַרויסגעזאָגט אַלס פּירוש צו די ביבלישע ווערטער: „צדיק כתמר יפרח״; עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן צדיקים און ביידע זיינען זיי צדיקים גמורים, — דער חילוק צווישן זיי באַשטייט אָבער אין אָט וואָס: איינער איז אַ צדיק בלויז פאַר זיך „און איז ניט משפיע מצדקתו אויף אַנדערע״; אַזאַ צדיק איז געגליכן צו אַ צעדערבוים, וואָס טראָגט ניט קיין פּירות. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ צדיק פון אַן אַנדער מין: יענער איז שטאַרק משפיע אויף אַנדערע

1 אור תורה, 29, 52.

2 דאָרטן, 30.

3 דאָרטן, 68.

4 כתר שם טוב, ז: ומדת המלכות היא מצידנו ובידינו, דהיינו שאנו מכירים גדולתו ומלכותו ואז הוא נשלם במדת מלכותו, כי אין מלך בלא עם שמחמת העם נתגלה המלכות.

5 אור תורה, 70; לקוטי אמרים, 15, 39.

6 אור תורה, 87; לקוטי יקרים, 35.

„און מערט דאס גוטע אויף דער וועלט". אט דער צדיק איז געגליכן צו א טייטלבוים, וואס ברענגט פיל זיסע פרוכטן; אזא צדיק איז פון א פיל העכערער מדרגה.

מיר באגעגענען דא ביי די באגרינדער פון חסידות דעם זעלביקן געדאנק, וואס איז אויסגעדריקט אין יהודה אברבנאלס שיינע ווערטער, בעת ער רעדט וועגן דער העכסטער אנטפלעקונג פון דער אקטיוו-שאפנ-דיקער ליבע, וואס באשענקט און איז משפיע, וועגן דער ליבע פון גאט צו דער וועלט: „דער פרוכט-טראגנדיקער בוים איז שענער און פולקו-מענער פון דעם פרוכטלאזן און דער לעבעדיקער קוואל, וואס באפרוכ-פערט און געפינט זיך אין שטענדיקער באוועגונג, איז ניט אין פארגלייך שענער פון דעם שטייענדיקן, ווען אפילו קרישטאל-ריינעם וואסער" [1]. דעם בעש"טס געדאנק: ההשפעה ממעין העליון נובע תמיד ודברו להיטיב — פון.דעם געטלעכן קוואל שטראמט אומאויפהערלעך די שפע פון ליבע, — ווערט ביים מגיד ווייטער אנטוויקלט. גאט, וואס איז בתכלית השלמות,—לערנט דער מגיד,—האט אוים זיין גרוים גוטסקייט און אומענדלעכער ליבע פארקערפערט זיין געטלעכן געדאנק אין באשאפענע וועלטן, בכדי עס זאל זיין, ווער עס זאל מקבל זיין די געטלעכע שפע. קיין באשעפעניש איז אבער ניט אימשטאנד אויפצונעמען די ווונדער-לעכע שפע פון ליכט, דעם אומאויפהערלעכן שטראם פון אקטיווער געט-לעכער ליבע, — דערפאר האט גאט כביכול, בכדי די וועלטן צו באשאפן, „צמצם את עצמו". דער צמצום, — שטרייכט דערביי מערערע מאל דער מגיד אונטער, — איז בכן אוים ליבע פארגעקומען — „מחמת אהבה בא הצמצום", אוים ליבע „ברא כל העולמות" [2]. די ליבע און דער צמצום,— דערקלערט דער מגיד, — ביידע זיינען זיי „אחדות גמורה", א פולשטענ-דיקע אייניקייט, ווארעם אוים דער ליבע, אוים דער אקטיווער געטלעכער ליבע, זיינען די וועלטן באשאפן, וואס זיינען אימשטאנד געווען אויפ-צונעמען דאס געטלעכע ליכט נאר „על ידי הצמצום" [3]. און דער מגיד טייטשט דערביי אויף זיין שטייגער אוים דעם פסוק „כי שמש ומגן ד' אלהים": ווי דאס ליכט פון דער זון קאן דעם מענטשנס אויג אויפ-נעמען בלויז דורך א צודעק (מסך ומגן), אזוי קאן מען אויך דאס ליכט פון דער גאטהייט (בהירות הוי"ה) אויפנעמען נאר דורך א מָסך מבדיל, אין דער געשטאלט פון אלהים, ד"ה, — דורכן צמצום. ד' אלהים, — איז

1 אונזער װערק, באנד IV, 30.

2 אור תורה, 105.

3 לקוטי אמרים, 18; אור תורה, 29.

דערביי מוסיף דער מגיד, — באַטייט ליבע און יראה, ד״ה ליבע איינגע־הילט אין יראה [1].

ווי ביים בעש״ט, אַזוי איז אויך ביים מגיד ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן ציל און צוועק פון „מעשה בראשית״ דאָס פּראָבלעם וועגן דעם קאָסמישן באַטייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

ביים מגיד איז אָבער פיל שאַרפער ווי ביים בעש״ט די ראָלע פון דעם מענטשן, דעם יחיד, צונויפגעבונדן מיט דעם פּראָבלעם וועגן דער קאָסמישער ראָלע פונם פאָלק ישראל. גאָט און די תורה זיינען דאָך איינס, דערפאַר האָט אויך די תורה, כדי זי זאָל קאָנען נתגלה ווערן, זיך געניטיקט אין צמצום. „גאָט ברוך הוא האָט געמוזט מצמצם זיין די תורה, כדי דאָס ליכט פון זיין תורה זאָל קאָנען שיינען איבער אַלע וועלטן״ [2]. דער איינציקער טרעגער פון דער תורה איז אָבער דאָס פאָלק ישראל. דאָרט, ביים באַרג סיני, איז געשעען דער הייליקער ברית, די גרויסע אַנטפּלעקונג, ווען דאָס פאָלק ישראל האָט אָנערקענט גאָט אַלס קיניג איבער זיך. בלויז דאָס פאָלק ישראל האָט ארויס־געשטעלט דעם פּרינציפּ פון גאָטס קיניגטום, פון מלכות שמים, האָט דערקלערט גאָט פאַרן איינציקן קיניג און באַפעלער איבער דער וועלט און איבער דעם מענטשלעכן קיבוץ. גאָט האָט דערפאַר דערקלערט דאָס פאָלק ישראל פאַר א „ממלכת כהנים״, ווייל זיי פאַרווירקלעכן די מלכות שמים אויף דער וועלט. לכן, — איז מסביר דער מגיד ר׳ בער, — איז אויך דער וועלט־באַשאַף רק צוליב דעם פאָלק ישראל. „עלה ברצונו לברוא העולמות בשביל ישראל״, ווייזט אָן דער מגיד [3]. ווען ניט דער צמצום, וואָלטן די דאָזיקע וועלטן קיין קיום ניט געקאָנט האָבן, און דאָס פאָלק ישראל וואָלט אויך ניט געווען [4]. ישראל — שטרייכט דער מגיד אונטער, — איז דער עיקר פונם לעבן (עיקר החיות), און די אומות העולם שעפּן און באַקומען די נייטיקע לעבנסזאַפטן פון דעם פאָלק ישראל, יעדע אומה באַזונדער [5]. אָט דעם געדאַנק, וואָס דער אר״י האָט שוין בשעתו אַרויסגעזאָגט וועגן דער „מיסיע״, וועגן דער גרויסער שליחות, וואָס די השגחה האָט פאַרויסבאַשטימט דעם יידישן פאָלק [6], חזרט

---

1 לקוטי אמרים, 105.

2 אור תורה ז׳ 45: והוצרך השם יתברך לצמצם התורה, בכדי שיוכל לחזיר אור תירתו בכל העולמות.

3 לקוטי אמרים, 23, 39;

4 אור תורה, 29.

5 דאָרטן, 33; לקוטי אמרים, דף 8, עמ׳ ב׳.

6 אונזער חערק, ב׳ IV, ז׳ 337.

דער מגיד מערערע מאָל איבער אין זיינע דרשות. „נפשות ישראל הם העיקר ולא אומות העולם", — לערנט דער מגיד, — נאָר די אומות העולם „יש להם חלק בישראל", וואָס פון אים איז מקבל און שעפּט חיות (יונקים ומקבלים חיות) יעדע אומה באַזונדער" [1]. די ראָלע פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, פון דער יידישער פערזענלעכקייט, פאַרנעמט דעם צענטראַלן פּונקט אין דעם מגידס טעאָזאָפישן וועלט־באַנעם. די געטלעכע מידה פון מלכות איז דאָך אין אונזערע הענט, ווייל ערשט דערמיט, וואָס מיר אָנערקענען גאָטס גרויסקייט און באַוווּנ־דערן זיין מלכות, ·דערלאַנגט ער זיין שלמות [2]. באַגרעניצט איז אָבער דעם מענטשנס פאַרשטאַנד; „עצמותו — דעם עצם פון דער גאָטהייט, אין אנו יכולים להשיג, זיינען מיר ניט אימשטאַנד משיג צו זיין [3], וכבוד עצמותו אין אנו משיגים, — חזרט איבער דער מגיד [4]. עולם הבינה — די וועלט פון געטלעכן דענקען, לית מחשבה תפיסה כלל — איז דעם מענטשנס געדאַנק גאָרניט אימשטאַנד תופס צו זיין [5]. תכלית בריאת העולם — לערנט דער מגיד [6] — דער צוועק פון וועלט־באַשאַף, הוא בכדי שנעלה העולמות לשרשן — מיר זאָלן דערהייבן די וועלטן צו זייער אורקוואַל — צום אורקוואַל, וואָס מיר זיינען משיג בלויז לויט אונזער פאַרשטאַנד. און דער מגיד פאַרטייטשט דערביי אויף זיין שטייגער דעם באַקאַנטן תלמודישן אויסדרוק: נגד שמיה — אבד שמיה: איידער הקב"ה האָט די וועלט באַשאַפן — לא היה נכרת מלכותו, וואָרעם — אין מלך בלא עם; נאָר ווייל זיין חכמה, זיין גרויסקייט און די אומענדלעכקייט פון זיין אַלמאַכט זיינען די אַלע וועלטן ניט אימשטאַנד משיג צו זיין, האָט ער, כביכול, דורכגעפירט צמצום אחר צמצום — בכדי די וועלט זאָל זיין ליכט קאָנען איבערטראָגן. דערפאַר האָבן מיר דאָס רעכט אים בלויז צו רופן מיטן נאָמען „אדני", ד"ה, האר און באַפעלער, ווייל מיר באַגרייפן בלויז אַ גאַנץ קליינע מדרגה פון די וועלטן, מיר זיינען בלויז משיג זיין ווילן, כביכול, ער זאָל זיך אַלס האר און באַפעלער אַנטפּלעקן; אָבער דעם שם הויה, וואָס אין אים איז זיין עצם איינגע־הילט — זיינען מיר ניט אימשטאַנד משיג צו זיין. אָט דאָס איז דער באַדייט פון נגד שמיה אבד שמיה, ווייל ער, כביכול, האָט געוואָלט זיך

---

1 אור תורה, 33.

2 זע אויבן, ז' 90.

3 אור תורה, 98.

4 לקוטי אמרים, דף 7, עמ' א'.

5 אור המאיר, פ' ויצא.

6 אור תורה, 101.

אנטפלעקן אלס נגיד וארון (אלס האר און באפעלער), האט זיין אמתער נאמען געמוזט בלייבן פארהוילן [1]. גאט ברוך הוא אנטפלעקט זיך דערפאר אין דער וועלט בלויז אין דער פארם, אין וועלכער דער מענטש איז אים משיג; ווי דער מענטש שטעלט זיך גאט פאר, — דערקלערט דער מגיד, — אזוי איז ער, ד״ה, אין דער געשטאלט אנטפלעקט זיך גאט פאר דער וועלט [2]. ווי דער מענטש, — דערקלערט דער מגיד, — זעט אויס פארן שפיגל, אזוי שפיגלט זיך אים אפ אנטקעגן זיין געשטאלט,— דאס איז אויך ביי גאט, כביכול: ווי דער מענטש אנטפלעקט זיך פאר אים יתברך, אזוי אנטפלעקט זיך אויך גאט פארן מענטשן [3]. אט דאס איז דער באדייט פון דער אגדה, אז בעת די יידן זיינען אריבערגעגאנגען דעם ים, איז גאט, ברוך הוא — „נדמה להם כבחור", אבער ביים בארג סיני, ווען זיי האבן שוין געהאט מער געלייטערטע באגריפן און זיינען שוין ראוי געווען מקבל צו זיין די תורה — „נדמה להם כזקן" [4]. צמצום און ליבע זיינען דאך אחדות גמורה, אוים ליבע האט גאט, ברוך הוא, די וועלט דורך צמצום באשאפן, ווייל נאר דורך צמצום קען דער מענטש די גאטהייט משיג זיין. און ווי דער פאטער טוט אוים ליבע ריידן מיט זיין קליינעם זון אויפן קינדערשן לשון, בכדי דאס געליבטע קינד זאל זיינע רייד פארשטיין מיט זיין קינדערשן שכל, אזוי זיינען אויך ביי גאט יתברך ליב דעם מענטשנס קינדערשע השגות און באגריפן וועגן אים [5].

דא בארירן מיר דעם וויכטיקסטן פונקט פון דעם מגידס וועלט־באנעם. אין אנו משיגים רק מדרגה קטנה שבעולמות שנצתמצמו — מיר, לערנט דער מגיד, זיינען אימשטאנד צו באגרייפן בלויז די נידע־ריקסטע מדרגה אפילו פון די וועלטן, וואס זיינען דורך צמצום געשאפן, מיר קאנען בלויז משיג זיין גאט אין דער בחינה פון „אדון" אלס האר און באפעלער, אבער דעם שם הויה, וואס באצייכנט דעם עצם און מהות פון דער גאטהייט — אין אנו משיגים. וכן, — איז דער מגיד מוסיף, — אין אנו משיגים, באגרייפן מיר ניט כל העולמות העליונים, אלע אויבערשטע וועלטן, סיידן — בהתפשטות הגשמיות והתגברות כח הרוחני [6]. און

---

1 לקוטי אמרים, דף 46, עמ׳ ב׳; אור המאיר, מגילת רות.

2 אור תורה, 51, 52, א״ח.

3 לקוטי אמרים, דף 40, עמ׳ ב׳: כמו שהאדם מתחזה לפני המראה כן הפרציף שבמראה מתחזה אליו, כן כ״י אצל הקב״ה: כמו שהאדם מראה את עצמו לפניו יתב׳ כן היא מתראה אליו.

4 אור תורה, 113, 114; לקוטי אמרים, 48.

5 לקוטי אמרים, 41.

6 דארטן, 46.

דער סימבאָל פון „בת הרוחני", — דערקלערט דער מגיד דוב בער, — דאָס איז די מחשבה, וואָס ברענגט צו דביקות, צו התפשטות הגשמיות. ער ווערט ניט מיד איבערצוחזרן דעם בעש"טס סענטענץ, אַז דער עיקר און דער אָנפאַנג פון אַלץ איז דער געדאַנק, די מחשבה. „ומחשבה — לערנט דער מגיד — זו היא עקרא ושרשא דכל עלמין והוא מקור הכל וממנו נתהווה הכל". דעם ביבלישן זאַץ „נעשה אדם בצלמנו" דערקלערט דער מגיד אויף אַזאַ אופן: באותו צלם וצורה שהיה נחק במחשבה — אין דער זעלביקער געשטאַלט און צורה, ווי ער איז געווען איינגעקריצט אין דעם געדאַנק [1]. אויך דעם בעש"טס מימרא „במקום שחושב האדם שם הוא כולו" ווערט מערערע מאָל איבערגעחזרט ביים מגיד (ער דערמאָנט אָבער ניט דערביי, ווי זיין אַפּטער שטייגער איז, זיין רבינס נאָמען [2]. „מחשבה היא מדרגה יתירה על הדיבור", — לערנט דער מגיד [3]; און ער טייטשט דערביי אויף זיין שטייגער אויס דעם ביבלישן זאַץ: „ואני ערל שפתים": ווען דער מענטש איז אין אַ גרויסער מדרגה, ווערט די בחינה פון דיבור צו ענג פאַר אים, ד"ה ער איז דאַן ניט מער אים־שטאַנד אויסצודריקן אין ווערטער זיינע איבערלעבונגען [4]. בכדי צו זאָגן פאַר אַנדערע תורה — דערקלערט דער מגיד זיינע תלמידים — דאַרף דער מענטש זיך דערהייבן צו אַזאַ צושטאַנד, אַז בלויז די צוהערער זאָלן פילן און הערן „שעולם הדיבור מדבר בו", אָבער ער גופא דאַרף זיין שטימע ניט הערן; ער דאַרף זיך דערהייבן צו דער מדרגה „עד שאינו מרגיש מעצמו כלום"; ווי באַלד אָבער ער פאַנגט אָן צו הערן זיינע אייגענע ווערטער, זאָל ער גלייך מפסיק זיין [5]. דער מענטש איז די איינציקע באַשעפעניש אויף דער וועלט, וואָס איז באַשיינט מיטן ליכט פונם געדאַנק; די יידישע פערזענלעכקייט איז די איינציקע, וואָס האָט אַדאַנק דער תורה דעם ריכטיקן באַגריף וועגן גאָט דעם באַשעפער, און דערפאַר: כשאדם עומד לפני הקב"ה כל העולמות עומדים והמלאכים אומרים שירה [6]. מיר ווייסן שוין אָבער, אַז אפילו דער בן ישראל קאָן משיג זיין גאָט בלויז אין דער בחינה פון „אדוני", אָבער ניט זיין

---

1 אור תורה, 4.

2 דאָרסן, 29: בכל מקום שהמחשבה של אדם מחשב שם הוא; זע אויך: דאָרסן, 50, לקוטי אמרים, 15, דאָרסן, 104: האדם הוא חלק אלוה ממעל וכשהוא מיבק מחשבתו למעלה יכול לידע מה שעשה למעלה.

3 אור תורה, 78.

4 דאָרסן, 32.

5 אור המאיר, פר' צו; דאָרסן, פר' קורח.

6 אור תורה, 110; לקוטי אמרים, צום שלוס.

עצם — דעם שם הוי׳ה. דאָך, — ווייזט אָן דער מגיד, — אין אַ געוויסן מאָ־מענט, אין דעם הייליקסטן טאָג פון שבת שבתון — אום יום כפור „שאין בו אכילה ושתיה", איז געווען איין מענטש, דער כהן גדול, וואָס האָט דורך „התפשטות הגשמיות און התגברות כח הרוחני" דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, אַז ער איז שוין געווען אימשטאַנד „להשיג מקצת השכל שלמעלה מהעולמות", און דערפאַר האָט ער אין דעם דאָזיקן טאָג דערמאָנט דעם שם המפורש „שהוא שם העצם יתברך"[1].

דער מגיד איז פעסט איבערצייגט, אַז אויך איצט זיינען פאַראַן יחידי סגולה, וואָס קאָנען דערגרייכן דורך התפשטות הגשמיות די מדרגה פונם כהן גדול אינם טאָג פון יום כפור. די דאָזיקע יחידי סגולה זיינען די צדיקי הדור.

מיר האָבן שוין אין פאַריקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ התפעלות דער בעש"ט רעדט וועגן דער אוניווערסאַלער ראָלע פונם צדיק; דער בעש"ט האַלט אָבער דערביי פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז ניט נאָר דער פשוטער המון נייטיקט זיך אינם צדיק, נייערט אויך דער צדיק נייטיקט זיך אין די מענטשן פון דער נידעריקער מדרגה, זיי דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן, איינער מוז ווירקן אויפן אַנדערן. לויט דעם בעש"טס וועלט־באַנעם איז יעדער מענטש מסוגל אין געוויסע מאָמענטן פון גייסטיקער התלהבות זיך איינצוזוועבן אין דער געטלעכער אייביקייט, און אַ פּשוטער זאַקן־מאַכער, וואָס לעבט כל ימיו „מיגיע כפיו בכשרות", קאָן דערגרייכן אַזאַ גרויסע מדרגה, אַז אין זיין זכות זאָל זיך האַלטן דער גאַנצער קיבוץ[2]. אַנדערש איז אָבער ביים מגיד דוב־בער. מיר זעען דאָ פאַר זיך ניט דעם פאָלקס־מענטש, וואָס שפּאַנט מיט דעם שטעקן אין דער האַנט און די ליולקע טאַבאַק אין מויל איבער גאַסן און מאַרקן און דערציילט משלים און גלייכטווערטלעך פאַר פּשוטע דאָרף־יידן און ווייבער; דעם בעש"טס תלמיד און ממלא מקומו, דער למדן און גרויסער חריף, איז געווען אַ טיפּישער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון „אתה בחרתנויזם". דער רמב"ם בשעתו איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דער אמתער „אדם בפועל", דער מאַן פון תכלית השלימות, איז דער מושלם אין אַלע חכמות, וואָס איז פאַרטיפט אין די עולמות העליונים; און די איינציקע אויפגאַבע פונם „המון", פונם פּשוטן בשר ודם, איז צו באַדינען דעם „אדם בפועל", זאָרגן וועגן די הצטרכותן פונם אויסדער־ווײלטן, בכדי יענער זאָל קאָנען רויִק און אומגעשטערט זיך פאַרנעמען

---

1 לקוטי אמרים, דף 46, עמ׳ ב׳.

2 זע אויבן ז׳ 67.

מיט חקירה און פילאזאפישע אמתן [1]. לויט דעם וועלט-באנעם פונם מעזעריטשער מגיד איז דער „אדם בפועל" — דער צדיק, וואס איז אויך פארטיפט אין די עולמות העליונים, אבער ניט מיט דער הילף פון נאטורוויסנשאפטן און פילאזאפישער חקירה, נאר דורך התפשטות הגשמיות, דורך דביקות און התלהבות. און פיל דרשות זיינע זיינען ממש לויטער לויב-געזאנגען דער קרוין און דעם האר פון דער וועלט — דעם צדיק. „נאר אדאנק די צדיקים און אוים גאטס ליבע צו זיי, — דערקלערט דער מגיד, — איז די וועלט באשאפן" [2]. די וועלט עקזיסטירט נאר דעם צדיק צוליב, און נאר פונם צדיקס וועגן „הקב"ה צמצם עצמו" די וועלטן זאלן זיין אימשטאנד אים, כביכול, צו דערטראגן [3]. דעם צדיקס תורה איז א געשפילצייג ביי גאט [4]; גאט, ברוך הוא, האט די וועלט באשאפן, בכדי ער זאל האבן תענוג פונם צדיק [5]. דעם צדיקס רצון — זהו רצונו יתברך, דאס איז אויך גאטס רצון, ווייל, — דערקלערט דער מגיד, — הקב"ה איז דאך מצמצם זיין חכמה לויט דעם פארשטאנד פונם צדיק, ווי דער פאטער פאסט זיך צו צו די השגות פון זיין געליבטן קינד [6]; הוא יתברך מחשב מה שהצדיקים חושבים, — ווארעם גאטס געדאנק אנטפלעקט זיך דאך אמשארפסטן דורך דעם צדיקס געדאנק. „אם הם באהבה מביאים הקב"ה באהבה" — דורך זייער ליבע אנטפלעקט זיך ערשט גאטס ליבע [7]; די צדיקימס נשמות זיינען דער שכינהס איברים; אלץ געפינט זיך אין דעם צדיקס הענט, הכל על ידי הצדיק [8]. הצדיק מבטל גזירותיו של הקב"ה [9]; דער צדיק קען ארויסרופן ענדערונגען אין דער נאטור, ווען ער וויל [10]. גרוים זיינען די צדיקים, וואס פארוואנדלען די מדת הדין אין מדת הרחמים [11]; די מעשי צדיקים זיינען גרעסער פון מעשה בראשית, ווארעם ביי מעשה בראשית איז דאך געשאפן געווארן א יש מאין, די צדיקים אבער, — זיי פארוואנדלען

---

1 אונזער ווערק, I, 212.

2 כי הצדיקים מחמת אהבה שאהב אותם ד' ומתפאר בהם, ברא את העולם... ומחמת זה ברא את העולמות (אור תורה, 80, 117; לקוטי אמרים, 7).

3 אור תורה, 32; לקוטי אמרים, 24, 41.

4 אור תורה, 14.

5 דארשן, 32, 95; לקוטי אמרים, 17.

6 אור תורה, 25.

7 דארשן, 98.

8 דארשן, 60.

9 דארשן, 26.

10 דארשן, 40; לקוטי אמרים, 38.

11 אור תורה, 127.

דעם יש, ד״ה פון אלע פשוטע זאכן, אפילו פון דברים שבגשמיות דער־הייבן זיי די הייליקע „ניצוצות״ צו דער בחינה פון „אַיִן״ [1]. עס שטייט: ישמח ד׳ במעשיו — דאָס פרייט זיך דער רבונו של עולם מיט זיין בעסטער באשאפונג — די צדיקים [2]. אויך דעם באקאנטן ביבלישן זאץ: יום ליום יביע אומר פארטייטשט דער מגיד אויף אזא אופן: דאָס בארימט זיך איין טאָג פארן אנדערן מיט די פראכטפולע מעשים פון די צדיקים [3]. כשהצדיק מתעורר את עצמו ביראה,—לערנט דער מגיד,—אַז מתעורר יראה ותשובה בלבב כל ישראל [4]. דער צדיק, איז דער מגיד מוסיף, קאָן מיט זיך דערהייבן אלע מענטשן (הצדיק יכול להמשיך עמו כל האנשים) [5], און אין דעם ליגט דער טיפער באדייט פון די ווערטער: „שבע יפול צדיק וקם״ (משלי, 24, 16) — יעדעס מאָל, ווען דער צדיק פאַלט, איז דאָס נאָר צוליב דעם אויפשטיין, ער זאָל מיט זיך דערהייבן וואָס מער ניצוצות [6]. עס דארף דערפאר קיינעם ניט ווונדערן „מפני מה הצדיק נופל ממדרגתו״ און ער רעדט צייטנווייז דברים בטלים; דאָס איז,—דערקלערט דער מגיד אינם בעש״טס נוסח,—געגליכן צו א בן מלך, וואָס גייט ארום צווישן די דארפסלייט צו זוכן אן אוצר, וואָס איז באַהאלטן ביי איינעם פון זיי; באדארף ער זיך דאָך אָנטאָן ווי א פויער, כדי מען זאָל ניט דערקענען, אז ער איז א בן מלך און מען זאָל פאר אים אויפדעקן, ווו דער אוצר געפינט זיך; אזוי רעדט אויך דער צדיק דברים בטלים. ער פארבינדט אָבער די דאָזיקע רייד מיט גאָט, כביכול [7]...

דעם רמב״מס „אדם בפועל״, דער מאן פון תכלית חשלימות, האַלט זיך וואָס ווייטער פונם המון און טראכט נאָר וועגן דעם, ווי אויסצו־מיידן דעם שאָדן, וואָס דער המון קאָן אים ברענגען בעת ער קומט מיט אים אין בארירונג [8], — דעם מגידס צדיק אָבער, וואָס אויף אים שטייט די וועלט, איז דער וועכטער איבער דעם המון און דערהייבט מיט זיך אלע מענטשן — „העליה היא באה על ידי הצדיק״ [9].

---

1 אור תורה, 132.

2 דאָרטן, 73.

3 אור המאיר, דרוש לפסח.

4 אור תורה, 84.

5 דאָרטן, 127.

6 דאָרטן, 84; 123.

7 דאָרטן, 97.

8 אונזער הערק ב׳ I, 212.

9 אור תורה, 71.

דער מגיד אַנטוויקלט, אמת, אין זיין תורה בלויז די שיטה פון טעאָרעטישן צדיקיזם. דער צדיק טאָר אין זיין תפילה ניט טראַכטן וועגן רעאַלע, ערדישע הצטרכותן. דער גאַנצער צוועק און מהות פונם צדיק, בעת ער שטעלט זיך מתפלל זיין, איז נאָר — עבור השכינה שהיא מקומו של עולם 1. אייניקע פונם מגידס תלמידים האָבן אָבער געמאַכט, ווי מיר וועלן ווייטער זעען, פון זייער רבינס תורה דעם לאָגישן אויספיר און פון טעאָרעטישן צדיקיזם זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו פּראַקטישן צדיקיזם. איז דער צדיק אַ „כל יכול", איז ער אימשטאַנד „לעשות השתנות בכל יום שירצה" און אַפילו מבטל זיין „גזירותיו של הקב"ה", — קאָן ער דאָך משפיע זיין דעם מענטשן אַלע זיינע באַדערפענישן — „חיים, בנים ומזונות"...

דעם דאַזיקן עטאַפּ האָט אָבער דער חסידיזם ערשט דורכגעמאַכט שפּעטער, נאָר נאָך אינם לעבן יאָר פונם מגידס לעבן האָט אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן דער יונגער באַוועגונג, אַ קאַמף, וואָס האָט אויף צענדליקער יאָרן צעטיילט דעם גאַנצן מזרח-אייראָפּעיִשן יידישן קיבוץ אויף צוויי פיינדלעכע לאַגערן.

באַשרייבן דעם דאָזיקן דרייסיק-יאָריקן קאַמף צווישן די חסידים און מתנגדים — איז אויסער די גרענעצן פון אונזער טעמע 2; אונזער אויפגאַבע איז בלויז פעסטצושטעלן, וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג דער דאָזיקער קאַמף האָט געפונען אין דער יידישער ליטעראַטור, און אָפּצושאַצן די השפּעה, וואָס ער האָט געהאַט אויף די אידעיִשע שטרעמונגען און אויף דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן קיבוץ אין מזרח-אייראָפּע. דערביי מוז אָבער קודם כל אָנגעמערקט ווערן, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז כלל ניט געווען קיין ריין רעליגיעזער, ווארעם פאַקטיש האָבן אין אים די הויפּט-ראָלע געשפּילט ריין עולמישע, סאָציאַלע מאָטיוון. מיר האָבן שוין אינם פינפטן באַנד פון אונזער ווערק אָנגעוויזן 3, ווי אַזוי דער צעשטערונגס-פּראָצעס, וואָס האָט אָרומגעכאַפּט אין 17טן און 18טן י"ה די פּוילישע מלוכה מיט איר אָפּגעשטאַנענעם און אָפּגעלעבטן סדר, האָט זיך אָפּגעשטאַרקסטן געלאָזט פילן אויף דעם שוצלאָזן און רויִנירטן יידישן קיבוץ. די יסודות פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פונם יידישן

---

1 אור המאיר, פר' שמות.

2 אַ גרינדלעכסטן איז דער דאָזיקער קאַמף באַשריבן אין דובנאָווס „געשיכטע פון חסידיזם" און אין פסח מאַרעקס אַרבעט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אינם 2טן באַנד „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ" (1928).

3 דאָרטן 161—163, 256—257 א. וו.

געזעלשאפטלעכן און ריהלשן לעבן זיינען געווען זייער שטארק דערשי־טערט. די חובות פון די פאראַרעמטע קהילות זיינען אימהדיק געוואקסן, און בכדי צו צאָלן די דאָזיקע חובות און זיך אָפּצוקויפן ביי די אָרטיקע וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות, זיי זאָלן ניט אזוי שטארק רודפן און ניט באווייזן דורך כל המיני עלילות זייער תקיפות און רשעות קעגן דער יידישער באפעלקערונג, — האָבן די פרנסים און טובי העיר, ד״ה די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה, געמוזט ארויפלייגן אַ גרויסן קאָפּשטייער און אנדערע אָפּצאָלונגען אויף יעדן קהילה־מיטגליד באַזונ־דער. בראש פונם קהל זיינען געשטאַנען די גבירים און תקיפים, וואָס האָבן געהאט אַ יד ביי די פריצים און אין די הויפן פון די אָרטיקע שררות. אָט די ראשי הקהל, באַקומענדיק די מאַכט אין די הענט, פלעגן נאָכטאָן די פריצים און אונטערדריקן דעם אָרעמען עולם. ביסלעכ־וויין, וואָס ווייטער ס׳איז געוואקסן דער צעפאַל פון דעם מלוכה־אָרגאַ־ניזם, איז דאָס „קהל־שטיבל״, די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, מגולגל געוואָרן אין אַן אמתער אָליגאַרכיע 1, וואָס האָט ברוטאַל אויסגענוצט איר מאַכט, כדי צו אונטערדריקן און עקספּלואַטירן אויפן אומפאַרשעמטסטן אופן די ברייטע פאָלקסמאַסע. ביים באַשטימען די אָפּצאָלונגען פלעגן די ראשי הקהל מאַכן כל המיני פאַלשקייטן: זיך און זייערע מקורבים פלעגן זיי פון אָפּצאָלונגען באַפרייען און אַלץ ארויפלייגן אויפן המון, אויף די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דער המון, וואָס האָט זייער שמאַרצהאַפט געשפּירט די לאַסט פון די געוואַלדיקע שטייערן, הייבט אָן צו פירן אַ קאַמף קעגן די קהילה־פירער מיט זייערע אומגע־רעכטע „ראַסקלאַדקעס״ און ניט יושרדיקן אויפמאָנען די מלוכהשע און קהלשע אָפּצאָלונגען...

מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, אַז בראש פונם קהל זיינען געשטאַנען די גבירים און תקיפים, וואָס האָבן געהאט אַ יד ביי די פריצים און אין די הויפן פון די אָרטיקע שררות. די גבירים האָבן אָבער געמוזט טיילן זייער מאַכט מיט אַ צווייטער גרופּע. בעת רייכטום האָט געפירט צו מאַכט, איז תורה און לומדות געווען דער זיכערסטער וועג, וואָס האָט געפירט אי צו מאַכט, אי צו כבוד. לומדות און בקיאות אין תלמודישן וויסן האָט געשפּילט אַזאַ דאָמינירנדיקע ראָלע אינם יידיש־פּוילישן לעבן

1 דער היסטאָריקער בערשאַדסקי ווייזט אָן אין זיין באַקאַנטן ווערק „ליטאָווסקיע יעוריי״, 16:
В течение всего XVIII в. еврейское общинное правление, или кагал, вербовалось из небольшого круга семей, связанных между собой сознанием солидарности своих интересов, а сверх того родственными связями.

פונם 18טן י"ה, אַז שלמה מיימון האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך איינצו־טיילן די יידישע באַפעלקערונג אין פאָלגנדיקע דריי קלאַסן: אויף ניט־געלערנטע מענטשן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט מסחר און מיט כל המינים מלאכות און אַרבעט; אויף געלערנטע, וואָס מאַכן זייער תורה פאַר זייער פּראָפעסיע, און אויף לומדים, וואָס גיבן אָפּ זייער לעבן נאָר אויף לערנען, פאַרנעמען זיך ניט מיט קיין שום פּראָפעסיע און ווערן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון האַנדלס־אינדוסטריעלן קלאַס. דער צווייטער קלאַס באַשטייט פון רבנים, דיינים וכדומה. דער דריטער קלאַס באַשטייט פון די „עילויים", וואָס מיט זייערע אויסערגעוויינלעכע כשרונות און גרויסער בקיאות און חריפות אין לערנען רופן זיי אַרויס אַ יראת הכבוד ביי די ניט־געלערנטע [1]. אָפּט פלעגן די גבירים קויפן פאַר זייערע איידעמס, די לומדים און „עילויים", אַ רבנות־שטעלע און אויף אַזאַ אופן פלעגט זיך אין דער משפּחה פאַראייניקן „תורה וגדולה" צוזאַמען. די ראשי הקהלה, די געלט־און תורה־אַריסטאָקראַטיע, האָבן געשטרעבט, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל בלייבן אין זייער האַנט, און אין פיל קהילות פלעגן גאַנץ אָפט דורכגעפירט ווערן וואַל־באַגרענעצונגען בנוגע דעם קלאַס בעלי־מלאכות, בכדי זיי ניט צו דערלאָזן צו דער קלפי און זיי זאָלן האָבן וואָס ווייניקער דעה אין קהלשע זאַכן [2]. די בעלי מלאכות האָבן געפּרוווט קעמפן פאַר זייערע רעכט, זיי האָבן אָבער אין זייער קאַמף געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג; די ראשי הקהל זיינען דאָך געווען חשובים ביי די שררות און זייערע לייט, האָבן זיי געמאַנט טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. דאָס האָט געבראַכט די רעכטלאָזע מיט־גלידער פון דער קהילה צו אַזאַ פאַרביטערונג, אַז אין אייניקע ערטער (ווי, צום ביישפּיל, אין שאַוולער קהילה) האָבן זיי זיך געווענדעט צו דער מלוכה־מאַכט מיט דער דערקלערונג, אַז זיי באַדאַרפן ניט די ראשי הקהל און אויך ניט דעם רב, וואָס ווייסן נאָר צו ראַבעווען דעם אָרעמען עולם און צוצונעמען דעם לעצטן ביסן פונם מויל [3].

נאָר פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אַ נייע באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן אַן איבערקערעניש אינם פעסטגעזעצטן סדר. האָט דאָך דער בעש"ט די פיילן פון זיין סאַרקאַזם געווענדעט קעגן די, וואָס „באמת אינם לומדים רק מצות אנשים מלומדה למען יתכמו" — וואָס לערנען תורה נאָר כדי צו שאַרפן דעם מוח, מען זאָל זיי האַלטן פאַר

1 לעבענסגעשיכטע, 6.

2 זע ש. מאַרעק אין יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ, XII, 83.

3 זע ש. מאַרעק, צ. װ. 89—90.

לַמדנים און זיי אָפּגעבן כבוד. דאָס געפיל, דעם ברען פון כוונה שטעלט ער איבער דער לומדות, דעם גלויבן איבער דעם לערנען און פּאַרשן, און אַ פּשוטער בעל־מלאכה „הנהנה מיגיע כפו בכשרות" און טוט תפילה בכוונה, איז פיל מער ווערט פון די טרוקענע גאַוהדיקע לומדים, וואָס אויף זיי זאָגט דער פּסוק: „הוי חכמים בעיניהם". די ראשי הקהילה, די תקיפים און לומדים האָבן דערזעען אין דער נייער באַוועגונג די געפאַר פון אַן אמתער רעוואָלוציע, וואָס פּאַרמעסט זיך אַרויסצורייסן די מאַכט פון זייערע הענט, צו מאַכן אַן איבערשאַצונג פון אַלע סאָציאַלע ווערטן. און „עמך", דער פּשוטער המון און בעלי־מלאכות, האָבן אין דעם בעש״טס נאָכפאָלגער דערזעען זייערע געטרייע מיטהעלפער און באַשיצער. נאָר דערמיט איז צו דערקלערן די פּאַרביטערונג און שנאה, מיט וועלכער די ראשי הקהילה און דער רוב רבנים זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער חסידות־באַוועגונג, ווי נאָר זי האָט זיך אויף אַזוי ווייט פּאַרשפּרייט, אַז זי איז געוואָרן אַ באַמערקבאַרער פּאַקטאָר אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן. לויט דעם „סטיל פון יענער תקופה, ווען אַלץ האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן לבוש, איז אָבער אויך דער קאַמף קעגן דער נייער באַוועגונג איינגעהילט געוואָרן אין אַ שולחן־ערוך־מאַנטל, איז דערקלערט געוואָרן אַלס מלחמה לשם שמים, און די קאַמף־דעוויזן האָבן געטראָגן אַ ריין רעליגיעזן כאַראַקטער. נאָר דווקא די אַרויסגעשטעלטע רעליגיעזע קאַמף־מאָטיוון זיינען געווען גאַנץ שוואַך באַגרינדעט און ניט באַזונדערס איבערצייגנדיק. די חסידישע קרייזן האָט מען ניט געקאָנט באַשולדיקן אין מאָראַלישער הפקירות ווי די פראַנקיסטן, אומ־באַגרינדעט איז אויך געווען דער חשד, אַז זיי זיינען נוטה צום משיח השקר, וואָרעם דווקא דער בעש״ט האָט פיל מער, ווי ר׳ יעקב עמדן און די איבעריקע רבנים מיט אַלע זייערע חרמות און רדיפות, גורם געווען, אַז די פראַנקיסטן און די „שַבּתַין" זאָלן פּאַרלירן זייער לעצטע השפּעה אין פּאָדאָליע, גאַליציע און אין דער גאַנצער אוקראַינע.

עס איז דערפאַר כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם כרוז מיטן „גרויסן און שרעקלעכן חרם", וואָס די פרנסים און רבנים פון דער בראָדער קהילה האָבן אַרויסגעלאָזט אין 1772, צוואַנציג טעג אין סיוון, קעגן דער נייער „כת". אין דעם דאָזיקן כרוז, וואָס איז אָנגעשריבן אויף אַ געמישטער שפּראַך, האַלב יידיש האַלב העברעיִש, זיינען צונויפגעזאַמלט די האַרבסטע פּאַרברעכנס און זינדיקע מעשים, אין וועלכע די מתנגדים האָבן באַשולדיקט די חסידים. איינע פון די הויפּט־באַשולדי־קונגען באַשטייט אין דעם, וואָס די נייע „כת" „האָט זיך געמאַכט מנהגים חדשים ומשונים, שונות מכל העם הישראלי, וואָש זענין נגד

תורתנו והגמרא והפוסקים ראשונים ואחרונים". באזונדערס ווערט דערביי אנגעוויזן, ווי אויף א ניט-דערלאזבארן "מנהג חדש ומשונה", וואס די חסידים מאכן פאר זיך באזונדערע מנינים און זיינען מתפלל "בשינוי נוסחאות". און עס ווערט ווייטער דערקלערט, אין וואס באשטייט אייגנטלעך דער "שינוי נוסחאות": זיי דאוונען ניט לויט דעם אשכנזישן נוסח, נאר לויט מנהג ספרד, "מתוך הסידור של האר"י הקדוש". עס איז קלאר, אז דער מנהג ספרד און דעם אר"י הקדושס סידור האבן ניט געהערט צו די "מנהגים חדשים שונות מכל העם הישראלי", ווארעם דער דאזיקער נוסח איז געווען אנגענומען ניט בלויז אין די ספרדישע קהילות, נאר פון דעם כרוז ווערט קלאר, אז טאקע אין בראד גופא האט זיך דעמאלט געפונען "השטיבל הראשון שבצד הקלויז דקהלתנו", און דארט איז מען "שוין מכמה וכמה שנים מתפלל מתוך סידור האר"י ז"ל, און די פרנסים און רבנים פון דער בראדער קהילה האבן גארניט געהאט דאקעגן, און זיי רירן ווען די בעלי-בתים, וואס דאוונען אין דעם דאזיקן שטיבל, מיטן גרעסטן רעספעקט. ניט ווייניקער זיינען די רבנים מתרעם דערויף, וואס די חסידים "מאכן זיך חלפים לשחיטה דווקא געשליפענע, וואס מען געפינט ניט בכל התלמוד ובכל הפוסקים ראשונים ואחרונים, וואש כל השוחטים זאגן עש איז בלתי אפשר דער-מיט צו שחטן [1]. נאר דווקא איינער פון די באדייטנדיקסטע אויטא-ריטעטן אינם מתנגדישן לאגער, דער באוווסטער ר' חיים וואלאזשינער, האט שפעטער אפן דערקלערט, אז ער זעט ניט אין די געשליפענע חלפים קיין שום איסור און גיט דערביי איבער, אז די זעלבע מיינונג האט אויך ארויסגעזאגט זיין רבי, דער ווילנער גאון [2].

און אט פאר די דאזיקע "זינדיקע מעשים" האבן די פרנסים מיט די רבנים געפונען פאר נייטיק אויסצורופן אין זייער כרוז, אז "מע זאל זיך אנטאן אין בגדי נקמה, אויסשפירן זיי (די חסידים) און אויס-ווארצלען זיי, פארטיליקן זייער אנדענק פון דער ערד און אויסשיטן קוילן אויף זייערע קעפ מיט חרמות, שמתות און נידויים..." ניט אבער אין די באזונדערע מנינים, ניט אינם נוסח ספרד, אין די גרויסע געשרייען און משונהדיקע תנועות בשעתן דאוונען איז געלעגן די געפאר פון דער "כת חשודים" *. די "מיאוסע מעשים" פון דער דאזיקער "כת" זיינען דער

---

1 זמיר עריצים, 13 (מיר ציטירן לויט דובנאוו'ס איבערדרוק אין העבר II, 1918).

2 זע ר' שניאור זלמנס בריוו אין "בית רבי", דף מ'.

* איבערגעמאכט פונם ווארט "חסידים" (אינם בריוו, וואס די ווילנער פרנסים און רבנים האבן געשיקט דעם בריסקער רב אברהם קצינלבויגן).

עיקר באשטאנען אין דעם, וואס דער המון, די בעלי-מלאכות און די איבע-ריקע דעמאקראטישע עלעמענטן האבן אין דער תורה פון די חסידים באקומען אן אידעיש געווער, א בארעכטיקונג און שטיצע אין זייער עקשנותדיקן קאמף פאר גלייכבארעכטיקונג קעגן די „פני״ — קעגן די פרנסים און רעדלפירער פון דער קהילה...

ווי בשעתו דער קאמף צווישן די מיימוניסטן און זייערע קעגנער האט געפונען אן אפקלאנג אין דער ליטעראטור קודם כל אין דער פארם פון כרוזים, קול-קוראס און אפענע בריוו, אזוי איז אויך געווען אין דעם קאמף צווישן די חסידים און מתנגדים. שוין אין יאר 1772, ווי נאר ס׳איז אויסגעבראכן די ערשטע מחלוקת קעגן די חסידים, איז אין דעם קליינעם וואלינער שטעטעלע אלעקסעניץ דערשינען א זאמלונג אונטער דעם מליצהדיקן קעפל „זמיר עריצים וחרבות צורים״ [1]. די זאמלונג איז דערשינען אנאנים, נאר דער היסטאריקער דובנאוו האט ארויסגעזאגט א גאנץ ריכטיקע השערה, אז דער מסדר און רעדאקטאר פונם „זמיר עריצים״ איז געווען דער סופר פון דער בראדער קהילה, יהודה ליב בר׳ מרדכי. א פייערדיקער קעגנער פון די חסידים, האט דער דאזיקער סופר צונויפגעזאמלט אלע דאקומענטן, וואס זיינען אין דעם יאר 1772 געשריבן געווארן קעגן דער נייער „כת״: די „אגרת קנאות״ פון דער ווילנער קהילה, דעם „כרוז״ פון די בראדער פרנסים און רבנים, די „תקנות״ פון דער לעשנובער קהילה קעגן די חסידים, דעם בריוו, וואס די ווילנער קהילה האט געשיקט דער בריסקער קהילה, דעם אפענעם בריוו פון די ווילנער ראשי הקהילה צו אלע ליטווישע קהילות מיט א ספעציעלן באשולדיקונגס-אקט קעגן דער כת החסידים, וואס „רופן זיך מיטן נאמען כעזעריטשער און קארלינער״. צו די דאזיקע דאקומענטן האט דער ארויסגעבער נאך מוסיף געווען זיין אייגענעם אנטיחסידישן פאמפלעט, געשריבן אין א שטארק אויפגעבלאזענער מליצהדיקער שפראך. פון דעם ים געגראמטע פסוקים און שִבְרֵי פסוקים, מליצהדיקע פראזן און „לשון נופל על לשון״ קאן מען קוים ארויסבאקומען פאלגנדיקע הארבע „זינד״ מצד די חסידים: זיי האלטן ווייניק פון תורת הנגלה און פארנעמען זיך אלץ מיט תורת הנסתר; זייווארפן זיך שטארק און שפרינגען ביים דאוונען און שרייען אזוי, אז „הקול נשמע למרחוק״; זמירות זאגן זיי מיט פלעסקעריי און מיט טענץ, זיי טוען ניט טרויערן אויפן ביטערן גלות — אך ששים ושמחים אוכלים וחוגגים (רק זיי הוליען און פרייען זיך, עסן און לאזן זיך וווּיל טאן).

---

1 געדרוקט געווארן מיט דער באטייליקונג פון דער ווילנער און בראדער קהילות (זע דובנאוו, געשיכטע פון חסידיזם, I, 211).

דער קונטרס „זמיר עריצים וחרבות צורים", וואָס איז, לויט אַ מעלדונג אין אַ בריוו פון די מתנגדים אויס ווילנע, צעשיקט געוואָרן „בכל תפוצות ישראל", האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם; דאָך האָבן די חסידים די ערשטע צייט ניט געוואָגט אַרויסצוטרעטן מיט אַן אָפענעם ענטפער, אַזוי צעטומלט און איינגעשראָקן זײַנען זיי געווען פון די חרמות און כרוזים, מיט וועלכע עס זײַנען קעגן זיי אַרויסגע־טראָטן די קהילות פון ליטע און גאַליציע [1]. זיי האָבן זיך בלויז באַנוגנט מיט כאַלגנדיקער שוין־טאַקטיק: זיי פלעגן אומעטום צונויפ־קויפן די עקזעמפּלאַרן פון דעם חרם־קונטרס און זיי פאַרברענען. און זיי האָבן דאָס דורכגעפירט אויף אַזאַ גרינדלעכן אופן, אַז עס זײַנען פון דער גאַנצער אויפלאַגע פאַרבליבן געציילטע צוויי עקזעמפּלאַרן [2].

ערשט אין אַכט יאָר אַרום האָט די חסידישע באַוועגונג זיך דער־פילט אויף אַזויפיל שטאַרק, אַז זי האָט געפונען פאַר מעגלעך אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן די מתנגדים, און ניט בלויז זיך שיצן פאַר דעם שונאס אָנפאַלן, נאָר אַליין ווערן פון די אָנגרייפער, באַוואָרפן דעם פיינדלעכן לאַגער מיט שאַרף געשפּיצטע און מיט שנאה און ביטול געטרענקטע פיילן. די גאַנצע צייט איז די חסידישע תורה געווען דער עיקר אַ תורה שבעל פה, וואָס פלעגט איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו מויל; בלויז געציילטע אָפּשריפטן פון דעם בעש"טס און דעם מגידס תורה פלעגן צירקולירן מ̣יד ליד [3]. אין 1780 איז אין איין און דער־זעלבער צייט [4] פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צוויי שכנותדיקע שטעט, אין קאָרעץ און אין מעזעריטש, אַ גאַנצער קאָמפּענדיום פון דער חסידישער תורה, דער „תולדות יעקב־יוסף".

דער פאַרפאַסער פון דעם דאָזיקן ווערק איז געווען איינער פון דעם בעש"טס באַליבטסטע תלמידים, דער רב פון פּולנאַי (וואָלין), יעקב־יוסף כהן. יעקב־יוסף איז געווען בלויז מיט געציילטע עטלעכע יאָר ייִנגער

1 באַזונדערס קריטיש איז דעמאָלט געווען די לאַגע פון די חסידישע קרײַזן לעך אין די ליטווישע קהילות. אייניקע פון די חסידישע הויפּט־פירער, ווי ר' מנחם־מענדל ווי־טעפּסקער, ר' ישראל פּאָלאָצקער און ר' אברהם קאַליסקער, האָבן אפילו פאַרלאָזן ליטע און צוזאַמען מיט פיל אָנהענגער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל.

2 איינער פון זיי איז געווען אין די הענט פון דעם היסטאָריקער דובנאָוו, און ער האָט דעם טעקסט איבערגעדרוקט אין דעם זשורנאַל „העבר" II, 1918.

3 דאָס זײַנען עס בלייספּק די „כתבים משונים" און „כתבי יד", וואָס וועגן זיי ווערט דערציילט אין דעם אָפענעם בריוו פון דער ווילנער קהילה, אַז מע האָט זיי געפונען בײַ דער „כת" און מען האָט זיי פאַרברענט בײַ דער „קונא" פאַר קבלת־שבת.

4 דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, I, 225.

פון זיין רבין דעם בעש״ט [1]. ער האט געשטאמט פון זייער גרויסן יחוס, און שוין אין די יונגע יארן האט ער געשטמט אלס גרויסער חריף און בקי אין נגלה און נסתר. ער האט באלד פארנומען די כסא הרבנות אין שארגאראד און געפירט דעם זעלבן שטייגער לעבן, ווי אנדערע לומדים פון יענער צייט: פיל זיך אפגעגעבן מיט פלפול [2], שטארק געוועזן פארטאן אין ארי״ס קבלה און געפראוועט אפטע תעניתים. די חסידישע לעגענדע דערציילט, אז די ערשטע צייט האט זיך דער שאר־גראדער רב פארהאלטן מיט ביטול צום קמיעות־שרייבער און אפשפרע־כער, דעם בעש״ט. איינמאל איז ר׳ יעקב יוסף געקומען גאנץ פרי, ווי זיין שטייגער איז געווען, אין בית הכנסת דאווענען בציבור. ער האט אבער צו זיין גרויס פארוואונדערונג געפונען א ליידיקע שול, און בלויז דער שמש איז געזעסן אין א ווינקעלע. דער שמש האט אים דער־קלערט, אז דער גאנצער עולם געפינט זיך איצט אין מארק ארום דעם בעש״ט און הערט, ווי יענער דערציילט מעשיות און גלייכווערטלעך. דער רב איז נשתומם געווארן, ער האט צו זיך גלייך פארבעטן דעם בעש״ט, זיך אריינגעלאזט מיט אים אין א שמועס, און פון דעמאלט אן איז ער געווארן פון זיינע געטרייסטע תלמידים. די קהילה האט זיך באלד דער־וווּסט, אז איר רב איז נוטה צו דער נייער „כת״, האט זי אים אנגע־הויבן צו רודפן, ביז ער האט געמוזט פארלאזן שארגאראד און איז געווארן רב אין ראשקוב. ער האט, ווי עס שיינט, דארט געלעבט אין גרויס דחקות, ווייל א חסידישע לעגענדע דערציילט, אז ווען דער בעל „התולדות״ איז געווען אב בית דין אין ראשקוו, „האבן די מלאכים געטענהט צום בעש״ט״: „וואס שווייגסטו? דער ראשקווער רב זיצט דאך אן פרנסה!״ (למה אתה שותק והרב דק״ק ראשקוב אין לו פרנסה) [3].

דעם למדן־אסקעט איז אבער ניט אזוי לייכט אנגעקומען אנצוגע־מען דעם בעש״טס תורה. אויס דעם בעש״טס אויבן ציטירטן בריוו [4] זעט מען גאנץ בולט, אז ווען יעקב יוסף איז שוין געווען דעם בעש״טס חסיד, האט ער נאך אלץ זיך געהאלטן אין זיין אלטן אסקעטישן דרך און געפראוועט תעניתים און סגופים. סוף־כל־סוף איז ער געווארן

---

1 יעקב־יוסף איז געשטארבן בערך אין 1782 אלס זקן מופלג. „ויהיה זקן מאוד״, חייזס אויף אים אן דער „שבחי הבעש״ט״ (דף 21, עמ׳ 2); דאס אייגענע חורט אויך איבער דער בעל „סדר הדורות החדש״ (דף 10, עמ׳ 2).

2 אין זיין „בן פורת יוסף״ זיינען אפגעדרוקט אייניקע זיינע „חילוקים״, וואס ער האט פארפאסט אין דער יוגנט (בימי חורפו בלימוד הישיבה).

3 שבחי הבעש״ט, דף לב, עמ׳ א׳.

4 זע אויבן ז׳ 60.

איינער פונם בעש״טס געטרייסטע תלמידים און אפאסטאלן, דער באגרינ־ דער פון דער חסידישער ליטעראטור [1].

זיין הויפטווערק, דער „תולדות יעקב יוסף״, איז איינגעטיילט לויט די סדרות פון דער וואך, נאר דער מאטעריאל איז אין דעם דאזיקן אומ־ פאנגרייכן ספר אויפגעזאמעלט אן א שום סדר. איין און דער זעלבער ענין ווערט דארט איבערגעחזרט צענדליקער מאל, און אפט אפילו מיט איינע און די זעלביקע ווערטער; אויף איין ארט (פ׳ שמות) איז דאס טאקע דער מחבר אליין מודה און ווייזט אן: והנה כתבתי זה בלי סידור דבר דבור על אופנו — און איך האב דאס געשריבן אן ארדענונג, ניט געהעריק געערדט יעדעס ווארט צו דער זאך. איין ענין ווערט אפט איבערגעריסן אינדערמיט, און דער מחבר גייט גלייך איבער אן א שום סמיכת הפרשיות צו אן אנדער ענין. עס איז דערפאר שווער מסכים צו זיין מיט דעם חסידות־פארשער ש. א. האראדעצקי, אז דער בעל „תולדות יעקב יוסף״ איז געווען באשאנקען מיט א שטארקער ליטעראַרישער באגאבונג [2]. איין מעלה האט אבער דער בעל „תולדות יעקב יוסף״: ער האט א קרי־ גערישן טעמפעראמענט, און דארט, ווו ער רעכנט זיך אפ מיט די קעגנער פון זיין רבינס תורה, ווערט ער פאטעטיש; זיין סטיל באקומט אימפעט און וואגיקייט, עס פילט זיך דער מוטיקער קעמפער מיט דעם שווערן האמער אין דער פעסטער צארנדיקער האנט. ער איז אין זיך באוווסט: אויף אים ליגט דער חוב אפצוצאלן פאר די אלע רדיפות און חרמות, פאר די גיפטיקע כרוזים און קול קוראס, מיט וועלכע דער שונא האט אן רחמנות אטאקירט זיינע חברים און זיין געליבטן רבינס תורה,—צאלט ער דעם שונא אין פולער מאס...

מיט בייסנדיקער איראניע רעדט דער „תולדות״ וועגן די לומדים, וואס זיינען אזוי שטאלץ ביי זיך (דעתם גסה), ווייל זיי האבן א סך תורה געלערנט [3]; ער געפינט, אז אפילו דער, וואס האט אויסגעלערנט די גאנצע תורה, הייסט נאך אלץ ניט קיין חכם, נאר א למדן, ווארעם א חכם איז בלויז דער, וואס איז מכוין מיטן למוד התורה „לדבק את עצמו על ידי התורה בשמו הקדוש״, וואס דאס איז דאך דער עיקר התכלית [4]. זיי, די לומדים, — זאגט דער בעל „התולדות״, — זיי פאדערן אלץ לויטן דין; זיי טענהן: ווייל איך האב געלערנט א שיעור גמרא

---

1 בצלד נאכן „תולדות״ איז דערשינען (1781) זיין „פורת יוסף״, און אין 1782 זיין „צפנת פענח״. זיין „כתונת פסים״ איז ארויס פון דרוק שוין נאך זיין טויט.

2 החסידים והחסידות, I, 109.

3 תולדות, פר׳ ויצא.

4 דארטן, הקדמה; דארטן פר׳ ויגש און פר׳ שופטים.

מיט תוספות און דאָס גלייכן, קומט מיר לקבל שכר [1]. ווען דער יצר־הרע, — דערקלערט דער „תולדות״ מיט סארקאזם, — רעדט איבער איינעם פונם המון, און יענער טוט אַן עבירה, ווייסט יענער נישט קיין חכמות: ער איז מודה, אַז ער טוט ניט ווי עס געהער צו זיין, און ברענגט דערמיט קיינעם ניט אין נסיון. ביי די לומדים איז אָבער גאָר אַנדערש: איינער אַ למדן, ווען ער טוט אַפילו די גרעסטע עבירה, ווערט ער זיך פליסן אייך צו דערוויזן, אַז ער טוט גאָר אַ מצווה; ער זוכט היתּירים אין דער תורה און פאַרדרייט אַזוי דעם דין, בכדי צו דערוויזן דעם טעם, פאַר וואָס ס'איז מותר אַזוי צו טאָן [2]. עס שטייט אין פּסוק: ובחרת בחיים למען תחיה לאהבה את ד׳. אין די לעצטע דורות,—קלאָגט זיך דער „תולדות״, — נתמעטו הלבבות, קליין זיינען געוואָרן די הערצער, מען וויל אַלץ מאַכן פון דער תורה אַ קרוין, כּדי צו באַרימען און צו גרייסן זיך מיט איר; לערנט איינער אויס איין הלכה, טוט ער זיך שוין באַרימען; לערנט ער ווייטער — באַרימט ער זיך נאָך מער; לערנט ער נאָך פּוסקים, ווערט ער שוין ביי זיך גאָר גרויס און דער־ווייטערט זיך דאָך מהש״י. אָט טוען די תלמידי חכמים זיך ברעכן די פּיס, שפּאַנען פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, לערנען אין די ישיבות, — דאָס מיינט עס, ווייזט אויס, דער פּסוק „על מה תכו״ — וואָס מער איר טוט אָפּשלאָגן די פּיס צו גיין לערנען אין דער ישיבה — „עוד תוסיפו סרה״, טוט איר אַלץ מער זיך דערווייטערן און אָפּקערן פון גאָט יתב׳ [3].

דעם באַקאַנטן פּסוק פון שיר השירים: „אחזו לנו שועלים קטנים מחבלים כרמים״ — טייטשט אויס דער „תולדות״: די פיקסעלעך, וואָס פאַרדאַרבן אונזערע ווייגערטנער — דאָס זיינען עס די רבנים, וואָס יאָגן זיך נאָך געלט [4]. ווער עס פאַרנעמט זיך נאָר בעסקי ציבור, — קלאָגט זיך דער „תולדות״, — דער דערווערבט זיך באַלד אַ גרויס פאַרמעגן; מיר זעען דאָך צו מיט אונזערע אייגענע אויגן די הנהגה פון די רבנים און די מנהיגים, וואָס פאַרנעמען זיך בעסקי הציבור „אשר לא ניתן ליכתוב״ — עס איז גאָר ניט צו באַשרייבן [5]. מיט כעס רעדט דער „תולדות״ וועגן די רבנים, וואָס ווערן באַשטימט דורך די שררות און די שטעט־באַזיצער (רבנן שמעמידין ע״פ השר שארץ שלו), און די

1 תולדות, פר׳ וארא.

2 דאָרטן, פר׳ שופטים.

3 דאָרטן, פר׳ ויחי.

4 דאָרטן, פר׳ בא.

5 דאָרטן, פר׳ וזאת הברכה.

דאזיקע רבנים טוען מעשים — „על ד׳ ועל משיחו״ [1]. עס שטייט געשריבן: שום תשים עליך מלך; מאן מלכי — רבנן, וואס הייסט ביי אונז מלך — א רב, — איז דער טייטש: מאך דיר אליין א מלך, — קלייב דיר אוים אזוינעם, וואס איז ניט רודף אחר הכבוד, ווארעם אזוינער איז געוויס א ירא שמים. אניט, אז דו וועסט אליין ניט אויסקלייבן, וועט קומען אזוינער, וואס וועט מיט געוואלד זיך ארויפזעצן אויפן כסא הרבנות, און דער, וואס שטרעבט דערצו — איז געוויס א נידער־טרעכטיקער מענטש (מי שהוא רודף אחר זה בוודאי איש בליעל) [2].

מיט א פיינעם סארקאזם דערציילט דער „תולדות״ אן אינטערע־סאנטע מעשה וועגן די גלגולים, וואס עס האט דורכגעמאכט א לאנגאנע־דיקער מנהג — רבנים זאלן חנוכה־צייט ארומפארן איבער די דערפער צו די ישובניקעס. אין פריערדיקע דורות, — ווייזט אן דער „תולדות״, — זיינען די רבנים אלץ אויסן געווען לשם שמים, האבן זיי איינגעפירט דעם מנהג צו פארן איבער די דערפער אויך לשם שמים. די מעשה איז אט וואס: די רבנים זיינען דאך אין שטאט געווען די גאנצע צייט טרוד מיט זייער תורה אין די ישיבות און מיט אנדערע מצוות־זאכן; בלויז אין די טעג פון חנוכה, וואס זיינען דאך יומי דפגרי, פלעגן זיי האבן פרייע צייט צו פארן איבער די דערפער, מדריך צו זיין די ישובניקעס אין דרך הישר, הן וועגן חילול שבת, הן אין עניני שחיטה און אין״פיל אנדערע זאכן. די רבנים האבן דאס אלץ געטאן לשם שמים און האבן דערביי פון די דארפסלייט ניט נהנה געווען אפילו „הנאה שוה פרוטה״. אין שפעטערע דורות האבן שוין די רבנים, וואס זיינען געפארן איבער די דערפער השגחה געבן איבער דער דארטיקער התנהגות, געפונען פאר זיך א היתר צו נעמען ביי די ישובניקעס מתנות, אלס שכר בטלה, ווייל זיי האבן זיך דאך צוליב דער נסיעה אפגעריסן פון זייער פרנסה. אלץ קלענער איז אבער געווארן די יראת שמים. האט מען שוין מיט דער צייט אינגאנצן אויפגעהערט השגחה צו האבן איבער דעם אויפפירן פון די דארפלייט, נאר די רבנים פלעגן חנוכה־צייט ארומפארן ספעציעל צונויפצוזאמלען פאר זיך מתנות. שפעטער איז שוין פון דעם שררה ארויפגעלייגט געווארן אויף די דארפלייט א ספעציעלער שטייער, און זיי מוזן שיקן די רבנים אהיים חנוכה־געלט, יענע דארפן זיך שוין מער ניט מטריח זיין און פארן צוליב דעם איבער די דערפער [3].

---

1 תולדות יעקב יוסף, פר׳ נשא.

2 דארטן, פר׳ שופטים.

3 דארטן, פר׳ צו.

דער בעל „תולדות יוסף״ קאָן ניט פאַרגעסן די רדיפות, וואָס זיין „כּת״ האָט געהאַט אויסצושטיין מצד די רבנים און די פּרנסים פון די קהילות. די לומדים, — רופט אוים מיט כּעס דער בעל „התולדות״, — זיי זיינען חכמים להרע, וועגן גוטס טאָן ווילן זיי ניט וויסן, זיי זיינען נאָר מחרחרי ריב ומצה [1]; זיי זיינען יידישע שדים. יעקב יוסף הכהן, וואָס האָט צוגעזעען דעם זיבניאָריקן רבנים־קאַמף צווישן די צוויי צדדים פון ר׳ יעקב עמדן און ר׳ יונתן אייבשיץ, רופט אוים מיט פאַרביטער־רונג: רבנין מבזין זה את זה, זיי שטעכן איינער דעם אַנדערן מיט די שווערדן פון זייערע צונגען, יעדער וויל באַווייזן זיין שאַרפע חריפות, אין גרייט דורס צו זיין דעם אַנדערן, אַבי צו דערוויזן, אַז ער איז גרע־סער פון יענעם; יעדער טוט שרייען: איך דאַרף קיניגן, איך בין אַ גרע־סערער תּלמיד חכם! דער „ערב רב״, — רופט אוים דער „תולדות״ מיט כּעס, — דאָס זיינען די לומדים, די חכמים להרע, וואָס האָבן אָפּ־געטיילט דאָס פּשוטע פאָלק פון די צדיקי הדור [2]. די שנאה, וואָס די לומדים טראָגן אויף די צדיקים, נעמט זיך פון קנאה, פאַר וואָס יענע זיינען אַזוי באַליבט ביים פאָלק [3]. דער קאַמף פון די רבנים קעגן די פירער פון חסידות ווערט אין „תולדות״ דערקלערט פאַר „מלחמת עמלק״, דורך וועלכע „שחה לעפר נפש צדיקים וחסידים וגברו בעלי זרוע״. עס שטייט: „מלחמה לד׳ בעמלק״ — אין יעדן דור טוט עס עמלק פירן אַ מלחמה פלומרשט פון גאָטס נאָמען וועגן און מאַכט אָן אַ „פּירוד בין הדבקים״ און טיילט אָפּ דאָס פאָלק פון די צדיקי הדור (אינו מניח להתחבר בעלי הלבוש והחומר עם בעלי הצורה) [4]. די גמרא דערציילט, — שרייבט דער בעל „התולדות״, — אַז ירושלים איז נאָר דערפאַר חרוב געוואָרן, וואָס מען האָט מבזה געווען תּלמידי חכמים און פאַרשעמט מלאכי אלהים. דאָס הייסט, — איז דער „תולדות״ מוסיף, — ירושלים איז חרוב געוואָרן על ידי הלומדים, וואָס זיי הייסן די נביאי השקר, ווי עס שטייט אין פּסוק: נביאיך חזו לך שוא ומדוחים [5].

אין פולן קעגנזאַץ צו די „לומדים״ און „חכמים להרע״ שטעלט דער „תולדות״ אַרויס די צדיקי הדור מיט זיין רבין — דעם בעש״ט בראש. מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז דער הויפּט־באַדייט פונם

---

1 תולדות, פּר׳ כּי תצא.

2 דאָרטן, פּר׳ כּי תצא.

3 דאָרטן, פּר׳ ויגש.

4 דאָרטן, פּר׳ שופטים.

5 דאָרטן, פּר׳ כּי תצא.

„תולדות" באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער באַקענט מיט דעם בעש"טס תורה און געלייגט דעם ערשטן גרונדשטיין פאַר דער חסידישער ליטעראַטור. די אידעען, וואָס יעקב יוסף זאָגט אַרויס אין זיין אייגענעם נאָמען, האָבן ניט קיין זעלבשטענדיקן באַדייט, ווייל זיי זיינען פאַקטיש ניט מער, ווי אַ פירוש אָדער פאַראַפראַזע פון דעם בעש"טס געדאַנקען.

דער „תולדות" האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם ניט בלויז אין די חסידישע קרייזן, נאָר אויך ביי די קעגנער, די מתנגדים. דער שאַר־פער פּאָלעמישער טאָן פון דעם ווערק האָט באַזונדערס אויפגערייצט די רבנים. זייער גרימצאָרן איז נאָך מער געוואַקסן דאַדורך, וואָס דער קעגנער, וועלכער האָט זיך דערלויבט אַזוי שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן די לומדים און רבנים — איז אַליין געווען אַ רב. און ווי נאָר דער „תולדות" איז אָנגעקומען קיין ווילנע (חודש אב תקמ"א), איז לויטן באַ־שלוס פון די רבנים און מנהיגים פון דער ווילנער קהילה אויסגערופן געוואָרן אין אַלע שולן אַ כרוז, אין וועלכן עס ווערט צווישן פיל אַנ־דערע חרמות דערקלערט, אַז איטלעכער מענטש דאַרף די לייט, וואָס רופן זיך אָן מיטן נאָמען חסידים — מדחיק זיין בשתי ידים, צא תאמר לו! און זיי זיינען מוחרם ומנודה און מופרש מכל עדת ישראל. און פשיטא, מען טאָר זיך ניט מדבק זיין און ריידן מיט זיי. גם די לייט, וואָס זענען מכת הנ"ל בקהילתנו אין חרם גדול, אַז זיי מוזן עוקר דירה זיין מקהילתנו עם נשיהם ובניהם. גם זה איז בחרם, אַז קיינער, חוץ מקהילתנו או משניפישאָק ואַנטאָקאָל וחסרים למשמעתנו, טאָר זיי קיין דירה ניט פאַרדינגען, און ווער עס וועט עובר זיין, איז מוחרם ומנודה, און אַלע אָרורם און קללות זאָלן פאַלן אויף זיין קאָפּ. און דער, וואָס פאָלגט, וועט אים זיין וווּיל און עס וועט קומען אויף אים די ברכה פון גוטס" [1].

די מנהיגים פון דער ווילנער קהילה האָבן דערמיט זיך ניט באַ־נוגנט און האָבן נאָך צעשיקט שליחים מיט אַ קול קורא, געחתמעט פונם גאון ר' אליה און פון אַלע רבנים און פרנסים, אין די אַנדערע קהילות, אַז מע זאָל אויך דאָרט אַרויסטרעטן מיטן הארבן חרם קעגן די חסידים. נאָר דער באַנייטער קאַמף 1781 איז נאָך ווייניקער, ווי דער ערשטער קאַמף פון 1772, געווען אימשטאַנד צו דערשטיקן די חסידות־באַוועגונג, וואָרעם אין משך פון די ניין יאָר האָט זיך די יונגע באַוועגונג נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרשפּרייט.

---

1 זע דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, I, 232.

און טאקע אין דעם אַקערשט ציטירטן כּרוז מוזן די ווילנער רבנים פעסטשטעלן, אַז „די אַנשיקעניש״ (חסידישע באַוועגונג) „איז פאַרמערט געוואָרן אין כל תפוצות ישראל און בפרט אין דער מדינה אוקראַינע זיינען פאַראַן צענדליקער טויזנטער אַזעלכע אומריינע מענטשן״.

און ווייל די יונגע באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט אין פאַרשיי־דענע מדינות, האָט זי אָנגעוואָרן איר אורשפּרינגלעכן, איינהייטלעכן כאַראַקטער און אונטער דער השפּעה פון דער באַטרעפנדיקער סביבה אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען.

וועגן דעם אין ווייטערן קאַפּיטל.

פערטער קאַפּיטל

פון טעאָרעטישן צדיקיזם צו פּראַקטישן צדיקיזם. — אלימלך ליזענ־סקער און זיין „נועם אלימלך". — דער מאַניפעסט פון פּראַקטישן צדיקיזם. — „הצדיק גוזר והשם יתברך מקיים". — צוויי וועגן פון חסידות. — דער ליאַדיער רבי שניאור־זלמן. — אין פייער פון מחלוקת. — שניאור־זלמנס שנאה צו נאַפּאָלעאָנען. — דער טויט אונטערוועגנס. — דער באַרייס פונם „תניא". — דאָס צמצום־פּראָבלעם אין דער באַלייכ־טונג פונם בעל „התניא". — „אור מתלבש" און „אור מקיף". — גאָט איז אי אימאַנענט אי טראַנסצענדענט. — דער עקסטרעמער אידעאַליזם ביים בעל „התניא". — דער תכלית פון „מעשה בראשית". — „די וועלט איז באַשאַפן צוליב דעם פאָלק ישראל". — די דריי לבושים: מחשבה, דיבור ומעשה. — דער באַדייט פון לימוד התורה און קיום המצוות. — די לערע וועגן די דריי בחינות: חכמה, בינה און דעת (חב"ד). — צוויי אַרטן פון ליבע און יראה. — אהבת עולם און אהבה רבה. — צוויי בחינות אינם מענטשנס האַרצן. — די העכסטע מדרגה פון ליבע איז „למעלה מבחינת הדעת והתבונה". — דער מקובל איז גובר דעם למדן. — דער „תניא" וועגן דער ראָלע פונם צדיק. — דער בעל „התניא" וועגן די „חכמות אחרות".

מיר האָבן אין פריקן קאַפּיטל באַקענט דעם לייענער מיט דעם טעאָרעטישן צדיקיזם, וואָס פאַרנעמט אַזאַ בכבודיקן אָרט אין דעם מגיד דוב־בערס טעאָזאָפישן סיסטעם. מיר האָבן געזען, ווי דער מגיד האָט באַזונדערס געשטעלט דעם טראָפּ דערויף, אַז דער פאַרבאַנד צווישן דעם צדיק הדור און דעם המון דאַרף זיין אַ ריין אידעיִשער. דער צדיק טאָר ניט מיט זיין תפילה אויסן זיין רעאַלע הצטרכותן, — זיין איינציקער ווונטש און צוועק דאַרף זיין די שכינה „שהיא מקומו של עולם" [1]. דאָס רעאַלע לעבן איז אָבער שטאַרקער פון אַבסטראַקטע אידעיִשע סברות; נצחניש ליגט עס אויף זיי אַרויף זיין שטעמפּל, פילט זיי אָן מיט זיינע קאָנקרעטע פאָדערונגען און תביעות.

מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך אָנגעוויזן אויף די סבות, וואָס האָבן מיטגעווירקט, אַז די דורך דעם בעש"ט געשאַפענע באַוועגונג זאָל שטאַרק אויסנעמען ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן. דעם מגידס טיפ־

---

1 זע אויבן, ז' 99.

זיניקע טעאָזאָפישע סברות וועגן דער קאָסמישער ראָלע פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט בכלל און פונם צדיק הדור בפרט האָבן אָבער געקאָנט פאַראינטערעסירן בלויז די יחידי סגולה, וואָס זיינען געווען גוט באַהבנט אין קבלה עיונית (טעאָרעטישע קבלה) און אין דער ראָמאַנטישער וועלט פון דער יידישער מיסטיק. די ברייטע מאַסן אָבער, די פאַר־גרעבטע ישובניקעס, שענקערס, קרעטשמערס, הענדלער, קליינע קרעמער, בעל־מלאכות, קבצנים און לופט־מענטשן אין די דרום־פּראָווינצן — אין דער אוקראַינע, אין וואָלין, פּאָדאָליע און גאַליציע, — זיי האָבן געגאַרט נאָך א רעאַלער הילף און שטיצע, געחלומט וועגן א מדריך און וועג־ווייזער, וואָס זאָל זיי זיין נאָענט און פאַרשטענדלעך און זאָל זיי ביישטיין אין זייערע גרויסע נויטן. איז דער צדיק א „כל יכול“, איז ער אַזוי באַליבט ביים רבונו של עולם, אַז ער איז אימשטאַנד מבטל צו זיין די האַרבסטע גזירות, קאָן ער משנה זיין „מעשה בראשית“, — טאָ זאָל ער באַווייזן, „וואָס ער קאָן“, זאָל ער אַנטפּלעקן די גרויסע ניסים, זאָל ער קודם כל באַזאָרגן זיינע חסידים מיט פרנסה און באַפרייען זיי פון אַלע פורעניותן און אַנשיקענישן. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער מאַסע איז געווען אַזוי וואַקלדיק און אומזיכער, די קוואַלן פון פרנסה האָבן זיך געהאַלטן בלויז אויף א נס. די יידישע מאַסע איז געווען אַזוי שוצלאָז און אָנמעכטיק קעגן די רדיפות און בלבולים פון די גייסטלעכע און בירגערלעכע שונאים, קעגן א מינדסטן קאַפּריז פון א משוגענעם פריץ; דערפאַר האָט זי מיטן גאַנצן ברען פון דער גלויביקער נשמה געוואַרט אויף דעם, וואָס קאָן באַווייזן די גרויסע וואונדער, וואָס באַזיצט די געהעריקע קראַפט צו זיין איר באַשיצער און באַזאָרגער...

אָן ענדגילטיקן ענטפער אויף די פאָדערונגען פון די ברייטע פאָלקסמאַסן האָט געגעבן דעם מעזעריטשער מגידס תלמיד דער גאַלי־ציאַנער אלימלך ליזשענסקער [1] מיט זיין „נועם אלימלך“, וואָס איז צום ערשטן דערשינען צוויי יאָר נאָך זיין מחברס טויט (אין 1788).

דער „נועם אלימלך“ קאָן מיט פולן רעכט אָנגערופן ווערן „דער מאַניפעסט פון פּראַקטישן צדיקיזם“. ווי דער „תולדות“, אַזוי איז אויך דער „נועם אלימלך“ געשריבן אין פאָרם פון א פּירוש אויף תורה; און דער גאַנצער טעקסט פון חמשה חומשי תורה ווערט אויסגעטייטשט אַלס „שיר השירים“ — ווי א געזאַנג איבער אַלע לויבגעזאַנגען לכּבוד

---

1 געבאָרן אין 1717, געשטאָרבן אין 1786. אין די יונגע יאָרן, — דערציילן די חסידישע קוועלן, — האָט דער ליזשענסקער צדיק „היה לומד תורה כדרך הלומדים“ און ערשט אונטער דער השפעה פון זיין ברודער זוסיע אַניפּאָלער איז ער געוואָרן דעם מגידס תלמיד (זע „מעשה צדיקים“).

דעם צדיק מיט זיינע ווונדערלעכע מעשים. עס ווערט, אשטייגער, אין פרשה בראשית דערציילט: „וירא אלהים את האור כי טוב" — און גאָט האָט געזען, אַז דאָס ליכט איז גוט, — דערקלערט גלייך דער „נועם אלימלך", — אַז דאָס „גוטע" איז, נעמלעך, באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פון גאָט אַנטפּלעקטע ליכט איז באַשטימט „למען יהא עזר וסיוע לצדיק להעלות הניצוצין", ווארעם דער רבונו של עולם „רוצה דוקא בעבודת הצדיקים"[1].

„די מדרגה פון דעם צדיק, — לערנט דער בעל „נועם אלימלך", — איז העכער „ממדרגת המלאכים" [2]. ביד הצדיק לקשר כל העולמות, ס'איז ביים צדיק אין די הענט צונויפצובינדן אלע וועלטן [2]; אלע וועלטן זיינען אין זיין רשות און ער קאָן מיט זיי טאָן ווי זיין ווילן איז [3]; דער צדיק קאָן אַלץ אויפטאָן, ער קאָן אפילו גורם זיין ביאת המשיח [4]; הצדיק הוא ממשיך השפעות לעולמות [5]; על ידי הצדיק נהפך מַר לְמָתוק [6]; הצדיק כאשר יגזור אומר כן יקום [7]. דער צדיק פאַרוואַנדלט דעם דין אין רחמים, ואף אם נגזר על האדם מיתה חלילה יכול לבטל הגזירה ולהפכה לחיים [8]; דער צדיק איז אימשטאַנד מכפר צו זיין אויף דער זינד פונם גאַנצן דור [9]. עס שטייט: בכור בניך -- דאָס מיינט מען עס דעם צדיק, וואָס איז שוין געהייליקט אין דער טראַכט פון זיין מוטער, און ער ווערט עס אָנגערופן: בן למקום ברוך הוא [10]. דער צדיק קאָן דערגרייכן אַזאַ מדרגה, ווען ער זעט אָן אויגן און הערט אָן אויערן [11]; עיני ד' הם ביד הצדיקים — דורך דעם צדיקס אויגן באַטראַכט גאָט די וועלט; דער צדיק קאָן פועלן דורך זיין חייליק מויל „כל הרחמים וחחסדים" [12]; הצדיק גוזר והשם יתברך מקיים [13]. גאָט, ברוך הוא, האָט געבענטשט דעם צדיק מיט אַ מתנה,

---

1 נועם אלימלך, לקוטי שושנה.
2 דאָרטן, פר' שמות.
3 דאָרטן, פר' תצוה.
4 דאָרטן, פר' משפטים, זע אויך פר' וישב: הצדיק לבד על ידי מעשיו הקדושים יכול לפעול הכל.
5 דאָרטן, בלק.
6 דאָרטן, פר' תרומה.
7 דאָרטן, פר' בחקותי.
8 דאָרטן, אחרי מות.
9 דאָרטן, פר' קדושים.
10 דאָרטן, פר' משפטים.
11 דאָרטן, שמות.
12 דאָרטן, פר' בהעלותך.
13 דאָרטן, פר' מקץ.

ער זאָל קאָנען געבן חיות אַלע וועלטן מיטן כּוח פון דעם געטלעכן טייל, וואָס ער האָט פון אויבן באַקומען (שהצדיק יתן חיות לכל העולמות בכוה חלק האלקי ממעל) 1. עס שטייט אין פּסוק: טוב ד׳ לכל: גאָטס גוטסקייט — דאָס איז דער געטלעכער חלק, מיט וועלכן דער צדיק איז באַשאָנקען און ער איז מיט אים משפּיע „לכל העולם״; און אָט טאָקע אין דער שפע פונם צדיק אויף אַלע וועלטן ליגט דער באַדייט פון די ווערטער: ורחמיו על כל מעשיו; וואָרעם, ווען גאָט, כּביכול, זאָל אַליין בכבודו ובעצמו זיין דער משפּיע, וואָלט די רעאַלע וועלט (דער „עולם המעשה״) ניט געווען אימשטאַנד מקבל צו זיין די געוואַלדיקע געטלעכע שפע; ערשט, ווען די השפעה טוט פליסן דורך דער פאַרמיטלונג פונם צדיק — „נוכל לקבל השפעה״ 2. די אַלע גענאָדן, וואָס השם יתברך טוט דער וועלט — ווערט דאָס אַלץ געטאָן דורך דעם צדיקס הענט 3. דער צדיק — ער איז דער פאַרמיטלער (הממוצע) און דער פּרסור: ער באַקומט די השפעה פון אויבן און פאַרטיילט זיי אַלעמען 4.

און דאָס וויכטיקסטע געווער, מיט וועלכן דער צדיק פירט דורך זיינע גרויסע ווונדער (מפליא נפלאותיו), איז דאָס וואָרט. „יעדעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פונם צדיקס מויל, ווערט אויס אים באַשאַפן אַ מלאך״ 5; כשהצדיק מתחיל לומר דבורים, — ווען דער צדיק פאַנגט אָן זיינע רייד, מאַכט דאָס אָן אַ גרויסן רושם אין אַלע וועלטן „וזה דוגמת הגאולה״ 6; די ווערטער, וואָס גייען אַרויס פונם צדיקס מויל, טוען לייכטן ביז אין די הימלען 7. עיקר החיות של הצדיק הוא ע״י התפלה, וואָרעם דורך דער תפילה באַהעפט זיך דער צדיק „בהבורא יתעלה״ 8; מיט דער מאַכט פון דער תפילה קאָן דער צדיק מבטל זיין אַלע גזירות; הקב״ה איז גוזר און דער צדיק איז מבטל 9. און עס אַנטשטייט דאָך דורך דעם, — שטרייכט אונטער דער „נועם אלימלך״, — קיין שום שנוי ניט, חלילה, אין גאָטס איינהייטלעכן און אומבאַגרעניצטן רצון. מען דאַרף דאָך געדענקען, אַז „מפּי עליון לא תצא הרעות״, דורך גאָטס באַפעל ווערט קיין שלעכטס ניט געשאַפן, נאָר דער מענטש, וואָס איז

1 נועם אלימלך, פּר׳ מקץ.
2 דאָרטן.
3 דאָרטן, פּר׳ בהעלותך.
4 דאָרטן, פּר׳ בא, זע אויך לקוטי שושנה.
5 דאָרטן, פּר׳ שלח, זע אויך פּר׳ וישלח.
6 דאָרטן, פּר׳ יתרו.
7 דאָרטן, פּר׳ האזינו.
8 דאָרטן, פּר׳ וירא.
9 דאָרטן, פּר׳ ויצא.

פאַרבונדן מיט אַלע וועלטן, טוט דורך זיין זינד איבעררייסן זיין געט־לעכן פאַרבאַנד און פאַלט, ר״ל (רחמנא לצלן), דורכדעם אַריין אין גרויס געפאַר; דאַ קומט דער צדיק צו הילף און טוט איבעראַנייס פאַרבינדן דורך זיין תפילה דעם מענטשן מיטן פריערדיקן קוואַל [1], וואָרעם דער צדיק באַשאַפט דאָך דורך זיין תפילה נייע הימלען [2]. דורך וואָס האָט דעם צדיקס תפילה אַזאַ געוואַלדיקע פעולה? דערויף גיט דער „נועם אלימלך״ אַזאַ ענטפער: די תורה איז דאָך פון לויטער ליבע, ווי אין פסוק שטייט: הבוחר בעמו ישראל באהבה, דורך ליבע האָט גאָט זיין פאָלק ישראל אויסדערוויילט, און דער צדיק — ער איז דאָך אויך גאַלע ליבע (גם כן אוהב את השם... ואת כל האדם באהבה). ווערן אַלע אותיות פון דער תורה געלייטערט דורך דער תפילה פונם צדיק, „האוהב לכל״. און דערויף ווייזט טאַקע אָן דער פסוק (תהלים, קי״ט, 140): „צרופה אמרתך מאוד ועבדך אֲהֵבָה״. אַלץ אויס ליבע [3].

דער „נועם אלימלך״ דערמאָנט יעדעס מאָל, אַז דער צדיק טראַכט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן טובת הכלל און גייט אויף מסירת־נפש בשביל כל ישראל [4]. „הצדיק צריך להיות הפקר לכל ישראל״, — חזרט איבער דער „נועם אלימלך״, — ער דאַרף שטענדיק זיין מוכן ומזומן צו טאָן גוטס יעדערן באַזונדער [5], זיין גרייט „אפילו להיות בגיהנום״, אַבי צו דערגרייכן זיין ציל — „לחזור תמיד אחר טובת ישראל״ [6]. און דער „נועם אלימלך״ שטרייכט דערביי אונטער, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן צדיקים: צדיקים, וואָס זיינען אויסגעטאָן פון דער וועלט און זיינען פאַרטאָן רק אין די עולמות העליונים; די גאַנצע עבודה פון דעם סאָרט צדיקים איז צו רייניקן און מתקן צו זיין זייער־נשמה, בכדי זי צו דערהייבן „לשרשה ולמקום מחצבתה״ [7]; עס זיינען אָבער אויך פאַראַנען אַזעלכע צדיקים, וואָס טראַכטן און זאָרגן שטענדיק רק וועגן צרות ישראל, און זייער ציל און אַלע זייערע מחשבות זיינען נאָר: משפיע צו זיין גוטס אויף דער וועלט, צו ברענגען „ברכה ורחמים וחיים וכל טוב״ [8].

---

1 נועם אלימלך, לקוטי שושנה.

2 דאָרטן, פר׳ ויצא.

3 דאָרטן, פר׳ וישלח. זע אויך פר׳ ויגש, וואו עס ווערט מערערע מאָל איבערגעחזרט: השבת הוא רק אהבה, היראה צריכה להיות מתוך אהבה.

4 דאָרטן, פר׳ האזינו, פר׳ חקת.

5 דאָרטן, פר׳ שלח.

6 דאָרטן, פ׳ בלק.

7 צו איר קוואַל און וואָרצל, פון וואַנען זי שטאַמט.

8 דאָרטן, פר׳ שמות.

עס איז קלאָר, אַז אַמוויכטיקסטן איז דער צווייטער סאָרט צדיקים און נאָר די צדיקים „שיש להם התקשרות עם כללות ישראל״ — זיי זיינען עס משפיע דעם פאָלק ישראל „כל צרכיהם״ [1]. די צדיקים פונם ערשטן סאָרט זיינען אַסקעטן, וואָס פייניקן זיך און פראָוון תעניתים, — די אנדערע אָבער, זיי טוען עסן בקדושה ובטהרה „למען עבודת יתבר׳ שמו״, און אַט זיי טאָקע, די דאָזיקע צדיקים, „יש להם כח להשפיע ולגזור כרצונם״, זיי זיינען עס משפיע דער וועלט די דריי וויכטיקסטע קוועלן: בנים, חיים ומזונות [2]. וואָרעם, — לערנט דער „נועם אלימלך״, — כּדי דער צדיק זאָל קאָנען השפעה האָבן אויף דער וועלט, דאַרף ער געניסן פון דער וועלט (נותן לו קצת הנאה גשמית ג״כ, כדי שידע - קצת עולם) [2]. דער צדיק, וואָס וויל משפיע זיין אויף דער וועלט, מוז זיך דערנידעריקן פון זיין הויכער מדרגה, ער מוז זיך אַראָפּלאָזן לכלל ישראל, כּדי ער זאָל זיין אימשטאַנד „לבטל מהם כל הרעות והשפלות״ [3]. דער דאָזיקער געדאַנק, אַז דער צדיק „יורד ממדרגתו לטובת ישראל״, ווערט מערערע מאָל איבערגעחזרט אין דעם „נועם אלימלך״. ווען דער צדיק זאָל גאָר קיין שום פּגם ניט האָבן, ווי וואָלט ער געקאָנט איבער דער קליפּה שליטה האָבן? [4]. דער רוב המון־עם, — לייענען מיר אין דעם „נועם אלימלך״, — איז אַזוי איינגעטאָן אין גשמיות, אַז ער איז ניט אימ־שטאַנד צו דערהייבן זיך לעבודת השם יתברך. דערפאַר טוט גאָט ברוך־הוא מיט זיין גרוי־ס רחמים שיקן עפּעס אַ חטא דעם צדיק, בכדי אויך ער זאָל קומען אין „קטנות״, און בעת ער וועט זיך שטאַרקן צוריק זיך צו דערהייבן צו זיין פריערדיקער מדרגה, וועט ער דערמיט אויך דעם גאַנצן עולם דערהייבן [5]. ווען דער צדיק זאָל זיין ריין פון דעם מינדסטן חטא, וואָלט ער דאָך קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט אונזער זינדי־קער וועלט, — ווי זשע וואָלט ער אויף איר געקאָנט משפיע זיין? בעת אָבער ער ווערט געשטרויכלט אין אַן עבירה, איז ער דאָך חוזר בתשובה און דערמיט דערלייזט ער אויך די וועלט, און אין דעם ליגט דער טייטש פון די ווערטער: אשרי הדור שהנשיא חוטא [6] — וואויל איז צו דעם דור, וועמעס נשיא טוט זינדיקן.

---

1 נועם אלימלך, ויצא.

2 דאָרטן, פר׳ ויקרא; זע אויך פר׳ שמות.

3 דאָרטן, פר׳ וירא, זע אויך פר׳ תולדות.

4 דאָרטן, פר׳ תולדות, זע אויך פר׳ שמות.

5 דאָרטן, פר׳ ויחי.

6 דאָרטן, פר׳ ויקרא, זע אויך פר׳ נשא.

אין „נועם אלימלך" ווערט אָבער ניט פאַרגעסן דער אַלטער כּלל: do ut des — גיב אַליין, ווילסטו מע זאָל דיר געבן. דער צדיק איז טאַקע „כּוללות ישראל", ער דערהייבט אַלע נידערטרעכטיקייטן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן ביי יידן, און ברענגט זיי צו די הייליקע מדרגות [1]; „אין העולם מתקיים בּלא צדיקים" — די וועלט קאָן אָן דעם צדיק קיין קיום ניט האָבן; הכּל תּלוי בּצדיק, אין השפע בּא אלא על ידי הצדיק, הצדיק הוא הבּרכה עצמה; דער צדיק באַווייזט די גרויסע וווּנדער, ער היילט קראַנקע, באַפרייט געפאַנגענע, איז משפּיע פּרנסה און בּענטשט מיט חיי מזוני ובני [2]; דער צדיק איז מיט זיין גרויס גערעכטיקייט גורם, אַז מיר זאָלן אפילו אין ביטערן גלות נושא חן זיין ביי די אומות העולם [3]; דער צדיק איז ליב און זיס „בּכל מיני מתיקות" [4] אאַז"וו, אאַז"וו. נאָר בּכדי דאָס אַלץ צו געניסן פונם צדיק, דאַרף מען זיך ענג מיט אים פאַרבינדן. „צריכין לישראל להיות התחברותם עם הצדיק [5]— דאָס פאָלק ישראל דאַרף זיין פעסט פאַרבונדן מיטן צדיק; וויל דער צדיק פאַרשפּרייטן זיין השפּעה אויף אַ מענטשן, אים בּענטשן מיט פּרנסה וכדומה, מוז ער צובינדן יענעמס נשמה צו זיין נשמה [6]. בּכדי צו געניסן פון צדיקס בּרכה און פון זיין גרויסער שפע, דאַרף מען גלויבן אינם צדיק, אין אַלץ מיט אים מסכּים זיין [7]. ער דאַרף זאָרגן פאַרן צדיק בּעולם הזה, יענער זאָל האָבן „מעות בּריוח" [8]. „על ידי נתינה לצדיק, — לערנט דער „נועם אלימלך", — דורך דעם, וואָס מען גיט פּדיונות דעם צדיק, ווערט דער מענטש „נתקשר בּקשר של קיימא" מיטן צדיק, און דער יצר הרע האָט שוין איבּער אים קיין שליטה ניט, ער זאָל אים קאָנען בּרענגען צו אַ זינד, אדרבּה — יתקדש על ידי הצדיק, ער ווערט געהייליקט דורכן צדיק. „גדולה מעשה הצדקה, — ווייזט אָן דער צדיק פון ליזשענסק, — הנותן צדקה לצדיק השלם!" דעמאָלט, פאַרזיכערט ער, איז די וועלט פול און זאַט מיט כּל טוב, מיט שפע וברכה

---

1 נועם אלימלך, פּר' ויצא.

2 דאָרטן, פּר' וירא, פּר' תרומא, פּר' תצוה. כאַראַקטעריסטיש איז אויך פאָלגנדיקע שטעלע: עס שטייט ביי אברהמען: וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים, — דאָס האָט ער, דער צדיק, דערזעען, אַז אויף אים איז מוטל דריי זאַכן משפּיע צו זיין לישראל: בּני, חיי, מזוני.

3 דאָרטן, פּר' חקת.

4 דאָרטן, פּר' כּי תשא.

5 דאָרטן, פּר' דברים.

6 דאָרטן, פּר' מקץ.

7 דאָרטן, פּר' לך לך, פּר' בּשלח, פּר' בּלק.

8 דאָרטן, „לקוטי שושנה".

ורחמים וחיים ובני ומזוני ושלום עד אין קץ ותכלית״ [1]. דער „צדיק השלם״, — איז מוסיף דער „נועם אלימלך״, — דער רעכנט כלל ניט, אז די צדקה, וואס מען גיט אים, איז פון זיין טובה און הנאה וועגן; זיין גאנצע כוונה איז בלויז, אז דורך דעם ווערט דערוועקט „שפע טובה לכל ישראל״, און זיין אייציקער ווילן איז דאך בלויז — „לראות בשמחת ישראל שלא יחסר להם כל טוב״ [2]. מען דארף געדענקען, אז דעם צדיקס אייציקע עבודה איז דאך „להעלות ולהקים את השכינה״ [3]; די ברכות גשמיות, וואס ער באקומט, זיינען „בשביל הרוחניות״; אפילו „באכילה ושתיה״ דערהייבט ער די הייליקע פונקען — די „ניצוצות קדושות); אפילו ווען ער רעדט דברים גשמיים — איז דאס אלץ להבורא יתברך... [4]

טיפיש איז פאלגנדיקע שטעלע: עס שטייט אין דער תורה (במדבר, ט״ו, 24): „והיה אם מעיני העדה נעשתה לשגגה״. עיני העדה, — דערקלערט דער „נועם אלימלך״, — דאס מיינט מען עס די ראשים און מנהיגים פונם פאלק, זיי זיינען געגליכן צו די אויגן פון דער גאנצער עדה. ווען אבער די עיני העדה, ד״ה, די ראשים און פירער, גייען, ח״ו, בדרך לא טוב, דעמאלט טוט דער השם יתברך מיט זיין גרוים רחמים זיך דערבארעמען איבער זיין פאלק ישראל און שיקט זיי גרויסע צדיקים (ויעמיד להם צדיקים גדולים), וואס זארגן שטענדיק על כללות ישראל, און זיי טוען מיט זייערע תפילות פארזיסן אלע דינים מעל ישראל, ומהפכים, און פארוואנדלען זיי לרחמים [5]. דערפאר איז אויף יעדן מענטשן מוטל „ללמוד מהצדיק את מעשיו״ [6]; ס'איז א מצוה צו דערציילן מעשיות וועגן די גרויסע צדיקים און זייערע געהעכטע מידות [7], און דער, — ווארנט דער „נועם אלימלך״, — ווער עס דערלויבט זיך ארויסצוטרעטן מיט שארפע רייד קעגן דעם צדיק, איז גליך, ווי ער וואלט געלעסטערט השם יתברך, כביכול, און אים וועט טרעפן די הארבסטע שטראף [8].

דעם גאליציאנער אלימלכס ווערק איז געווען, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, זייער גוט צוגעפאסט צו די תביעות פון די פילצאליקע ארענ־

1 נועם אלימלך, פ״ פקודי.
2 דארטן.
3 דארטן, פר' בהעלותך.
4 דארטן, פר' תולדות, פר' ויגש, פר' וארא, פר' שלח, פר' ראה.
5 דארטן, פרשה שלח.
6 דארטן, כי תשא.
7 דארטן, פר' בא.
8 דארטן, פר' שלח.

דאטארס, קרעטשמערס 1, הענדלער, קליינע קרעמערלעך און כל המיני סרסרים און לופט-מענטשן פון גאליציע און אוקראינע. די יונגע חסידישע באוועגונג האט זיך אבער ניט געוואלט באנוגענען בלויז מיט דער אומוויסנדיקער מאסע פון די דרום-פראווינצן, זי האט זיך אויך פארמאסטן צו פארשפרייטן איר השפעה איבער די צפון-פראווינצן פון ווייסרוסלאנד און ליטע; אירע ענערגישע עמיסארן און פראפאגאנדיסטן האבן דרייסט ארייגעדרונגען אין דער הויפט-פעסטונג פון דער רבנישער לומדות — אין ווילנע, און מיט דערפאלג זיך דערווארבן חסידים און אנהענגער צווישן די מקורבים פון דעם ווילנער גאון גופא. עס איז קלאר, אז דא האט מען געמוזט ארויסטרעטן מיט אן אנדערן אידעישן באגאזש, ווי פאר די דארפסיידן פון גאליציע און אוקראינע. דעם גרויסן מגידס תלמיד, אלימלך אוים ליזענסק, האט זיך געשטיצט אויף זיין רבינס תורה וועגן דער אוניווערסאלער ראלע פון דעם צדיק, און אויפן יסוד פון דער דאזיקער לערע געשאפן זיין סיסטעם פון פראקטישן צדיקיזם; דעם מגידס חריפישע לומדות, גייסטיקן אריסטאקראטיזם און טעאזאפישע מעטאפיזיק האט צו דער זעלבער צייט קונציק אויסגענוצט זיין יינגסטער און באליבטסטער תלמיד שניאור-זלמן, דער אנערקענטער מנהיג פון די חסידים אין ווייסרוסלאנד, דער באגרינדער פון דעם נייעם דרך אין חסידות, וואס האט זיך קונה שם געווען אונטערן נאמען חבד.

שניאור-זלמן, דער שטאמפאטער פון דער חסידישער דינאסטיע שניאורסאן, איז געבארן אין 1747 אין ווייסרוסישן שטעטל ליאזנע אין א יחסנישער פאמיליע. זיין פאטער ברוך, א ייד א למדן, פירט זיין שלשלת היוחסין פון דעם בארימטן מהר"ל אוים פראג. צו 12 יאר האט דער יונגער שניאור-זלמן שוין געשמט אלס עילוי, צו 15 יאר האט ער חתונה געהאט, און זיצנדיק ביים שווער אין וויטעבסק אויף קעסט, האט ער יום ולילה פארבראכט מיט לימוד התורה. עס עקזיסטירן ביי בי חסידי חבד פארשיידענע לעגענדעס וועגן זיין געוואלדיקער התמדה און אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן. צו 18 יאר האט ער שוין געשמט אלס איינער פון די גרעסטע בקיאים אין דער תלמודישער ליטעראטור. בכדי בעסער צו פארשטיין געוויסע פראגן, וואס ווערן באהאנדלט אין תלמוד, האט שניאור-זלמן פיל זיך אפגעגעבן אויך מיט אסטראנאמיע און מאטעמאטיק. די דאזיקע ידיעות האט ער געשעפט אויסשליסלעך פון העברעישע קוועלן, ווי יש"ר כקנדיאס „אלים" און

---

1 ס'איז כדאי צו באמערקן, אז אין אלימלך ליזענסקערס צייטן איז בערך א דריטל גאליציאנער יידן באשטאנען פון ישובניקעס.

אנדערע 1, װאָרעם אױסער יידיש און העברעיש האָט ער קײן אנדער שפּראַך ניט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אָבער ניט באַגנוגט בלױז מיט „תורת הנגלה". בײ דעם דאָזיקן גרױסן חריף און געװאַלדיקן מתמיד האָט ערגעץ אין די טיפע קעמערלעך פון זײן נשמה געציטערט א צאַרטע פּאָעטישע סטרונע. די תּפילות פלעגט ער זינגען מיט אײגענע ניגונים, װאָס פלעגן זיך ציען פון די טיפן פון זײן האַרצן, „כי הנגון הוא ענין התפעלות הלב והנפש", — פלעגט ער זאָגן, — דער ניגון קװעלט אַרױס אױס דער התפעלות פון דעם האַרצן און דער נשמה 2. האָט ער זיך ניט געקאָנט באַפרידיקן מיט דער תּלמודישער ליטעראַטור אַלײן, און זיך פאַרטיפט אין חכמת הנסתר. ער געפינט טיפע סודות אין דעם של״הם תקונים צום סדר התפילה, און דערקלערט, אַז תפילה איז „יסוד כל התורה". צו דער צײט האָט ער צום ערשטן דערהערט װעגן דעם גרױסן מגיד, װאָס איז גרױס אי אין „נגלה", אי אין „נסתר" און גײט נאָר אױף אַן אײגענעם נײעם דרך. העכסט װאַרשײנלעך האָט שניאור זלמנען, װי אױך דעם יונגן שלמה מײמון באַקענט מיט דער נײער חסידישער באַװעגונג אײנער פון די ענערגישע משולחים און אַגיטאַטאָרס, װאָס דער מגיד דוב־בער האָט געשיקט איבער פאַרשײדענע פּראָװינצן. א חסידישע לעגענדע דערצײלט, אַז די ערשטע צײט איז שניאור־זלמן געשטאַנען „על פרשת דרכים", ניט געװוּסט װוּהין צו פאָרן: קײן װילנע, דער הױפּטשטאָט פון לומדות, צי קײן מעזעריטש, דער רעזידענץ פון חסידות: „איך האָב געהערט, — דערצײלט א חסידישע לעגענדע אין ר׳ שניאור־זלמנס נאָמען, — אַז אין װילנע לערנט מען גוט און אין מעזעריטש דאַװנט מען גוט. אין װילנע איז דער עיקר — לימוד און אין מעזעריטש — עבודת הלב; לערנען קאָן איך אַלײן גענוג, מיט עבודת הלב האָב איך מיך אָבער װײניק אָפּגעגעבן". און ער האָט באַשלאָסן זוכן דעם לעבנסװעג אין מעזעריטש. װי שלמה מײמון, האָט אױך זײן מיטצײטלער, דער עילוי פון ליאָזנע, ניט געהאַט אױף קײן הוצאות, און געלאָזט זיך צופוס קײן מעזעריטש. דער מגיד דוב־בער האָט באַלד דערקענט אין דעם יונגן למדן און „זוכער" דעם צוקינפטיקן גדול בישראל, האָט ער אים דערפאַר שטאַרק מקרב געװען און אים, — װי די חסידישע קװעלן דערצײלן, — איבערגעגעבן „כל סתרי חכמתו".

1 זע װעגן דעם בערנשטײנס „שימת עין", 20—21, בײלאַגע צו מ. טײטעלבױמס „הרב מליאדי".

2 עד היום איז בײ די חבּדער חסידים זײער באַליבט „דעם רבינס ניגון" — א ניגון אָן װערטער, אין װעלכן די חסידים זעען א טיפע מיסטעריע, א „התדבקות עלאית" מיט די הײליקע „ספירות".

שניאור־זלמן האט זיך שטארק באפריינדעט מיט דעם מגידס איינציקן זון, וואס איז באקאנט פאר זיין אפגעזונדערטקייט פון עולם־הזה־אינטע־רעסן אונטערן נאמען אברהם מלאך. יענער איז געווען א הייסער מקובל, און ער האט אויך זיין יונגן פריינד [1] ארייננעפירט אין די טיפע סודות הקבלה. פון דעמאלט אן (דאס איז געווען בערך אין 1767) פלעגט שניאור זלמן אויף א קורצער צייט זיך ארא־בכאפן אהיים צו זיין הויז־געזינט, און די איבעריקע צייט פארברענגען ביים מגיד דיב־בער און אים באגלייטן אויף זיינע נסיעות קיין ראוונע און אניפולי [2].

די חסידישע לעגענדע, אז שניאור־זלמן האט זיך אפגעקערט פונם וועג, וואס פירט צו דער לומדישער ווילנע, און זיך געלאזט אויפן וועג, וואס פירט צו חסידות, איז פאקטיש ניט אינגאנצן ריכטיק. דער למדן פון ליאזנע האט געפרווט פארבינדן, פאראייניקן ביידע וועגן און אין דעם העלפט אים מיט זיין רבי, דער מגיד דוב־בער גופא. אויף יענעמס באראט טרעט שניאור־זלמן צו צו זיין ערשטן קאפיטאלן ווע ק — צו שרייבן א פירוש אויפן שולחן ערוך, ריכטיקער, צו שאפן א נייעם שולחן ערוך, ווו עס ווערן אויסגעטייטשט און דערקלערט אין א לייכט פארשטענדלעכער פארם אלע דינים און הלכות, וואס ווערן געבראכט אין שולחן ערוך, בכדי „אויך די, וואס זיינען מחמת טירדות פרנסה ניט אימשטאנד פיל זיך אפצוגעבן מיט לימוד התורה, זאלן לייכט געפינען יעדן נייטיקן דין. ביים פסקענען די דינים איז שניאור־זלמן פון די מחמירים. „עלינו לדקדק בדברי סופרים וחומריהם" — מיר דארפן, ווארנט ער, געטריי נאכפאלגן די רייד פון די סופרים און זייערע חומרות אין אלע פרטים, און אויך די אלע חומרות, וואס אין דער גמרא און אין פוסקים [3].

באלד נאכדעם, ווי ער האט פארענדיקט דעם ערשטן חלק פון זיין שולחן ערוך (דעם „אורח חיים"), איז אויסגעבראכן די ערשטע מחלוקת קעגן די חסידים, און דער מנהיג פון די חסידים, דער מגיד דוב־בער, איז געשטארבן. פאר די חסידים האבן זיך אנגעהויבן אומרויקע יארן פון חרמות און רדיפות. שניאור־זלמן, וואס האט געהאט א רויקן גע־לאסענעם כאראקטער, האט זיך געפליסט, אבער אן דערפאלג, צו שטילן די מחלוקת. ווען דער עלטסטער פון דעם מגידס תלמידים, ר' מענדל וויטעבסקער, האט באשלאסן צו פארלאזן זיין היים און זיך צו באזעצן אין ארץ ישראל, איז ער צוזאמען מיט זיין יינגערן חבר, שניאור־זלמן,

---

1 שניאור־זלמן איז געווען מיט 7 יאר יינגער פון אברהם מלאך.

2 אין אניפולי האט דער מגיד פארבראכט די לעצטע חדשים פון זיין לעבן און דארט איז ער אויך געשטארבן.

3 לקוטי תורה, מטות.

אוועקגעפארן קיין ווילנע זיך צו זעען מיטן ווילנער גאון און אים פערזענ-לעך צו דערווייזן, אז ער איז „חושד בכשרים״, ווארעם די חסידים זיינען ערלעכע יידן און זיינען ניט עובר אויף קיין דין און לאו פון דער תורה. דער קנאי, ר׳ אליהו גאון, האט אבער פאר זיי די טיר פארשלאסן און האט זיי ניט געוואלט זעען, באשר ס׳איז דא א בפירושער דין אין דער גמרא (סנהדרין, דף ל״ח, עמ״ב): „עם מין אסור להתוכח״—מיט א רשע און אן אפיקורס איז פארבאטן צו פירן ויכוחים און מען טאר אויף זייער צורה ניט קוקן. אין דריי יאר ארום, ווען שניאור-זלמן איז שוין פאקטיש געווען דער אנערקענטער מנהיג פון אלע חסידים אין ווייסרוסלאנד [1], האט ער ארויסגעלאזט צו אלע זיינע אנהענגער אן אפענעם בריוו, וואס פאנגט אן מיט די ווערטער „אדברה נא שלום״ [2], ווו ער בעט די חסידים, זיי זאלן ווי וויט מעגלעך ניט דערצארענען די קעגנער און דער-ווייטערן זיך פון מחלוקת. דער בריוו האט אבער קארג וואס געקאנט העלפן. גראד אין פאלגנדיקן יאר (אין 1781) איז אויסגעבראכן א נייער קאמף קעגן די חסידים [3], און ניט בלויז יעקב-יוסף הכהן מיט זיין „תולדות יעקב-יוסף״ האט אין דעם גורם געווען. בעת מען לייענט די דאקומענטן, וואס באשרייבן די ערשטע מחלוקת פון 1772, קאן זיך נאך ווייניקסטנס דאכטן, אז מיר האבן דא צו טאן מיט ריין-אידעיִשע מא-טיוון: די רבנים און מנהיגים האבן געקעמפט קעגן דער נייער „כת״, ווייל זיי האבן איר חושד געווען אין שבתי-צביִישער און פראנקיסטישער אפיקורסות, אבער שוין אין די יארן 1780—81 זעען מיר צווישן די קעמפער קעגן דער חסידות-באוועגונג דעם אינטריגאן און מסור אביגדור, וואס האט אפגעקויפט ביי א פוילישן שרה די רבנות-שטעלע אין פינסק [4]. זיין שנאה צו די חסידים נעמט זיך פון דער מורא אנצוווערן די רבנות-שטעלע און ער ווענדט זיך דערפאר צום ווילנער גאון מיט א מסירה אויף די חסידים און שילדערט זיי ווי אפטריניקע און געפער-לעכע כופרים [5].

---

1 באלד נאכדעם, ווי ר׳ מענדל וויטעבסקער איז אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל, האט ר׳ שניאור-זלמן זיך באזעצט אין מאהילעוו און אין א קורצער צייט ארום אריבערגעפארן אין זיין געבורטסשטאט ליאזנע. לויט דער חסידישער לעגענדע, האט ר׳ שניאור-זלמן אין מאהילעוו פארענדיקט צום זעכצענטן מאל גאנץ ש״ס.

2 פארעפנטלעכט אין „בית רבי״, 33—34.

3 זע אויבן, ז׳ 111.

4 אביגדור גופא ווייזט אן אין זיין בקשה-שריפט צום סענאט (יעווריייסקאיא סטארינא 1910, 276—277): האב איך מיר אפגעדונגען די רבנות פון פינסק אין דער ליטא פאר גוט געלט ביי דעם שר פון דער שטאט.

5 זע טייטעלבוים, ציט. װ., ז׳ 34—35.

נאָך בולטער טרעטן אַרויס די סאָציאַלע מאָטיוון פון דעם דאָזיקן קאַמף אין זיין שפּעטערער תקופה — אין די לעצטע יאָרן פונם 18טן י״ה, ווען די וויכטיקסטע ציל־ברעט פון אַלע פיינדלעכע אָנפאַלן מצד די מתנגדים איז געוואָרן דער מנהיג פון די ווייסרוסישע חסידים—שניאור־זלמן, וואָס האָט אַדאַנק זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און אויסער־געוויינלעכן אויטאָריטעט אַלס למדן דערוואָרבן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד צענדליקער טויזנטער נייע אָנהענגער פאַר דער חסידישער באַוועגונג [1].

אין די 80קער יאָרן פונם 18טן י״ה איז דער קאַמף קעגן די חסידים אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויס ריין־פּאָליטישע סיבות. מוראַדיק געשטיגן איז דעמאָלט דער צעפאַל פון דער פּוילישער מלוכה. די דריי שכנותדיקע לענדער האָבן פון איר אָפּגעריסן גאַנצע פּראָווינצן און דער קאָמפּאַקטער קיבוץ פונם פּוילישן יידנטום איז דערביי צעטיילט געוואָרן אין פיר טיילן. דער גרעסטער טייל פון דעם בעש״טס תלמידים זיינען נאָך אָבער פאַרבליבן אין דער גוססדיקער פּוילישער מלוכה. דאָס האָט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט דעם קאַמף קעגן די חסידים, ווייל ביי דער קלענסטער געפאַר האָבן די חסידישע פירער און זייערע אָנהענגער גע־האַט די מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן אין דער שכנותדיקער פּראָווינץ, וואָס האָט זיך שוין געפונען אונטער אַן אַנדער רעגירונג. די לאַגע האָט זיך אָבער געענדערט אין דער מיט פון די ניינציקער יאָרן נאָכן פּול־שטענדיקן צעפאַל פון דער פּוילישער מלוכה [2]: חוץ גאַליציע זיינען אַלע אַנדערע געוועזענע פּוילישע פּראָווינצן מיט באַדייטנדיקע חסידים־קיבוצים אַרונטער אונטער דער מאַכט פון דער צאַרישער מלוכה. דאָס האָט טאַקע גורם געווען, וואָס בעת די מחלוקת קעגן די חסידים האָט זיך ווידער באַנייט אין 1796, האָט זי דאָס מאָל באַלד אָנגענומען גאַנץ נייע פאָרמען: מען אָפּעלירט שוין ניט בלויז צו די קהילות, מען קעמפט שוין ניט בלויז מיטן געוועהר פון חרמות, — מען רופט אויך צו הילף די רעגירונגס־מאַכט, מען שיקט אין די געהעריקע אינסטאַנצן מסירות און קלאָגשריפטן אויפן פיינדלעכן צד, וועלכן מען וויל בייקומען און פאַר־טיליקן מיט דער הילף פון דער נייער מאַכט. ווי באַוווסט, איז דער אָנפאַנג פון דער דאָזיקער מחלוקת, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1796,

---

1 אין די ניינציקער יאָרן זאָל די צאָל פון ר׳ שניאור זלמנס אָנהענגער האָבן דערגרייכט ביז הונדערט טויזנט.

2 דערויף ווייזט טאַקע אָן אין איינעם פון זיינע בריוו ר׳ שניאור זלמן גופא (זע בית רבי, 72; זע אויך דאָרסקי, 53).

פארבונדן מיט צוויי געשעענישן. די חסידים האָבן ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אז דער ווילנער גאון האָט כּלומרשט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט פריִער גערודפט די חסידים. ווען דער גאון איז דערפון געוואָר געוואָרן און ארויסגעטראָטן מיט אן אָפענער הכחשה, האָבן די חסידים געפרוּווט איינריידן, אז די הכחשה איז א געפעלשטע און ניט דער גאון האָט זי געשריבן. צו דער צייט איז ארויס פון דרוק ר׳ שניאור־זלמנס „תניא״; דער ווילנער גאון האָט דאָרט אין איניקע אויסדרוקן דערזעען גאָטלעסטערונג. פארביסענע חסידים־קעגנער פון דעם גאונס מקורבים האָבן דאָ ניט ווייניק מיטגעהאָלפן און באלד (דעם צווייטן אָקטאָבער 1796) איז דער ווילנער גאון ארויס מיט א צאָרנדיקן אָפענעם בריוו צו די קהילות פון אַלע גרעסערע שטעט קעגן די, וואָס זיינען „עובר אויף דער תורה און טייטשן זי אויס שלא כהלכה״, און ער פאָדערט־אויף אַלעמען „נקמה צו נעמען פאַר דעם חילול התורה, וואָס יענע אויסגעלאָסענע האָבן איר שיינקייט צו דער ערד געוואָרפן; קיינער זאָל זיך אויף זיי ניט דערבאַרעמען, אַלע דאַרפן ארויסטרעטן מיט דער שווערד פון נקמה קעגן די, וואָס צעשטערן דעם הייליקן בונד״. ווען די מינסקער קהל־פירער האָבן דעם גאונס צאָרנדיקן אויפרוף באקומען, האָבן זיי גלייך באַשטימט א ספּעציעלע קאָמיסיע אויסצואַרבעטן די שטרענגסטע מיטלען קעגן די חסידים. וועגן די דאָזיקע באַשלאָסענע מיטלען האָבן זיי מודיע געווען אַנדערע קהילות מיט דער כאַראַקטעריסטישער באַמערקונג, אַז אין זייער קאַמף קעגן דער חסידישער „כּת״ קאָנען זיי זיך שטיצן אויף דער רעגירונגס־מאַכט: „מיר האָבן די מעגלעכקייט צו רודפן די חסידים, ווייל מיר האָבן מיט גאָטס הילף באַקומען דערויף די באַפולמעכטיקונג פון דעם גרויסן שר, אונזער גענעראַל־גובערנאַטאָר״ [1].

דער ווילנער גאון, וואָס איז געווען אויסגעטאָן פון עולם־הזה־אינטערעסן, האָט אויפריכטיק געקוקט אויף זיין קאַמף קעגן די חסידים ווי אויף א „מלחמה לשם שמים״. ער איז אויסן געווען רק צו שיצן די הייליקע תורת פון די וואָס זיינען אין איר „מגלה פנים שלא כהלכה״. דאָס האָבן זייער גוט געוווּסט אויסצונוצן די, וואָס האָבן געהאַט מיט די חסידים און זייערע פירער פערזענלעכע חשבונות [2].

---

1 זע מאַרעקס ציט. אַרב., „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״, XII, 147.

2 דאָס האָט, ווי עס שיינט, פאַרשטאַנען אויך ר׳ שניאור־זלמן. דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס בעת ער קלאָגט זיך אין איין פּריוואַט־בריוו אויפן גאון, „שהתיר את דמם כמים בשנת תקל״ב״, דאָך האַלט ער פאַר נייטיק אָנצווייזן אין דעם אויפרוף צו זיינע חסידים: „כּי ידוע לנו בבירור שלא מאתו (פונם גאון) יצאו הדברים ח״ו לילך עמנו בגדולות, וכל ימי חייו לא יצא המכשלה והשגגה מלפני השליט ח״ו״ (בית רבי, 71).

אַנדערע פאָרמען נעמט אָבער אָן דער אַנטי־חסידים־קאַמף, ווי נאָך דער גאון איז געשטאָרבן. גלייך ווי מען האָט דעם אַלטן גאון צו קבורה געבראַכט, האָט זיך אין ווילנע פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז די חסידים זיינען זיך שטאַרק משמח און טאַנצן פון דער בשורה, אַז זייער געפערלעכער קעגנער איז געשטאָרבן. דער פאַרזיכטיקער און געלאַסענער מנהיג פון די חסידים, ר׳ שניאור־זלמן, האָט באַלד נאָך דעם גאונס טויט צעשיקט אַן אויפרוף צו זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן אַרויסצוטרעטן מיט שפּאָט־רייד קעגן דעם פאַרשטאָרבענעם גאון [1]. עס האָט שוין אָבער ניט געהאָלפן. די מנהיגים פון דער ווילנער קהילה האָבן באַלד אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג אַ מסירה אויף „אַ נייער ייִדישע סעקטע״, וואָס ווערט דאָרט אַרויסגעשטעלט אַלס אַ פּ אָ ל י ט י ש־ געפערלעכע, און ווי אויפן ערשטן רעדלפירער ווערט דאָרט אָנגעוויזן אויפן ליאָזנער רב, ר׳ שניאור־זלמן [2]. אויפן באַפעל פון פּעטערבורג איז אין סעפּטעמבער 1798 דער ליאָזנער רב אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין פּעטערבורג. דער אַרעסט פון ר׳ שניאור־זלמנען האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין די חסידישע קרייזן. עס זיינען באַלד צונויפגעזאַמלט געוואָרן 60 טויזנט רובל און עס זיינען מיט זיי גלייך אָפּגעפאָרן חסידישע שתדלנים קיין פּעטערבורג. די צונויפגעזאַמלטע סומע „פּדיון שבויים״ האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן צו פאַרגיכערן דעם פּראָצעס אין דער „געהיימער קאַנצעלאַריע״. אויס שניאור־זלמנס שריפטלעכע ענטפערס אויף די אים געשטעלטע פראַגעס, איז באַוועל דעם ערשטנס באַאַמטע לייכט געווען זיך צו איבערצייגן, אַז די אידעען, וואָס עס פאַרשפּרייט דער דאָזיקער חסידישער רב און זיינע מיטהעלפער, טראָגן ניט קיין שום פּאָליטישן כאַראַקטער, און 19 טעג אין כסלו האָט מען ר׳ שניאור־זלמנען אַרויסגעלאָזט פון דער פּעטער־באַוועל־פעסטונג [3]. מיט גרויס פרייד האָט ר׳ שניאור־זלמן מודיע געווען אין אַ ספּעציעלן בריוו ר׳ לוי יצחקן קיין בערדיטשעוו און ר׳ ברוכן קיין מעזשיבוזש וועגן דעם גרויסן נס, וואָס מיט אים איז געשען: ער האָט זיצנדיק אין פעסטונג געזאָגט תהילים, און ווי ער איז געקומען

---

1 זע זיין בריוו אין „בית רבי״, 72: אחר פטירת ר׳ הגאון ז״ל מווילנא כתבתי אזהרה נוראה לכל סיע״ם שלא לספר אחר מטתו של ת״ח שום שמץ דופי ושמצה דשמצה בלי שום הוראת היתר בעולם.

2 אַלס זיינע מיטהעלפער הערן דאָרט דערמאָנט: ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, ר׳ חיים חייקל דער אַמדורער, ר׳ אשר סטאָלינער און ר׳ שלמה קאַרלינער.

3 עד היום פראַווען די חב״דער חסידים סעודות אין „י״ט כסלו״, צום אָנדענק פון דער דאָזיקער געשעעניש.

צום פסוק „פדה בשלום נפשי״, האָט זיך גליך די טיר אויפגעשלאָסן און מען האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז פריי [1].

די פרייד איז אָבער אינגיכן פאַרשטערט געוואָרן. די חסידים האָבן ניט געוואָלט מוחל זיין די מתנגדים פאַר די אויסגעשטאַנענע רדיפות, האָבן זיי אין ווילנע געמאַכט יד-אחת מיט די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וואָס האָבן שוין זינט יאָרן געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף קעגן די פירער פון קהל [2], און אויף אַזאַ אופן איז זיי טאַקע געראָטן אין פעברואַר 1799 אָראָפּצוּוואַרפן די ראשי-הקהל, צו פאַרמאַכן דעם „בית-דין״ און ביי די נייע וואַלן דורכצופירן זייערע קאַנדידאַטן און צו שטעלן בראש פונם קהל איינעם פון „אנשי שלומינו״, מאיר רפאלס. די געוועזענע ראשי הקהל האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגעבן. דאָ איז זיי געקומען צו הילף דער אונז שוין באַקאַנטער פינסקער רב אביגדור בן חיים. דער דאָזיקער 'געלט-גיריקער רב איז געווען פאַרהאַסט אין פינסק ביי די ברייטע פאָלקסשיכטן און ניט ווייניקער אויך ביי די חסידים, וואָס האָבן אין אים געזען זייער פאַרביטערטן שונא. מיט פאַראייניקטע כוחות איז זיי ענדלעך געלונגען צו פאַרטרייבן דעם פאַר-האַסטן רב פון פינסק. דער געוועזענער פינסקער רב האָט געמאַכט יד-אחת מיט די ווילנער געוועזענע ראשי-הקהל און זיי זיינען צוזאַמען אַרויסגעטראָטן קעגן זייער שונא. אביגדור בן חיים איז ספּעציעל געפאָרן קיין פּעטערבורג, דאָרטן דערלאַנגט אַ קלאַג-שריפט אויף דער פינסקער קהילה, וואָס האָט אים אָפּגעזאָגט פון רבנות, און אין אַ ספּעציעלן גאַנץ לאַנגן מעמאָראַנדום שטעלט ער אַרויס אין 19 פּונקטן מיט ציטאַטן אויס דער חסידישער ליטעראַטור פאַרשיידענע באַשולדיקונגען קעגן דער יידישער „נייער סעקטע״, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסע געפאַר פאַר דער מלוכה און פאַר דער געזעלשאַפט. אַלס רעדלפירער פון דער דאָזיקער העכסט געפערלעכער סעקטע ווערט אויך דאָס מאָל אַרויס-געשטעלט דער ליאָזנער רב שניאור-זלמן. אביגדור האָט סוף-כל-סוף זיין ציל דערגרייכט. אין אָקטאָבער 1800 איז פון פּעטערבורג אַוועק-געשיקט געוואָרן אַ באַפעל דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר צו אַרעסטירן דעם ליאָזנער רב און אים צו ברענגען קיין פּעטערבורג. ווידער אַמאָל איז דער מנהיג פון די ווייסרוסישע חסידים געזעסן פאַרשפאַרט אין דער פּעטראָ-פּאַוועל-פעסטונג, געמוזט פירן אַ ויכוח מיט אביגדורן, געבן אַ שריפטלעכן ענטפער אויף אַלע באַשולדיקונגען. אויך דאָס מאָל איז

1 זע „בית רבי״, 70.

2 זע אונזער אַרבעט „מלחמת הקהל בהרב האחרון״ אין „העבר״ II.

דעם ליאָזנער רב געלונגען צו דערוייזן, אז די באַשולדיקונגען טראָגן א ריין-פערזענלעכן כאראקטער און די תורה פון די באגרינדער פון דער חסידישער באוועגונג איז אבסאָלוט ריין פון פּאָליטישער "קראַמאָליע". ער האָט אויך אָנגעשריבן א גאַנץ לאַנגן בריוו צו דעם קיסר פּאַוועל, ווו ער ברענגט א מענגע ציטאטן אוים דער ביבל און דער תלמודישער ליטעראטור, בכדי צו דערווייזן, אז יעדער איז מחויב אונטערטעניק צו דערפילן די באַפעלן פון דעם מלך. צום שלום זאָגט ער ארוים זיין פעסטע זיכערקייט, אז דער קיסר וועט ארויסזען זיין גערעכטיקייט, און ער נעמט פאַרויס אָן הכנעהדיק דעם קיסרס גזר-דין "כדין משפט-מלך עליון"[1].

ר' שניאור-זלמן איז באַלד באפרייט געוואָרן, אָבער אינגיכן, נאָך פּאַוועלס אומדערוואַרטעטן טויט, האָט ער אויך באַקומען די דערלויבעניש ארויסצופאָרן פון פּעטערבורג און צוריקצוקערן אין זיין היים.

באַלד נאָכדעם האָט ר' שניאור-זלמן פאַרלאָזן זיין געבורטסשטאָט און זיך באזעצט אין דעם שטעטל ליאַדי, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן און אונטערן נאָמען "הרב מליאדי" — דער ליאַדיער רב איז דער באגרינדער פון דער חבדער חסידות אריין אין דער געשיכטע. בכדי צו מאכן א סוף צו דער מחלוקת צווישן די מתנגדים און די חסידים, באזוכט ר' שניאור זלמן אין פאַרשיידענע שטעט די באַדייטנדיקסטע רבנים און לומדים פון יענער צייט, ווי משה חפץ, יהושע צייטלין און אַנדערע, און אין פערזענלעכע שמועסן זיך געפליסט צו דערווייזן, אז די לערע פון חסידות האָט מען ניט וואָס חושד צו זיין אין שעדלעכע אידעען, און עס איז אין איר ניט פאַראַן קיין שום געפאַר פאַר דער תורה און פאַר כלל ישראל. די חסידות-באוועגונג האָט זיך צו יענער צייט אזוי געשטאַרקט, אז די מתנגדים גופא האָבן זיך מיט איר געמוזט רעכענען, ווי מיט א באַדייטנדיקער געזעלשאַפטלעכער קראַפט; דאָס האָט זיי געצווונגען אוועקצולייגן דאָס געווער און צו מאַכן שלום.

דעם ליאַדיער רב, וואָס איז לויט זיין כאראקטער געווען שטענדיק א רודף שלום, איז אָבער באַשערט געווען צו פאַרברענגען זיין לעבן אין א קריגערישער אַטמאָספער. נאָך דעם, ווי די מתנגדים האָבן אים אויפגעהערט צו רודפן, האָט ער געהאַט פיל אויסצושטיין פון זיין אייגענעם חבר ר' אברהם קאַליסקער, וואָס האָט לויט זיין כאראקטער און זיין

---

1 באַריכות וועגן דעם "אַלטן רבינס" צווייטן ארעסט און וועגן אביגדורס מסירות זע: י. היסנ'ס ארבעט וועגן דעם רעליגיעזן קאַמף, "וואָסכאָד", 1902; מאַרעק, ציט. ארב. 153—162, סימטעלפויט, צט. ח. I, 90—122, 166—182: II 135—200, דובנאָוו ציט. ח. II,

וועלט-באַנעם געמוזט קומען אין קאָנפליקט מיט דעם שטענדיק געלאַ-
סענעם און רויִק-אויסגערעכנטן בעל „התניא" [1]. דאָס לעצטע יאָר פון
זיין לעבן איז ר' שניאור-זלמנען באַשערט געווען צו פאַרברענגען אונטער
די דונערן פון דעם געוואַלדיקן פעלקער-קריג, און ער האָט אויסגעהויכט
די נשמה זיינע אין דער פרעמד, אין אַ פאַרוואָרפענעם רוסישן דאָרף
אין די ווייטע קורסקער פעלדער. אין 1812, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן
דער קריג צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד, און נאַפּאָלעאָנס נצחונישע
חילות זיינען אַריבערגעגאַנגען די ווײַסל און דעם ניעמאַן, האָבן די פירער
פון די חסידים זיך צעטיילט לויט זייערע סימפּאַטיעס אויף צוויי לאַגערן:
די רביים, וואָס האָבן געלעבט אין די פּוילישע פּראָווינצן, ווי אלימלך
ליזענסקער און יעקב יצחק פון לובלין, האָבן געהאַלטן מיט נאַפּאָלעאָנען
און מתפלל געווען, אַז זיין „שר" זאָל מנצח זיין. מען מוז דערביי נעמען
אין באַטראַכט, אַז אין דעם דורך נאַפּאָלעאָן געשאַפענעם „וואַרשעווער
הערצאָגטום" (אין 1807) איז דעקרעטירט געוואָרן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר
אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון גלויבן. די יידן אין פּוילן האָבן
זיך דערפאַר פאַרהאַלטן מיט פיל סימפּאַטיעס צום „גרויסן נאַפּאָלעאָן".
בלויז איניקע רביים, ווי ישראל קאָזעניצער, האָבן זיך פאַרהאַלטן פיינד-
לעך צו נאַפּאָלעאָנען אויס מורא, אַז דער נצחון פון דעם רעוואָלוציאָ-
נערן פראַנקרייך קאָן נאָך ברענגען צו כפירה. אויף דעם שטאַנדפּונקט
זיינען אויך געשטאַנען די פירער פון חסידות, וואָס האָבן געלעבט אין
די רוסישע פּראָווינצן. אַמפיינדלעכסטן האָט זיך פאַרהאַלטן צום „גרויסן
קאָרסיקאַנער" דער ליאָדיער רבי. ער איז געווען פעסט איבערצייגט,
„אַז ווי באַלד פראַנקרייך וועט גובר זיין, וועט זיך פאַרשפּרייטן די
אַפּיקורסות ביי יידן", און אַז נאַפּאָלעאָן איז „דער שטן, וואָס איז דער
גרעסטער קעגנער פונם גוטן און זיין גאַנץ שטרעבן איז רק צום שלעכטן".
ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז משה מייזלש פאַרהאַלט זיך פריינדלעך
צו דער פראַנצויזישער אַרמיי, האָט ער אים גלייך געשריבן איין בריוו
נאָכן אַנדערן און אים געוואָרנט, אַז ער דאַרף בלייבן געטריי זיין
פאָטערלאַנד און טאָן אַלץ לטובת דער רוסישער מלוכה. באַזונדערס
טיפּיש איז פאָלגנדיקער בריוו: „אינם ערשטן טאָג ראש-השנה פאַר
מוסף האָט מען מיר געוויזן (פון הימל), אַז ווען באָנאַפּאַרט וועט מנצח
זיין, וועט זיך מערן רייכטום ביי יידן, זייער מזל וועט זיך דערהייבן,
נאָר די הערצער פון די בני ישראל וועלן זיך אָפּטיילן און דערווייטערן

---

1 באריכות וועגן דעם קאָנפליקט צווישן ר' שניאור זלמן און ר' אברהם קאַליסקער זע׳ טײטעלבוים, ציט. ו. I. קאַפּיטל 15; א. ח. בראַחערס אַרטיקל „על המחלוקת בין הרש"ז מלאדי ור' אברהם מקאליסק" (קרית ספר, I, ז' 144).

פון זייער פאַטער אין הימל. ווען אָבער אונזער האר אַלכסנדר וועט גובר זיין, וועט, אמת, די אָרעמקייט ביי יידן זיך פאַרגרעסערן און זייער מזל וועט טאַקע דערנידעריקט ווערן, דערפאַר אָבער וועלן די הערצער פון די בני ישראל זיך באַהעפטן און פאַרבינדן מיט זייער פאַטער אין הימל" [1]. דעם ליאַדיער רבס זון, דוב-בער, שטרייכט אויך אונטער אין זיין בריוו צו דעמזועלבן משה מייזעלש [2], ווי פעסט זיין פאַטער איז געווען איבערצייגט, „אַז דער יידישער דת איז אַמבעסטן געשיצט אונטער דעם קיסר אַלכּסנדרס רעגירונג", און ער ווייזט אויך אָן אין דעם דאָזיקן בריוו, ווי ענערגיש זיין פאַטער האָט אַגיטירט צווישן זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן מיט אַלע מיטלען, אַפילו מיט שפּיאָנאַזש, זען מיטהעלפן דער רוסישער אַרמיי קעגן די פראַנצויזן [3].

נאַפּאָלעאָנס נצחונישע פּאָלקן זיינען אָבער געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער. ווען זיי האָבן איינגענומען באָריסאָוו, וואָס געפינט זיך שוין גאַנץ נאָענט פון ליאַדי, האָט ר' שניאור-זלמן פאַרנומען זיין גאַנצע פאַמיליע און אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער רוסישער אַרמיי. גאַנצע חדשים איז דעם 66יאָריקן זקן אויסגעקומען זיך צו שלעפּן אין די זייער פרי אויסגעבראָכענע ווינטערדיקע קעלטן פון דאָרף צו דאָרף ביז ער איז אויפן וועג קראַנק געוואָרן און אין קורסקער דאָרף פּאַייני דעם 15 כסלו געשטאָרבן.

דער „אַלטער לאַדיער רבי", שניאור-זלמן אויס ליאָזנע, איז אַריין אין דער קולטור-געשיכטע אַלס באַגרינדער פון אַ באַזונדערן דרך אין חסידות, וואָס טראָגט דעם נאָמען „חבד". די תורה זיינע האָט ער אַמפּולשטענדיקסטן אַנטוויקלט אין זיין וויכטיקן עטיש-טעאָזאָפישן ווערק

---

1 טייטעלבוים, ציט. ווו. I. 156.

2 מערערע מאָל געדרוקט.

3 אויך אין דעם „קול קורא", מיט וועלכן דער ליאַדיער רבי האָט זיך געווענדעט צו די יידן אין ווייסרוסלאַנד שוין נאָכדעם, ווי ער איז אַנטלאָפן פון ליאַדי, ווערט איבערגעחזרט, אַז די יידן דאַרפן אויס דאַנקבאַרקייט פאַר די אַלע טובות, וואָס ס'האָט פאַר זיי געטאָן די רוסישע רעגירונג, מיט אַלע כּוחות מיטהעלפן דעם רוסישן מיליטער, אויסשפּירן און באַצייטנס מודיע זיין די רוסישע גענעראַלן וועגן דער צאָל און לאַגע פון פיינדלעכן חיל, הכלל, „טאָן אַלץ, וואָס קאָן דערוויטערן אַוועלכע-ס'איז געפאַר פון אונזער געליבטן קיסר אַלכּסנדר דעם ערשטן און ברענגען נוצן זיין קיניגרייך און אונזער פאָטערלאַנד" (צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין שאול גינזבורגס Отечественная война, 59—61). אויס דעם גאַנצן נוסח פון דאָזיקן „קול קורא" איז אָבער לייכט זיך משער צו זיין, אַז דער טעקסט איז געשריבן געוואָרן אינם שטאַב פון די רוסישע גענעראַלן, און דעם פאַרטיקן אויפרוף האָבן זיי געגעבן דעם ליאַדיער רבין אונטערצושרייבן.

„תניא״ [1], נאָמען אונטערן באַקאַנט מער איז וואָס „לקוטי אמרים״, דאָס דאָזיקע אַזוי באַרימט־געוואָרענע ווערק איז ניט קיין איינהייטלעכע שאַפונג, נאָר טאַקע אַ „לקוטי אמרים״, אַ זאַמלונג פון פאַרשיידענע קונטרסים. אין דער ערשטער בלי־תקופה פון חסידות זיינען די אָנער־קענטע פאַרשטייער פון דער דאָזיקער באַוועגונג געווען אמתע „מנהיגי הדור״ און מורי דרך. מיטן וווּקס און טעריטאָריעלער פאַרשפּרייטונג פון די חסידים זיינען די פירער ניט געווען אימשטאַנד צו האָבן אָן אָפּטן פּערזענלעכן פאַרקער מיט זייערע אָנהענגער און פאַרערער, — פלעגט מען זיך צו זיי ווענדן מיט שריפטלעכע אָנפראַגעס וועגן אַלע מעגלעכע געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעז־עטישע ענינים. די מנהיגים פלעגן אויף די אָנפראַגן ענטפערן מיט עפנטלעכע בריוו און קונטרסים [2], וואָס פלעגן אויף די ערטער פאַרמערט ווערן אין פילצאָליקע קאָפּיעס און אויף אַזאַ אופן פאַרשפּרייט ווערן איבער דער גאַנצער געגנט. די אָפּשריי־בערס פלעגן אָבער גאַנץ אָפט אָנמאַכן גרייזן, אָדער אויס פאַרשיידענע סיבות אַריינברענגען ענדערונגען אין דעם טעקסט. דערפאַר האָט ר׳ שניאור־זלמן באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן אין דרוק זיינע „מאמרים״ און תשובות אין אַ באַזונדער ספר. אַמוויכטיקסטן איז דער ערשטער טייל פון זיין ווערק, וואָס באַשטייט פון צוויי אַרבעטן: „ספר של בינונים״ און „שער היחוד והאמונה״ [3].

אין דער פאָררעדע דערקלערט דער פאַרפאַסער מיט עניוות, אַז דער תוך פון זיינע „ליקוטי אמרים״ איז גענומען אויס פאַרשיידענע

---

1 דער נאָמען נעמט זיך פונם ערשטן וואָרט, מיט וועלכן עס הייבן זיך אָן ביידע טיילן פונם ווערק. מיר באַנוצן זיך מיט דער שקלאָווער אויסגאַבע פון 1814. זיינע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פאָרם פון פירושים צו די סדרות פון דער וואָך, האָט ר׳ שניאור־זלמן אַליין ניט פאַרשריבן: דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך זיין ברודער יהודה־ליב און דורך זיינע קינדער, וואָס האָבן זיי פאַרעפנטלעכט אונטער די טיטולן: „ליקוטי תורה״ און „תורה אור״.

2 דערויף ווייזט אָן דער בעל „התניא״ גופא אין דער פאָררעדע צו זיין ווערק: „קונטריסים אלו הנקראים בשם „ליקוטי אמרים״... וכולן הן תשובות על שאלות רבות אשר שואלין בעצה כל אנשי שלומנו דמדינתינו תמיד כל אחד לפי ערכו לשית עצות בנפשם בעבודת ד׳״. אויך ר׳ זוסי אַניפּאָלער ווייזט אָן אין זיין הסכמה פון יאָר תקנ״ו, אַז ווייל די קונטרסים האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן יידן אין פיל אָפּשריפטן פון די הענט פון פאַרשיידענע שרייבערס און מחמת דער פיל־קייט פון די פאַרשיידענע אָבשריפטן זיינען געוואָרן אַ סך גרייזן, דעריבער איז דער מחבר געצוווּנגען צו ברענגען די דאָזיקע קונטרסים צום דרוק.

3 די ערשטע אויסגאַבע (1796) איז באַשטאַנען בלויז פון די צוויי אַרבעטן און ערשט אין די שפּעטערע אויסגאַבן זיינען צוגעקומען די „אגרת הקודש״, „אגרת התשובה״ און „קונטרס אחרון״.

װערק, װאָס עס האָבן פאַרפאַסט „סופרים קדושי עליון“. דאָס איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיק. װאָרעם פון אָט די פאַרשײדענע און אָפט אַפילו פאַרשײדנאַרטיקע עלעמענטן, פון די אָפּגעזונדערטע מימרות און געדאַנקען איז אים געלונגען אויפצובויען אַ גאַנצן בנין, אַן אײגנאַרטיק טעאָזאָפיש־עטישע סיסטעם. און אין דעם באַשעפער פון דעם בנין שפּירט זיך אַ גרויסער מײסטער, אַן אויסערגעװײנלעך שאַרפער און חריפישער מוח. אמת, צו אַלט־פרענקיש און מיטלעלטערלעך זעט אויס דער דאָזיקער בנין, װאָס איז אויפגעבויט אויף דער שװעל פון דעם 19טן י״ה, אין דער תקופה פון רעװאָלוציע און אויפקלערונג; אין דעם איז אָבער שולדיק ניט אַזױ זײן באַשעפער, װי די ענגע אָפּגעשטאַנענע סביבה, אין װעלכער אים איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאַפן...

ניט אומזיסט איז דער יונגער שניאור־זלמן געװען אַזױ באַליבט בײַם אַלטן מעזעריטשער מגיד. װי דער רבי, אַזױ איז אויך דער תלמיד מיט לײב און לעבן געװען איבערגעגעבן דעם לומדישן רביניזם, געשטאַנען שטאָל און אײזן פאַר דעם שטרענגסטן קיום־המצוות און געטרײַ און פעסט זיך געהאַלטן בײַם דעװיז: „ותלמוד תורה כנגד כולם“, און טאַקע װי דער מגיד, אַזױ האָט אויך ר׳ שניאור־זלמן געװאָלט דער־װאָרעמען דעם קאַלט־פאַרגליװערטן רביניזם מיט די מיסטישע פײַערן, מיט דער התלהבות און ברען פון דעם בעש״טס תורה...

װי בײַם מגיד, אַזױ פאַרנעמט אויך אין דעם בעל „התניאס“ װעלט־באַנעם דאָס צמצום־פּראָבלעם אַ גאַנץ װיכטיקן אָרט; און טאַקע װי זײן רבי, טײַטשט אויך ר׳ שניאור־זלמן אויס דעם אר״יס לערע װעגן צמצום אויף אַן אַנדערן אופן, װי דער רוב פון דעם אר״יס תלמידים. לויט דעם „עץ חיים“ האָט דער אר״י געגעבן אַזאַ בילד װעגן װעלט־באַשאַף: װען דער „אין־סוף“ האָט אין זײן װילן באַשלאָסן װעלטן צו באַשאַפן, בכדי עס זאָלן זיך קאָנען אַנטפּלעקן זײן נאָמען און זײנע מעשים, דעמאָלט — צמצם את עצמו, האָט דער „אין־סוף“ צונויפגע־שרומפּן אין דער מיט זײן אומענדלעך ליכט. האָט זיך דאָרט אינם מיטלפּונקט געבילדעט אַ חלל, און אָט אין דעם דאָזיקן חלל האָט גאָט, ברוך הוא, „אויסגעשטראַלט, באַשאַפן, פאַרענדיקט און אַרויסגעבראַכט די אַלע װעלטן“ 1. דער מגיד האָט אָבער דער צמצום־לערע פונעם אר״י געגעבן אַן אַנדער באַלײַכטונג; ער האָט ניט געקאָנט מסכים זײן 2 מיטן געדאַנק, אַז הקב״ה „צמצם את עצמו“, האָט זיך צוזאַמענ־

1 זע אינזער װערק, ב׳ IV, 332.

2 מגיד דבריו ליעקב, כ״א.

געשרומפּן און פאַר די וועלטן אַ פרייִ אָרט (מקום פנוי) געלאָזט, ווייל דאָס איז דאָך סותר דעם גרונדזאַץ פון די באַשאַפער פון דער חסידות־באַוועגונג: „לֵית אֲתַר פנוי מניה״ — עס איז קיין אָרט ניט פאַראַנען, וואָס זאָל זיין ליידיק פון גאָט. מיר האָבן שוין פריער געבראַכט דעם מגידס ווערטער [1], ווי אַזוי גאָט האָט אויס ליבע די וועלטן דורך צמצום באַשאַפן: ווייל די וועלטן וואָלטן ניט אימשטאַנד געווען איבער־צוטראָגן דעם געוואַלדיקן שטראָם פונם געטלעכן ליכט, האָט גאָט, כביכול, צמצם את אורו — אָפּגעשוואַכט דורך מחיצות און לבושין זיין אומענדלעך ליכט; און אָט דאָס אָפּגעשוואַכטע, פאַרהוילענע ליכט הייסט צמצום, וואָס איז לויט דעם מגידס דערקלערונג אידענטיש מיט דעם ביבלישן באַגריף „אלהים״, און דורך אים, דעם צמצום, זיינען די וועלטן באַשאַפן...

פון דעם דאָזיקן געדאַנק גייט אויך אַרויס דער בעל־„התניא״: ער געפינט, אַז מען קאָן דעם צמצום־באַגריף ניט דערקלערן אויף אַזאַ אופן, אַז ביים ליכט פונם „אֵין־סוף״ איז פאָרגעקומען אַ „סילוק מקום לצדדין״, וואָרעם דער אֵין־סוף איז דאָך בכלל ניט אונטערן גדר פון אָרט און רוים, און עס שטייט דאָך: אני ד׳ לא שניתי — ביי אים יתברך איז ניט פאָרגעקומען קיין שום שינוי פון פאַרן וועלט־באַשאַף ביז נאָך מעשה בראשית [2]. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז אונטער דעם באַגריף „צמצום״ קאָן מען ניט פאַרשטיין אַ באַוועגונג פון איין אָרט אויף אַן אַנדער אָרט, נאָר עס רעדט זיך בלויז וועגן דעם פאַרהוילענעם צושטאַנד, אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך דאָס געטלעכע ליכט [3]. טיף און מיט גרויס חריפות באַהאַנדלט דער „לאַדיִער רבי״ אין זיין „תניא״ די שאַרפע סתירות און קשיות, וואָס שוין די אַלטע מקובלים פון עזרא און עזריאלס דור [4] האָבן זיך געמיט צו פאַרענטפערן און דערקלערן: ווי פונם „אַיִן״ ווערט

---

1 זע איבן ז׳ 89—92.

2 תניא, 48: מה שכתוב אני ד׳ לא שניתי שאין שום שינוי כלל כמו שהיה לבדו קודם מבריאת העולם רק הוא לבדו אחר שנברא בלי שום שינוי בעצמותו ולא בדעתו כי בידיעת עצמו יודע כל הנבראים שהכל ממנו.

3 לקוטי תורה, ויקרא, 102: איך שייך צמצום וסילוק מקום לצדדין באור אין־סוף שאינו בגדר מקום כלל, ועוד דהכתיב אני ד׳ לא שניתי שאין בו שום שינוי יתברך בין קודם שנברא העולם לאחר שנברא, והרי הצמצום זהו לכאורה ענין שינוי בהאור. דאָרטן, 90: ואין פירוש סילוק כפשוטו בהסתלקות הדבר ממקום זה למקום עליון מאחר שהוא יתברך אינו בגדר מקום, אלא הפירוש שנעשה האור בבחינת העלם. (מיר ציטירן לויט דער ווילנער אויסגאַבע פון 1878).

4 זע אונזער ווערק, ב׳ III, 20—21.

דער „יש" געבאָרן, פונם אומענדלעכן — דאָס ענדלעכע און באַגרענעצטע און שנעל־פאַרענדערלעכע.

דער בעל „התניא" שטרייכט אונטער, אַז בנוגע דעם פּראָבלעם פון גאָט־דערקענען שטייט ער אויפן רמב"מס שטאַנדפּונקט, אַז די השגות, וואָס דער מענטש קאָן האָבן וועגן דער גאָטהייט, מוזן זיך באַגרענעצן אויסשליסלעך מיט ריין נעגאַטיווע (פאַרניינענדיקע) אייגנשאַפטן [1]. עס ווערט פון בעל „התניא" מערערע מאָל איבערגעחזרט, אַז קיין שום באַשעפעניש אין דער וועלט איז ניט אימשטאַנד משיג צו זיין דעם סוד פון בריאת יש מאין און צו האָבן דעם מינדעסטן באַגריף וועגן דעם מהות פון דעם באַשעפער און פון זיין געדאַנק [2]. דברה תורה כלשון בני אדם, — דערקלערן די חכמי התלמוד; די שפּראַך פון די „בני אדם" איז אָבער אַזוי בלאַס און אָרעם; זי איז ניט אימשטאַנד צו געבן אַן אמתן און ריכטיקן באַגריף וועגן דעם מהות פון די זאַכן און דערשיינונגען, וואָס רינגלען אַרום דעם מענטשן און פילן אָן דעם חלל פון דער וועלט; דער מענטש באַנוצט זיך מיט ווערטער־בילדער, ווערטער־סימבאָלן, — ווי איז אָבער מעגלעך צו געבן מיט בילדער און צייכנס אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס האָט ניט קיין תמונה און קיין בילד? ווי קאָן מען עס ריידן וועגן געטלעכע אייגנשאַפטן און אַטריבוטן, בעת אַלע באַצייכענונגען און פאַרגלייכונגען, וואָס זיינען פאַראַן אין דער מענטשלעכער שפּראַך, זיינען דאָך בלויז צוגעפּאַסט צו ריין מענטשלעכע השגות און באַגריפן? זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ די מענטשלעכע געפילן און באַגערן, — דער מהות פון גאָט איז דאָך אָבער אַ גאַנץ אַנדערער, ער איז אַבסאָלוט פאַרשיידן פונם מענטשלעכן. מוז מען דערפאַר געדענקען, — חזרט איבער דער בעל „התניא", שטיצנדיק זיך דערביי אויף דעם רמב"ם, — אַז די מענטשן באַצייכענען מיט איין און דעמזעלבן וואָרט גרונדפאַרשיידענע באַגריפן. מיר באַנוצן זיך, אַשטייגער, מיט די אויסדריקן: געדאַנק,

1 דלית מחשבה תפיסא ביה כלל ואינו בבחינת הן רק בבחינת השלילה... ממה שאמר הרמב"ם בענין התוארים שנאמרו על הקב"ה רק בשלילות ואינם תוארים עצמיים... לפי שהקב"ה הוא למעלה מההשגה ואין אפשר להשיג מהותו בשום פנים, ע"כ לא יתכן לומר עליו יתברך התוארים כמו כל יכול וחכם ורוצה, כי הוא למעלה ממהות יכולת וחכמה ורצון שבנבראים עד שאין ערך ודמיון בינו ובינינו כלל לומר עליו תוארים אלו בלשון תוארים עצמיים רק שהם נאמרו בלשון שלילה (לקוטי תורה, פקודי, 7, 12).

2 בריאת יש מאין זו חכמתו שאינה מושגת לשום נברא (אגרת הקודש); כשם שאי אפשר לשום נברא בעולם להשיג מהות הבורא ועצמותו כך אי אפשר להשיג מהות דעתו (שער היחוד והאמונה, 49); דלית מחשבה דילי תפיסא ומשגת בו יתברך כלל וכלל שום השגה בעולם ולא שמץ מנהו (ספר של בינונים, 24).

ווארט וכדומה — הן בנוגע צום מענטשן, הן בנוגע צו גאָט, בעת עס האנדלט זיך דאָ פאַקטיש וועגן גרונד-פאַרשיידענע באַגריפן. בעת מיר גערבווּיכן בנוגע צום מענטשן דעם אויסדרוק „דיבור", — פאַרשטייען מיר דערביי דאָס דורך דעם מענטשנס געדאנק געבאָרענע און ארויסגעזאָגטע וואָרט, וואָס ווערט דורכן קלאַנג אָפּגעטיילט פונם מענטשן און איבער-געגעבן דעם צווייטן. דאָס, וואָס ווערט אָבער בנוגע צו דער גאָטהייט באַצייכנט מיטן באַגריף „דיבור", — דאָס איז די אַנטפּלעקונג, דער איבערגאַנג מן הכח אל הפּועל, „מהעלם אל הגלוי" פונם געטלעכן ליכט. אָט די אַנטפּלעקונג ווערט אויך אָנגערופן „עשר ספירות", וואָס דורך זיי ווערן געשאַפן און באַלעבט אַלע וועלטן. די אַלע צמצומים, וואָס דורך זיי זיינען די וועלטן געשאַפן, זיינען בלויז אין דער בחינה פון „הסתר פנים" [1], וואָרעם אין דער גאָטהייט גופא גייען ניט פאָר קיין שום צמצומים און פאַרבאָרגענישן און סיי פינסטערניש, סיי ליכט (כחשכה כאורה), ווי אויך אַלע צמצומים און לבושים — קיינס פון זיי איז ניט אָפּגעטיילט פון גאָט ברוך הוא; ער בלייבט אין די אומענדלעכע אייביקייטן יחיד ומיוחד, די איין-און-איינציקייט; אויך איצט, נאָכן וועלטבאַשאַף, איז, ווי אין דער תורה שטייט, ד' הוא אלהים — גאָט און אלהים, וואָס איז דאָס דאָפּלבילד פון דער נאַטור (אלהים הוא בגימטריא הטבע), זיינען איינציק און אומטיילבאַר „בלי שום שינוי כלל" [2]. דער שינוי איז בלויז לויטן שטאַנדפּונקט און באַגרענעצטע באַגריפן פון די „מקבלים", ד״ה מצד דעם מענטשן. מיט גרויס חריפות באַזייטיקט דער בעל „התניא" דאָס פילאָזאָפישע פּראָבלעם: צי איז די גאָטהייט אימאַ-נענט, צי טראַנסצענדענט, ד״ה צי איז גאָט די דרויסנדיקע, צי די אינע-ווייניקסטע אור-סיבה פון דער וועלט. לויט זיין וועלטבאַנעם איז די גאָטהייט ביידע צוזאַמען, זי איז אי אין דער וועלט, אי אויך איבער דער וועלט. „גאָט ברוך הוא, — דערקלערט דער בעל „התניא", — דורכדרינגט טאַקע אַלע וועלטן אין גלייכער מאָס [3], — די מענטשן קאָנען אָבער באַגרייפן און פאַרטראַגן דאָס געטלעכע ליכט בלויז דורך וונדער-לעכע צמצומים, איינגעהילט אין די געדיכטע שלייערס, ביז די שפע פון געטלעכן ליכט גייט איבער פון דער בחינה „בלתי בעל תכלית" צו

---

1 אַ מיסטישער אויסדרוק, וואָס געפינט זיך שוין אין זוהר. זע אונזער הערק, ב' III, ז' 397.

2 ספר של בינונים, פרק כ—כא; שער היחוד והאמונה, פרק ו': ד' הוא אלהים פירוש ששני שמות אלו הם אחד ממש.. כי שם אלהים איננו מעלים ומצמצם אלא לתחתונים ולא לגבי הקב״ה מאחר שהוא ושמו אלהים אחד.

3 ספר של בינונים, פרק מ': הקב״ה איהו ממלא כל עלמין בשוה.

דער בחינה פון „גבול ותכלית". עס קאן גאר קיין שום פארגלייך ניט זיין צווישן אט די באגרענעצטע מענטשלעכע באגריפן און דעם ווירקלעכן געטלעכן מהות, און דאס ליכט, וואס די באשעפעניש נעמען־אויף לויט זייערע השגות, איז אזא אומפארגלייכלעך ווינציקער אפשטראל פון דעם אומענדלעכן ליכט, אז עס קאן גאר צווישן זיי קיין שום פארגלייך ניט זיין (ואין ביניהם ערך ויחס כלל) [1]. דער בעל „התניא" שטרייכט דערפאר אמשארפסטן אונטער דעם קאלאסאלן אונטערשייד צווישן „אור מתלבש" און „אור מקיף"—צווישן אימאנענטן ליכט און טראנסצענדענטן ליכט [2]. אין דער ווירקלעכקייט איז טאקע „הקב"ה מכלא כל עלמין בשוה", און דער בעל „התניא" ווארנט: „עס זאל דיר אפילו אויף דעם געדאנק ניט קומען, אז די הימלען מיט אלע געשטערן און די ערד מיט אירע באשעפענישן זיינען א „דבר נפרד בפני עצמו [3], ווארעם—הקדוש ברוך הוא ממלא כל העולם" [4], גאט ברוך הוא פילט אן די גאנצע וועלט. פון דעם שטאנדפונקט איז דאס געטלעכע ליכט, וואס „פילט אן אלע וועלטן גלייך" — א „אור מתלבש", אן אימאנענט ליכט. די באגריפן אבער, וואס די „מקבלים", די באשעפענישן, האבן פון דער וועלט און פון דעם זי דורכדרינגענדיקן געטלעכן ליכט, זיינען „כאין ואפס ממש". זיי, די דאזיקע באגרענעצטע מענטשלעכע השגות, זיינען אין פארגלייך מיט דער געטלעכער אור־סיבה „בטלים במציאות ממש", ווי א שוואכער ליכט־שטראל ווערט בטל קעגן דעם ים ליכט, וואס עס טראגט אין זיך די זון גופא, אדער ווי דער קלאנג פון דעם ווארט ווערט בטל לגבי דער רייכער געפילן־וועלט פון דער נשמה [5]. בנוגע צו אט די באגרענעצטע מענטשלעכע באגריפן איז גאט ברוך הוא „מובדל ומופרש מהעולמות" און זיין אומענדלעך ליכט איז אין דער בחינה פון „סובב ומקיף" — עס איז טראנסצענדענט, איבער און אויסער דער וועלט [6].

נאך שארפער ווי ביים בעש"ט און דעם מעזעריטשער מגיד טרעט ארויס ביים בעל „התניא" דער ריין אידעאליסטישער וועלטבאנעם. „מיר

---

1 ספר של בינונים, פרק מ"ח; שער היחוד והאמונה, פרק ו'.

2 דארטן, פרק כ"ג און פרק מ"ח.

3 א זעלבסטשטענדיק־אפגעזונדערטע זאך.

4 שער היחוד והאמונה, פרק ו'.

5 ספר של בינונים, פרק כ"ג—מ"ד און מ"ו; שער היחוד והאמונה, פרק ו'.

6 ספר של בינונים, פרק מ"ו: מה שהקב"ה הוא מובדל מהעולמות והוא בחינת סובב כל עלמין מה שאינו יכול להתלבש בהן. דארטן פרק כ"ג: רצונו יתברך הנקרא סובב כל עלמין שהוא בחינת מה שאינו יכול להתלבש בתוך עלמין רק מחיה ומאיר למעלה בבחינת מקיף... שכל העולמות עליונים ותחתונים כלא חשיבי קמיה דכאין ואפס ממש, עד שאינו מתלבש בתוכם ממש אלא סובב כל עלמין בבחינת מקיף.

מיט אונזערע קערפערלעכע אויגן, — לערנט ר׳ שניאור־זלמן, — קאָנען גאָר ניט באַגרייפן גאָטס קראַפט און זיין אין דעם וועלט־באַשאַף אַנט־פּלעקטן אָטעם; ווען מיר זאָלן אימשטאַנד זיין דאָס אַלץ צו מערקן און צו באַגרייפן, וואָלטן מיר דעמאָלט קיין שום גשמיות־זאַכן ניט געזעען. מיר וואָלטן דאַן באַגריפן, אַז דאָס אַלץ איז ממש „בטל במציאות" לגבי דעם לעבעדיקן גייסט, וואָס איז אין די אַלע גשמיותדיקע זאַכן, און אַן אים איז דאָס אַלץ—„אַין ואפס ממש" 1. מיר וואָלטן פאַרשטאַנען,— חזרט איבער דער בעל „התניא", — אַז יעדע גשמי־זאַך, אַפילו שטיינער, ערד און דוממים — זיי אַלע זיינען אין דער אמתן „אינו דבר בפני עצמו", זייער גאַנצע עקזיסטענץ האָבן זיי צו פאַרדאַנקען בלויז די פונקען לעבן, מיט וועלכע זיי זיינען באַשאַנקען „ממנו יתברך", און אַז זיי קערן זיי ווידער אום אינם שוים פון ניט־זיין (יחזור להיות אין ואפס) 2. דער כּרומער „ליאַדיער רבי" האָט גאָר קיין שום אַנונג ניט געהאַט, אַז בנוגע זיין קוק אויף דער מאַטעריעלער וועלט איז ער אויך זיין אייגענעם דרך געקומען צו די זעלבע אויספירן, ווי דער אירלענדישער ביסקופּ בערקלי (Berkeley) און דער גרויסער סקעפּטיקער יום...

אין וואָס באַשטייט אָבער דער צוועק פונם וועלט־באַשאַף, פון „מעשה בראשית"? דער בעל „התניא" איז פעסט איבערצייגט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז באַשאַפן געוואָרן „לשם תּכלית" — צוליב אַ באַשטימטן ציל און צוועק. ווי זיין רבי, דער מגיד 3, אַזוי שטעלט אויך דער בעל „התניא" אַרויס דעם זעלבן טעם: „אין מלך בלא עם" 4. דער צוועק פון אַלע צמצומים און שאַפונגס־שטאַפּלען,—לערנט ר׳ שניאור־זלמן,—איז כּדי דעם מענטשן צו שאַפן, וואָס מוז מלחמה האַלטן מיטן חומר פון זיין גוף, קעמפן מיט דער סטרא־אחרא, דורך פרייע בחירה זיך באַהעפטן מיטן ליכט און אָפּוואַרפן די פינסטערניש, דערהייבן זיין נשמה און אַלע קרעפטן פון זיין גוף „לד׳ לבדו"... אַלץ איז צוליב דער ליבע צום מענטשן דאָ אין דער נידער, בכדי אים צו גאָט צו דערהייבן 5.

ווי ביים מעזעריטשער מגיד 6, אַזוי איז אָבער אויך ביי זיין תּלמיד, שניאור־זלמן, די ראָלע פון דער פערזענלעכקייט, פון דעם יחיד

---

1 שער היחוד והאמונה, פרק ג׳.

2 ספר של בינונים, פרק ל״ח.

3 זע אויבן ז׳ 90.

4 תכלית בריאת העולם הוא בשביל התגלות יתברך אין מלך בלא עם (שער היחוד והאמונה פרק ז׳); תכלית השתלשלות כל העולמות להיות כבוד ד׳ מלא כל הארץ הלזו (ספר של בינונים, פרק מ״ט).

5 ספר של בינונים, פרק לו, פרק מ״ט.

6 זע אויבן, ז׳ 92.

ענג צונויפגעבונדן מיטן פּראָבלעם וועגן דער קאָסמישער ראָלע פון דער כנסת ישראל. גאָט ברוך-הוא, דערקלערט דער בעל „התניא", האָט מצמצם געווען זיין אומענדלעך ליכט און עס אַנגעקליידט אין דער בחינה פון דער באַגרענעצטער וועלט, אויס ליבע צו זיין פאָלק ישראל, כדי ער זאָל עס צו זיך דערנענטערן און עס איינשליסן אין זיין איינהייט (ליכלל ביחודו ואחדותו יתברך) 1. די כנסת ישראל, דער מקור פון אַלע יידישע נשמות — דאָס איז די שכינה 2. יעדער יחיד, לייענען מיר ווייטער, מוז געדענקען זיין גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ער איז מחויב צו זאָגן: בשבילי נברא העולם — פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן, איך דאַרף זי מתקן זיין. ער דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז די מוטער פון זיין געטלעכער נשמה איז די כנסת ישראל — דער מקור פון „נפשות כל ישראל" 3.

מיר האָבן שוין אין פאַריקן קאַפּיטל אָנגעוויזן 4, ווי אַזוי דער מגיד מאָטיווירט זיין שטאַנדפּונקט: גאָט און די תורה איז דאָך איינס, דערפאַר האָט אויך די תורה, כדי זי זאָל נתגלה ווערן, זיך געניייטיקט אין צמצום. דער איינציקער טרעגער פון דער תורה איז אָבער דאָס פאָלק ישראל, לכן איז אויך דער וועלט-באַשאַף רק צוליב דעם פאָלק ישראל. דער דאָזיקער טעזיס ווערט ביים בעל „התניא" אַנטוויקלט אין אַ גאַנצע סיסטעם.

זיין שליחות דערפילן — דערהייבן די וועלט צו גאָט, „באַלייכטן די פינסטערניש מיטן געטלעכן ליכט" (שיאור אור ד' אין-סוף ב"ה במקום החושך) און אָנפילן די וועלט מיט גאָטס פּראַכט (להיות כבוד ד' מלא כל הארץ הלזו) — קאָן דער מענטש מיט דער הילף פון „דריי לבושים": מחשבה, דבור ומעשה. מחשבה ודבור — דאָס איז לימוד התורה, מעשה — מקיים זיין די תרי"ג מצוות פון דער תורה.

דאָ טרעט פאַר אונז אַרויס דער טיפּישער למדן און רבנישער קאַדיפיקאַטאָר. דער בעל „התניא" ווערט ניט מיד איבערצוחזרן, אַז „תלמוד תורה כנגד כולם", „אין טוב אלא תורה" 5, „תלמוד תורה

---

1 ספר של בינונים, פרק י"ט: זע אויך תורה אור, שמות: תכלית בריאת העולם בשביל ישראל.

2 דאָרטן, פרק ל"ז.

3 דאָרטן, פרק מ"א.

4 זע אויבן, ז' 92.

5 ספר של בינונים, פרק י"ד, ליקוטי תורה, פקודי, און אין פיל אַנדערע ערטער.

שקול כנגד כל המצוות״ [1], „מעלת העוסק בתורה מותר מכל המצוות״ [2]. לית מחשבה דיליה תפיסה ביה כלל — ניט אימשטאנד איז דער מענטש צו באגרייפן גאָטס געדאַנק, האָט דערפאר גאָט, ברוך הוא, דורך סוד הצמצום איינגעהילט אין דער תורה זיין חכמה און רצון [3], און אין דער שעה, ווען דער מענטש איז עוסק בדברי תורה, באהעפט זיך זיין נשמה מיט „דבורו ומחשבתו של הקב״ה״ [4]. יעדע הלכה באזונדער, ווען מותר און כשר, ווען פטור און זכאי — אלץ איז אַן אנטפּלעקונג פון גאָטס ווילן [5].

ניט ווייניקער וויכטיק איז לויט דעם בעל „התניאס״ וועלט־באנעם דאָס מקיים זיין די מצוות פון דער תורה. אין געוויסער סתירה מיטן אויבן־ציטירטן זאָץ „ותלמוד תורה כנגד כולם״, דערקלערט שניאור־זלמן: „מעלה יתירה בקיום המצוות אפילו על דברי תורה״ [6]; גאָט ברוך־הוא, — לייענען מיר אינם „תניא״, — האָט מצמצם געווען זיין אומענדלעכע חכמה און זיין רצון „בתרי״ג מצוות התורה ובהלכותיהן״ [7]. דער אין־סוף ברוך־הוא, — דערקלערט דער בעל „התניא״, — און זיין חכמה זיינען איינס, און קיין בן־אדם איז ניט אימשטאנד זיי משיג צו זיין; גאָטס חכמה איז אָבער דורך פיל צמצומים אראָפּגעשטיגן פון איין מדרגה צו דער צווייטער אין דער קייט פון די וועלטן, ביז זי האָט זיך פארקערפּערט (עד שנתלבשה) אין דברים גשמיים, און דאָס זיינען די תרי״ג מצוות פון דער תורה [8]. „ואין עיקר גילוי שכינה אלא דווקא במצוות מעשיות״,—חזרט איבער דער בעל „התניא״ [9]. די מצוות—זיי זיינען די אנטפּלעקונגען פון גאָטס רצון, וואָס איז פארקערפּערט אין אלע וועלטן, זיי, די העכסטע ווי די נידעריקסטע וועלטן — אלע שעפּן זיי שפע און

1 ספר של בינונים, פרק ה׳

2 דאָרטן, פרק כ״ג.

3 דאָרטן, פרק מ״ז.

4 דאָרטן, פרק כ״ג.

5 דאָרטן: שכל ההלכות הן פרטי המשכות פנימיות רצון העליון עצמו שכך עלה ברצונו יתברך שדבר זה מותר או כשר או פטור או זכאי או להפך. זע אויך פרק נ״ב: וההלכות עצמן הן מםדותיו של א״ס ברוך הוא.

6 אויף דער דאָזיקער שיינבארער סתירה שטעלט זיך אָפּ דער בעל־התניא גופא און פרוּװט זי אויך צו פארענטפערן (לקוטי תורה, במדבר, אין די לעצטע ביאורים).

7 דאָרטן, פרק ד׳.

8 ספר של בינונים, פרק נ״ב.

9 סידור, שער תפילה; זע אויך ספר של בינונים, פרק י״ז: האהבה לד׳ לדבקה בו בקיום מצותיו ותורתו וזה כל האדם.

לעבן פון די מצוות, וואס ווערן געטאן דורך די מענטשן אין דער נידער[1], אלע וועלטן, לייענען מיר ווייטער, סיי די העכסטע, סיי די נידעריקסטע — אלע זיינען זיי אפהענגיק פון יעדער מצווה, וואס ווערט געטאן[2]; דורך דעם, וואס דער מענטש איז מקיים די מצוות פון דער תורה, באהעפט ער זיך מיטן ליכט פונם אין־סוף[3]. דורך קיום המצוות לייזט דאס פאלק ישראל אוים די וועלט[4].

לימוד התורה און קיום המצוות האבן אבער א קנאפן ווערט, ווען זיי ווערן אויסגעפירט אן כוונה[5]. כוונה, — דערקלערט דער בעל „התניא", — איז אבער באלאנגט ניט בלויז פונם הארצן, זי שטאמט ניט בלויז פונם ריין אימפולסיוון און עמאציאנעלן. דא טרעט שוין דער בעל „התניא" פאר אונז ארויס ניט אלס למדן און קאדיפיקאטאר, וואס האט געשאפן אן אייגענעם „שולחן ערוך", נאר אלס מקובל און אלס באשאפער פון אן אייגענער שיטה אין חסידות. מיר האבן שוין פריער געבראכט[6] דעם בעש"טס ווערטער, אז די העכסטע מדרגה פון אמונה איז ביי דעם, וואס באזיצט ביידע מידות: אי ער שטיצט זיך אויף קבלת אבות, אי ער האט זיך דורך אייגענער חקירה איבערצייגט אין דעם אמת פון זיין גלויבן. דאס געפיל און התלהבות פונם הארצן, — לייענען מיר אינם „תניא", — דארף קאנטראלירט ווערן דורכן פארשטאנד פונם מוח. התפעלות איז ניט אימשטאנד צו מאכן דעם מענטשן ראוי „להשגת האלהות", ווי באלד עס ווערט ניט באגלייט מיט דער קלארקייט פונם פארשטאנד. מען דארף האבן ביידע בחינות: דעם פלאם פונם הארצן און די לאגישע סברות פונם מוח. מען דארף דער־קענען די געטלעכע קראפט, וואס געוועלטיקט אין אלע וועלטן, און דאס דאזיקע דערקענען ווערט דערווארבן מיט דער הילף פונם מענטשנס דעת, וואס זוכט גאט און פארטיפט זיך אין חקירה וועגן גאט. דעם מענטשנס נשמה, — לערנט דער „תניא", — באשטייט אוים צוויי

---

1 ספר של בינונים, פרק כ"ג: שהמצות הן פנימיות רצון העליון וחפצו האמיתי המלובש בכל העולמות העליונים והתחתונים להחיותם, כי כל חיות ושפע תלוי במעשה המצות של התחתונים.

2 תניא, קונטרס אחרון: וכל עולמות עליונים ותחתונים תלוים בדיקדוק מצוה אחת.

3 ספר של בינונים, פרק ל"ז און פרק מ"ו; זע אויך תורה אור, שמות, וארא.

4 ספר של בינונים, פרק ל"א.

5 ספר של בינונים, פרק ל"ח און פרק מ'.

6 זע אויבן, קאפ. צוויי, ז' 70.

טיילן: שכל און מידות [1]. דער שכל איז כולל די דריי מדרגות פון חכמה, בינה און דעת, און מידות — דאס איז די ליבע צו גאט, די יראה און פחד פאר גאטס גרויסקייט; און חב״ד (ראשי תיבות פון חכמה, בינה, דעת) — זיי זיינען עס געבארמוטערם און דער קוואל, פון וועלכע עס שטאמען די מידות. און ווער עס פארטיפט ניט און פארבינדט ניט זיין געדאנק און פארשטאנד „בגדולת אין־סוף ברוך הוא", ביי דעם וועט אין זיין נשמה ניט געבארן ווערן די אמתע ליבע און יראה צו גאט, נאר עס ווערן געשאפן „דמיונות שוא"; אט דערפאר טאקע — „הדעת הוא קיום המדות וחיותן" [2] — דאס וויסן איז די עקזיסטענץ און דער לעבנס־אטעם פון די מידות. די מידות — זיי זיינען לויט דעם ערך פון שכל, — חזרט איבער דער „תניא" [3]; דער מוח געוועלטיקט איבער דעם הארצן [4], העבודה שבלב היא לפי הדעת [5]. אבער, — שטרייכט דערביי אונטער דער בעל „התניא", — עיקר הדעת אינה הידיעה לבדה, דאס וויכטיקסטע פון דעת איז ניט סתם דאס וויסן, מען זאל וויסן וועגן גאטס גרויסקייט אוים חקירה־ספרים; דער עיקר איז—זיך פארטיפן אין גאטס גרויסקייט, לאזן אריינדרינגען דעם אייגענעם געדאנק אין גאט מיט דער גאנצער קראפט און שטארקייט פון דעם הארץ און מוח, ביז דער געדאנק וועט זיין פעסטגעקלאמערט אין גאט מיט אזא שטארקן פארבאנד, ווי מען בינדט זיך פעסט אין א גשמי־זאך, וואס מען זעט מיט די קערפערלעכע אויגן [6].

דא בארירן מיר דעם אינטערעסאנטסטן פונקט אין דעם בעל „התניאס" וועלט־באנעם. מיר האבן אקארשט געזען, ווי דורך „בינה" און „דעת" — דורך די לעצטע צוויי רינגען פון דעם דריירינג „חב״ד", ווערן אין דעם מענטשנס נשמה געבארן ליבע און יראה צו גאט. שוין ביים מעזעריטשער מגיד ווערט ־אויפן שארפסטן אופן אונטערגעשטראכן, אז אמתע ליבע צו גאט איז ערשט א פועל יוצא פון יראה, פון גרויס

---

1 אין אן אנדער ארט (ספר של בינונים, פרק א׳) ווייזט אן דער בעל „התניא", אז דעם מענטשנס נשמה באשטייט פון צוויי עלעמענטן: דער „בהמישער נשמה" און דער „געטלעכער נשמה".

2 ספר של בינונים, פרק ג׳ און פרק ט״ז.

3 דארטן, פרק ו׳.

4 דארטן, פרק י״ב.

5 דארטן, פרק ל״ד.

6 דארטן, פרק מ״ב; זע אויך דארטן: העיקר הוא ההרגל להרגיל דעתו ומחשבתו תמיד להיות קבוע בלבו ומוחו תמיד אשר כל מה שרואה בעיניו השמים והארץ ומלואה הכל הם לבושים החיצונים של המלך הקב״ה וע״י זה יזכור תמיד על פנימיותם וחיותם.

ערפורכט פאַר גאָט [1]. ווען דער מענטש באַזיצן די פולשטענדיקע יראת־הבורא — ממילא תנוח עליו אהבה, וועט שוין דורכדעם אין אים זיך אויך די ליבע דערוועקן [2]. די יראה דאַרף זיך אָבער אויסדריקן ניט אין פורכט פאַרן עונש [3], ניט ווי אַ מענטש האָט מורא פאַר אַ „פאַר־צוקנדיקן בער", נייערט עס דאַרף זיין אַ „יראת הרוממות", אַ „יראה של בושה", ד"ה, עס דאַרף זיין אַ געפיל פון גרויס ערפורכט און שטוינען פאַר דער געוואַלדיקער דערהייבנקייט, און דער מענטש פאַנגט אָן זיך צו שעמען פאַר זיין קליינקייט און נישטיקייט [4]. אויף דעם געדאַנק שטיצט זיך אויך דער בעל „התניא"; אויך ער דערקלערט, אַז „בלי קדימת היראה אי אפשר להגיע לאהבה" — אָן דער פאַרשטופע פון יראה קאָן מען צו דער ליבע ניט דערגרייכן [5]. עס שטייט: ועבדת את ד' אלהיך; בכדי די עבודה זאָל זיין אַן „עבודה שלימה", באַדאַרף יעדער מענטש גאָט דינען לויט צוויי בחינות און מדרגות: הן אין דער בחינה פון אַן עבד, הן אין דער בחינה פון אַ זון. שטיצנדיק זיך אויף דעם זוהרס אַ מימרא: „דחילו ורחימו הן תרין גדפין... ודחילו נכלל בריחמו" [6], פאַרגלייכט אויך דער „תניא" יראה און ליבע צו צוויי פליגלען: אַזוי ווי אַ פויגל קאָן ניט פליען בלויז מיט איין פליגל, אַזוי איז אויך די יראה אַליין בלויז איין פליגל, מיט וועלכן עס איז ניט מעגלעך זיך אין די הייכן צו דערהייבן, און אויך ליבע אַליין איז בלויז ווי איין פליגל, מיט וועלכן מען קאָן ניט אויפשטייגן אין די הייכן; מען דאַרף דינען גאָט ניט בלויז אַלס קנעכט און ניט בלויז אַלס זון, נאָר מען דאַרף פאַר־איייניקן ביידע בחינות צוזאַמען [7].

עס זיינען אָבער פאַראַנען צוויי אַרטן אי פון יראה, אי פון ליבע. עס איז ערשטנס פאַראַן אַ יראה טבעית [8]. ביי יעדן „אדם מישראל", — דערקלערט דער „תניא", — איז באַהאַלטן אין די טיפענישן פון זיין „בינת הלב" אַן אוצר פון „יראת שמים"; דער דאָזיקער אוצר ווערט

---

1 אור תורה, 28; לקוטי אמרים, 18.

2 לקוטי אמרים, 23.

3 אור תורה, 77.

4 דאָרטן, 60.

5 ספר של בינונים, פרק י"ט, פרק מ"ג.

6 פורכט און ליבע זיינען צוויי פליגלען... און פורכט איז איינגעשלאָסן אין ליבע.

7 ספר של בינונים, פרק מ"א, און אין פיל אַנדערע ערטער. דער בעל „התניא" באַווייזט דערביי גרויס בקיאות אין פאַרשיידענע פסיכאָלאָגישע און עטישע פראַגן.

8 הייסט אויך ביים בעל „התניא" — יראה תתאה.

ערשט געבראַכט מכח אל הפועל מיט דער הילף פונם צווייטן רינג אין דעם אויבנדערמאָנטן דריירינג — דורך „דעת״; דורך דעם באַוווּסטזיין ווערן ערשט די אוצרות פון דער נאַטירלעכער „בינת הלב״ דערהייבן צו דער בחינה פונם קלאָרן געדאַנק, אַז אַלץ אין דער הייך און אין דער נידער, אַלץ, וואָס זיינע אויגן זעען אין די הימלען און אויף דער ערד, אַלץ איז — רק „לבושים חיצונים״, אויסנווייניקסטע לבושים פון גאָט, ברוך הוא; טאַקע ווי עס שטייט: „מלא כל הארץ כבודו״ [1]. נאָר אָט די בחינה פון וויסן, אַז „מלא כל הארץ כבודו״, איז, לויט דעם וועלט־באַנעם פונם בעל „התניא״, נאָך ניט די העכסטע מדרגה. עס איז נאָך דאָ אַן אַנדער מדרגה פון „יראת שמים״, דאָס איז — יראה עילאה, יראה בּפנימות, וואָס דערגרייכט די בחינה פון „חכמה״ — דעם דריטן און העכסטן מיטגליד פון „חבּר״. טאַקע ווי עס שטייט: „איזהו חכם הרואה את הנולד״, ד״ה, אַ חכם איז דער, וואָס זעט פון וואַנען יעדע זאַך איז געבאָרן, און ווייסט, אַז אַלץ איז „מאַיִן תִּמָּצֵא״ — שטאַמט פונם „אַיִן״ און ווערט אין „יש״ פאַרוואַנדלט דורך גאָטס וואָרט „ורוח פיו יתברך״ און דורכדעם באַגרייפט ער טאַקע, אַז אָט די ערד מיט אַלע הימלען מיט זייערע געליכטער זיינען לגבי גאָטס וואָרט „כְּאַיִן וָאֶפֶס״ — גאָרנישט מיט נישט, און זיי ווערן בטל במציאות ממש, ווי עס ווערט בטל דער שײַן פון אַ ליכט־שטראַל קעגן דעם געוואַלדיקן ליכט פון דער זון גופא [2].

אויך די ליבע צו גאָט ווערט אינם „תניא״ איינגעטיילט אין צוויי מדרגות: אין אהבה טבעית אָדער אהבה רבה, און אהבה שכלית אָדער אהבת עולם. די אהבת עולם קומט פון „תבונה ודעת״, דורך דעם אַריינ־טראַכטן זיך אין דער ווונדערלעכער גרויסקייט פון גאָט ברוך הוא, וואָס פאַרפולט אַלע וועלטן און נעמט אַרום אַלע וועלטן. אָט דורך דעם דאָ־זיקן באַוווּסטזיין שטאַרקט זיך אינם מענטשן די ליבע צו גאָט, זי וויל זיך ניט באַהעפטן צו קיין שום גשמי־זאַך און אויך צו קיין שום אַנדע־רער רוחני־זאַך אין דער וועלט, נאָר אין גאָט ברוך הוא, וואָס איז דער קוואַל פונם לעבן [3]. און דאָך איז העכער פון דער דאָזיקער „שכלדיקער ליבע״, וואָס שטיצט זיך אויף „בינה״ און „דעת״, אָט די פשוטע נאַטיר־לעכע ליבע (אהבה טבעית), וואָס איז אויך „די גרויסע ליבע״ (אהבה רבה״) [4]. האהבה טבעית, — חזרט דער „תניא״ איבער, — היא למעלה

---

1 ספר של בינונים, פרק מ״ב.

2 דאָ׳טן, פרק מ״ג.

3 דאָרטן.

4 דאָרטן, פרק מ״ד: שב׳ בחינות אהבות אלו הן כלולות מן בחינת אהבה רבה וגדולה ומעולה מדחילו ורחימו שכליים אשר האהבה נקרא לעיל בשם אהבת עולם.

מן הדעת המושג והמובן, והיא עליון וגבוה מהדעת". דאָס איז ווי די ליבע פון אַ קינד, וואָס איז דאָך ניט קיין באַוווּסטזיניקע, איז ניט באַלויכטן און באַגרינדעט „בהשגה ובהבנה" און מיט לאָגישע שכלדיקע טעמים. דאָס קינד פאַרשטייט ניט, אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט די באַטערשאַפט פון זיין פאַטער און פאַר וואָס דאַרף ער אים ליב האָבן, נאָר זיין גאַנצע נשמה איז ענג צוגעבונדן אָן אַ שום באַוווּסטזיניקן טעם אָן דער נשמה פון זיין פאַטער; און די דאָזיקע צוגעבונדנקייט איז אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז ער בענקט און גאַרט אָן אויפהער נאָכן פאַטער און וויינט און פאַרגייט זיך ממש פאַר געוויין [1].

און דאָך איז אויך די ליבע ניט די העכסטע בחינה פון ליבע. עס איז, — דערקלערט דער בעל „התניא", — פאַראַן נאָך אַ בחינה פון ליבע „העולה על כולנה כמעלת הזהב על הכסף" [2], וואָס זי שטייגט איבער דעם ווערט פון אַלע אַנדערע, ווי גאָלד פאַרטונקלט מיט איר חשיבות זילבער. עס זיינען, — דערקלערט דער „תניא", — פאַראַן צוויי בחינות אינם מענטשנס הארצן: איינע איז אַן אויסנדיקע (בחינה חיצוניות), דאָס איז די התלהבות, וואָס שטאַמט „מבחינת הבינה והדעת", דורך דעם פאַרטיפן זיך מיטן געדאַנק אין דער גרויסקייט פון דעם אין־סוף ב"ה. די צווייטע בחינה איז אַן אינעווייניקסטע, וואָס איז באַהאַלטן אין די טיפסטע טיפענישן פון הארצן (הנקודה שבפנימיות הלב). אָט די ליבע, וואָס שטאַמט פון די דאָזיקע טיפענישן און וואָס וועגן איר שטייט אין שיר השירים: „רשפי אש שלהבתיה" — זי איז „למעלה מעלה מבחינת הדעת והתבונה [3]; זי באַווייזט דער מענטש „בהיסח הדעת", זי איז אַ מתנה, וואָס דער מענטש באַקומט פון גאָט געשענקט, דאָס איז אַ באַוויליקונג פון גאָטס גענאָד, וואָס איז העכער „מבינה ודעת"; דאָס איז דער אָפּגלאַנץ פון דעם אמת געטלעכן ליכט, וואָס איז אַנטפּלעקט אין דעם העכסטן מיטגליד פון דעם דרייערינג — אין דער חכמה, וואָס איז די קרוין פון אַלע אצילות און געטלעכע מידות, דאָס געפעס פון דעם אין־סוף'ס ליכט. דאָס יידישע פאָלק איז אָבער פאַרבונדן אַן אייביקן בונד מיט דער תורה, וואָס איז דאָך די אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכער חכמה און מיר באַקומען זי אַלס ירושה פון אונזערע אבות און זי גייט איבער פון דור צו דור. דערפאַר טאַקע שטייט: „כי קרוב אליך הדבר מאוד", און אונז איז באַפוילן געוואָרן: קדושים תהיו! —

---

1 לקוטי תורה, במדבר; זע אויך אגרת הקודש, דף י"ד, עמ' ב' לויט דער שקלאָװער אויסגאַבע פון 1814).

2 ספר של בינונים, פרק י"ח. און פרק מ"ד.

3 זי איז פיל פיל העכער פון דער בחינה פון וויסן און פאַרשטיין.

געהייליקט זאָלט איר זײַן!... מיר זיינען געהייליקט דאַדורך, וואָס אין דער נשמה פון „יהיה מי שיהיה מישראל״ איז דאָ אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אֵין־סוף, כּביכול, אין דער בחינה פון חכמה (כי אין־סוף ב״ה מלובש בבחינת חכמה שבנפש האדם יהיה מי שיהיה מישראל). און אָט דאָס איז דער באַדייט פון די ווערטער: החכמה תחיה בעליה — די חכמה באַלעבט דעם מענטשנס נשמה. און די חכמה, — חזרט דער בעל „התניא״ איבער, — איז „למעלה מהבינה והחשגה״ [1], זי איז איבער דעם פאַרשטאַנד און באַגרייפונג, זי איז אָבער דער מקור פאַר זיי. דערפאַר טאַקע הייסט זי חכמה, דאָס באַדייט — כּח מה — אַ פאַר־הוילענע און פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך און ניט פאַסבאַר פון מענטשנס השגה; זי איז דאָך דער לבוש און די כּלי פון דעם אֵין־סוף׳ס ליכט — דלית מחשבה תפיסה ביה. דערפאַר טאַקע, — לייענען מיר אינם „תניא״, — איז יעדער מיטגליד פונם יידישן פאָלק, וואָס ציט די לאַנגע קייט פון ירושת אבות און וועמענס שטאַמפעטער זיינען געגליכן צו דער געטלעכער „מרכבה״ [2] — אפילו פרויען, עמי הארצים, אפילו קל שבקלים און אויך פושעי ישראל [3] זיינען זיך מוסר נפש אויף קידוש השם און ליידן אַזוי אָפט ענויים קשים, בכדי ניט צו לייקענען אין דעם איינציקן גאָט. אָט די בורים און עמי הארצים זיינען זיך מוסר־נפש נישט מחמת זיי באַגרייפן און פאַרשטייען די גרויסקייט פון גאָט (מחמת דעת והתבוננות בה׳ כלל), זיי טוען דאָס אָן שום איבער־לעגונג און לאָגישע סברות, אָן שום „טענה ומענה כלל״; זיי האַנדלען אַזוי און ניט אַנדערש, ווייל ס׳איז פאַר זיי אוממעגלעך (הוא דבר שאי אפשר כלל) צו לייקענען אין דעם איינציקן גאָט, זיך אָפּצוזונדערן פון גאָט. אַדאַנק דער לאַנגער קייט פון ירושת אבות טוט גאָט לייכטן אין די טיפעניש פון יעדערנס נשמה, טוט לייכטן אין דער בחינה פון חכמה — שהיא למעלה מן הדעת והשכל המושג ומובן [4].

דער מקובל איז גובר דעם קאַדיפיקאַטאָר און למדן, די מיסטישע התלהבות רייסט דורך דאָס קונציגע געוועב פון קאַלטע שכלדיקע סברות...

בעת מיר לייענען אָט די אין שווערע, ניט געשליפענער שפּראַך

---

1 אין אַן אַנדער אָרט (לקוטי תורה, ויקרא, אינם ביאור צו „לא תשבית מלח״) פירט אויס דער בעל התניא: „שהנשמה עצמה היא למעלה ממהות השכל״.

2 הן הן המרכבה. באַריכות וועגן דעם מיסטישן באַדײַט פון דער מרכבה זע אונזער ווערק ב׳ II. 99.

3 טיפּיש איז פאָלגנדיקע שטעלע אינם „תניא״: „ולפעמים ממשיכים פושעי ישראל נשמות גבוהות מאוד שהיו בעמקי הקליפות (ספר של בינונים, פרק י״ח).

4 דאָרטן, פרק י״ח—י״ט און פרק כ״ה; תורה אור, שמות.

געשריבענע תניא-בלעטער, און וועלכע עס פילט זיך אזוי בולט ניט בלויז דער געוואלדיקער למדן און חריפישער קאפ, נאר אויך א גרויסע מאראליש-עטישע פערזענלעכקייט, ווערט ערשט באגרייפלעך, און וואס עס איז באשטאנען די אויסערגעוויינלעכע אגיטאטארישע קראפט פון דעם „ליאדיער רבין"...

עס מוז אבער דערביי אנגעוויזן ווערן נאך אויף איין וויכטיקן פרט אין דעם בעל ה„תניא"ס וועלט-באנעם: זיין פארהאלטן זיך צו דער פראגע וועגן דער ראלע פונם צדיק. צדיקים זיינען טאקע העכער פון מלאכים, ווייל די לעצטע זיינען דאך ניט קיין „בעלי בחירה" 1, און ווער עס באהעפט זיך „בתלמיד חכם כאלו נדבק בשכינה" 2. אין יעדן דור, לייענען מיר אינם „תניא", טוען זיך דערנידערן פונקען „מנשמת משה רבינו ע"ה" און קליידן זיך אן אינם גוף און אין דער נשמה פון די „חכמי הדור, עיני העדה", וואס לערנען דאס פאלק, ווי צו וויסן און צו פארשטיין די גרויסקייט פון גאט און ווי אים צו דינען מיטן גאנצן הארץ און נשמה 3. נאר טאקע גלייך דערביי ווערט אינם „תניא" אנגעוויזן, אז אין יעדער „נפש ונפש מבית ישראל" איז פאראן „מבחינת משה רבינו ע"ה". דער בעל ה„תניא" חזרט אויך איבער, אז די העכסטע בחינה פון ליבע איז „שוה לכל נפש מישראל וירושה לנו מאבותינו" 4, און פארזיכערט, אז אפילו אין דער נשמה פון א „בור ועם הארץ גמור" טוט לייכטן די קדושה פון שבת און יום-טוב גלייך ווי אין דער נשמה פונם צדיק — „כי תורה אחת לכולנו", מיר האבן אלע איינע און די זעלבע תורה 5. און ווען אייניקע פון דעם בעל „התניא"ס חסידים האבן אנגעהויבן זיך צו אים צו ווענדן מיט בקשות וועגן מאטעריעלע הצטרכותן, ווי צו א בעל-מופת, און דער האפענונג, אז ער איז אימשטאנד משפיע צו זיין אויף די עולמות העליונים, — איז ער וועגן דעם ארויסגעטראטן מיט אן עפנטלעכן פראטעסט אין זיין קונטרס „אגרת הקודש", וואס ער האט צעשיקט זיינע אנהענגער. „עס איז, — דערקלערט ער דארטן, — קיינמאל אזא מנהג ניט געווען ביי יידן, מען זאל ביי די גדולי הדור עצות פרעגן אין מאטעריעלע אנגעלעגנהייטן; אפילו צו די תנאים ואמוראים, וואס פאר זייער חכמה זיינען געווען אנטפלעקט אלע סודות — האט מען זיך אויך

---

1 ספר של בינונים, פרק ל"ט, שער היחוד והאמונה, פרק י"א.
2 דארטן, פרק ב'.
3 דארטן, פרק מ"ב.
4 דארטן פרק מ"ד.
5 דארטן, פרק מ"ו.

מיט אזוינע פראגן ניט געווענדעט, ווארעם מען האט דאך געוווסט, אז זיי זיינען קיין נביאים ניט, זיי זאלן קאנען פארויסזאגן, וואס עס וועט פאסירן [1]. און אין פולן קעגנזאץ צו דער לערע פונם „נועם אלימלך", לערנט דער ליאדיער רבי, אז ווען איינער געפינט זיך אין א נויט און איז שווער באשטראפט געווארן, זאל ער זיך בעסער דירעקט אליין ווענדן צום פאטער אין הימל, ניט זוכן קיין מליץ יושר [2], ווארעם גאט איז דאך אן אב הרחמן. דער „תניא" איז בכלל דורכגעדרונגען מיט פולן אפטימיזם. „אין רע יורד מלמעלה והכל טוב", — דערקלערט דער ליאדיער רבי [3], — נאר ווייל די מענטשן פארשטייען ניט „לרב טובו", מיינען זיי, אז דאס איז שלעכטס. און ווייל גאט, ברוך הוא, איז „רק טוב", דערפאר, — לערנט דער בעל ה„תניא", — „ראשית הכל שישמח האדם ויגל בכל עת" — זאל דער מענטש שטענדיק זיין פריילעך און צופרידן. מיר באגעגענען אויך דערפאר אינם „תניא" מערערע מאל דעם בעש״טס באליבטן טעזיס: „אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה". דערפאר אבער, אין קעגנזאץ צום בעש״טס לערע, שטרייכט דער בעל „התניא" אונטער, אז די שמחה דארף זיין בלויז „שמחת הנפש", אבער דער גוף דארף ביים מענטשן זיין „נבזה ונמאס בעיניו" [4].

צום שלוס מוז נאך איין פונקט באריִרט ווערן: אייניקע פון די חסידות־פארשער געפינען, אז דער „תניא" קאן „מיט פולן רעכט אויסהאלטן דעם פארגלייך מיט די בעסטע ווערק פון די מיטלעלטערלעכע יידישע דענקער". דאס איז אבער ניט אינגאנצן ריכטיק, ווייל מען מוז דאך דערביי נעמען אין באטראכט אט וואס: די פארפאסער פונם „כוזרי", „מורה נבוכים", „אור ד׳" זיינען געשטאנען אויף דער שפיץ פון דער קולטור פון זייער צייט, — דאס קאן מען אבער וועגן דעם בעל „התניא" ניט זאגן. ער איז דאך אויסגעוואקסן אין א קיבוץ, וואס האט ווי א קאלעקטיווער חוני המעגל גאנצע דורות פארשלאפן. ניט געקוקט דערויף, וואס דער ליאדיער רבי האט זיינע מאטעמאטישע און אסטראנאמישע ידיעות געשעפט פונם „אלים" [5] דאך האט ער אויף דער

---

1 אגרת הקודש, י״ח—י״ט.

2 דערפאר אבער חזרט דער בעל התניא ניט מיד אנצוזאגן אויף דער גרויסער חיכסיקייט פון צדקה, און אז מען דארף שטיצן מיט מאטעריעלער הילף אלע נויטבאדערפטיקע מיטגלידער פונם קיבוץ. „אין ישראל נגאלין אלא בצדקה" — חזרט איבער מערערע מאל דער ליאדיער רבי (זע, תניא, פרק ל״ו; אגרת הקודש, דף ב׳, ד; תורה אור, שמות).

3 אגרת הקודש, דף ח׳, עמ׳ ב׳.

4 ספר של בינונים, פרק ל״ב.

5 זע אויבן, ז׳ 121.

שוועל פונם 19טן י"ה זיך נאך אלץ געהאלטן אין דעם אלטן פטאלאָ־מעיִשן סיסטעם. א מיטצייטלער פון לאוואזיע, אפעריִרט ער נאך אלץ מיט די „פיר עלעמענטן", און הונדערט יאר נאך ניוטאָנען האט ער נאך אלץ ניט קיין באגריף וועגן דעם מהות פון די זיבן גרונד־פארבן [1]. ווי א טיפישער זון פון אן אפגעשטאנענער סביבה, פארהאלט זיך דער בעל „התניא" מיט א געוויסן ביטול צו די „חכמות חיצוניות". ער געפינט, אז סתם זיך פארנעמען מיט „חכמות אחרות",—דאס איז „בכלל דברים בטלים"; עס האט בלויז א זין מיט זיי זיך צו באקענען אין דעם פאל, ווען מען קאן זיך מיט זיי באנוצן „לעבודת ד'" [2]. ער פסקנט דערפאר אין זיין „שולחן ערוך", אז ווען איינער האט אפילו שוין דורכגעלערנט כל התורה, דאך איז אסור, ער זאל לערנען די „חכמת גוים"; בלויז צייטנווייז איז דעם תלמיד־חכם ערלויבט, ער זאל זיך אויך פארנעמען מיט אנדערע חכמות אין דעם פאל, ווען ער קאן פון זיי לערנען דברי תורה ויראת שמים [3].

אין דעם פונקט זיינען געווען איין דעה ביידע פליגלען פון דער חסידות־באוועגונג: אי דער ווייסרוסישער „חבד", אי דער וואלינער און גאליציאנער צדיקיזם. דאס האט געמוזט ברענגען צו א שארפן קאנפליקט מיט דער השכלה־באוועגונג, וועגן וועלכן עס וועט אונז נאך אויסקומען צו ריידן אין די ווייטערדיקע קאפיטלעך.

---

1 זע תורה אור, סוף פר' ויצא. דווקא דער בעל „קדושת לוי" האט יא געוווּסט, אז „מלבן נעשים כל הגוָנים" (זע קדושת לוי, לקוטים).

2 ספר של בינונים, פרק ח'.

3 זע טייטלבוים, הרב מליאדי, II 17.

פינפטער קאפיטל

די פאָנאַנסרעגער פון „אהבת ישראל״. — משה־ליב פון סאַסאָוו; זאב־וואָלף זבאַריזשער; מנחם־מענדל אויס קאָסאָוו און מאיר אויס פּרעמישלאַן. — דער באַרדיטשעווער רב לוי יצחק און זיין „קדושת לוי״. — די „עיני ד׳״ אלס דעם מענטשנס באשאף״. — די ליבע אלס ערשטע מידה פון גאָט, און אלס גרונדשטיין פון דער וועלט. — אהבת ישראל און אהבת הבורא. — אַלץ אין דער וועלט איז פול מיט גאָטס ליבע. — די קאָסמישע ראָלע פון דעם פאָלק ישראל. — דער צדיק דאַרף שטענדיק מלמד זכות זיין אויף ייִדן. — די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט. — די באַפרייַונג פון סויטשרעק פאַר די שבעה מדורי גיהנום. — דעם בעש״טס אוראייניקל ר׳ נחמן בראַסלאַווער. — ר׳ נחמנס לעבנסוועג. — זיין וועלטבאַנעם. — פראַגן, אויף וועלכע עס איז קיין ענטפער ניטאָ. — די וועלט איז אויס רחמנות געשאַפן, און די וועלט נייטיקט זיך אין רחמים. — צוויי סאָרטן אפּיקורסים. — דעם בראַסלאַווערס קאַמף קעגן די ראַציאָנאַליסטן. — פּשיטות און תמימות און חכמות; „חכמה דקדושה״. — די גרויסע בחינה פון שמחה. — דער ניגון פון דער וועלט. — די העכסטע בחינה פון שתיקה. — דער ניגון פון „ראש אמונה״. — די ראָלע פונם צדיק; דער צדיק אין דער בחינה פון משה־משיח. — ר׳ נחמן בראַסלאַווערס סיפורי מעשיות.

מיר האָבן געזען, ווי אַזוי דעם בעש״טס תורה האָט ביי זיינע תלמידים געענדערט איר געשטאַלט, און ווי אין דער יונגער חסידות־באַוועגונג האָבן אינעם צווייטן דור נאָכן בעש״טס טויט זיך אַמבּולטסטן אויסגעפאָרמט צוויי הויפּטשטרעמונגען: פון איין זייט דער פּראַקטישער צדיקיזם און פון דער אַנדערער — דער ווייסרוסישער חב״ד. דאָרט, אין די דרומדיקע פּראָווינצן, ווו יעקב פראַנק האָט בשעתו דערקלערט אַ קאַמף דעם פאַרמרה־שחורהטן, פאַרקנעכטעטן ייִדישן לעבנסשטייגער און געחלומט וועגן גלאַנץ און פּראַכט פון דעם קריסטלעכן אַדל מיט זיינע שיינע פּאַלאַצן און בלענדנדיקן לוקסוס, — האָט זיך געבילדעט אַן אייגנאַרטיקע ייִדישע אַריסטאָקראַטיע, מיט אייגענע „הויפן״, מיט גאָלד און זילבער באַפּוצטע קאַרעטעס, מיט פילע באַדינער און מיט טויזנטער פאַרערער, וואָס האָבן ווי געטרייע קנעכט געפאָלגט די באַפעלן פון זייער „האר״, דעם צדיק, דעם פאַרקערפּערטן סימבאָל פון „יסוד

שבתפארת", וועמענס מאכט ס'איז געווען אומבאגרענעצט אין ביידע וועלטן... און פון דער אנדערער זייט, אין די צפונדיקע מדינות פון ווייסרוסלאנד און ליטע, האבן די בעלי „חב"ד" געמאכט דעם געוואגטן פרווו צו דערווארעמען דעם קאלט-פארגליווערטן רביניזם מיט די מיסטישע פייערן, מיטן התלהבות און ברען פון דעם בעש"טס תורה. זיי האבן ניט געוואלט און אפשר אויך ניט געקאנט זיך רעכענען דערמיט, וואס דעם בעש"טס לערע פארלירט דערביי א גרויסן טייל פון איר אייגנארטיקן חן און אורשפרינגלעכער קראפט...

צווישן די פאנען-טרעגער פון דער בעש"ט-באוועגונג האבן זיך אבער געפונען אזוינע, וואס האבן געפרווט געטריי פארווירקלעכן אין לעבן די לערע פון דעם חסידות-באגרינדער אין איר אורשפרינגלעכער געשטאלט. זיי, די דאזיקע פאנענטרעגער, האבן פארן גרונד-יסוד פון זייער לעבן ארויסגעשטעלט דעם בעש"טס טעזיס וועגן „אהבת הבורא" און „אהבת ישראל" — ליבע צו גאט און ליבע צו יעדן מיטגליד פון דעם פאלק ישראל [1]. די דאזיקע ראמאנטישע טרוימער איז, אמת, ניט געלונגען צו פארנעמען דעם פאדערגרונד פון דער באוועגונג, זיי זיינען אבער געבליבן איינגעקריצט אין דעם הארצן און דעם זכרון פון דעם פשוטן פאלק, וואס האט זייערע נעמען אוים ליבע און דאנקבארקייט באקרייַנט מיט דופטנדיקע קרענץ פון שיינע, הארציקע לעגענדן...

מיר וועלן דא דערמאנען בלויז איייניקע פון זיי און פריער פון אלע דעם וואנדערבארן משה-לייב אוים סאסעוו (לעבן בראד), וועמענס נאמען עס ווערט שטענדיק באגלייט מיט דער באצייכענונג „אוהב ישראל". זיין גאנץ לעבן איז געווען א לאנגע קייט פון רירענדיק-צארטער מענטשן-ליבע. דעם אמתן באדייט פון „אהבת ישראל", — דערציילט משה-ליב אוים סאסעוו, — האב איך ערשט קענען געלערנט ביי א פשוטן דארפס-גוי. געזעסן איז דער דאזיקער גוי מיט נאך עטלעכע חברים זיינע אין א שענק און ווען ער איז שוין געווען א ביסל אויסגעטרונקען, פרעגט ער ביים חבר זיינעם: האסטו מיך ליב צי ניין? ענטפערט יענער: איך האב דיך שטארק ליב. זאגט אים ווייטער דער גוי: דו זאגסט, אז דו האסט מיך ליב און דאך ווייסט דו ניט, וואס מיר פעלט; ווען מען האט באמת ליב, ווייסט מען אלע יענעמס נויטן און באדערפענישן. דער חבר האט דערויף דעם גוי גאר ניט געענטפערט. דערפון, — פירט אוים דער סאסעווער צדיק, — האב איך ערשט רעכט פארשטאנען, אז „אהבת ישראל" הייסט — פילן אלע נויטן פון ישראל,

1 זע אויבן, ז' 60.

ליידן אַלע זייערע ווייטאָגן, ובצרתם לו צר [1]. עס ווערן דערציילט די ריינגדיקסטע מעשיות, מיט וואָסער מסירת נפש דער דאָזיקער צדיק פלעגט אַרויסווייזן זיין ליבע צו קראַנקע, קרעציקע קינדער, ווי אַזוי ער פלעגט מיט אייגענע הענט פאַרבינדן זייערע ווונדן, באַשמירן מיט זאַלבן די מיט גרינדן באַדעקטע קעפּ און זאָגן דערביי: ווער עס קאָן ניט פּועלן ביי זיך אויסצוזויגן מיטן אייגענעם מויל דעם אייטער און דאָס בלוט פון די געשווירן ביי קראַנקע יידישע קינדער, דער האָט ניט דערגרייכט אפילו אויף דער העלפט צו דער מדרגה פון אמתער אהבת ישראל [2]. אַמאָל, — דערציילט אַ חסידישע מעשה, — אום ערב יום=כיפור, דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט אין שול, נאָר דער צדיק משה=ליב איז נאָך אַלץ ניטאָ. ער האָט אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַר=זאָגט, מען זאָל אויף אים ניט וואַרטן מיטן דאַווענען. שטעלט מען זיך צו „כל נדרי" אָן דעם רבין. ערשט אין מיטן דאַווענען איז ער אָנגעקו=מען. האָבן די חסידים זייער געוואָלט וויסן די סיבה, ביז זיי זיינען דערגאַנגען, אַז בעת ער איז געגאַנגען אין שול צו „כל נדרי", דערהערט ער אויפן וועג אַ געוויין פון אַ קינד. לאָזט ער זיך נאָכן קינדערשן קול, גייט ער צו צו אַ שטוב און זעט דורכן פענסטער, אַז קיינער איז אין שטוב ניטאָ. די מוטער איז אויך אַוועק אין שול און דאָס קינד ווערט ממש צעריסן פאַר געוויין; האָט זיך דער צדיק דערבאַרעמט איבער דעם קינד, עס איינגענומען און געשפּילט דערמיט ביז דאָס קינד איז איינגע=שלאָפן. ערשט דעמאָלט איז ער געגאַנגען צו „כל נדרי" [3]. דעם סאַ=סעווער צדיק האָט אַמאָל באַזוכט דער צדיק אויס זידיטשאָוו. האָט דער זידיטשאָווער געוואָלט צוזעען די התנהגות פונם סאַסעווער ביי חצות, וואָרעם מען פלעגט גאָר חדושים דערציילן וועגן דעם סאַסעווערס חצות=פּראַווען [4]. און וואָס דער זידיטשאָווער האָט אין דער דאָזיקער נאַכט ביים סאַסעווער געזען, ווערט אויסטערליש דערציילט ביי פּרצן אין זיין פּראַכטפולער דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער", — מיר דאַרפן עס דערפאַר דאָ ניט איבערדערציילן. באַזונדערס טיפּיש איז פאַר דעם סאַסעווער צדיק פאָלגנדיקע מעשה, וואָס געפינט זיך אפילו אין געווי=סער סתירה מיטן יידישן לעבנסשטייגער. דער סאַסעווער האָט שטאַרק

---

1 מעשה צדיקים, 35 (לויט לובלינער אויסגאַבע, 1900).

2 סדר הדורות החדש, לג—לד (לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע, 1865); זע אויך מעשה צדיקים, 38.

3 מעשה צדיקים, 35.

4 מעשה צדיקים, 37—38.

געהאַלטן פון דער מצוה הכנסת כלה און פלעגט פיל זיך מתעסק זיין מיט אָרעמע חתונות. אויף איינער אַזאַ חתונה, — דערציילט דער „קהל חסידים", — האָט דער צדיק פון סאַסעוו זיך שטאַרק משמח געווען „בהכנסת כלה לחופה בכלי-זמר"; די כלי-זמר האָבן געשפּילט און דער צדיק האָט געטאַנצט, משמח געווען דעם חתן מיט דער כלה. „איך וואָלט מיר געוווּנטשן, — האָט דערביי דער צדיק געזאָגט, — אַז ביי מיין לוויה, ווען מע וועט מיך צו דער קבורה אויפן בית-עלמין פירן, זאָלן די כלי-זמר דעם זעלבן חתונה-ניגון שפּילן. און דעם צדיקס ווונטש איז טאַקע מקוים געוואָרן. אין דעם ווינטער-טאָג, ווען מען האָט דעם סאַסעווער צו קבורה געפירט, איז עטלעכע וויאָרסט ווייט פון סאַסעוו געשטאַנען אַ שליטן אויסגעזעצט מיט כלי-זמר, וואָס האָבן געזאָלט פאָרן אויף אַ חתונה. פּלוצלינג האָבן די פערד אַ ריס געטאָן אָרט געגעבן און זיך געלאָזט לויפן ווי אַ פייל אויסן בויגן און שטיין זיינען זיי געבליבן פונקט ביים בית-הקברות, וווּ מען האָט געזאָלט דעם צדיק מקבר זיין. אַז די כלי-זמר האָבן דערזעען דעם גרויסן עולם ביים בית-הקברות און זיך דערוווּסט, ווער דער בר-מינן איז, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין דעם צדיקס ווערטער אויף יענער חתונה. האָט מען ביים בית-דין געפרעגט, און יענער האָט געפּסקנט, אַז מע דאַרף מקיים זיין דעם צדיקס ווילן; און אַזוי האָט מען דעם סאַסעווער מקבר געווען אונטער די טענער פון דעם חתונה-ניגון [1]...

אין גייסטיקער קרבות מיט דעם סאַסעווער צדיק האָבן זיך געפונען אַזוינע אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן, ווי זאב-וואָלף זבאַריזער (דער זון פון דעם בעש"טס באַוווּסטן תלמיד יחיאל-מיכל זלאָטשאָווער), מנחם-מענדל אויס קאָסאָוו און מאיר אויס פּרעמישלאַן. זאב-וואָלף זבאַריזער פלעגט ניט דערלאָזן, מען זאָל אויפהייבן אַ בייטש אויף אַ פערד „משום צער בעלי-חיים" [2]. אַ מאָל איז צו אים געקומען איינער פון זיינע מקורבים, וואָס איז ביי אים שטאַרק חשוב געווען, האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף זיין שותּף און געבעטן דעם צדיק, ער זאָל יענעם באַשטראָפן. „וואָס מיינסטו — האָט דער צדיק געזאָגט, — ווייל דיין חבר איז ניט מאַנשי שלומי, האָב איך אים דערפאַר ווייניקער ליב ווי זיך? חס וחלילה! ביי מיר איז אהבת ישראל צו אַלעמען גליך, — פאַר וואָס זשע זאָל איך

---

1 קהל חסידים החדש, 58 (פּשעמישלער אויסגאַבע, 1902).

2 אויך הענן משה-ליב אויס סאַסעוו דערציילט מען, אַז ער פלעגט אַ-ומגיין אויף די ירידים און דאָ ער פלעגט דערזעען אַ געבונדן קעלבל, אָדער אַ שאָף אויף אַ װאָגן, פלעגט ער גלייך ברענגען אין אַ עמער וואַסער אָנטרינקען די בהמה, כּדי זי זאָל קיין צער ניט האָבן.

אויף דיין שותּף צערנען ?!" [1]. איין מאָל ווינטער איז דער צדיק געפאָרן מיט אַ בעל-עגלה אין אַ גרויסן פראָסט אויף אַ ברית-מילה. געקומען צו פאָרן, איז דער צדיק גלייך אַריין אין שטוב; ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז דער בעל-עגלה איז געבליבן אין דרויסן אויפן גרויסן פראָסט ביי די פערד. קיינער האָט ניט געמערקט, ווי דער צדיק איז באַלד פון דער שטוב אַרויס און געזאָגט דעם בעל-עגלה, ער זאָל אויף אַ ווײַלע אַריינגיין אין שטוב זיך אָנוואַרעמען. זאָגט אים דער בעל-עגלה: איך קאָן דאָך די פערד ניט אַזוי לאָזן מחשש גניבה. ענטפערט אים דער צדיק: גיי אויף אַ ווײַלע זיך אָנוואַרעמען און איך וועל דער-ווייל אויף די פערד השגחה געבן. דער בעל-עגלה האָט אין דער התחלה זיך אָפּגעזאָגט, נאָר אַז דער צדיק איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן, האָט יענער איינגעוויליקט און איז אַריין אין שטוב. דאָרט האָט ער זיך אָנגעוואַרעמט, מען האָט אים אויך עסן געגעבן און דער בעל-עגלה האָט גאָר פאַרגעסן, אַז אין דרויסן וואַרט אויף אים דער צדיק ביי די פערד. ס'איז אַזוי פאַרגאַנגען אַ לענגערע צייט. אין שטוב קאָן מען גאָרנישט פאַרשטיין, וווּהין דער צדיק איז אַהינגעקומען, ביז מען איז אַרויס אויף דער גאַס און מען טרעפט אים אַ האַלב דערפראָרענעם פאַר קעלט ביי די פערד. פרעגט מען אים פאַרוווּנדערט: רבי, וואָס טוט איר אין דרויסן ? ענטפערט ער בתּמימות: איך האָב דאָ אַריינגעשיקט דעם בעל-עגלה אין שטוב, ער זאָל זיך אין שטוב אָנוואַרעמען, און איך בין געבליבן די פערד היטן, איז ער נאָך ניט צוריקגעקומען [2]. אַן אַנדערש מאָל, דערציילט דער „סדר הדורות החדש", האָט זיך דעם זבאַריזער צדיקס ווייב צעקריגט מיט איר דינסט; איינע האָט געהאַט צו דער אַנדערער טענות און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט צום בית-דין אויף אַ דין-תּורה. זעט די ווייב, ווי דער צדיק נעמט דעם טיזליק און לאָזט זיך אויך גיין מיט זיי. זאָגט זי אים: דאַרפסט ניט גיין, איך וועל שוין אַליין קענען זיך אויסטענהן. ניין, — ענטפערט דער צדיק, — איך גיי דאָך ניט צוליב דיר, נאָר צוליב דער דינסט, דער יתומה, באַשיצן אירע אינטערעסן... אין שטאָט, — דערציילט ווייטער דער „סדר הדורות החדש", — האָט אַ קאָמפּאַניע יונגע לייט געשפּילט גאַנצע נעכט אין קאָרטן. איז מען געקומען צום צדיק און זיך געקלאָגט אויף אַזאַ הפקירות. דער זבאַריזער אָבער, וואָס פלעגט יעדן בן-אדם לכף זכות, ענטפערט דערויף בתּמימות: ס'איז דאָך קלאָר, יידן ווילן דינען דעם בורא ניט בלויז ביי טאָג, נאָר אויך דורך

---

1 סדר הדורות החדש, כ״ד.

2 דאָרטן, כ״ד.

די נעכט, געוויינען זיי זיך דערפאר אויף־צו־זיין גאנצענע נעכט, און ווען דאס וועט ביי זיי ווערן א הרגל־זאך, וועלן זיי א וודאי טאן תשובה שלימה און דינען יומם־ולילה דעם בורא יתברך שמו.

ניט וויניקער טיפיש זיינען די מעשיות, וואס ווערן דערציילט וועגן דעם צדיק מנחם־מענדל אוים קאסאוו. שורש דברים — דער עיקר פון אלץ, פלעגט ער זאגן, איז אהבת ישראל. און עס ווערן וועגן אים דערציילט די וואונדערבארסטע מעשיות, מיט וואס פאר א מסירות נפש ער פלעגט מענטשן פון זייער נויט ארויסהעלפן 1. כאראקטעריסטיש פאר זיין וועלט־באנעם איז פאלגנדיקע מעשה: אמאל איז צו אים געקומען א גרויסער גביר מאנשי שלומיו, פון זיינע איבערגעגעבענע חסידים. דער צדיק פארפירט מיט אים א פריינדלעכן שמועס, און פרעגט אים, אגב: קענסטו דעם און דעם מלמד, וואס וואוינט אין דיין שטאט, ער איז אויך פון אונזערע חסידים, — ווי לעבט זיך אים דארטן? שווייגט דער גביר, ווארעם ער האט גאר קיין באגריף ניט געהאט וועגן דעם קבצן דעם מלמד, וואס האט געוואוינט אין א הינטערגעסל אין עק שטאט. פרעגט אים דער צדיק דאס צווייטע מאל וועגן דעם מלמד, — איז זיך דער גביר מודה: איך קען אים ניט, איך האב מיט אים קיינמאל קיין עסקים ניט געהאט און כ'האב אפילו ביז איצט ניט געוווּסט, אז דער דאזיקער מלמד וואוינט אין מיין שטאט. ענטפערט אים דער צדיק מיט ווייכע ווערטער: דו דארפסט זיך דאך שעמען! זע, גאט האט דיך מזכה געווען, זאלסט זיין א גביר בישראל, און דו ווילסט גאר פון דיינע ברידער ניט וויסן? אפילו מענטשן מיט איין דעה, ביידע זייט איר מיינע חסידים — און איינער ווייסט ניט פונם אנדערן. ווי אינטערעסירסטו זיך ניט צו וויסן, ווי אזוי עס לעבן אין דיין אייגענער שטאט דיינע ארימע ברידער, בכדי דו זאלסט זיך באטייליקן אין זייערע צרות, שטיצן און העלפן זיי מיט וואס נאר דו קענסט? דערויף האט דאך גאט דיך געבענטשט מיט גרוים עשירות, זאלסט זיין אן אלוף וראש, זאלסט שטיצן ארעמע לייט ותדרוש שלומם. ס'איז דאך א בושה, וואס דו ווייסט אפילו ניט, ווי עס לעבט זיך דעם מלמד, וואס געהערט מיט דיר צו איין מחנה; ער קאן דאך אזוי אויסגיין פאר הונגער און קעלט, אומקומען פאר דער צייט, און דו וועסט וועגן דעם אפילו ניט וויסן. ווילסטו זיין א מענטש לייטן גלייך, דארפסטו נעמען נאענט צום הארצן די לאגע פון דיינע ברידער, און דער קבצן, וואס גייט קרוע בלוע, דארף ביי דיר זיין ניט וויניקער חשוב, ווי דער גרויסער גביר 2.

---

1 זע מעשיות מהגדולים והצדיקים, 13—15; סדר הדורות החדש, לד—לח.

2 סדר הדורות החדש, ל"ה.

וועגן מאיר אוים פרעמישלאַן ווערט דערציילט, אַז ער פלעגט אפילו מקרב זיין צו זיך נישט־יידן באַגלייך מיט יידן אָן אונטערשייד. „דאָס, — פלעגט ער זאָגן, — לערן איך פון גאָט, ברוך הוא. עס שטייט דאָך וועגן אים: „אתה שומע תפלת כל פה״ — דו פאַרנעמסט די תפילה אויס יעדערנס מויל, עס איז בכן ביי אים קיין אונטערשייד נישט צווישן איין אמונה און דער אַנדערער, כי רחמנא לבא בעי [1].

די דאָזיקע אייגנאַרטיקע „אוהבי ישראל״ זיינען ליטעראַריש גאַנץ ווייניק טעטיק געווען, און די חבורים, וואָס זיי האָבן אפילו יאָ געשריבן, זיינען פון קנאַפּן באַדייט [2]. זיי האָבן אָבער אויך געהאַט זייער טעאָרע־טיקער; דאָס איז דער באַשעפער פונם „קדושת לוי״, דער באַוווּסטער בערדיטשעווער רב ר׳ לוי־יצחק.

לוי־יצחק בן מאיר איז געבאָרן אין זאַמאָשץ [3] אין אַ חשובער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ למדן, און אין „קדושת לוי״ פאַררופט זיך אָפט דער זון אויף זיין פאָטערס אויסטייטשן פאַרשיידענע שטעלן אין דער תורה. שוין בחור־ווייז האָט לוי־יצחק געשמט אַלס עלוי און גרויסער למדן [4] און נאָך גאָר אַ יונגער מאַן איז ער שוין געווען בעל־דרשן אין פינסק. די ערשטע יאָרן נאָך דעם בעש״טס טויט האָט דער פינסקער בעל־דרשן, וואַרשיינלעך, אַדאַנק דער אַגיטאַציע פון דעם מגיד דוב־בערס משולחים, זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יונגער חסידישער באַוועגונג. ער האָט בסוד, די קהילה זאָל נישט וויסן און אים נישט חושד זיין אין „מינות״, אָנגעפאַנגען צו פאָרן קיין מעזעריטש, וווּ ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם בעש״טס און דעם מגידס תורה. אין 1771 האָט אים די פינסקער קהילה אויסגעקליבן פאַר אַ רב; אין אַ יאָר אַרום האָבן זיך אָבער אָנגעפאַנגען די רדיפות קעגן דער נייער „כת״; דער ווילנער גאון איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע חרמות און מען האָט אין די ליטווישע קהילות מיט גרויס התלהבות געזוכט און גענישט־מערט נאָך די פאַרבאָרגענע אָנהענגער פון דער „אפיקורסישער״ נייער באַוועגונג. פינסקער קהילה האָט זיך אויך דערוווּסט פונם סוד, אַז איר

---

1 מעשיות מהגדולים והצדיקים, 28. ווייטערע מעשיות וועגן דעם צדיק אויס פרעמישלאַן זע: דאָרטן, 23—24, 28, 31—32.

2 משה־ליב סאַסאָווער האָט געשריבן אַ קליינעם חיבור אויף תורה „ליקוטי רמ״ל״, און מנחם־מענדל קאָסאָווער האָט פאַרפאַסט אַ ספר „אהבת שלום״.

3 דאָס יאָר פון זיין געבורט איז נישט פעסטגעשטעלט (פּיי דובנאָוו — בערך 1740).

4 אפילו אַזאַ פאַרביסענער קעגנער, ווי דער בעל „זמיר עריצים״, מוז אָנער־קענען, אַז ר׳ לוי־יצחק איז „פול מיט תורה״ (אשר מלא תורה לו משפט הבכורה).

רב געהערט צו דער „כת",—האָט מען אים גלייך אָפּגעזאָגט פון רבנות [1]. די גרויסע רדיפות קעגן די חסידים האָבן אים געצווונגען צו פאַרלאָזן ליטע און ער האָט זיך באַזעצט אין זשעליכאָוו (שעדלעצער גובערניע). אויך דאָרט האָט ער געהאַט פיל אויסצושטיין פון די מתנגדים; אין 1780 האָט ער געמוזט פירן אַן עפנטלעכן דיספּוט מיט דעם באַוווּסטן חסידות־קעגנער דעם בריסקער רב אברהם קאַצענעלענבויגן [2]. רו און גרויס כבוד האָט ער ערשט באַקומען, ווען ער האָט זיך אין די 80קער יאָרן באַזעצט אין בערדיטשעוו, ווו ער איז געוואָרן ניט בלויז דער אָנערקענ־טער פירער פון די וואָלינער חסידים, נאָר אויך דער העלד פון פיל־צאָליקע פאָלקס־לעגענדן. לויט זיין סדר לעבן און זיין גאַנצער התנהגות האָט ר' לוי־יצחק בערדיטשעווער געהאַט פיל ענלעכקייט מיטן באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג. אָנגעטאָן אין טלית און תפילין פלעגט ער ליב האָבן פירן שמועסן מיטן פשוטן עולם ווען אַלץ אין דער וועלט (מעניני העולם ועניני ארציות) [3], וואָרום, — פלעגט ער איבערחזרן דעם בעש"טס מימרא, — גאָט דינען קאָן מען אויף פאַרלייַ דרכים, ניט בלויז דורך תפילה, נאָר אַפילו מיט וואָכעדיקע שמועסן אין מאַרק. ער האָט זיך אויך פעסט געהאַלטן אָן דעם בעש"טס טעזיס, אַז גאָט דינען קאָן מען נאָר מיט שמחה. ער פלעגט ליב האָבן אַרומצופאָרן מיט זיינע מקורבים איבער די שכנותדיקע שטעט און דערפער, צו פאַרפאָרן צו איינעם פון זיינע חסידים מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע. און דאָ איז קודם־כל געגאַנגען די מיסטעריע: ער פלעגט תפילה טאָן מיט אַזאַ גוואַלדיקער התלהבות, אַז אַלע אַרום האָבן געשטוינט און פול געווען מיט פּחד; דערנאָך האָט זיך אָנגעפאַנגען די רײַשיקע סעודה, ווו דער צדיק פלעגט זיך משמח זיין מיט דעם גאַנצן עולם און מען פלעגט גאָט דינען מיט טאַנץ און געזאַנג... זיין ווייכהאַרציק באַנעמען, זיין ליבע און איבערגע־געבנקייט דעם פשוטן פאָלק, די אויסערגעוויינלעכע פשטות און התלהבותדיקער בטחון, מיט וועלכן ער פלעגט אַפּעלירן אין זיינע תפילות

---

1 ניט קיין קליינע ראָלע האָט דערבײַ געשפּילט דער אויבן דערמאָנטער אביגדור (זע אויבן ז' 128)

2 אַלס המשך פון דעם דאָזיקן ויכוח האָט דער בריסקער רב אין 1784 אַרויסגעלאָזט אַן עפנטלעכן ויכוח־בריוו „לכבוד הרב מו"ה לוי יצחק אב"ד וק"ק זעליחאָוו" מיט טענות קעגן די חסידים און זייער שטה. דער בריוו איז אויפגעהיט אין דוד מאַקאָווערס „שבר פושעים" (זע ווייטער) און אין אַ צווייטער אַנטיחסידישער זאַמלונג „מחשבות כסילים" (זע העבר, ב' II, Chassidiana, 31); דביר, I, 297; ש. דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, I, 248—254.

3 זע „סדר הדורות ההיש", ט"ז.

צום שומר ישראל — דעם באַשעפער פון דער וועלט, האָבן אים געמאַכט פאַר די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייט אין דער אומגעגנט. זיין וועלט־באַנעם, זיין „אני מאמין", האָט ער איבערגעגעבן אין זיין ווערק „קדושת לוי" — אַ זאַמלונג פון דרשות, וואָס ער פלעגט האַלטן יעדן שבת צו שלש סעודות [1].

בנוגע דער גרונד־פראַגע, וואָס פאַרנעמט דעם צענטראַלן פּונקט אין דער חסידישער ליטעראַטור — וועגן דעם צוועק פון „מעשה בראשית" און תכלית בריאת העולם, שטיצט זיך דער בעל „קדושת לוי" אויף דער תורה פון זיין רבין, דעם מעזעריטשער מגיד, אויף וועלכן ער פאַר־רופט זיך טאַקע גאַנץ אָפט [2]. די דאָזיקע תורה באַקומט אָבער ביי אים אַן אַנדער באַלייכטונג, ווערט באַשיינט מיט ווייכע ליבעפולע שטראַלן...

דהִנֵּה ידוע — דאָס איז דאָך באַוווּסט, — דערקלערט דער בעל „קדושת לוי", — אַז אַלע וועלטן זיינען באַשאַפן געוואָרן פון דער ערדי־שער וועלט וועגן, אויף וועלכער דער מענטש טוט גאָט דינען [3]. כי עיקר מלכותו כביכול ברוך הוא — די געטלעכע בחינה פון מלכות אַנטפּלעקט זיך דאָך ערשט דורכדעם, וואָס דער מענטש טוט אים אויף דער ערדי־שער וועלט דינען; ערשט דורך דעם מענטשן ווערט גאָט באַגלייט מיטן נאָמען מלך — כי מֶלֶךְ הוא ע"י עָם. עס מוז ערשט זיין דאָס פאָלק, וואָס זאָל דעם מלך אָנערקענען פאַר אַ קיניג איבער זיך, און דאָס איז אַ גרויסער כלל בעבודת הבורא, אַז דער מענטש דאַרף שטענדיק געדענקען, דאָס אַלע זיינע באַוועגונגען, אַלע זיינע מעשים — עושים רושם למעלה [4]. אָנו ממליכים את ד' אלהינו — מ י ר מאַכן גאָט איבער אונז קיניגן — זה הוא תכלית הבריאה, אָט דאָס איז דער צוועק פון וועלט־באַשאַף — יתגלה מלכותו, עס זאָל אַנטפּלעקט ווערן זיין קיניגליכע מאַכט [5]. גאָט יתברך מוז אָבער פירן זיין וועלט לויט די קרעפטן פון די מקבלים, ד"ה, לויט די כוחות פון די באַשעפענישן, און ניט לפי כוחו האָין־סוף [6]. ביים שם הויה איז ניט שייך קיין שום מידה —

1 צום ערשטן געדרוקט אין סלאַוויטע 1798.

2 שמעתי מהצדיק אדוני מורי ורבי דוב־בער נשמתו בגנזי מרומים („קדושת לוי", פ' לך לך); שמעתי ממורי הקדוש בוצינא קדישא המגיד מו"ה דוב־בער (פ' ויצא) און נאָך פיל אַנדערע ערטער.

3 דאָרטן, פרשה בראשית.

4 דאָרטן, פ' שלח.

5 דאָרטן, לקוטים.

6 דאָרטן, פ' כי תשא.

קיין שום מאָס און גבול 1, ערשט דורך צמצום איז עמאַנירט געוואָרן (נאצל) די ערשטע קראַפט — זהו בחינת אלהים, די בחינה, וואָס מיר באַקרייגען מיטן נאָמען „אלהים" און „אדוני". דער נאָמען „אדוני" ווייזט אָבער אויף די מידה פון מלכות. דערפאַר הייסט ער אלהינו, אונזער גאָט. דערויף זאָגט דער פסוק: אני ד' אלהיכם — שכל הסיבות הסובבים הם בשבילנו — אַלע סיבות, אַלץ, וואָס קומט פאָר, איז צוליב אונז, צוליב די מענטשן ווענן 2.

אָט דער דאָזיקער אַנטראָפּאָצענטרישער געדאַנק ווערט אין דעם „קדושת לוי" אויף אַ גאַנץ אויסטערלישן אופן נאָך ווייטער אַנטוויקלט. דער מענטש,—דערקלערט ר' לוי יצחק,—איז דערפאַר די מאָס פון אַלע ווערטן, דער פּרוּווּשטיין פון אַלע בחינות און מדרגות. טוט דער מענטש מיט זיין אויג גוטס אויף דער וועלט — ווערט דאָס אויג אײַנגעקריצט אין די עולמות העליונים; אָט דאָס זיינען די „עיני ד'" — גאָטס אויגן לויט דעם מענטשנס באַגריפן; טוט אָבער דעם מענטשנס אויג שלעכטס חלילה, בלייבט דאָרט דאָס געטלעכע אויג פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן. דאָס זעלבע איז אויך מיטן אויער פונם מענטשן: דורך דעם, וואָס דער מענטש רופט מיט זיינע תּפילות צו גאָט, שאַפט ער אין די הייכן דעם הערנדיקן אויער, וואָס פאַרנעמט דעם מענטשנס געשרייען און געבעטן. אָט דאָס איז דער טיפער מײַן פון דעם מאמר חז"ל: דע מה למעלה ממך,—דאָס דאַרף מען אַזוי דערקלערן — אַלץ וואָס אין די הייכן איז דורך דיר געשאַפן 3.

ווי ביים מגיד דוב-בער, אַזוי ווערט אויך ביי זיין תּלמיד, דעם בעל „קדושת לוי", דער בן אדם, דער יחיד, צונויפגעשמאָלצן מיטן קאָלעק־טיוו, מיטן באַגריף „כּנסת ישראל". די אַנטפּלעקונג פון דער גאָטהייט איז דאָך די תּורה, און די תּורה האָט אָנגענומען און איז זי מקיים רק

---

1 קדושת לוי, לקוטים צו פ' בראשית.

2 דאָרטן, לשבת נחמו.

3 דאָרטן, פ' מצורע: ונמצא מה שהאדם עושה טוב עם העין אז העין חקוק למעלה... וזה כונת הכתוב עיני ד' אל צדיקים, כלומר מהיכן הם עיני ד'? על זה אמר— מהצדיקים שעושים טוב עם העין. ולכן יש למעלה עין, ואזניו, כלומר מהיכן הם אזניו? על זה אמר על שועתם, כלומר מאילו שהם צועקים להשי"ת... וזה כונת חכמינו ז"ל: דע מה למעלה ממך, כלומר מה שהיא למעלה הכל ממך ממה שאתה עושה למטה חקוק למעלה, ותדע עין רואה ואוזן שומעת כלומר: שהעין שלמעלה רואה ואוזן שלמעלה שומעת, ומהיכן בא למעלה אוזן או עין? הוא ממעשיך שאתה עושה.

דאָס פֿאָלק ישראל — נשמת ישראל היא גוף התורה [1], איז דאָך בכן דאָס פֿאָלק ישראל די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער גאָטהייט אויף דער וועלט. ווערט דער „קדושת לוי״ ניט מיד איבערצוחזרן: הנה ידוע כי באמת כל העולמות לא נבראו אלא בשביל ישראל, הם העיקר הגורם לבריאת העולם [2]; יסוד כל העולמות הוא כנסת ישראל [3]. אמת, זאָגט דער „קדושת לוי״, עס קאָן דאָך אייגנטלעך קשה זיין: מה יה להשם יתברך לבני אדם? עס זיינען דאָך פֿאַראַנען אַזוי פֿיל מלאכי השרת, וואָס טוען פּרייזן און לויבן דעם בורא עולם? דער בורא יתברך איז אָבער לויט זיין מהות די שטענדיק שאַפֿנדיקע קראַפֿט. דער בורא יתברך, — לערנט דער „קדושת לוי״, — הוא ברא הכל והוא הכל, און זיין השפעה ווערט קיין מאָל ניט אונטערבראָכן, וואָרום אין יעדער רגע טוט ער פֿאַרשפּרייטן זיין גרויסע שפע אויף זיינע באַשעפֿענישן, אויף אַלע וועלטן און אויף אַלע היכלות [4]; ער איז שטענדיק משפּיע, ווייל,—דערקלערט דער בעל „קדושת לוי״,—דער בורא עולם וויל, עס זאָל זיין, ווער עס זאָל זיין שפע קאָנען אויפֿנעמען (הבורא חפץ שיהיה לו מקבל להשפיע) [5]. הקב״ה ווערט טאַקע אָנגערופֿן „הגדול הגבור והנורא״, עס שטייט טאַקע וועגן אים „לו דומיה תהלה״, און דאָך געפֿינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן די רייד פֿון זיין פֿאָלק ישראל, און אפילו פֿון דעם קטן שבקטנים, פֿון דעם וואָס איז ח״ו אויף דער לעצטער שטאַפּל (בדיוטא התחתונה) האָט גאָט ברוך הוא גרוים פֿאַרגעניגן [6].

לויט דעם וועלטבאַנעם בונם בעל „קדושת לוי״, איז חקב״ה שטענדיק משפיע טובות על ישראל, און דאָס איז טאַקע זיין תענוג, כביכול, „שישראל מקבלים ממנו שפע״, טאַקע ווי אונזערע חכמים זאָגן: מער ווי דאָס קעלבל וויל זויגן, וויל די קו אָנזויגן (יותר ממה שהעגל רוצה לינוק פרה רוצה להניק) [7]. און דער תענוג נעמט זיך דערפֿון, וואָס גאָט ברוך הוא „אין לו שלימות עד שישראל מקבלים ממנו והוא משפיע עליהם״ [8] — די געטלעכע פֿולקומענהייט אַנטפּלעקט זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער איז משפיע אויף ישראל, און זיי נעמען פֿון אים די שפע אויף.

---

1 קדושת לוי, פ׳ במדבר.
2 דאָרטן, פ׳ וארא, פ׳ בראשית.
3 דאָרטן, פ׳ ויצא.
4 דאָרטן, אָנפֿאַנג פ׳ בראשית.
5 דאָרטן, לראש השנה.
6 דאָרטן, פ׳ ויחי.
7 דאָרטן, פ׳ נשא.
8 דאָרטן, פ׳ וירא.

דער פרומער און גאָטספאַרכטיקער בעל „קדושת לוי" שטרייכט טאָקע יעדעס מאָל אונטער, אַז אַלץ געשעעט דורך גאָטס פ ר י י ע ן ווילן, און דאָך שטייט ער פּאַקטיש, ווען אומבאַוווּסט אַפילו, אויף דעם שטאַנד־פּונקט פון חסדאי קרֶשׂקשׂ, אַז גאָט מ ו ז לויט זיין מהות אומאויפהער־לעך זיין דער משפּיע, און זיין פולע שלימות אַנטפּלעקט זיך ערשט אין דעם, וואָס ער איז דער ב אַ ש ע פ ע ר, דער שטענדיקער קוואַל פון שטראָמענדיקער שפע. און גאָט איז משפּיע רק דאָס גוטע; פון אים, דעם השם יתברך, לא יבוא רע כלל להעולמות, און דאָס, — דערקלערט דער בעל „קדושת לוי", — וואָס אונז אין דער נידער דאַכט זיך, אַז ס'איז שלעכטס, פירט עס אין דער אמתן רק צו גוטן; און ווער ס'האָט אָפענע אויגן און דרינגט מיט זיי אַריין אין די הייכן, דער ווייסט, אַז אַלץ איז צו גוטן [1]. וואָרעם די אַנטפּלעקונג פון דער גאָטהייט איז דאָך אויס לויטער ל י ב ע. אַפילו דאָס, וואָס השי"ת האָט צעשטערט אונזער בית המקדש, — לערנט ר' לוי־יצחק, — און מיר יידן זיינען אין גלות, — דאָס אַלץ איז געווים אַ טובה פאַר יידן [2]. די בלעטער פונם „קדושת לוי" שימערירן מיטן פריידיקן אָפּטימיזם, וואָס שטיצט זיך אויפן באַוווּסטזיין, אַז „יש אהבת הבורא ברוך הוא" — אין אַלץ שפּירט זיך גאָטס ליבע [3]. בנוגע צו גאָט ברוך הוא קאָן דאָך קיין רייד ניט זיין ניט וועגן גרענעצן און ניט וועגן מידות, וואָרעם ער איז דאָך דער אין־סוף; ווען ער האָט אָבער מיט זיין איינהייטלעכן ווילן (ברצונו הפשוט) באַשלאָסן, עס זאָל זיך אַנטפּלעקן די מידה פון ליבע, כדי „לאהוב את ישראל", האָט ער עמאַנירט (האציל) די בחינה פון ליבע, און דאָס ווערט אָנגערופן „עולם האצילות"; דערנאָך האָט זיין ווילן באַשלאָסן אַלע וועלטן צו באַשאַפן און זיין גאָטהייט אויף דער וועלט צו אַנט־פּלעקן — און דאָס ווערט אָנגערופן „עולם הבריאה", און דאָס, — איז מוסיף דער „קדושת לוי", — איז נאָך פאַרויס באַשטימט געווען אין דער מחשבה שיתגלה א ה ב ת ו ב כ ו ל ם, — אַז זיין ל י ב ע זאָל זיך אין אַלע וועלטן אַנטפּלעקן [4], וואָרעם דער אָנפאַנג פון דער אַנטפּלעקטער געט־לעכער מחשבה איז די ליבע [5]...

---

1 קדושת לוי, פ' חקת, זע אויך: דאָרטן, לראש השנה: ח"ו מאת (פינם אין־סוף) לא תצא רעה, הכל תלוי מאיכות המקבלים; דאָרטן פ' פקודי: העיקר מה שהשם יתברך שולח רעה לישראל הוא שמתוך כך יבוא מזה טובה לישראל.

2 דרוש צו מגילת איכה.

3 דאָרטן, פ' משפטים.

4 דאָרטן, פ' בשלח: וזה היה קדומה במחשבה שיתגלה אהבתו בכולם.

5 דאָרטן, לשבועות.

ווי דער „נועם אלימלך״ איז דער „שיר השירים״ דאָס ליבגעזאַנג לכבוד דעם צדיק מיט זיינע וווּנדער, אַזוי איז דער „קדושת לוי״ אַ שיר השירים פון „אהבת ישראל״, וואָס ווערט געהייליקט און דערהייבן דורך דעם צוזאַמענבונד מיט גאָטס ליבע און דער ליבע צו גאָט. ליבע—איז דער עיקר. זי דרינגט דורך די גאַנצע וועלט, זי איז די אור-סיבה פון „מעשה בראשית״, אויס ליבע איז דאָס פאָלק ישראל און אַלץ אין דער וועלט געשאַפן. דערפאַר, — חזרט דער „קדושת לוי״ איבער, — איז פונם בורא ברוך הוא עמאַנירט (נאצל) געוואָרן די מידה פון ליבע אויף דער וועלט, „רק לאהבה את ד׳״, בכדי גאָט צו ליבן [1]. אסור לאדם לומר, דער מענטש טאָר ניט זאָגן, אַז עס איז פאַראַן אַ וועלכע-ס׳איז זאַך אויף דער וועלט, וואָס עס שפּירט זיך אין איר ניט דער געטלעכער אָטעם; דער מענטש דאַרף זיך פאַרטיפן אין דער פנימיות פון דער דאָזיקער זאַך, דאַן וועט ער אין איר די פונקען פון ליבע דערזעען; דאַרף דער מענטש נעמען אָט די דאָזיקע ליבע-פונקען און מיט זיי גאָט דינען [2]. דער כהן אין בית-המקדש, — ווייזט אָן דער „קדושת לוי, — ווען ער האָט אַפילו געטאָן די עבודה און האָט מקריב געווען די קרבנות, איז זיין עבודה ניט געווען קיין פולשטענדיקע (לא היתה עבודתו שלימה), אויב ער האָט זיך ניט דורכגעדרונגען מיט אהבת ישראל״. וואָרעם יע-דער פּריסטער, וואָס איז ניט פול מיט ליבע צו זיין פאָלק—איז זיין גע-בעט גאָרנישט ווערט, ווייל הקב״ה האָט דאָך אַלץ באַשאַפן אויס ליבע, אויס אהבת ישראל [3]. ליבע — דאָס איז, לויט לוי-יצחקס וועלטבאַנעם, אַ כלי פאַרן געטלעכן ליכט און אַפילו תאוות גשמיות זיינען אויך אַ כלי פאַר דער ליבע, און אַזוי קומט דער מענטש דורך די תאוות הגשמיות לידי אהבת הבורא [4]...

אין קעגנזאַץ צו זיין רבין, דעם מגיד דוב-בער, וואָס לערנט, אַז אהבת הבורא קומט ערשט דורך יראת ד׳ [5], לערנט דער בעל „קדושת לוי״: עס זיינען פאַראַן צוויי מינים עובדי ד׳: איינער דינט אויס יראה, דער אַנדערער אויס ליבע, און דער אונטערשייד צווישן זיי איז אָט וועלכער: דער, וואָס איז עובד מיראה, דער פילט זיך דאָך אַלס אָפּגע-זונדערטן יש, וואָס פאַרבט זיך פאַר עפּעס, וואָס איז העכער און

---

1 קדושת לוי, לשבועות.

2 דאָרטן, פ׳ תרומה.

3 דאָרטן, פ׳ תצוה: כי כל כהן דלא רחים לעמא לאו פולחניה כלים.

4 דאָרטן, פ׳ נח.

5 זע אויבן, ז׳ 92. דער „קדושת לוי״ ברענגט אַפילו דעם מגידס מימרא וועגן צוויי בחינות פון יראה: יראת העונש און יראת הרוממות (פ׳ קדושים).

שטארקער פון אים; דער אבער, וואס דינט אוים ליבע — הוא כאין לגמרי שאינו כלום, ער פארגעסט אינגאנצן אין זיין אייגענעם איך [1], ווארעם אמתע ליבע הייסט די, ווען דער מענטש דערגייט צו פולער התפשטות פון אלע זיינע מידות, דינט גאט מיט אלע זיינע אברים און באוועגונגען און פארגעסט אינגאנצן אין זיך [2]. יראה,—זי זונדערט אפ, און ליבע — זי באהעפט און פארבינדט [3]. ווער עס דינט מאהבה, דער איז „בבחינת תענוג", אבער ווער עס דינט אוים יראה, דער איז בבחינת בושה [4]. אפילו די „יראת הרוממות", די יראה, וואס שטאמט פון גרוים ערפורכט צו גאט „הנכבד והנורא" און ברענגט צו דער מדרגה פון „סור מרע", זי איז דאך פון „מדת הצמצום", זי ברענגט צו אפצאמונג און אפגעזונדערטקייט; עס איז אבער דא נאך אן אנדער בחינה, ווען דער מענטש ווערט בטל במציאות און טראכט גאר ניט וועגן זיך גופא (ואינו חושב כלל על עצמותו), — דעמאלט באקומט ער התלהבות צום בורא עולם, באקומט ליבע צום בורא, ברוך הוא. אויך די תפילה איז פון „מדת אהבה", נאר דורך ליבע דערגרייכט מען די מדרגה פון התלהבות בשעת תפילה; ווען דער מענטש גיסט אוים זיין געבעט „במסירת נפשו וגופו", ווערט אויסגעטאן פון זיין אייגענעם יֵש, באהעפט זיך „בחיים של אין־סוף ברוך הוא", דעמאלט טוט אויף אים נידערפליסן דאס געטלעכע ליכט פונם אין־סוף [5]. עס איז א פעסטגעזעצטער כלל,— דערקלערט דער „קדושת לוי", — אז דער, וואס דינט אוים יראה, דער איז בבחינת עֶבֶד, אבער דער, וואס דינט אוים ליבע, דער איז בבחינת בֵּן. און דאס פאלק ישראל האט טאקע מקבל געווען די תורה מאהבה [6]; דער חג השבועות — דער טאג פון מתן תורה איז אויך דער סימבאל פון מידת אהבה [7], און גאט, ברוך הוא, האט די יידן אויסגעלייזט פון מצרים אויך דורך דער בחינה פון ליבע. „מיינע קינדער טו איך אייך רופן", — האט גאט מיט זיין גרוים גענאד דערקלערט [8].

„צריכין לעבוד השם יתברך באהבה", — חזרט מערערע מאל איבער

---

1 קדושת לוי, פ' לך לך.

2 דארטן: אך האהבה האמיתית היא שצריך האדם להתפשט מכל המדות שלו ולעבוד את השם יתברך בכל אבריו ותנועותיו ולא ישאיר לעצמו כלום.

3 דארטן, לקוטים.

4 דארטן, פ' פנחס.

5 דארטן, פ' ויצא.

6 דארטן, פ' יתרו.

7 דארטן, לשבועות.

8 דארטן, פ' יתרו.

דער „קדושת לוי״, — גאָט דינען דאַרף מען רק אוים ליבע [1]. עס זיינען אָבער פאַראַנען צוויי מדרגות פון ליבע: איינער האָט ליב דעם השם יתברך באהבה גמורה דערפאַר, וואָס גאָט טוט באַוויליקן אונזער דינסט, שנותן לנו שכר וישלם לאיש כמעשהו, יעדער באַקומט געצאָלט פאַר זיינע מעשים, און פאַר דעם דערפילן גאָטס רצון איז אָנגעברייט „רב טוב״. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ גאַנץ אַנדערע, אַ פיל־העכערע מדרגה פון ליבע: די, וואָס ליבן דעם השם יתברך אויסשליסלעך פאַר זיין ליבע צו אונז, און ווען עס וואָרט אפילו אויף אונז דערפאַר קיין שום שכר ניט; פאַר זיין גרויסער ליבע אַליין איז ער ביי אונז האָלט, ליב און טייער; דערפאַר וואָס ער האָט זיין פאָלק ישראל מיט גרוים ליבע אויסדערוויילט, איז ער ביי אונז ליבער פון אַלץ [2]. אזא ליבע, — דערקלערט דער „קדושת לוי״, — איז געגליכן צו דער ליבע פון אַ חתן „המנשק את הכלה פה אל פה״, ניט ווי די, וואָס קושן דעם מאַכטהאָבער אין דער האַנט אין דער האָפענונג, אַז פאַר דעם ליבע־באַוויז וועט די דאָזיקע האַנט „תתן לנו שכר טוב״ [3]. אָט דאָס, — רופט פאַטעטיש אוים דער בעל „קדושת לוי״, — איז דער גרונדצוועק פון אונזער לעבן און דאָס גלוסט פון אונזער הארצן זיך מוסר נפש צו זיין מיט אונזער גאַנצן גייכט און נשמה בשביל אהבת בוראנו; און ווי ליב, זים און טייער זיינען ביי אונז אַלע צרות, וואָס קומען איבער אונז. און גרייט זיינען מיר שטענדיק צו גיין אין וואַסער און אין פייער, ווייל דווקא דורך די אַלע מכות ווערט געהייליקט און געאָכפּערט זיין גרויסער נאָמען [4]. די ליבע, — פאַרזיכערט דער „קדושת לוי״, — זי דערהייבט און הייליקט. געוויס, — ווייזט אָן דער „קדושת לוי״, — זיינען די מלאכים דורך זייער הייליקייט העכער פון די בני ישראל, אָבער ווען דער שם יתברך באַווייזט זיין ליבע צום פאָלק ישראל, דעמאָלט איז ישראל אדאנק דער נעטלעכער ליבע העכער פון אַלע מלאכי מעלה [5].

---

1 קדושת לוי, פ׳ מסעי און אין פיל אַנדערע ערטער.

2 דאָרטן, פ׳ ויחי: האוהבים השם יתברך מחמת אהבתו יתברך אותנו בלבד ואפילו אם לא יומשך לנו שום תשלום גמול על כל אהבתו יתברך אותנו בלבד — הוא החביב והנחמד והנעים ומחמת אהבתו בלבד אנו אוהבים אהבה שלימה ומאהבתו יתברך בלבד שבחר בעמו ישראל באהבה הוא החביב לנו מרוב כל. זע אויך דאָרטן, פ׳ וארא: והאדם צריך לעבוד את הבורא לא בשביל הנאת עצמו כלל רק כדי שיהיה להבורא תענוג בשבילו.

3 דאָרטן, דרושים לפסח, שיר השירים.

4 דאָרטן פ׳ שמות.

5 דאָרטן פ׳ בהעלותך.

טיפּיש איז פאַר ר' לוי יצחקן זיין פאַרהאַלטן צו די נסים פון דער תורה. ניט דער נס גופא,—לייענען מיר אינם „קדושת לוי",—דער־וועקט אין אונז דאָס געפיל פון פרייד; די שמחה איז דערפון, וואָס אין דעם נס אַנטפּלעקט זיך גאָטס ליבע צו דעם פאָלק ישראל. עס שטייט: זה היום — דאָס איז דער אָנזאָג פון גרויס פרייד און שמחה, די מאַניפעסטאַציע פון גאָטס ליבע צו זיין אויסגעוויילטן פאָלק [1]. דערפאַר, — דערקלערט ר' לוי־יצחק, — ווייל דאָס יידישע פאָלק איז געהייליקט דורך דער געטלעכער ליבע, אין שום אדם רשאי לומר על ישראל שום דבר רע — קיינער טאָר אויף יידן קיין שלעכט וואָרט ניט ריידן; מען דאַרף „רק ללמד זכות על ישראל" [2]. ווי דער בעש"ט בשעתו, אַזוי פאַרהאַלט זיך אויך ר' לוי־יצחק מיט גרויס רוגז צו די בעלי דרשנים, וואָס האַלטן אין איין שטראָפן דעם עולם. „יש ללמד זכות על ישראל, — זאָגט דער „קדושת לוי", — וואָס טוען ניט גאָט דינען בשלימות, ווי די מלאכי השרת, ווייל די יידן זיינען דאָך, נעבעך, טרוד מיט פּרנסה; דערפאַר האָט דאָך אויך משה רבנו גאָט נעבעטן „שיעמוד מנהיג על ישראל שילמד תמיד זכות על ישראל" [3]. אַזוי, — איז מוסיף ר' לוי־יצחק, — דאַרף זיך אויך נוהג זיין דער צדיק הדור. דער צדיק, — לייענען מיר אין „קדושת לוי", — איז תמיד קליין ביי זיך אין די אויגן [4], די ליבע צו גאָט איז ביי אים טייערער פון אַלע תענוגי עולם הבא [5], און דער איינציקער צוועק פון צדיק אין אַלע טעג פון זיין לעבן איז רק משפיע צו זיין „שפע ברכה", אַראָפּצוברענגען „רחמים וחסדים על ישראל" און שטענדיק מתפלל צו זיין צום שם יתברך „עבור טובות וברכות לישראל" [6]. און ר' לוי־יצחק איז געווען אַ נאה דורש ונאה מקיים. די חסידישע ליטעראַטור איז פול מיט אויסטערלישע מעשיות וועגן דער וווּנדערבאַרער התנהגות פונם „בערדיטשעווער רב", וועגן זיינע האַרציקע תפילות־פּראָטעסטן, אין וועלכע ער פלעגט זיך אויסטענהן מיט גאָט פאַרן געליבטן פאָלק ישראל [7], דערוויילן זיין

---

1 קדושת לוי, לקוטים.

2 דאָרטן, פ' בא.

3 דאָרטן, פ' פּנחס.

4 דאָרטן, לקוטים.

5 דאָרטן, שיר השירים.

6 דאָרטן, פ' בשלח.

7 אַלס אילוסטראַציע צו ר' לוי־יצחקס איינגאַרטיקע ויכּוחים מיט גאָט קאָן דינען זיין אַלעמען באַוווּסטער „קדיש" מיט דעם צריינפיר: איך לוי־יצחק בן שרה מבאַרדיטשוב בין געקומען פאַר דיר בעטן אויף כלל ישראל.

פאָלקס געזעצטיקייט און ווי שטאַרק דער פשוטער המון פאַרדינט, מען זאָל אויף אים שטענדיק מלמד זכות זיין. אַמאָל איז ר׳ לוי־יצחק פאַרבייגע־גענגען און צוגעזען, ווי אַ בעל־עגלה שטייט אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און שמירט מיט דזשעגעכץ די רעדער אין וואָגן. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ גרימצאָרן אַ רב פון דעם בעל „קב הישרם״ חדר וואָלט אָנגעפאַלן אויף דעם „גראָבן עם־הארץ״ און „פושע ישראל״, דעם בעל־עגלה. ר׳ לוי־יצחק האָט זיך אָבער דאָס צוגעזען און מיט התפעלות אויסגערופן: רבונו של עולם! זע, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק ס׳איז דיין פאָלק ישראל: אפילו ווען זיי שמירן די רעדער אין וואָגן, טוען זיי אויך תפילה טאָן פאַר דיר!

„כל ישראל עובדים את הבורא״, — רופט אויס ר׳ לוי־יצחק, — מען זאָל אָבער, חס ושלום, ניט מיינען, אז „אם לא היו עובדים לא היו נגאלים״, — אַז ווען ישראל זאָל גאָט ניט דינען, וואָלט די גאולה ניט געקומען. ר׳ לוי־יצחקס אָפּטימיזם איז אַזוי גרויס, אַז ער איז זיכער, אַז ווען אפילו ישראל וואָלט געווען אויף דער נידעריקסטער מדרגה און וואָלטן ניט ראוי געווען, מען זאָל זיי אויסלייזן, דאָך וואָלט גאָט ברוך הוא ברוב רחמיו וחסדיו געשיקט די גאולה [1]. אָבער ניט בלויז פאַר יידן אַליין וועט קומען די גאולה, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. דער אַקט פון מתן תורה איז געווען אַ גרויס גענאָד ניט נאָר פאַר ישראל אַליין, נייערט פאַר דער גאַנצער וועלט [2]. ווייל אָבער די יידן האָבן אָנגענומען די תורה באהבה, דערפאַר זיינען זיי אין דער העכסטער בחינה פון „אַיִן״. די אומות העולם האָבן אָבער ניט געוואָלט אָננעמען די תורה, געפינען זיי זיך אין דער נידעריקער בחינה פון „יש״ און קאָנען צו דער העכערער מדרגה ניט דערגרייכן [3]. די הייליקסטע נשמות, וואָס זיינען געווען ביי די אומות העולם, האָבן זיך מגייר געווען און זיך באַ־העפט צום פאָלק ישראל, ווי, צום ביישפיל, רות המואביה, וואָס זי האָט די זכיה צו זיין די שטאַממוטער פון דעם גואל.

און ביי יעדער באַרירונג, וואָס אַ ייד קומט מיט אַ גוי, ביי יעדן געשפרעך מיט אים, טוט ער דערוועקן די הייליקע פונקען „שיש בהגוי״ [4].

---

1 דאָרטן, פ׳ בא.

2 דאָרטן, פ׳ יתרו.

3 דאָרטן.

4 דאָרטן, לשבועות. ר׳ לוי־יצחק פאַררופט זיך דערביי אויף דעם אר״י און אויף זיין לערע וועגן דער מיסיע, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט צו דערפילן צווישן די אומות העולם.

אָבער לעתיד לבוא, — רופט פאַטעטיש אויס ר׳ לוי־יצחק, — אַז כל האומות ימליכו עליהם את השם יתברך ברוך הוא [1].

אין „קדושת לוי" איז כדאי זיך אָפּצושטעלן נאָך אויף איין מאָמענט, וואָס איז אייגנטלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער חסידות־באַוועגונג בכלל, נאָר באַווייזט זיך באַזונדערס בולט אין ר׳ לוי־יצחקס וועלט־באַנעם. בעת מיר האָבן אינם פינפטן באַנד געשילדערט דעם קולטורעלן מצב פונם דייטש־פּוילישן יידנטום אינם 18טן י״ה, האָבן מיר באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די דאָמינירנדיקע ראָלע, וואָס עס האָט דעמאָלט געשפּילט דאָס פּראָבלעם וועגן שכר ועונש, דער פּחד און אימה פאַר די שבעה מדורי גיהנום, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ שווערע בלייענע כמאַרע איבערן גאַנצן וועלטבאַנעם פון דעם יידישן געטאָ. דער בעש״ט און זיינע תלמידים, און דאָס איז איינע פון זייערע גרעסטע פאַרדינסטן, האָבן פּאַראַליזירט דעם דאַזיקן פּחד, דורכגעריסן די דאַזיקע בלייענע מרה־שחורה, פאַרטריבן די מחנות מחבלים, וואָס לויערן נאָכן מענטשן אויף יעדן טריט און שריט. שוין אין בעש״טס תורה שפּילט פּאַקטיש דאָס הארבע פּראָבלעם וועגן שכר ועונש אַ גאַנץ קליינע ראָלע. עס גענוגט בלויז חרטה צו האָבן אין הארצן אויף די באַגאַנגענע זינד — און אויסגעמעקט ווערט די זינד, ריין ווערט דער מענטש און פריי פון שטראָף און עונש [2]. די פלאַמען פונם גיהנום, וואָס טוען פייערן זייער שדים־טאַנץ אויף יעדן בלאַט פונם „שבט מוסר" און „קב הישר" — פאַרשווינדן, ווי דורך אַ כּישוף־שפּרוך, אין דער חסידות־ליטעראַטור. מען לייקנט ניט אין זיי, נאָר מען פאַרגעסט פּשוט אין זיי, מען אינטערעסירט זיך זייער ווייניק מיט זיי. דאָס באַמערקט זיך אַמבולטסטן אין ר׳ לוי־יצחקס „קדושת לוי", וואָס איז אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיטן טיפסטן אָפּטימיזם. דעם גרעסטן עונש פאַר דער אויסגעפירטער עבירה זעט דער „קדושת לוי" אין דעם, וואָס דורכדעם פאַרלירט דאָך דער מענטש דעם תענוג פון טאָן די מצוה. „און עס איז, — דערקלערט דער בערדיטשעווער רב, — אויף דער וועלט ניטאָ קיין ספּעציעלער שכר פאַר דער מצוה. דער גאַנצער שכר באַשטייט אין דעם, וואָס די מצוה „גוררת עוד מצוה אחרת" [3]. דאָס, וואָס מיר וואַרטן און קוקן אַזוי אַרוים אויף ביאת המשיח, — לייענען מיר אין „קדושת לוי", — איז דאָס ניט וועגן גשמיות־זאַכן, וואָס מיר וועלן דאָס אַלס שכר

---

1 קדושת לוי, פ׳ בלק.

2 זע אויבן, ז׳ 62.

3 קדושת לוי, פ׳ בחוקותי.

באקומען, נאר צוליב דעם, וואס מיר וועלן דעמאלט ערשט רעכט באגרייפן און משיג זיין די גדולת הבורא״ [1].

און אט אין דעם באפרייען פון דעם טויט-שרעק פאר די שווארצע מחנות מלאכי חבלה און לאדערנדיקע פלאמען פון די שבעה מדורי גיהנום, אין דעם פארטרייבן דעם שווערן אומעט און עצבות דורך דעם האפערדיקן דעוויז, אז נאר דורך שמחה קאן מען גאט דינען — איז געלעגן איינע פון די הויפט-סיבות פון דעם שטורמישן נצחון, וואס די יונגע חסידות-באוועגונג האט אפגעהאלטן אויף דער יידישער גאס...

ר׳ לוי-יצחק איז געווען א הארמאניש-גאנצע נאטור, וואס האט מיט נאיוו-מיסטישע אויגן און מיט א הארץ איבערפולט מיט פריידיקן בטחון געקוקט אויף גאטס וועלט, וואס איז כולה טוב. דעם פולסטן קעגנזאץ האט מיט זיך פארגעשטעלט זיין יינגערער בן-דור, ר׳ נחמן בראסלאווער.

אין דער וויג פון דער חסידות-באוועגונג, אין מעדזיבוזש, האט דעם בעש״טס געליבטע טאכטער הדל געוווינט, וואס די פאלקס-פאנטאזיע האט זי צוזאמען מיט איר פאטער ארומגעפלאכטן מיט גאנצע קרענץ פון פאנטאסטישע לעגענדעס. צוויי זין האט זי געבארן, וואס האבן אלס דעם בעש״טס אייניקלעך געשפילט א געוויסע ראלע אין דער חסידישער וועלט, — ר׳ אפרים סודילקאווער (דער בעל „דגל מחנה אפרים״) און ר׳ ברוך מעדזיבוזשער. הדל האט אויך א טאכטער פייגע געהאט און זי האט זי אויסגעגעבן פאר שמחהן, דעם זון פון דעם בעש״טס באוווסטן תלמיד און פארערער נחמן הארדענקער. אין 1772 האט אין מעדזי-בוזש הדלס טאכטער א זון געבארן און אים א נאמען געגעבן נאך זיין זיידן אויס הארדענקא; און אט דער שפראצלינג פון דעם חסידות-באגרינדער האט געהערט צו די אויסערגעוויינלעכע פערזענלעכקייטן און מיטן דארן-קראנץ געקרוינטע גייסטער, וואס זייער גורל איז א שטענדי-קער אומאויפהערלעכער געראנגל מיט זיך אליין, מיט די טראגישע סתירות פונם לעבן, און זייער איינציקער געטרייער באגלייטער אויף זייער טרויע-ריקן לעבנסוועג איז דער צער, איינגעהילט אין שווארצן מאנטל פון איינ-זאמקייט. מיט א ברייטער האנט האט די נאטור באשאנקען דעם בעש״טס קליין אורא‍יניקל: א רייכע, אומגעצוימטע פאנטאזיע, א ניצוץ פון אן אמתן דיכטער, אן אומרויקן גייסט, וואס פארשט און גריבלט אומדערמידלעך נאך דעם פארהוילענעם און פארבארגענעם, א צארט-פילנדיקע הארץ, וואס טראגט אין זיך דעם צער פון דער וועלט, די

---

1 קדושת לוי, דרוש לשבועות.

יסורים פון גאַנצע דורות. און דאָס דאָזיקע קינד איז אויסגעוואַקסן אין דער מעדזיבוזשער מיסטישער סביבה, אין דעם נעסט פון חסידות, ווו די גאַנצע לופט איז געווען איבערפולט מיט די וווּנדערבאַרסטע נסים און אויסטערלישע מעשיות וועגן דעם בעש״ט און זיינע חסידים. ר׳ נחמן גופא דערציילט שפּעטער פאַר זיינע תּלמידים, מיט וואָס פאַר אַ פאַר־באַפּטן אָטעם ער פלעגט קינדוויז צוהערן די וווּנדער־מעשיות, וואָס עס פלעגן דערציילן אין דעם הויז פון זיינע עלטערן די אַלטע צדיקים און התלהבותדיקע חסידים בעת זייער קומען קיין מעדזיבוזש מתפּלל צו זיין אויף דעם בעש״טס קבר [1].

שוין אַלס זעקס־יאָריק קינד האָט ער זיך געפלייסט צו טראָגן דעם עול פון אַ ירא שמים, געפּרוווט פראַווען תעניתים; יעדן ערב שבת איז ער געלאָפן אין מקוה און פון דאָרט, אָנגעטאָן אין בגדי שבת, פלעגט ער גלייך אײַלן אין בית־המדרש, און מיט קינדערשע טריט שפּאַנען אַהין און צוריק און וואַרטן מיט אומגעדולד, ווען וועט ער אין זיך דערשפּירן די קדושת שבת און דעם צאַפּל פון דער נשמה־יתירה. ער האָט שפּע־טער מיט יאָרן דערציילט פאַר זיינע חסידים, ווי אַזוי ער האָט זיך אַמאָל קינדוויז אין אַן ערב שבת צוגעטוליעט צו אַ שטענדער אין בית־המדרש און מיט גרויס ציטערניש זיך צוגעהערט, ווי איינער פון די גרויסע חסידים זינגט מיט התלהבות דעם „שיר השירים״, און ווי דאָס זינגען גייט באַלד איבער אין שלוכצן און וויינען; און אויך ער, דאָס זעקס־יאָריקע קינד, האָט, אויף דעם חסיד קוקנדיק, אויך אויסגעגאָסן פאַר גאָט זיין הארציק געבעט און געוויינט מיט ביטערע טרערן. אָפט אין אָוונט פלעגט דער קליינער נחמן לויפן אויפן בעש״טס קבר און בעטן זיין עלטערזיידן, ערזאָל אים באַהילפיק זיין און אים צו גאָט דערנעענטערן [2]. בכדי מקיים צו זיין דעם פּסוק „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״, פלעגט ער מיט צוגעמאַכטע אויגן זיך פלייסן אויסצומאָלן פאַר זיך דעם שם הויה. ער האָט ניט געוואָלט זיך באַנוגענען מיט די פעסט־געזעצטע תּפלות, נאָר ער פלעגט ליב האָבן אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקעלע זיך אויסטענהן מיט גאָט אויף פּראָסט יידיש, אויף דעם תחינה־לשון פון זיין מוטער. גע־לערנט האָט ער מיט גרויס התמדה ניט בלויז תלמוד און קבלה, נאָר אויך תנך [3], עין יעקב און ספרי מוכר. שטאַרק באַליבט איז ביי אים

1 מגיד שיחות, 55.

2 דאָרסן, 5.

3 זיין ליבע צו דער ביבל איז ביי אים געווען גרויס אויך אין די שפּעטערע יאָרן און ער פלעגט אָנזאָגן זיינע חסידים איבערצוחזרן גאַנץ תנך (מגיד שיחות, 75).

אויך געווען דער „שערי ציון״ [1], וואָס זיינע איינפאַכע געמיטפולע תפילות זיינען אים געווען זייער צום האַרצן.

צו דרייצן יאָר האָט מען דעם יונגן נחמנען חתונה געמאַכט, און ער איז אַריבערגעפאָרן צו זיין שווער דעם עושר אין דאָרף הוסיאַטין, נים ווייט פונם שטעטל מעדוועדאָווקע. די שיינע אומגעגנט אַרום דעם דאָרף האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער פּאַטעטישער נשמה פון דעם יונגן מיסטיקער. דער נאָכקלאַנג פון דעם דאָזיקן רושם שפּירט זיך אין פיל זיינע סענטענצן און מימרות, וואָס זיינען אויפגעהיט אין זיינע ספרים. אַ קליין שיפל האָט ער געהאַט, אויף וועלכן ער פלעגט זיך לאָזן איבערן פלוס, וואָס ביים דאָרף, צווישן צו אַ פאַרבאָרגענעם ווינקעלע און דאָרט פאַרברענגען שעהן לאַנג. ער פלעגט אויך רייטנדיק אויף אַ פערד זיך לאָזן טיף אין וואַלד אַריין, דאָרט אָפּלאָזן דאָס פערד, אַליין בלייבן אין געדיכטעניש פונם וואַלד און דאָרט זיינע געפילן אויס־גיסן אין הייסע תפילות צום באַשעפער. און די תפילות זיינע פלעגן זיין נים קיין קאַנאָניזירטע, „פונם סידור אַרויס״, נאָר אימפּראָוויזאַציעס אויף פשוט מאַמע לשון, און ער פלעגט אויך שפּעטער זיינע חסידים לערנען, אַז מתפלל זיין פאַר גאָט דאַרף מען „בלשון אשכנז״ [2]. ווען דער מענטש דאַוונט אויפן פרייען פעלד,—פלעגט דערנאָך דער בראַסלאַ־ווער זיינע חסידים זאָגן,—דעמאָלט מישן זיך אַריין אין זיין געבעט די גרעזעלעך אַרום, טוען אים מיטהעלפן און קרעפטיקן אים אין זיין תפילה [3]. יעדעס וואָרט איז דעמאָלט אַ גאַנצע וועלט; בעת דער מענטש איז מתפלל, איז גלייך ווי ער קלייבט צוזאַמען בלומען, קווייטן און די שענסטע בליטן (מלקט ציצים ופרחים ושושנים נאים) און פלעכט פון זיי די פּראַכטפולסטע קרענץ [4]. און אויך אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער פאַר זיינע תלמידים מיט גרויס פּאַטאָס ריידן וועגן דער וואונדערבאַרער מאַכט פון דעם מענטשנס תפילה. „די תפילה איז אין בחינה פון לויטער נסים, זי איז העכער פון דער נאַטור, פון דער צייט, זי איז אַ דערשיינונג העומד ברומו של עולם״ [5], די מדרגה פון דער תפילה איז געוואַלדיק הויך, איז העכער פון לימוד התורה (מגיד שיחות, 40). בעת דער מענטש איז זיך מתבודד און גיסט אויס זיין געבעט און זיין

---

1 זע אונזער הערק, ב׳ IV, 344—346.

2 ליקוטי מוהר״ן, II. סימ׳ כ״ה; מגיד שיחות, 72.

3 דאָרטן, סימ׳ י״א.

4 דאָרטן, I, סימ׳ ס״ה.

5 דאָרטן, סימ׳ ס׳, סימ׳ צג.

צער פאר דעם שם יתברך, דעמאָלט טוט אויך די שכינה פון איר זייט אויסגיסן פאר אים איר געבעט און צער און טוט אים טרייסטן און באַרואיקן [1]. א תפילה, וואָס גיסט זיך פונם הארצן, איז די בחינה פון „התגלות מלכותו“ [2]; די גאָטהייט, וואָס איז אין דער בחינה פון „אור הגנוז“ (דאָס פאַרהוילענע ליכט), טוט זיך אַנטפּלעקן אַדאַנק דעם מענטשנס תפילה [3]. ס׳איז גוט, — רופט אויס דער בראַסלאַווער, — צו מאַכן פון דער גאַנצער תורה איין תפילה [4]. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער בראַסלאַווער איז אַמאָל מיט איינעם פון זיינע תלמידים פאַרבייגע־פאָרן הוסיאַטין מיט זיינע שיינע פעלדער און לאָנקעס, האָט ער זיך דערמאָנט אין די יונגע יאָרן, וואָס ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט, און מיט התפּעלות דערביי אויסגערופן: אַך, ווי גוט ס׳איז מיר דעמאָלט געווען! אויף יעדן טריט און שריט האָב איך דאָרט געשפּירט דעם טעם גן־עדן, און יעדעס מאָל, ווען איך האָב פאַרבראַכט איינער אַליין אין וואַלד, צי אין פעלד, איז צוריקקומענדיק האָט מיר די וועלט אויסגעוויזן, ווי אין גאַנצן באַנייט, טאַקע ווי גאָר אַן אַנדער וועלט [5].

אין 1798, ווען ר׳ נחמן איז שוין געווען אָנגענומען פאַר אַ צדיק און האָט געהאַט אַ סך חסידים אַרום זיך, האָט ער באַשלאָסן אויסצו־פירן דאָס, וואָס זיין עלטער־זיידע האָט ניט באַוויזן דורכצופירן: מאַכן אַ רייזע קיין ארץ־ישראל. העכער אַ יאָר האָט געדויערט די נסיעה, וואָס זיינע חסידים האָבן באַקרוינט מיט כּלערליי מעשיות און לעגענדעס [6]. דאָס לאַנד פון די אבות האָט אויף דעם יונגן מיסטיקער געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. „דעם גאַנצן חיות, וואָס איך האָב, — פלעגט ער דערנאָך זאָגן, — איז נאָר דערפון, וואָס איך בין געווען אין ארץ־ישראל“. צוריקקומענדיק פון דער לאַנגער רייזע, האָט ר׳ נחמן זיך באַזעצט אין זלאָטאָפּאָליע; דער באַוווסטער „שפּאָלער זיידע“ האָט אָבער דערויף שטאַרק פאַראיבל געהאַט: ער האָט געקוקט אויף דעם יונגן צדיק ר׳ נחמן, ווי אויף אַ מסיג־גבול, וואָס האָט זיך באַזעצט אָן זיין הסכּמה אין דער שכנות פון זיין רעזידענץ. דער „זיידע“ האָט כּחד געקראָגן, אַז דאָס קאָן אים שאַטן צו זיין „פּרנסה“, ווייל פיל פון זיינע

---

1 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ רנ״ט.
2 דאָרטן, סימ׳ מ״ט.
3 דאָרטן, סימ׳ ס״ו.
4 דאָרטן, II, סימ׳ כ״ה; מגיד שיחות, 55.
5 הלל צייטלין, רבי נחמן מבּרסלאַוו, 44.
6 זע מגיד שיחות, 8—22.

חסידים וועלן אוועק צום בעש״טס אייניקל. האט זיך אנגעהויבן א סדרה פון רדיפות און אינטריגעס; דאס האט נחמנען דערעסן, האט ער אין 1802 פארלאזן זלאטאפאליע און זיך באזעצט אין בראסלאוו, וווּ ער האט פארבראכט די פרוכטבארע יארן זיינע. און ניט אומזיסט איז ער אריין אין דער געשיכטע אונטערן נאמען: בראסלאווער. אמת, אין די יארן, וואס ער האט פארבראכט אין בראסלאוו, האט ער געהאט גענוג אויס־צושטיין פון פיל צדיקים, וואס האבן אים ניט געקאנט מוחל זיין זיינע איראנישע ווערטער וועגן די „פאלשע מנהיגים, וואס גרויסן זיך מיטן נאמען רבי, פארמעסטן זיך מנהיג צו זיין די וועלט און זיינען ניט אימ־שטאנד זיך אליין צו פירן". דערפאר אבער האט ער אויך אין בראס־לאוו זיך דערווארבן זיינע איבערגעגעבנסטע חסידים; דארט האט ער זיך אויך צוזאמענגעטראפן מיט דעם מאן, וואס האט אויף שטענדיק צונויפגעשמאלצן זיין נאמען מיטן נאמען פון זיין דורך אים פארגע־טערטן רבין. נתן בן נפתלי־הירץ אויס נעמיראוו האט דער מאן געהייסן. ר' נתן איז געווען א ייד א למדן און א „בעל לשון"; געווען פריער א טשערנאבעלער חסיד, — ווי נאר אבער ער האט זיך מיט ר' נחמנען באקענט, איז ער אויף שטענדיק געווארן זיין איבערגעגעבנסטער תלמיד און דינער. אפילו נאך זיין טויט האט דער בראסלאווער אומ־באגרעניצט געוועלטיקט איבער זיין תלמידס וועלט־באנעם, איבער זיין גאנץ טראכטן און טאן [1]. „אויב איך בין געקומען קיין בראסלאוו, — פלעגט ר' נחמן זאגן, — בלויז נתנען צו זיך מקרב צו זיין — איז דאס אליין שוין גאנץ גענוג". ר' נתן איז געווארן ניט בלויז ר' נחמנס איבערגעגעבענער חסיד, נאר אויך זיין געטרייער און אומדערמידלעכער סעקרעטאר. ער פלעגט פארשרייבן ניט נאר זיין רבינס דרשות, נייערט אויך יעדעס יעדע מימרא, יעדן שמועס, ווייל פעסט איבערצייגט איז דער תלמיד געווען, אז אין יעדן ווארט, וואס גייט ארויס פון דעם רבינס הייליקן מויל, זיינען פארבארגן די טיפסטע סודות. און אלץ, וואס ר' נתן האט פון זיין רבינס מויל פארשריבן, האט ער דערנאך דורכן דרוק פאר דער וועלט אנטפלעקט... דער דאזיקער איבערגעגעבענער תלמיד און פארערער פלייסט זיך אויך איבערצוגעבן ניט בלויז, וואס זיין רבי האט געלערנט, נאר אויך, ווי ער האט זיין תורה און מוסר־רייד פאר זיינע תלמידים געזאגט. דער בראסלאווער גופא זאגט וועגן זיך: איט־לעכס ווארט פון מוסר איז ביי מיר פארוואשן מיט טרערן [2]. אין דעם

---

1 זייער כאראקטעריסטיש זיינען אין דער הינזיכט נתנס אויפגעהייסטע פיל־צאליקע בריוו צו זיין זון יצחק. זע ביילאגן נומ' 1.

2 מגיד שיחות, 52

טאָן, אין וועלכן ער פֿלעגט זײַן תּורה זאָגן, אין יעדער תּנועה און האַנט־באַוועגונג איז געלעגן אַזוי פֿיל שמאַרציקע האַרציקייט און עקזאַלטירטער פּאַטאָס, אַז די ווירקונג אויף די פֿרומע צוהערער איז געווען אומגעהייער גרויס.

צו 35 יאָר האָבן זיך באַוויזן די ערשטע בולטע סימפּטאָמען פֿון דער געפֿערלעכער קראַנקהייט (שווינדזוכט), וואָס האָט ר׳ נחמנען פּרי פֿון דער וועלט אַוועקגעריסן. ער האָט אַ לענגערע צײַט פֿאַרבראַכט אין לעמבערג, געהיילט זיך בײַ די דאָרטיקע פּראָפֿעסאָרן; עס האָט אָבער געהאָט אַ גאַנץ קנאַפּע פּעולה. אין 1810, נאָך פּסח, האָט אין בראַסלאַוו אויסגעבראָכן אַ גרויסע שׂריפֿה און אויך ר׳ נחמנס הויז האָט אָפּגעבראַנט. דעמאָלט האָט זיך ר׳ נחמן באַזעצט אין דעם שכנותדיקן אומאַן. די דאָזיקע שטאָט האָט שטענדיק צו זיך געצויגן זײַן פֿאַנטאַזיע; ער פֿלעגט פֿאַרזיכערן, אַז די קדושים, וואָס זײַנען אומגעקומען פֿון כמעלניצקים חיילות און פֿון גאָנטעס הײַדאַמאַקן, בעטן בײַ אים, ער זאָל זײַן אין דער נאָענט פֿון זיי און מתפּלל זײַן פֿאַר זיי. ער האָט זיך דערפֿאַר באַזעצט קעגנאיבער דעם בית־הקבֿרות, בכדי צו זײַן נעענטער צו די אומגעקומענע קדושים. אינגיכן איז ער אַליין צו זיי געקומען. ער איז שוין געקומען קיין אומאַן אַ נוטה למות; די קראַנקהייט האָט שנעל פּראָגרעסירט און אין דעם פֿערטן טאָג סוכּות איז ר׳ נחמן געשטאָרבן.

מיר ווייסן שוין, אַז ר׳ נחמנס געטרײַער תּלמיד, נתן אויס נעמיראָוו, האָט מיט גרויס ליבשאַפֿט געזאָרגט פֿאַר זײַן רבינס ליטעראַרישע ירושה, זי אין שריפֿט אויפֿגעהיט און דורכן דרוק פֿאַרעפֿנטלעכט. דאָך איז ניט אַזוי לײַכט אײַנקורצן צו באַקענען מיט ר׳ נחמנס אידעענוועלט. און דאָס איז ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס ר׳ נחמנס סעקרעטאַר האָט פֿאַרשריבן זײַן רבינס תּורה אָן אַ וועלכן־ס׳איז סדר און סיסטעם. מען דאַרף דאָך געדענקען, אַז דער יונג־פֿאַרשטאָרבענער בראַסלאַווער צדיק איז ניט געווען קיין פֿעסטגעזעצטער דענקער אָדער בעל־מוסר מיט אַ פֿעסט־באַשטימטן וועלטבאַנעם, — נאָר זײַן גאַנץ לעבן זיך געפֿונען אין שטענדיקן געראַנגל; געזוכט ניט בלויז מיטן פֿאַרשער־געדאַנק, נייערט אויך מיטן האַרצן, וואָס האָט שטענדיק געבלוטיקט, מיט אַלע נערוון פֿון זײַן טיפֿפֿילנדיקער נשמה. דערפֿון די טראַגישע ווידעראַנאַנדן, די אויפֿפֿאַלנדיקע סתּירות, — אמת, על פּי רובֿ בלויז שײַנבאַרע סתּירות. דערצו מוז מען נאָך נעמען אויך פֿאָלגנדיקן פּרט אין באַטראַכט: דער דאָזיקער מאַן, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט אַ רײַכער פֿאַנטאַזיע, מיט אַ פֿונק פֿון אַן אמתן דיכטער זשען מיט אַ זוכנדיקער פֿאָרשער־

נאַטור, איז אויסגעוואַקסן אין אַ ריין־מיסטישער סביבה, אויפגעצויגן געוואָרן אויף דער קבלה־ליטעראַטור, ווו געדאַנקען, איבערראַשנדיק־פּאַעטישע סימבאָלן און בילדער זיינען צונויפגעפּאָרט מיט כל המינים נוטריקון, גימטריאות, „שמות" און וואָרטשפּילערייען. עס קומט דערפאַר אויך ביי ר' נחמנען ניט זעלטן אויס צו זוכן געדאַנקען־בליצן און פון טרערן און צער געשאַפענע פּערל אונטער זאַמד און שפּליטער...

ווי ביי אַלע וויכטיקע טעאָרעטיקער פון חסידות 1, פאַרנעמט אויך ביי ר' נחמן בראַסלאַווער אַ זייער וויכטיקן אָרט די גרונד־פראַגע וועגן דעם צוועק פון „מעשה בראשית" און דעם תכלית פונם וועלט־באַשאַף; ביי אים באַקומט אָבער די דאָזיקע פראַגע אַ גאַנץ ספּעציפישע באַלייכטונג. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן 2, אַז די חסידות־טעאָרעטיקער האָבן דעם אר״ים לערע וועגן צמצום געגעבן אַן אייגנאַרטיקע דערקלערונג, וויל זיי האָבן געפונען, אַז מען קאָן דעם צמצום־באַגריף ניט אויפפאַסן אויף אַזאַ אופן, אַז ביים ליכט פונם „אין סוף" איז פאָרגעקומען אַ „סילוק מקום לצדדין" און פאַר די וועלטן אַ פריי אָרט (מקום פנוי) געלאָזט; ווארעם דאָס וואָלט זיך דאָך געפונען אין סתירה מיטן זאַץ „אני ד' לא שניתי" (ביי אים יתברך קומט ניט פאָר קיין שום שינוי) און מיט דעם בעש״טס גרונד־טעזיס „לית אתר פנוי מניה" — עס איז קיין אָרט ניט פאַראַנען, וואָס זאָל זיין ליידיק פון גאָט. דער מעזעריטשער מגיד האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז „מחמת אהבה בא הצמצום", אויס ליבע האָט גאָט ברוך הוא „ברא כל העולמות", און ליבע און צמצום זיינען ביידע „אחדות גמורה" 3. אויף דעם דאָזיקן טעזיס האָט זיך געגרינדעט דעם בעש״טס און ר' לוי־יצחקס אָפּטימיסטישער וועלט־באַנעם. דאָרט אָבער ווו די חסידות־טעאָרעטיקער האָבן געזען אַ פעסטן באָדן און אַ קלאָרן ענטפער אויף דעם גרונד־פּראָבלעם — האָט דעם בראַסלאַווערס אומרואיקער געדאַנק געזען בלויז דעם גרויסן פראַגע־צייכן, דאָס אומדערקלערבאַרע רעטעניש...

אויך דער בראַסלאַווער גייט אַרויס פון דעם בעש״טס טעזיס, אַז „לית אתר פנוי מניה"; „גאָט איז מיט דיר, ביי דיר, נעבן דיר!" פלעגט ער אָפט איבערחזרן. עס איז קלאָר, אַז אין אַלע זאַכן, אין אַלע מעשים און אין אַלע מחשבות „מלובש שם השם יתברך, כביכול" — אין דאָרט פאַרקערפּערט גאָט ברוך הוא, כביכול" 4. „פון אַלע זאַכן, —

1 זע אויבן, קאַפּ' דריי, ז' 90—93, קאַפּ' פיר ז' 138—139, קאַפּ' פינף ז' 158—160.

2 אויבן, ז' 133—134.

3 אויבן, ז' 91.

4 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ' נ״ו.

דערקלערט ר' נחמן בראסלאווער זיינע תלמידים, — שרייט ארויס גאטס פראכט, אפילו פון פשוטע מעשיות, וואס גויים דערציילן. „כי מלא כל הארץ כבודו" [1]. איר דארפט וויסן, — ווייזט אן דער בראסלאווער, — אז אפילו דער, וואס זיין האנדל און וואנדל איז רק מיט גויים, קאן דאך ניט האבן קיין אויסרייד, אז ער איז ניט אימשטאנד גאט צו דינען, באשר ער שטעקט שטענדיק אין א פארגרעבטער סביבה. ווארעם אונזערע חכמים האבן שוין פון לאנג אנגעוויזן, אז אין אלע דברים גשמיים, אין אלע לשונות פון די פארשיידנסטע פעלקער קאן מען די גאטהייט געפינען, וויל אן דער גאטהייט וואלטן זיי דאך אלע קיין שום חיות און קיין קיום ניט געהאט, ווי עס שטייט אין פסוק (נחמיה, ט'): ואתה מחיה את כולם [2]. דער בראסלאווער פילט אבער זייער גוט, אז אט די חסידות־לערע וועגן דער גאטלעכער התפשטות געפינט זיך אין סתירה מיטן אר"יס סוד הצמצום. ער ברענגט די שטעלע פון חיים וויטאלס „עץ חיים", ווו עס ווערט דערקלערט, אז ווען דער „אין־סוף" האט געוואלט די וועלט באשאפן, איז קיין ארט פארן באשאף ניט געווען, ווארעם אלץ איז דאך געווען רק דער „אין־סוף". האט דערפאר גאט ברוך הוא דאס ליכט אין די זייטן צוזאמענגעשרומפן, און דורך דעם דאזיקן צמצום איז דער ליידיקער חלל אנטשטאנען, אין וועלכן עס האבן זיך אנטפלעקט די מידות און די צייט, און אין זיי באשטייט עס דער וועלט־באשאף. דער דאזיקער „חלל הפנוי", — איז דערביי ר' נחמן בראסלאווער מוסיף, — איז טאקע אומבאדינגט נייטיק געווען צום בריאת העולם, וויל אן אים וואלט דאך טאקע קיין ארט ניט געווען, ווו די וועלט זאל געשאפן ווערן; דאך איז דעם דאזיקן צמצום־בגריף און דאס אנטשטיין פונם „חלל הפנוי" פאקטיש אוממעגלעך משיג צו זיין מיטן מענטשלעכן שכל, סיידן אפשר לעתיד לבוא, ווען דער גואל וועט קומען, ווארעם אין דעם דאזיקן באגריף זיינען פארבונדן צוויי פולשטענדיקע קעגנזאצן, דער „יש" מיטן „אין" צוזאמען. בעת מיר זאגן, אז דער „חלל הפנוי" איז דורך צמצום אנטשטאנען, איז דאך משמע, אז דער אין־סוף האט פון דארט זיין גאטהייט מצמצם געווען, דאס הייסט דארט איז די גאטהייט, כביכול, ניט פאראן, ווארעם ווען ניט אזוי, וואלט עס דאך קיין ליידיקער חלל ניט געווען, אלץ איז לויטער אין־סוף, און ס'איז ניטא קיין ארט פארן וועלט־

---

1 מגיד שיחות, 36.

2 ליקוטי מוהר"ן I, סימ' ל"ב.

באַשאַף [1]. אין דער אמתן איז אָבער אויך דאָרט די גאָטהייט פאַראַן, וואָרעם „השי"ת ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין". און עס קאָן קיין פונקט ניט עקזיסטירן, וווּ די גאָטהייט זאָל דאָרט ניט רוען. בלייבט דערפאַר די גאַנצע פראַגע וועגן „חלל הפנוי", וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן פּראָבלעם פונעם וועלט־באַשאַף, אומדערקלערבאַר ביז „לעתיד לבוא".

אָט צו דעם גרויסן ignorabimus — מיר ווייסן ניט און באַגרייפן ניט—קערט זיך דער בראַסלאַווער גאַנץ אָפּט אום אין זיינע שמועסן מיט זיינע חסידים. ער שטרייכט יעדעס מאָל אונטער, אַז עס זיינען פאַראַן אַזוינע פּראָבלעמען און פראַגן, אויף וועלכע דער מענטש קאָן קיין קלאָרע תשובה ניט געבן, וואָרעם די ענטפערן ברענגען בלויז צו אַ גאַנצן פּלאָנטער פון נייע קשיות און אומדערקלערבאַרע פראַגן. אַלס טיפּגלויביקער איז דער בראַסלאַווער פעסט איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער יידישער מסורה וועגן חידוש העולם, אַז די וועלט איז אין אַ באַשטימטער צייט געשאַפן; אין אים איז אָבער וואַך דער סקעפּטיקער און ער דערקלערט דערפאַר אָפן: דער טעזיס, אַז גאָט, ברוך הוא, האָט אויס פרייען ווילן די וועלט באַשאַפן — איז אַ ריין אמונה־זאַך, וואָרעם מיטן שכל איז שווער צו פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם פון חידוש העולם. און דערפאַר לייקענען טאַקע אין דעם די אַפּיקורסים, ווייל מיטן שכל קאָן מען דאָס ניט משיג זיין [2]. דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער ביי דער פראַגע וועגן דער אוניווערסאַלער ראָלע פונם פאָלק ישראל. ווי אַלע אַנדערע טעאָרעטיקער פון חסידות, לערנט אויך דער בראַסלאַווער, אַז „כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל ישראל" [3] און „כל אחד מישראל הוא חלק אלוה ממעל ממש" [4], ווייל „הקב"ה ואורייתא וישראל כולא חד" [5]. אָבער אויך דאָ דערוואַכט דער סקעפּטיקער אינם צדיק, און ער דערקלערט אָפן: אנחנו נקראים עַם סגולה — מיר הייסן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. דער פשוטער מענטשלעכער

---

1 ליקוטי מוהר"ן, I, סימ' ס"ד. וזה החלל הפנוי היה מוכרח לבריאות העולם, כי בלתי החלל הפנוי לא היה שום מקום לבריאת העולם. וזה הצמצום של החלל הפנוי אי אפשר להבין ולהשיג, כי אם לעתיד לבוא, כי צריך לומר בו שני הפכים, יש ואין, כי החלל הפנוי הוא ע"י הצמצום, כביכול צמצם אלקותו משם ואין שם אלקות כביכול, כי אם לא כן אינו פנוי והכל אין־סוף, ואין מקום לבריאת העולם כלל... ועל כן אי אפשר להשיג כלל בחינת חלל הפנוי עד לעתיד לבוא.

2 ליקוטי מוהרן, II, סימ' ח'.

3 דאָרטן, I, סימ' י"ז.

4 דאָרטן, סימ' מ"ט, סימ' רנ"ט.

5 דאָרטן, סימ' רנ"א.

פאַרשטאַנד קאָן דאָס אָבער ניט משיג זיין „איך לָקַח עַם מתוך עמים", ווי אַזוי פון אַלע פעלקער האָט גאָט אונז אויסדערוויילט פאַר אַן עם קדוש, דאָס איז „למעלה מהטבע, למעלה משכל אנושי" [1]. עס קאָן דאָ,—דערקלערט דער בראַסלאַווער, — זיין בלויז איין ענטפער: שווייג, כך עלה במחשבה— אַזוי איז פאַרויסבאַשטימט פונם געטלעכן ווילן. און אַט די בחינה פון שווייגן איז — למעלה מן הדיבור! וואָרעם דאָס וואָרט קאָן דאָ גאָר ניט דערקלערן, און ס'איז נאַריש פראַגן צו שטעלן, אויף וועלכע ס'איז קיין ענטפער ניטאָ. דאָס שווייגן איז דאָ קליגער פון אַלע חכמות [2].

אָבער ניט בלויז די פראַגע וועגן „חלל הפנוי" און וועלט-באַשאַף איז אומדערקלערלעך; לויט דעם בראַסלאַווער בלייבט פאַקטיש אומדער-קלערבאַר אויך די פראַגע וועגן צוועק און תכלית פון בריאת העולם. מיר האָבן געזעען, ווי דער מעזעריטשער מגיד האָט באַזונדערס אונטער-געשטראָכן, אַז גאָט האָט אויס ליבע אַלע וועלטן באַשאַפן און ליבע און צמצום זיינען ביידע אחדות גמורה. דאָס איז אויך ר' לוי-יצחקס פעסטער „אני מאמין". דער צדיק פון בראַסלאַוו רעדט אָבער גאָר ניט וועגן ליבע, נאָר וועגן רחמנות. „הקב"ה מחמת רחמנותו ברא את העולם" — אויס רחמנות האָט גאָט די וועלט באַשאַפן! „השי"ת מלא רחמים, — דערקלערט ר' נחמן זיינע חסידים, — וכל העולם מלא רחמנות והוא רוצה מאוד בהעולם [3]. אין וואָס אָבער באַשטייט דער רחמנות צו דער וועלט? דערויף גיט ר' נחמן אַ זייער טרויעריקן ענטפער: די וועלט איז פול מיט צער, ליידן, טרויער און יסורים [4], עס איז ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל האָבן אַ גוטן סוף אויף דער וועלט [5]; אפילו די רייכע און מעכטיקע מוזן מודה זיין, „אַז די וועלט איז פול מיט טרויער און יסורים" [6]. עס שטייט אין פסוק: אדם לעמל יולד, קצר ימים ושבע רוגז — דאָס מיינט מען אַלע מענטשן פון דער וועלט אָן אויסנאַם, פון גרויס ביז קליין,—אַלע זיינען זיי צו ליידן געבאָרן און זיינען פול מיט רוגז און יסורים [7]. אַלע זאָגן, — דערקלערט ר' נחמן מיט ביטערער איראָניע, — אַז עס איז דאָ עולם הזה און

1 ליקוטי מוהר"ן, I, סימ' כ"א.

2 דאָרטן.

3 דאָרטן, II, סימ' נ"א.

4 מגיד שיחות, 49.

5 דאָרטן, 35.

6 דאָרטן, 83.

7 ליקוטי מוהר"ן, II, 43.

עולם הבא. וואָס שייך עולם הבא — גלויבן מיר אַלע, אַז ער איז פֿאַראַנען; עס מעג אויך זיין, אַז ערגעץ אויף אַ וועלט איז אויך עולם־הזה פֿאַראַן, אָבער דאָ האָבן מיר דעם אמתן גיהנום, אַלע געפֿינען זיך שטענדיק אין גרויסע יסורים, עס איז קיין שום עולם הזה ניטאָ [1]. דער פֿרומער צדיק פּרוּווט אַפֿילו טרייסטן: דע — זיי וויסן, אַז די אַלע יסורים און דער צער פֿונם מענטשן זיינען בלויז מחסרון הדעת — אויס דעם מענטשנס קנאַפּן פֿאַרשטאַנד, וואָרעם דער, וואָס פֿאַרשטייט יאָ, ווייס, אַז אַלץ איז בהשגחה מהשי״ת; דעמאָלט האָט ער ניט קיין יסורים און פֿילט ניט קיין שום צער [2]. דער דאָזיקער ענטפֿער באַפֿרידיקט אָבער ניט ר׳ נחמנען גופֿא. עס איז מעגלעך, — זאָגט ער, — אַז ביי גאָט יתברך זיינען אויך אַלע קרענק און יסורים רק אויס רחמנות, וואָרעם דאָס איז דאָך געוויס, אַז אַלץ, וואָס השם יתברך טוט דעם מענטשן, אַפֿילו די שווערסטע ליידן, — אַלץ איז עס רק רחמנות. מיר אָבער בעטן, ער זאָל איבערגעבן דעם רחמנות אין אונזערע הענט, וואָרעם מיר פֿאַרשטייען ניט זיין רחמנות, און מיר זיינען אויך ניט אימשטאַנד מקבל צו זיין אָט דעם דאָזיקן רחמנות זיינעם, — זאָל השי״ת אין אונזערע הענט איבערגעבן דעם רחמנות, בכדי מיר זאָלן אַליין קאָנען איבער אונז מרחם זיין [3].

ניט אומזיסט חורט אַזוי אָפֿט איבער ר׳ נחמנס תּלמיד, נתן אויס נעמירעוו, אַז זיין רבי האָט זיך שטענדיק געפֿונען אין געראַנגל מיט זיך גופֿא: „נפל מזה, וחזר להתחיל, וחזר ונפל״ [4]. ר׳ נחמן דער מיסטיקער, וואָס האָט געפֿילט גאָט מיט יעדן ציטער פֿון זיין נשמה, האָט געזען אין די אַלע ספֿיקות, אין די אַלע פֿון אים אַליין געשטעלטע פֿראַגן לויטער אַפּיקורסות און גאָטלעסטערונג, און ער ברענגט טאַקע די תּלמודישע לעגענדע, אַז ווען ס׳איז בשעת ר׳ עקיבאס טראַגישן סוף געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע: זו תורה וזו שכרה? — איז געקומען דער ענטפֿער: שוויַיג, כך עלה במחשבה! דאָס שווייגן, דאָס ניט פֿאָדערן קיין ענטפֿער אויפֿן רעטעניש — הוא למעלה מן הדיבור [5]. און פֿול

---

1 ליקוטי מוהר״ן, II, 43. עס איז אגב כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז ווי ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער און די אַנדערע טעאָ־עטיקער פֿון חסידות, פֿאַרנעמט זיך אויך דער בראַסלאַווער זייער ווייניק מיטן פּראָבלעם וועגן שכר ועונש, וועגן גיהנום און גן־עדן; און ווען עס ווערט ביי אים דערמאָנט דער לויתן, פֿאָלגט גלייך די דערקלערונג: לויתן — זה בחינת מלכות (ליקוטי מוהר״ן, II סימ׳ ז׳).

2 דאָרטן, I, סימ׳ ר״נ.

3 דאָרטן, II, סימ׳ ס״ב.

4 שבחי הר״ן, ח׳.

5 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ סד.

כיט טראגישן באדייט איז דעם בראסלאווערס דערקלערונג: דער מענטש קאן שרייען א גרויס געשריי און קיינער זאל דערביי קיין קול ניט הערן [1]. דערפאר זיין שטענדיקער קאמף קעגן חקירות, קעגן חכמות חיצוניות, וואס ברענגען, לויט זיין מיינונג, צו אפיקורסות. ער האלט אבער פאר נייטיק אנצווייזן, אז מען דארף אונטערשיידן צוויי ארטן פון אפיקורסות: איין סארט אפיקורסות שטאמט פון די חכמות חיצוניות, פון די חכמי הטבע, וואס לייקענען אין פרייען ווילן [2], דער־קלערן די נאטור פאר „אם כל חי" [3] און זאגן ארויס דעם אפיקורסישן געדאנק, אז די וועלט איז „מחויב המציאות", אז ניט אויס פרייען ווילן עקזיסטירט זי, נאר אלס פראדוקט פון נויטווענדיקייט, פון אייזערנער געזעצמעסיקייט [4]. ר' נחמן איז אבער מסכים, אז אין דעם דאזיקן ארט אפיקורסות געפינען זיך „כונקען פון קדושה", אן אפגלאנץ פון געטלעכן ליכט, ווארעם אויך אין דער דאזיקער כפירה איז „מלובש חיותו יתברך" [5].

עס איז אבער, — שטרייכט אונטער ר' נחמן, — פאראן נאך א גאנץ אנדערער סארט פון אפיקורסות. ער דערמאנט אפט די „חכמים להרע", „קלי עולם", מיט וועלכע ער האט געהאט די געלעגנהייט זיך צו באגעגענען און פירן מיט זיי שמועסן [6]. די „קלי עולם" — דאס זיינען די ראציאנאליסטיש־געשטימטע משכילים, וואס פאר זיי זיינען קיין שום רעטענישן ניט פאראנען, אלץ דערקלערן זיי על פי שכל הישר, בעת ער, ר' נחמן בראסלאווער, איז אזוי פעסט איבערציינט, אז די העכסטע מדרגה פון וויסן איז — דאס נ י ט וויסן און נ י ט קענען באגרייפן [7]. מיט א שמייכל פון ביטול דערציילט ער זיינע חסידים וועגן איינעם פון די „קלי עולם", וואס האט זיך פאר אים בארימט, אז ער איז „מלומד

1 מגיד שיחות, 26.

2 ליקוטי מוהר"ן, II, סימ' ז'.

3 דארטן, I, סימ' רסז: בע — כי הפילוסופים קוראים להטבע אם כל חי.

4 דארטן, I, סימ' נ"ב. אינטערעסאנט איז דערביי אט וואס: ר' נחמן פלייסט זיך צו באווייזן, אז די פילאזאפן האבן א טעות, און נאר הזי"ת איז מחויב המציאות, אבער אלע וועלטן זיינען בלויז „אפשרי המציאות". זיינע באווייזן ברענגען אבער סוף־כל־סוף צום אויספיר, אז אין געוויסן זין איז אויך די וועלט „כבחינת מחויב המציאות".

5 מגיד שיחות, 48.

6 ער איז צגב געווען גוט באקאנט מיטן באוווּסטן אומאנער משכיל חייקל הורוויץ, און זיין זון, הירש־בער, וואס איז דערנאך געווען פראפעסאר אין קעמברידזש, פלעגט פארן בראסלאווער פארלייענען געוויסע שטעלן פון די דייטשע קלאסיקער (זע די צייטשריפט Сіон, 1861, стр, 470).

7 ודע שזה תכלית הידיעה, כי תכלית הידיעה דלא ידע... ולא מתדבקין ולא ידעין (ליקוטי מוהר"ן I, סימ' כ"ד).

בלשונות הגויים״ (מגיד שיחות, 78). ער, דער מיסטיקער און סקעפּ־טיקער, וואָס איז געווען ניט פון דעם עולם, האָט דאָס גערעכנט פאַר „דברי שטות״. די דאָזיקע אפּיקורסים, — דערקלערט ר׳ נחמן מיט כעס, ריידנדיק וועגן די ראַציאָנאַליסטיש־געשטימטע משכילים, — באַווייזן חכמות, וואָס זיינען גאָר קיין חכמות ניט, פרעגן קשיות, אויף וועלכע עס קאָן גאָר קיין ענטפער ניט זיין. אין זייערע טענות און סברות געפינען זיך שוין קיין שום „ניצוצות דקדושה״ ניט, וואָרעם זיי זיינען ניט פון „בחינות שבירת הכלים״, ווי עס איז נאָך פאַרבליבן „חיות אלקות״, נאָר פונם „חלל הפנוי״, וואָס אין אים „אין שם אלקות כביכול״. און אָט וועגן די דאָזיקע אפּיקורסים, — ווייזט אָן דער בראָס־לאַווער, — שטייט עס אין פּסוק (משלי, ב׳): כל באיה לא ישובון [1]. דער בראַסלאַווער טרעט דערפאַר שטאַרק אַרויס קעגן די „מחקרים״ און „כופרים״, וואָס פאַרטייטשן די גאַנצע תורה לויט זייערע חכמות און אפּיקורסות; אַלע מעשיות, וואָס ווערן דערציילט אין דער תורה, דער־קלערן זיי אַלס לויטער משלים און אַלעגאָריעס, און אַלע מצוות דער־קלערן זיי אויפן ראַציאָנאַליסטישן אופן און לייקענען אין קיום המצוות [2]. ער טרעט דערפאַר שאַרף אַרויס קעגן דעם רמב״ם ראַציאָנאַליסטישע לערע [3] און וואָרנט זיינע תלמידים „לבלי לעיין כלל בספרי המחקרים והפילוסופיא״, און ווייזט אָן, אַז זיי דאַרפן זיך דערווייטערן פון די חקירה־ספרים, וואָס ס׳האָבן פאַרפּאַסט די „גדולים מאחינו בני ישראל״, וואָרעם זיי שאַדן זייער צו דער אמונה [4].

און נחמן בראַסלאַווער ווערט ניט מיד איינצוחזרן זיינע תלמידים, אַז דער עיקר און תכלית השלימות איז נאָר דינען גאָט בתמימות ובפשיטות גמורה אָן שום חכמות, און די גרעסטע חכמה פון אַלע חכמות איז — כלל ניט צו זיין קיין חכם [5]. ווייל איז דעם, — פלעגט דער בראַ־סלאַווער זאָגן זיינע תלמידים, — וואָס עסט יעדן טאָג עטלעכע פּרקים משניות, טרינקט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים און באַקליידט זיך בכמה מצוות, כי חוץ מזה הכל הבל״ [6]. און אויך ער גופא, — פאַרזיכערט דער בראַסלאַווער, — איז דערגאַנגען צו זיין מדרגה נאָר אַדאַנק דעם,

---

1 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ ס״ו.

2 דאָרטן, II, סימ׳ י״ט.

3 דאָרטן.

4 ליקוטי מוהר״ן, II, סימ׳ מ״ד; מגיד שיחות, 29; דאָרטן 30.

5 ליקוטי מוהר״ן, II סימ׳ מ״ז.

6 אין נתנס בריוו צו זיין זון יצחק.

וואָס ער האָט זיך געפירט ווי א „פּראָסטאַק" און געזאָגט א סך תהילים בפשיטות [1]. דער עיקר פון יידישקייט (עיקר היהדות) — איז פשיטות און תמימות, אָן שום חכמות [2]. אויך גאָט דינען און זיינע מצוות מקיים זיין דאַרף מען רק מיט תמימות ובפשיטות, אָן חכמות און אָן די אַלע חומרות און איבעריקע דיקדוקים, וואָס דאָס ברענגט בלויז צו מרה שחורה [3]. תמימות אָן חכמות, — חזרט ער יעדעס מאָל איבער, — בלויז אמונה אָן שום חקירות, ניט ווערן קיין חקרן, ח״ו. אין האַרצן פון יעדן מענטשן זיצט אָבער א חקרן, א סקעפּטיקער — דאַרף מען אים פאַרטרייבן [4]. מען דאַרף גלויבן אין גאָט נאָר מיט אמונה אָן חקירות [5], און דער עיקר אמונה איז גלויבן אין השי״ת „בלא אות ומופת" [6]. דער עיקר פון גאָט־דערקענען איז נאָר דורך אמונה שלימה [7]. דער, וואָס לעבט מיט אמונה, ווען אַפילו עס קומען אויף אים גרויסע יסורים און צרות, קאָן ער זיך דאָך טרייסטן, אז גאָט וועט זיך איבער אים דערבאַרעמען, און די יסורים זיינען רק לטובה ולכפרה; אָבער דער חקרן, וואָס האָט ניט קיין אמונה, ווען אים טרעפט א צרה, האָט ער זיך ניט צו ווען צו ווענדן, און אין וואָס זיין טרייסט צו געפינען [8]. עס איז ניטאָ וווּהין צו אַנטלויפן, נאָר צום שם יתברך און זיין תורה [9]. בעסער צו זיין א „פתי מאמין בכל דבר" און גלויבן אויך אינם אמת, איידער צו זיין א חכם און א כופר בכל, ח״ו [10].

רק תמימות און פשטות... און דאָך האַלט דער בראַסלאַווער פאַר נייטיק צו וואָרענען, אז „גם בתמימות אסור להיות שוטה" [11]. ער, וואָס פאַרזיכערט, אז ער איז אין דער בחינה פון א „פּראָסטאַק", דערקלערט, אז „דער עיקר ישוב העולם", אז דער עיקר פון דעם מענטשן איז וויסן,

---

1 מגיד שיחות, 59.

2 ליקוטי מוהר״ן, II י״ט.

3 דאָרטן, II, סימ׳ מ״ז.

4 מגיד שיחות, 29.

5 דאָרטן.

6 דאָרטן, 49.

7 דאָרטן, 69.

8 דאָרטן, 29, 36, 48.

9 מגיד שיחות, 83.

10 דאָרטן, 49.

11 דאָרטן, 35.

„ומי שאין לו דעת אינו מן הישוב״ [1]. המחשבה היא גבוהה מאוד מאוד, די מחשבה איז העכער פון אלץ, — דערקלערט דער בראסלאווער זיינע חסידים און איז דערביי מוסיף: „צריך לשמור את המחשבה מאד״ (מגיד שיחות, 33). „שכלו—היינו נשמתו״ — דער שכל איז די נשמה פונם מענטשן, — פארזיכערט ר׳ נחמן. יעדער בן ישראל דארף שטענ־דיק זיך אריינטראכטן אינם שכל פון יעדער זאך, זיך צונויפבינדן מיט דער חכמה און שכל, וואס שטעקט אין יעדער זאך, און דורך איר זיך דערנעענטערן צום השי״ת״; כל־זמן די מענטשן זיינען ניט באשיינט מיטן ליכט פונם וויסן, פארשטייען ניט און פילן ניט די מאכט פון זיין געט־לעכקייט — זיינען זיי בכלל קיין מענטשן ניט (אינם בכלל בני אדם [2]), ווארעם דער עיקר פונם מענטשן איז דער שכל און דערפאר—דארט, ווו דער שכל געפינט זיך, דארט איז דער גאנצער מענטש, און וואס מער דער מענטש ווייסט—אלץ פעסטער איז ער פארבונדן מיטן שורש, דהיינו — מיט גאט יתברך [3].

עס קלינגט כמעט מיימוניסטיש און אויפן ערשטן בליק קאן אפילו קשה זיין, פאר וואס איז עס דער בראסלאווער געווען אזא פארביטערטער קעגנער פון דעם רמב״ם ראציאנאליסטישער לערע. מען מוז אבער געדענקען, אז דער מיסטיקער נחמן בראסלאווער פארשטייט אונטער „דעת״ און גאטדערקענען עפעס אנדערש, ווי די דענקער פון אריסטוס שול. ניט אומזיסט חזרט דער בראסלאווער איבער, אז דארט, ווו עס ענדיקט זיך די חכמת הפילוסופיה, דארט פאנגט זיך ערשט אן די חכמת האמת, ד״ה די חכמת הקבלה [4], און ווו מען פארשטייט ניט מיטן שכל, דארט דארף מען האבן אמונה. עס איז אבער,— פארזיכערט דער בראס־לאווער, — פאראן עפעס העכערס אפילו פון אמונה — דאס איז „חכמה דקדושה״ — די הייליקע חכמה [5]. אט די רעליגיעזע פילאזאפיע קאן מען ניט משיג זיין און ניט דערגרייכן מיט דער הילף פון קאלטן שכל, נאר דורך „בחינת המדמה״ — דורך אינטואיציע, וואס ווערט געשטיצט דורך א שטארקער פאנטאזיע. דעם בראסלאווער, וואס האט קיין פילא־זאפישע שול ניט דורכגעמאכט, איז שווער אויסצודריקן אין קלארע טע־

---

1 ליקוטי מוהר״ן, II, סימ׳ ד׳.

2 דארטן.

3 דארטן, I, סימ׳ כ״א: כי עיקר האדם הוא השכל, וע״כ במקום שחושב השכל שם כל האדם, ושיודע יותר הוא נכלל ביותר בהשורש, דהיינו בו יתברך.

4 מגיד שיחות, 71.

5 דארטן, 29.

זיסן זיין קאָמפּליצירטן וועלטבאַנעם; נאָך שווערער איז אים אויס־צומיידן געוויסע סתירות און מיט לאָגישע ראיות צו באַגרינדן זיין אידעענוועלט. פילט ער באַזונדער שמאַרציק די אומבאַהאָלפנקייט פון וואָרט, וואָס פאַרשווייגט דאָס טיפסטע און אינטימסטע. ניט דורך פילאָזאָפישע סברות, — פאַרזיכערט דערפאַר דער בראַסלאַווער, — ניט דורך איבערגעשפּיצטע און פּאַקטיש קרומע תרוצים קען מען פאַרענטפערן דאָס גרויסע רעטעניש פון דער וועלט, וואָרעם — „דאָס שווייגן איז אַ העכערע בחינה פונם וואָרט"; שווייגנדיק, פאַרטיפט אין זיך, דאַרף מען שפּירן אין די פאַרדאָרגענע ווינקעלעך פון דער נשמה דעם געטלעכן כוד פון דער מענטשהייט... „כשנופל קשיא על השי"ת", — לערנט דער בראַסלאַווער, — אָני תשתוק, זאָלסטו שווייגן; ועי"י השתיקה, און דורך דעם שווייגן וועלן דיינע אייגענע מחשבות אַליין געפינען דעם תירוץ אויף דיינע קשיות 1. מיט פאַר־מאַכטע אויגן, — לערנט דער בראַסלאַווער, — דאַרף מען באַטראַכטן דעם תכלית פון דער וועלט 2, און מיט וואַכע אויערן צוהערן דעם וווּנ־דערבאַרן ניגון פון דער וועלט. אָט דער ניגון־מאָטיוו פאַרנעמט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט אין ר' נחמן בראַס־לאַווערס וועלטבאַנעם.

מען דאַרף, — וואָרנט דער בראַסלאַווער זיינע חסידים, — ניט פאַרגעסן, אַז די עולם־הזה־זאַכן זיינען גאָרנישט ווערט 3. דער יצר־הרע איז געגליכן צו איינעם, וואָס שפּאַנט אַרום צווישן מענטשן מיט אַ צוגע־מאַכטער האַנט, און קיין בן אדם ווייסט ניט, וואָס אין דער דאָזיקער האַנט געפינט זיך. און יענער נאַרט און פרעגט ביי יעדן: וואָס האַלט איך אין דער האַנט? און יעדער באַזונדער מיינט, אַז יענער האַלט באַהאַלטן אין דער האַנט גראָד דאָס, וואָס ער באַגערט, און דערפאַר לויפן אים אַלע נאָך. און אַז יענער עפנט די האַנט, דערזעען אַלע — עס איז דאָרט גאָרנישטאָ. אַזוי נאַרט עס דער יצר־הרע די וועלט 4. אַלע תאוות פון דער וועלט, — זאָגט ווייטער דער בראַסלאַווער, — זיינען געגליכן צו די זיילן זונען־שיין, וואָס דרינגען אַריין (דורך דעם שטויב פון דער לופט) אין צימער, און אַז מען וויל זיי אָנפּאַסן, די דאָזיקע

---

1 ספר המידות, אמונה.

2 ליקוטי מוהר"ן, I, סימ' ס"ה.

3 מגיד שיחות, 35.

4 דאָרטן, 24.

זיילן פון ליכט, טאַפּט מען און — עס בלייבט אין די הענט גאָרנישט![1] און דאָך פילט דער בראַסלאַווער, אַז אין דער וועלט, וואָס איז פול מיט צער און טרויער, אין דע״ וועלט, וואָס איז צום גיהנום געגליכן, — איז אַ ווונדערבאַרער כּישוף באַהאַלטן, אַן אָפּגלאַנץ פונם געטלעכן ליכט, וואָס צאַפּלט אין יעדן באַשעפעניש, שימערירט אין יעדן פאַרבאָרגענעם ווינקעלע. דער אַסקעט און מיסטיקער פונם פאַרוואָרפענעם שטעטעלע מעדזיבוזש האָט דאָך אַ ניצוץ פון אַן אמתן דיכטער געהאַט, — האָט ער מיט זיין דיכטער-אויג דערזעען ניט בלויז דעם צער און די טרערן פון דער וועלט, נאָר אויך די שיינקייט, וואָס איז אונטער דעם דאָזיקן צער באַהאַלטן. ער האָט דערהערט די ווונדערבאַרע סימפאָניע פון דעם קאָסמאָס, אין וועלכער ער, דער מיסטיקער, האָט דערשפּירט די אַנטפּלעקונג פונם געטלעכן גלאַנץ, דעם לבוש פון „הכמה דקדושה״...

לויט דעם בראַסלאַווערס וועלט-באַנעם איז דאָס העכסטע אין דער וועלט — די שיינקייט פונם ניגון. „קול הנגינה, — לערנט דער בראַסלאַווער — הם תלת גוונין דקשת, די דריי גרונדפאַרבן פונם רעגנבויגן, קול הנגינה — תלבש את השכינה, איז דער מאַנטל פון דער שכינה[2]; כי ניגון הוא דבר גדול וגבוה מאוד מאוד, כי מעלת הניגון אֵין לשער, — דערקלערט דער בראַסלאַווער זיינע תלמידים[3]. צריך להיות יודע נגן, מען דאַרף האָבן אַ ידיעה אין מוזיק, — חזרט איין ר׳ נחמן זיינע תלמידים, — בכדי צו פאַרשטיין, ווי אַזוי צונויפצוזאַמלען די איבעראַל פאַרשפּרייטע טענער און אויפבויען פון זיי דעם ניגון, ד״ה — שאַפן די פרייד, שאַפן דעם רוח-נבואה, וואָס איז דאָך דער פולסטער קעגנזאַץ פון עצבות-רוח; וואָרעם ערשט ווען דער נביא דערהערט דעם ניגון, דורך וועלכן דער יודע נגן שאַפט די פולשטענדיקע פרייד, דערוועקט זיך אין אים דער רוח-נבואה[4].

„ער פלעגט, — דערציילט וועגן דעם בראַסלאַווער זיין תלמיד ר׳ נתן, — זייער אָפט זינגען איינעם אַן אייגענעם ניגון. זינגענדיק דעם ניגון פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אין אַ טאַנץ, און ווער עס האָט נישט געזעען זיין טאַנצן, האָט אין זיין לעבן קיין גוטס נישט געזעען״. דער בראַסלאַווער, וואָס האָט שטענדיק געטראָגן אין האַרצן דעם צער פון דער וועלט, אַליין פול מיט עצבות, האָט שטענדיק געפּריידיקט זיינע תלמידים, אַז — „צריך להיות תמיד בשמחה ולעבוד את ד׳ בשמחה״[5] „און

1 מגיד שיחות, 24.
2 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ נ״ד.
3 מגיד שיחות, 78.
4 דאָרטן.
5 דאָרטן, סימ׳ רכב.

נאָך א מאָל האָפּ!" — פלעגט ער יעדעס מאָל מונטערן זיינע חסידים [1]. מען דאַרף וואָס מער זיך דערווייטערן פון עצבות און זיין געוואָרנט שטענדיק זיך צו געפינען אין פרייליכער שטימונג [2]. ויחזיק עצמו בשמחה תמיד, — חזרט איבער דער בראַסלאַווער, — וואָרעם עצבות — מזיק מאוד [3]. א לאַכנדיק פּנים היילט אויס דעם מענטשן [4]; עס איז א גרויסע מצוה צו זיין תמיד אין שמחה און זיך שטאַרקן און דער־ווייטערן מיט אַלע כּוחות עצבות און מרה־שחורה [5]. ס'איז די העכסטע מעלה זיך צו שטאַרקן און נאָכצוּיאָגן דווקא די מרה־שחורה גופא און אויך זי אריינצוּברענגען אין דער בחינה פון שמחה, ד"ה פאַרוואַנדלען די מרה־שחורה אַליין און אויך אַלע יסורים אין לויטער שמחה [6]. ווער ס'איז אין עצבות — פון דעם טוט זיך גאָט דערווייטערן [7], — דערפאַר דאַרף יעדער מענטש זיין שטאַרק געוואָרנט, זיין שטענדיק אין שמחה, און דער וואָס איז דערצו זוכה, דעם טוט השי"ת בעצמו היטן [8]. די רשעים,— דערקלערט דער בראַסלאַווער, — זיי זינגען על־פּי־רוב נגונים של יללה ועצבות [9]. דורך דער נגינה פונם מענטשן קאָן מען דערקענען, „אם קבל עליו עול תורה" — צי האָט ער אויף זיך דעם עול פון תורה גענומען [10].

בעת יעקב אבינו, — דערציילט ר' נחמן בראַסלאַווער, — האָט זיינע צען זין געשיקט צו יוספן קיין מצרים, האָט ער מיט זיי געשיקט

---

1 ווערט מערערע מאָל איבערגעחזרט אין נתנס בריה צו זיין זון יצחק. כאַראַקטעריסטיש איז אויך פאָלגנדיקע שטעלע אין נתנס בריוו, געשריבן מוצאי שבת שמות, תקצ"ו (1836): כי ביותר צריכים להשתדל לשבר העצבות המזיק ח"ו יותר מהכל. גוואַלד, שרעק דיך ניט, מיין ליב קינד; שרעק זיך ניט, גאָט איז מיט דיר באמת; זכור מה שאמר אדמו"ר ז"ל: גאָט איז גרויס, מען חייסט גאָר ניט, וכ"ו.

2 דאָרטן, סימ' רפ"ב.

3 דאָרטן, II, סימ' נ"א

4 מגיד שיחות, 32.

5 דאָרטן, II סימ' כד.

6 דאָרטן, II סימ' כ"ג.

7 ספרי מידות, עצבות.

8 מגיד שיחות, 26. ס'איז אויך כדאי אָנצוּווייזן פאָלגנדיקן פּרט: דער אסקעט נחמן בראַסלאַווער, וואָס האָט אין דער יוגנט געפּייניקט זיין לייב און געפאַסט אַזוי פיל תעניתים, וואָרנט זיינע תלמידים: מען דאַרף זייער רחמנות האָבן אויפן אייגענעם גוף, ווי אין פּסוק שטייט: מבשרך אל תתעלם; מען דאַרף לייטערן דעם גוף, בכדי די נשמה זאָל אים קענען איבערגעבן די השגות אין באַגריפן, וועלכע זי האָט דערגרייכט (ליקוטי מוהר"ן I, סימ' כב).

9 דאָרטן, I, סימ' רכו.

10 דאָרטן, II סימ' א.

דעם ניגון פון ארץ־ישראל, און דאָס איז דער סוד פון די ווערטער, וואָס יעקב זאָגט צו די קינדער: קחו מזמרת הארץ בכליכם (בראשית, מ״ג, 11); וואָרעם איר דאַרפט וויסן, — דערקלערט דער בראָסלאַווער, — אַז יעדער אָרט האָט זיך זיין ניגון, און יעדער גרעזעלע האָט זיך זיין זמר, און דורך די גראָזן, וואָס געדייען און וואַקסן פון דער ערד, ווערט אַ ניגון געשאַפן. דערפאַר האָט זיך יעדער רועה, יעדער פאַסטוך זיין ספּעציעלן ניגון, לויט די גראָזן, וואָס וואַקסן דאָרט, ווען ער טוט פּאַשען זיינע שאָף [1]. אַדאַנק דעם ניגון דערהייבט זיך דער גייסט פונם מענטשן איבער אַלע אַנדערע באַשעפענישן פון דער ערד; ער, דער ניגון, באַפרייט דעם מענטשן „מרוח הבהמות״, דערהייבט זיין גייסט אין די הייכן, בעת דער גייסט פון דער בהמה בלייבט שטעקן אין דער נידער [2].

ר׳ נחמן האָט אַמאָל שפּאַצירט מיט איינעם פון זיינע חסידים איבערן פעלד אונטער זלאָטאָפּאָליע, האָט ער געזאָגט צו זיין באַגלייטער: ווען דו זאָלסט האָבן די זכיה צו הערן דאָס געזאַנג פון די שירות ותשבחות פון די גראָזן און געוויקסן! יעדער גרעזעלע זאָגט שירה דעם שם יתברך אָן שום פניות, אָן מחשבות זרות, אָן טראַכטעניש וועגן „תשלום גמול״. אַך, ווי וווּיל, ווי שיין ס׳איז, אַז מען הערט דאָס דאָזיקע גראָזן־געזאַנג — ס׳איז גוט פרום צו זיין צווישן זיי [3]! ווי ליב, ווי שיין,—זאָגט ער אַן אַנדערש מאָל,—עס איז אַרויסצוגיין אָנהייב פרילינג אויפן פעלד, ווען די נאַטור טוט פון איר שלאָף דערוואַכן, און אויס־גיסן דאָרט אַ תפילה צו גאָט. יעדער פרישׁ גרעזעלע, וואָס האַלט אין וואַקסן, יעדער בלימעלע — אַלע צוזאַמען טוען זיי זיך צונויפגיסן מיט דער תפילה; וואָרעם אויך זיי גלוסטן דאָך און בענקען צו גאָט [4]. אין דעם בראָסלאַווער דערוואַכט דער דיכטער און ער רופט אויס מיט פּאַטאָס: עס זיינען פעלדער פאַראַן און דאָרט וואַקסן ביימער און געוויקסן מיט וווּנדערבאַרער שיינקייט באַגאָסן און די פּראַכט פון די דאָזיקע בליִענדיקע פעלדער איז ניט מעגלעך איבערצודערציילן! גליקלעך איז דאָס אויג, וואָס איז אימשטאַנד דאָס אַלץ צו זעען. וואָרעם די אַלע ביימער און געוויקסן — זיי זיינען אין דער בחינה פון הייליקע נשמות, וואָס וואַקסן דאָרט און געדייען. און עס זיינען נאָך פאַראַן אַזוי פיל

---

1 לקוטי מוהר״ן, II, סימ׳ ס״ג.

2 דאָרטן, סימ׳ ס״ג.

3 מגיד שיחות, 60

4 דאָרטן, 48.

נאקעטע נשמות, וואס בלאנדזשען ארום פון יענער זייט גרעניץ פון די בליענדיקע פעלדער און ווארטן אויף תיקון [1].

דער מיסטיקער און דיכטער ר׳ נחמן זעט דעם גאנצן קאסמאס צונויפגעפלאכטן אין איין קנויל. זייט וויסן, — זאגט ער זיינע תלמידים, — די וועלט איז ווי א דריידל, אלץ געפינט זיך אין שטענדיקער באוועגונג און בייט אן אויפהער זיין געשטאלט; פון א מענטשן ווערט א מלאך, פון א מלאך — א מענטש, און אזוי ג:יז אויך מיט אלע אנדערע זאכן אין דער וועלט: אלץ געפינט זיך אין שטענדיקער באוועגונג און ענדערונג. איינס ווערט מגולגל אין דעם אנדערן, א שטענדיק שטייגן פון דער נידער און נידערן פון דער הייך, ווארעם אלץ שטאמט דאך פון איין שורש און אלץ איז פולשטענדיקע איינהייט [2]. גאט, — זאגט דער בראסלאווער, — שאפט ניט צוויי מאל איין און די זעלבע זאך, ווארעם אלץ ווערט נשתנה, אלץ ענדערט אומאויפהערלעך זיין פארם [3]. און ער גופא, דער בראסלאווער, געפינט זיך אויך אין שטענדיקער באוועגונג, ער איז דאך דער אומדערמידלעכער זוכער; ווארעם, — דערקלערט ער, — איך קאן אויף איין מדרגה ניט שטיין [4]. עס איז, — זאגט ער, — ניט גוט אלט צו זיין [5], מען דארף זיך יעדעס מאל באנייען [6], ווארעם בלויז דורך דעם שטענדיקן באנייען, דורך דעם אומאויפהערלעכן שטרעבן ווערט געשאפן און אנטפלעקט דאס דערהייבענע און שענסטע אין דער וועלט — דער ניגון. זייט וויסן, — חזרט דער בראסלאווער יעדעס מאל איבער פאר זיינע תלמידים, — יעדע חכמה אין דער וועלט האט איר באזונדערן זמר און ניגון. פון דעם דאזיקן זמר אנטפלעקט זיך די באטרעפנדיקע חכמה. לויט איר בחינה האט זיך יעדע חכמה איר ניגון, וואס געהערט בלויז איר אליין. אפילו די

---

1 תיקוני מוהר״ן, I, סימ׳ ס״ה. אן אנדערש מאל (מגיד שיחות 66), דערמאנט הי:ער דער בראסלאווער וועגן די „נשמות ע־טילאין", אויף וועלכע ס'איז אזוי גרויס דער רחמנות, ווייל זיי קענען קיין לבוש ניט געפינען. בלאנדזשן זיי, נעבעך, צווישן ביידע וועלטן: קאנען אין דער הייך זיך ניט דערהויבן און אויך ניט אראפלאזן זיך אין דער נידער.

2 מגיד שיחות, 31.

3 דארטן, 36.

4 דארטן, 63.

5 אין איינעם פון זיינע בריוו צום זון יצחק שרייבט נתן נעמירעווער: והכל כלול במה שהזהיר הוא ז״ל בקול רם וגער בנו ואמר בזה הלשון: אלט טאר מען ניט זיין.

6 מגיד שיחות, 35.

חכמת האפיקורסות האָט זיך אויך איר ניגון. און וואָס העכער ס׳איז די מדרגה פון דער חכמה, אַלץ העכער און דערהייבענער איז איר ניגון. אויך יעדע אמונה האָט זיך איר אייגענעם ניגון; אַפילו די פאַלשע אמונות פון די פעלקער, וואָס טוען צו אָפּגעטער דינען, אויך זיי האָבן זיך זייער באַזונדערן ניגון. און אויך די העכסטע אמונה, וואָס איז דער־הייבענער פון אַלע חכמות און אמונות פון דער וועלט, דהיינו די אמונה אין דעם ליכט פון דעם אֵין־סוף, וואָס נעמט אַרום אַלע וועלטן — אויך זי האָט זיך איר באַזונדערן זמר. און אָט דער דאָזיקער זמר איז העכער פון אַלע זמירות און ניגונים שבעולם, און אַלע זמירות און ניגונים פון אַלע חכמות שעפּן יניקה פון דעם דאָזיקן העכסטן און אומפאַרגלייכלעכן ניגון. העכער פון אַלץ איז דער דאָזיקער אמונה־ניגון; און לעתיד לבוא, ווו אַלע פעלקער ״״ילן דערלויכטן ווערן „לקרוא כֻלָם בשם ד׳״, עס וועט בטל ווערן דאָס קורסות און דער אומגלויבן אויף דער וועלט, און אַלע וועלן גלויבן אין דעם אומענדלעכן גאָט [1], דעמאָלט וועלן מקויים ווערן די טיפע ווערטער פון שיר השירים: „תבואי תשורי מראש אמנה״. עס וועט דערשאַלן דאָס ליד, וואָס שטאַמט מראש אמנה — פון דעם העכסטן גלויבן, דאָס ליד, צו וועלכן עס האָט דער ערשטער דערגרייכט דער געטלעכער מאַן, וואָס האָט גערעדט מיט גאָט און דעם אויסדערוויילטן פאָלק די תורה איבער־געגעבן — משה רבנו. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דערגרייכט די בחינה פון שתיקה, וואָס איז העכער פונם וואָרט, און איז אַריינגעדרונגען אין דעם סוד פון „שתוק, כך עלה במחשבה״ [2]. און אין דער בחינה פון שתיקה, וואָס איז העכער פון אַלע ווערטער, ווערט דער העכסטער און שענסטער ניגון געשאַפן — דער ניגון פון „ראש אמונה״, דער ניגון, וואָס איז אימשטאַנד אויסצולייזן אַפילו די נשמות, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין די טיפסטע אָפּגרונטן פון אַפּיקורסות, וואָס שטאַמען פונם „חלל הפנוי״ [3]. אָט דאָס איז דער סוד פון די ווערטער: אז ישיר משה, דעמאָלט, לעתיד לבוא, וועט דערשאַלן דאָס אויסלייזנדיקע און באַפרייענדיקע ליד פון משהן, דעם געטלעכן מאַן... [4].

1 לעתיד לבוא, חזרט דער בראַסלאַווער איבער, הכל ידעו את ד׳ אפילו עכו״ם (ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ כ״א).

2 זע אויבן, ז׳ 177 און 178.

3 זע אויבן, ז׳ 175 און 180.

4 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ כד. זע אויך דאָרטן, II, סימ׳ ח׳.

יעדער דור האט זיך אבער זיין פארשטייער, וואס געפינט זיך אין דער בחינה פון משה-משיח. דא באגעגענען מיר זיך מיט דעם בראס-לאווערס לערע וועגן דעם צדיק הדור. ר' נחמן בראסלאווער רעדט ניט מיט ווייניקער שנאה, ווי דער בעל „תולדות יעקב-יוסף", וועגן די „לומדים גדלנים", וואס קריגן קעגן די צדיקים און פארהאלטן זיך צו זיי מיט גאווה און פאראכטונג. די דאזיקע מחלוקת, — דערקלערט ר' נחמן, — איז פון דער זעלבער בחינה, וואס יעקבס קריג מיט לבנען. יעקב איז דער צדיק, און לבן איז דער גאווהדיקער תלמיד חכם, וואס איז דער „בר ליליתא" (דער זון פון לילית), דער „שד יהודי"; זיין תורה איז בלויז, בכדי זיך גרוים צו מאכן און מחלוקת צו פירן, און אזא תלמיד חכם — נבילה טובה הימנו, א נבילה איז שוין בעסער פון אים [1]. און די מתנגדים, ווען זיי זיינען מבזה די אמתע יראי שמים, איז דאס נאר דערפאר, וואס זיי האבן געלערנט ביי תלמידי חכמים שאינם הגונים, ביי די „יידישע שדים" (שדים יהודאין) [2]. מען קאן זיין א למדן, — איז ר' נחמן מוסיף, — און דערביי אויך — א רשע גמור; און ווער עס מיינט, אז זיין א למדן איז דער עיקר — דער געפינט זיך אין דער בחינה פון אחרן „שקיצץ בנטיעות", ווארעם תורה אן מעשים טובים איז גארנישט ווערט [3]. די גרונדזייל פון דער וועלט, דער אמתער מנהיג הדור, — לערנט ר' נחמן, — איז דער צדיק. דעם בראסלאווערס באגריף וועגן דער ראלע פונם צדיק אונטערשיידט זיך אבער גאנץ שטארק פון דעם בילד, וואס ס'האט געגעבן דער בעל „נועם אלימלך". דער בראסלאווער האט אינם צדיק געזעען קודם-כל ניט דעם בעל מופת, נאר דאס געוויסן פון זיין דור. „דער צדיק הדור — קאן ניט מרחיק זיין אפילו דעם, וואס זינקט אין אלע מ"ט שערי טומאה; אדרבה, דעם נידעריקסטן און אומריינסטן איז ער נאך מער מקרב, איז צו אים פיל ווייכער, פארהאלט זיך צו אים מיט מער צערטלעכקייט, מיט מער רחמנות". אויסער זיך פלעגט ר' נחמן ווערן, ווען עמיצער פון זיינע חסידים האט ביי אים געבעטן, ער זאל מתפלל זיין פאר פרנסה, אדער ווען די חסידים פלעגן וועגן זיינע מופתים דערציילן. „איך פארשטיי ניט, — פלעגט ער זיי דעמאלט זאגן, — ווי האט איר דאס גאר א הארץ מיך מבלבל צו זיין מיט אזוינע נארישקייטן. איך בין דאך געגליכן צו איינעם, וואס שפרייזט טאג און נאכט איבערן מדבר און וויל פונם מדבר א ישוב מאכן. ווארעם ביי יעדן פון אייך איז דאס

---

1 לקוטי מוהר"ן, I, סימ' י"ב.
2 דארט, סימ' כ"ח.
3 דארט, סימ' לא.

הארץ ווי א פארוואָרלאָזטע וויסטעניש און ס׳איז דאָרט ניטאָ קיין ווינקעלע פאר דער שכינה, און איך זוך און נישטער די גאנצע צייט, איך וויל מתקן זיין אייערע הערצער, די שכינה זאָל דאָרטן רוען קאָנען״. ער איז דערפאר ניט צופרידן מיט דער התנהגות פון פיל צדיקים פון זיין דור. „עס האָבן זיך איצט, — קלאָגט ער זיך פאר זיינע תלמידים, — שטארק געמערט די בעלי שמות של שקר״ [1].

עס זיינען פאראן מנהיגים, וואָס מען קריינט זיי מיטן נאָמען רבי; זיי זיינען פאקטיש ניט אימשטאנד אפילו זיך אליין צו דערציִען, שוין ניט רייִדנדיק וועגן דערציִען אנדערע — און זיי פארמעסטן זיך מנהיג צו זיין די וועלט [2]. אמאָליקע צייטן, — זאָגט ר׳ נחמן מיט איראָניע,— פלעגן די צדיקים זיין עניים ואביונים, און היינטיקע צייטן זיינען זיי עשירים [3]. און עשירות איז, לויט דעם בראסלאווערס וועלטבאנעם, פון די זאכן, וואָס פארדארבן דעם מענטשן. אן אמתער כשרער מענטש, זאָגט ער, איז גאנץ ווייט פון עשירות [4]; און אויך די עשירות, וואָס די צדיקים האָבן, טוט זיי שטאַרק שאָדן [5]. אז מען האָט אים דערציילט וועגן די מופתים פון די גאליציאנער צדיקים, האָט ער דערויף געענטפערט מיט א סקעפטישן שמייכל [6] און דערציילט אגב א מעשהלע וועגן א מלך, וואָס האָט געהאַט צוויי זין, איינעם א חכם און דעם צווייטן א שוטה. האָט דער מלך געמאכט דעם שוטה פארן שאצמייסטער איבער אלע זיינע אוצרות און דער חכם האָט קיין שום שטעלע ניט באקומען, נאָר געזיצן אפגעזונדערט אין דעם מלכס פאלאץ. איז דעם עולם שטארק קשה געווען, וואָס דווקא דער, וואָס איז ניט קיין חכם, האָט ער א התמנות, אלע ווענדן זיך צו אים, ווער עס קערט אום און ווער עס באקומט פון אים די אנגעזאמלטע אוצרות, און דער חכם— ער האָט ניט קיין שום התמנות. האָט זיי דער מלך געענטפערט: איז דאָס דען אזא גרויס חריצות צו נעמען גרייטע אוצרות און זיי צעטיילן דער וועלט? אָט דער חכם,—ער זיצט שטענדיק ביי מיר, פאלט יעדעס מאָל אויף נייע המצאות, גיט מיר אזעלכע קונציקע עצות, אויף וועלכע איך וואָלט קיין מאָל ניט געפאלן, און טאקע אדאנק אים מיט זיינע עצות

1 מגיד שיחות, 38.

2 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ ס״א.

3 דאָרסן, סימ׳ ר׳.

4 מגיד שיחות, 23.

5 דאָרטן. די גרויסע נגידים,—זאָגט ער אויף אן אנדער אָרט, — זיינען כמעט אלע משוגעים, וואָרעם דאָס געלט מאַכט זיי משוגע (לקוטי מוהר״ן, II, ס״ד).

6 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ קפ״ו.

האָב איך אײנגענומען אַזעלכע מדינות, װעגן װעלכע איך האָב אַפילו פריִער ניט געװוּסט, און אַט פון דאָרט שטאַמען עס די אַלע אוצרות, װאָס דער ניט זײער איבערגעשפּיצטער שאַצמײסטער נעמט פונם גרײטן און צעטײלט דער װעלט. איז דאָך קלאָר, אַז דער חכם, דער בעל־יועץ, איז פיל װיכטיקער פון דעם שאַצמײסטער [1].

די דאָזיקע סאַרקאַסטישע רײד פונם בעש״טס אײניקל האָבן שטאַרק אױפגעבראַכט אַ טײל פון די דעמאָלטיקע צדיקים און רבײם און זײ האָבן גערודפט אים און זײנע נאָכפאָלגער מיט ניט קײן קלענערער פאַרביטערונג, װי פריִער די מתנגדים פון דעם װילנער גאונס חדר די „קאַרלינער״ [2]. נאָך מער האָט פאַרגרעסערט די שנאה דעם בראַסלאַװערס שטאָלצע דערקלערונג, אַז ער איז דער אמתער צדיק הדור, װאָס געפינט זיך אין דער בחינה פון משה־משיח [3]. בײ ר׳ נחמן בראַסלאַװער איז אין געװיסן זין פאָרגעקומען דער זעלבער פּראָצעס, װי בשעתו בײם דיכטער און מיסטיקער משה־חיים לוצאַטו [4]. דער דיכטער לוצאַטו

---

1 מגיד שיח ת, 53.

2 בכדי צו געבן אַ באַגריף, מיט האָס פאַר אַ שנאה אײניקע צדיקים האָבן גערודפט די בראַסלאַװער חסידים אַפילו שױן נאָכן טױט פון זײער רבין, גענוגט צו ברענגען אײניקע שורות פון דעם סאַװראַנער רבס אױפרוף צו זײנע חסידים: מודעת זאת בכל הארץ כי קמו חסידי הבראַסלאַװער תחת אבותיהם תרבות אנשים חטאים, חוטאים ומחטיאים את הרבים. ע״כ הנני מזהיר את הסרים למשמעתי להרחיק את הרשעים האלה בכל מיני הרחקות: לא תתחתנו בהם כי אסורים המה לבוא בקהל ד׳ ומלמד מעדת הבראַסלאַװער לא ילמד את בניכם תורה כי תהפך למינות במעיו; שוחט בראַסלאַװער שחיטתו פסולה, שליח ציבור לא יהיה מעדת הזדים האלה, כי תפלתו תועבה. כללו של דבר — התאמצו לשבור להם כל מטה לחם, כל המרחם עליהם אסור לרחם עליו וכל השומע לדברי ישלח ד׳ ברכה בכל מעשי ידיו והוא בן עולם הבא (המליץ, IV, 127). אין דעם אַרטיקל, פונװאַנען מיר ברענגען די דאָזיקע ציטאַטע, װערט געגעבן אַ טרױעריק בילד פון די רדיפות, װאָס די בראַסלאַװער חסידים האָבן געהאַט אױסצושטײן אַפילו 50 יאָר נאָך זײער רבינס טױט. דער בראַסלאַװער האָט פון זײן זײט גאַנץ הײניק רעאַגירט אױף די אָנפאַלן פון זײנע קעגנער. קאַלטבלוטיק האָט ער אָנגעװיזן זײנע חסידים: „זײ (די קעגנער) האָבן זיך אױסגעשניצט אַ מענטשן (דאָס הײסט, זײ האָבן װעגן אים אַ גאַנץ פאַלשן באַגריף) און קריגן אױף אים״ (מגיד שיחות, 63). אינטערעסאַנטע פּרטים װעגן די רדיפות, װאָס די בראַסלאַװער חסידים האָבן געהאַט אױסצושטײן, געפינען זיך אױך אין נתנס בריװ צו זײן זון. נתן דערצײלט, װי מען האָט אין לאַדיזין אױסגעשלאָגן די פענסטער אין דעם הױז, װו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אױף זײן רײזע. מען האָט בײ אים אין זײן הױז פאַרײנגעשטעלט אַ „פּאַסטױ״ פון סאָלדאַטן, און ער חזרט אָפּט איבער אין זײנע בריװ: „והנה הפּאַסטױ עדיין עומד בביתי ואיני יודע כלל מתי יצא״.

3 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ ס, סימ׳ קי״ח.

4 זע אונזער װערק ב׳ V, ז׳ 213—214.

האט געפילט אין זיך אויסערגעוויינלעכע קרעפטן, ער האט אבער זייער באַרייט ניט געוווּסט. אים, דעם ליבלינג פון די מוזעס, האט זיך געדאַכט, אז אים באַגלייט אַ הימלישער שליח און ער הערט די שטימע פון אַ „מגיד״; דער מאַן פון דיכטערישער התגלות און מיט דעם דורכדרינגענדיקן אָדלער־אויג פון אַ באַגאַבטן קינסטלער האָט געמיינט, אַז דאָס האָט ער דערגרייכט די בחינה פון „גלוי עינים״, אַדאַנק זיין אַסקעטישן לעבן און זיין טיפן אַריינדרינגען אין די סודות הקבלה. דער בראַסלאַווער מיט זיין געוואַלדיקער פאַנטאַזיע, מיט זיין ניצוץ פון אַ דיכטער און אומרואיקן, זוכנדיקן גייסט, האָט געשפּירט, אַז ער איז ניט אין פאַרגלייך העכער פון פיל דאַמאָלסטיקע מפורסמדיקע צדיקים מיט זייערע מופתים און תורה־זאָגן; איז ער ביי זיך געוואָרן זיכער, אַז ער איז דער אמתער צדיק הדור, וואָס איז פון דער השגחה באַשטימט צו זיין דער געטרייער היטער און וועגווייזער פאַר אַלע, וואָס בלאָנדזשען איבער די פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן פון לעבן. „דער צדיק, — לערנט ר׳ נחמן בראַסלאַווער, — ער זוכט און פאָרשט שטענדיק, בכדי אויפצודעקן די רצונות פון דעם שם יתברך; וואָרעם אין יעדער זאַך, אין יעדער באַשעפעניש פון דער וועלט איז דאָך אויסגעדריקט גאָטס רצון, זוכט עס דער צדיק און פלייסט זיך משיג צו זיין אָט דעם פאַרבאָרגענעם געטלעכן רצון [1].

„הצדיק איש אשר רוח בו״, — זאָגט דער בראַסלאַווער; דאָס הייסט, דער צדיק טראָגט אין זיך דעם „רוח אלהים״, וואָס האָט „געשוועבן איבער די וואַסערן״, דעם „רוח חיים״, וואָס באַנייט און דערלייזט די וועלט״ [2]. יעדער בן ישראל, — דערקלערט דער בראַסלאַווער, — ווייסט בלויז איין מאָטיוו פונם ניגון, וואָס קלינגט אין דעם חלל פון דער וועלט, אָבער דער צדיק־הדור — ער ווייסט דעם גאַנצן ניגון. ער דערגרייכט די בחינה פון משה „שהוא בחינת שתיקה״ — די העכסטע בחינה, וואָס איז „למעלה מן הדיבור״.

נתעלם היופי והפאר של כל העולם, — זאָגט דער בראַסלאַווער, — פאַרשוווּנדן איז די פּראַכט און שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט, אָבער דער אמתער צדיק, — ער איז די פּאַרקערפּערונג פון דער שיינקייט און דערהייבנקייט פון דער וועלט, און ווען עס אַנטפּלעקט זיך די דאָזיקע שיינקייט, דעמאָלט עפענען זיך די אויגן פון דער וועלט און זי פאַנגט אָן צו באַגרייפן די אמתע שיינקייט. דערפאַר דאַרף יעדער שטרעבן

---

1 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ מ״ז.

2 דאָרטן, סימ׳ ח׳.

צו זיין וואָס נעענטער צום צדיק [1]. העיקר והיסוד שהכל תלוי בו, — חזרט איבער דער בראַסלאַווער, — לקשר עצמו להצדיק שבדור [2]. זײַ וויסן, — לערנט דער בראַסלאַווער, — אַז מען דאַרף פֿאָרן צום צדיק בכדי צוריק צו געפינען די אבידה; וואָרעם אײדער דער מענטש ווערט געבאָרן זאָגט מען אים אָן, וואָס ער דאַרף טאָן און דערגרייכן אויף דער וועלט, — ווי נאָר אָבער ער ווערט געבאָרן, פאַרגעסט ער גלייך אָן אַלץ, וואָס מען האָט אים געלערנט; דער צדיק אָבער — ער זוכט און געפינט אַלע אבידות פון דער וועלט, ער באַלערנט יעדן און דערמאָנט אים, צו וואָס ער איז געבאָרן געוואָרן און וואָס ער דאַרף דערגרייכן [3]. עס איז אַנדערש ניט מעגלעך דעם אמת צו דערגרייכן, ווי צו זיין וואָס נעענטער צום צדיק און צו גיין אין די וועגן, וואָס ער ווייזט אָן [4]. מענטשן, — זאָגט דער בראַסלאַווער מיט אַ שמייכל, — קאָנען ניט פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף מען עס פאָרן צום צדיק און הערן תורה פון זיין מויל, — מען קאָן דאָך לייענען דברי מוסר און פרומע ספרים? ס'איז אָבער, — ווייזט אָן דער בראַסלאַווער, — אַ גאַנץ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם, וואָס לערנט פון אַ ספר, און דעם, וואָס הערט דאָס לעבעדיקע וואָרט פונם רבינס מויל און זיין נשמה קומט אין ענגער פאַרבינדונג מיטן רבינס אָטעם. ווער עס קוקט אַריין אין דעם צדיקס פנים, דער זעט זיך גלייך ווי אין אַ שפיגל; דער צדיק דאַרף גאָר קיין ווערטער ניט ריידן, און דאָך שפירט יענער גלייך, ווי זיין אייגן געזינדל איז איינגעטונקט אין חשכות [5].

דער בראַסלאַווער באַנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט, און ער שטעלט דערבײַ אַרויס אַ גאַנץ נייע פאָדערונג, וואָס איז פאַקטיש פרעמד דער יידישער טראַדיציע און שמעקט שוין מער מיט קאַטוויליציזם: עס זיינען, זאָגט ער, פאַראַן דריי בחינות, דורך וועלכע מען דערנעענטערט זיך צום צדיק, און די העכסטע פון זיי איז „בחינה ווידוי דברים" — מתוודה זיין זיך פאַרן צדיק, אַנטפּלעקן פאַר אים זיין גאַנצע נשמה [6]. און נתן אוים נעמיראָוו דערציילט טאַקע, אַז יעדער פון דעם בראַסלאַווערס מקורבים האָט קודם־כל געמוזט זיך מתוודה זיין פאַרן רבין, אָפּגעבן

---

1 ליקוטי מוהר"ן, II, סימ' ס"ז.

2 דאָרטן, I סימ' י'; דאָרטן, סימ' קכ"ג (דער עיקר און דאָס חיכטיקסטע פון אַלץ איז — זיך מיטן צדיק הדור צו פאַרבינדן).

3 דאָרטן, I, סימ' קפ"ח.

4 דאָרטן, ס מ' ז.

5 דאָרטן, סימ' י"ט.

6 דאָרטן, סימ' ח'.

דין=וחשבון פאַר אַלע זיינע מעשים, פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן און געטראַכט...

מענטשן מיינען, — זאָגט דער בראָסלאָווער זיינע חסידים, — אַז ווען דער צדיק איז גרויס, קוקט ער זיך גאָר ניט אום אויף די פשוטע בני אדם, ווארעם ער איז דאָך ווייט פון דער וואָכעדיקער וועלט. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות; אדרבה, וואָס גרעסער דער צדיק איז, אַלץ מער איז ער ביכולת צו באַטראַכטן און צו באַגרייפן די געשעעניש פון דער וועלט [1]. יעדער בר ישראל מוז יעדן טאָג פילן אַ געוויסן צער, אָבער וואָס גרעסער דער מענטש איז, אַלץ גרעסער איז זיין צער [2]. אַ מנהיג קאָן זיין בלויז דער, וואָס האָט גרויס רחמנות און איז זיך מוסר=נפש בשביל ישראל [3], ווארעם די וועלט נייטיקט זיך זייער אין גרויס רחמים (העולם צריכים רחמים גדולים) [4]. זאָל מען אָבער ניט מיינען, — שטרייכט דער בראָסלאָווער אונטער, — אַז די אמתע צדיקים זיינען אַזוי גרויס, ווייל זיי זיינען מיט אַ גרויסער נשמה געבאָרן, — יעדער קאָן דערגרייכן זייער מדרגה [5]. כל אחד מישראל יכול לבוא למדריגת של צדיקים — יעדער בן ישראל קאָן דערגרייכן די מדרגה פון צדיקים [6], ווארעם משה רבינו, וואָס איז די העכסטע מדרגה, צו וועלכער דער מענטש קאָן דערגרייכן, „הוא מלובש בכל אחד מישראל [7]. אַלץ באַלאַנגט פון דעם מענטשנס פרייען ווילן; אפילו אין שאול תחתיה קאָן מען זיך מתקרב זיין צו גאָט“. כל אדם שבעולם, — לערנט דער בראָסלאָווער, — קאָן זוכה זיין צו דער העכסטער מדרגה, עס ווענדט זיך נאָר אין דער בחירה פונם מענטשן [8]. כל אחד מישראל, — זאָגט ווייטער דער בראָסלאָווער, — אפילו דער מינדסטער און קלענסטער, וואָס געפינט זיך אויף דער נידעריקסטער שטופע — אויך ער „יכול לשוב להשם יתברך“ [9]. עס טרעפט צייטנווייז, — לערנט דער בראָסלאָווער, — אַז דער צדיק האמת איז אַ איש פשוט, ממש וואָס ווערט אָנגערופן „אַ פּראָסטאַק“, „ואינו מגלה שום תורה“ [10] און דווקא אין

---

1 ליקוטי מוהר״ן, II, סימ׳ ס״א.
2 דאָרטן, סימ׳ ע״ז.
3 דאָרטן, סימ׳ ז׳.
4 דאָרטן, I, סימ׳ ק״ה.
5 מגיד שיחות, 61.
6 ליקוטי מוהר״ן, I, סימ׳ צ״ו.
7 דאָרטן, II, סימ׳ כ״ו.
8 מגיד שיחות, 7.
9 מגיד שיחות, 54
10 ליקוטי מוהר״ן, II, סימ׳ ע״ח.

דעם איז זײַן גרויסקייט, ווײַל דורך דעם איז ער מחיה און דערהייבט דעם פשוטן עולם [1].

דער בראַסלאַווער, וואָס איז ניט געווען צופרידן, ווען מען פלעגט דערציילן מופתים וועגן רבנים, פלעגט אָבער אָפט אָנווײַזן זײַנע חסידים, אַז דערציילן סיפּורי מעשיות וועגן צדיקים איז גאָר אַ גרויסע זאַך (דבר גדול מאוד), — דאָס איז די בחינה פון „גדלות דמוחין". דורך סיפורי מעשיות וועגן צדיקים, — פאַרזיכערט דער בראַסלאַווער, — ברענגט מען אַראָפּ אויף דער וועלט דאָס ליכט פון משיח און מען פאַרדרענגט פיל פינסטערניש און צרות פון דער וועלט [2]. מען דאַרף אָבער, — איז דער בראַסלאַווער מוסיף, — וויסן ווי די מעשה צו דערציילן [3]. און דער צדיק אַליין, — ווײַזט דער בראַסלאַווער אָן, — מוז אויך זײַן תורה אײַנהילן אינם לבוש פון מעשיות; מיר ווייסן דאָך, אַז די תורה גופא איז אויך אײַנגעהילט אין סיפורי מעשיות — „מחמת שלא היה אפשר למוסרה כמות שהיא", ווײַל ס'איז ניט מעגלעך געווען זי צו אַנטפּלעקן אין איר אמתער געשטאַלט [4].

אָט אַזוי האָט דער דיכטער אינם בראַסלאַווער נאָך אַלע מניעות דאָך גובר געווען דעם צדיק און פאַר זיך זײַן שאַפונגסוועג געפונען... אין די לעצטע יאָרן פון זײַן קורצן לעבן האָט ער פאַר זײַן תורה אַ „לבוש" געזוכט, בכדי זי אין בילדער און סימבאָלן זײַנע תלמידים איבערצוגעבן. אַזוי זײַנען געשאַפן געוואָרן זײַנע פאַנטאַסטישע און בילדערדרייכע וווּנדער-מעשיות, וואָס בילדן דאָס ערשטע שיינע בלאַט פון דער נײַ-ייִדישער קונסט-ליטעראַטור. „איך וועל שוין אָנהויבן מעשיות דערציילן", — האָט דער בראַסלאַווער זײַנע תלמידים דערקלערט [5]. — זיי זײַנען, לײַדער, דערגאַנגען צו אונז ניט אין זייער אורשפּרינגלעכער פאָרם, וואָרעם דער בראַסלאַווער האָט זײַנע מעשיות ניט פאַרשריבן, נאָר דערציילט פאַר זײַנע חסידים, און זײַן געטרייער תלמיד נתן אוים נעמיראָוו פלעגט זיי ערשט שפּעטער לויטן זכרון פאַרשרײַבן. ר' נתן איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ מקובל, אָבער אָן דעם מינ-דעסטן פּאָעטישן חוש, און ער איז ווייניק מסוגל געווען ריכטיק און געטרײַ איבערצודערציילן אַזוינע אייגנאַרטיקע, פאַנטאַזיע-רײַכע מעשיות. ער האָט זיי במחילה ניט פאַרשטאַנען, ער האָט בלויז געגלויבט אין

---

1 ליקוטי מוהר"ן, II סימ' ע"ח.

2 ספר מידות, צדיק.

3 ליקוטי מוהר"ן, I, רל"ד.

4 דאָרטן, סימ' קס"ד.

5 זע צווייטע פאָררעדע צו „סיפורי מעשיות".

זיי, געגלויבט, אַז אין זיי זײַנען פֿאַרבאָרגן די טיפֿסטע סודות. האָט ער געשריבן פּירושים אויף זיי, און טאַקע די דאָזיקע פּירושים באַווײַזן ערשט רעכט, ווי ווייניק ער האָט פֿאַרשטאַנען די אויסטערלישע שאַפֿונגען פֿון זײַן רבינס אומדערשעפּלעכער פֿאַנטאַזיע. דאַרף דערפֿאַר ניט חידושן, וואָס אונטער זײַנע ווייניק געשיקטע פֿינגער האָבן די דאָזיקע צאַרטע באַשעפֿענישן אָנגעוואָרן אַ טייל פֿון זייער חן, און אייניקע פֿון זיי זײַנען פֿאַרבליבן אמתע קאַליקעס. אַזוי, למשל, איז די פֿאַנטאַזיע־און פֿאַרבן־רײַכע מעשה וועגן חכם און זײַן זון מיט די לאַמע פֿיס באַשטימט אין אַנטשטעלטער פֿאָרם איבערגעגעבן, און בײַ דער מעשה פֿונם מלך, וואָס האָט געפֿירט מלחמות, ווײַזט ר' נתן גופֿא אָן, אַז ער האָט דעם סוף פֿאַרגעסן און ער „איז ניט אויסגעשריבן געוואָרן גוט אַזוי, ווי ער (דער בראַסלאַווער) האָט עס דערציילט".

ר' נחמן בראַסלאַווער האָט אַרויסגעזאָגט זײַן ווונטש, אַז זײַנע מעשיות, וואָס ער פֿלעגט זיי דערציילן פֿאַר זײַנע חסידים אויף פּראָסט „מאַמע־לשון", זאָלן געדרוקט ווערן צוזאַמען מיט אַ העברעיִשער איבערזעצונג 1. זײַן תּלמיד ר' נתן האָט דערפֿילט דעם דאָזיקן ווונטש; און פֿינף יאָר נאָך זײַן רבינס טויט (אין 1815) האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן רבינס מעשיות צוזאַמען מיט אַ העברעיִשער איבערזעצונג. אָט די דאָזיקע העברעיִשע איבערזעצונג האָבן די השׂכּלה־שרײַבער געמאַכט צו שפּאָט און געלעכטער פֿאַר איר „בעל־עגלהשן לשון". יוסף פּערל האָט אויף איר פּאַראָדיעס געשריבן, און אפֿילו אין דער לעצטער צײַט האָט דער היסטאָריקער פֿון חסידות, שמעון דובנאָוו, אויך געהאַלטן פֿאַר נייטיק אָפּצושפּאָטן פֿון דעם „בעל לשון" נתן אויס נעמיראָוו און פֿון זײַן עמהאָרצישער איבערזעצונג. אין דער אמתן איז די אומבאַהאָלפֿענע שפּראַך פֿון דער העברעיִשער איבערזעצונג כּלל ניט קיין באַווײַז פֿון נתנס עם־הארצות, נאָר פֿון זײַן אויסעראָרדנטלעכן רעספּעקט־געפֿיל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַצויגן צו יעדן וואָרט פֿון זײַן רבין. נתן אויס נעמיראָוו האָט מיט זײַנע העברעיִשע ווערק, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנט־לעכט, ווי אויך אין זײַנע הונדערטער נאָך ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע בריוו

---

1 אין דער נײַערער צײַט האָט ש. צ. זעצער געפּרוּווט דערווײַזן, אַז ר' נחמנס מעשיות, וואָס זײַנען דערציילט געוואָרן אויף יידיש, האָט נתן אויס נעמיראָוו פֿאַרשריבן אויף העברעיִש, און דער געדרוקטער יידישער טעקסט איז „אַן איבערזעצונג פֿון אַ העברעיִשן טעקסט, וועלכער איז אַליין אַן איבערזעצונג פֿון דער זעלבער יידישער שפּראַך, אויף וועלכער ער איז נאָכדעם איבערזעצט געוואָרן". אַז די דאָזיקע השערה שוועבט אין דער לופֿטן אין זעצערס באַווײַזן זייער שוואַך און דערצו נאָך סתירות־פֿול — וועגן דעם האָט שוין געשריבן באַריכות ש. ניגער אין זײַן גרינדלעכער אַרבעט „ר' נחמן בראַסלאַווער און זײַנע סיפּורי מעשיות".

באַוויזן, אַז ער שרייבט העברעיש באַדייטנדיק בעסער ווי פיל אַנדערע למדנים פון זיין צייט. דעם רבינס מעשיות האָט ער אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק איבערצוזעצן אויף דעם זעלבן אופן, ווי מען פלעגט אין מיטלאַלטער איבערזעצן אויף „לשון אשכנז" די תורה. אויס גרויס יראת הכבוד צום הייליקן טעקסט האָבן די איבערזעצער זיך געטריי געהאַלטן בײַם וואָרט-סדר פונם העברעיִשן אָריגינאַל, מורא געהאַט מוסיף צו זיין אָדער פאַרמינערן אַ וואָרט, זיך דערביי כלל ניט גערעכנט מיטן גייסט און כאַראַקטער פון דער שפּראַך, אויף וועלכע זיי איבער-זעצן, אויך ווייניק אַכט געלייגט דערויף, וואָס דורך דעם קנעכטישן איבערזעצן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט ווערט דער זאַצבוי שווערוואָגיק און הילצערן, און דער אינהאַלט ווערט אויך דערביי ניט זעלטן פאַר-טונקלט און שווער פאַרשטענדלעך [1]. דער פרומער נתן אויס נעמיראָוו האָט געזוכט אין זיין רבינס מעשיות „סודות נוראות" און „התגלות אלקות" [2]. אין יעדן „דיבור ודיבור" פון די מעשיות האָט ער געזען די טיפסטע כוונות, און ווער עס ענדערט אין זיי איין וואָרט אַפילו און גיט עס איבער ניט אַזוי ווי עס איז אַרויסגעקומען פונם רבינס מויל — „הוא מחסר הרבה מהמעשה". מיר האָבן, אמת, שוין געזען, אַז נתן גופא האָט ניט ריכטיק איבערגעגעבן דעם טעקסט און דורכדעם טאַקע האָט ער „מחסר הרבה מהמעשה" געווען [3]. אָבער דאָס, וואָס ער האָט באַהאַלטן אין זכרון און אויף פּאַפּיר פאַרשריבן, האָט ער זיך געפליסט איבערצוזעצן וואָרט בײַ וואָרט מיט דער פיינלעכסטער געטריישאַפט.

דעם בראַסלאַווער דרייצן מעשיות האָט ר' נתן אויפגעהיט, און דעם לייענער-פּובליקום איבערגעגעבן [4]. דער רוב פון די דאָזיקע מעשיות טראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, פון ריין יידישן אינהאַלט איז פאַקטיש בלויז איינע — די מעשה וועגן רב מיטן בן יחיד. דאָס איז אַ טיפּישע חסידישע מעשה, ווו עס ווערט דערציילט וועגן אַ רב

---

1 זע אונזער ווערק, ב' VI, 41—42, 110—111.

2 מגיד שיחות, 57.

3 ערשטע פאָררעדע צו „סיפורי מעשיות".

4 1) די מעשה וועגן מלך מיט דער בת-מלכה; 2) די מעשה וועגן אַ קיסר און אַ מלך, וואָס האָבן קיין קינדער ניט געהאַט; 3) מעשה בחכם אחד; 4) אַ מעשה וועגן אַ מלך, וואָס האָט גוזר געווען אַ גזירת שמד; 5) אַ מעשה וועגן אַ מלך; 6) מעשה במלך וחכם; 7) אַ מעשה וועגן אַ מלך, וואָס האָט געפירט מלחמות; 8) דער רב מיטן בן-יחיד; 9) מעשה בחכם ותם; 10) די מעשה וועגן בערגיר און דעם אָרעמאַן; 11) די מעשה וועגן אַ בן-מלך און דעם קנעכטס אַ זון; 12) די מעשה וועגן בעל-תפילה; 13) מעשה בז' בעטלער.

א למדן, וועמעס געשפּיצטע חריפות און סקאַרבאָווע תּפילות עס קאָנען ניט באַפרידיקן זיין בן יחיד, וואָס איז באַשאָנקען מיט א צאַרט־פילנדיקער נשמה. יענעם ציט צום רבין, דעם צדיק הדור, ווייל בלויז ער, דער צדיק, קאָן זיין פאַרהלשט האַרץ דערפרישן; דער רב דער מתנגד קאָן דאָס אָבער ניט ליידן, שטעלט ער אַרוים אַלערליי מניעות. צאַנקט, נעבעך, דעם זונס נשמה, גייט אויס פאַר בענקשאַפט צום קוואַל פון פרישן לעבן — צום רבין...

פול מיט בייסנדיקער איראָניע איז די מעשה וועגן חכם און דעם תם. די משכּילישע ליטעראַטור איז רייך מיט סאַטירעס און פּאַמפלעטן קעגן די חסידים און זייערע רביים. די מעשה מיטן חכם און תם איז א גייסטרייכע סאַטירע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן „צר שכּנגדו״, אינם חסידישן לאַגער. דער צדיק ר׳ נחמן פירט דאָ דורך זיין גרונד־טעזיס, אַז צו די דערשיינונגען פונם לעבן דאַרף מען צוגיין נאָר מיט תּמימות און פּשטות, און נאַריש אין דער פאַרמעסט פון די ראַציאָנאַליסטישע „חקרנים״, וואָס ווילן אַלץ צעגלידערן און מסביר זיין מיט זייער שכל, — זיי מיינען, אַז אַלץ אין דער וועלט קאָן מען דורכ־דרינגען און דערקלערן על פּי שכל הישר. „עס געשעען, — טענהט דער בראַסלאַווער, — זאַכן, וואָס זיינען דער היפּך פון חקירה, און מיט דעם מענטשנס לאָגיק איז זיי ניט צו דערקלערן [1]. ווען דער מענטש, — פלעגט דער בראַסלאַווער זאָגן, — פאַרלאָזט זיך בלויז אויף זיין שכל און זיין חכמה, קאָן ער אַריינפאַלן אין פילע טעותן און שטרויכלונגען [2]. דערציילט ער א מעשה וועגן צוויי חברים, איינעם א תם און דעם אַנ־דערן א חכם, וואָס קאָט זיך פיל וויסן דערוואָרבן; ווי אַזוי דער ערש־טער מיט זיין תּמימות און פּשטות גייט מיט זיכערע טריט איבער די קרומע וועגן פון לעבן און דער חכם מיט זיינע חקירות און ספקות ווערט געשליידערט פון איין צרה צו דער אַנדערער, און פאַלט אין דעם טיפסטן זומפּ. ס׳איז כּדאי דערביי אָנצווייזן אויף איין אינטערעסאַנטן פּרט: בעת די משכּילים מאָלן אין זייערע סאַטירעס די קעגנער זייערע אין לויטער שוואַרצע פאַרבן — אַלע צדיקים זיינען ביי זיי צבועקעס, שווינדלער און באַטריגער, — שילדערט דער בראַסלאַווער זיין קעגנער, דעם „חכם״, אַלס אָרענטלעכן מענטשן, וואָס וויל רק דעם אמת דערגיין, ער זוכט אָבער דעם אמת אויף פאַלשע וועגן. דאָס פּיקאַנט־סטע אין דער סאַטירע איז נאָך דערביי, וואָס דער בראַסלאַווער קעמפט

---

1 מגיד שיחות. 31.

2 ליקוטי מוהר״ן, II סימ׳ י״ב.

דאָ ניט בלויז קעגן די „חקרנים" און ראַציאָנאַליסטן פון זײַן צײַט, נאָר אויך קעגן דעם „חקרן" און סקעפּטיקער, וואָס זיצט אין אים גופא. זײַן תּלמיד ר' נתן ווייסט צו דערציילן, מיט וואָס פאַר אַן אַנגעווייטאָגטער שטימע דער בראַסלאַווער האָט אַמאָל אויסגערופן פאַר זײַנע חסידים: „און אַז מען פאַלט אין אַ בלאָטע אַרײַן, שרייט מען, און מען שרייט און מען שרייט!" 1. און אָט דאָס געשריי איז אין אַ סאַטירע, אין אַ באַפרייונגס-אַקט מגולגל געוואָרן. דורך דעם שפּאָטישן געלעכטער איבער דעם איבערגעשפּיצטן חכם, וואָס שטעקט אַזוי טיף אין דער בלאָטע, ווײַל ער זיך פון דעם „חכם" און „חקרן" באַפרייען, וואָס זיצט נאָך באַהאַלטן אין אים גופא...

די מעשׂיות זײַנע פלעגט דער בראַסלאַווער ניט דערציילן סתּם אין דער וועלט אַרײַן; עס פלעגט תּמיד זײַן אַ געוויסע סיבה, עפּעס אַ געשעעניש, וואָס זי האָט באַוויזן דעם בראַסלאַווער, ער זאָל זי אילוסטרירן פאַר זײַנע צוהערער מיט זײַנער אַ מעשׂה. אַזוי, אַשטייגער, זײַנען אַ מאָל געזעסן זײַנע חסידים און דערציילט וועגן נאַפּאָלעאָנס געוואַלדיקע נצחונות, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין יענער צײַט, און דערבײַ אַרויסגעזאָגט זייער גרויס באַוווּנדערונג, וואָס אַ פּשוטער בן אדם פון נידעריקן שטאַנד זאָל אַזוי עולה לגדולה זײַן און פאַר אַ קיסר געקרוינט ווערן. „ווער ווייסט — האָט דער בראַסלאַווער זיך אָנגערופן — פון וואַנען זײַן נשמה שטאַמט; נשמות ווערן אויך אַמאָל פאַרביטן". און גלײַך האָט ער אָנגעפאַנגען צו דערציילן זײַן אויסטערלישע מעשׂה וועגן דעם בן מלך און דעם זון פון דער דינסט, וואָס זײַנען פאַרביטן געוואָרן. אַן אַנדערש מאָל, בעת ער האָט דערהערט, אַז נתן אויס נעמיראָוו האָט געשריבן אַ צוויטן חסיד, אַז ער דאַרף זײַן רק בשׂמחה, האָט ער, דער בראַסלאַווער, זיך אָנגערופן: „איך וועל אײַך דערציילן, ווי אַזוי מען איז אַמאָל פריילעך געווען". און ער האָט גלײַך אָנגעפאַנגען צו דערציילן די מעשׂה וועגן די זיבן בעטלער, וואָס איז די קרוין פון אַלע דעם בראַסלאַווערס מעשׂיות, איינע פון די שענסטע און טיפסטע מעשׂיות, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט 2. אין איר, אין דער לעבנס-פּיקחות פון די זעקס בעטלער 3, גיט איבער דער צדיק, וואָס

---

1 מגיד שיחות, 53.

2 די מעשׂה מיט די זיבן בעטלערס האָט אין דער נײַערער צײַט יונה ספּיוואַק באַאַרבעט אין דראַמאַטישע פאָרם: ר' נחמן בראַסלאַווער אין געשטאַלט פון זײַן „מעשׂה מיט די זיבן בעטלערס", ווילנע, 1932.

3 די מעשׂה פונם זיבעטן בעטלער פעלט, זי האָט דער בראַסלאַווער ניט דערציילט.

איז אויך א דענקער און דיכטער געווען, זיין אינטימסטע אידעען־וועלט, וועלכע איז דערוואָרבן געוואָרן דורך אומצייליקע ליידן און שמאַרציקסטע ספקות. דער צדיק און דיכטער איז פעסט איבערצייגט, אַז נאָר דורך דעם וועג פון ליידן דערגרייכט מען דאָס העכסטע און דערהייבנסטע, אַז דער צער פון דער וועלט און די שטאָק־פינסטערע נאַכט פון דער וועלט זיינען דורכגעדרונגען מיט שטראַלן פון געטלעכן ליכט און שיינקייט; מען דאַרף נאָר האָבן אָדלער־אויגן זיי צו זעען. קליין און נישטיק זיינען די תביעות פונם אַלטעגלעכן לעבן, גרינצלענדיק־דיסהאַרמאָניש איז דאָס געפּילדער פון די געמאַרקן פון לעבן; זוער עס האָט אָבער א צאַרט געהער, דער הערט דעם וואונדערבאַרן ניגון, וואָס קלינגט אינם קאָסמאָס, דער פאַרנעמט מיט די צאַפּלדיקע סטרונעס פון זיין האַרצן די גרויסע פרייד, וואָס שפּראָצט אַרויס אויס דעם טיפן צער פון דער וועלט... בכדי צו געבן א באַגריף וועגן דעם סטיל פון דער דאָזיקער וואונדער־באַרער מעשה, ברענגען מיר דאָ א טייל פון דער מעשה, וואָס עס דערציילט דער דריטער בעטלער, דער כבד־פּה, דער שטאַמלער, וואָס איז אין דער אמתן „גאָר קיין כבד־פּה ניט, אדרבה, א רֵיידער זייער א ווּילער, וואָס ס׳איז א ווילדער חידוש״:

איך, — דערציילט דער בעטלער דער כבד־פּה, — גיי אום און נעם צונויף אַלע אֱמתי חסדים און ברענג זיי צו דעם מאַן פון אמתן געגאָד — דעם גרויסן מאַן, און ער, דער אמתער איש חסד, שפּינט פון זיי די צייט... און איטלעכע זאַך האָט א האַרץ און די וועלט אינגאַנצן האָט אויך א האַרץ און דאָס האַרץ פון דער וועלט איז א גאַנצע קומה (א געשטאַלט) און מיט א פנים און מיט הענט און מיט פיס; לושמיר דער נאָגל פון דעם פוס פון דעם האַרץ פון דער וועלט איז האַרציקער איידער אַן אַנדערנס האַרץ. און עס איז פאַרהאַנדין א באַרג און אויף דעם באַרג שטייט א שטיין און פון דעם שטיין גייט א קוואַל. און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייט אויף איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט. און דאָס האַרץ שטייט אַנטקעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תמיד, עס זאָל קומען צו דעם קוואַל. און דאָס בענקען און דאָס גלוסטן פון דעם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר שטאַרק און עס שרייט תמיד דאָס האַרץ, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל און דער קוואַל גלוסט צו דעם האַרץ אויך. און דאָס האַרץ האָט צוויי חלישות (שלאַפקייטן): איינע, וואָרעם די זון מאַטערט עס זייער און ברענט עס, און (פאַרשטאַרקט נאָך דער־מיט) די אַנדערע שלאַפקייט, וואָס דאָס האַרץ האָט מחמת דעם בענקען און דעם גלוסטן, וואָס דאָס האַרץ בענקט און גלוסט תמיד און עס גייט

גאָר אויס צו דעם קוואַל. און עס שרייט אַלץ, עס זאָל קומען צו דעם קוואַל, וואָרעם דאָס האַרץ שטייט תּמיד אַנטקעגן דעם קוואַל און שרייט נאָ געוואַלד, און עס בענקט אַלץ ווייער צו דעם קוואַל. לושמיר אַז דאָס האַרץ בדאַרף זיך אַביסל אָפּרוען, אַז עס זאָל זיך אָפּסאָפּען אַביסל, אַזוי קומט אַ גרויסער פויגל און פאַרשפּרייט די פליגל אויף אים, און פאַרשטעלט אים פון דער זון. דעמילט רוט זיך דאָס האַרץ אָפּ אַביסל. און אַפילו דעמילט, ווען עס רוט, קוקט עס אויך אַקעגין דעם קוואַל און בענקט אַלץ צום קוואַל. לושמיר אַז סע בענקט יאָ אַזוי צום קוואַל, פאַרוואָס גייט עס ניט צום קוואַל? נאָר וויבאַלד דאָס האַרץ וויל צו-גיין נאָענט צום באַרג, וואָס אויבן איז דער קוואַל, אַזוי זעט ער שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ (פּונם באַרג), קאָן עס ניט זען דעם קוואַל. און וויבאַלד עס קוקט ניט אויף דעם קוואַל, גייט עס אויס, וואָרעם גאָר דאָס חיות פון דעם האַרץ איז נאָר פון דעם קוואַל; און אַז עס שטייט אַקעגין באַרג, זעט עס אַרויס דעם שפּיץ באַרג, וואָס דאָרט איז דער קוואַל, אָבער תּיכּף ווי נאָר עס וויל צוגיין צום באַרג, זעט עס שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ, קאָן עס שוין ניט קוקן אויף דעם קוואַל, און קאָן חס-ושלום אויסגיין; און אַז דאָס האַרץ זאָל חס-ושלום אויסגיין, וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרן, וואָרעם דאָס האַרץ איז דאָך דאָס חיות פון איטליכער זאַך, און ווי קאָן די וועלט אַ קיום האָבן אָן דעם האַרץ? איבער דעם קאָן דאָס האַרץ ניט צוגיין צו דעם קוואַל, נאָר סע שטייט תּמיד אַקעגין דעם קוואַל און סע בענקט און סע שרייט תּמיד, אַז סע וויל קומען צו דעם קוואַל. און אין דעם קוואַל איז גאָר קיין זמן (קיין צייט) ניטאָ, וואָרעם דער קוואַל איז גאָרניט אין זמן (ד״ה, ער איז אויסער דער צייט). לושמיר, ווי אַזוי קאָן דער קוואַל זיין אין דער וועלט? שטאַמט דעם קוואַלס זיין אין דער וועלט נאָר פון דעם, וואָס דאָס האַרץ שענקט אים אַ טאָג בְּמַתָּנָה; און אַז דער טאָג וויל זיך שוין אויסלאָזן, און ווי נאָר דער טאָג וועט אַוועקגיין וועט זיך שוין דער קוואַל מער קיין זמן ניט האָבן, וועט דער קוואַל אַוועקגיין פון דער וועלט, און ווי דער קוואַל וועט ניט זיין, וועט זיך דאָס האַרץ אויך אויסגיין, חס-ושלום, וועט גאָר די וועלט ח״ו בטל ווערן. ווי סע קומט נאָענט צום סוף טאָג, אַזוי הייבן זיי זיך אָן צו געזעגנען איינער מיט דעם אַנדערן, דאָס האַרץ מיטן קוואַל, און זיי הייבן אָן צו זאָגן חידות און שירים און לידער איינער צום אַנדערן, זייער וואוילע שירים און לידער מיט גרויס ליבשאַפט און מיט גרויס בענקיכץ זייער איינער צום אַנדערן, דאָס האַרץ צום קוואַל און דער קוואַל צום האַרץ. און דער אמתער איש חסד — דער מאַן פון אמתן גענאָד, ער האָט דערויף

השגחה, און ער היט דאָס אָפּ, און ווי נאָר סע קומט דער טאָג גאָר צום סוף, און ער האַלט שוין ביים אויסגיין, אַזוי קומט דער אמתער איש חסיד צו הילף און שענקט נאָך אַ טאָג דעם הארצן, און דאָס הארץ שענקט דעם טאָג דעם קוואַל. און אַז דער טאָג קומט אָן פונאַנדערן ער קומט, אַזוי גייט דער טאָג אויך מיט חידות און מיט וואוילע לידער, וואָס אין זיי זיינען דאָ אַלע חכמות...

און גאָר דער זמן — איז מוסיף דער בעטלער דער כבד־פּה — די גאַנצע צייט, וואָס דער אמתער איש חסד האָט איז דאָס אַלץ דורך מיר, וואָרעם איך גיי אַלץ אַרום און קלויב צונויף אַלע אֱמֶתי חסדים, וואָס פון זיי ווערט גאָר דער זמן, און ברענג זיי צום איש חסד האמת...

זעקסטער קאַפּיטל

צוויי אַרטן חסידישע מעשיות. — זאַמלונגען פון חסידישע ספורי מעשיות. — זייער אָפּקלאַנג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. — די פּאַמפלעטן־ליטעראַטור קעגן די חסידים. — דער סלוצקער מגיד ישראל לייבל; זיין „ספר ויכוח" און „גלויבווירדיגע נאַכריכטען". — דוד מאַקאָווער, זיין „זמיר עריצים" און „שבר פושעים". — די דערהייסערסטע חערן דערנעענטערס. — פרידלעכע טענער אין דער פּאָלעמיק־ליטעראַטור.

ר׳ נחמן בראַסלאַוועס מעשיות זיינען אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע דערשיינונג, געשאַפן אויף דער שוועל פונם 19טן י״ה, און דאָך — ביי אומשטענדן, וואָס דערמאָנען קדמונישע צייטן. די „סיפּורי מעשיות" האָט זייער באַשעפער ניט געשריבן, ניט געשליפן זייער פאָרם און סטיל; ער האָט בכלל ניט געוווּסט, אַז ער איז אַ דיכטער, אַז ער שאַפט קונסטווערק, אַז ער איז איינער פון די, וואָס אַנטפּלעקן די אוצרות, וועגן וועלכע ער האָט געחלומט און נאָך וואָס עס האָט געלעכצט זיין נשמה — די אוצרות פון שיינעם און דערהייבענעם, וואָס שימערירן אין דעם חלל פון דער וועלט, אין אַלץ וואָס טראָגט דעם שטעמפּל פון „מעשה בראשית" און גאָט־באַשאַף. ווי אַ פאָלקס־זינגער פון אַמאָליקע דורות, האָט ער אימפּראָוויזירט זיינע מעשיות, רעציטירט זיי פאַר זיינע צוהערער און אויף אַזאַ אופן זיי איבערגעגעבן דעם קיבוץ, געלאָזט זיי וואַנדערן איבער דער וועלט...

אָבער בעת די דאָזיקע מעשיות זיינען פּרוכטן פון אינדיווידועלן שאַפן און טראָגן אויף זיך דעם בולטן שטעמפּל פונם דיכטערישן יחיד, זיינען אין דער זעלבער סביבה געשאַפן געוואָרן אין אַ געוואַלדיקער צאָל מעשיות און לעגענדעס, וואָס זייער באַשעפער איז דער גאַנצער חסידישער קיבוץ, און זיי שטעלן מיט זיך פאָר טיפּישע פּראָדוקטן פון אַנאָנימען פאָלקס־שאַפן. און יעדער קולטור־פאָרשער מוז אָנערקענען, אַז אָט די אומגעהייערע שפע פון לעגענדן און וווּנדער־מעשיות באַווייזן אַמבולטסטן, ווי געוואַלדיק שטאַרק די חסידישע באַוועגונג האָט געווירקט אויפן גייסט און די געמיטער פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן... מיר האָבן געזען, ווי אָפט דער בראַסלאַווער פלעגט זיינע חסידים דערמאָנען, וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך ס׳איז צו דערציילן מעשיות וועגן צדיקים. אין דעם פּרט

איז ער געווען איין דעה מיט די אַנדערע צדיקים פון זיין דור, און די חסידישע מאַסע האָט מיט גרויס התלהבות דעם דאָזיקן ווּנטש דערפילט. אין דער זעלבער צייט, ווען די בערלינער השכלה האָט זיך געפלייסט צו פּראָפּאַגאַנדירן איר ראַציאָנאַליסטישן וועלט-באַנעם און געקעמפט קעגן אַלץ, וואָס ס׳האָט געשמעקט מיט „מיסטיק״, האָבן די אָנהענגער פון דער חסידות-באַוועגונג ניט מיט ווייניקער פלייס זיך אָפּגעגעבן מיט דער „מיטאָס-שאַפונג״, געפלאָכטן פאַנטאַסטישע לעגענדן-קרענץ אַרום זייערע באַליבטע העלדן — די צדיקי הדור... [1].

נתן נעמיראָווער ווייזט אָן אין דער ערשטער הקדמה צו די „סיפורי מעשיות״, אַז אין דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען אַריין בלויז די מעשיות, וואָס זיינען אינגאַנצן נייע און דער בראַסלאַווער אַליין האָט זיי מיט זיין פאַנטאַזיע געשאַפן; דער צדיק פלעגט אָבער אויך צייטנווייז נעמען אַ מעשה פון די פאָלקס-מעשיות, וואָס צירקולירן שוין פון לאַנג אינם מויל פונם פאָלק, און זי דערציילן אין אַזאַ איבערגעאַרבעטער און געענדערטער פאָרם, אַז אויך זי האָט באַקומען אַ גאַנץ נייע געשטאַלט [2]. אויך די מעשיות און לעגענדן, וואָס די חסידישע מאַסע האָט געשאַפן, קאָן מען איינטיילן אין די צוויי קאַטעגאָריעס. מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט [3] אָנגעוויזן, ווי אַזוי די באַקאַנטע מעשה וועגן משה רבנו און זיין דין-תורה מיט גאָט, וואָס איז פאַרשריבן אין לייב מעלירס „לאַנגער מגילה״ [4], איז מגולגל געוואָרן אין אַ חסידישע

---

1 טיפּיש איז אין דער הינזיכט די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין „עדת צדיקים״ (24—28), ווי אַזוי דער בעש״ט האָט פאַר זיין פּטירה צונויפגערופן אַלע זיינע תּלמידים און יעדן באַזונדער באַשטימט, מיט וואָס פאַר אַ פּרנסה ער זאָל זיך פאַרנעמען. איינעם, ר׳ יעקב מיטן נאָמען, וואָס האָט אַ לענגערע צייט משמש געווען דעם בעש״ט, האָט דער בעש״ט אָנגעזאָגט: זאָלסט אַרומפאָרן איבער אַלע ערטער, ווו מיין נאָמען איז באַקאַנט, און דערציילן דאָרטן מעשיות וועגן מיר, — דערפון וועסטו האָבן פּרנסה בשפע. ווייטער ווערט דערציילט, ווי דער ר׳ יעקב האָט מקיים געווען דעם בעש״טס צוואה, ווי ער האָט דערהערט, אַז אין איטאַליע וווינט אַ גביר, וואָס צאָלט אַ רענדל פאַר יעדער מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן בעש״ט. די מעשה קניפּט זיך מיט נאָך אַ מעשה, וואָס באַווייזט ערשט רעכט דעם בעש״טס גרויסקייט, און ר׳ יעקב ווערט פונם גביר אַזוי רייך באַצאָלט פאַר דער לעצטער מעשה, אַז עס קלעקט אים אויף זיין גאַנץ לעבן.

2 וגם לפעמים היה מספר מעשה המעשיות שמספרין העולם, אבל הוסיף בהם הרבה והחליף ותיקן המעשיות שנשתנה סיפור המעשה לגמרי ממה שהעולם מספרין, אבל לא נכתבו בזה הספר מאלו המעשיות כי אם אחת או שתים ושאר כל המעשיות הם חושות לגמרי, שלא נשמעו מעולם.

3 „ייוואָ-בלעטער״, ב׳ III, 332—335.

4 זע אונזער ווערק, ב׳ VI, ז׳ 147—149.

לעגענדע, ווי משה רבנו און דער רבונו של עולם זיינען פארביטן געוואָרן אויפן מעזעריטשער מגיד ר׳ בער און דעם בעש״ט. אויף אַן ענלעכן אופן איז אין דער חסידישער סביבה געענדערט געוואָרן די אויסטערליש־שיינע מעשה וועגן דעם פאסטעך מיט זיין אייגנארטיקער תפילה צו גאָט [1] און נאָך פיל אַנדערע מעשיות. די חסידות־באַוועגונג האָט אָבער אויך געשאַפן אַ גאַנץ גרויסע צאָל אייגענע מעשיות און לעגענדעס וועגן אירע באַליבטע העלדן. אין דעם זעלבן יאָר, אין וועלכן דעם בראַסלאַווערס „סיפּורי מעשיות״ האָבן די וועלט דערזעען (1815), איז אויך דערשינען אין פיר אויסגאַבעס [2] דער „שִבחֵי הבעש״ט״ — אַ לעגענדאַרע לעבנס־באַשרייבונג פון דעם חסידות־באַגרינדער, אין וועלכער דער פאַרפאַסער, דער שוחט דוב־בער, דעם בעש״טס סופרס איידעם, האָט צונויפגעזאַמלט די הונדערטער לעגענדעס, וואָס זיינען אין משך פון צוויי דורות געשאַפן געוואָרן אין די חסידישע קרייזן. און די אַלע וואונדער־מעשיות, די פאַנטאַזיע־רייכע און פּאָעטיש־שיינע, ווי אויך די אומגעלומפּערט־ווילדע — אַלע ווערן זיי איבערגעגעבן אַלס באַגלויביקטע אמתע לעבנס־געשיכטן. די „סיפּורי מעשיות״, ווי אויך דער „שבחי הבעש״ט״ האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג [3]. דער לעגענדן־קראַנץ האָט זיך אָבער אויך ווייטער געפלאָכטן; די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט נייע וואונדער־מעשיות געשאַפן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, פון דור צו דור, ביז זיי זיינען אין אַ צייט אַרום צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ספּעציעלע אויסגאַבן: „מעשי צדיקים״, „מפעלות צדיקים״, „דברי צדיקים״, „עדת צדיקים״, „ספר הדורות החדש״, „פְּאֵר מקדושים״, „קהל חסידים החדש״, „מעשיות מהגדולים והחסידים״, „מעשיות ומאמרים יקרים״ און פיל אַנדערע. אויף די דאָזיקע זאַמלונגען, וואָס זיינען מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, האָבן זיך דערצויגן גאַנצע דורות; זייער השפּעה פילט זיך אויך אין דעם שאַפן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור. מיר האַלטן דערפאַר פאַר נייטיק צו געבן דעם

---

1 זע אונזער ווערק, ב׳ II, 64—65.

2 צוויי אין העברעיִש (אין קאָפּוסט און אין בערדיטשעוו) און צוויי, די לאַשטשובער און אָסטרער, אין יידיש (זע ביילאַגע נומ׳ 2). אין 1816 איז דערשינען אַ נייע „שבחי הבעש״ט״־אויסגאַבע אין יידיש אין נאָווידוואָר, און מיט אַ יאָר שפּעטער (1817) האָט אויך דער אונז שוין באַקאַנטער איבערזעצער פון „מלחמה בשלום״ אלעזר פּאַהער (זע אונזער ווערק, ב׳ VI, 373) אַרויסגעגעבן זיין אַן איבערזעצונג פון „שבחי הבעש״ט״ אין זאָלקיעוו (ז׳ קרית ספר, XII, 129).

3 אין משך פון קאָרגע צוויי יאָר איז דער „שבחי הבעש״ט״ דערשינען אין פינף אויסגאַבן און עס זיינען פאַרקויפט געוואָרן איבער זעקס טויזנט עקזעמפּלאַרן (זע יוסף פּערל, מגלה טמירין, 23, 123, 230).

היינטיקן לייענער א וועלכן־ס׳איז באגריף וועגן דער דאזיקער אייגנאר־טיקער פאלקס־דיכטונג.

אין די דאזיקע זאמלונגען געפינען זיך גאנץ ווייניק מעשיות, וואס זיינען גענומען פון עלטערע קוועלן און איבערגעגעבן אין א אומ־געענדערטער פארם. צו דעם סארט מעשיות געהערט, צום ביישפיל, די זייער קאמפליצירטע און העכסט־פאנטאסטישע מעשה וועגן הכנסת אורחים, וואס געפינט זיך אין דער זאמלונג „מפעלות צדיקים״ [1]. פון אנדערע קוועלן איז אויך העכסט וואַרשיינלעך גענומען די אוואנטוריסטישע מעשה וועגן א פרומען חסיד, וואס איז געווען א גרויסער קבצן, און צו וואס ער האט זיך גענומען, אין געוועזן שלימשלימזל; האט ער זיך געווענדעט צום קאזניצער מגיד, יענער זאל אים אן עצה געבן, מיט וואס זאל ער זיך און זיין הויזגעזינט מפרנס זיין. האט אים דער מגיד דערקלערט, אז גרויס מזל שטייט אים פאר בלויז אין איין אייציקן אונטערנעמען — אין גְנֵבה. און די מעשה דערציילט ווייטער, אויף וואס פאר אן אופן דעם צדיקס ווערטער זיינען מקויים געווארן [2]. אין אייניקע מעשיות איז נאך אפילו אויפגעהיט דער טיפישער דערציילע־רישער נוסח פון די אלטע מעשיות, ווי, צום ביישפיל, אין דער וואנדער־לעכער מעשה וועגן דעם צדיק אלימלך אוים ליזענסק: „איצט ווילן מיר לאזן דעם יידן, דעם פאסעסאר, און זיך אומקערן צום יונגן גראף פאטאצקי״ [3].

דעם גרעסטן טייל פון די דאזיקע זאמלונגען פארנעמען אלערליי וואנדער־מעשיות וועגן באוווסטע צדיקים און זייערע חסידים. זייער פיל לעגענדעס שפינען זיך ארום דעם הויפט־העלד פון דער חסידות־באוועגונג— ארום דעם בעש״ט. מיר וועלן אלס אילוסטראציע ברענגען בלויז צוויי פון זיי:

עס איז דאך אלעמען באקאנט,—דערציילט דער „מעשה צדיקים״,— די נסיעה, וואס דער בעש״ט האט אונטערגענומען קיין ארץ־ישראל, ווו ער האט זיך געוואלט זעען מיטן בעל „אור החיים״ הקדוש [4]. ומן השמים עכבוהו, ער האט געהאט גרויסע שטערונגען און צרות אויפן וועג. איז ער אמאל אין עצבות אריינגעפאלן, עס האט זיך פון אים, מחמת די גרויסע

---

1 פאר דער מעשה נייט אזא באמערקונג: מעשה ששמעתי איש מפי איש, מפי איש נחמן שראה בעיניו בספר היקר נקרא בשמו „ספר הכנסת אורחים״ הנמצא בביבליאטעק דעיר מלוכה חין.

2 קהל חסידים החדש, מעשה 205

3 פאר מקדושים, 41.

4 דער באוווסטער מיסטיקער ר׳ חיים אבן עטר.

סטראפּאַצן און זאָרגן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, דער רוח הקודש אָפּגעטאָן, און ער איז מיטאַמאָל אַראָפּ פון אַלע זיינע הויכע מדרגות. האָט דער בעש״ט ז״ל געטראַכט: וואָס קאָן מען טאָן? וועל איך דינען דעם בורא עולם, ווי אַלע פּשוטע בני אדם. ער האָט מיט זיך געהאַט אַ ספר תהילים, האָט ער די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געפאָרן אויף דער שיף קיין סטאַמבול, געזאָגט שירים ותשבחות, ווי אַ פּשוטער מענטש, ביז ער איז געקומען קיין סטאַמבול מיט זיין טאָכטער די צַדֶקֶת מרת אָדל. אַזוי זיינען זיי געקומען קיין סטאַמבול אין גרויס דחקות און אָרעמקייט. און ס׳איז דעמאָלט געווען ניסן־צייט, אייניקע טעג פאַר פּסח. וואָס טוט דער בעש״ט? ער איז געגאַנגען אין איינעם פון די דאָרטיקע בתי־מדרשים, דאָרט האָט ער געגעבעטיקט און מתפּלל געווען „בקטנות המוחין״. צוויי טעג פאַר יום־טוב האָט די צדקת אָדל זיך געלאָזט צום טייך אויס־צוואַשן אַ העמד אויף יום־טוב פאַר איר הייליקן פאָטער וועגן. שטייענ־דיק ביים טייך האָט זי זיך דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע זי און איר פאָטער געפינט זיך, אַז זיי זיינען נאַקעט און בלויז, האָבן אויף יום־טוב ניט קיין מצות, ניט קיין וויין און קיין שום אַנדערע זאַכן, נאָר דאָס איז דאָך אַלץ אַ קלייניקייט קעגן דעם, וואָס פון איר פאָטער האָט זיך דער רוח הקודש און אַלע זיינע הויכע מדרגות אָפּגעטאָן, און ער ליגט בקטנות דמוחין אין בית־מדרש „כּאחד העם״, ווי איינער פון דעם פּשוטן המון. האָט זי דערפון גרויס צער געהאַט; זי האָט זיך צעוויינט און די טרערן האָבן זיך געגאָסן אָן אויפהער. איז דעמאָלט גראָד פאַרבייגעפאָרן אויף אַ שיף אַ גרויסער גביר, זעט ער, ווי די צדקת וויינט מיט ביטערע טרערן, האָט ער אויף איר רחמנות געקראָגן און זי געפרעגט: טאָכטערקע, וואָס וויינסטו? אין דער התחלה האָט זי געשוויגן, נאָר אַז ער האָט זי נאָך אַמאָל געבעטן, זי זאָל דערציילן, וואָס מיט איר איז געשעען, אפשר וועט ער איר מיט עפּעס קאָנען העלפן, האָט זי אים דערציילט, וואָס פאַר אַ הייליקן פאָטער זי האָט און וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. האָט איר דער גביר געזאָגט: גיי, טאָכטער, גליך צו דיין פאָטער און זאָג אים, אַז איך לאַד אים איין צו זיך אויף גאַנץ יום־טוב. און ער האָט איר געגעבן באַשריבן, ווו ער וואוינט, זי זאָל מיט איר פאָטער קאָנען טרעפן צו אים. זי איז גליך אַוועק צום פאָטער און אים דאָס אַלץ דערציילט. ערב פּסח נאָך מנחה האָט זיך דער בעש״ט געלאָזט צום גביר. דער גביר האָט געוואוינט אין אַ פּראַכטפולן פּאַלאַץ. ווי נאָר דער בעש״ט האָט איבערגעטראָטן די שוועל, דערזעען די פּראַכט פון די צימערן, די אויסטערלישע שיינקייט פון די אַלע כּלים און מעבל־זאַכן — איז זיין האַרץ מיט פרייד דערפולט געוואָרן און זיין פּנים האָט גלייך

אויפגעלויכטן. דער גביר האָט אים אַריינגעפירט אין אַ וואַנדערשיין צימער, דאָרט אים געבעטן זיצן און אים מכבד געווען מיט אַ גוטן וויין. דער בעש״ט האָט געטרונקען איין כּוס און דעם צווייטן, האָט זיך נאָך מער דערפרייט זיין הארץ. די קטנות דמוחין, צו וועלכע עס האָבן אים געבראַכט די דאגות און מי, האָבן זיך גלייך פון אים אָפּגעטאָן, און ער איז צוריקגעקומען צו זיינע פריִערדיקע הויכע מדרגות. האָט דער בעש״ט דאַן דערקלערט דעם גביר, אַז ער וויל אַביסל אָפּרוען, בכדי ער זאָל דערנאָך קאָנען ביים סדר מיט פרישע כּוחות דערציילן וועגן יציאת מצרים. ער האָט זיך צוגעלייגט, איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן און אָפּגעשלאָפן ביז צען אַזייגער אין אָוונט.

דער גביר, וואָס האָט געוואַרט אויפן בעש״ט מיטן סדר, האָט זיך באַאומרואיקט און געפרעגט: וואָס איז געשען מיטן אורח? מען דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס טוט ער דאָרטן. ער האָט גענומען אַ ליכט און אַריינגעגאַנגען צום בעש״ט אין צימער; האָט ער געזען, ווי יענער שלאָפט, נאָר פון די אויגן גיסן זיך טייכן טרערן. מיט גרויס פאַרוואונדערונג איז דער גביר געבליבן שטיין; זעט ער, ווי די טרערן האַלטן זיך אין איין גיסן, דאָס פּנים ענדערט זיך מיט יעדער מינוט. מיטאמאָל האָט דער בעש״ט אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דער בעש״ט האָט גלייך די הענט געוואַשן, מעריב געדאַוונט און מען האָט זיך צום סדר געזעצט. דער בעש״ט האָט געזאָגט די הגדה מיט אַזאַ התלהבות, זיין פּנים האָט דערביי אַזוי געלויכטן, אַז דער גביר האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ הייליקער מאַן עס זיצט פאַר אים. נאָכן סדר פרעגט דער גביר דעם בעש״ט, וואָס זאָלן באַדייטן די טייכן טרערן, וואָס ער האָט אין שלאָף פאַרגאָסן, און פאַר וואָס ער האָט זיך מיט אַזאַ געשריי אויפגעכאַפּט. האָט אים דער בעש״ט דערציילט, אַז ער האָט „עלית נשמה״ געהאַט און דאָרט, אין די עולמות העליונות, האָט ער דערהערט, אַז ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַ שרעקלעכע גזירה אויף דער גאַנצער היגער קהילה: פיל וועלן פאַרטריבן ווערן און די איבעריקע וועט מען הרגענען און פאַרטיליקן. „האָב איך שטאַרק אָנגעהויבן צו וויינען און געבעטן, מען זאָל מבטל זיין די ביטערע גזירה. איז אָבער מיין געבעט ניט אָנגענומען געוואָרן, האָב איך דעמאָלט אויף מיר גענומען זיך מוסר נפש צו זיין פאַר אונזערע ברידער, בכדי זיי זאָלן ניט אומקומען און ניט געטריבן ווערן פון שונאים און באַדריקער. ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב מיך געגרייט זיך מוסר נפש צו זיין, האָט זיך אַ גרויס רחמנות דערוועקט, די גזירה האָט מען מבטל געווען און דערפאַר, וואָס איך האָב אוים ליבשאַפט צום פאָלק ישראל זיך מוסר

נפש געווען, האָט מען מיר צוריק במתנה מיין נשמה געגעבן און איך האָב מיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט. „אין דער פרי, — האָט דער בעש״ט מוסיף געווען, — ביים דאַוונען וועסטו דעם גאַנצן אמת געוואָר ווערן״. און כך הוה: אין דער פרי האָבן זיך אַלע אין שול געחידושט, וואָס די צוויי אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער קהילה זיינען ניט געקומען צום דאַוונען. מען האָט אויף זיי לאַנג געוואַרט, נאָר זיי זיינען ערשט געקומען צום סוף דאַוונען און מיט גרויס שמחה דערציילט, אַז זיי קומען אָקערשט פונם סולטאַנס הויף און דאָרט איז מיט זיי אַ גרויסער נס געשען: איינעם פון די יועצים, וואָס איז אַ גרויסער רשע און שונא ישראל, איז געראָטן צו פועלן ביים סולטאַן, יענער זאָל אַרויסגעבן אַ גירוש־באַפעל אויף אַלע יידן; זיי, די יידישע פאָרשטייער, האָבן אָבער מיט גאָטס הילף נושא חן געווען ביים סולטאַנס מוטער און אַדאַנק איר איז די גזירה בטל געוואָרן און דער יועץ, דער רשע, איז שווער באַשטראָפט געוואָרן [1].

פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט איז די צווייטע מעשה:

איינער אַ ישובניק פונם דאָרף פלעגט ימים נוראים דאַוונען ביים בעש״ט אין בית־המדרש. דער דאָזיקער ישובניק האָט געהאַט אַ ייִנגל מיט אַ זייער פאַרשטאָפּטן קאָפּ, עס איז אַפילו ניט מעגלעך געווען אים אויסצולערנען די צורת האותיות, שוין ניט ריידנדיק פון קענען דאַוונען אָדער תורה לערנען. פלעגט אים דערפאַר דער פאָטער ניט נעמען מיט זיך אויף ימים נוראים. עס איז דאָך געווען אַ בושה צו נעמען אַ ייִנגל אין שול אַריין, וואָס קען אַפילו ניט דאַוונען. ווען דאָס ייִנגל איז אָבער געוואָרן בר־מצוה, האָט אים דער פאָטער גענומען מיט זיך אויף יום־כפור, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז בעת ער וועט בלייבן אָן השגחה אין דאָרף, וועט ער פון גרויס עם־הארצות עסן אין דעם הייליקן תענית־טאָג. דאָס ייִנגל האָט געהאַט אַ פייפעלע, וואָס ער פלעגט אויף דעם שפּילן אין פעלד ביים היטן די טשערעדע. האָט ער מיט זיך דאָס פייפעלע מיטגענומען, באַהאַלטן אין דער הויזן־טאַש און דער פאָטער האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. זיצט דאָס ייִנגל אין בית־המדרש דעם גאַנצן הייליקן טאָג, אַלע זיינען מתפלל, נאָר ער איינער זאָגט גאָר ניט, וואָרעם ער קען דאָך אַפילו קיין אַלף־בית ניט. ביים מוסף דאַוונען זאָגט דאָס ייִנגל דעם פאָטער: טאַטע, איך האָב מיט זיך דאָס פייפעלע, וויל איך זייער אַ פייף טאָן. האָט דער פאָטער זיך דערשראָקן, אָנגע־

1 אַ צווייטער וואַריאַנט פון דער דאָזיקער מעשה געפינט זיך אין דער זאַמלונג „מעשות מהגדולים והצדיקים“, 33—38 (מיר ציטירן לויט דער וואַרשעווער אויסגאַבע, 1890).

שריגן אויף אים און געזאָגט מיט א בייזער: זאָלסט זיך ניט דערוועגן אַזוינס צו טאָן. צונעמען דאָס פייפעלע ביים ייִנגל האָט דער פּאָטער ניט געקאָנט, ווייל ס'איז דאָך מוקצה. נאָך מנחה בעט זיך ווידער דאָס ייִנגל — ער קאָן מער ניט שווייגן, ער מוז כאָטש איין פייף טאָן. אז דער פּאָטער האָט דערזעען, ווי שטאַרק דער זון גלוסט א פייף צו טאָן, פרעגט ער אים: וווּ האַלטסטו דאָס פייפעלע? ווייזט אים דאָס ייִנגל אויף זיין הויזן-טאַש. האָט דער פּאָטער אָנגענומען מיט זיין האַנט די טאַש מיטן פייפעלע און געהאַלטן פעסט, בכדי דאָס ייִנגל זאָל צום פייפעלע ניט קאָנען דערלאַנגען. דערווייל האָט מען אָנגעהויבן נעילה צו דאַווענען; אין דער מיט נעילה-דאַווענען האָט דאָס ייִנגל פּלוצלינג א ריס געטאָן די טאַש מיטן פייפעלע פונם פּאָטערס האַנט, ארויסגע-כאַפּט דאָס פייפעלע און — איבער דעם גאַנצן בית-מדרש, איבער די קעפּ פונם פאַרגאַפטן עולם האָט צעהילכט א שטאַרקער, נצחונישער פייף. דער בעש״ט ז״ל, וואָס האָט געדאַוונט פארן עמוד, האָט נאָכן פייף, קעגן זיין התנהגות, שטאַרק געקירצט מיטן דאַווענען, און נאָך מעריב האָט ער דערקלערט, אז דאָס ייִנגל האָט אים שטאַרק מיטגעהאָלפן און מיט זיין פייף אַלע תפילות אין די הימלען דערהייבן, וואָרעם, — האָט דער בעש״ט מוסיף געווען, — דאָס ייִנגל קען דאָך, נעבעך, ניט דאַווענען, דעם גאַנצן הייליקן טאָג האָט ער געהערט, ווי ייִדן זיינען מתפלל פאר גאָט, און דער הייליקער ניצוץ, וואָס האָט געצאַנקט אין אים, האָט מיט העלן פלאַם אויפגעפלאַקערט; ביי אַן אַנדערן ווערט דער דאָזיקער פלאַם אויסגעדריקט אין די ווערטער פון תפילה צו גאָט יתברך, — דאָס ייִנגל אָבער ווייסט דאָך גאָרנישט, האָט ער זיין גרויסן ברען אַנדערש ניט געקענט אויסדריקן, ווי דורך א פייף. און וואָס מער דער פּאָטער האָט אים געשטערט זיין הייסן ווונטש צו דערפילן, אַלץ שטאַרקער האָט אין דעם ייִנגל אויפגעפלאַקערט דער ברען פון התלהבות, ביז ער האָט מער שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיין גאַנצן ברען אין דעם פייף אויסגעדריקט. און ווייל דאָס איז געטאָן געוואָרן פון דעם ריינעם הארצן, אָן שום זייטיקע פניות, נאָר פון גאָט יתברכס נאָמען וועגן, איז דער ריינער אָטעם פון זיין מויל מיט גרויס באַוויליקונג אָנגענומען געוואָרן, וואָרעם — רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי, און צוזאַמען מיט דעם ייִנגלס פייף זיינען אויך אַלע תפילות אויפגעשטיגן [1].

אַזוינע מעשיות וועגן דעם וווּנדערבאַרן כּוח פון האַרציקער תפילה האָבן צירקולירט אין זייער א רייכער צאָל אין דער חסידישער סביבה.

---

1 קהל חסידים החדש, מעשה י״ח.

טיפּיש איז פֿאָלגנדיקע ,מעשה", וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן נאָמען פֿונם „אוהב ישראל" משה-לייב סאַסובער: דער צדיק ר׳ פּיוויש אויס באָלשוועץ האָט דערציילט, אַז בעת ער איז געקומען קיין סאַסוב, האָט ער געהערט, אַז ס׳איז אָקאָרשט אָנגעקומען אַ בריוו פֿון בערדיטשעוו מיט דער ידיעה, אַז ר׳ לוי-יצחק איז קראַנק, און אַז דער חולה בעט, דער סאַסובער צדיק זאָל פֿאַר אים מתפּלל זײַן און ער זאָל אים באַזונדערס דערמאָנען בשעת זײַנע „ריקודין" שבת קודש אין אָוונט. האָט דער סאַסובער געקויפֿט אַ פּאָר נײַע טײַערע סאַפּיאַנאָווע שיך ספּעציעל פֿון די ריקודין וועגן. דערציילט דער צדיק ר׳ פּיוויש, אַז דעם סאַסובערס ריקודין זײַנען דאָס מאָל געווען גאָר אַ געהויבענע זאַך, טאַקע אמתע „דברים של מעלה", אין יעדער באַוועגונג באַזונדער זײַנען געווען באַהאַלטן וואונדערבאַרע געוואַלדיקע יחודים, די גאַנצע שטוב איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט ליכט, און די גאַנצע פּמליא של מעלה האָט געטאַנצט מיטן צדיק — עס איז ממש מיטן שכל ניט משיג צו זײַן 1. און אַז אַ פֿרייליכער, התלהבותדיקער טאַנץ קאָן אַמאָל חשובער זײַן פֿון דער הייליקסטער תּפֿילה, וועגן דעם וויסט צו דערציילן די אויסטער-לישע מעשה וועגן ר׳ ישראל קאָזעניצערס געבורט 2. וועמענס עלטערן זײַנען געווען פּשוטע, נאָר כּשרע גאָטספֿאַרכטיקע לײַט. דעם קאָזעני-צערס פֿאָטער איז געווען אַ גרויסער אביון און איין מאָל אַן ערב שבת האָט ער ניט געהאַט אפֿילו אַ פּרוטה אויף „הצטרכות-השבת". ער האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין קִצבה אָדער בעטן נדבות. האָט ער באַשלאָסן בעסער צו הונגערן אום שבת, איידער אָנצוקומען צו פֿרעמדער הילף. כּדי ניט צו זען דעם צער פֿון זײַן ווײַב, איז ער אויפֿן גאַנצן פֿרײַטאָג-דיקן טאָג אוועקגעגאַנגען אין בית-הכּנסת. דאָס ווײַב, נעבעך, ניט האָבנדיק וואָס צוצוגרייטן אויף שבת, האָט אָנגעהויבן באַטש אויפֿראַמען און ריין מאַכן די שטוב לכּבוד דעם הייליקן טאָג. און דאָ איז געשען אַ נס: אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל האָט זיך געפֿונען אַ פּאָר הענטשקעס, וואָס זי האָט אין אַמאָליקע בעסערע צײַטן אַלס מתּנה באַקומען, נאָר זײַנען שוין פֿון לאַנג באַרפֿאַלן געוואָרן און זי האָט ניט געוווּסט, וווּהין זיי זײַנען אַהינגעקומען. די הענטשקעס זײַנען באַצירט געווען מיט גאָל-דענע קנעפּ. האָט זי זיי גלײַך צום גאָלדשמיד אוועקגעטראָגן און אײַנ-געקויפֿט אויף שבת „כּיַד המלך". נאָך קבלת שבת, דער מאַן קומט פֿון דער שול און מיינט, ער וועט טרעפֿן אַ פֿינסטערע שטוב, אָן אַ חלה

1 מעשה צדיקים, 37.

2 עדת צדיקים, 5—8.

אפילו א מוציא צו מאכן, און צו זיין גרויס פארווונדערונג דערזעט ער: די שטוב איז ליכטיק און דער טיש איז געגרייט מיט אלעם גוטן. אז דאס ווייב האט אים דערציילט, וואס פאר א נס דא איז געשעען, האט ער אזש געוויינט פאר שמחה, און געלויבט און געדאנקט גאט פאר זיינע גרויסע גענאדן. די פרייד איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט אנגעכאפט דאס ווייב ביי דער האנט און געלאזט זיך מיט איר טאנצן. דאס אייגענע האט זיך איבערגעחזרט נאך יעדן געריכט; דריי מאל האט זיך דאס פאר פאלק געלאזט אין פריידיקן טאנץ אלס דאנק און לויב דעם שם יתברך פאר זיינע גרויסע חסדים. דער בעש״ט מיט זיין רוח הקודש האט צוגעזען, ווי דאס פארל טאנצט, האט דערפון שטארק הנאה געהאט און זיך געקאטשעט פאר געלעכטער. ער האט דערביי פארזיכערט זיינע תלמידים, אז בשעת די דאזיקע תמימותדיקע לייט האבן געטאנצט, האט די גאנצע פמליא של מעלה זיך געפרייט און מיטגעטאנצט...

נישט אלע חסידישע מעשיות דערציילן די גרויסקייט פון די צדיקים. א סך מעשיות זיינען געשאפן צוליב דעם מוסר־השכל, וואס גייט צום סוף, בכדי צו לאזן עפעס הערן, אילוסטרירן א באשטימטן טענה. אין „מעשה צדיקים״, אשטייגער, ווערט דערציילט א מעשה 1, ווי ס׳איז אמאל צום אפטער רב געקומען אן אנגעוויינטע פרוי פרעגן עפעס אן עצה וועגן א וויכטיקער אנגעלעגנהייט. דער צדיק האט אבער מיט זיין רוח־הקודש גלייך דערשפירט, אז די דאזיקע אשה האט ערשט ניט לאנג עובר געווען א הארבע עבירה. ווי נאר די פרוי האט דעם שוועל באטרעטן, שרייט תיכף אויס דער אפטער רב: זונה, זונה! ווי האסטו די העזה צו מיר צו קומען, נאכדעם ווי דו האסט אזא עבירה באגאנגען? גלייך זאלסטו דאס צימער פארלאזן! ענטפערט אים אבער די פרוי מיט אזעלכע ווערטער: דער בורא עולם—ער איז אן ארך אפים אפילו צו רשעים, ער מאנט ניט גלייך זיין חוב פון זיי און ער דעקט ניט אויף זייער זינד פאר קיינעם, בכדי זיי ניט צו פארשעמען און זיי צו געבן די מעגלעכקייט תשובה צו טאן, און ער וועט דעמאלט פון זיי זיין געזיכט ניט אפווענדן, חלילה; און דער אפטער רב—ער זיצט זיך אויף זיין שטול און האט זיך אויף קיין רגע ניט געקאנט איינהאלטן און גלייך אויפגעדעקט דאס, וואס דער בורא עולם האט געהאלטן פאר־בארגן! האט דער אפטער רב דערויף געזאגט: מעולם לא נצחני אלא אשה אחת — קיינער האט מיך ניט מנצח געווען אין מיין לעבן, נאר

1 מעשה צדיקים, 40—41.

אַט די יידענע! אַט פון די דאָזיקע רייד, — ווייזט אָן דער „מעשה צדיקים", — קאָן דער מענטש זיך נעמען אַ מוסר, אויף ווי ווייט עס דאַרף דערגרייכן דאָס געבאָט פון אהבת ישראל, אַז מען דאַרף יעדן מענטשן דן זיין לכף-זכות.

אַנדערע מעשיות זיינען אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זיי גיבן אַ גאַנץ בולט בילד פון דעם וועלט-באַנעם, וואָס האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט אין דער חסידישער סביבה. אַמאָל, — דערציילט דער „קהל הסידים החדש", — האָט דער קיסר פראַנץ יאָזעף [1] אַרויסגעגעבן אין גאַליציע אַזאַ ביטערע גזירה, אַז די גאַנצע מדינה איז ממש דערציטערט געוואָרן. אין דער שטאָט ליזענסק אינם בית-מדרש פונם הייליקן צדיק ר' אלימלך [2] האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ חשובער חסיד, אַ איש מופלג און גרויסער ירא שמים מיטן נאָמען ר' פייבל. האָט זיך דער דאָזיקער ר' פייבל ביינאַכט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז אַריין צום צדיק ר' אלימלך און אים אַזוי געזאָגט: רבי, איך בין געקומען מיט אַ דין-תורה. עס איז דאָך אַ בפירושע משנה: דער וואָס איז חציו עבד און חציו בן חורין, קאָן ער ניט חתונה האָבן מיט אַ שפחה, ווייל ער איז דאָך שוין ניט קיין קנעכט; קיין בת חורין קאָן ער אָבער אויך ניט נעמען, ווייל ער איז דאָך אויף דער העלפט אַ קנעכט. גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט: איר זייט מיינע קנעכט! גאָטס קנעכט זיינען מיר, — פאַרוואָס-זשע זיינען מיר נאָך געגנויט צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון פראַנץ-יאָזעפן מיט זיינע שלעכטע גזירות, בעת מיר זיינען משועבד צו גאָט ברוך הוא? אַזוי האָט געטענהט אין מיטן דער נאַכט מיט גרויס התלהבות ר' פייבל פאַרן הייליקן צדיק. ענטפערט אים דער צדיק: די טענות זיינען טאַקע גאַנץ ריכטיקע, מען פירט אָבער ניט קיין דין-תורות אין דער האַלבער נאַכט. צו מאָרגנס זיינען קיין ליזענסק געקומען צו פאַרן דריי צדיקים, דהיינו: דער קאָזעניצער מגיד, דער לובלינער רבי און דער אַפּטער רב, — אַלע דריי זיינען זיי געווען ר' אלימלכס תלמידים. דער צדיק האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיי, און האָט זיי איינגעלאַדן צום מאַלצייט. אין מיטן דער סעודה שיקט ר' אלימלך רופן ר' פייבלען און זאָגט אים: דערצייל פאַר די אורחים דעם דין-תורה, מיט וועלכן דו ביזט צו מיר געקומען ביי נאַכט. זאָגט ר' פייבל: איך האָב איצט נישט די התלהבות, ווי פאַריקע נאַכט, און בין איצט נישט אימשטאַנד אַרויסצוטרעטן מיט מיינע טענות. האָט אים דער רבי

---

1 דער נאָמען איז פאַרגרייזט, — עס ווערט דאָ געמיינט דער קיסר יאָזעף דער צווייטער.

2 דער בעל „נועם אלימלך".

געזאגט: איך גיב דיר דעם כוח הדיבור — זאלסט ריידן מיטן אייגענעם ברען ווי ביינאכט. איז ר׳ פייבל ארויסגעטראטן פאר די צדיקים מיט זיינע טענות מיט גרויס התלהבות און מיטן אמתן ברען. נאכדעם ווי די דריי צדיקים האבן אויסגעהערט ר׳ פייבלס טענות, האט דער אפטער רב געעפנט זיין הייליקן מויל און אזוי געזאגט: דער מנהג איז, אז נאכדעם ווי מען האט אויסגעהערט די טענות פון די בעלי דינים, דארפן ביידע צדדים ארויסגיין. על כן, ר׳ פייבל, זייט מוחל און גייט ארויס; און דו, רבונו של עולם! על=פי=דין וואלסטו אויך דאס בית=דין=צימער באדארפט פארלאזן; ווי קאנען מיר אבער פאדערן, אז דו זאלסט זיך דערווייטערן פון אונז בעת—מלא כל הארץ כבודך, די גאנצע וועלט איז פול מיט דיין פראכט, און אונזער גאנץ גליק באשטייט דאך אין דעם, וואס דו טוסט רוען צווישן אונז, זינדיקע מענטשן. מיר דערקלערן דיר אבער אויס, אז מיר וועלן ניט נושא=פנים זיין אין דעם דאזיקן דין=תורה און וועלן ארויסטראגן דעם גערעכטן משפט! נאך דער סעודה האבן די דריי צדיקים זיך פארטיפט אין דעם דין=תורה, צי האט דער קיסר פראנץ=יאזעף דאס רעכט גוזר צו זיין אזא שווערע גזירה, וואס רירט אן דעם גאנצן יידישן דת, און צי דארף מען אננעמען די דאזיקע גזירה. די צדיקים האבן זיך שטארק מפלפל געווען, געזוכט אין „חושן משפט" און אין אלע איבעריקע ספרי הלכה, און זיינען געקומען צום אויספיר, אז גערעכט איז טאקע ר׳ פייבל. האבן זיי אויפגעשריבן דעם פסק=דין און געחתמעט אים מיט זייערע דריי חתימות. אין דריי טעג ארום איז אנגעקומען די ידיעה, אז די גזירה איז בטל געווארן [1]...

דער אפטער רב, — דערציילט דער „מעשה צדיקים" [2], — האט געהערט, אז א פשוטער ישובניק פון א שכנותדיקן דארף איז געווען א „פועל ישועות", און ווער ס׳האט זיך צו אים געווענדט, דער האט געהאט פון אים די ישועה אדער ד׳ רפואה. איז דאס ביים אפטער רב געווען א גרויס חידוש, און עס האט זיך ביי אים דערוועקט דער חשד, אפשר האט דערביי די סטרא אחרא צו שטעקן. האט זיך דער אפטער רב געלאזט אין דעם דאזיקן דארף און האט זיך אפגעשטעלט אויף נאכטלעגער אין דעם שענק פון דעם דאזיקן ישובניק. קוקט ער זיך שטילערהייט צו צו דער התנהגות פון ישובניק: א פשוטער ייד פון א גאנץ

1 „קהל חסידים החדש", מעשה ס״ב. א אינטערעסאנטע מעשה אויף דער זעלביקער טעמע, ווי אזוי די שווערע גזירה פון ליכט-אין פלייש-שטייער איז בטל געווארן אדאנק דעם זידיטשובער צדיק און דעם דארטיקן „פורים רב", דערציילט דער „פאר קרושים" (דארטן הייסט דער פורים רב — „קהל פורים").

2 מעשה צדיקים, 31—33.

יאָר, פאַרקויפט בראַנפן, לייזט געלט, דאַוונט אָן באַזונדערער דביקות, שלאָפט געשמאַק א גאַנצע נאַכט. בלייבט דער צדיק פאַרחידושט. אין דער פרי רופט ער צו דעם ישובניק, לאָזט אים וויסן, אַז ער איז דער אָפּטער רב און באַפעלט אים בהן שלו, ער זאָל אים אויפדעקן דעם סוד און אים דערקלערן, מיט וואָס האָט ער עס זוכה געווען צו זיין אַ „פועל ישועות". האָט אים דער ישובניק דערקלערט, אַז צו דעם אַלץ האָט ער זוכה געווען בלויז אַדאַנק זיין גרויסן בטחון אויף גאָט. ער האָט אים דערציילט, ווי אַזוי ער האָט איינמאָל באַדאַרפט אַריינטראָגן דעם פּריץ ראַטע פאַר דער אַרענדע, ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין איינציקע פרוטה; פונדעסטוועגן האָט ער קיין עגמת-נפש ניט געהאַט, ווייל ער איז געווען שטאַרק אין בטחון, אַז גאָט וועט אים ניט פאַרלאָזן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען: אין דער לעצטער מינוט האָט אים דער אייבערשטער מיט זיין גרויס רחמים צוגעשיקט דעם נויטיקן סכום דורך אַ פרעמדן מענטשן, וואָס האָט מיט אים געשלאָסן אַ מסחר, און אויף אַזאַ אופן באַקומען די מעגלעכקייט איינצוצאָלן דעם פּריץ די ראַטע צום טערמין. און אַזוי, — דערציילט דער ישובניק, — בין איך מערערע מאָל געהאָלפן געוואָרן. איינמאָל האָב איך מיין גאַנץ פאַרמעגן אָנגעוואָרן; איך בין מיר, ווי מיין שטייגער איז, געבליבן גאַנץ רואיק און פריילעך מיט מיין גרויסן בטחון, אַז גאָט ברוך הוא וועט מיך ניט פאַרלאָזן. די בני בית אָבער האָבן מיר שטאַרק געטאָן אין דול אַריין, איך זאָל למען השם אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין, דאָרטן זיך צוצווזוכן אַ פּאַסנדיקן שותף און צוזאַמען פירן דאָס געשעפט. אין דער התחלה האָב איך וועגן דעם ניט געוואָלט אַפילו הערן, די בני בית זיינען אָבער צו מיר אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען, אַז איך האָב סוף-כל-סוף מסכים געווען און געלאָזט זיך אין שטאָט אַריין זוכן אַ שותף. אין וועג, אויפן גרינעם, פריען פעלד דערפולט זיך ווידער מיין האַרץ מיט פריידיקן בטחון אויף גאָט און איך האָב אויס די טיפן פון מיין האַרץ מתפלל געווען צום בורא עולם: דו, האַר פון אַלע וועלטן! דו ביסט דאָך דער משגיח איבער אַלץ, וואָס עקזיסטירט, דו טוסט שפּייזן יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש; פאַרנעם זשע מיין געבעט! איך געפין מיך איצט אין אַ זייער שווערער נויט, צווינגט מיך מיין הויזגעזינט, איך זאָל מיר זוכן אַ שותף, אַ בן אדם, וואָס שטאַמט פון שטויב, היינט איז ער דאָ, און ווער ווייסט, צי וועט ער נאָך מאָרגן זיין צווישן די לעבעדיקע. בעט איך דיך, גאָט, זיי בעסער ד ו מיין שותף, שיק מיר דיין ברכה, און אַלץ, וואָס איך וועל פאַרדינען, וועל איך אויף צוויי גלייכע העלפטן טיילן: פון איין חלק וועל איך מיין ווייב און קינדער מפרנס זיין און דער אַנדערער חלק וועט זיין

קורש לד׳: איך וועל אים צעטיילן צווישן אָרעמע לייט און תּלמידי חכמים, וואָס זיצן און לערנען תּורה. נאָך דער תּפילה, ווי איך האָב די האַנט אין טאַש אַרײַנגעלאָזט, האָב איך דאָרט אַ זילבערנע מטבע געפונען. איך האָב דאַן גלייך אויפגעהויבן מיינע פיס, צוריק אַהיים געקומען און געזאָגט די בני בית, אַז איך האָב באַקומען פאַר אַ שותּף אַ גרויסן נגיד, אַ מופלג בעשירות און אויף מזל האָט ער מיר דערווייל געגעבן אַ זילבערנע מטבע. דעם זעלבן טאָג האָב איך געקויפט אַ ביסל סחורה פאַר דער מטבע און גאָט האָט מיך מיט זיין ברכה באַגנעדיקט און מיר גרויס שפע געשיקט. צוויי קעסטעלעך האָב איך מיר געמאַכט און דאָס גאַנצע פּדיון־געלט, וואָס פאַלט מיר אַריין, טייל איך גלייך אויף צווייען: איין העלפט אין דעם קעסטל, וואָס געהערט מיר אויף פּרנסה, און די אַנדערע העלפט אינם צווייטן קעסטל, וואָס איז באַשטימט פאַר אָרעמע לייט און פאַר נויטבאַדערפטיקע תּלמידי חכמים. איך אַליין זיץ ביים פּדיון, איך פאַרלאָז מיך ניט אויף קיינעם פון די בני בית אויס מורא, טאָמער וועט עמיצער פון זיי פעלשן ח״ו אין דער שותּפות. דערפאַר שלאָף איך אַ גאַנצע נאַכט, בכדי איך זאָל כּוח האָבן צו שטיין דעם גאַנצן טאָג אין שענק, געטריי צו האַלטן די שותּפות און צעטיילן גאָטס העלפט, ווי עס געהער צו זיין. אָט דאָס איז מיין עבודה להשם יתברך.

אַז דער אַפּטער רב האָט דאָס אויסגעהערט, האָט ער מיט זיין הייליקן מויל געזאָגט צו זיינע באַגלייטער: וואָס האָט איר זיך צו חידושן אויף דעם כּוח פון דעם דאָזיקן מענטשן? גאָט ברוך הוא בכבודו ובעצמו איז דאָך זיין שותּף [1]...

* *
*

אין דער זעלבער צייט, ווען אין דער חסידישער סביבה איז געשאַפן געוואָרן דער אייגנאַרטיקער פּראָדוקט פון נאַיוו־קינדערשער באַוווּנדערונג און אַנטציקונג — די לעגענדן־און מעשיות־ליטעראַטור, האָט דער פיינדלעכער מתנגדישער לאַגער געשאַפן זיינע מיט צאָרן און שנאה פאַרגיפטעטע פיילן אין פאָרם פון פאַמפלעטן, קול־קוראָס, וויכּוחים, חרמות אא״וו. מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך [2] זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַמפלעט „זמיר עריצים וחרבות צורים״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן בשעת דעם ערשטן אַרויסטריט פון דעם

---

1 מעשה צדיקים, 31—33, די מעשה ווערט אויך געבראַכט אין אַ ביסל געענדערטער פאָרם אינם „עדת צדיקים״, 22.

2 זע אויבן, ז״ז 104—105.

ווילנער גאון קעגן דער „שעדלעכער כת״. אין אַ באַדייטנדיק גרעסערער צאָל איז אויסגעוואַקסן די ״פּאַמפלעטן־ליטעראַטור בײַ דער לעצטער און שאַרפסטער מחלוקת קעגן די חסידים, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין די יאָרן 1797—1800. צום ערשטן מוז דערמאָנט ווערן דער ענערגישער און טעמפּעראַמענטפולער סלוצקער מגיד, ישראל בר׳ יהודה לײַבל. ער איז פריער געווען מגיד אין די קהילות מאָהילאָוו אין רײַסן (ביז 1787) און אין נאָווארעדאָק. ער איז געווען באַוווּסט אַלס פייערדיקער קעגנער פון דער חסידות־באַוועגונג 1, — האָבן אים די ווילנער מתנגדים אויפן באַפעל פונם גאון באַשטימט פאַר אַ רייזנדיקן בעל־דרשן, ער זאָל אַרומטרעטן אין פאַרשיידענע ערטער מיט פּאָלעמישע צווועקן און דרשנען קעגן די חסידים. ישׂראל לײַבל האָט דערפילט זײַן שליחות מיט אמתער מסירת נפש. ער האָט אויף זײַן רײַזע איבער ליטע, פּוילן און גאַליציע פיל געהאַט אויס־צושטיין פון די חסידים, וואָס האָבן אים שטאַרק גערודפט און איין־מאָל געשלאָגן מכות רצח. ער האָט אַלץ מיט אומדערמידלעכער התלהבות געפירט זײַן פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט; ער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט דרשות אַליין און מיט מינדלעכע וויכוחים; נאָך בײַם גאונס לעבן 2 איז ער צוגעטראָטן צו זײַן „ספר הויכוח״ — אַ פאַרביסענער פּאַמפלעט קעגן דער חסידות־באַוועגונג און די באַדייטנסטע צדיקים פון יענער צײַט, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין איניקע חדשים אַרום נאָכן גאונס טויט 3.

דער היסטאָרישער באַדײַט פון לײַבלס „ספר הויכוח״ באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרטן זײַנען צום ערשטן אָפּגעדרוקט דעם גאונס אויפרוף פון חודש סיון 1796 „אל החרדים על דבר ד׳״, די אָנפראַגע פון די

1 לײַבעלס האַס קעגן חסידות איז געווען פאַרבונדן אויך מיט רײַן פּערזענלעכע מאָטיוון: זײַן אייגענער ברודער איז אַרײַנגעפאַלן אין „נעץ״ פון די חסידים, און לײַבלס מי אים פון דאָרטן „אַרויסצוראַטעווען״ איז געבליבן אָן דערפאָלג.

2 די הסכמות צום „ספר הויכוח״ זײַנען דאַטירט: ר״ח סיון און כ״ב מנחם אב תקנ״ו.

3 ווײַל די חסידים האָבן די דאָזיקע אויסגאַבע זייער פלײַסיק אויסגעקויפט און די אַנגעזאַמלטע עקזעמפּלאַרן גלײַך פאַרבּרענט, איז איצט דער „ספר הויכוח״ פון די גרעסטע יקר־המציאות. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ פולשטענדיקער אָפּשריפט, וואָס געפינט זיך אין דער מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג אין דעם לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי (נומ׳ 407). אויפן שער־בלאַט איז אויפגעשריבן: ספר ויכוח לחוקר ה״ה הרבני המופלא מו״ה ישראל מ״מ (מגיד מישרים) בכמה קהילות בעל מחבר ס׳ אטר ישראל ותקה״מ אשר קנא קנאת ד׳ צבאות נגד האמונה החדשה המה הכת נחש הקדמוני המכנים עצמם בשם חסידים, לסור מדרכם ארחות עקלקלות ולא לנסות מדרכי אבותינו הקדושים ולהשומע ינעם.

מינסקער ראשי הקהל און דעם גאונס מיט ווייטאַגדיקן צאָרן געשריבענער ענטפער „בני ישראל החרדים“, וואָס ווערט אין „ספר ויכוח“ מיט פולן רעכט באַטיטלט: „תשובת אליהו קנאי שקנא קנאת ד׳ צבאות.

טיפיש איז דער טאָן, אין וועלכן ס׳איז געשריבן די לאַנגע פאָר־רעדע צום „ספר ויכוח“. דער מתנגדישער בעל־דרשן רעכנט אויס כמעט אַלע סעקטעס, וואָס זיינען אַמאָל געווען ביי יידן זינט די צדוקים ביז דער שבתי־צבי־ און פראַנק־באַוועגונג. דאָס אַלץ, — קלאָגט זיך ישראל לייבל, — איז נאָך אַלץ ווייניק געווען, האָט זיך נאָך באַוויזן איינער, „וואָס הייסט ביי די חסידים ר׳ ישראל בעל שם טוב. דעמאָלט האָבן אונז אַרומגערינגלט צרות אויף צרות; נאָך זיין טויט האָט ער (דער בעש״ט) נאָך מער מצליח געווען, ווי ביי זיין לעבן. ער האָט געהאַסט גאַנץ תורה און אין די ספרי מינים זיינע האָט ער אויסגעטראָטן אַ גאַנץ נייעם וועג, וואָס איז קעגן אונזער תורה פון אלף ביז תיו. צוליב זיינע צוועקן האָט ער געדרשנט מאָדנע פירושים אפילו אויף די עשרת הדברות“. נאָך אים זיינען אויפגעשטאַנען זיינע תלמידים, זיי האָבן געשלאָסן איין באַנדע און האָבן די לומדים געמאַכט פאַר אַ ציל צו זייערע פיילן. „זיי כוען יאָגן און רודפן און בייסן, ווי משוגענע בייזע הינט, און טאָג ווי נאַכט רוען זיי ניט און באַשפייען די לומדים מיט שפּאָט“. איך האָב, — דערקלערט דער סלוצקער מגיד, — באַטראַכט די דאָזיקע „כת“ און האָב מיך איבערצייגט, אַז ס׳איז צווישן זיי קיין כשרער מענטש ניטאָ; אפילו אויף די בעסערע צווישן זיי איז געזאָגט געוואָרן: זיי לעסטערן גאָטס וואָרט! זיי זיינען עובר על כל התורה כולה. זיי זיינען אַ כת לצים, אַ כת חנפים, אַ כת שקרנים און מספרי לשון הרע. דאָס זיינען די בעסערע פון זיי און מכל שכן די ערגערע, — יענע זיינען גאַלע גזלנים, רוצחים און יעדעם וואָרט, וואָס זיי ריידן, איז שקר והבל... דערויף זאָגן עדות אַלע קהילות, וווּ עס געפינען זיך אָנגעהעריקע פון דער דאָזיקער „כת“ הרשע והבליעל“... זיי, די חסידים, — קלאָגט זיך ישראל לייבל, — האָבן אונז פיינד מער פון די אומות העולם, זיי זיינען מתיר אונזער בלוט, ווי דאָס בלוט פון בהמות און חיות רעות... עס איז ביי זיי אַ היתר־זאַך צו הרגענען די מתנגדים, שלאָגן זיי און מסרן זיי, ווי זיי האָבן געטאָן דעם הרבני המופלג ר׳ שלום פון לובאַוויץ און דעם הרב הגדול ר׳ יעקב משקלאָוו און, להבדיל בין החיים ולמתים, דעם רב הגדול פון דער וואָלפער קהילה, וואָס זיי האָבן אים געוואָלט הרגענען צווישן די בערג און האָבן אים אויסגעטאָן די קליידער און געלאָזט אים אין שטאָט צריין נאַקעטערהייט, און אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן דעם גע־שטאָרבענעם מגיד פון האָראָדנאָה, דעם געשטאָרבענעם מגיד מו״ה יצחק־

חיים, וואס איז געווען מגיד מישרים און מורה צדק אין ראהאטשוב, און אויך מיך האבן זיי וויפיל מאל געוואלט שלאגן. ס׳איז נישט איבער־צוציילן זייער רשעות... „און איך מוז דערביי צוזעען, — קלאגט זיך דער בעל „הויכוח", — ווי אלע אנשי החכמה און בעלי היכולת פון אונזער דור זעען דאס צו און שווייגן". דערפאר האלט ער זיך פאר כחויב „ארויסצוטרעטן קעגן זיי מיט אלע מיני תחבולות"...

און ישראל לייבל שטיצט זיך דערביי אויף צוויי אויטאריטעטן: „מיר וויסן דאך, — ווייזט ער אן, — וועגן דעם באפעל, וואס ס׳איז פארצייכנט בכתב אמת פונם גאון החסיד האמיתי ר׳ אליהו מווילנא, אז ס׳איז א גרויסער חיוב צו קעמפן קעגן זיי בכל מיני תחבולה". ער האלט אבער פאר נייטיק צו שטעלן דעם גאנצן טראף אויף א גאנץ אנדערן „באפעל". איך האב געזען געשריבן, — דערקלערט ישראל לייבל, — דאס געזעץ פונם קיסר ירום הודו ויגדל כבודו, וואס איטלעכע גרויסע זאך דערגרייכט צו אים (שכל דבר גדול יבוא אליו), און עס איז אויך אפגעדרוקט אין זאקאן, אז קיין שום מענטש טאר היינטיקע צייטן ניט מאכן קיין נייע אמונה". „און מכל שכן, — זאגט ער ווייטער, — אז ס׳איז א באפעל פון קיסר ירום הודו ויאריך ימיו בטוב, אז עס זאל ניט זיין קיין נייע אמונה, איז אוודאי איטלעכער באזונדער מחויב זיך מוסר נפש צו זיין און אויסצופירן דעם דאזיקן באפעל".

עס איז דעמאלט, ווי עס שיינט, דערגאנגען צו די מתנגדישע קרייזן דער קלאנג, אז דער קיסר פאוועל דער ערשטער מאכט אן אויס־פארשונג בנוגע די מאסאנען־פארבינדונגען (אילומינאטן און אנדערע), וואס פאוועל האט זיי חושד געווען אין סימפאטיעס צו די באפרייונגס־אידעען פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. איז ביי די מתנגדים נולד געווארן דער געדאנק, אז מען קאן דאס אויסנוצן אויך אין דער יידישער גאס, אריינרעכענען אויך די חסידישע „כת" צווישן די חשודע סעקטעס, און די רעגירונג זאל זיך באגיין מיט זיי „פא זאקאנו". „און בכן, — רופט ישראל לייבל אויס מיט נצחנות, — בין איך מתרה אלע רבנים פון דער דאזיקער כת, דאס זיינען: ר׳ שמואל מאמדור 1, ר׳ מרדכי מלעבעוויץ 2, ר׳ זלמן מלאדי און ר׳ מאטל טשערנאבילער, זיי זאלן זיך שטעלן אין אן עפנטלעכן וויכוח מיט מיר און מיט מיינע חברים, די איידעלע אנגעזעענע מענטשן המקנאים קנאת ד׳". און ער ווארנט זיינע קעגנער, אז זיי זאלן דעם קיסרס באפעל ניט האלטן גרינג.

---

1 אין יענער צייט א באוווסטער חסידישער פירער אין גראדנער קרייז.

2 איינער פון די באדייטנדיקסטע ליטווישע צדיקים אין סלוצקער קרייז.

„בפרט, — איז מוסיף דער סלוצקער מגיד, — אז מיר האָבן זוכה געווען צו א קיסר, שלא ישא פנים ולא יקח שוחד ולא יעשה עַוְלָה, ער איז א האר, וואָס הערט זיך צו צו רייד פון אמת, און אויך די שררות זיינע גייען אין זיינע וועגן״. און ער סטראַשעט זיינע „קעגנער, אַז אויב זיי וועלן טאָן שלעכטס קעגן אים אָדער קעגן זיינע מיטהעלפער, זאָלן זיי וויסן, אַז דאָס וועט אויך פאַקטיש זיין א מרידה קעגן דעם געזעץ פון דעם געריכט און קעגן דעם חוק פון דעם קיסר ירום הודו.

„די פאַנאַטישע מתנגדים, — באַמערקט גאַנץ ריכטיק דער היסטאָריקער פון דער חסידות-באַוועגונג, ש. דובנאָוו, ציטירנדיק לייבלס הקדמה, — האָבן אָנגעהויבן ריידן מיטן טאָן פון פּאָליציסטן [1].

דערוויַיל, ביז עס וועט קומען צו אַן עפנטלעכן וויכוח מיט די חסידישע רבנים, פאַרעפנטלעכט לייבל זיין „ספר ויכוח״, וווּ עס פירן א וויכוח „תלמודי האמתי עם זמרי המכונה בשֵׁם חסיד״. מען קאָן זיך גלייך דענקען, אַז דער חסיד גייט דאָרט אַרויס „בשן ועין״. דער בעל „הויכוח״ לאָזט אים בכלל זייער זעלטן צום וואָרט קומען. ער קומט אָפּ מיט גאַנץ קורצע רעפּליקן. דער עיקר טענהט דער „תלמודי האמיתי״, ד״ה, דער מתנגד לייבל, און שיט פעך און שוועבל אויף דער „כת הרשע והבליעל״... [2].

אין דעם זעלבן יאָר, ווען דער „ספר ויכוח״ איז אין דרוק דער-שינען (1798), האָט דער ענערגישער אַגיטאַטאָר לייבל פאַרעפנטלעכט נאָך א צווייטן פּאַמפלעט „תאות צדיקים״ (אויך אין פאָרם פון א וויכוח צווישן א מתנגד און א חסיד) און אין א יאָר אַרום האָט ער אָפּגע-דרוקט אין פראַנקפורט אויף דער אָדער א דייטשן פּאַמפלעט אונטערן לאַנגן טיטול: „גלויבווירדיגע נאַכריכטען פאָן איינער נייען אונד צאהל-רייכען סעקטע אונטער דען יודען אין פּאָלען אונד ליטוען די זיך

1 ש. דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, II, 140—141.

2 לויט דוד מאַקאָווערס אָנווייזונג, האָבן די חסידים געשריבן אַן ענטפער אויף דעם „ספר ויכוח״ (זע „זמיר עריצים״ דף י״ב—י״ג: ששמעתי בבירור שהחסידים בקשיות ערפם עומדים במרדם ורוצים להעלות על הדפוס איזה ספר ספירת דברים רעים נדים ונעים, על הרבני המופלג... מוה״ר ישראל ימסלוצק... והנה אם ראיתי הספר הנ״ל חלק שני מספר און-גליון הייתי מכה על קדקדו ת״ל בכמה ראיות... אך מחמת שהספר עפר ואפר מגיד פשע לא נגמר כעת ואיני יודע סיבו של עובר זה וכל פרטי השטותים שם). ווי עס שיינט, האָט די דאָזיקע קעגן-שריפט געטראָגן דעם נאָמען, „מול מגיד פתי״ (זע דאָרט, דף י״ג, עמ׳ א׳, דף ט״ו, עמ׳ ב׳: אבל הספר מול מגיד פתי). צי איז די דאָזיקע שריפט אין דרוק דערשינען, איז אונז אומבאַקאַנט.

חסידים נענט, אונד אוף די מענשהייט עכפערענדען גרונדזעטצען און לעהרען". דער דאזיקער פאמפלעט איז איבערגעדרוקט געווארן אין דער צייטשריפט „סולאמיט" (1807) און דער פראנצויז גרעגואר האט אים אויסגענוצט אין זיין .Histoire des sectes religieuses נאר אפילו אזא אנטשיידענער חסידים-קעגנער, ווי דער היסטאריקער גרעץ, מוז מודה זיין, אז ליבלען „דארף מען ניט אלץ אויפן ווארט גלויבן", ווייל ער איז „אין פאקטישען פונקטען ניכט זעהר צופערלעסיג".

ליבל האט אויך געהאט א מוטיקן מיטקעמפער. אין אייניקע מאנאטן ארום, נאכדעם ווי דער „ספר ויכוח" איז פון דרוק ארויס, איז דערשינען א צווייטער פאמפלעט קעגן די חסידים אונטערן נאמען „זמיר עריצים". דער דאזיקער פאמפלעט איז דערשינען אנאנים, נאר ש. דובנאוו [1] און דער ביבליאגראף שמואל ווינער [2] האבן אויפגעוויזן, אז דער פארפאסער איז געווען דער מגיד דוד מאקאווער, וואס איז געשטארבן אין 1815. טיפיש איז דער סטיל פונם „זמיר עריצים". דער מגיד פון מאקאוו איז אן אימהדיקער „בעל מליצה". כמעט דאס גאנצע ווערק איז געשריבן אין געגראמטע פסוקים און שברי פסוקים [3]; דורכדעם ווערט ניט זעלטן פארטונקלט דער געדאנק און אפגעשוואכט די ווירקונג פון די שטורמישע אטאקעס, מיט וועלכע דער פארפאסער טרעט ארויס קעגן די אים אזוי פארהאסטע חסידים. עס איז ממש ניטא אזא פארברעכן אויף דער וועלט, אין וועלכן דער „זמיר עריצים" זאל די חסידים ניט באשולדיקן: זייערע הענט זיינען פול מיט רויב, זיי גנבענען און לייקענען עס גלייך אפ, אומגליק און בראך טוען זיי מיט זיך ברענגען; די אומפארשטענדיקע חסידים זיינען געגליכן צו די מלאכי חבלה, זיי ווייסן ניט און פארשטייען ניט און טאפן אין דער פינסטער; ווער עס רופט זיך חסיד, דער טוט בייסן און טויטן, ווי

---

1 ש. דובנאוו' געשיכטע פון חסידיזם, ביילאגן נומ' 3.

2 קהלת משה, 439.

3 אלס ביישפיל ברענגען מיר דעם שער-בלאט פון „זמיר עריצים": ספר זמיר עריצים להכרית כל הקוצים, וכל הנעצוצים, אשר קמו בעדת היהודים, כת אחת ונקראים בשם חסידים, היו לצנינים וצדים, צדקותיהם כבגד עדים, תפלתם בקולות ולפידים, מלאים חמס ובגד בוגדים, מזאבי ערב חדים, רופאי אליל והפסל, דורסים וטורפים כארבה והחסיל, שינו נוסח התפלה, בכל מלה ומלה, בלי טעם ועילה, אין דרך ואין מסילה. הניחו התורה, הנותנת ללומדיה אורה. לכן קמתי אני הצעיר מתאבק בעפר רגלי ת"ח וסר למשמעתו של הגאון מ"ו אליהו ז"ל. והדפסתי זה הספר הקטן להיות למזכרת, לדורי דורות, ולא יהיו כחסידים דור תהפוכות וילמדו איש את רעהו לאמיר דעו את ד', ויציבו להם ציונים ללכת בדרכי אבותינו, כי הם שלמים אתנו ואנשי בריתנו, ד' מלכנו הוא יושיענו. לסדר ולפרט ה' תקנ"ח ליצירה.

א גיפטיקע שלאנג. די קאמפאניע חסידים איז דער אמתער „עֵמֶק השֵׂדים״, זיי זיינען אלע חוטאים ומחטיאים [1]. „ווער ווייסט דען ניט, — רופט אויס מיט פאטאס דער בעל „זמיר עריצים״, — אז די דאזיקע סעקטע האבן אלץ איבערגעקערט און צעשטערט (הפכו הקערה על פיה); זייער גאנצע כוונה איז ביסלעכווייז אויסצוווארצלען און אויסצורייסן דעם יידישן דת, צו שאנד האבן זיי געמאכט די תורת משה און דעם תלמוד פון רבינא ורב אשי. טאג און נאכט טו איך קלאגן אויף הריסת התורה; זי איז געווען די קרוין פון פאלק ישראל, זיין שיינדל און שיינקייט, — איצט האבן פארדארבן און באשמוצט איר פראכט די פאר־שאלטענע חסידים, אט די ווילדע וואלד־חזירים!״ און אלץ, וואס איך האב וועגן זיי געשריבן, — איז מוסיף דער מגיד פון מאקאוו, — דאס איז בלויז א „אפס קצהו״, ווארעם אויסרעכענען אלע זייערע מעשים קאן גאר קיין צייט ניט סטארטשען. דערפאר איז מוטל דער חוב אויף יעדן, וואס טראגט נאך גאטס פארכט אין הארצן, זיי צו רודפן און אונטערדריקן מיט אלע מיני רדיפות, זיך סטארען זיי אויסצוווארצלען, עס זאל פון דער דאזיקער נידערטרעכטיקער עדה ניט בלייבן קיין ווארצל און קיין צווייג, ווי עס שטייט אין פסוק: ואבדתם את שְׁמָם — זייער נאמען זאלט איר פארטיליקן. „נוראות נפלאתי על רועי ישראל״, — רופט אויס דער פַּנָאישער מגיד [2], — עס וווּנדערט מיך שטארק אויף די רועי ישראל, אויף די רבנים און חכמי הדור, וואס טוען פירן און היטן די יידישע עדה, די „שה פזורה ישראל״. זיי האבן דאך דאס רעכט, און אין זייערע הענט איז די מאכט ארויסצוטרעטן קעגן די עוברי עבירה. פארוואס זשע שווייגן זיי, האלטן די הענט אין די טאשן און שטייען גאר פון דער וווייטנס? זיי האבן דאך באדארפט אויסרופן אין דער יידישער מחנה, מען זאל זיך פארזאמלען, בכדי זיך צו ראטעווען פון דער געפאר; זיי האבן באדארפט ארויסגעבן א באפעל, אז ביי וועמען עס געפינט זיך א ספר פון די שעדלעכע חסידישע ספרים, איז א חוב עס דן צו זיין בשריפה; פארברענט דארפן די דאזיקע ספרים ווערן, עס זאל פון זיי קיין שום זכר ניט בלייבן (ראוי לשרוף הספרים הנ״ל ולא יזכרו ולא יפקדו ולא יעלו על לב). מען טאר אזא ספר אין קיין יידי־

---

1 פועל חמס בכפיהם, גנבו וכחשו ושמו בכליהם, שוד ושבר במסיליהם... חסידים שוטים בעלי הקבלה דומים לבעלי חבלה, והתורה והתעודה שכולה וגלמודה, לא ידעו ולא יבינו בחשכה יהלכו... את אשר יכנהו בשם חסיד ופרוש, כנחש ישך וכצפעוני יפריש... ולכלל החסידים קורין עמק השדים... חוטאים ומחטיאים.

2 זמיר עריצים, דף ו׳, עמ׳ א: דף ט״ו, עמ׳ א.

שער שטוב ניט האַלטן, ווייל דאָס קאָן ברענגען אַ שאָדן, וואָס ס'וועט שוין ניט זיין קיין מעגלעכקייט אים צו פאַרריכטן, וואָרעם דערויף שטייט דאָך: כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים. איך, — רופט אויס דער מאַקאָווער מגיד,—קאָן דאָס מער ניט איבערטראָגן! מיך וועלן ניט איבערשרעקן די חסידים מיט זייער געפילדער, איך האָב באַשלאָסן פעסט, אָן פחד און מורא, אַרויסצוטרעטן קעגן זיי; זאָלן גרעסערע פון מיר זיך לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפן פאַר „קנאת ד׳ צבאות״, ווי אַזוי מען דאַרף מיט אַלע כוחות רודפן די דאָזיקע רשעים, ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך: מען טאָר אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבן; מען דאַרף זיי אַרויסטרייבן פון יידישן ישוב, זיי זאָלן וווינען אויסער דער מחנה ישראל; מען טאָר זיי ניט לאָזן איבערנעכטיקן, מען טאָר זיך מיט זיי ניט מתחתן זיין, ניט צו קבר ברענגען, וואָרעם זיי האָבן עובר געווען אויף אַלע געזעצן פון דער תורה [1].

און דער קנאַישער מגיד זאָגט אַרויס זיין האָפענונג, אַז גאָט וועט אים באַהילפיק זיין, ער זאָל קאָנען דערגרייכן זיין ציל: אַרויסקאָרענייען די חסידישע סעקטע, עס זאָל פון קיין איינציגן חסיד קיין זכר ניט בלייבן. ער טוט אויך האָפן, אַז גאָט וועט שטאַרקן די הערצער פון די גדולים און רבנים, אויך זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן די חסידים, זיי רודפן און פאַרטיליקן, זייער נאָמען זאָל אויף אייביק אויסגעמעקט ווערן. דעמאָלט וועלן אויפלייכטן אונזערע אויגן און דערפרייט וועלן אונזערע הערצער ווערן, ווי שלמה המלך זאָגט: באבוד רשעים רנה — ווען רשעים קומען צופּ, איז גרויס די פרייד [2].

אָבער ניט בלויז די רבנים און די מנהיגי הדור — דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף מיטהעלפן אין דער „מלחמת מצווה״. און דוד מאַקאָווער ווענדעט זיך צום „עם ד׳״, אַלע זאָלן זיך שטאַרקן, זען אויסוואָרצלען די חסידים, עס זאָל פון זיי ניט בלייבן קיין שריד ופליט [3].

זיין גאַנצן צאָרן גיסט אויס דער מאַקאָווער מגיד אויפן גרינדער פון חסידות — אויפן בעש״ט. דער בעש״ט, — דערקלערט ער, — איז געווען אַ מענטש אָן פאַרשטאַנד און וויסן, אַ „עלה נדף, קש יבש,

---

1 וממני יראו הגדולים וילמדו ק״ו לקנא קנאת ד׳ צבאות בכל כוחם ולרדפם בכל האפשרי ולא לחוס עליהם ולגרש אותם מכל הישוב ולהיות חוץ למחנה ישראל מושבם ואסור ליתן להם לינת לילה, לא תתחתן בהם ולא תחנם, לא תתן להם חניה בקרקע כי חלפו חוק ועברו תורות.

2 זמיר עריצים, דף י״ב, עמ׳ ב.

3 דאָרסן, דף ז׳, עמ׳ א׳.

הכּכּך דרך איש וזר״; הלוואי וואָלט מען אים גלייך נאָך זיין געבורט צום קבר געבראַכט (מי יתן מבטן לקבר יובל). ער, דער בעש״ט, האָט אַראָפּגענומען די קרוין פון דער ריינער און הייליקער תורה, ער האָט מיט זיינע רייד אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער אמונה, ער האָט אַראָפּגעפירט פונם וועג די הונדערטער און די טויזנטער, ער האָט זיי געלערנט מקיל צו זיין אין דער תורה און אירע מצוות. יעדער, וואָס טראָגט דעם נאָמען ייד, איז דערפאַר מחוייב צו טרעטן דעם בעש״טס ספרים (דעם כתר שם טוב און צוואת ריב״ש), ווי מיסט אויף די גאַסן, און זיי אויפן פייער פאַרברענען [1]. ניט מיט ווייניקער שנאה רעדט אויך דוד מאַקאָווער וועגן די צדיקים פון זיין דור, בפרט וועגן דעם קאָזעניצער מגיד און ר׳ איציק מלאַנצוט — דעם באַוווּסטן צדיק ר׳ יצחק לובלינער. ער שילדערט די צדיקים פון יענער צייט ווי אומוויסנדיקע, גראָבע און זייער געלטגיריקע מענטשן, וואָס נאַרן אָפּ דאָס פּשוטע פאָלק, נעמען פדיונות ביי אומגליקלעכע קבצנים, ציען ביי זיי אַרויס דעם לעצטן גראָשן, לעבן אין עשירות און וואוילטאָג און ווערן פעט אויפן חשבון פון די פאַרפירטע אָרעמע מענטשן [2].

נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם „זמיר עריצים״ האָט דער מגיד פון מאַ־קאָוו דערמיט נאָך כּלל ניט גערעכנט צו פאַרענדיקן זיין קאַמף קעגן די זיים אַזוי פאַרהאַסטע חסידים. אין „זמיר עריצים״ ווייזט ער אָן [3], אַז ער זאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ צווייטן טייל, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען „שבר פושעים״ און דאָרט וועט ער מער באריכות און מיט פיל ראיות אויס די דברי רז״ל און דעם זוהר הקדוש אויפדעקן די ווילדע שטותים און נידערטרעכטיקע מעשים פון די דאָזיקע „רשעים״. אין משך פון 1798—1800 האָט דער פאַרפאַסער פון „זמיר עריצים״ פלייסיק געזאַמלט מאַטעריאַל פאַרן פאַרשפּראָכענעם צווייטן טייל, וועלכן ער האָט פאַרענ־דיקט אין 1800. דער רייכער מאַטעריאַל, וואָס איז צונויפגעזאַמלט אין דעם „שבר פושעים״, קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי טיילן. איינער, וואָס איז געשריבן פון פאַרפאַסער גופא, ווו ער פּאָלעמיזירט מיט די צדיקים פון יענעם דור, מיטן „בעל התניא״, מיטן בעל „נועם אלימלך״, מיט מיכל זלאָטשאָווער, מאָטל טשערנאָבילער און פיל אַנדערע, — קריטי־קירט דעם „תולדות יעקב־יוסף״ און פאַלט אָן מיט זידלערייען אויף די

1 זמיר עריצים, מודעא רבא; דף ג׳, עמ׳ ב; דף ד—ה; דף ח׳, דף י״א, עמ׳ ב; דף ט״ז צום שלוס.

2 דאָרטן, דף ז׳, עמ׳ א׳; דף ט׳ עמ׳ א׳; דף י׳, עמ׳ א׳; דף י״א, עמ׳ א׳; דף י״ב.

3 דאָרטן, דף ח׳ עמ׳ ב׳; דף י״ג עמ׳ א׳.

חסידים און אויף זייער התנהגות; דער צווייטער טייל, דער וויכטיקסטער, דאָס איז אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן (בריוו, כרוזים און אויפרופן פון רבנים און קהילות וכדומה) וועגן דעם קאַמף קעגן חסידות פאַרן משך פון 1772—1798. די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן אַ באַדייטנדיקן ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער מחלוקת צווישן די מתנגדים און חסידים.

דער מאַקאָווער מגיד איז שוין אָבער ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרשפּרייטן דורכן דרוק זיין פּאָלעמיש ווערק, בעט ער דערפאַר צום שלום, מען זאָל פלייסיק איבערשרייבן זיין מאַנוסקריפּט און די אָפּשריפטן „לחלקם ביעקב ולפיצם בישראל". און דער דאָזיקער ווונטש איז טאַקע דערפילט געוואָרן. די אָפּשריפטן פון דוד מאַקאָווערס פּאָלעמישן ווערק זיינען פלייסיק פאַרשפּרייט געוואָרן אונטער פאַרשיידענע נעמען: „שבר פושעים", „זמרת עם הארץ", „זאת תורת הקנאות" [1].

נאָך דעם, ווי דוד מאַקאָווער האָט זיין „שבר פושעים" פאַרענדיקט, האָט ער נאָך געלעבט גאַנצע פופצן יאָר, ער האָט שוין אָבער מער קיין פּאָלעמיק מיט די חסידים ניט געפירט. דער פרומער מתנגד האָט זיך איבערצייגט אויף דער עלטער, אַז די חסידים זיינען ניט אַזוי געפערלעך פאַרן קיום פון דער יידישער אמונה, ווי אים האָט זיך געדוכט. ער האָט אויך דערזעען, אַז אויף דער יידישער גאַס האָט זיך באַוויזן אַ נייע, געפערלעכע מאַכט, וואָס וויל צעשטערן דעם אַלטן סדר לעבן. שוין אין זיין „זמיר עריצים" ווייזט ער אָן: „מיר זעען דאָך, ווי בעונותינו הרבים עס האָבן זיך איצט געמערט די אפּיקורסים און די מינים, וואָס מען האָט פון זיי גאָרניט געוווּסט אין אַמאָליקע יאָרן" [2]. און דוד מאַקאָווערס מיטקעמפער, ישראל לייבל, האָט בשעת דעם דרוקן זיין דייטשן פּאַמפלעט קעגן די חסידים אין פראַנקפורט אויף דער אָדער (1799) געקראָגן די מעגלעכ־קייט זיך צו באַקענען מיט דער „בערלינער השכלה"; אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט, ווי עס שיינט, אויף אים געמאַכט פרידלענדערס באַוווּסטע „זענדשרייבען" צו טעלערן (זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ערשטער בוך, ז׳ 145—146). און לייבל האָט טאַקע אין פראַנקפורט גופא אין דעם זעלבן יאָר פאַרעפנט־לעכט אַ קאַמפשריפט „אבן בוחן", ווו ער פירט שוין מלחמה ניט מיט

1 מיר האָבן זיך באַנוצט מיט צוויי אָפּשריפטן פון מאַקאָווערס ווערק: איינע, אונטערן נאָמען „זמרת עם הארץ", וואָס געפינט זיך אין דער מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג פונם אַזיאַטישן מוזיי אין לענינגראַד, און אַ צווייטע, אַ מער פולשטענדיקע, אונטערן נאָמען „זאת תורת הקנאות" האָט זיך געהאַלטן אין דער [illegible] מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג אין דער לענינגראַדער „[illegible]־ביבליאָטעק".

2 זמיר עריצים, דף ס״ז, עמ׳ 2.

חסידים און זייערע צדיקים, נאָר מיט די „אפיקורסים חחדשים״, וואָס ליקענען אין די „מצוות המעשיות״ 1... און אינגיכן טרעטן אַרויס די פריִערדיקע פיינד, די מתנגדים, צוזאַמען מיט חסידים קעגן דעם אַלגע־מיינעם קעגנער — דער השכלה. די דערוויַיטערטע זייַנען דערנעענטערט געוואָרן, און די דאָזיקע עוואָלוציע האָט אויך איר אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור געפונען. עס זייַנען נייע ויכוחים־ביכער געשאַפן געוואָרן, ויכוחים צווישן מתנגדים און חסידים, — עס קלינגט שוין אָבער אין זיי אַ גאַנץ אַנדערער טאָן, ווי אין ליבלס „ספר ויכוח״, אָדער אין דעם ויכוח צווישן דעם בריסקער רב און ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער.

כאַראַקטעריסטיש זייַנען אין דער הינזיכט צוויי ויכוחים־ווערק, וואָס טראָגן ביידע איין און דעם זעלבן טיטל „ויכוחא רבה״. דאָס עלטערע פון זיי, וואָס האָט, ווי עס שיינט, אַ לענגערע צייט צירקולירט אין אָפּשריפטן 2 מיט ווייניק באַדייטנדיקע ענדערונגען, איז צום ערשטן אין דרוק דערשינען אונטערן נאָמען „מצרף העבודה״ אין 1858 און אין איניקע יאָר אַרום (1866) אונטער אַ נייעם נאָמען „ויכוחא רבה״. דאָס ווערק איז געשריבן אין פאָרם פון בריוו, וואָס ס׳האָבן געשריבן איינער דעם אַנדערן אין 1786 דעם ווילנער גאונס אַ תּלמיד בנימין זאב אויס סלאָנים און ר׳ לוי־יצחקס אַ תּלמיד, יוסף אויס נעמירוב. עס איז שוין אַ „מלחמה בשלום״; די אַמאָליקע קעגנער ווילן זיך צונויפרעדן, פּלייסן זיך צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן, משיג צו זיין דעם צווייטנס וועלט־באַנעם. דער מתנגד התמעט זיך „דברי חברו אוהבו״, און דער חסיד: „דברי אוהבו ידידו״. אין אַ נאָך פרידלעכערן טאָן איז געשריבן דער צווייטער „ויכוחא רבה״, וואָס איז ערשט דערשינען אין דרוק אין 1886 3, נאָר ס׳איז אומעטער ספק פאַרפאַסט געוואָרן באַדייטנדיק פריער. דאָס ווערק איז געשריבן אין פאָרם פון אַ מינדלעכן ויכוח צווישן אַ מתנגד און אַ חסיד. דער מתנגד שטעלט פּופציג פראַגן, און דער

---

1 מיר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער דאָזי־קער קאָמפּשריפט. מיר ווייסן וועגן איר בלויז פון בן־יעקבס „אוצר השרשים״ (נומ׳ 46), און פון די ציטאַטן, וואָס ווערן געבראַכט אין גרעצס געשיכטע, ב׳ XI, צווייטע אויסגאַבע, 1900, 551.

2 אַ שיין געשריבענע אָפּשריפט פון דעם ווערק האָט זיך געפונען אין דער לענינגראַדער „אָפּע״־ביבליאָטעק. מיר האַלטן פאַר ניט באַגרינדעט ש. ווינערס השערה (קהלת משה 394), אַז דעם „ויכוחא רבה״ האָט פאַרפאַסט יעקב בכרך אויס ביאַליסטאָק.

3 אויפן שער־בלאַט איז אָנגעוויזן: הובא לבית הדפוס ע״י משה־אהרן גליקמאַן.

חסיד גיט אויף זיי פופציג תשובות. ביידע צדדים ריידן גאַנץ פריינד-לעך. דער חסיד רופט דעם מתנגד „ידידי", און פאַרזיכערט אים, אַז ער ליבט אים „אהבת עולמים", און דער מתנגד דערקלערט דעם חסיד אַלס זיין טייערסטן פריינד, וואָס ער ליבט אים פון גאַנצן האַרצן (ידידי וחביבי שאהבה נפשי). דער דיאַלאָג פאַרענדיקט זיך מיטן חסידס פאַר-זיכערונג, אַז דער ויכוח האָט זיך געפירט ניט פון נצחנות וועגן, נאָר „לקנות שלימות ודעת".

זיבעטער קאַפּיטל

די ערשטע יידיש־דייטשע צייטשריפט „סולאמיט". — אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. — ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזער קיבוץ. — נאַפּאָלעאָן און די יידן־פּראַגע. — אליהו הלפן הלוי און זיין פּאָעמע. — דאָס „שוואַנען־ליד". — „איזראַעליטען", ניט „יודען". — שלמה לעוויזאָן און זיין שאַפן. — לעוויזאָנס לויבליד דער שיינקייט און דער „בת היופי". — דער באַדייט פון זיין „מליצת ישורון". — לעוויזאָנס טראַגישער טויט. — שלום כהן. — זיין „משלי אָגור" און „מטעי קדם". — דער באַנייטער „מאסף". — שלום כהנס אַלעגאָרישע דראַמע „עמל ותרצה". — שלום כהנס וואַנדער־יאָרן. — זיין קומען קיין ווין. — אַ טריבונע פאַרן העברעיִשן וואָרט.

אינם צווייטן באַנד פון אונזער ווערק (ז' 102 און ווייטער) האָבן מיר אָנגעוויזן, ווי גרויס ס'איז אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן י"ה געווען דער אונטערשייד בנוגע דעם קולטורעלן מצב און וועלט־באַנעם צווישן דעם ספרדישן יידנטום און דעם יידישן קיבוץ אין פראַנקרייך. „דאָס זיינען געווען, שטרייכן מיר דאָרט אונטער, ניט בלויז צוויי באַזונדערע, נאָר אויך פיינדלעכע וועלטן". נאָך גרעסער איז געווען דער אונטערשייד אויף דער שוועל פונם 19טן י"ה צווישן דעם וועלט־באַנעם און קולטורעלע שטרעבונגען פון די השכלה־טרעגער און פון דער חסידישער וועלט. פון איין זייט: שטרעבן צו אייראָפּעיִשער בילדונג, פאַראַכטונג און שנאה צום אַלט־פרענקישן אָפּגעשטאַנענעם יידישן לעבנסשטייגער און גרויס התבטלות פאַר דער אויסערער, קריסטלעך־אייראָפּעיִשער קולטור, פאַר דעם ראַציאָנאַליסטישן וועלט־באַנעם; און פון דער אַנדערער — מיסטישע התלהבות, התפשטות הגשמיות, ניט וועלן וויסן פון גרעניצן צווישן פאַנטאַסטישן און רעאַלן, און פולשטענדיקער ביטול צו דער פרעמדער אויסנוועלט, צו פּראַקטישן וויסן, צו „חכמות חיצוניות". בעת די טעאָרעטיקער פון חסידיזם האָבן מיט אַזאַ התלהבות גערעדט וועגן דער אוניווערסאַלער ראָלע פון דעם פאָלק ישראל, האָבן דאָרט, ביי די טרעגער פון השכלה און אויפקלערונג, זיך געשטאַרקט די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס האָבן אין די גרעסערע דייטשע קהילות אָנגענומען די פאָרם פון „שמד־עפּידעמיע". בעת די חסידות־באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע ליטעראַטור ניט בלויז אויף העברעיִש, נאָר אויך

אויף דער שפראך פון דער מאסע, — האט דארט, אין די אויפקלערונגס=קרייזן געמוזט אונטערגיין זייער העברעישע טריבונע, דער „המאסף״, און זיין ארט האט שוין פארנומען א צייטשריפט, וואס איז דערשינען אין דער „פאטערלאנדס״=שפראך, „זולאמיט״ (1806, לייפציג).

דער „זולאמיט״ גופא [1] שטעלט זיך אפ אויף די סיבות, פאר וואס דער „המאסף״, די דאזיקע „פארטרעפליכע צייטשריפט״, האט געמוזט אונטערגיין. ער ווייזט אן, אז פאר די „העלזעענדע״, ד״ה, פאר די געבילדעטע און געלערנטע, איז שוין דער „המאסף״ ניט געווען „קיין נאטווענדיגעס בעדירפנים״; די פרומע און ארטאדאקסע יודעי ספר האבן אבער געהאלטן פאר א זינד צו לייענען אזעלכע ביכער, בפרט אז די פרומאקעס און „שיינהייליקע״ האבן זיך באזונדערס געפלייסט, דער „המאסף״ זאל אנווערן זיין גאנצן קרעדיט אין די יידישע לייענער=קרייזן. אנדערע ווידער, וואס וואלטן גערן געלייענט אזא „אויפגעקלערטע״ צייטשריפט, זיינען אבער ניט געווען אימשטאנד דעם „המאסף״ צו לייענען, ווייל זיי „אין דער העברעישען שפראכע ניכט קונדיג וואַרען״ [2].

די רעדאקטארן פון דער צייטשריפט, דוד פרענקעל און יוסף וואלף, ווייזן אן אין זייערע ביידע פראגראם=ארטיקלען, אז עס פאנגט זיך איצט אן א נייע תקופה אין דער געשיכטע. דאס געזעץ פון יושר באהערשט איצט די געמיטער פון אלע נאציעס, די צוימען און שיידוועגט, וואס האבן ביז איצט אפגעטיילט איין פאלק פונם אנדערן — זיינען איצט דורכגעבראכן אדאנק דעם גייסט פון בילדונג און טאלעראנץ. מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט איז איצט ביי אלעמען אויף די ליפן און טיף איינגעקריצט אין די הערצער. אויך בנוגע צו יידן ווערט איצט קיין אויסנאם ניט געמאכט, מען הייבט איצט אן פילן און באגרייפן, וואס פאר א גרויס אומרעכט מען איז קעגן זיי באגאנגען. פארביי זיינען שוין, גאט זיי דאנק, די צייטן, ווען מען פלעגט די באגריפן מענטש און ייד רעכענען פאר גאנץ פארשיידענע (העטעראגענע) באגריפן [3].

די פארשפרייטונג פון הומאניטעט, — לייענען מיר ווייטער, — דאס איז דאך די שענסטע באצירונג פון אונזער צייט, זי באגליקט דאך די מענטשהייט מיט אירע וואוילטעטיקייטן, זי איז דער קוואל, פון וועלכן עס שפראצט איצט די שענסטע בלום: עכטע ברודערליבע. און

---

1 אין „זולאמיט״ פלעגן פון צייט צו צייט פאר ליבהאבער געדרוקט ווערן העברעישע לידער און אויך קורצע פראזע־ארטיקלען.

2 Sulamith, I, 29.

3 דארטן, 6—7.

ווען ברודערליבע טוט דערפילן די מענטשן־הערצער, דעמאלט פארנעמט די טאלעראנץ דעם בכבודיקסטן פלאץ אין דער געזעלשאפט... און די צייטשריפט „סולאמיט", — דערקלערן די רעדאקטארן, — שטעלט זיך די אויפגאבע צו פארשפרייטן ביים יידישן פאלק „עכטע קולטור אונד הומאניטעט... אויפקלערונג דער בעגריפע איבער נאטור, קונסט אונד געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע דער מענשען", בכדי אויך די יידן זאלן זיין אימשטאנד „די גליקליכע שטימונג, אין וועלכער אויפקלערונג אונד בילדונג די געמיטער דער מענשען פערזעצט האבען" אויסצונוצן פון זייער טובה וועגן און ברכה און גליק „איבער די נאציאן צו פער־ברייטערן" [1].

די רעדאקטארן זיינען אבער דערביי גלייך מתרה ומודיע, אז „סולאמיט" וועט „אם אלערווענינגסטען זיך אין פאליטישע אנגעלעגענהייטען מישען", סיי בנוגע דאס יידישע פאלק, סיי א וועלכער ס'איז אנדער נאציע. וועגן מענטשן־רעכט פאר דעם רעכטלאזן יידישן קיבוץ אונטער־שטייען זיך ניט די רעדאקטארן צו ריידן קלארע דיבורים, זיי באנוגענען זיך בלויז מיט רמזים און אנצוהערענישן. זיי האבן בלויז, אז אדאנק דער „ענטוויקלונג דער אינטענסיווען בילדונגספעיקייט דער יודען" וועלן יענע זיין אימשטאנד צו באגרייפן און געהעריק צו פילן דאס גוטע, „דעססען זיך אונזער צייטאלטער צו ערפרייען האט", און דעמאלט וועלן אויך די קינדער פונם פאלק ישראל קענען צוטרעטן „ענטציקט אונד דאנקפאל" צו דעם דערהייבענעם דענקמאל, וואס די געשיכטע שטעלט אויף פאר די „ערלויכטע רעגענטען אונזערער צייט", און איינקריצן אויף אים די אויפשריפט: „אייך (ד״ה, די „ערלויכטע רעגענטען") זיינען מיר מנדר אונזערע הערצער, אייך, וואס איר זענט דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון הומאניזם און ליבעראליטעט, און איר האט אויפסניי באשענקט דאס דערנידעריקטע פאלק מיט זיינע אנגעוווירענע רעכט" [2].

און די רעדאקטארן פון דער יידיש־דייטשער צייטשריפט פארזי־כערן, אז די אייניקלעך פון „יענע אונטערדריקטע" געניסן איצט דאס גליק צו לעבן אונטער אויפגעקלערטע, איידלדענקענדיקע און מענטשן־פריינדלעכע „רעגענטען" (רעגירער), אונטער רעגענטן, וואס האלטן פאר זייער הייליקן חוב מיט אלע מעגלעכקייטן זייערע אונטערטאנען צו

---

1 Sulamith, 10, 18. אויך אינם אונטערקעפל פון „סולאמיט" ווערט אנגעוויזן: „איינע צייטשריפט פיר בעפערדערונג דער קולטור אונד הומאניטעט אונטער דער יידישען נאציאן".

2 דארטן, 11.

באגליקן, און אויך צו זיכערן און צו דערהאלטן גלייך מיט אלע אונטער־טאנען פון דער מלוכה די עקזיסטענץ פון די יידן [1].

די דאזיקע שיינע און גליקלעכע אידיליע צעשטערט אבער מיט אמאל א קריסטלעכער גייסטלעכער מיט זיין אפענעם בריוו צו די ארויסגעבער פון „סולאמית" [2]. ער ווייסט ניט פון רמזים און רעדט אפענע דיבורים. ווייזט זיך ארויס, אז די אקארשט דערמאנטע „איינעקלעך" לעבן נאך אין די זעלבע רעכטלאזע צושטאנדן, ווי זייערע „אונטער־דריקטע" זיידעס. דער צושטאנד פון די יידן, — שרייבט דער קריסט־לעכער קארעספאנדענט, — איז באקלאגנסווערט. אויסגעשלאסן פון אלע בירגערלעכע דערווערבצווייגן, פון אלע העכערע און אנגעזעענע „דינסטע דעם שטאאטעס", ארויסגעטריבן אפילו פון די אודיטאריעס, וואס זיינען באשטימט פאר אויפקלערונג און וויסנשאפט, — ווערן די יידן געצווינגען זיך צו פארנעמען בלויז מיט וועקסל־און האנדלס־געשעפטן. און דערצו נאך, — ווייזט אן דער קארעספאנדענט, — ווערן זיי באלאסטעט מיט דריקנדיקע ספעציעלע אפצאלונגען, וואס זיינען נאך דערצו גאנץ אפט פארבונדן מיט שפאט און דערנידערונגען. און ער רעכנט אוים אויף גאנצע צוויי זייטן די אלע ספעציעלע יידישע שטייערן און אפצאלונגען, די אלע בזיונות און דערנידערונגען, וואס די דייטשע יידן האבן דערביי אויסצושטיין.

און דער דאזיקער בריוו פונם קריסטלעכן גייסטלעכן זיינען די איינציקע בלעטער פאר א גאנצן יארגאנג „סולאמית", וו עס ווערט אפן גערעדט וועגן דער דעמאלטיקער רעכטלאזער לאגע פון די דייטשע יידן...

גאנץ אינם גייסט פון פרידלענדער ווערט אינם „סולאמית" אין א משך ארטיקלען גערעדט וועגן די „מיסברויכע אונד אבסורדע צערע־מאניען אונטער דען יודען". אין אמאליקע צייטן, — באקלאגט זיך דער „סולאמית", — איז די צאל חוקים און געזעצן געווען גאנץ קליין, „ווייל עס זיינען דעמאלט נאך קיין רבינער ניט געווען, ווי אין אונזערע צייטן, וואס האבן דורך זינפארדרייונגען די צאל פון די דינים פארמערט ביז אן א סוף" [3]. און די צייטשריפט ווערט ניט מיד איבערצוחזרן, אז זי קעמפט פאר „ריינע רעליגיאזיטעט", פאר „עכטע רעליגיאזיטעט אונד העכערע זיטליכקייט" [4].

---

1 Sulamith, 23.
2 דארטן, 148—152
3 דארטן, 172.
4 דארטן, 27, 38, 39, 216 א"ח.

די מיטאַרבעטער פון „סולאַמית״ ווייסן זייער גוט, אַז אין דער „שמד־עפּידעמיע״ האָבן די אַקטיווסטע ראָלע געשפּילט די יידישע אינטע־ליגענטע פרויען, וואָס די יידישע רעליגיע און בכלל דער יידישער וועלט־באַנעם איז זיי געווען לחלוטין פרעמד. דערפאַר טאַקע שענקען זיי זייער פיל אויפמערקזאַמקייט דער רעליגיעזער דערציִונג פון דער מאָדערנער יידישער פרוי. זיי פלייסן זיך צו דערקלערן זייער לייענער־אוידיטאָריע, אַז „רעליגיעזע געפילן פאַראיידעלן די פרוי אין גאַנץ הויכן גראַד״; זיי באַקלאָגן זיך גאַנץ אָפט דערויף, וואָס די יידישע פרוי ווייס אַזוי ווייניק וועגן דעם „ריינעם יידישן גלויבן״ און וועגן דער יידישער געשיכטע [1]. די צייטשריפט ווענדעט זיך גאַנץ אָפט צו דער לעזערין, צו דער „ווערטער גלויבענסגענאָסין״, צו די „ליבע שוועסטער״; און אין אַ משך פון בריוו, געשריבן ספּעציעל צו „איין אַכטונגס־ווירדיגעם פּרויענצימער יידישער רעליגיאָן״ ווערט אָנגעוויזן, ווי אויף די „העכסטע פליכט פון אַלע יידישע עלטערן, אַז זיי זאָלן זאָרגן פאַר צוועקמעסיק אָרגאַניזירטע טעכטער־שולן, אין וועלכע עס זאָל פון דער פריסטער יוגנט אָן דערוועקט ווערן אין די יידישע טעכטער דאָס רעליגיעזע געפיל [2].

עס איז דאָ כדאי נאָך אויף איין פּרט אָנצוווייזן. דער רעדאַקטאָר יוסף וואָלף רעדט נאָך וועגן דער „יידישער נאַציאָן״, דער צווייטער רע־דאַקטאָר, דוד פרענקעל, געברויכט שוין בנוגע דעם יידישן קיבוץ גאַנץ זעלטן דעם אויסדרוק „נאַציאָן״; ער רעדט דער עיקר וועגן „יידישע רע־ליגיאָנסטרעגער״, „רעליגיאָנספערוואַנדטע״ און „גלויבנס־גענאָסען״. פונם צווייטן יאָרגאַנג אָן, ווען דוד פרענקעל איז פאַרבליבן אַלס איינציקער רעדאַקטאָר, באַמערקן זיך שוין אינם „סולאַמית״ די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן נאָך בולטער. דערצו האָבן ניט ווייניק מיטגעהאָלפן די דע־מאָלטיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע אומשטענדן. מיר האָבן שוין אין פאָריקן טייל [3] באַריכות זיך אָפּגעשטעלט אויף די שאַרפע אַסימילאַטאָ־רישע טענדענצן, וואָס האָבן אויף דער שוועל פון 19טן י״ה־ געוועלטיקט ביי דער יידישער אינטעליגענץ אין דייטשלאַנד. בעת אין די פרומע חסידישע קרייזן האָט מען געקוקט מיט ביטול אויף דער פרעמדער סביבה און גערעכנט דאָס יידישע פאָלק פאַרן וויכטיקסטן צענטער פון דער וועלט, דערציילט דער יונגער בערנע אין זיינעם אַ בריוו צו הענריעטע הערץ וועגן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט: עס שטודירן דאָ (אין

---

2 דאָרסן, ז׳ 216, 219 א״ח.

3 דאָרסן, 487.

3 זע אונזער חערק, ב׳ VII, ערסטער בוך, פערטער קאַפּ., פון ז׳ 148 ביז סוף קאַפּ.

היידעלבערג) אייניקע יידן פון א שיינער פאמיליע. עס איז אבער מערק־ווירדיק, ווי די דאזיקע מענטשן פלייסן זיך מיט אלע מעגלעכקייטן צו האלטן בסוד, אז זייער עלטערזיידע האט אונטערגעהונקען [1]. מען זעט קיין מאל ניט, צוויי יידישע יונגעלייט זאלן גיין צוזאמען אדער אפילו ריידן מיטאנאנדער"...

אין יענער צייט, ווען בערנע האט זיין בריוו געשריבן (1807), זיינען אינם נצחנישן פראנקרייך פארגעקומען געשעענישן, וואס האבן נאך מער געשטארקט די אסימילאטארישע שטרעבונגען אין די אינטע־ליגענטע יידישע קרייזן. אדאנק דער רעוואלוציע האבן די פראנצויזישע יידן באקומען גלייכבארעכטיקונג און זיינען שוין ניט געווען געניייטיקט צו קויפן מענטשנרעכט דורך שמד און טויף־וואסער. נאר טאקע די רעוואלוציע; האט עס ניט ווייניק מיטגעווירקט, די פראנצויזישע יידן זאלן פאר דער גאנצער וועלט וועלן דערוויזן, אז יידן זיינען כלל ניט קיין נאציע, נייערט א רעליגיעזער קיבוץ. די אקטיווע טרעגער און דורכפירער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע זיינען געווען די ברייטע שיכטן פון דער שטאט־באפעלקערונג; אינם קאמף פאר מאכט און רעכט האבן די דאזיקע שיכטן צום ערשטן זיך דערפילט אלס נ א צ י א־נ א ל ע ר קיבוץ, אלס פ א ל ק. די רעוואלוציע האט ארויסגעריסן די יידן פון זייער רעכטלאזער אפגעזונדערטקייט, האבן די באפרייטע יידן זיך דערפילט אלס פראנקרייכס דאנקבארע זין, און ווייל אין אזא עטנא־גראפיש איינהייטלעכן לאנד ווי פראנקרייך האט דער באגריף נאציע זיך צונויפגעגאסן מיטן באגריף — מלוכה, שטאאט [2], האבן אויך די דארטיקע יידן זיך גערעכנט פאר פראנצויזן. שוין אין 1791, גלייך נאך דעם, ווי ס'איז פארעפנטלעכט געווארן דער דעקרעט וועגן יידישער גלייכ־בארעכטיקונג, האט דער מוטיקער קעמפער פאר דער עמאנציפאציע פון די יידן, בער־איסאאק־בער, אין זיין אויפרוף צו זיינע מיטברידער גע־האלטן פאר נייטיק באזונדערס אנצווייזן: „אדאנק גאט און דער העכ־סטער פאלקסמאכט טוען די נאציעס אונז אנערקענען ניט בלויז אלס בירגער, נאר אויך אלס פראנצויזן". און אין צען יאר ארום דערקלערט זיין זון, דער טאלענטפולער רעדנער מיכאל בער, אין זיין אויפרוף צו אלע אייראפעישע אנווינער פון יידישן גלויבן, אז ער „פילט זיך אין הארצן מער פראנצויז ווי ייד" [3].

---

1 דאס הייסט: אז זיי שטאמען פון יעקב אבינו, וואס האט געהונקען אויף א פוס נאך זיין נאכטיקן געראנגל מיטן מלאך.

2 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, קאפ. 4.

3 זע גרעץ, צ. ת. ב' XI, 221.

אין דער באַלייכטונג פון די דאָזיקע טענדענצן באַקומט אַ באַזונדערן באַדייט אַ העברעיִש פּאָעטיש ווערק, וואָס עס האָט אין דעם זעלבן יאָר (1801) פאַרעפנטלעכט מיכאל בערס אַ מיטבירגער, אליהו חלפן הלוי.

אַ דייטשער ייד [1], גוט באַהבנט אין דער תּלמודישער ליטעראַטור, האָט אליהו הלוי אין זיינע יונגע יאָרן אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז, וווּ ער איז געווען חזן אין דער דאָרטיקער שול און לערער פון העברעיִשער שפּראַך. אין דער נייער היים האָט הלוי גרינדלעך שטודירט די פראַנצויזישע שפּראַך; די געוואַלדיקע געשעענישן נאָך דעם אויסברוך פון דער גרויסער רעוואָלוציע האָבן אים געמאַכט פאַר אַ התלהבותדיקן פראַנצויזישן פּאַטריאָט, און ווען דער „ערשטער קאָנסול״ פון פראַנקרייך, דער גאוניש[ער] באָנאַפּאַרט, האָט נאָך זיינע וווּנדערבאַרע נצחונות געשלאָסן אַ צייטווייליקן שלום (אין 1801), האָט אליהו הלוי אויסגעגאָסן זיין פרייד־געפיל און פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם אין זיין פּאָעמע „השלום״, וואָס באַשטייט אויס 49 פינף־שורותדיקע סטראָפן מיטן גראַמשליסל: a b d און ce. ס׳איז אייגנטלעך אַ „געלעגנהייטס־געדיכט״, וואָס דער שול־חזן האָט עס פאַרפאַסט, בכדי עס צו זינגען אויף דער פייערלעכער פאַרזאַמלונג אין דער הויפּט־סינאַגאָגע נאָך דער פרידן־דערקלערונג. אין דעם שול־חזן האָט אָבער דער אמתער דיכטער געדרימלט, און אומדערוואַרטעט אפשר פאַרן פאַרפאַסער גופא האָט ער אַ מייסטער־ווערק געשאַפן, וואָס האָט זיין נאָמען אויף שטענדיק איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון דער נייהעברעיִשער דיכטונג. הלויס פּאָעמע איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס התפּעלות; מען האָט זי פאַרעפנטלעכט צוזאַמען מיט אַ דייטשער און פראַנצויזישער איבערזעצונג און מיט אַ באַגריסונג פון דעם באַוווּסטן אָריענטאַליסט סילוועסטר דע־סאַסי [2]. שוין אין דער ערשטער סטראָפע באַמערקט זיך דייטלעך די השפּעה פון צוויי פאַרשיידענע קולטורן, אונטער וועלכע עס געפינט זיך דער יידישער דיכטער. לויט דעם געשמאַק פון דער דעמאָלטדיקער פראַנצויזישער ליטעראַטור מיט איר חולשה צו די טראַדיציעס פון דער אַנטיקער קולטור, צו אירע אגדות און העלדן, פאַנגט אויך דער יידישער דיכטער אָן מיט דער ווענדונג צו די „בנות השיר״ — צו די געטינס פון געזאַנג, זיי זאָלן זיין ליד מיט האַרמאָניע און חן באַשענקען; נאָר גלייך דערביי ווענדעט ער זיך אויך צום „מנעים

1 געבוירן אין פיורדא בערך 1760.

2 הלויס פּאָעמע איז איבערגעדרוקט אין פירכטענטאַלס „המאסף״ 1829, 216—226, און אין שפרס „כנסת ישראל״, II, לעצטע אָפּטיילונג, שפּאַלטן 19—28.

זְמִירות״ — צום תהלים־דיכטער, יענער זאָל אים זיין הארפע לייען אָדער מיט אירע ווונדערבארע סטרונעס זיין פידל באַציען. דער היס־טאָריקער גרעץ איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן פון חלפן הלוים פּאָעמע, אין וועלכער ער פילט „עכטע, גאָלדענע פּאָעזיע״, אַז ער דערקלערט דעם „השלום״־דיכטער העכער פון שלמה גבירול, יהודה־הלוי און משה חיים לוצאַטו [1]. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שטאַרק איבערטריבן. די השפּעה פון צוויי גאַנץ פאַרשיידענע קולטורן שטערט אין געוויסער מאָס די האַרמאָניע פון דער פּאָעמע. אייניקע בילדער קומען אוים צו געקינצלט, עס פילט זיך אין זיי פיל מער דער קאַלטער קונסט־שליף, ווי דער פלאַם־גוס פון דיכטערישער באַגייסטערונג. דער פּאַטאָס פון די געוואַלדיקע געשעענישן רייסט אָבער מיט דעם דיכטער; ער פאַרגעסט אין די אַנטיקע מוסטערן און מעטאַפאָרן, און ער שאַפט דעמאָלט אויף זיין אייגענעם חשבון. ער שמידט ווי פון שטאָל געגאָסענע סטראָפן, אין וועלכע עס פילט זיך דער אימפּעט פון דער רעוואָלוציע, דער צאָרן פון די איבערגעלעבטע פאַרקנעכטונג און דערנידעריקונגען, און דער נצחונישער פרייד־יובל, וואָס דער שונא איז צעשמעטערט און די מיט יונגע זאַפ־טיקע קרעפטן איבערפולטע ברייטע פאָלקסשיכטן זיינען צו דער מאַכט געקומען. נאָך אַ הפסקה פון לאַנגע, לאַנגע דורות דערהערן זיך אויפסניי אין דער העברעישער דיכטונג נצחונישע פּאַטריאָטישע טענער. זיין נייע היים, — דערקלערט דער פון דייטשלאַנד געקומענער דיכטער, — פאַר „הַיָּפָה בְּכָל אֲרָצוֹת״ — פאַר די שענסטע פון אַלע לענדער; דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז פאַררעכנט ביי אים אַלס „בַּת עַמִּי״. מיט טיפן צאָרן באַקלאָגט דער דיכטער, וואָס פאַר דער רעוואָלוציע „האָבן נידער־טרעכטיקע מענטשן מיין פאָלק און מיין לאַנד * אין קייטן געשמידט״ (בני עולה אסרו עמי וארצי בנחושתים), און די שטאַרקע סטראָפן, אין וועלכע דער דיכטער שילדערט די שווערע לאַגע פון פראַנקרייך ביים אַלטן קיניגלעכן רעזשים, פאַרענדיקט ער מיטן אויפרוף:

מוֹדָעַי! אִם אַגִּידָה לְאָזְנֵיכֶם אֵת כָּל אֲשֶׁר קָרָה
אֶל הַיָּפָה בְּכָל הַמַּמְלָכוֹת מֶשֶׁךְ יְמֵי הַצָּרָה —
הֵן דְּמָעוֹת תִּשְׁפְּכוּ כְּנַחַל לִבְּכֶם יִמַּס כַּמָּיִם.

אַ באַזונדער שטאַרקן רושם מאַכן די מעכטיקע סטראָפן, ווו דער דיכטער שילדערט דעם נצחונישן מאַרש פון דעם יונגן נאַפּאָלעאָן מיט

---

1 ציס. ה., ב׳ XI, 1900, 218.

* דאָס הייסט פראַנקרייך און דאָס פראַנצויזיש פאָלק.

זיינע לעגיאָנען. דעם דיכטער געלינגט אין בולטע שטאַרקע בילדער איבערצוגעבן דעם געוואַלדיקן אימפּעט פון די אין שטאָל און אייזן גע־פּאַנצערטע און מיט מוטיקן קאַמפלוסט איבערפולטע רעגימענטער, וואָס ווערן געפירט פון זייער גאונישן קריגס־מייסטער, פאַר וועלכן עס ציטערן אַלע פעלקער. זיינע שבחים ותשבחות, מיט וועלכע דער דיכטער באַ־גריסט באָנאַפּאַרטן, זיינען ניט פשוטע ווייַרויך פון סקאַרבאָוון פּאַטריאָ־טישן נוסח — עס פילט זיך אין זיי די אמתע באַוווּנדערונג פאַר דעם אויסערגעוויינלעכן מאַן מיט זיינע געוואַלדיקע מעשים, וואָס אַדאַנק זיי איז מיט פראַנקרייך געשעען דאָס גרויסע ווונדער:

אָמֶשׁ כְּשִׁפְחָה בַּאֲרָצוֹת נֶחְשַׁבְתְּ בְּעֵינֵי הָמוֹן וְשָׂרִים

הַיּוֹם כֶּתֶר הַבָּנוֹת, שָׂרִים יִשְׁתַּחֲווּ מִמּוּלֵךְ [1].

דער דיכטער זעט אין דעם „ערשטן קאָנסול״ פון פראַנקרייך ניט דעם יורש, נאָר דעם געטרייען באַשיצער און טרעגער פון פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. ער זעט אין באָנאַפּאַרטן ניט בלויז דעם „ידיד הנצוח״, נאָר אויך דעם „ידיד החכמה״...

נאָך דעם, ווי אליהו הלוי האָט זיין פּאָעמע געדיכטעט, האָט ער נאָך געלעבט גאַנצע 25 יאָר (געשטאָרבן אין נאָוועמבער 1826); ער איז געווען אַ מיטגרינדער און מיטאַרבעטער פון דער אין 1817—1818 דערשינענער וואָכנשריפט Israelite Français [2], האָט פאַרעפנטלעכט אַ לערנ־בוך „למודי דת ומוסר״ (כ״יז, 1820) [3], ער האָט אויך געלאָזן אין כתב־יד אַ העברעיִש־פראַנצויזיש ווערטערבוך [4], נאָר קיין העברעיִשע לידער האָט ער שוין מער ניט געדיכטעט. זיין פּאָעמע „השלום״ איז בכלל געווען דאָס „שוואַנען־ליד״, וואָס די העברעיִשע פּאָעזיע האָט געזונגען אויפן פראַנצויזישן באָדן. דער שטורמישער אַסימילאַציע־פּראָצעס איז געווען אַ צו אומגינסטיקער באָדן פאַר נאַציאָנאַלער דיכטונג. דער פון אליהו הלוי מיט אַזאַ באַגייסטערונג באַזונגענער העלד, באָנאַפּאַרט, האָט מיט זיין היסטאָרישן חוש ניט געקאָנט גלייבן, אַז דער אונטערשייד צווישן די פראַנצויזישע יידן און דער איבעריקער באַפעלקערונג איז דער זעלבער, ווי צווישן קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. ער האָט אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן

---

1 ערשט נעכטן האָבן פעלקער און קיניגן דיך פאַר אַ דינסט גערעכנט, היינט ביסטו די קרוין פון צלע טעכטער, און פירשטן טוען זיך פאַר דיר בוקן.

2 גרעץ, ציט. ה., 218.

3 ה. צייטלין, ציט. ו., 134.

4 קלויזנער, ציט. ו., 286.

די מיינונג, אַז די יידן זיינען בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע, און ער האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף די יידן באַטראַכטן אַלס באַזונדערע נאַציע, אַלס „נאַציע, וואָס איז איינזעסיק צווישן אַנדערע נאַציעס" [1]. בכדי זיך איבערצוציינן, אַז מען קאָן ווירקלעך די יידן באַטראַכטן אַלס אמתע פראַנצויזישע בירגער, האָט נאַפּאָלעאָן געוואָלט פּאָרויס באַקומען פון די פראַנצויזישע יידן אַ דערקלערונג, אַז זיי זיינען גרייט זיך פולשטענדיק צו אַסימילירן. צו דעם צוועק איז אין 1807 צונויפגערופן געוואָרן דער באַוווסטער „סנהדרין", ווו עס איז פאַר די יידישע פאָרשטייער געשטעלט געוואָרן אַ גאַנצע צאָל פראַגן, וואָס זיינען געווען פאָראייניקט דורך איין און דעם זעלבן געדאַנק: עמאַנציפּאַציע דאַרף געקויפט ווערן דורך אַסי־מילאַציע. די יידישע „נאָטאַבלען" האָבן באַין ברירה דערויף זייער הסכמה געמוזט געבן.

דאָס אייגענע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אויף יענער זייט ריין, אין דייטשלאַנד. מיר האָבן שוין געזען [2], ווי נאָך דעם דערשיינען פון דעם עדיקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג (1812) האָט דוד פרידלענ־דער דערקלערט: „די יידן האָבן קיין אַנדער היים ניט, אויסער דעם לאַנד, וואָס האָט זיי אָנערקענט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. די פּרייסישע יידן ליבן זייער פאָטערלאַנד און די דייטשע שפּראַך איז זייער מוטער־שפּראַך, זיי ברויכן ניט קיין אַנדער שפּראַך". און ווען אַ דייטשער פּראָפעסאָר איז אַרויסגעטראָטן מיט אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, האָט דער אויבערלערער פון דער פראַנקפורטער יידישער שול, משה העס, אין זיין קעגנשריפט [3] באַשטימט דערקלערט: „די יודען זינד דורכאוס קיין פאָלק, זיע זינד נור אַלס קאָנפעסיאָן צו בעטראַכטען". באַזונדערס אינטערע־סאַנט איז אין דער הינזיכט אַן אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „סולאַמית" [4] אונטער דעם טיטל „איבער דיע נאַמען דער איזראַעליטען". מיט אַ יאָר 30—40 צוריק,—דערקלערט דער פאַרפאַסער פונם אַרטיקל,— בעת מען האָט אין דייטשלאַנד געשטעלט פאַר זיך דעם באַשטימטן ציל: באַפרייען זיך פון אָבערגלויבן און פון די אַלע פעלערן, וואָס שטערן דעם ענדגילטיקן נצחון פון הומאַניזם, איז מען בנוגע דער יידנפראַגע געקו־

1 Il faut considerer les juifs comme nation et non comme secte. C'est une nation dans la nation.

2 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, ז' 147.

3 Freimüthige Prüfung der Schrift des Herrn Prof. Rühs über die Aussprüche der Juden an das deutsche Bürgerrecht, 1816.

4 ב' VI, 145—152.

מען צום באשלוס, אז בכדי צו פארבעסערן די לאגע פון די „איזראעליטען״, דארף מען זיי אין קיין שום פאל ניט באטראכטן אלס נאציע; אדרבה, מען דארף פון זיי וואס מער דערווייטערן אלע נאציאנאלע געוויינהייטן, וואס זיינען ביי זיי נאך פארבליבן. זיי דארפן בכן לעבן, ווי עכטע דייטשן, לויט דייטשע געזעצן און מנהגים. די לעצטע צייט אבער, — קלאגט זיך דער „סולאמיט״,—קומען מענטשן, „וואס פרווון דערווייזן, אז יידן זיינען נאך פארט א נאציע. און די דאזיקע מענטשן מאכן א גרויס געוואלד, ווען איינער זאגט ארויס דעם אומבאשטרייטבארן אמת, אז די היינטיקע דייטשע יידן געהערן אויך צום דייטשן פאלק גלייך מיט די דייטשן פון קאטוילישן, פראטעסטאנטישן אדער רעפאר־מיסטישן גלויבן״. פול מיט פחד פאר דעם נאציאנאלן „איך״, פארן איך־באוווסטזיין, ווייל דאס קאן נאך, חלילה, שאטן צו גלייכבארעכטיקונג, פארזיכערט דער „סולאמיט״, אז דער טערמין „נאציע״ בנוגע צו יידן איז ניט בלויז פאליטיש שעדלעך, נאר אויך מאראליש: א ווייניק געבילדעטער ייד קאן נאך קומען צום אויספיר, אז ער דארף בלייבן „נאציאנאל״, ד״ה לעבן אפגעזונדערט און בלייבן ביי זיינע אלטע גע־וויינהייטן און מנהגים. דאס, וואס מען דערקלערט די יידן אלס נאציע,— חוץ איבער דער „סולאמיט״, — אין פונקט אזוי „אונריכטיג, פאלש, שעדליך אונד פערדערבליך״, ווי דאס, וואס מען רופט זיי „יודען״. דער טערמין „יודען״ איז ניט פון רעליגיעזער, נאר פון פאליטיש־געאגראפישער אפשטאמונג, און ווייל עס עקזיסטירט שוין ניט מער דאס קיניגרייך „יודעא״, זיינען שוין, משמעות, מער קיין „בני יהודה״ ניט פאראן. די היינטיקע יידן זיינען איצט בלויז א רעליגיעזע גרופע און זיי דארפן דערפאר הייסן ניט אנדערש ווי „איזראעליטען״.

ס׳איז קלאר, אז ביי אזעלכע שטארק אויסגעשפראכענע אסימילא־טארישע טענדענצן זיינען די גרויסע דייטשע צענטערן געווען א זייער אומגינסטיקער באדן פאר דער אנטוויקלונג פון דער נייהעברעישער שיינער ליטעראטור. אמת, אין בערלין און אויך אין ווין האבן זיך דאך באוויזן אין יענער צייט נייע יידישע דיכטער, וואס האבן געפרווט שאפן אויפן געביט פון העברעישער פאעזיע. דאס זיינען אבער געווען לויטער געקומענע פון אנדערע מדינות מיט א קאמפאקטן יידישן ישוב, וואס איז נאך געווען פעסט פארבונדן מיטן אלטן וועלט־באנעם און לעבנסשטייגער. פון די דאזיקע יונגע דיכטער דארפן באזונדערס פאר־צייכנט ווערן שלמה לעוויזאן און שלום כהן.

שלמה לעוויזאן איז געבארן אין דער אונגארישער שטאט מאהר (אין 1789). ווי עס שיינט, איז זיין פאטער, יהודה־ליב בן יעקב,

געווען אַ שטיקל משכּיל, וואָרעם ער האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס זיין זון האָט אין די חדרים באַקומען ברייטע ידיעות אין דער תּלמודישער ליטעראַטור, — ער האָט אויך געזאָרגט, אַז יענער זאָל זיין בקי אין תּנ״ך, און צו צוועלף יאָר האָט דער יונגער שלמה אָנגעפאַנגען צו באַזוכן די לערנאַנשטאַלט פון די אָרטיקע קאַפּוצינער, ווו ער האָט געלערנט מאַטעמאַטיק, דייטש און די ערשטע כּללים פון לאַטיין. אין אַ צייט אַרום האָט זיך שלמה באַקאַנט מיט אַ קריסטלעכן סטודענט, וואָס זיין געקומען פון בודאַפּעשט. און די נייע צוויי יונגע באַקאַנטע האָבן געמאַכט אַן אייגנאַרטיקן חילוף: דער סטודענט האָט מיט אים געלערנט לאַטיין און ער מיט יענעם העבּרעיש. דער ווייסנבאַגיריקער שלמה האָט אויך פיל זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, און דערביי האָט אים פיל מיטגעהאָלפן אַן אָרטיקער גביר, דער געבילדעטער שלמה ראָזענטאַל, וואָס האָט אים דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט זיין רייכער ביבּליאָטעק 1. די שווערע מאַטעריעלע לאַגע האָט געצוווּנגען דעם יונגן לעוויזאָן צו פאַרנעמען זיך אַ שטיק צייט מיט מלמדות; ווי נאָר ער האָט אָבער צונויפגעקליבן אַ ביסל געלט, האָט ער זיך געלאָזט קיין פּראָג לערנען 2 אין דער דאָרטיקער באַרימטער ישיבה. אין אַ צייט אַרום האָט ער פאַרלאָזן די ישיבה און איז אַריבערגעגאַנגען אין דעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט, ווו ער האָט שטודירט גריכיש, סיריש און אויך מאָדערנע שפּראַכן. אין 1810 האָט לעוויזאָן פאַרעפנטלעכט אין דעם באַנייטן „המאסף״ די ערשטע קאַפּיטלעך פון זיין פילאָלאָגישער אַרבעט „שיחה בעולם הנשמות״, און אין אַ יאָר אַרום האָט ער די דאָזיקע אַרבעט אָפּגעדרוקט אין פּראָג בשלימות אין פאָרם פון דריי געשפּרעכן צווישן דעם באַרימטן מדקדק דוד קמחי און דעם ביאוריסט יואל בריל. אין אַ יאָר אַרום פאַרעפנטלעכט לעוויזאָן זיין צווייט פילאָלאָגיש ווערק „בית האסף״; באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דאָרט דער לעצטער קאַפּיטל וועגן דער אַנטשטייונג פון דער משנה־שפּראַך. אין פּולן קעגנזאַץ צו יצחק סאַטאַנאָווס מיינונג 3, שטעלט לעוויזאָן אַרויס דעם גרונד־טעזיס, אַז די שפּראַך, אויף וועלכער די משנה איז געשריבן, איז ניט די גערעדטע פאָלקס־שפּראַך פון דער משנה־תּקופה, וואָרעם די ברייטע

1 זע י. קלויזנער, צ. ווו., 233.

2 אין 1809. די דאָזיקע דאַטע קאָן מען פעסטשטעלן אויף דעם סמך, וואָס ביי זיין ערשטער אַרבעט, וועלכע איז געדרוקט אין „המאסף״ אין די זומער־חדשים פון 1810 (ניסן—אָב), איז אונטערגעשטעלט: שלמה לעוויזאָן מפּראַג.

3 זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ערשטער בוך, זיבעטער קאַפּ.

שיכטן פונט באלק האבן דעמאלט גערעדט אראמיש,—נייערט דאס איז א ספעציעל קינסטלעך געשאפענע שפראך פון די געלערנטע, די תנאים, וואס פלעגן זיך מיט איר באנוצן אין זייערע ישיבות און בתי מדרשים. די דאזיקע ארבעט פון דעם יונגן פילאלאג האט אזוי אויסגענומען [1], אז זי איז געווען איבערגעדרוקט אלס אריינפיר צו דער ווינער משניות-אויסגאבע פון 1815 [2].

שוין אין דעם „בית האסף", דארט ווו לעוויזאן רעדט וועגן „תמונות המליצה" (פאעטישע פיגורן) [3], באמערקט זיך, אז מיר האבן פאר זיך ניט קיין טרוקענעם מדקדק, נאר א שפראך-פארשער מיט א פאעטישן חוש. אין קארגע צוויי יאר ארום, ווען ברוך ייטעלס [4], מיט וועלכן לעוויזאן איז געווען באפריינדעט, איז געשטארבן (דעקאבר 1813), האט דער יונגער געלערנטער באקלאגט דעם פריצייטיקן טויט פון זיין פריינד און מעצענאט אין א שיינער עלעגיע „שיר מספד" [5], אין וועלכער עס פילט זיך אן אמתער דיכטער. אין א יאר ארום (1815) פארלאזט לעוויזאן פראג און באזעצט זיך אין ווין. ווו ער פארנעמט די שטעלע פון דעם הויפט-קארעקטאר אין אנטאן שמידס באוווסטער העברעישער דרוקעריי. אין דעם זעלבן יאר פארענדיקט לעוויזאן זיין מייסטער-ווערק „מליצת ישורון" — וועגן דעם גייסט און פארם פון דער

---

1 דער יונגער שמואל-דוד לוצאטו שרייבט אין 1820 צו י. ש. רעגזשיו מיט באגייסטערונג: „למן היום אשר ראיתי ס' „מחקרי ארץ" לרשב״ל (רבי שלמה בן לוי) יקר האיש הזה בעיני. וכראותי הדבר אשר העתיק שמה מספרו „בית האוסף" בענין הא הידיעה בקצת השמות הפרטיים, גדלה עוד מעלתו בעיני, ונכסוף נכספתי לראות הספר הזה, ואחרי ימים כאשר אנה ד' לידי ספרו „מליצת ישורון" הוסיפו לחבבו הרבה מאוד, וכאשר ראיתי הדברים אשר העתיק גם בזה מספרו „בית האוסף" וכראותי אותו מזכיר שיחתו בעולם הנשמות כלתה נפשי לראות שני ספריו אלה כאיל תערוג על אפיקי מים, ועתה מה אשלם לך ידידי על כל החסד אשר עשית עבדי לרוות צמאוני, כי באמת מצאתי בהם דברים טובים ונחומים — מצאתי? לא כן, כי מראשם לסופם כלם מלאים חדשות נחמדות תערבנה לחכי מנופת צופים, והיום ידעתי כי יש מבלעדי גואל ללשון הקודש... מי יתנני כאח (אגרות שד״ל, נומ' 22).

2 אין עטלעכע און דרייסיק יאר ארום האט אדם הכהן לעבענזאן צוזאמען מיט יהודה ביהק איבערגעדרוקט אונטערן טיטול „מחקרי לשון" לעוויזאנס ביידע ארבעטן מיט פיל הערות.

3 מחקרי לשון, 53—66.

4 זע אונזער חערק, ב' VII, ערשטער בוך, ז' 130—131.

5 די עלעגיע איז ניט פארעפנטלעכט, נאר גרעסערע אויסצוגן פון איר געפינען זיך אין „מליצת ישורון", 1816, דף כ״ד, עמ' ב, נ״ג, עמ' א, ס״ב, עמ' א און פ', עמ' ב'.

אלט-העברעיִשער פאעזיע (פארעפנטלעכט אין ווין אין 1816, איבער-געדרוקט אין 1831).

אין פערטן באנד פון אונזער ווערק (ז' 56—59) האבן מיר אנגעוויזן, ווי מיסר ליאון אוים מאנטוא איז, אלס קינד פון דער רענעסאנס-תקופה און פארערער פון ציצערא און קווינטיליאן, געווען דער ערשטער יידישער פארשער, וואס האט געהאט דעם מוט צו באטראכטן די ביבל ניט בלויז אלס „כתבי הקודש", אלס געטלעך און הייליק ווערק, נאר אויך אלס איינע פון די מערקווירדיקסטע ליטעראַרישע דענקמעלער, אלס זאמל-בוך פון העכסטע קונסט-דערגרייכונגען. ער פלייסט זיך צו דערווייזן אין זיין „נופת צופים", אז אויף דעם געביט פון שיינעם סטיל און פאטעטישער רעדנער-קונסט דארפן אנערקענט ווערן אלס די גרעסטע מייסטער די נביאים און די ביבלישע געשיכטע-שרייבער. אונטערגעגאנגען זיינען די שטראלן פון דער רענעסאנס-תקופה — עס האבן זיי דערשטיקט די בליי-שווערע וואלקן פון רעליגיעזער און פאליטישער רעאקציע. גרינדלעך פארגעסן איז געווארן דער „נופת צופים" און זיין באשעפער מיסר ליאון מיט זיין באגייסטערונג פאר אנטיקע רעטאריק און רעדנער-קונסט. איינגעטונקט אין מיסטיק און אין „רזי דרזין" איז געווען די ביבל-עקזעגעטיק, און קונציק האבן די באשעפער פון חסידות געזוכט און געפונען זייערע באליבטע געדאנקען און אנטפלעקונגען אין די פארשיידנסטע פסוקים פון דער ביבל. און ווי מיסר ליאון בשעתו, איז איצט געקומען דער אייראפעיִש-געבילדעטער 25-יאריקער שלמה לעווינזאן און געפרווט אויף אייגענעם חשבון אויפצופירן דאס, וואס ס'איז ניט געלונגען דעם בעל „נופת צופים". שוין ניט ציצערא און קווינטיליאן פון דער אנטיקער רויכער-וועלט זיינען געווען לעווינזאנס לערער און וועג-ווייזער, נאר דער גייסטרייכער הערדער מיט זיין קלאסישן ווערק „פאם גייסטע דער העברעיִשען פאעזיע" [1]. און נאך איין וויכטיקער אונטערשייד: מיסר ליאון איז פילאלאג און רעטאריקער, לעווינזאן איז אויך פילאלאג, אבער קודם-כל — דיכטער. בעת גרעץ דערמאנט די השפעה, וואס הערדערס ווערק האט געהאט אויף לעווינזאנען, באמערקט ער גאנץ ריכטיק: „די שיינקייט און זיסקייט פון דער העברעיִשער פאעזיע, איר דערהייבנקייט און פשטות האט לעווינזאן נאך טיפער געפילט ווי הערדער, ווייל זי איז אים געווען נאך נעענטער און אייגענער" [2]. מיסר ליאון האט געשאפן א רעטאריש ווערק מיט

1 צום ערשטן ווערשיגען אין דעסוי אין 1782—1783.

2 ציט. ווו, 411.

א שווערער מליצישער שפראך, לעוויזאן אבער — א פארשונג וועגן די געזעצן און פארמען פון דער אלטער העברעישער פאעזיע, וואס איז אליין אן אמת קונסט־ווערק, באשיינט מיט די שטראלן פון עכטער דיכטע־רישער באגייסטערונג, פון אמת פאעטישן גלאנץ. פראכטפול איז דער ארייגפיר צו „מליצת ישורון". מיר האבן אויבן אנגעוויזן [1], ווי די בעלי „המאספים" האבן געשטרעבט צו אנטפלעקן פאר דער אייראפעישער וועלט די שיינקייטן פון דער ביבל־שפראך. שלמה לעוויזאן האט געפרווווט פאר דער יידישער וועלט אויף דער ביבל־שפראך באזינגען אין גלענצנ־דיקע סטראפן די שיינקייט. אין דעם קלאסישן ביבל־בוך „משלי" דערקלערט די חכמה, אז זי איז דער גרונדשטיין פון דער וועלט, — דער יונגער ביבל־פארשער דערקלערט די שיינקייט פארן לעבנס־אטעם פון דער וועלט. אין פרייע, מיט גראמען ניט געבונדענע בילדער־רייכע סטראפען [2] זינגט דער יונגער דיכטער זיין באגייסטערטן הימן דער שיינקייט און איר ווונדערבארער טאכטער — דער פאעזיע. אלע עקן פונם וועלטאל זיינען איבערפולט מיט די טענער פון דער דאזיקער צארטער „שיינהייטס־טאכטער" (בת היופי)! אין יעדן ציטער פון דעם מענטשנס נשמה הערן זיך אירע ריטמישע קלאנגען, זי איז די פרייד און טרייסט פון אלע מענטשן־הערצער; אין דער שטילקייט פון דער נאכט, אין די ציטערדיקע לבנה־שטראלן, אינם געהײַל פונם שטורעמווינט, אינם מעכטיקן אימפעט פון די צארנדיקע ים־כוואליעס, אין דעם ריזיקן געשמעטער פון די נידערפאלנדיקע אייז־בערג, אינם צניעותדיקן געמורמל פון דעם פארבארגענעם קוואל, אינם צאפל פון דער אין זונען־שטראלן געטובלטער בלום — איבעראל הערט זיך איר מעלאדיע, שפירט זיך איר לעבנס־אטעם...

און דער פארפאסער שטעלט זיך די אויפגאבע אויפצודעקן אין זיין „מליצת ישורון" דער „שיינהייטס־טאכטערס" ווונדערבארע אוצרות, וואס זיינען אנגעזאמלט אין „ספר הספרים" — אין די ביבל־ביכער. אין פאעטישער בילדעררייכער שפראך פרווווט ער באקענען דעם יידישן לייענער מיט די פאעטישע פארמען, דערקלערן דעם באדייט פון די פארשיידענע טעכנישע אויסדריקן [3]; און דאס אלץ אילוסטרירט לעוויזאן אויפן געלונגנסטן אופן מיט צאלרייכע ציטאטן אויס דער ביבל. ער באנוגנט זיך אבער ניט בלויז מיט ציטאטן, ער נעמט אויך

---

1 זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ערשטער בוך, ז׳ 98.

2 אלס מוסטער דינט לעוויזאנען לוצאטוס פאעטישער ארײַנפיר צו „לישרים תהלה".

3 ווי, צום בײַשפיל: מעטאפאר, איראניע, אלעגאריע, היפערבאל, אנטי־טעזיס, פערזאניפיקאציע, טראפ׳ס, היפאטיפאזע און פיל אנדערע.

גאַנצע לידער, ווי דאָס אוראַלטע דבורה-ליד און אויך דעם „אז ישיר"-געזאַנג, צעגלידערט עס לויט זיינע פּאָעטישע גרונדטיילן. נים אַלס לויב און שבח דעם באַשעפער פאַר זיינע גרויסע נסים אינטערעסירט דעם פאַרפאַסער משהס געזאַנג, נאָר אויסשליסלעך אַלס פּאָעטיש ווערק, אַלס אוצר פון געלונגענע מעטאַפאָרן און בילדער. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער מיטן „שיר השירים", אין וועלכן אַלע מפרשים האָבן געזוכט די טיפסטע מיסטישע סודות. לעוויזאָן באַטראַכט דעם „שיר השירים" אויסשליסלעך אַלס פּאָעטיש ווערק, אַלס אומפאַרגלייכלעכן ליבע-ראָמאַן [1], און דערקלערט, אַז דאָס ליד „על משכבי בלילות" (שיר השירים, קאַפּ' 3) איז איינס פון די שענסטע ליבע-לידער, וואָס די וועלט-ליטעראַטור פאַרמאָגט [2]. און בכדי נאָך שאַרפער אָנצווייזן, אַז ער באַטראַכט די ביבל אויסשליסלעך אַלס ליטעראַריש ווערק פון אומפאַרגלייכלעכן פּאָעטישן ווערט, ברענגט לעוויזאָן צוזאַמען מיט ביבל-ציטאַטן אויך מוסטערן פון פאַרשיידענע העברעיִשע און אפילו אייראָפּעיִשע דיכטער, ווי האָראַץ און שעקספּיר.

נאָך אויף איין פּרט איז זיך כדאי אָפּצושטעלן. די מאָדערנע שפּראַכפאָרשונג ווייזט אָן, אַז פיל פון די אַזוי גערופענע מעטאַפאָרעס און פּאָעטישע אויסדרוקן זיינען פריער, מיט פיל דורות צוריק, כלל קיין מעטאַפאָרן ניט געווען, נאָר באַטראַכט געוואָרן לויט די השגות פון די דעמאָלטדיקע מענטשן אַלסווירקלעכע דערשיינונגען. ווען, אַשטייגער, אין תהלים (קאַפּ' 18) ווערט געשילדערט, ווי גאָט טוט דונערן פון הימל, „ועליון יִתֵּן קולו... וישלח חִציו ויפיצם" — איז דאָס ביים תהלים-דיכטער ניט מער, ווי אַ פּאָעטישע מעטאַפאָרע. עס איז אָבער אויסער ספק, אַז מיט פיל דורות צוריק האָט דאָס פאָלק טאַקע געגלויבט אין דעם גאָט מיטן נאָמען „עֶליון", וואָס שרייט און שלײדערט זיינע פיילן אין גרויס גרימצאָרן. דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל מיט אַזעלכע אויס-דריקן, ווי „מן החדר סופה" (איוב ל"ז) „ויֵדֶא על כנפי רוח" (תהלים, י"ח) אָדער „מוצא רוח מאוצרותיו" (תהלים, קל"ז). געוויס האָבן אין די קדמונישע דורות די מענטשן טאַקע זיך פאָרגעשטעלט, אַז ד'ער שטורעם-ווינט איז ביי די געטער באַהאַלטן אין זייערע שאַצקאַמערס (באוצרותיו) אין ספּעציעלע חדרים, און אַז דער ווינד טראָגט זיך טאַקע אויף אמתע

---

1 לעוויזאָנען האָט דערביי בלי ספק געדינט אַלס מוסטער הערדער, מיט זיין ווערק „לידער דער ליבע" (1778); אויך דאָרט ווערט אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף דעם „שיר השירים" באַטראַכטן אויסשליסלעך אַלס ליבע-דיכטונג, און מען האָט דאָרט ניט צו זוכן קיין מיסטישע רמזים.

2 מליצת ישורון, 37 (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אויסגאַבע).

פליגל. דאָס אַלץ איז געווען אינם באַוווסטזיין פון יענע מענטשן אַלס רעאַלער פאַקט. מיט דורות שפּעטער האָבן זיך די באַגריפן געענדערט, געוויסע גלויבונגען זיינען אָפּגעשטאָרבן, די אַלטע אויסדרוקן זיינען אָבער געבליבן, נאָר שוין בלויז אַלס מעטאַפאָרן, אַלס בילדער און פּאָעטישע פאַרגלייכונגען. אין לעוויזאָנס צייטן האָבן נאָך די שפּראַך־פאָרשער ווייניק געוווּסט וועגן די גלגולים, וואָס דאָס וואָרטבילד מאַכט דורך אין דער מענטשן־געשיכטע, דאָך האָט לעוויזאָן מיט זיין פיינעם חוש פאַרשטאַנען אָנצואווייזן אויף דעם רעאַל־היסטאָרישן מהות פון פיל מעטאַפאָרן און פּאָעטישע בילדער. ווען אין משלי (קאַפּ׳ 7) ווערט דערמאָנט: „דרכי שאול ביתה, יורדות אל חדרי מות", אָדער אַז ישעיה רופט אויס צו שבנא׳ן: „מה לך פה? ומי לך פה? כי חצבת לך פה קבר? חוצבי מרום קברו! חוקקי בסלע משכן לו", — ווייזט דערביי לעוויזאָן אָן [1], אַז די „גדולי העם", די רייכע און אָנגעזעענע פלעגן אין די ביבלישע צייטן אויסהאַקן אין די שטיינערנע בערג ספּעציעלע שיין־באַצירטע היילן, וווּ מען פלעגט דאָרט באַהאַלטן די טויטע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. צו דער ציטאַטע פון ישעיה הנביא (קאַפּ׳ 2): „ובאו במערות צורים ובמחִלות עפר מפני פחד ד׳ ומהדר גאונו!" — מאַכט לעוויזאָן אַזאַ באַמערקונג: „דאַרפסט דאָך וויסן, אַז דאָס לאַנד יהודה און זיין אומגעגנט איז לויטער בערג און שטיינערנע שפּיצן. אין זיי געפינען זיך לאַנגע און טיפע היילן, וואָס שיצן די מענטשן פאַר דער גלַיִענדיקער זון, און אין אַ עת צרה פלעגן זיך אין די דאָזיקע היילן באַהאַלטן די איינוווינער פאַרן פיינד, ווי דאָס איז, אַשטייגער, געווען בשעת די מלחמות, וואָס די יידן האָבן געפירט מיט די פלשתים אָדער ווען דוד האָט זיך באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן פאַר שאולן" [2].

„ס׳איז כדאי דיך אויפמערקזאַם צו מאַכן, ליבער לייענער, — ווייזט לעוויזאָן אָן [3],— אַז דו ביסט נישט אימשטאַנד ריכטיק צו פילן און באַגרייפן די גאַנצע קראַפט און פּאָעטישע שיינקייט פון פיל בילדער אין דער ביבל, ווי באַלד דו האָסט פאָרויס ניט גרינדלעך אויסגעפאָרשט די נאַטור און דעם כאַראַקטער פונם לאַנד כנען און פון זיין אומגעגנט, די מנהגים און מידות פון די מענטשן ביי די אָריענטאַלישע פעלקער. וואָרעם מען באַגעגנט אין דער ביבל אַ סך מעטאַפאָרן און פאַרגלייכונגען,

---

1 מליצת ישורון, 83.

2 דאָרטן, 97.

3 דאָרטן, 30.

וואס זיינען געקומען צדער פון זאכן און געגנשטאנדן, וואס געפינען זיך אין דעם פון אונזער לעבנס־שטייגער אזוי שטארק דערוויטערטן לאנד, ארער פון די מנהגים און מידות פון דעם אריענטאלישן. מענטשן, וואס זיינען אזוי פארשיידן פון דעם סדר־לעבן, וואס מיר זעען ביי די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן".

און לעוויזאן האט זיך טאקע געשטעלט די אויפגאבע צו געבן דעם יידישן לייענער די דאזיקע נייטיקע ידיעות און שוין אין הארבסט 1817 האט ער פארענדיקט זיין ביבל־געאגראפיע „מחקרי ארץ" [1], וואס האט געהאט גרויס דערפאלג. אין צוויי יאר ארום נאכדעם, ווי דער „מחקרי ארץ" איז פון דרוק ארויס, איז ער אויך דערשינען אין א דייטשער איבערזעצונג [2], און אין 1839 האט יעקב בן שלמה קאפלאן אוים מינסק איבערגעדרוקט אין ווילנע מיט פיל דערגאנצונגען און הערות לעוויזאנס ווערק אונטער דעם געענדערטן נאמען „ארץ קדומים". אין א יאר ארום נאך דעם, ווי ס'איז דערשינען דער „מחקרי ארץ", האט לע־וויזאן פארעפנטלעכט זיין דייטש ווערק „פארלעזונגען איבער די נויערע געשיכטע דער יודען". אונטער „נויערע געשיכטע" פארשטייט לעוויזאן די תקופה פון נאכן חורבן ירושלים דורך טיטוסעס לעגיאנען ביז דער לעצטער צייט. דער געשיכטספארשער גרעץ רופט זיך אפ זייער ווארעם וועגן דעם דאזיקן ווערק פונם יונגן פארשער [3]. ער האלט דערביי פאר נייטיק ספעציעל אנצווייזן, אז בעת אין יענער צייט האט עס געהערט צום גוטן טאן, יעדער יידישער אויפקלערער, וואס האט דייטש געשריבן, זאל אפשפאטן פונם תלמוד, רעדט לעוויזאן מיט גרויס רעספעקט וועגן דעם דאזיקן ריזיקן דענקמאל פון יידישער קולטור [4].

דער ערשטער באנד לעוויזאנס געשיכטע איז אויך אלס לעצטער פארבליבן. באלד נאך זיין דערשיינען איז דער פארפאסער פון אן אומ־גליקלעכער ליבע גייסטיק־קראנק געווארן. זיינע פריינד האבן דעם קראנקן שריפטשטעלער אין זיין געבורטס־היים געבראכט און דארט איז ער אין

1 פארעפנטלעכט אין ווין, 1819.

2 ביבלישע געאגראפיע מיט איינער קארטע דעס שאופלאצעס דער ביבל, ווין 1821. (זע צונץ, געזאמעלטע שריפטען, I, 198).

3 ציט. ווו., 411.

4 גרעץ ציטירט דערביי פאלגנדיקע שטעלע פון לעוויזאנס געשיכטע: „דער תלמוד איין ריזענבוי, דעס שארפזינס אונד וויסצעס, אונערמעסליך... וויע די פיראמידע צו סאיס... ווירד אין דען שפעטעסטען צייטאלטערן נאך די בליקע געלערהטער פאר־שער אויף זיך ציען, דיע שטאונענד נאכזינגען ווערדען איבער די וועזענהייט דעס פאלקעס אויס דעססען מיטטע איין זאלכער בוי הערפארגעגאנגען".

אייניקע חדשים אַרום אויפֿן צוויי און דרייסיקסטן יאָר פֿון זיין לעבן גע־שטאָרבן [1]. ס׳איז שווער אָפּצושאַצן דעם פֿאַרלוסט, וואָס די יונגע העברעיִשע ליטעראַטור האָט דורך דעם דאָזיקן פּריצייטיקן טויט געליטן...

אריכת ימים האָט געהאַט דער צווייטער דיכטער, וועלכן מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט — שלום כהן.

שלום בן יעקב כהן איז געבאָרן אין מעזעריטש (פּאָזנער געגנט) אין דעצעמבער 1772 [2]. וועגן זיין דערציִונג, ווי אויך בכלל וועגן זיינע יונגע יאָרן, זיינען קיין שום פּרטים ניט באַקאַנט. לעטערים און נאָך אים קלויזנער און אַנדערע ווייזן אָן, אַז שלום הכהן האָט צו 17 יאָר פֿאַרלאָזן פּוילן און געלאָזט זיך קיין בערלין. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק; פּאַק־טיש איז ער קיין בערלין געקומען מיט גאַנצע צען יאָר שפּעטער, ערשט זומער 1799. דערויף זאָגט עדות שלום כהן אַליין. צום סוף פֿון דער הקדמה צו זיין ערשטן ווערק „משלי אגור״ געפֿינט זיך די באַמערקונג: מעזריטש, יום ג׳ ט׳ אייר ה׳ תקנ״ט. און דער בריוו, וואָס כהן האָט אין דריי מאָנאַט אַרום (י״ז מנחם אב תקנ״ט) געשריבן צו יצחק אייכל, פֿאַנגט זיך אָן מיט דער מעלדונג: „מארץ מולדתי אל עיר החכמה הזאת הנה באתי במגלת ספר כתובות עליה מליצות עברית ראשית פרי מחשבותי״. מיר זעען בכן, אַז ער איז אין 1799 אַקערשט געקומען פֿון זיין געבורטלאַנד קיין בערלין. ווי עס שיינט, איז דער יונגער שלום כהן שוין אין זיין געבורט־שטאָט „נתפקר״ געוואָרן, דאַרט זיך באַקענט מיט דער בערלינער השכלה, געלערנט די דייטשע שפּראַך און געוואָרן אַ הייסער פֿאַרערער פֿון די „המאספים״. ווי מיר ווייסן שוין אויס זיין אָקערשט ציטירטן בריוו, איז שלום כהן געקומען קיין בערלין מיטן פֿאַר־טיקן מאַנוסקריפּט פֿון זיין ערשטן ווערק. דאָס איז אַ פֿאַבל־זאַמלונג „משלי אגור״ [3] אין פֿערזן, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט, ווי ער מעלדעט אין דער פֿאָררעדע, „פֿון די יידישע קינדער וועגן, כדי זיי זאָלן זיך גע־

---

1 אַפּריל, 1821.

2 עס איז קלאָר, אַז שלום ממעזריטש, וואָס ווערט דערמאָנט ביי מענדעלס־זאָגען אין „אור לנתובה״ אַלס אָנטיילנעמער אין זיין תורה־אויסגאַבע, איז אַ גאַנץ אַנדערע פּערזאָן. דערויף מאַכט אויך אויפֿמערקזאַם שלום כהנס ביאָגראַף מאיר הלוי לעטעריס אין זיין פֿאָררעדע צו „עמל ותרצה״.

3 דערשינען בלויז דער ערשטער טייל (בערלין, 1799), אין וועלכן עס זיינען געדרוקט 20 טאַבעלן. דער צווייטער טייל איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט. בלויז אייניקע טאַבעלן פֿון דעם דאָזיקן טייל האָט ער מיט פֿיל יאָרן שפּעטער פֿאַרעפֿנט־לעכט אין „בכורי העתים״.

װײַנען צו אַ לײַכטער און קלאָרער שפּראַך״. פאַר די קינדער אָבער, װאָס פאַרשטײען שױן נים די העברעיִשע שפּראַך, גיט ער נעבן דעם העברעיִשן טעקסט אַ דײַטשע פּראָזע־איבערזעצונג. דער „משלי אגור״ איז אַ װײניק געלונגען װערק; די שפּראַך איז טאַקע „לײַכט און קלאָר״, אָבער מאָנאָטאָן און פאַרבלאָזן; די פערזן — אָן געהעריקן קלאַנג, די מוסר־השכּלם — צעשװוּמען און קלײנלעך בעל־הבתיש. בלױז אױף אײן פאַבל איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן; זי איז געבױט אױפן באַקאַנטן סוזשעט װעגן די זשאַבעס, װאָס עס האָט זיך זײ פאַרװאָלט אַ מלך. שלום כּהן, װאָס האָט, װי פיל אַנדערע פּאַטריאָטיש־געשטימטע משׂכּילים, אין ספּעציעלע ליבע־געזאַנגען באַזונגען מלכים און שׂרים, דערצײלט אין זײַן פאַבל, װאָס פאַר אַ שװערן עונש די זשאַבעס האָבן באַקומען דערפאַר, װאָס זײ האָבן מיט זײערע אײגענע פיס זײער גליק און פרײהײט צעטראָטן; בעת זײ האָבן רױִק און גליקלעך געלעבט „אָן אַ שוטר און אָן אַ מושל״, איז זײ פּלוצלינג אױס גדלות אײַנגעפאַלן: „שום נשים עלינו מלך״. דער אױסדערװײלטער מלך איז געװען אָן אמתע שלאַנג; געיאָמערט האָבן זײ אין זײער גרױסער נױט, נאָר קײנער האָט זײ שױן נים געקאָנט העלפן. האָבן זײ שטאַרק חרטה געקראָגן, און מיט אַ פאַרװײטאָגטן האַרצן זיך על־חטא געשלאָגן: „װי װױל, װי רױִק מיר האָבן געלעבט, װען מיר זײַנען פרײַ געװען; מיר האָבן אָבער נים פאַרשטאַנען, װי גוט ס'איז אונז, עס האָט זיך אונז אַ מלך פאַרגלוסט — לײַדן מיר פאַר אונזער נאַרישקײט״.

מער דערפאָלג האָט געהאַט שלום כּהנס צװײט װערק „מטעי קדם על אדמת צפון״, װאָס איז דערשינען אױך מיט אַ דײַטשער איבער־זעצונג אין 1806.

מיר האָבן שױן פריער אָנגעװיזן [1] אױף דער אומדירעקטער השפּעה פון רוסאָס אידעען, װאָס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין דער פריער השׂכּלה־ליטעראַטור. צוריק צו דער נאַטור, צו פּראָדוק־טיװער ערדאַרבעט איז געװען פון די פּאָפּולערסטע לאָזונגען, און דאָרף־און הירטן־אידיליעס האָבן געהערט צום באַליבטסטן זשאַנר בײַם דור „המאספים״. דער דאָזיקער מאָטיװ קלינגט אױך אין טראַפּלאָװיצעס ביבל־דראַמע „מלוכת שאול״. דער יונגער דוד האָט מורא, טאָמער װעט ער שפּעטער, װען ער װעט די העכסטע שטופן פון גליק באַטרעטן:

אולי אשכּח אז כּי האכּר הפולח
הבוקע בארץ הוא אדם כּמוני...
כּמוני? הוי, אך טוב הוא אז יותר ממני.

---

1 זע אונזער װערק, ב' VII, ערשטער בוך, אָנפאַנג פינפטן קאַפּיטל.

און ער זאָגט ווייטער ארויס זיין פעסטע איבערצייגונג, אז נאָר די ערדאַרבעטער.

הם ימצאו נחת, אך הם מרגוע ימצאו
ולאל יוצרם ממעמקי לבם יקראו.

אָט די טענדענץ פירט אויך דורך שלום כהן אין זיינע ביבלישע פּאָעמעס, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין „מטעי קדם". באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז די ערשטע פּאָעמע „הצלת אברם באור כשדים". ניט דער אין זיין פּאַטאָס מיט טראַגישער גרייס איבערפולטער קאַמפּאָזיטאָר, וואָס שטייט־אויף מיט דער האַק אין דער האַנט קעגן די אָפּגעלעבטע געטער פון די אבות, אימפּאָנירט דעם דיכטער, אים אינטערעסירט דער עיקר דער אידילישער מאָמענט. און ער שילדערט אין שיינע סטראָפן, ווי דער פּאַסטעך, תרחס זון, טוט מיט זיינע טשערעדעס רוען אויפן שויס פון דער פּראַכטפולער נאַטור. די אידילישע מאָטיוון קלינגען נאָך שטאַרקער אין דער צווייטער פּאָעמע „מזמורים חדשים", וואָס איז געווידמעט דעם העלדן־קיניג דוד בן ישי. דער פיל געפּרוּווטער מלך געזעגנט זיך מיטן גרייזן דאָרפסמאַן ברזילי, און ער פאַרזיכערט אים, דעם דאָרפסמאַן, אז יענער איז מיט זיין קליינעם שטיק פעלד און מיט בלומען באַצירטן גאָרטן פיל גליקלעכער, ווי דער קיניג אין זיינע פּאַלאַצן:

אשריך, ברזלי, מנגידים תעשר,
ממלך בהיכלו יקרה, שפרה נחלתך.

מיט תהלות ותשבחות ווערן אויך באַקריינט דער גערטנער און דער פעלדאַרבעטער אין דעם דריטן טייל פון „מטעי קדם", אין דער צוויי־אַקטיקער דראַמע „מעשי נבות היזרעאלי".

דער „מטעי קדם" האָט געשאַפן דעם דיכטער אַ ברייטן נאָמען. דער אַלטער נפתלי הירץ וויזל האָט אין אים זיין יורש געזען; בעת וויזל האָט געזאָלט אריבערפאָרן פון בערלין קיין האַמבורג, האָבן זיינע פאַרערער ארויסגעזאָגט זייער באַדויערן, וואָס דער שטאָלץ פון דער העברעישער ליטעראַטור טוט בערלין פאַרלאָזן. האָט זיי דערביי דער אַלטער דיכטער געטריסט: „איר דאַרפט ניט זאָרגן, ביי אייך בלייבט דאָך שלום כהן, ער וועט דער ביבל־שפּראַך אומקערן איר אַמאָליקן גלאַנץ און פּראַכט"[1]. שלום כהן האָט זיך אָבער ניט געוואָלט

---

1 זע: „כתב יושר", 1820, 95—96.

באגניגן מיט פאעטישן שאפן; ער האט געחלומט וועגן שאפן א טריבונע פארן העברעישן ווארט, אויפלעבן דעם „המאסף", וואס האט פאר אים געגאלטן אלס העכסטער אידעאל. גלייך, ווי ער איז געקומען פון זיין געבורטלאנד קיין בערלין, האט ער זיך געווענדעט מיט א בריוו צום געוועזענעם רעדאקטאר פונם „המאסף", יצחק אייכל, יענער זאל די אונטערגעגאנגענע צייטשריפט ווידער אויפלעבן, און ער, שלום כהן, זאגט צו, אז ער וועט אלע זיינע קרעפטן אנשטרענגען, וואס מער צו פארשפרייטן דעם „המאסף" און אים צו שאפן די נייטיקע צאל אבאנענטן. אייכלס יאוש-פולער ענטפער [1] האט איבערצייגט דעם ענטוזיאסטישן דיכטער, אז ער דארף זיך אויף אנדערע ניט פארלאזן און מוז פרווון מיט אייגענע כוחות אויפלעבן די געליבטע צייטשריפט. עס האבן אים אבער געפעלט די נייטיקע מאטעריעלע מעגלעכקייטן, און ערשט אין 1808 איז ער געווען אימשטאנד מודיע צו זיין דעם יידישן לייענער-פובליקום, אז אין 1809 פאנגט אין בערלין אויפסניי אן ארויסצוגיין דער „המאסף". שלום כהן טראכט ניט וועגן א נייעם פראגראם, וועגן נייע אויפגאבן, — ער האט דאך אין דעם פריערדיקן „המאסף" די העכסטע שטופע פון שלימות געזען. עס פעלט בלויז אינם באנייטן זשורנאל, אראנק דעם רויקן און אביסל סענטימענטאלן כאראקטער פון זיין רעדאקטאר, דער שארף פאלעמישער און קעמפערישער טאן פונם זיבעטן באנד „המאסף". אינם איבעריקן — איז אלץ ווי פריער: פירושים אויף פארשיידענע פסוקים אוים דער ביבל, אידיליעס-איבערזעצונגען פון העסנער, קלייסט און אנדערע, שוואכע ארטיקלען וועגן אלגעמיינער און יידישער געשיכטע און אסך וואסערדיקע שירים. ווי די פריערדיקע רעדאקטארן פונם „המאסף", זינגט אויך שלום כהן וויין-לידער [2]. פון אלע לידער און פאעמעס, וואס זיינען אפגעדרוקט אינם „המאסף", באמערקן זיך סימנים פון באגאבונג בלויז אין גבריאל בערגערס אוים פראג דראמאטישער פאעמע „משה וצפורה" (המאסף, תק"ע—תקע"א) און אין דוב-בער גינצבורגס ראמאנצע „שם בארץ הגליל" (דארטן, ניסן תק"ע) [3]. דער „המאסף" האט קיין אריכת ימים ניט געהאט. אין בערלין איז ער ארויסגעגאנגען בלויז דאס ערשטע יאר, דערנאך (אין 1810) האט ער איבערגעוואנדערט קיין אלטאנע, אין א האלב יאר ארום — קיין דעסוי, דארטן אין משך פון העכער אנדערטהאלבן יאר

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערסטער בוך, ז' 170—171.

2 זע זיין „שיר הגפן" (אייר תק"ע).

3 דוב-בער גינצבורג איז געבארן אין בראד 1776, געשטארבן דארטן 1811 (זע וועגן אים: בכורי העתים, תקפ"ב, 157—158).

זיינען פיר העפטן דערשינען (פיר „תקופות״) און דערמיט איז דער „מאסף״ אויף שטענדיק אנטשוויגן געווארן. צום סוף פונם לעצטן העפט איז אין אריגינאל איבערגעדרוקט דער דעקרעט פונם 11 מערץ 1812 וועגן גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין פרייסן און אין די ריינישע פראווינצן. עס קלינגט, ווי א געוויסער סימבאל, וואס צוזאמען מיט דעם דעקרעט וועגן גלייכבארעכטיקונג פארלירט די העברעישע ליטעראטור איר לעצטע טריבונע אין דייטשלאנד...

באלד נאך דעם אונטערגאנג פונם „המאסף״ פארעפנטלעכט שלום כהן זיין אלעגארישע דראמע „עמל ותרצה״ (1812). דאס ווערק איז נים נאר געשריבן לויט דעם מוסטער פון „לישרים תהלה״, נייערט אויך בנוגע דעם סוושעט איז עס א המשך פון לוצאטוס ווערק. „עס איז אלס איינען צווייטען טייל דעסזעלבען צו בעטראכטען״,—דערקלערט דער פארפאסער גופא 1, און מיט רעכט ווייזט שלום כהן דערביי אן, אז אין זיין „עמל ותרצה״ ווערט דורכגעפירט „איינע אנדערע מאראלישע טענדענץ: דאס פערדינסט זאל נעמליך ניכט בלאס געלאבט, זאנדערן עס זאל אויך בעלאהנט ווערדען״. ווי אין „מטעי קדם״ פילט זיך אויך אין „עמל ותרצה״ די ראמאנטישע ליבע צו ערד-ארבעט. די ערשטע סצענע שטעלט פאר דעם ערד-ארבעטער, עמל, ווי ער שפאנט מיטן זאמענקויש איבערן פעלד, ווארפט מיט פולער האנט די זערנעס אין די צעאקערטע ערד-פאכן און זינגט דערביי א לויב-ליד דער ערד „דער מוטער פון אלץ וואס לעבט״. „עמל ותרצה״ איז אבער נים קיין אידיליע; דאס אינטערעסאנטסטע אין דעם ווערק באשטייט אין דעם, וואס עס לאזן זיך דארטן הערן סאציאלע מאטיוון. דער העלד פון דער פיעסע, עמל, ארבעט מיטן ביטערן שוויס, נאר זיין גאנצע פראצע פאלט אריין אין די הענט פון דעם בלוטזויגער דעם פראצענטניק, וואס האט מיט פאלשקייט אריינגענארט אין זיין נעץ דעם תמעוואטן ערד-ארבעטער. פאר דעם ארבעטער נעמט זיך אבער אן דער מליץ-יושר—שכל; ער אפעלירט צום העכסטן געריכט, און דער ריכטער און באפעלהאבער פונם לאנד דערקלערט מיט שטאלץ, אז ער זארגט שטענדיק פארן פאלק, באדריקט קיינעם נים מיט שווערע שטייערן; „איך נעם די יוגנט נים פאר סאלדאטן, ווארעם שלום איז ביי מיינע גרענעצן, כ׳פיר נים קיין מלחמות; איך געדענק, אז איך עקזיסטיר פון מיין פאלק וועגן, און נים דאס פאלק פון מיינעט וועגן״ (אני לעמי ולא עמי בעדי נבראו). דער ריכטער נעמט זיך אן פאר עמלן דעם ערד-ארבעטער,

---

1 כתב יושר, 86.

באַשטראָפט דעם בלוט-זויגער דעם פּראַצענטניק; ער זאָרגט אויך דערפאַר, אַז עמל זאָל באַקומען פאַר אַ פּרוי די שיינע תרצה, און באַגלייט דעם גליקלעכן חתן מיט די ווערטער: „אַקער דיין פעלד, און דערנער זיך פון זיינע פּרוכטן; גליקלעך איז דער, וואָס שפּייזט זיך מיט דער מי פון זיינע הענט" [1].

אין 1813 פאַרלאָזט שלום כהן דייטשלאַנד, באַזעצט זיך אויף אַ קורצע צייט אין אַמסטערדאַם, פון דאָרט פאָרט ער איבער קיין לאָנדאָן, פּרוּווט דאָרט גרינדן אַ יידישע שול און פאַרעפנטלעכט דערביי אַ לערנבוך „שרשי אמונה" (1815). אין ענגלאַנד האָט ער אָבער קיין דערפאָלג ניט געהאַט, קערט ער זיך אום צוריק קיין דייטשלאַנד און באַזעצט זיך אין האַמבורג. אין 1820 האָט אים דער ווינער דרוקבאַזיצער, אַנטאָן שמיד, איינגעלאַדן אַלס הויפּט-קאָרעקטאָר אויפן אָרט פונם קראַנק-געוואָרענעם לעטעריס. אין דעם זעלבן יאָר האָט שלום כהן פאַרעפנט-לעכט אין שמידס דרוקעריי זיין העברעיש-דייטשן בריוו-שטעלער אין דריי אָפּטיילונגען „כתב יושר", וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען זייער אָנגענומען און האָט אויסגעהאַלטן איבער צען אויפלאַגעס. די צווייטע אָפּטיילונג פון דעם דאָזיקן בריוו-שטעלער האָט אַ קולטור-היסטאָרישן באַדייט, ווייל עס זיינען דאָרט צונויפגעזאַמלט בריוו און דאָקומענטן פון העברעיִשע שריפטשטעלער אויס דער בערלינער השכלה-תקופה.

אין ווין האָט שלום כהן באַשלאָסן צו מאַכן דעם צווייטן פּרוּוו צו פאַרווירקלעכן זיין הייסן ווונטש, וועגן וועלכן ער האָט געחלומט אַזוי פיל יאָרן — שאַפן אַ טריבונע פאַר דעם העברעיִשן וואָרט. די יידישע קהילה אין ווין איז געווען ניט ווייניקער אַסימילירט ווי די בערלינער, דאָך האָט ווין זיך אונטערשיידט פון בערלין מיט איין זייער וויכטיקן פּרט: זי איז געווען די רעזידענץ-שטאָט פון פיל פּראָווינצן, ווו יידן האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, און די אַסימילאַציע-באַוועגונג האָט דאָרט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע השפעה. שלום כהן האָט געטראַכט ווידער צו באַנייען די אַלטע טריבונע, אויפלעבן זיין יוגנט-ליבע — דעם אַמאָליקן „המאסף". זיין חלום האָט ער טאַקע פאַרווירקלעכט. עס איז אים געלונגען די געוווּנטשענע טריבונע צו שאַפן,—די צייט איז אָבער געווען שטאַרקער פון אים. דער זשורנאַל, וואָס ער האָט געגרינ-דעט, איז קעגן זיין ווילן געווען ניט בלויז אַ קאָפּיע פונם קעניגסבערגער און בערלינער „המאסף"; עס פילן זיך שוין אין אים נייע טענדענצן,

1 נִירָה לְךָ נִיר, זְרַע שָׂדְךָ לְהַמְצִיא אֹכֶל
אַשְׁרֵי מִיגִיעַ כַּפָּיו יִשְׂבַּע לָחֶם.

און ער געהערט שוין פּאַקטיש צו דער ווייטערער תּקופה, וועגן וועלכער עס וועט ערשט זיין די רעדע אינם ווייטערן באַנד.

איידער מיר גייען איבער צו דער דאָזיקער תּקופה, מוזן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די ערשטע השכלה־שפּראָצונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אונטער דער השפּעה פון בערלינער אויפקלערונג אין די מזרח־פּראָווינצן (אין גאַליציע און אינם רוסישן תּחום), ווי אויך אויף די צוזאַמענשטויסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן די קעמפער פאַר אַ נייעם שטייגער לעבן און די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. וועגן דעם אינם ווייטערן קאַפּיטל.

אכטער קאפיטל

מענדל לעפין־סאטאנאוו און זיין ביבל־איבערזעצונג אין יידיש. — דער סטיל פון סאטאנאווס „משלי“־איבערזעצונג. — דער „בעל מליץ“ טוביה גוטמאן־פעדער, זיין פאמפלעט „קול מחצצים“ קעגן סאטאנאווס איבער־זעצונג אויף דער שפראך פון „קעפּסווייבער און דינסטן“. — יעקב־שמואל ביק און זיין וועלטבאנעם. — „ריקצוג דער פראנצאזען“. — חיים־חייקל הורוויץ און זיין „צפנת פענח“. — דער פעדאגאג־הומאניסט און דער משכילישער סוחר. — דער סטיל פון „צפנת פענח“. — די אנאנימע פיעסע „די גענארטע וועלט“. — פאלעמיק אויף צוויי פראנטן.

אין איינעם פון די פריערדיקע קאפּיטלען [1] האבן מיר געזען, ווי אזוי דער „אויפקלערער“ הערץ האמבערג האט געפּרווּווט מיט געוואלד בילדן די גאליציאנער יידן און מאכן זיי פאר אייראפּעער און נוצלעכע בירגער מיט דער הילף פון „נארמאלשולן“ און פון זיינע לערנביכער און קאטעכיזיסן. עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס די יידישע מאסע אין גאליציע האט די אויפקלערערישע ארבעט פון דעם אויבער־אינספּעקטאר און אויך די „נארמאלשולן“, וועלכע האבן זיך געפונען אונטער זיין השגחה, באטראכט בפועל ממש ווי א שמד־גזירה. ניט אלע אויפקלערער זיינען אבער געווען פון האמבערגס שניט. מיר האבן שוין אינם פינפטן באנד פון אונזער ווערק גערעדט [2] וועגן די „אמת־זוכערס“, וואס האבן זיך באוויזן צום סוף 18טן י"ה, ביי וועלכע עס זיינען נאך פעסט און שטארק פארבליבן די ווארצלען, וואס האבן זיי פארבונדן מיט דער סביבה, מיט דער אלטער קולטור פון זייער פאלק, מיט דער ירושה פון זייערע אבות. ניט ארויסצורייסן זיך פון דער היימישער סביבה איז געווען זייער באגער, נאר זי ברייטער מאכן, דורכלופטערן, די פעסט־פארמאכטע לאדנס אויפמאכן, בכדי עס זאל מער ליכט אריינדרינגען, און די טונקעלע שאטנס פארטרייבן... איינער פון די באדייטנדיקסטע צווישן די דאזיקע משכילים איז געווען דער אונז שוין גוט באקאנטער מענדל לעפין [3], וואס האט זיינע עלטערע

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, ז"ז 137—141.

2 דארטן, ז' 293—294.

3 זע אנזער ווערק, ב' V, 324—332.

יאָרן פאַרבראַכט אין בראָד און אין דעם שבֿנותדיקן טאַרנאָפּאָל, און דאָרט באַלד געוואָרן דער צענטראַלפּונקט, אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט צו וויסן און בילדונג. מען דאַרף דערבײַ נעמען אין באַטראַכט, אַז אין די לעצטע יאָרצענטן פון דעם 18טן י״ה האָט בראָד אַלס וויכטיקער האַנדלס־צענטער געשפּילט אַ באַדײַטנדיקערע ראָלע, ווי שקלאָוו אין ליטע. נאָך דער גרויסער שׂרפה אין 1742 האָבן די בראָדער סוחרים באַקומען פונם בראָדער אייגנטימער גראַף פּאָטאָצקי בתור הלוואה אַ מיליאָן פּוילישע גילדן, און דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרבינדן האַנדלס־באַציִונגען מיט דער גאַרער וועלט. „ווען, — דערציילט בער באָלעכאָווער אין זײַנע זכרונות, — די בראָדער סוחרים האָבן באַקומען במזומן די דאָזיקע כּכּומים געלט, האָבן זיי זיך תּיכּף צעזייט איבער אַלע שטעט און לענדער פון אייראָפּע, ווּ נאָר ס׳געפינען זיך גוטע סחורות און האַנדלסלײַט, איבער האַפנס און האַנדלס־צענטרען, און האָבן זיך אַ סך יאָרן פאַרנומען מיט מסחר מיט דער הילף פונם דאָזיקן גרויסן סכום געלט... אויף אַזאַ אופן זײַנען די בראָדער גרויס געוואָרן, זיך געמערט און געשטאַרקט אין אַלע מסחרים פון דער וועלט" [1]. דאָס, וואָס בראָד איז אין 1778 דערקלערט געוואָרן לויט דעם דעקרעט פון יאָזעף דעם צווייטן פאַר אַ פרייער האַנדלס־שטאָט, האָט נאָך מער מיטגעהאָלפן דעם אויפבלי פון די סוחרישע שיכטן [2]. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ לעבהאַפטן האַנדלס־פאַרקער מיט דער אייראָפּעיִשער וועלט, דערהויפּט מיט די גרויסע דײַטשע מערק: לײַפּציג, ברעסלוי, פראַנקפורט אויף דער אָדער, בערלין. בראָד ווערט אַ וויכטיקער טראַנזיט־פּונקט פאַר פאַרשיידענע סחורות, וואָס גייען פון די אייראָפּעיִשע מערב־לענדער ניט בלויז ביז טיף־רוסלאַנד, נאָר אויך ווײַטער אין די מדינות פון פאָדער־אַזיע [3]. אַט דער גרויסער האַנדלס־פאַרקער האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך געשטאַרקט אין די בראָדער סוחרישע קרײַזן דעם אינטערעס צו אַלגעמיינער בילדונג און וועלטלעכער קולטור. מיר ווייסן אויס מ. לעטעריסעס מעמואַרן („זכרון בספר"), אַז פיל אָנגעזעענע

---

1 זכרונות, 64.

2 בעת אין 1764 האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן די צאָל פון 7191 נפשות, האָט זי אין 1779 דערגרייכט ביז קרוב 9000.

3 זע קאַראַבאַקאָס אַרבעט וועגן דעם אָנטייל פון יידן אין אויסלענדישן מסחר אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1911, 205—206, וואו עס ווערט אָנגעוויזן דער מאַרשרוט, וועלכן די אייראָפּעיִשע סחורות האָבן דורכגעמאַכט פון בראָד דורך דרום־רוסלאַנד, ביז זיי האָבן דערגרייכט פּערסיע.

בראָדער סוחרים זיינען געווען אָפטע אַריינגייער אין מענדעלסזאָנס הויז, בעת זיי פלעגן קומען קיין בערלין. ביסלעכווייז ווערט בראָד צום סוף פונם 18 י"ה דער זאַמלפונקט פאַר אַ גאַנצער גרופּע השכלה־פּיאָנערן. דאָרט האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן ישראל זאַמאָשץ, דאָרט האָט געלעבט דער געבילדעטער אַרצט און כּלל־טוער ד"ר אברהם עוזיאל, וואָס האָט שטודירט אין דייטשלאַנד; בראָד איז אויך געווען די היימשטאָט פון די באַוווּסטע משׂכּילים דוב־בער גינצבורג און יעקב־שמואל ביק, אַהין איז אויך געקומען אין די עלטערע יאָרן מענדל סאַטאַנאָוו [1].

באַלד נאָך זיין קומען קיין גאַליציע האָט סאַטאַנאָוו פאַרעפנטלעכט (1808) זיין „חשבון הנפש". דאָ האָט ער אויך געפּרוּווט פאַרווירקלעכן זיין שוין פון לאַנג פאַרטראַכטע אויפקלערערישע אַרבעט. מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן [2], אַז מענדל לעפין האָט פאַרטראַכט אַ גאַנצע ריי פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן פאַרן פאָלק, אַרויסגייענדיק פונם פּרינציפּ, אַז יעדער אויפקלערער „דאַרף אָנשטרענגען אַלע זיינע כּוחות, בכדי צו פאַרשפּרייטן דאָס פון אים צונויפגעזאַמלטע וויסן צווישן די ברייטע שיכטן פונם פאָלק, באַקענען מיט זיי דעם פּשוטן עולם". אין דער פאָררעדע צו זיין „רפואות העם" וויזט ער אָן, אַז ער האָט באַזונדערס זיך געפליסט צו שרייבן אין אַ קלאָרן פּאָפּולערן סטיל, בכדי זיין ווערק „תהיה קלה ונמרצת להבין". ער ווייסט אָבער זייער גוט, אַז די ברייטע שיכטן פון פאָלק פאַרשטייען ניט העברעיִש און וויל מען קולטורעל אויף זיי ווירקן, מוז מען זיך צו זיי ווענדן אויף דער איינציק זיי פאַרשטענדלעכער שפּראַך — אויף פּראָסט יידיש. לעפין שרייבט אַפילו אַ ספּעציעלן דייטשן אויפזאַץ: „פאָן דער וויכטיגקייט דער פאָלקסשריפטען אין יודישער שפּראַך צור קולטור אונד אויפקלערונג יודישער איינוואָהנער אין פּאָהלען" [8]. און נאָך וווינענדיק אין בערלין אין די 80־קער יאָרן פונם 18טן י"ה, בעת ער האָט זיך באַקענט מיט מענדעלסזאָנס תורה־איבערזעצונג אויף ליטעראַריש־דייטש, נעמט לעפין אָן דעם באַשלוס איבערצוזעצן די ביבל אויף פּראָסט יידיש, אין אַ לייכטער פּשוטער שפּראַך, כּדי זי זאָל זיין „קלה ונמרצת להבין". ווײַנלעז האָט אַ טעות בעת ער שרייבט, אַז לעפין־סאַטאַנאָוו האָט ערשט אין זיינע עלטערע יאָרן באַשלאָסן צו שאַפן

---

1 מיט באַגייסטערונג שרייבט דער יונגער שלמה ראַפּאָפּאָרט וועגן בראָד: יתרון לעיר בראָדי מכל ערי ישראל אשר בארץ הזאת. גבהו תהלוכית אנשיה ומחשבותיהם מדרכי וכחשבות אנשים אשר בשאר עָרֵי המדינה כגביה שכל איש המעלה מעל שכל ילד רך וקצר בינה. (מכתבי בני קדם, 1862, 153).

2 אונזער ווערק, ב' V, 528.

8 זע י. ווײַנלעזס אַרטיקל אין „ייוואָ־בלעטער", ב' II, נומ' 4—5, 345.

א יידישע איבערזעצונג פון תנך [1]; אין דער צום אנהייב „רפואות הנפש" געדרוקטער הסכמה פונם סאטאנאווער רב, וואס איז געשריבן מאי 1789, ווערט שוין דערמאנט לעפינס „קהלת"־איבערזעצונג. אבער ערשט מיט פיל יארן שפעטער, ווען לעפין האט זיך באזעצט אין גאליציע, האט ער,ווארשיינלעך, דאנק דער מאטעריעלער הילף פון יוסף פערל, באקומען ענדלעך די מעגלעכקייט אנצופאנגען דרוקן זיין איבערזעצונג און אין 1814 דערשיינט אין טארנאפל זיין „משלי" אין יידיש [2].

די דאזיקע איבערזעצונג איז ווירקלעך א וויכטיקע געשעעניש אין דער יידישער ליטעראטור. מיר האבן אין פאריקן קאפיטל אנגעוויזן, ווי שלמה לעוויזאן פרווט שילדערן אין זיין „מליצות ישורון" די ביבל־ביכער ניט ווי „ספרי הקודש", ווי הייליקע רעליגיעז־געטלעכע ביכער, נאר ווי ערשטקלאסיקע מוסטערן פון פאעטישער קראפט און שיינקייט. אויף א גאנץ אנדערן אופן פארמעסט זיך מענדל לעפין־סאטאנאווו. ער וויל מאכן א סוף מיטן סקארבאוון נוסח פון די תנך־איבערזעצונגען, וואס האט געוועלטיקט אין משך פון הונדערטער יארן, מיטן פעסטגעזעצטן שטאמפ, לויט וועלכן מען פלעגט לערנען און איינטייטשן די קינדער אין די חדרים דעם ביבל־טעקסט. ער וויל דעם פשוטן פאר'הארעוועטן יידן דערלאנגען די „ספרי־הקודש" אן דעם פרוכת־מענטעלע, נאר אין דעם פשוטן וואכעדיקן לבוש פון דער אומגאנג־שפראך מיט אירע ווייטישע באגריפן און בילדער, אפילו מיט אירע טלאוויזמען, ווי זי ווערט גערעדט אין שטוב און אויפן מארק. ווי אהרן בן שמואל אויס הערגערסהויזן [3] בשעתו, אזוי האט אויך מענדל לעפין־סאטאנאווו זיין „משלי"־איבערזעצונג ניט געדרוקט מיט דעם פאר יידיש־דייטשע ביכער אנגענומענעם ספעציעלן „ווייבער־כתב", נאר טאקע מיט העברעישע קוואדראט־אותיות און מיט נקודות. ס'איז אויך כאראקטעריסטיש פאר לעפינען דער אויסלייג אין זיין איבערזעצונג: ער שרייבט על פי רוב די ווערטער לויט זייער פאנעטישן קלאנג. אזוי לייענען מיר ביי אים: „רופיך", ניט רוף איך; „נעמצאך", אנשטאט נעמט עס אייך; „לאזים", ניט לאז אים; „האביך", ניט האב איך; „במיר", אנשטאט ביי מיר; „צישין", ניט צווישן; „בינך", ניט בין איך אאז"וו.

---

1 ציט. ארב., 344.

2 די דאזיקע אויסגאבע איז איצט פון די גרעסטע יקר־המציאותן. מיר האבן זיך באנוצט מיט דעם עקזעמפלאר, וואס געפינט זיך אין לענינגראדער אזיאטישן מוזיי. זע ביילאגן נומ' 3.

3 זע אינזער ווערק, ב' VI, 238.

מענדל לעפין, איינער פון די בעסטע סטיליסטן, וואָס די ניי־העברעיִשע ליטעראַטור פאַרמאָגט, טוט מיט אַ כּיוון פאַרגעסן וועגן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער גערעדטער שפּראַך און דעם שריפטלעכן לשון; ער וויל כּלומרשט ניט וויסן, אַז אַזוינע קלאַסישע ווערק, ווי „קהלת" און „משלי", דאַרפן איבערזעצט ווערן אין אַ גאַנץ אַנדערן סטיל, ניט ווי די מאַרק־יידענע רעדט מיט איר קונה אין גאַס. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט עס געקאָנט הייסן געשמאַקלאָזיקייט. לעפינס משלי־איבערזעצונג דאַרף אָבער באַטראַכט ווערן אַלס קאַמף־לאָזונג, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם רעליגיעזן שטעמפּל, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף דער יידישער גאַס. אָט פון דעם שטאַנד־פּונקט דערשיינט לעפין אין זיין תנך־איבערזעצונג אַלס נייערער, אַלס קעמפּער קעגן די אָפּגעלעבטע, פאַרצייטיקע פאָרמען פון עברי־טייטש און פאַר אַ נייעם מאָדערנעם עולמישן סטיל.

מענדל לעפינען איז אָבער ניט באַשערט געווען צו פאַרעפנטלעכן זיין ביבל־איבערזעצונג בשלימות, וואָרעם זיין „משלי" אין יידיש האָט גלייך נאָך זיין דערשיינען אַרויסגערופן אַ גרויסן ליטעראַרישן סקאַנדאַל, אין וועלכן די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט דער אין יענער צייט באַוווּסטער משכּיל און „בעל־לשון" טוביה גוטמאַן בן צבי פעדער [1].

טוביה פעדער איז געבאָרן אין 1760 אין פּשעווזשורשע (קראָקויער געגנט). באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע דערציִונג, חתונה געהאַט קיין פּעטראָקאָוו און דאָרט ווערט ער אָנגעשמעקט מיט די אידעען פון דער בערלינער השכּלה, קומט אין פאַרבינדונגען מיט די בעלי־המאספים [2]. נאָך 1788 פאַרלאָזט ער פּעטראָקאָוו און עס הייבן זיך אָן זיינע לאַנגע וואַנדעריאָרן איבער דייטשלאַנד, גאַליציע און אוקראַינע [3]. ער האָט געוווינט אין פיל שטעט: אין פראַנקפורט אויף דער אָדער, ווו ער באַ־קענט זיך מיט יצחק סאַטאַנאָוו, אין קעמפּנא, בעלמא, וולאָדאַרקאַ, בער־דיטשעוו, בראָד, טאַרנאָפּאָל; האָט אויסגעפּרוווט אַלערליי באַשעפטיקונ־גען, געווען סופר און בעל־קורא, חזן און מלמד, מגיד און בעל־דרשן, און

---

1 פּרטים וועגן פעדערס לעבן און שאַפן זע: פאָררעדע צו „קול מחצצים", פאָררעדע צו „שם ושארית"; מ. שטיינשניידער אין אוצר הספרות, III, אָפּטיילונג סטירא והומר, 1—4; ש. סטאַניסלאַווסקי, יעוו. סטאַרינאַ 1912, 460—466; וו. צייטלין, קרית ספר; י. קלויזנער, ציט. ווי., 213—219; מ. ווייסבערג, מאָנאַטסשריפט, 1927, 103—109.

2 זע המאסף, תקמ"ח, 95.

3 זע להט החרב, 1866, 28.

דערביי געשטאָרבן מיט זיין פאַמיליע יעדן טאָג פון הונגער [1]. אין בערדיטשעוו איז אים אויסגעקומען אום ווינטער צו וווינען מיט דער פאַמיליע אין אַ ניט־געהייצטער שטאָל. דאָס האָט אומגינסטיק געווירקט אויף זיין כאַראַקטער; געווען אַ כעסן, אַ שטענדיק אויפגערייצטער און געהאַט אַ חולשה צום ביטערן טראָפּן. ביי דער שווערער נויט האָט פּעדער דאָך זיך פיל אָפּגעגעבן מיט שפּראַכפאָרשונג; ווי דער רוב דעמאָלטיקע משכילים, געווען פאַרליבט אין דער ביבל־שפּראַך, געשמט אַלס אימהדיקער „בעל־מליצה״, געשריבן אין דעם טיפּישן „מאספים״־סטיל, וואָס איז געווען איבערפולט מיט ביבלישע פּסוקים און מליצות. ער האָט אויך שירים געשריבן [2], האָט באַזונגען דעם קיסר אַלכּסנדר און זיין נצחון איבער נאַפּאָלעאָנען („הצלחת אלכסנדר״ און „קול שמחה״), האָט פאַרפאַסט אַ פּורים־פּאַראָדיע [3], נאָר מער פון אַלץ האָט זיך פּעדער פאַרנומען מיט שפּראַך־פאָרשונג און ביבל־עקזעגעטיק. ער האָט אויף דעם געביט געשאַפן ספּעציעלע ווערק, וואָס זיינען אָבער, מיט קליינע אויסנאַמען, געבליבן אין כתב־יד [4]. די ביבל איז ביי אים אַזוי געווען געאַכפּערט און געהייליקט, אַז ווען אהרן וואָלפסזאָן און יצחק סאַטאַנאָוו האָבן זיך דערלויבט אין זייערע פּירושים צום ביבל־טעקסט אָפּצוטרעטן פון דער אָנגענומענער מסורה, איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן זיי מיט אַ פּאָלעמישן ווערק „להט החרב״ (1804). פּעדער פירט פאַקטיש ניט קיין פּאָלעמיק, ער פּאַטשט בלויז מיט דער „בלאַנקענדיקער שווערד״ (חרב לטושה), לאַרעמט און פילרערט, באָמבאַרדירט מיט מליצות פון דער ביבל, פאַרזיכערט, אַז וואָלפסזאָן ווערט דערפאַר וואָלפסזאָן גערופן, ווייל „ער טוט פאַרצוקן די יידישע קינדער מיט זיינע פאַרדאָרבענע למודים״ (הכי קרא שמו בן זאב, טרוף יטרוף ילדי העברים בלימודיו

---

1 אין זיין בריוו צו י. ש. ביקן קלאָגט זיך פּעדער: כי אָכלני הממני זמני ויתן בברותי ראש ולצמאי ענבי ריש, מוכה אלהים אני מצאתי מרָחָם, פורש אין לעוללים השואלים לחם, גם אנכי הייתי עשוק ורצוץ כל הימים.

2 א. ב. גאָטלאָבער האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע פּעדערס לידער אין אַ באַזונדערער זאַמלונג „שם ושארית״, 1877.

3 זוהר חדש לפורים, פאַרעפנטלעכט דורך משה סטענענבוים אין אוצר הספרות, III, אַבט. סטירא והומר. ביי סטענענבוימען האָבן זיך אויך געפונען אַ פּעקל פּעדערס בריוו. אַ גרויסע קאָלעקציע פּעדערס בריוו און לידער האָבן מיר אויך געפונען אין גאָטלאָבערס אַרכיוו, וואָס איז אויפגעהיט ביי אונז.

4 פון זיינע פילאָלאָגישע אַרבעטן זיינען פאַרעפנטלעכט בלויז: בית נאמן (1894) און מבשר טוב (1804).

הנשחתים, חמת עכשוב תחת שפתיו) [1], און „האיש סאטאנאָוו, — דער־קלערט ווייטער פעדער, — ראשית חטאת לבני דורנו בחבוריו קטני הכמות ואפוסי האיכות" [2].

לעפין־סאטאנאָווס „משלי" אין יידיש האָט פעדער אויפגענומען ממש ווי אַ פערזענלעכע באַליידיקונג. ווי דער רוב משכילים פון יענעם דור האָט אויך פעדער זיך באַצויגן מיט האס און ביטול צו דעם „גמאָסן" זשאַרגאָן. האָבן דאָך מענדעלסאָן און די „ביאורסטן" זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע איבערצוזעצן די ביבל אויף אַ ריינער דייטשער שפּראַך, בכדי צו פאַרדרענגען די אַלטע יידיש־דייטשע איבערזעצונגען מיט זייער „פאַרדאַרבענעם" לשון, און דאָ קומט איינער „מאנשי שלומנו", מענדעלסאָנס אַ תלמיד און פריינד, איינער פון די אָנגעזעענע השכלה־טרעגער, און וויל צעשטערן דעם בנין, וואָס מענדעלסאָן מיט זיינע נאָכפאָלגער האָבן אויפגעבויט. אמת, מענדל לעפין האָט מיט זיין פשוטן און קלאָרן העברעיִשן סטיל בכלל וויניק געקאָנט אימפּאָנירן אַזאַ „בעל מליץ" ווי פעדער. פאַרהאַלט זיך טאַקע פעדער מיט אַ געוויסן ביטול צו לעפינס פריערדיקע ווערק „רפואות העם" און „חשבון הנפש"; עפּעס איז דאָרט אַלץ אַזוי קלאָר, אַזוי איינפאַך, אָן מליצות, אָן פסוקים און שברי־פסוקים [3]. און דאָ דערלויבט זיך נאָך לעפין אַזאַ אומדערהערטע העזה: איבערצוזעצן די ספרי־הקודש אויף דער פּראָסטער פאָלקסטימלע־כער שפּראַך, מיט אירע „המונישע" אויסדרוקן און „מגושמע" סלאַווי־מען; ער אונטערשטייט זיך, אַשטייגער, די „משלי"־סענטענץ „חכמת נשים בנתה ביתה ואולת בידיה תהרסנה" איבערצוגעבן אין אַזאַ „וואָל־גאַרער" פאָרם: „אַ קליגע אישה בויעט אַ הויז, אַ שלימזעלניצע ספּיסטאַשיט דאָס הויז"; אָדער די ווערטער „ונבון תחבולות יקנה" איבערזעצט ער: אַ קלוגער קויפט זיך ספּאָסיבים. פעדער איז געוואָרן אויסער זיך, און גלייך איז ער אַרויס קעגן לעפינען מיט אַ גאַליקן פּאַמפלעט „קול מחצצים או שיחה בעולם הנשמות". שוין אויף דעם שער־בלאַט גיסט פעדער אויס זיין גאַנצן גרימצאָרן אויף דעם „משלי"־איבערזעצער: „שפּאָט און שאַנד צו דער נייער „משלי"־איבערזעצונג,

---

[1] להס החרב, 1866, 3. אין זיין דערמאָנטן בריוו צו ביקן פאַרזיכערט אפילו פעדער, אַז ער האָט מיט זיינע אָנפאַלן פאַרטריבן האַלפּסזאָנען פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך (עזב ארץ אשכנז וילך צרפתה ועודנו לא ישוב).

[2] דאַרטן, 28.

[3] זע אַריינפיר צו „קול מחצצים: האיש אשר קוה לעשות ענבים ויעש באושים... רפואות הנפש והעתקת משלי וחשבון הנפש, את כלם ישא רוח ויגרשו טיט ורפש, כל רואיהם יכירום מבטן מי יבאו, לא לעזור ולא להועיל אך לתוהו נבראו.

וואס איז פול מיט שמוץ און עקל; איר געשטאנק טוט זיך ארום פארשפרייטן; ווער עס דערזעט זי, דער ווייכט פון איר; אויף שטיקער דארף זי צעשניטן ווערן, אויפן פייער דארף זי פארברענט ווערן, איר נאמען זאל מער ניט דערמאנט ווערן. די פארעיפושטע מגילה, וואס דער אויף דער עלטער פארנארישטער מענדל סאטאנאווער האט געשאפן, האט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח; זי וויל רק חן געפינען אין די אויגן פון קעפס-ווייבער און מיידן, אבער אויך זיי ווייכן פון איר און דערקלערן: קארג פארמאגן מיר משוגעים, איז נאך דער געקומען זיך משוגע מאכן״ 1.

נאך א לאנגן ארייניפיר, פול מיט געוואלדיקע מליצות און בייזע אנפאלן אויף מענדל לעפין, וואס האט „מיט שפאט באגאסן די שיינע דייטשע שפראך און טוט זיך חברן מיט א פארדארבענעם לשון, האט אויסגעטאן דאס זיידענע העמדל און זיך אנגעקליידט אין שמאטעס״ — פאנגט זיך אן די „שיחה בארץ החיים״: דארט אין די עולמות העליונים, אין די ריינע הימלישע הייכן, זיצט מענדעלסזאן אויף א שטול פארטיפט אין זיינע פילאזאפישע געדאנקען; דעם דענקער רינגלען ארום דיכטער, שריפטשטעלער און שפראכפארשער: משה-חיים לוצאטו, נפתלי-הירץ וויזל, יואל ברי״ל און אנדערע. אלע זיינען גליקלעך און פול מיט פרייד זייערע הערצער, בעת זיי דערמאנען זיך אן די פראכטפולע דענקמעלער, וואס זיי האבן געלאזן נאך זיך אויפן געביט פון דער יידישער קולטור און ליטעראטור. נאר איציק אייכל, דער איבערזעצער פון „משלי״ אויף הויך-דייטש, באווייזט זיך אן אויפגערעגטער און טרויעריקער. נפתלי וויזל פרעגט אים, פארוואס איז ער אזוי ניט אויפגעלייגט דארט, ווו יעדער דארף זיין פריילעך און צופרידן? עס פארבינדט זיך צווישן זיי א שמועס, און אייכל דערציילט אים וועגן דער איבערקערעניש, וואס ס׳איז פארגעקומען מיט איינעם פון מענדעלסזאנס אנגעזעענע מיטקעמפער: „א מליץ טוט יענער פאראכטן, די שיין-רעדנער שפייט ער אין פנים, נאר די לשונות פון די פויערן — זיי געפינען

ג בוז וקלון על ההעתקה החדשה לספר משלי אשר חלאתה בה, ועלה באשה ותעל צחנתה, כל רואיה ידוד ממנה. לנתחה לנתחים יוציאוה והיתה לשריפת מאכלת אש ושמה לא יזכר עוד, קיא צואה מגילת ר׳ מינדיל מסטנאב, איש אשר בילדותו השכיל ובזקנותו הסכיל ערוך מלין כטעם בריר חלמות למצוא חן בעיני פלגשים ועלמות, אך גם הנה שאטות אותו מסביב לאמור: החסרי משוגעים אנחנו כי בא זה להשתגע? הראיתם הנמהר הזה כי לחרף מערכות המעתיקים עולה? אבדה עצתו, גם נסרחה חכמתו, שיבה זרקה בו והוא לא ידע. נעשה ונכתב פה בערדיטשוב. שנת אך אוי לגבר הוליד הבל לזקוניו (תקע״ד) לפ״ק (מיר ציטירן לויט דער אפשריפט, וואס מיר האבן געפונען אין גאטלאבערס ארכיוו).

חן אין זיינע אויגן". ווייזל ווערט אויסער זיך, ער וויל אייכלען ניט גלויבן און דערקלערט דאס פאר בלויז רכילות אויף סאטאנאוון. אייכל גייט אוועק א פארשעמטער, מיט טרערן אין די אויגן. באלד קומט אבער אן בן־זאב מיט א ספר אין האנט און א שפאטישן שמייכל אויף די ליפן. מענדעלסזאן פרעגט, וואס דאס איז פאר א ספר, — דערקלערט אים בן־זאב, אז דאס איז כלומרשט א דייטשע „משלי"־איבער־זעצונג, אין דער אמתן איז דאס אבער ניט קיין דייטש, און קיין חכם אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד צו דערקלערן, וואס זאל באדייטן דאס דאזיקע קוידערוועלש, וואס איז א געמישעכץ פון אלערליי לשונות. און בן־זאב לייענט פאר עטלעכע פסוקים פון דער איבערזעצונג. אלע גאפן, קאנען ניט פארשטיין, וואס דאס איז פאר א לשון; די אויפרעגונג ווערט נאך גרעסער, ווען בן־זאב דערציילט, אז די איבערזעצונג האט געמאכט ניט קיין אנדערער ווי לעפין־סאטאנאוו גופא. ווייזל בעט מחילה ביי אייכלען, מענדעלסזאן איז שטארק איבערראשט, און אלע געפינען, אז אזא „שענדלעכע איבערזעצונג דארף קומען אויפן פייער, און איר שמוציק אש דארף אין בית הכבוד געשליידערט ווערן".

דעם פאמפלעט האט פעדער געדרוקט אין בערדיטשעוו; נאר איידער דער „קול מהצצים" איז נאך פון דרוק ארויס, האבן זיך וועגן דעם דערוווסט אין בראד לעפינס פריינד 1.

דער יונגער יצחק־בער לעווינזאן, וואס האט דעמאלט געוווינט זיבן ווערסט פון בראד אינם שטעטל ראדזיוויל, איז ארויסגעטראטן קעגן פעדערן מיט אן עפיגראמע, אין וועלכער עס ווערט אנגעוויזן, אז דער בעל „קול מחצצים" ווערט נאר דעמאלט א מוטיקער קעמפער, ווען „ער פילט אן זיין מויל מיט וויין און מיט ביר":

פעדער איז דיין נאמען,
ווי א פעדער איז אויך דיין צונג.
שטום בלייבט די טרוקענע פעדער,
ווען זי האט קיין טינט ניט באקומען —
אזוי אויך ביי דיר אן ווין
קלעפט זיך דיין צונג צום גומען! 2

---

1 ווי עס איז צו זען אויס ביקס בריוו (זע הייסער), האבן לעפינס פריינד באקומען צוגעשיקט אן אפשריפט פון פעדערס „קול מחצצים".

2 אשכל הכופר, 11: צפרדע! עם שמך —
גם כעס לשונך.
עת אם בו דוי אין
כתוב בל יוכל כי רק!
גם אתה באין יין
לשונך אל חכך דבק.

לעווינזאָן ווייזט דערביי אָן, אַז די עפּיגראַמע האָט ער אָנגעשריבן לויט דער ביטע פון זיין פריינד יעקב־שמואל ביק פון בראָד. אָט דער דאָזיקער משכיל, וואָס איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון לעפינס בראָ־דער פריינד, איז איינע פון די מערקווירדיקסטע פּערזענלעכקייטן צווישן די משכילים פון יענעם דור. געבאָרן אין אַ מיוחסדיקער רייכער פאַמיליע אין דער האַנדלס־שטאָט בראָד (בערך 1770), איז יעקב־שמואל ביק געווען ניט בלויז אַ גרינדלעכער קענער פון דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור [1], נאָר האָט זיך אויך דערוואָרבן אַ געוויסע אייראָפּעיִשע בילדונג און געווען באַהבנט אין דער מאָדערנער דייטשער, פראַנצוי־זישער און ענגלישער ליטעראַטור. אַן אויסגעצייכנטער העברעיִשער סטיליסט מיט אַ ניצוץ פון אַ דיכטער, פלעגט ער געלונגען איבערזעצן אין העברעיִש פראַנצויזישע און ענגלישע לידער [2]. דער „מושלם" ביק איז מיט זיין גייסטרייכן וויץ געווען שטאַרק באַליבט אין די משכילישע קרייזן. אים גופא האָבן אָבער די דאָזיקע קרייזן ניט אינגאַנצן באַפרי־דיקט. אַ טיף־פילנדיקע, ראָמאַנטישע נאַטור, — איז אים געווען ניט צום האַרצן דער משכילישער ראַציאָנאַליזם, אין וועלכן ער האָט צייטנווייז געזען אַ מאָדערניזירטע פאָרם פון דעם אַלטן פּלפּוליסטיש־אַבסטראַקטן וועלט־באַנעם. אים איז אויך געווען דערווידער דאָס קנאָיִשע פאַרהאַלטן זיך פון זיינע חברים־משכילים צו דער חסידישער באַוועגונג; זייער ניט וועלן באַגרייפן, וואָס פאַר אַ שטאַרקע רעוואָלוציע עס האָבן אַרויסגערופן אין דעם גייסטיקן לעבן פון די ברייטע און אָרימע פאָלקס־שיכטן די באַשע־פער און מנהיגים פון דער דאָזיקער באַוועגונג, „וואָס זיינען געווען אימ־שטאַנד, — ווי ביק דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע בריוו [3], — צו ווערן פירער פון הונדערטער טויזנטער יידן". גראָד ביק, וואָס האָט געהערט צום איבערשטן שיכט פונם רייכן סוחרישן שטאַנד און וועמענס פאַמיליע האָט דורות לאַנג באַזאָרגט בראָד מיט פרנסים — איז פאַקטיש געווען דער איינציקער ווירקלעכער דעמאָקראַט צווישן די בראָדער משכילים פון יענער צייט. ביק, דער ראָמאַנטיקער, האָט צווישן די דעמאָלטיקע חסידישע פירער געזען ניט, ווי די איבעריקע משכילים, בלויז געלטגיריקע „גוטע יידן", וואָס שלעפּן אַרוים וואָס מער

---

1 ווי עס שיינט, האָט ביק מיט כרוקענעם פלפול און מיט פוסקים אויך אין דער יוגנט זיך ווייניק אָפּגעגעבן; דערויף ווייזט אָן שמשון בלאָך אין זיין פּאָלעמישן בריוו צו ביקן פון 1830: בעבור העדר שקידתך מנעוריך על ספרי התלמוד והפוסקים (המאסף, I, אין לעטעריסעס אויסגאַבע, 1862, ז' 181).

2 זע: דיע העברעיִשע פובליציסטיק אין ווין, 1930, ז' 26.

3 אוצר הספרות, III, אָפּטיילונג „אורות מאופל", 26.

פדיונות ביים פשוטן פאָלק; ער האָט צווישן זיי אויך באַמערקט אַזוינע „אוהבי ישראל", ווי משה-לייב כאַסעווער און לוי-יצחק בערדיטשעווער, וואָס זיינען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר זייערע אָרעמע ברידער („אחינו הדלים"). ער האָט געפונען, אַז די דאָזיקע אומגעבילדעטע פאַנאַטישע און אָבערגלויבישע צדיקים פאַרמאָגן מער אמתע מענטשן-ליבע, ווי אַנדערע געבילדעטע משכּילים, וואָס זיינען באַהבנט אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און טראַקטירן וועגן הומאַניסטישע אידעען [1]. דאָס האָט אויך ענדלעך געבראַכט דערצו, וואָס ביק איז סוף ימיו געשטאַנען פיל נעענטער צו די חסידים, ווי צו די משכּילים [2]. ביק האָט געשריבן מעמוארן, אין וועלכע ער האָט געשילדערט דעם צו-שטאַנד פון יידישן לעבן אין זיין צייט, און געווים דאָרט אויך געגעבן אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון ביידע קעמפנדיקע לאַגערן — חסידים און משכּילים. ער האָט אָבער באַשלאָסן ניט צו פאַרעפנטלעכן זיינע מעמו-אַרן ביים לעבן [3], און עס איז געווים אַ גרויסע אבידה פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס ביקס ווערטפולע מאַנוסקריפּטן זיינען נאָך זיין טויט פאַרלאָרן געגאַנגען [4].

ווי נאָר ביק האָט זיך דערוווּסט וועגן פעדערס פאַמפלעט, האָט ער אים גלייך אַ לאַנגען בריוו אָנגעשריבן (י"ט טבת תקע"ה). ווייל דער דאָזיקער בריוו, אין וועלכן ביק זאָגט אַרוים זיין שטאַנדפּונקט בנוגע דער פאָלקסשפּראַך, האָט אַ געווויסן קולטור-היסטאָרישן ווערט, ברענגען מיר פון אים אַ גרעסערן אויסצוג: „וועגן דער שפּראַך, אין וועלכער ער (לעפין-סאַטאַנאָוו) האָט איבערזעצט דעם ספר משלי, גלייכסטו זי צום קוויטשען פון פייגל און צום קול פון בהמות און חיות

---

1 סיפּיש איז אין דער הינזיכט ביקס חענדונג צו שלמה-יהודה ראַפּאָפּאָרט אין איינעם פון זיינע בריוו: ואחר שקראת הרבה והעתקת כמה וכמה מדברי המשורר המפונק לעם אשכּנזי (פּיק מיינט דאָ שילערן) אשר עשתנותיו מתנשאים ברום ולא העתקת לעצמך את מאמרו הקסמאָפּאָליטי באמרו: נשיקה לכל יושבי תבל! ולשנות המדה הזאת למדה ישראלית, ובכיח הנשיקה הנ"ל לחבק ולנשק כל אחינו בני ישראל בכל לבב ובכל נפש — אפילו היא נוטלת את השכל ואת הנפש.

2 חענן דעם גחאַלדיקן רושם, חאָס פּיקס „פאַרראַט" האָט דעמאָלט געמאַכט אין די משכּילישע קרייזן, חעט זיין די רעדע אין חייטערדיקן בצנד.

3 זע אוצר הכפרות, III, 25.

4 שמואל-יעקב ביק איז געשטאָרבן אין מאַי 1831 בשעת דער חלירע-עפּי-דעמיע. זיינע מעמוארן האָט געזאָלט פאַרעפנטלעכן דער רעדאַקטאָר פון „כרם חמד" שמואל גאָלדבערג (זע כרם חמד, I, 81), ער האָט אָבער ניט באַחיזן דאָס דורכצו-פירן, חייל באַלד האָט אין בראָד אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה און דערביי איז אויך אומגעקומען ביקס גאַנצע ליטעראַרישע ירושה.

אין וואלד. דערמאָן דיך אָבער, פריינד! אז אויף איר האָבן גערעדט אונזערע טאַטעס און זיידעס אין פוילן־לאַנד זייט 400 יאָר. אויף איר האָבן גערעדט, געדענקט און געדרשנט די גאונים דער ב״ח, דער רמ״א, דער סמ״ע, דער ש״ך; אויף דער דאָזיקער שפּראַך האָט אויך גערעדט דער ווילנער גאון ז״ל. דער געלערנטער פּאַבראַ פאררעכנט אין זיין געאָגראַפישן ווערק (ערשטער טייל, ז׳ 274, האלע, 1815) אונזער שפּראַך צווישן די טעכטער פון דער דייטשער שפּראַך. און ווי באַלד דער שטאַמפּאָטער, דער דייטשער לשון, איז דיר אזוי ליב, פאַרוואָס פאַלסטו ניט אָן אויף דער תנ״ך־איבערזעצונג פון דעם „המגיד״, אויף די איבערזעצונגען פונם „צאינה וראינה״ און פונם „נחלת צבי״? אין די דאָזיקע ספרים (וואָס זיינען צו זייער צייט נוצלעך געוועזן פאַרן לייענער־פּובליקום) איז די שפּראַך שטאַרק פאַרגרייזט, עס פעלט איר פיל נייטיקע ווערטער, אויסדריקן און באַצייכענונגען; זי איז ניט ביכולת צו דערהייבן דאָס געפיל, צו מאַכן אַ רושם אויף אַ מענטשן מיט געשמאַק, ווי דאָס איז טאַקע דער פאַל ביי סאַטאַנאָווס איבערזעצונג. אים, סאַטאַנאָוון, איז ביי זיין חכמה געלונגען צו גיין אין די ריינסטע וועגן פון די בעסטע איבערזעצער, כאָטש די שפּראַך, אין וועלכע ער איבערזעצט, איז נאָך ביז איצט ניט גאַנץ אויסגעבעסערט (בלשון שאינו מתוקן עד עתה). אין דעם גרויסן ווין גייט נאָך ביז היינטיקן טאָג אַרויס יעדע וואָך אַ צייטונג אין דער שפּראַך, וואָס עס ריידן די פויערים און דאָס געמיינע פאָלק אין עסטרייך. ווען דאָס ווערט געטאָן פאַר אַ פאָלק, וואָס וווינט אין דער אומגעגנט פון דער רעזידענץ, ווו אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען זיינען געשריבן אין ריין דייטש, אויף וועלכן עס ריידן זייער קיסר און זייערע שררות; ווען פון זייערטוועגן פלייסן זיך די געלערנטע זיי איבערצוגעבן דברי מוסר וחכמה אויף זייער אומגאַנגס־שפּראַך, כדי זיי זאָלן דאָס איבערדערציילן אין דער היים און עס זאָל ביי זיי בלייבן איינגעקריצט אין זכרון, — מכּל שכן ומכּל שכן בנוגע צו יידן, וואָס זיינען פאַרוואָרפן אין דער אוקראַינע און קאָנען ניט לייענען קיין ביכער, וואָס זיינען געשריבן אין אַן אַנדער שפּראַך. אזוי טוען אַלע חכמים ביי יעדן פאָלק, וואָס ווילן נוצן ברענגען מענטשן, וועלכע נייטיקן זיך אין זייער הילף. אָט דאָס הייסט אויף אַן אָרענטלעכן אופן אומקערן דעם חוב. וואָרעם די פויערים, אַשטייגער, אַרבעטן דאָך מיטן ביטערן שוויים, בכדי אָנצוגרייטן פאַר די חכמים און געבילדעטע שפּייז און לעבנסמיטל; איז דאָך אַ יושר, אַז די געלערנטע פון זייער זייט זאָלן דערלאַנגען דעם פּשוטן פאָלק גייסטיקע שפּיין אויף אוא שפּראַך און אוא פאָרם, אַז יענע זאָלן עס קאָנען פאַרשטיין. אָבער

אויב זיי ווילן זיך צוריקהאַלטן און וועלן ניט האַלטן פאַר זייער חוב צו דערקוויקן מיט די פירות פון זייער חכמה זייערע ברידער, וואָס אַרבעטן שווער פון זייערטוועגן, וועלן שרייבן אַלע זייערע ווערק אין אַ לשון, וואָס דער געמיינער עולם וועט ניט פאַרשטיין און זיי וועלן אים דערפאַר קיין נוצן ניט ברענגען, — דעמאָלט וועלן די געלערנטע אויך מחויב זיין אַליין זיך צו נעמען צום אַקער־אייזן, צום שניידמעסער, צו דער האַק און דער זעג און ניט זיך מפרנס צו זיין פון פרעמדער, ניט־באַצאָלטער אַר־בעט. אויך פראַנצויזיש און ענגליש—אויך זיי זיינען אַ געמיש פון דייטש, גאַליש, לאַטיין און גריכיש, נאָר אַדאַנק דער מי, וואָס עס האָבן זיך געגעבן אין משך פון 300 יאָר די געלערנטע פון יעדן דור, זיינען זיי באַדייטנדיק אויסגעפיינט געוואָרן. און איצט, כאָטש זיי זיינען אַ גע־מיש פון פאַרשיידענע לשונות, דאָך זיינען זיי שוין פעיִק, מען זאָל אויף זיי שאַפן די שענסטע לידער און אויסדריקן די איידלסטע געדאַנקען און געפילן. ערשט מיט הונדערט יאָר צוריק איז אויך די דייטשע שפּראַך געשטאַנען אויף אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה; מיט אַכציק יאָר פריִער איז רוסיש געווען אַ פּויערים־שפּראַך און אויך די אַנטיקע שפּראַכן, גריכיש און לאַטיין, זיינען אין דער התחלה געווען פאַרגרעבט און אומבאַהאָלפן, און ערשט מיט דער צייט האָבן זייערע הכמים געלייטערט און געשליפן די ווערטער, פאַרפולקומט די פאָרמען, באַגרינדעט די רעגלען און געזעצן פון דער גראַמאַטיק, ביז די דאָזיקע שפּראַכן האָבן דערגרייכט צו אַזאַ שלימות, וואָס ברענגט אונז אין באַוואונדערונג. דער המון, די ברייטע מאַסע, זי איז ביי יעדער אומה די באַשאַפערין פון דער שפּראַך און אין דער התחלה זיינען זיי אַלע פון איין יחוס, קיינע איז ניט פיינער און איידע־לער פון דער אַנדערער... אַלע זיינען אין אָנפאַנג שטאָלפעריק, ניט גע־פאָרמט און ניט געשליפן, נאָר ערשט די דענקער מאַכן פון דער פאָרמ־לאָזער מאַסע אַ וווּנדערבאַרע כלי, אַ מייסטער־ווערק... הכּלל, דו האָסט געגרייזט, ברודער מיינער! קיין כבוד און קיין לויב וועסטו דיר ניט דערווערבן, ווען דו וועסט דיין פאַמפלעט פאַרעפנטלעכן. שיק בעסער אַ בריוו צו מענדל סאַטאַנאָוו און בעט אים איבער פאַר דעם, וואָס דו האָסט אים באַליידיקט... דאָס איז די עצה, וואָס עס ראָט דיר דיין פריינד, וואָס ווינטשט דיר גוטס תמיד, יעקב שמואל ביק.

פּעדער האָט געענטפערט ביקן מיט אַ בריוו, שטאַרק געפּעפערט מיט געוואַלדיקע מליצות, ווי זיין שטייגער איז [1]. ער דערקלערט, אַז

---

1 ביידע בריוו זיינען געדרוקט אין „כרם חמד", I, 96—102. באַלד נאָכדעם איז פּעדער, וואָס האָט זיך איבערגעקליבן קיין טאַרנאָפּאָל, געשטאָרבן (תקע"ז 1817).

ער איז מסכים זיין חיבור ניט צו דרוקן, אויב מען וועט אים אומקערן די הוצאות, וואָס ער האָט שוין ביז איצט געלייגט אויף אים (דער „קול מחצצים" איז שוין געווען אויסגעזעצט). די בראָדער משכילים האָבן גלייך אַריינגעשיקט פעדערן הונדערט רובל (באַדייטנדיק מער, ווי דאָס דרוקן האָט געקאָסט), און דער „קול מחצצים" איז ניט אַרויס „מתחת מכבש הדפוס 1".

פעדערס אַרויסטריט האָט אָבער אַזוי איינגעשראָקן דעם ווייניק קאַמפּלוסטיקן סאַטאַנאָוו, אַז ער האָט אָנגעוואָרן דעם חשק און דעם מוט צו דרוקן זיין איבערזעצונג פון די ווייטערדיקע ביבלישע ביכער. ערשט אין 1873 האָט יהודה באַרי פאַרעפנטלעכט אין אָדעס לעפינס „קהלת"-איבערזעצונג 2, די איבעריקע איבערזעצונגען זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען 3.

בעת מענדל לעפין-סאַטאַנאָוו האָט געמאַכט דעם פּרוּוו צו געבן די ביבל-ביכער דעם יידישן לייענער אין דער פּשוטער גערעדטער שפּראַך, זיינען אין דעם רוסיש-יידישן תחום געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו געבן אויף דער גערעדטער שפּראַך ווערק פון ריין וועלטלעכן אינהאַלט.

אין 1813 איז אין ווילנע דערשינען א קליין ביכל „ריקצוג דער פראַנצויזען". אויפן שער-בלאַט ווערט גלייך אָנגעוויזן: „דאָ ווערט באַשריבן דער אַריינגאַנג פון די פראַנצויזן אין רוסלאַנד ניין מייל נאָך ביז איבער מאָסקווע און דער אומגליקלעכער אַרויסגאַנג פון דאָרט ביז קאָוונע. איבערגעזעצט פון לשון פּויליש". דער סטיל פון דעם ווערק איז ניט קיין איינהייטלעכער: עס פילט זיך נאָך פון איין זייט דער פעסטגעזעצטער דערציילערישער נוסח פונם 18טן י״ה און פון דער אַנדערער — שפּירט זיך די השפּעה פון דער בערלינער השכלה. מען באַגעגנט דאָרט דערפאַר אַזעלכע פראַזן: דש איז געוועזן עפנטליך צו זעהן, דש מן האָט דעם פיינד איין זייער בלוטיגן קריג געמאַכט. איין קריג, ווו מן ניט

---

1 ערשט אין 1853, ווען מענדל לעפין און פעדער זיינען שוין לאַנג געווען טויט, האָט אַ גאַליציאַנער משכיל, אברהם-מענדל מאָהר, פאַרעפנטלעכט פעדערס פאַמפלעט מיט געוויסע ענדערונגען. מאָהר האָט אויך ערטערווייז אָפּגעשוואַכט פעדערס שאַרפן פּאָלעמישן טאָן (זע א. האַבערמאַנס נאָטיץ אין „יחא-בלעטער", III, 472—475).

2 מענדל לעפינס כתבֿ-יד פון דער „קהלת"-איבערזעצונג האָט י. ווײַנלעס געפונען אין פערלס ביבליאָטעק, און פון אים האָט „יחא" אַרויסגעלאָזט אַ פאַקסימילירטע אויסגאַבע. זיין נוסח אונטערשיידט זיך פון געדרוקטן.

3 לויט מענדל לעפינס אַן אייגנהענטיקן בריוו (זע „יחא-בלעטער", ב' II, נומ' 4—5, 345), זיינען שוין ביי אים געווען פאַרטיק די איבערזעצונגען פון תהילים, איוב און איכה.

מער אלס שטארבן אדר לעבן זוכט", אדער: „די רוסישע ארמייע וואר זייער פול אונד פול גוטן מוהט, אונד אויף אלע זייטן פון דר מדינה ענטוויקעלטע די ליבשאפט פון דעם לאנד נייאה קרעפטן פר דר ארמייע". דער איבערזעצער דערלויבט זיך שוין אבער אויך צו באנוצן סלאוויזמען, ווי: ראבונגעס, אניצעס, קאפעליושן, ראגאזים אאז"וו. ערטערווייז קלינגט שוין די שפראך גאנץ „יידישלעך", ווי, צום ביישפיל, אויף ז' 4: „נאפא־ליאנס זייני נביאות האבן שוין אנגיפאנגען מקוים צו ווערן, און מן האט שוין אנגיפאנגען צו גלויבן דש ער וועט געווים ווארט האלטן. זוא באלד די פראנצויזישע ארמייע זיינען איבער דעם פלום נעמן אריבר גיגאנגן, זוא פאנגין זיך אן די רוסין צוריק צו ציהן אויף אלי זייטן, אונד האבן די פוילישע מדינה גיגעבן יעם שונא אין זיין מאכט, און די פעלקר פון די זעלביגע לענדר האבן זיך באלד גינומען צום געווער און האבן זיך מיט די פראנצויזן פאראייניגט, אום דען אויפרור צו פארגרעסערן. נא־פאליאן האט פארשפראכן ־ני סאלדאטן דש ער וועט זיי נאך מאסקווא פירן. דארטן,—זאגט נאפאליאן, — וועט איערי אלי מי און ארביט איין סוף האבן, און אויך, זאגט ער, דארטן וועט איר זיך דערווארטן איין בארימטן שלום און איין דערקוויקונג און איין צפרואונג".

ניט אין פארגלייך וויכטיקער איז לויט זיין פארנעם און באדייט אן אנדער ווערק, וואס איז דערשינען אין 1817 אין בערדיטשעוו[1],—דאס איז דער „צפנת פענח" פון חיים־הייקל הורוויץ אוים אומאן.

חיים־חייקל הורוויץ שטאמט פון זייער א יחסנישער פאמיליע[2], פעסטגעשטעלט איז, אדא[illegible] זיין „יחוס־בריוו", בלויז דאס יאר פון זיין געבורט (1749), נאר ניט די געבורט־שטאט. עס איז בלויז באקאנט, אז ער האט אלס זייער רייכער וואלד־סוחר געלעבט מיט זיין פאמיליע אין אומאן. אדאנק זיינע גרויסע געשעפטן, וואס ער האט געפירט מיט פרייסן, האט ער געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט דער „בערלינער השכלה" און מיט דער דייטשער ליטעראטור. עס וואלט אבער געווען א טעות צו מיינען, אז הורוויץ שטעלט מיט זיך פאר א טיפישן משכיל פון דער „אויפקלערונג־תקופה". ער איז געווען און געבליבן קודם־כל א פראקטישער סוחר פוןברייטן פארנעם, וואס האט אדאנק זיינע געשעפטס־רייזן זיך איבערצייגט, ווי נייטיק ס'איז צום האנדל

---

1 עס איז אבער אויסער ספק, אז די איבערזעצונג איז שוין געווען פארטיק מיט עטלעכע יאר פריער, ווארעם דער פירשט אי. מ. דאלגארוקי, וואס האט אין אומאן באזוכט הורוויצעס הויז אין 1810, ווייסט שוין וועגן איר און דערמאנט זי אין זיין רייזע־באשרייבונג (זע 221, Славны бубны за горами).

2 זע: הייקל הורוויצעס יחוס־בריוו, פילאלאג. שריפטן, III, 83—88.

צו האבן א מער־ווייניקן באגריף וועגן געאגראפיע, וועגן דעם סדר לעבן אין אנדערע לענדער און מדינות. קעמפן פ׳ר סתם אויפקלערונג, פאר לערנען שפראכן, פאר פארשפרייטן הומאניטארע אידעען און קעגן דער „פינסטערניש פון אבערגלויבן״ און בייזוויליקייט פון די „מורדי אור״ — דערצו האט דער רייכער סוחר הורוויץ, וואס האט מיט שטאלץ געפירט זיין שלשלת היוחסין פון דעם בעל „שולחן ערוך״ און דעם „של״ה הקדוש״, ווייניק חשק געהאט. דאס זעט מען טאקע גאנץ בולט ארויס פון זיין אומפאנגרייכן ווערק, וואס ער האט געשאפן אין יידיש. דאס דאזיקע ווערק איז א לענגערע צייט כמעט ווי אינגאנצן פארגעסן געווען, — עס האבן וועגן אים ניט געוווּסט ניט בלויז דער פשוטער לייענער, נאר אפילו דער קולטור־היסטאריקער און ליטעראטור־פארשער. דער ערשטער, וואס האט הורוויצעס לעבנסווערק אויפסניי אויפגעלעבט אינם זכרון פון דעם יידישן לייענער, איז געווען א. ב. גאטלאבער אין זיינע באקאנטע „זכרונות איבער יידישע שרייבער״ 1.

„פריער מיט א יאר אכציק אדער ניינציק, — דערציילט גאטלאבער, — האט געלעבט אין דער שטאט אומאן א זייער געבילדעטער ייד, ר׳ חייקל הורוויץ. דער ר׳ חייקל הורוויץ האט געשריבן זשארגאן! ער האט איבערזעצט אויס דעם דייטשן קאמפעס „ענטדעקונג פאן אמעריקא״ מיטן נאמען „קאלאמבוס״, מיט דער הסכמה פון דעם זעלווער מגיד. אין יענער צייט (עס איז שוין דרינען געווים 70 יאר: איך בין נאך גאר א קינד געווען) איז דאס ספר אזוי שטארק פארברייטעט געווארן, אז כמעט אלע יידן האבן עס געלעזן; פון ווייבער האט מען ניט וואס צו ריידן; זיי האבן פארבויגן דעם „צאינה וראינה״ מיט די תחינות, אפילו די „בבא־מעשה״, און מען האט נאר געלייענט דעם „קאלאמבוס״. ביז יענער צייט האבן נאך זייער ווייניק יידן געוווּסט, אז עס געפינט זיך איין אמעריקע אויף דער וועלט; היינט, אין אונזערע צייטן, ווייסט מען שוין אמעריקע, ווי א בייזן שילינגער. דער „קאלאמבוס״ איז אזוי ריין געשריבן, אז מען קען אים לייענען און פארשטיין אומעטום: אין רוסלאנד, פוילן, גאליציע, רומעניע און אין יעדער ארט, וווּ יידן געפינען זיך. ער איז נאך דערצו זייער שיין געדרוקט, אז עס איז א פארגעניגן אים צו לעזן. אז איך בין גאר א יונג קינד געוועזן, האב איך פון אים גאר אנגעקוועלט, און שפעטער נאך מיין חתונה, אז איך האב שוין א סך ספרים געלערנט און אפילו חסידישע און חבד׳סקי ספרים, האב איך דעם „קאלאמבוס״ באקומען אין טשערניכאוו און איך

---

1 פארעפנטלעכט אין שלום עליכמס „יידישע פאלקסביבליאטעק״, I.

האָב מיר פאַרגעניגען געמאַכט נאָך אַמאָל אים צו לעזן. מיין פאַנטאַזיע האָט מיך געטראָגן מיט קאָלאָמבוסן אינאיינעם קיין אַמעריקע; איך בין מיט אים געווען אין שיף אויף דעם ים, איך האָב באַוווּנדערט די אַמע־ריקאַנישע ווילדע מענטשן, און אַפילו אינם שלאָף זיינען זיי מיר אויך פאַר די אויגן געשטאַנען".

אַדאַנק אָט דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער פּאָפּולאַריטעט איז הורוויצעס ווערק אַזוי גרינדלעך "אויסגעלייענט" געוואָרן, אַז שוין אין דער צייט, ווען גאָטלאָבער האָט זיינע זכרונות געשריבן, איז עס געווען פון די גרעסטע זעלטנהייטן; און ווייל גאָטלאָבער האָט אַ שטיקל טעות געהאַט, און דעם טיטול פון הורוויצעס בוך ניט אינגאַנצן ריכטיק איבערגעגעבן [1], איז ביי די נייע פאָרשער געווען אַ געוויסער פּלאָנ־טער, און זיי האָבן צונויפגעמישט הורוויצעס איבערזעצונג מיט אַן אַנ־דער איבערזעצונג פון קאַמפּעס „ענטדעקונג פאָן אַמעריקאַ", וואָס ס'האָט פאַרעפנטלעכט אין 1823 מרדכי אהרן גינצבורג. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט שוין אין 1912 אָנגעוויזן אויף דעם פּלאָנטער [2], און נ. שטיף האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז גאָטלאָבער האָט ניט ריכטיק אָנגעגעבן דעם טיטול פון הורוויצעס ווערק, און אַז זיין אמתער נאָמען איז געווען „צפנת פענח" [3]. ערשט גאָר אין די לעצטע יאָרן זיינען אויסגעפונען געוואָרן דריי עקזעמפּלאַרן פון הורוויצעס ווערק, און נ. שטיף [4] און זלמן רייזען [5] האָבן געהאַט די מעגלעכ־קייט זיך דע visu צו באַקענען מיט דעם העכסט־זעלטענעם בוך און צו געבן וועגן אים גענויערע ידיעות [6].

ווי מענדל לעפינס „משלי"־איבערזעצונג, איז אויך דער „צפנת פענח" געדרוקט ניט מיט געוויינלעכער „ווייבער־שריפט", נאָר אין קוואַדראַט־אותיות, און אויך ווי לעפין האָט הורוויץ געשריבן אין

---

1 „קאָלומבוס" הייסט בלויז דער ערשטער טייל פונם ווערק, אָבער ניט דער גאַנצער חיבור.

2 אין דער רעצענזיע אויף מ. פינעסעס „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור" (ראַזסוועט, 1912, נומ' 7—9).

3 פנקס, 1913, 339.

4 אויפן שפּראַכפראָנט, נומ' 2—3, 1932.

5 ייִוואָ בלעטער, ב' V, 29—40.

6 מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דעם עקזעמפּלאַר, וואָס געפינט זיך אין דער „ייִוואָ"־ביבליאָטעק. מיר באַנוצן דאָ די געלעגנהייט צו דאַנקען די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק פאַר דער געפעליקייט, וואָס זי האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן יקר־המציאות.

א ריינער פשוטער פאָלקסשפּראַך; און גאָטלאָבער איז טאַקע גערעכט, ווען ער ווייזט אָן, אַז הורוויצעס ווערק „איז אַזוי ריין געשריבן, אַז מען קאָן אים לייענען און פאַרשטיין אומעטום״. ניט אינגאַנצן ריכטיק איז אָבער גאָטלאָבערס באַמערקונג, אַז הורוויצעס „קאָלומבוס״ איז בלויז אַן איבער־זעצונג פון קאַמפּעס „ענטדעקונג פון אַמעריקאַ״. דער „צפנת פענח״ איז פּאַקטיש ניט קיין איבערזעצונג, נאָר א איבעראַרבעטונג; ווייל הורוויץ האָט זיין יידיש ווערק באַשטימט פאַר א גאַנץ אַנדער אוידיטאָריע, האָט ער אינגאַנצן געענדערט דעם סטיל און די גרונד־טענ־דענצן פון קאַמפּעס „ענטדעקונג פון אַמעריקאַ״.

יאָאַכים היינריך קאַמפּע (1746—1818) האָט זיך שטאַרק קונה שם געווען ניט בלויז אַלס אָנגעזעענער פּעדאַגאָג און פירער פון א מוסטער־דערציִונגס־אַנשטאַלט („פילאַנטראָפּין״) אין מענדעלסזאָנס געבורטס־שטאָט דעסוי, נאָר דער עיקר אַלס טאַלענטפולער שריפטשטעלער פאַר קינדער און יוגנט. באַזונדערס באַליבט זיינען געווען זיין „ראָבינזאָן קרוזאָ״, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די הונדערטער אויפלאַגעס און איז איבער־זעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן, און אויך זיין „ענטדעקונג פון אַמע־ריקאַ״, וואָס באַשטייט פון דריי טייל: 1) קאָלאָמבוס, 2) קאָרטעס, 3) פּיזאַראָ. די דאָזיקע צוויי ווערק זיינען ביידע געשריבן אין פאָרם פון געשפּרעכן. דער הויפּט פון דער פאַמיליע, א געניטער און הומאַנער קינדער־דערציער, זאַמלט אַרום זיך די יוגנט און דערציילט זיי אין משך פון פיל אָוונטן די לעבנס־געשעענישן פון ראָבינזאָן קרוזאָ און די אַנט־דעקונגס־רייזן פון קאָלאָמבוס און זיינע מיטהעלפער. דעם פאָטערס דערציי־לונג ווערט אָפט איבערגעריסן דורך די קינדערס באַמערקונגען אָדער פראַגן; דער פאָטער ענטפערט אויף די רעפּליקעס פון די יונגע צוהערער, פלעכט איין אין דעם געוועב פון דער דערציילונג פאַרשיידענע מוסר־השכלים און דידאַקטישע סענטענצן. גאַנץ אינם גייסט פון יענער צייט זיינען די גרונד־טענדענצן פון קאַמפּעס ווערק: אויפקלערונג און הומאַניזם; געבן דער יוגנט אַן עטישע דערציִונג, פאַרשפּרייטן הומאַניטאַרע אידעען, איינפלאַנצן ליבע צו מענטשן און צו דער נאַטור. נאָך אין 1807 האָט דער 25יאָריקער משה בן מענדל (מענדעלסזאָן) אויס האַמ־בורג איבערזעצט קאַמפּעס „ענטדעקונג פון אַמעריקאַ״ אויף העברעיִש [1].

---

1 מציאות הארץ החדשה. כולל כל הגבורות והמעשים אשר נעשו לעת מצוא... אמעריקא לכל אגפיה וכו׳. נעתק ונכלל מספרי העמים בשפה ברורה וקלה ללמד נערי בני ישראל יופי הלשון הזאת ולהודיעם גבורות ד׳ ונפלאותיו אשר יעשה בכל הארץ. מאתי משה בן א״א הרבני המפורסם מוה׳ מענדל, אלטונא, התקס״ז. מענדעלסזאָן האָט פאַרעפנטלעכט בלויז דעם ערשטן טייל.

אין דער רעצענזיע, וואָס ווערט געגעבן ווען דער דאָזיקער איבערזעצונג אין דעם „המאסף" [1], ווערט אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע געלונגענע איבער-זעצונג איז באַזונדערס וויכטיק פֿאַר „אנשי פולין היקרים", וואָס לייענען ניט קיין ביכער אויף אייראָפּעיִשע שפּראַכן. די „אנשי פולין היקרים", ד״ה, די רוסיש-פּוילישע ייִדן האָבן זיך אָבער באַקאַנט מיט קאַמפּעס „ענטדעקונג פֿאַן אַמעריקאַ" ניט דורך מענדעלסאָנס העברעיִשע איבער-זעצונג, נאָר דורך חייקל הורוויצעס „צפנת פענח" [2].

דער אומאַנער משכּיל און רײַכער סוחר באַצוועקט אָבער גאָר אַנדערע טענדענצן, ווי דער „אויפֿקלערער" און דירעקטאָר פֿון דער „פילאַנטראָפּין"-אַנשטאַלט, קאַמפּע. דעם פֿאַקטישן מאַטעריאַל פֿון קאַמפּעס ווערק גיט טאַקע הורוויץ איבער בשלימות.

„פֿון זײַן באַשרײַבונג — ווײַזט אָן הורוויץ אין דער הקדמה — האָב איך מיר אַרויסגענומען דעם תּמצית און האָב עס איבערגעשריבן אויף ריין ייִדיש כּאשר ידבר איש אל רעהו, כּדי איטלעכער זאָל דאָס פֿאַרשטיין". און הורוויצעס שפּראַך איז ווירקלעך ריין און פּראָסט „כּדבר איש אל רעהו". עס גענוגט צו ברענגען אַלס מוסטער וועלכע ס'איז שטעלע אויס דעם „צפנת פענח". אָט לייענען מיר, אַשטייגער, אויף דף מ״ן עמ׳ א׳: „פּאַראַס—דער איז געקומען צו קאָלאָמבוסן און האָט זיך געשטעלט פֿאַר זײַן בעט, ווו ער איז דרינען קראַנק געלעגן, און האָט אָנגעהויבן זייער שטירדיש מיט אים צו ריידן: פֿאַרוואָס ווילסטו אונז ניט צוריקפֿירן קיין שפּאַניע? קאָלאָמבוס האָט אים מיט זייער אַ גוטע מינע געענטפֿערט: איך בין אין דעם קיין חייב ניט; ווען עס זאָל צווישן אייך עמיצער זײַן, וואָס זאָל קענען ממציא זײַן עפּעס אַ ספּאָסאָב, אַז מען זאָל קענען קומען קיין שפּאַניע, דעם וואָלט איך געוויס באַלד געפֿאָלגט. און דעריבער וויל איך צו אַנאַנדער רופֿן אַלע אָפֿיצירן, מען זאָל זיך אײַן עצה האַלטן, וואָס צו טאָן און וויאַ אַזוי מען זאָל קענען קיין שפּאַניע קומען. כאָטשי קאָלאָמבוס האָט אים אַזוי גוט געענטפֿערט, האָט פּאַראַס פֿאַרט זייער פֿאַרשייט און זייער שאַרף גערעדט אַקעגן קאָלאָמבוסן: צום פֿאַראַדירן איז אַצינד קיין צייט ניט, ער וויל תּיכּף גיין קיין שפּאַניע, און האָט אָנגעהויבן צו שרײַען: ווער עס וויל צו מיר אַהער צושטיין, דער זאָל צו מיר קומען!" [3].

---

1 תק״ע, 97—101. דאָרט ווערן אויך געבראַכט מוסטערן פֿון דער העברעיִ-שער איבערזעצונג.

2 זע בײַלאַגע, נומ׳ 4.

3 אין דער דאָזיקער ציטאַט האַלט זיך הורוויץ ווערטלעך געטרײַ צום דײַטשן טעקסט (קאַמפּע, די ענטדעקונג פֿון אַמעריקע, I, 249). (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אויסגאַבע, 1796).

ווי ס'איז צו זען פון דער אקעדשט געבראכטער ציטאט, קארנט הורוויץ ניט אין סלאוויזמען; מען באגעגנט ביי אים גאנץ אפט אזוינע ווערטער, ווי: אוכאטניקעס, פאזוואליעט, זיך סטארען, דעקוטשען, ווערבאווין, פאקארנע, נאגראדעס, פרעזאנדגים, וויגאדע, אסטראזונג, רעגאליארנע, לאסקע, שליאכעצקי, פאוואלי, ספאסיבעס, ריצערים א. פ. א. אם כאראקטעריסטישסטן איז אבער ביי הורוויצן דער פרומער יראי-שמים-נוסח, דאס צופאסן זיך צום אלטמאדישן וועלט-באנעם. דאס צווינגט אים דערפאר שטארק צו ענדערן די טענדענץ פונם אריגינאל, ארויסצו-ווארפן די הומאניטארע אויפקלערערישע עלעמענטן פון קאמפעס ווערק, איבערלאזן בלויז דעם דערציילערישן ריין פאקטישן מאטעריאל און אים אנקליידן אין א פרום יידישלעכן לבוש. שוין אין דער פאר-רעדע שטרייכט חייקל הורוויץ באזונדערס אונטער די ריין אוטיליטאריס-טישע זייט, און ער ווייזט אן, אז „ווער עס וועט דאס בוך לייענען וועט זעהין דיא טובות וואס השם יתברך ברוך הוא האט אונדז ניטאהן מיט דעם, וואס מען האט אונדז דיא נייע וועלט מגלה גיוועז. מיר גינינן פון אמעריקא זייער פיהל גוטץ, און מיר מוזין דערפאר אפגעבין צו השם יתברך ברוך הוא א גרוים שבח והודיה". ווען ביי קאמפען, אשטייגער, דערציילט דער פאטער זיינע יונגע צוהערער, ווי אזוי קאלאמבוס איז קראנק געווארן און אראנק דעם, וואס ער האט ניט געקאנט פון דעם שיף ארפשטייגן, איז ער פון א גרויסער געפאר ניצול געווארן, — פארענדיקט דערביי דער פאטער מיט אזא סענטענץ: זעט, ווי דאס, וואס מיר קורצזיכטיקע מענטשן באטראכטן אלס אומ-גליק, באווייזט זיך אפט, אז ס'איז „איינע וואהרע וואהלטאט גאטעס" [1]. ביי הורוויצן אבער ווערט די דאזיקע שטעלע איבערגעגעבן אויף אזא אופן: „די השגחה פון השם יתברך איז זייער גרוים; ער האט ניט געוואלט, אז עס זאל אזוי איין אומרעכטע זאך אויף דער וועלט געשעהן, אזוי האט גאט ברוך הוא גישיקט א שלאפקייט אויף קאלאמבוסעס גלידער, כדי אז ער זאל ניט קענען ארויסגיין פון זיין שיף". אזוי כמעט אויף יעדן בלאט לאזט הורוויץ ניט ארוים דעם „השם יתברך" פונם מויל. קאמפע דערמאנט, אשטייגער, דעם פאנאמער שמאלן ערד-באס, וואס טיילט אפ צווי אוקינוסען, און ער ווייזט דערביי אן, אז „די נאטור האט דעם דאזיקן ערד-פאס, כדי ער זאל קענען ווידערשטיין די שטורעם-כוואליעס פון די צוויי וועלט-ימען, בארעקט מיט א קיום פון זייער

1 קאמפעס ציט. ווו., I, 108.

הויכע בערג״ 1. די דאזיקע שטעלע ווערט ביי הורוויצן איבערגעגעבן אויף א גאנץ יידישלעך פארפרומטן אופן: „גאט, ברוך הוא, האט דיא וועלט בשאפין, און האט בשאפין דיא ערד־ענגע, און פוןביידע זייטן ערד־ענגע האט ער בשאפין דעם גרויסן ים, וואס הייסט ים־אוקאיאנוס, און כדי, אז דער גרויסער ים זאל נישט דורך־רייסן די ערד־ענגע און זאל אין איינעם גיין, האט גאט ווידר בשאפין אויף דער ערד־ענגע זייער גרויסע בערג״ 2. אפילו בנוגע קארטעסן, וועלכן דער הומאנער קאמפע קאן נית מוחל זיין די בלוטיקע מעשים זיינע און זיין אוממענטשלעכע גרויזאמקייט, דער־ציילט הורוויץ מיט דערזעלבער פרומער מינע: „גאט, ברוך הוא, האט אבער געוואלט האבן, אז קארטעס זאל נאך לעבן אויף דער וועלט און ער זאל די מעקסיקאנישע לענדער איינגעמען״ 3. די דאזיקע פראזע איז ביי קאמפען ניטא; דערפאר אבער איז הורוויץ אפט מקצר דווקא דארט, ווו קאמפע ווערט באריידעוודיק. ביי קאמפען, אשטייגער, איז זיך דער פאטער מתרעם אויף קאלאמבוסן, ווייל יענער, וואס האט אדאנק זיינע אסטראנאמישע ידיעות פארויס געוווסט, אז עס וועט ביינאכט זיין א ליקוי־לבנה, האט ער דאס אויסגענוצט אויף צו סטראשען די אומוויסנדיקע אינדיאנער, און זיי דערקלערט, אז דערפאר, וואס זיי ווילן אים קיין עסנווארג נית פארקויפן, וועלן זיי די געטער באשטראפן און ביינאכט די לבנה צונעמען. דער פאטער איז ביי קאמפען מסביר זיינע יונגע צוהערער, אז דאס הייסט פארשפרייטן אבערגלויבן און פארשטארקן נאך מער די פינסטערניש ביי אומוויסנדיקע מענטשן 4. די גאנצע שטעלע האט הורוויץ ארויסגעווארפן. ער היפערט אויך איבער די גאנצע שטעלע ביי קאמפען, ווו יענער רעדט מיט צארן וועגן דעם פאנאטיזם פון די שפאניער, וואס האבן געצוווונגען די אינדיאנער אנצונעמען דעם קאטוילישן גלויבן. „אך, — רופט דער פאטער פאטעטיש אויס ביי קאמפען, — ווען וועלן שוין קומען די גליקלעכע צייטן, ווו אלץ, וואס הייסט אבערגלויבן, פאנאטיזם און פנאישע קריגע־רישקייט (גלויבנס־ראזעריי) וועט אויסגעווארצלט ווערן פון אלע מענטש־לעכע הערצער״ 5. ארויסגעווארפן ווערט אויך ביי הורוויצן קאמפעס באדויערן וועגן דעם אומרעכט, וואס ס׳איז די ארימע מעקסיקאנער מצד די שפאנישע קריגער געשען, און דעם חורבן, וואס זייער מלוכה האט

---

1 קאמפעס ציט. װ, III, 15.
2 צפנת פענח, דף ק״ל עמ׳ ב׳.
3 דארטן, דף קי״ד, עמ׳ ב.
4 קאמפע, ציט. װ., I, 256.
5 דארטן, II, 82.

איבערגעלעבט. ווען ביי קאמפע ווערט אונטערגעשטראכן, אז פיזארא איז אויך, ווי קארטעס, געווען א זייער שלעכטער און גרויזאמער מענטש, און עס ווערט דערביי ארויסגעזאגט די סענטענץ, אז אפילו גלענצנדיקע פעיקייטן זיינען ניט אימשטאנד א שלעכטן מענטשן „אין דעם אוגען אונזערער נעבענמענשען ליעבענסווירדיג צו מאכען״ [1] — ווערט דאס אויך ביי הורוויצן ארויסגעוואָרפן, ווייל די דאזיקע „גרויסע ריצערס״ זיינען דאך גאנס שלוחים א נייע וועלט צו אנטדעקן, פון וועלכער מיר געניסן „זייער פיל גוטס״.

דער אויפגעקלערטער פעדאגאג און הומאניסט קאמפע פארענדיקט זיין ווערק מיט דברי מוסר און דער פאטער ווינטשט צום סוף זיינע יונגע צוהערער, זיי זאלן אריינטרעטן אין לעבן אלס „פארציגליך טרעפפליכע אונד בראווע מענער״ [2]. דער משכילישער סוחר חייקל הורוויץ, רעכענענדיק זיך מיט זיין אוידיטאריום, פארענדיקט זיין „צפנת פענח״ דערמיט, וואס ער רעכנט אויס „דיא טובות, וואס דיא דרייא טיילן וועלט: אזיע, אירופע און אפריקא, איז ארויסגעקומען דורך דעם, וואס דיא ריצערים האבין דיא נייע וועלט געפונען, און האבין זי כובש געווען״ [3]; און ער פירט אויס צום סוף, אז „עס ווערט אויך א גרויסער האנדיל געפירט צווישן אונדזערע מענטשין און צווישן יענע מענטשין, וואס דארטין זיצין. מען טוט דורך דעם זייער גרויסע משא ומתנס; אויך זעהט מען דורך דעם דיא השגחה פון השם יתברך ברוך הוא, אז ער האט דיא ריצערים שכל איין גיגעבין זייא זאלין זיך זייער לעבן איין שטעלין צו גיין אין א זעליכי מקום סכנות לטובת הכלל״.

דער „צפנת פענח״ איז געווים א באדייטנדיקע דערשיינונג אין דער ניי־יידישער ליטעראטור אי לויט זיין אינהאלט, אי לויט זיין שפראך. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז עס וואלט געווען א טעות צו שיל־דערן זיין פארפאסער אלס טיפישן „אויפקלערער״ פון יענער תקופה. מיר זעען פאר זיך קודם־כל ניט דעם „אויפקלערער״, נאר דעם וועלטלעכן סוחר, וואס ווייסט און פארשטייט, אז אין דעם ווירטשאפטלעכן לעבן קומען פאר גרויסע שינוים, אז מען קאן ניט לעבן אפגעזונדערט פון דער ארומיקער סביבה. ווייל מען פירן געשעפטן, ווייל מען האנדלען און וואנדלען, דארף מען זיך דערוועדבן די דערצו נייטיקע פראקטישע ידיעות, דארף מען ווייסן, וואס אויף דער ברייטער וועלט טוט זיך. דאס אלץ

1 קאמפע, ציט. ח., III; 44.

2 דארטן, III, 264.

3 זע ביילאגע, נומ׳ 4.

אויפקלערן דעם אלטפרענקישן און אפגעשטאנענעם יידישן לייענער־פובליקום דארף מען, לויט הורוויצעס פעסטער איבערצייגונג, אין ד ע ר פארם און אין ד ע ם נוסח, וואס איז דעם דאזיקן פובליקום נאענט און איינגן. און הורוויץ שרייבט א דיק וועלטלעך בוך, וואס האט צו טאן מיט לויטער „ריצערים" און בלוטיקע מלחמות, אין אזא נוסח, אז אפילו דער פרומער זעלווער מגיד מאיר סגל גיט דערויף זיין הסכמה...

אין א גאנץ אנדערן נוסח איז געשריבן געווארן אין יידיש אן אנדער ווערק, וואס איז דערשינען בערך אין איין צייט [1] מיט הורוויצעס „צפנת פענח". דאס איז די אנאנימע פיעסע „די גענארטע וועלט", וואס איז פארעפנטלעכט געווארן אין זשאלקיעוו. אויך ד א ס ווערק איז מיט דער צייט אינגאנצן פארגעסן געווארן; בלויז דער נאמען זיינער ווערט דערמאנט ביי איניקע ביבליאגראפן. עס איז אבער ניט אויפגעהיט געווארן קיין איינציקער עקזעמפלאר. ערשט גאר אין די לעצטע יארן האט דער ליטעראטור־פארשער מ. ווינער אפגעפונען אן עקזעמפלאר פון א פיל־שפעטערער, געקירצטער און, ווי עס שיינט, פארקריפלטער אויסגאבע (לעמבערג, 1863) און האט באקענט מיטן אינהאלט פון דער אנאנימער „גענארטער וועלט" [2]. די פיעסע געפינט זיך שטארק אונטער דער השפעה פון וואלפסזאנס „לייכטזין אונד פרעמעליי", עס באמערקן זיך אבער אין איר אנדערע טענדענצן, ווי ביי וואלפסזאנען. קודם־כל ברעכט דער אנאנימער פארפאסער מיט דער טראדיציע פון וואלפסזאן און אייכל, און ביי אים ריידן ניט בלויז די אלטפרענקישע פארשוינען, נאר אויך די פאזיטיווע פיגורן, וואס זאגן אפילו ארויס דעם מחברס געדאנקען, אין א זאפטיקן ריינעם יידיש. אויסער דעם, לאזט דער פארפאסער אינגאנצן אומבארירט די ערשטע העלפט פון וואלפסזאנס טעמע — לייכטזין מצד די פאלש־אויפגעקלערטע און שטעלט דעם גאנצן טראפ אויף דער צווייטער העלפט — אויף צביעות. אין דער „גענארטעד וועלט" איז דער צבועק א ח ס י ד און דער אויפגעקלערטער סוחר, די פאזיטיווע פיגור, באקלאגט זיך: „פארצייטענס פלעגט מען דאך אויך צו הערן פון גוטע־יידן, פון רעבעס, אבער פון איינעם אין א גאנצער מדינה, א מאל אין א יאר. היינט האבן זיך דאס פלאדעס געיאוועט, געפלאדזשיעט, פאד־טשאדעט און פארפלייצט די גאנצע וועלט. ווו א שטעטל — דארטן רעבעס!" [3].

1 לויט מ. עריקס השערה, איז די „גענארטע וועלט" דערשינען אין 1815—1816 (ביבליאגראפישער זאמלבוך, I, 510).

2 ביבליאגראפישער זאמלבוך, I, 142—147.

3 דארטן, 147.

אַט דער מאָטיוו — קולטורקאַמף און פּאָלעמיק קעגן חסידות — מאַכט זיך באַזונדערס שטאַרק באַמערקבאַר גראָד אין יענער צייט — אין דעם צווייטן יאָרצענט פונם 19טן י"ה. און דער קאַמף ברעכט אויס אויף צוויי פאַרשיידענע פראָנטן: פון איין זייט די פּאָלעמיק און סאַטי־רישע אַטאַקעס מצד די גאַליציאַנישע משכילים קעגן די חסידים און די רביים און פון דער אַנדערער — דער קאַמף אין די דייטשע מדינות אַרום דער פראַגע וועגן רעליגיעזע רעפאָרמען. וועגן דעם אין ווייטערן קאַפּיטל.

ניינטער קאַפּיטל

די מתנגדים מיט די חסידים צוזאַמען קעגן דעם נייעם שונא. — ישראל זאַמאָשטש קעגן חסידים. — דער פּאַמפּלעט „מעשה תעתועים״. — יעקב קלמנסאָן קעגן דער „געפערלעכער״ סעקטע. — מענדל לעפינס אַנטי־חסידישע ווערק „דער ערשטער חסיד״ און „מחכימת פתי״. — דער אַנטי־חסידישער מאַנוסקריפּט „איבער דאָס וועזן דער זעקטע חסידים״. — יוסף פּערל אַלס קולטור־קעמפער. — זיין סאַטירע „מגלה טמירין״. — די רעליגיעזע רעפאָרם אין דייטשלאַנד. — די ראָלע פון ישראל יעקובזאָן. — דער קאַמף פון די אָרטאָדאָקסן קעגן דער „רעפאָרם פּאַרטיי״. — דער „נוגה הצדק״ און די „הכשר״־פּסקים. — משה קוניץ און אהרן חאָרין. — חאָרינס „עמק השוה״ און „קנאת האמת״. — אליעזר ליבערמאַן און זיין „אור נוגה״. — דער באַדייט פון ליבערמאַנס ווערק. — נחמן בערלינס קעגנשריפטן. — דער האַמבורגער „בית דין צדק״ און דער „אלה דברי הברית״. — די פּסקים פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים. — דויד קאַראָ און זיין „ברית אמת״. — די רבנים אַמאָל און היינט. — מאיר בריסילו ס פּאַמפלעט „חרב נוקמת״. — די קעגנערשריפט „להט החרב המתהפכת״. שלוס.

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז גאָר אין אָנפאַנג פונם 19טן י״ה איז איינגעשטילט געוואָרן דער קאַמף צווישן די מתנגדים און חסידים. די חסידישע באַוועגונג האָט צו יענער צייט זיך אַזוי געשטאַרקט, אַז די מתנגדים האָבן שוין מער קיין האָפענונג ניט געהאַט זי בייצוקומען. אין אַ זייער באַדייטנדיקן טייל קהילות האָט זיך די כאַכט שוין געפונען אין די הענט פון די חסידים און זייערע פירער און קעמפן קעגן זיי האָט געשמעקט מיט מסירת נפש. די מתנגדים האָבן פאַקטיש דעם קאַמף פאַרשפּילט. און ערשט דעמאָלט, ווען דער פלאַם פון דער מלחמה האָט זיך איינגעשטילט, זיינען די מתנגדים ביסלעכוויז געקומען צו דער איבער־ציי‌גונג, אַז די חסידישע „כת״ איז כלל ניט אַזוי געפערלעך פאַר דעם קיום היהדות, ווי זיי האָט זיך אין דער התחלה געדאַכט. ניט באַגרינ־דעט האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן דער פּחד, אַז די דורכן בעש״ט געשאַ־פענע באַוועגונג קאָן ברענגען צו אַ ביטול לימוד התורה. דער דאָזיקער פּחד האָט בלויז ניט ווייניק מיטגעהאָלפן, וואָס דעם ווילנער גאונס תלמידים, מיט ר׳ חיים וואָלאָזשינער בראש, האָבן געגרינדעט אַ נייע

אכסניה של תורה, די באריםטע וואלאזשינער ישיבה, וואס האט געשפילט א גאנץ באדייטנדיקע ראלע אין דעם יידישן קולטורעלן לעבן אין דער ליטע אין משך פון עטלעכע דורות. די מתנגדים מיט די חסידים צוזא־מען האבן אבער דערזעען פאר זיך א נייעם, מער געפערלעכן שונא — די השכלה־באוועגונג. מיר האבן שוין פריער [1] זיך אפגעשטעלט אויף דער געוואלדיקער סתירה, וואס ס׳האט געהערשט צווישן דעם וועלט־באנעם און קולטורעלע שטרעבונגען פון די השכלה־טרעגער און די אדעפטן פון דער חסידות־באוועגונג. עס איז דערפאר גאנץ באגרייפלעך, וואס בעת ר׳ נחמן בראסלאווער איז צוריקגעקומען פון לעמבערג, ווו ער האט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט די פארשטייער פון דער השכלה־באוועגונג, האט ער גלייך דערקלערט זיינע תלמידים, אז די דאזיקע נייע אפיקורסות שטעלט מיט זיך פאר די גרעסטע געפאר פאר דעם קיום היהדות. די חסידים האבן זיך פארהאלטן מיט דער גרעסטער שנאה צו די „בערלינער״ און יענע האבן געצאלט זייערע קעגנער מיט דער זעלבער מטבע. שוין מענדעלזאנס רבי, ישראל זאמאשץ [2], וואס האט זיינע לעצטע יארן פארבראכט אין בראד (געשטארבן אין 1772), גיט אין זיין „נזר הדמע״ אזא בילד פון די גאליציאנער חסידים: „ווי אויף דאס פאלק מיטן פליגל־געררויש, די שטאלצע קרוין פון די שיכורים אין אפרים, וואס טוען אין זייער גאווה אויפן הימל רייטן... און אויפן גאט פון די געטער ריידן זיי חידושים און וויסן דאס וויסן פון דעם אייבערשטן... זיי וויסן און פארשטייען, ווי אויפצוזאמלען די פונקען פון קדושה... און אויך די האבן דורך וויין א טעות געהאט און דורך ביר־געטראנק געבלאנדזשעט, דער כוהן, דער נביא און די בעלי־שם... אלע טאג איז ביי זיי יום־טוב, מען עסט און מען טרינקט און מען הוליעט... און איך האב געזעען—פיינע לייט כאפן דעם שענקל און די שירַיִים און קערן איבער די שיסל און אנצופילן דעם גארגל נעמט אזוינער בראנפן א פעסל, און אז ער איז שוין פול איבער די ברעגעס, דרשנט ער מעשה מרכבה... ער הייבט אויף די אויגן צום קדוש ישראל צו דער־ציילן, וואס גאט טוט, און ברומט פון א הויפן פלייש ארויס, ווי אזוי צען מאל צען טויזנטער וועלטן זיינען באשאפן געווארן מיט אמת און מיט יושר... און זוכט די פארבארגענישן פון דער תורה און דורך בהמהשע מעשים איז ער משיג דעם, וואס זיצט אויבן... זון מיינער, גיי ניט מיט זיי״ [3].

---

1 זע אויבן ז׳ 228 און ווייטער.

2 זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז׳ 237—239.

3 נזר הדמע, כ״ח—כ״ט; גרעץ (ציט. וו. ב׳ XI, 548) און נאך אים דובנאוו (ציט. וו. ב׳ I, 120) ווייזן אן, אז קענן בעש״טס נאכפאלגער איז שוין אויך ארויס־

אין יאר 1790 איז אין פראנקפורט ביים מאין רערשינען אן אנאָנימער פאמפלעט „מעשה תעתועים" 1, געווענדעט קעגן דעם פראנקפורטער מקובל נתן אדלער און זיינע חסידים, וואס האבן געגלויבט, אז אדאנק זייערע התלהבותדיקע תפילות און אריינדרינגען אין די סודות פונם זוהר און דעם אר"ים קבלה—רוט אויף זיי דער רוח נבואה און זיי קענען פאַרויסזאגן, וואס עס וועט מיטן מענטשן פאסירן. זיי האבן אנגעווארפן א שרעק אויף מענטשן דערמיט, וואס זיי פלעגן זיי פאראויסזאגן דעם טאג פון זייער באלדיקן טויט. מיר האבן ליידער ניט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט דעם דאזיקן פאמפלעט און וויסן וועגן אים בלויז אויס די ציטאטן, וואס ווערן געבראכט אין דער רעצענזיע אינם „המאסף" (1790, 28—30). א באגריף וועגן דעם סטיל פון דעם אנאנימען „מעשה תעתועים" קאן געבן פאלגנדיקע סטראפע, ווו עס ווערט אויסגענוצט דער מאמר חז"ל, אז זינט דער בית־המקדש איז חרוב געווארן „נטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לשוטים":

מֵעֵת הָחְרְבָה קִרְיַת הַמּוֹעֲדוֹת
תַּם הֶחָזוֹן, סָפוּ יוֹדְעֵי עֲתִידוֹת,
כִּי אָבְדוּ חַכְמֵי עִיר, גָּאֳלַם אִישׁ רוּחַ.
צָץ מֵעֵת רַבּוּ אֱוִילִים וְהִתְחַבָּרוּ
פָּרְצוּ הַחוֹזִים וְהַמַּשָּׂאוֹת גָּבְרוּ
כִּי הָאֱוִיל הַנָּבִיא, מְשֻׁגָּע אִישׁ רוּחַ 2

אין איינִיקע יאר ארום, אין 1796, האט איינער פון די ערשטע בערלינער משכילים אין ווארשע, יעקב קלמנסאן, פארעפנטלעכט א פראנִי־

געסראסן שלמה חעלמא אין דער פארערדע צו זיין „מרכבת המשנה". עס לייגט זיך אָבער ניט אויפן שכל: חייל חעלמא האט זיין הקדמה געשריבן אין 1750, איז עס זייער שווער צו גלויבן, אז שוין דעמאלט, בעת דער בעש"ט האט בלויז געהאט א קליינע צאל אנהענגער ביי זיך אין דער אוקראינע, זאל דער רב חעלמא, וואס האט צו יענער צייט געלעבט אין זאמאסטיע, שוין האבן געגויע ידיעות וועגן דער נייער באוועגונג.

1 מעשה תעתועים, מזהיר מחברת אנשים צבועים פועלי און מעשי תעתועים, המתקדשים והמטהרים במעשים זרים וישימו עיניהם על רעיהם לפתותם באמרי שפר, ככל הכתוב בספר.

2 לויט ה. צייטלין (קרית ספר, 137) איז דער פארפאסער פון „מעשה תעתועים" דער באוווסטער האלף היידענהיים (זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, ז' 218—219). היידענהיימס ביאגראף, לואיס לעווין, לייקנט דאס אבער אנכשיידן אפ און זאגט א־ויס די השערה, אז דעם פאמפלעט זאל האבן געשריבן משה קערנער, דער פארפאסער פון „רשפי קשת" (מאנאטסשריפט פ' געש. א. ויס. 1932, 2).

צוויזיש ביכל „וועגן מצב פון די יידן אין פוילן און וועגן דער מעגלעכקייט אים אויסצובעסערן“ [1]. צווישן די פראיעקטן פון רעפארמעס, וואס דער פארפאסער לייגט פאר דער רעגירונג, איז פאראן א ספעציעלער פונקט וועגן דער פארטיליקונג פון דער חסידות-באוועגונג. די סעקטע חסידים, — דערקלערט קאלמאנסאן, — זיינען א חברה פאנאטיקער, און די דאזיקע געפערלעכע סעקטע מוז אויסגעוואָרצלט ווערן [2].

די חסידים אבער פון זייער זייט זיינען אויך געווען פעסט איבערצייגט, אז די משכילים מיט זייערע „אפיקורסישע“ אידעען זיינען זייער שעדלעך, און אויך זיי האבן געכונען, אז „די דאזיקע געפערלעכע סעקטע מוז אויסגעוואָרצלט ווערן“, און וואס מער די חסידישע באוועגונג איז געוואקסן אין צאל און מאכט, אלץ אפטער און שארפער ווערן אירע אנפאלן אויף די משכילישע קרייזלעך. די פריער פארפאלגטע זיינען אליין געווארן פארפאלגער. „גאט זאל מיך אפהיטן פון א גערודפטן, וואס איז מיטאמאל אליין געווארן א פארפאלגער (והרחמן יצילני מן הנרדף ששב להיות רודף) — רופט אויס מיט פארביטערונג איינער פון די באדייטנדיקסטע פערזענלעכקייטן, וואס די יידישע קולטור האט צו פארדאנקען דער השכלה-תקופה, נחמן קראכמאל, אין זיין באוווסטן „אגרת התנצלות“ נאך דעם חרם, מיט וועלכן די לעמבערגער חסידים בראש מיטן רב אָרינשטיין זיינען ארויסגעטראטן קעגן די גאליציאנער משכילים [3].

צו דער זעלבער צייט האבן אויך די חסידים געמאכט זייערע ערשטע ענערגישע פרווון צו פארשפרייטן דורך דאס געדרוקטע ווארט זייערע אידעען אין דיברייטע שיכטן פון דער פאלקס-מאסע. ביי זיי איז גאר ניט געשטעלט געווארן די פראגע, צי דארף מען זיך באנוצן צו קולטורעלע צוועקן מיט דער פאלקס-שפראך, צי איז דער „זשארגאן“ מיאוס צי ניין. אלס אמתע פאלקס-באוועגונג האט דער חסידיזם זיך געווענדעט צו די ברייטע פאלקס-שיכטן אויף פשוט מאמע-לשון, אויף דער שפראך פון די מאסן, באנוצט זיך מיט איר ניט בלויז אלס אגיטאציאנסמיטל, נאר ווי מיט א חשובן און העכסט וויכטיקן קולטור-פאקטאר, מיט וועמענס הילף מען קאן ווערן געהייליקט און דערהייבן, דערגרייכן די העכסטע בחינות און מדרגות...

---

1 Jacques Calmanson : Essai sur l'état actuel des juifs de Pologne et leur perfectibilité, Varsovie, 1796,

2 מיר ציטירן לויט דובנאָוס געשיכטע פון חסידיזם, I, 110 ; II, 74.

3 מערב אריכות וועגן דעם דאזיקן חרם — אין דעם נעכסטן באנד.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אין איין און דעמזעלבן יאָר (1815) זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יידיש ר׳ נחמן בראַסלאַווערס „סיפּורי מעשיות״ און „שבחי בעל שם טוב״, און ביידע אויסגאַבעס האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. דאָס אַלץ האָט שטאַרק אויפגע־בראַכט די קליינע משכּילישע קרייזלעך, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געבילדעט אין בראָד, לעמבערג און טאַרנאָפּאָל; עס איז ביי זיי דער־פאַר רייף געוואָרן דער באַשלוס צו קעמפן מיט דעם זעלבן געווער, אויסצונוצן די פאָלקסשפּראַך אין זייער קאַמף קעגן דעם געפערלעכן שונא.

דעם ערשטן פּרוּוו האָט געמאַכט דער אַלטער מענדל לעפין, וואָס איז נאָך אין זיין פראַנצויזישער בראָשור (זע א. וו., באַנד V, ז׳ 326) זייער פיינדלעך אַרויסגעטראָטן קעגן דער „נייער סעקטע (די חסידישע), וואָס מאַכט פון פאַנאַטיזם און פון אָבערגלויבן די הויפּטבאַזע פון רעליגיע״. שוין דאָרט האָט לעפין אָנגעוויזן, אַז „מען דאַרף אויפפאָדערן די רבנים אָנצוגרייפן ענערגיש דורך אַ מבול שריפטן אויף דער חסידישער באַוועגונג, וואָרעם, אויב ס׳וועט בלייבן די איבערגעוויכט פון חסידים, קאָן ניט זיין קיין שום האָפענונג אויפצוקלערן דאָס יידישע פאָלק. חסידות דאַרף מען אָבער אויך אַטאַקירן אין די משכּילישע שריפטן און זשורנאַלן אויף אַן איראָנישן אופן, מאַכנדיק לעכערלעך די צדיקים און פאַרשטעלנדיק די קאָמישע זייטן און אומגעלומפּערטע דערקלערונגען, וואָס געפינען זיך אין זייערע מיסטישע שריפטן [1]. איצט, ביים אויפ־בלי פון דער חסידישער פאָלקס־ליטעראַטור, האָט דער אַלטער לעפין אַליין געמאַכט דעם פּרוּוו צו פאַרווירקלעכן זיין פּראָיעקט — צו שאַפן אַ קעמפערישע סאַטירישע השכּלה־ליטעראַטור, און ער פאַרפאַסט אין יידיש זיין „ערשטן חסיד״, וועגן וועלכן גאָטלאָבער דערציילט אין זיינע זכרונות. די משכּילים אין גאַליציע זיינען אָבער געווען זייער קליין אין צאָל, — האָט לעפין אוים מורא פאַר רעפּרעסיעס מצד די חסידישע פאַנאַ־טיקער ניט פאַרעפנטלעכט זיין ווערק און מיט דער צייט איז עס פאַר־לאָרן געגאַנגען. ניט פאַרעפנטלעכט איז אויך געבליבן זיין פּאַמפלעט קעגן חסידים, וואָס לעפין האָט אין העברעיש געשריבן — „מחכּימת פּתי״, און ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט ישראל וויינלעז געפונען דעם מאַנוסקריפּט אין דעם פּערל־אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין טאַרנאָפּאָלער ביבליאָטעק. דער דאָזיקער פאַרדינסטפולער אויספאָרשער פון פּערל־אַרכיוו כאַראַקטעריזירט לעפינס אַנטי־חסידישן פּאַמפלעט אויף אַזאַ אופן: „די דאָזיקע בראָשור איז אַ פּאַמפלעט קעגן די בעש״טישע חסידים אין דער

1 זע מ. עריק, עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע, 142—143.

פארם פון בריוו צווישן אן איטאליענישן יונגנמאן, וואס איז אראפגעקומען קיין פוילן, צו א באקאנטן פון זיין פאטער און צו זיין פאטער גופא. אויך ווערט געבראכט א קארעספאנדענץ צווישן די חסידים אשרהענעך און דוד־בער און פיל אנדערע פון דער כיתה. ביי דער געלעגנהייט ווערן געבראכט ציטאטן פון שבחי בעש״ט און לקוטי מהר״ן, און ס׳ווערן אנטפלעקט די לעכערלעכקייטן און דער אבערגלויבן, וואס קומט פאר אין די דאזיקע חיבורים; בפרט ווערט ארויסגעזוכט די גרויסע סתירה פון דעם בעש״טס נייער תורה צו דער טראדיציע און צו דער תלמודישער ליטעראטור. פארשטייט זיך, אז נים נאר די צוויי ספרים אליין ווערן דא ציטירט; אויך די גאנצע חסידישע ליטעראטור, אויף ווי ווייט זי איז דעמאלט געווען באקאנט, ווערט צוגעצויגן און שארף קריטיקירט. אויך ווערט ארומגערעדט דער ווערט און דער אפשטאם פון זוהר. ס׳ווערט אויך אויפגעוויזן (?), אז דער מחבר און ארויסגעבער פון „שבחי בעש״ט״ איז געווען א באקאנטער „ליגנער און שווינדלער״ [1].

נים פארעפנטלעכט איז אויך פארבליבן דאס אין דייטש געשריבענע „איבער דאס וועזען דער זעקטע חסידים, אויס איהרען אייגענען ווערקען געצאגען״, וואס איז פארפאסט געווארן באלד נאך דעם אויבן דערמאנטן חרם קעגן די משכילים אין 1816. דאס ווערק איז פארשפרייט געווארן בלויז אין שריפטלעכע קאפיעס און אויפן סמך פון אזא אפשריפט האט ערשט אין די לעצטע יארן דער היסטאריקער דובנאוו באקענט מיטן אינהאלט און כאראקטער פון דעם דאזיקן פארגעסענעם האנטשריפטלעכן ווערק [2]. דער אומבאקאנטער פארפאסער ווייזט אן, אז ווען אפילו די חסידישע באוועגונג האט דערווייל נאך נים באהערשט די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין פוילן, דאך קאן מען פארויסזעען, אז אין משך פון נאך פופציק יאר וועט זי זיך פארשפרייטן מיט אן עפידעמישער קראפט און אלע פוילישע יידן וועלן געהערן צו דער „סעקטע״. דאס וועט געווים ברענגען גרוים שאדן דעם גאנצן פאלק, ווייל די נייע מיסטישע תורה איז גאנץ פרעמד דעם גייסט פון אמתער יידישקייט. ער, דער מחבר, קאן נים רויק צוזען, ווי טויזנטער ברידער זיינע קריכן אלץ מער אריין אין זומפ פון אבערגלויבן, נים געקוקט אויף דעם גוטן ווונטש פון דער רעגירונג זיי צו „קולטיווירן״, און דערמיט וועקן זיי נאך מער שנאה צו יידן ביי די פעלקער. ער האלט זיך פאר מחויב אויפצודעקן די סכנה, וואס שטעקט אין דער נייער מיסטישער תורה, אזוי ווי

1 ייהאַ־בלעטער, ב׳ II, 349.

2 ייהאַ־בלעטער, ב׳ I, 4—8.

א מענטש, וועלכער זעט, ווי עס ברענט אויס א פייער אין דער נאכט און כ׳הייבט זיך אָן א שׂרפה, וואָס קאָן חרוב מאַכן די גאַנצע שטאָט, מוז אויפהייבן א געוואַלד-געשריי [1].

דובנאָוו ווייזט דערביי אָן, אַז דער מאַטעריאַל פון דעם דאָזיקן האַנטשריפטלעכן ווערק איז אויסגענוצט געוואָרן ביי צוויי עלטערע יידישע היסטאָריקער—פעטער בעער און מאַרקוס יאָסט [2] אין די קאַפּיטלעך פון זייערע ווערק, ווו זיי ריידן וועגן חסידות; און ביידע היסטאָריקער ווייזן טאַקע דערביי אָן, אַז זיי האָבן געשריבן אויפן גרונד פון א מאַנוסקריפּט, וואָס עס האָט זיי צוגעשיקט דער גאַליציאַנער בלל-טוער און שריפט-שטעלער יוסף פּערל פון טאַרנאָפּאָל.

עס איז אויסער ספק, אַז דאָס דאָזיקע אַנאָנימע ווערק איז געשאַפן געוואָרן אין דעם ענגן קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דעם רייכן און געבילדעטן יוסף פּערל [3]. און טאַקע פּערל איז געווען דער ערשטער צווישן די משׂכּילים, וואָס האָט געהאַט דעם מוט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן, ווען אַפילו באַהאַלטן אונטער א פּסעוודאָנים, מיט א בייסנדיקער סאַטירע קעגן די חסידים און זייערע פירער.

יוסף פּערל איז געבאָרן אין א רייכער סוחרישער פאַמיליע אין טאַרנאָפּאָל (נאָוועמבער 1773). וועגן זיין דערציִונג אין די יונגע יאָרן דערציילט פּערל אין זיינעם א דייטשן בריוו פון 1812: „לײדער איז דאָ ניט געווען דער אָרט צו באַקומען א צוועקמעסיקע דערציִונג. קיין שום שול און קיין שום פאַסיקע לערער זיינען דאָ ניט געווען... א גרויסע שטערונג איז אויך געווען דער פּלאַן, וואָס מיינע עלטערן האָבן געהאַט וועגן מיין צוקונפט. נאָך אין די יונגע יאָרן האָט מען מיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט תּלמוד-לערנען, ווייל מיינע עלטערן האָבן מיך געוואָלט מאַכן פאַר א רב. האָב איך געמוזט בלויז בגניבה לערנען די דייטשע שפּראַך. אין א פאַרבאָרגענעם ווינקל האָב איך אָנגעהויבן לייענען דייטשע

---

1 ייחא-בלעטער, ב׳ I, 5.

2 יאָסט ווייזט אָן אין זיין קולטור-געשיכטע (1847, 80), אַז ער האָט באַקומען דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט צוגעשיקט פון יוסף פּערל אין 1828.

3 אין דער צייטשריפט „Сион" (1861, 301) ווערט אָנגעוויזן, אַז דאָס ווערק זאָל האָבן פאַרפאַסט איינער א יונגער מאַן B. S. אויס טאַרנאָפּאָל, פּערלס א גוטער פריינד. ישראל וויינלעס האָט אַרויסגעזאָגט די השערה (ייחא-בלעטער, III, 89—90), אַז אונטער די דאָזיקע ראשי תּיבות איז באַהאַלטן באַזיליוס שטערן. דאָס איז אָבער שווער צו גלייבן, ווייל שטערן איז אין 1816 בסך-הכּל אַלט געווען 18 יאָר. העכסט וואַרשיינלעך האָט שטערן בלויז געמאַכט אַן אָפּשריפט פון דעם מאַנוסקריפּט אין טאַרנאָפּאָל און זי מיט זיך געבראַכט קיין אָדעס, אָבער ניט ער איז געווען דער פאַרפאַסער.

ביכער, און גאנץ אפט האב איך געמוזט האבן ביי דער האנט א העבּ־רעישן ספר, וועלכן איך פלעג גלייך עפענען, ווי נאר איך האב דערהערט, אז ס׳דערנעענטערן זיך מיינע עלטערן, און אונטער אים באהאלטן דאס דייטשע בוך״ [1]. צו פערצן יאר האט מען פערלען חתונה געמאכט; דאס יונגע בעל־הביתל האט געגעסן קעסט, געווען א הייסער חסיד, געפארן צו רביים, געטאנצט מיט די חסידים, פארנומען זיך מיט קבלה און געהערט כפורי נפלאות וועגן די צדיקי הדור. צוליב דעם פאטערס געשעפטן איז אבער דעם יונגן פערלען אויסגעקומען צו באזוכן גרויסע האנדלס־שטעט אין עסטרייך און דייטשלאנד,—האט ער זיך אנגעהויבן צו באקענען מיט דער ברייטער אייראפעיִשער וועלט, געווארן אנגעשמעקט מיט דער „בערלינער״ השכלה, מיטן גאנצן יונגן אימפעט זיך גענומען צו זעלבסטבילדונג און דער געוועזענער חסיד איז געווארן אן אויפקלע־רער און קולטורקעמפער.

אין די יארן, ווען טארנאפאל האט זיך געפונען אונטער דער רוסי־שער מאכט (1809—1816), האט פערל געגרינדעט ביי זיך אין הויז א מאדערנע מוסטער־שולע פאר יידישע קינדער. אונטער דער לייטונג פון איר ענערגישן און געבילדעטן דירעקטאר איז די שול געווארן זייער פאפולער [2]. פערל האט אויך געמאכט אן אינטערעסאנטן פרווו צו באַ־זארגן די שול־יוגנט מיט א כּפעציעלער פעריאדישער צייטשריפט און האט אין משך פון 1814—1816 ארויסגעגעבן א יאר־אלמאנאך „ציר נאמן״, ווו עס זיינען אויסער ריין־פראקטישע ידיעות אויך געגעבן געווארן פאַ־פולער־וויסנשאפטלעכע ארטיקלען און קלענערע אויפזאצן וועגן עטיק און מוסר [3].

ווען טארנאפאל איז ווידער אריבערגעגאנגען צו עסטרייך, האט פערלס לערנאנשטאלט אונטערן נאמען „דייטש־איזראעליטישע הויפטשולע״ באקומען די רעכט פון א מיטל־שול. ווען פערל האט אין 1819 איבער־געגעבן די שול דער יידישער שטאט־געמיינדע, האט די רעגירונג באַ־שטעטיקט פערלען אויפן גאנצן לעבן אלם דירעקטאר פון דער הויפט־

---

1 פון יוסף פערלס ארכיוו אין „היסטארישע שריפטן״ I, 811—812

2 עס איז געווען אנצוווייזן, אז די שול איז געעפנט געווארן מיט 13 תלמידים, אבער אין יאר 1819 האבן שוין דארט געלערנט 118 תלמידים (היסטארישע שריפטן, I, 810), און אין 1820 — 160 תלמידים (בכורי העתים, I, 143). אויסער תנך, משנה און גמרא, האבן די תלמידים געלערנט אויך אייראפעיִשע שפראכן און עלעמענטארע נאטורוויסנשאפט (זע פין, שזה לנאמנים, 118: הנערים למדו בבית הזה למודי הדת, מקרא, משנא וגמרא ולשונות שונות וראשית לימודי המדעים).

3 זע יד.־רוסישע ענציקל., ב׳ XII, 404.

שול 1. נעבן דער שול, וואָס איז שוין געווען באַזאָרגט מיט אַן אייגענער געביי־דע, האָט פערל איינגעאָרדנט אַ רעפאָרמירטע סינאַגאָגע, ווו ער פלעגט אין די יום־טוב־טעג האַלטן פריידיגן אויף דייטש. דער אמאָליקער חסיד איז איצט געווען דער פאַרביטערטער קעגנער פון חסידות, האָט געזעען אין איר בלויז דעם פינסטערן, פאַרגרעבטן אָבערגלויבן און דעם געפערלעכסטן שונא פון וויסן און אויפקלערונג. און שוין ביי פערלען באַגעגענען מיר דעם פאַקט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קולטורקאַמף, וואָס די משכּילים האָבן געפירט קעגן די חסידים. שוואַך און קליין אין צאָל, האָבן די משכּילים אין זייער פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם געפערלעכסטן שונא געהאַלטן אַלע מיטלען פאַר גוט און פּאַסיק און זיי האָבן זיך ניט אָפּגע־שטעלט אפילו פאַר מסירות ביי דער רעגירונגס־מאַכט. אין די לעצטע יאָרן (מאָנאַטסשריפט, 1927, 308—311) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פערלס אַ שאַרפע מסירה צום קרייזאַמט־פּרעזידיום אין טאַרנאָפּאָל, ווו ער מאַכט אויפמערקזאַם, אַז דער אין יענער צייט זייער פּאָפּולערער זשי־דיטשעווער צדיק, צבי־הירש אייכענשטיין, האָט בדעה צו מאַכן אַ רייזע קיין זבאַרזש אויף שבת. און אַט דער באַזוך פון דעם „געוויסן אויבער־הויפּט דער זאָ שעדליכען זעקטע חסידים" קאָן ברענגען שעדלעכע רעזול־טאַטן זיין לערנשול, ווייל עס וועלן דאָך אַהין אויך קומען אויף שבת טאַרנאָפּאָלער יידן און דער רבי וועט פירן צווישן זיי זיין ווילדע אַגי־טאַציע. און פערלס מסירה האָט געהאַט דערפאָלג: גלייך אויפן אַנדערן טאָג איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ באַפעל דעם זבאַרזשער מאַגיסטראַט־פאָרשטייער, יענער זאָל שטרענג השגחה האָבן און ווי נאָר עס וועט זיך דאָרט באַווייזן דער דאָזיקער „פּאָלשער רבי" (אירלערער), אים תּיכּף משלח זיין פון דאָרטן.

נאָכן חרם אין לעמבערג [2], פון וועלכן עס האָבן געליטן אייניקע זיינע פריינד, האָט דער קאָמפּסלוסטיקער פערל זיך ניט באַנוגנט בלויז דערמיט, וואָס אַדאַנק זיין איניציאַטיווע איז געשאַפן געוואָרן די אויבנ־דערמאָנטע אַנטי־חסידישע שריפט „איבער דאָס וועזען דער זעקטע חסידים". ער וויל באַקעמפן די אים אַזוי פאַרהאַסטע „סעקטע" מיטן שאַרפסטן געווער — מיט דער בייטש פון דער סאַטירע, מיטן צאַרנדיקן געלעכטער; און ער שרייבט זיין באַרימטן „מגלה טמירין", וואָס ער האָט

---

1 באריכות וועגן דער געשיכטע פון פערלס שולע זע: בער גאָלדענבערגס „אוהל יוסף" (לעמבערג, 1866).

2 וועגן דעם אינם היסטאָרישן באַנד.

פארעפנטלעכט אין העברעיִש אין ווין אין 1819 אונטער א פארשטעלטן נאמען עובדיה בן פתחיה [1].

ביז גאר דער לעצטער צייט איז געווען באקאנט בלויז דער העברעיִשער טעקסט פון פערלס אין ווין פארעפנטלעכטער און צוויי מאל דערנאך איבערגעדרוקטער סאטירע. ישראל ווײַנלעז האט אבער פאר אייניקע יאר געמאכט אן איבערראשנדיקע אנטדעקונג: אין דעם פערל־ארכיוו, וואס געפינט זיך אין טארנאפאלער ביבליאטעק, האט ער געפונען עטלעכע מאנוסקריפטן אין א ריינעם קערנדיקן יידיש, דערונטער א ראמאן אין פינף חלקים מיטן נאמען „אנטיגנוס“ און אויך א יידישע באארבעטונג פונם „מגלה טמירין“ [2]. עס איז אויסער ספק, אז פערל האט אלס פארבילד פאר זיין סאטירע אויסגענוצט די בארימטע „Epistolae obscurorum virornm“ וואס זיינען פארפאסט געווארן געניי מיט דריי הונדערט יאר פריער (1515) אין סאמע ברען פון מחלוקת צווישן דעם הומאניסט רייכלין און דעם באוווסטן משומד און יידן־פיינד פפעפערקארן, וועלכן ס׳האבן אונטערגעהאלטן אין זיינע אנפאלן אויפן תלמוד און אויפן יידנטום די דאמיניקאנער און אנדערע רעאקציאנערע עלעמענטן. אין דעם הומאניסטישן לאגער זיינען געשאפן געווארן די אנאנים־פארעפנטלעכטע „בריוו“, וואס ס׳האבן פלומרשט געשריבן פארשיידענע רעאקציאנערן און אבסקוראנטן דעם הויפט־קעגנער פון דער הומאניס־טישער באוועגונג ארטואן גראציא. די בריוו אימיטירן זייער געלונגען דעם סטיל פון די דעמאלטיקע סכאלאסטן און אבסקוראנטן: א פאר־דארבענער לאטיין, אויסגעמישט מיט דייטשע ווערטער. דער בארבא־רישער סטיל, די ווילדע קלאץ־קשיות, וואס ווערן אין די בריוו געשטעלט מיט אזא ערנסטער טיף־געלערנטער מינע, די קליינלעכע אינטריגעס און השגות פון די אלע קארעספאנדענטן, — אלץ איז צוגעשפיצט צו איין באשטימטן ציל — באגיסן מיט שפאט דעם פיינדלעכן לאגער, בלויז־

1 אייניקע ליטעראטור־פארשער האבן אפילו ארויסגעזאגט זייערע ספיקות, צי איז ווירקלעך יוסף פערל געווען דער פארפאסער פון דעם „מגלה טמירין“; אנדערע ווידער האבן ארויסגעזאגט זייער השערה, אז די בארימטע סאטירע זאל האבן פאר־פאסט יצחק־בער לעווינזאן. די אלע השערות האבן אבער זיך ארויסגעוויזן אלס פעליק אומבאגרינדעטע נאך דעם, ווי עס איז אין דעם „זהב שבא“ און אין דעם „מכתבי בני קדם“ פארעפנטלעכט געווארן שמשון בלאכס און שלמה ראפאפארטס בריוו צו יוסף פערלען, וואו עס ווערט בפירוש אנגעוויזן, אז יוסף פערל איז דער פארפאסער פון „מגלה טמירין“.

2 דער דאזיקער יידישער טעקסט פון „מגלה טמירין“ ווערט איצט געדרוקט צום ערשטן מאל אין דער ביבליאטעק פון „ייווא“, און מיר האבן זיך באנוצט מיט די קארעקטור־בלעטער, וואס דער „ייווא“ האט אונז פריינדלעך צוגעשיקט.

שטעלן פאַר דער גאַנצער וועלט די נישטיקייט, טאַלענטלאָזיקייט און עם־הארצות פון דעם צד שכנגד, פון די, וואָס קעמפן קעגן די הומאַניסטן, קעגן דעם נייעם וועלט־באַנעם...

דער „מגלה טמירין" איז אויך פאַרפאַסט אין פאָרם פון בריוו, וואָס ס׳האָבן געשריבן איינער צום אַנדערן יידישע „Obscurorum virorum" (טונקל־מענער): דעם רבינס גבאי ר׳ זעליג, דער חסיד ר׳ זאַנוויל און אַ פּאַק אַנדערע חסידים. דער סטיל פון די בריוו אינם העברעישן „מגלה טמירין" איז אַ פּאַראָדיע אויף דעם סטיל פונם „שבחי הבעש״ט": אַ טיפּישער געמיש פון פאַרדאַרבענעם העברעיש פול מיט יידישיזמען און סלאַוויזמען. פּערל, דער פאַרביסענער קעגנער פון חסידות און ענערגישער קעמפער פאַר אויפקלערונג, גיט אין זיין סאַטירע אַ זייער איינזייטיק קאַריקאַטור־בילד פון די אים פאַרהאַסטע וואָלינער און גאַליציאַנער חסידים און זייערע רביים. אַלע זיינען די געמאָלט מיט איין פאַרב — פעך שוואַרץ. אַלע רביים זיינען לויטער געלט־גיריקע שווינדלער, און דער בעש״ט גופא ווערט ביי פּערלען געשילדערט אויף אַזאַ אופן: „ער איז געווען אַ פּראָסטער בעל שם, ווי אַנדערע זיינס גלייכן, און האָט נישט גיקענט לערנין, נאָר ער האָט גיהאַט גרויס חוצפּה און איז געווען אַ שרעקליכער שווינדלער, מער ווי אַנדרי זיינס גלייכן" 1. און דאָך פילט זיך אין דער דאָזיקער סאַטירע אַן אמתע מייסטער־האַנט. פּערלען געלינגט פון דעם פּאַק בריוו (151 בריוו) צו שאַפן אַ איינהייטלעך, ווען אַפילו זייער איינזייטיק בילד פון דעם דעמאָלטיקן אָפּגעשטאַנענעם אומנאָרמאַלן יידישן לעבן; און אַפילו דער מאָדערנער לייענער באַטראַכט מיט אינטערעס אַט די פונם סאַטיריקער אויסגעלאַכטע גאַלעריע משונה אומגעלומפּערטע, קאָמישע פּאַרשוינען, מיט זייער האַלבגעצנדינערישן וועלט־באַנעם, מיט זייער ווילדן פּחד פאַר אַלץ, וואָס איז אויסער זייערע קליינלעכע השגות, און מיט זייער טיפער שנאה צו די טרעגער פון וויסן און אויפקלערונג.

צום סוף פון „מגלה טמירין" גייט נאָך די בריוו (ז׳ 221—242) אַ באַזונדערע לעבנסבאַשרייבונג פון אַ חסידישן רבין „גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרנאָאָסטראָה". דאָ שרייבט שוין פּערל מיט זיין אייגענער שפּראַך, און די שפּראַך פון דעם דאָזיקן גאַליציאַנער משכיל איז אַ סערניקע און אַ זאַפטיקע. מיר ברענגען דאָ אַלס מוסטער צוויי גרעסערע ציטאַטן:

... זיי האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען דעם שכל, אַז השי״ת האָט מײַן קיין שום זאַך נישט בעולמו, נאָר וואָס די צדיקים זאָלן נחת רוח

---

1 מגלה טמירין, 122.

האָבן; נמצא, דאַרף מען זיי פיל געלד געבן, זאָלן זייער גוט עסן, גוטע וויַינען טרינקען, אין זייער טייערע מלבושים גיין, זייערע ווייבער און טעכטער און אייניקלעך—אין גרויסע פּערל און דימענטוואַרג. פון וועמעס וועגן דען האָט השי״ת אַלדוס גוץ (גוטס) אויף דער וועלט באַשאַפן, אַז נישט פון די צדיקים וועגן? קען מען דען זיך משער זיין די גדולה, וואָס השי״ת מיט דער שכינה האָבן, אַז דער רבי עסט זייער אַ גרויסן אַביאַד און מען טראָגט אים געלד פון אַלע זייטן? אביונים, עניים, נעביך, נעמען דאָס אונטערשטע ביסל אַרומקייט, זעניען דאָס מקריב אזוי, ווי אַ קרבן פאַר דעם צדיק (ז׳ 223).

... פרומע נשמות, נעביך, וואָס העטין גערן צום רבי צו גיטרעטן, נאָר מחמת חסרון כּיס לייגן זיי אָפּ אויף שפּייטער, טאָמער וועט זיי דערוויַיל עפּיס גאָט באַשערן. אַז זיי זעען שוין די בויד שטיין דרויסן *, דאָ הייבט מען זיך שוין: דער לויפט לייען, דער פאַרזעצט משכּנות, דאָס ווייב גנבט אַראָפּ פונם מאַנס געלד. אַלע לויפן! די שווערע הער־צער, מיט ציטערדיקע קינדער, די מפּלת נופלים, חולים — אַלע סטאַרען זיך, נעביך, לפי כּוחם, מיט וואָס זייער יכולת קען זיין, און שטופן זיך שוין אין הערט (גורטאָם) מיט די קעפּ בענטשן... (ז׳ 240).

אין דער זעלבער צייט, ווען די גאַליציאַנער משכּילים האָבן מיט זייערע יידישע און העברעיִשע פּאַמפלעטן באַקעמפט די חסידות־באַוועגונג, האָט אין דייטשלאַנד דער העברעיִשער פּאַמפלעט געדינט אַלס קאַמפסמיטל אין דער מחלוקת, וואָס ס׳איז אויסגעבראָכן אַרום דער פראַגע וועגן רעליגיעזער רעפאָרם.

מיר האָבן שוין אין די פריִערדיקע קאַפּיטלעך אָנגעוויזן אויף די שטאַרקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן ביי די אינטעליגענטע קרייזן פונם דייטשן און פראַנצויזישן יידנטום. ס׳איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער דעוויז, אַז „די יודען זינד דורכאויס קיין פאָלק, זיע זינד נור אַלס קאָנפע־סיאָן צו בעטראַכטען״, ד״ה יידן זיינען כּלל ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעלי־גיעזער קיבוץ. די לאָגיק פון די געשעעניש האָט אָבער געפאָדערט צו מאַכן נאָך אַ וויַיטערן שריט. יידן אונטערשיידן זיך טאַקע פון די איבע־ריקע מיטבירגער בלויז מיט זייער אמונה. די אמונה איז אָבער פאַר־בונדן מיט קולט, מיט פאַרשיידענע מנהגים און מסורת אבות. האָט דערפאַר די אַסימילאַציע־באַוועגונג געמוזט אויך אַריינדרינגען אין דעם ריין־רעליגיעזן געביט, וויַיל דער אַלטיִדישער קולט האָט זיך געפונען אין אַ צו שטאַרקן דיסאָנאַנס מיטן אַרומיקן לעבן. האָט מען אין אַלטעגלעכן

---

* די בויד, אין תּעלכער דער רבי פאָרט אָפּ פון שטאָט.

לעבן, אין שטוב, אויף דער גאַס, אויף פאַרזאַמלונגען זיך געפירט „לייטן גלייך", ווי אַלע אַנדערע מיטבירגער, געטראָגן די זעלבע טראַכט, גערעדט איינע און די זעלבע שפּראַך, — האָט מען דאָס אויך געוואָלט איבער־טראָגן אין דער שול: דאָס יידישע געבעטהויז זאָל אויך זיין וואָס ענ־לעכער צום פּראָטעסטאַנטישן טעמפּל. דערצו מוז מען נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז די יידישע רעליגיע טראָגט אין זיך צו פילע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס האָבן ממש שאָקירט די דייטשן „מאָזאַישער קאָנפעסיאָן" *. די ראָמאַנטישע שטימונגען אין דער דייטשער ליטעראַטור און געזעל־שאַפט האָבן געשטאַרקט דעם אינטערעס צו רעליגיעזע פראַגן און דאָס האָט נאָך מער געוועקט אין געוויסע אינטעליגענטע יידישע שיכטן דעם ווּנטש איינצוקליידן זייער רעליגיע אין אַזוינע פאָרמען, וואָס זאָלן „אַמבעסטן זיין צוגעפּאַסט צום גייסט פון דער מאָדערנער וועלט"...

מיר ווייסן שוין [1] אַז אין 1812, נאָך דעם דערשיינען פונם עדיקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין פּרייסן, איז פרידלענדער ארויסגע־טראָטן מיט אַ בראָשור וועגן רעליגיעזער רעפאָרם ביי יידן. נאָך פאַר פרידלענדערן האָט דער רייכער פינאַנסיסט ישראל יעקבזאָן [2] געמאַכט פּראַקטישע פרוּוון די רעליגיעזע רעפאָרם צו פאַרווירקלעכן. נאָך 1801, ווען יעקבזאָן האָט אויף זיינע הוצאות געגרינדעט אין זעזען (בראַונשווייג) אַ מוסטער־שול פאַר קינדער, האָט ער נעבן איר אויפגעבויט אַ געבעט־הויז, ווו אַלץ איז שוין צוגעגאַנגען לויט אַ מאָדערנעם רעפאָרמירטן סדר. ביים חנוכת הבית האָבן לכבוד דעם דאָזיקן יום־טוב געקלונגען די גלע־קער אין דער שכנישער קירך [3]. יעקבזאָן, אָנגעטאָן ווי אַ פּראָטע־סטאַנישער פּאַסטאָר, האָט געהאַלטן אַ פּרעדיגט אויף דייטש און אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון די אָרגעל־טענער זיינען געזונגען געוואָרן די פּראָטעסטאַנטיש־רעליגיעזע לידער: „ווי גראָס איסט דעם אַלמעכטיגען גוטע" און דאָס לוטערישע „איין פעסטע בורג איסט אונזער גאָט". ווען נאַפּאָלעאָן האָט נאָך דעם טילזיטער שלום (1807) געגרינדעט די וועסטפאַלישע מלוכה, און יעקבזאָן איז דאָרט באַשטימט געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פונם יידישן קאָנסיסטאָריום, האָט יעקבזאָן גלייך געפּרוּווט

* די דייטשן פון משה רבנוס גלויבן.

1 זע אונזער װערק, ב' VII, ערשטער בוך, ז' 147.

2 גענויערע פּרטים װעגן יעקבזאָנען זע גרעץ, ציט. װ. ב' XI; ש. בערנ־פעלד, „תולדות הריפורמציון הדתית" 1900, I.

3 אין דער שול האָבן אָן געצאָלט באַקומען דערציִונג ניט בלויז יידישע קינדער, נאָר אויך קריסטלעכע.

דורכפירן די רעפאָרמע פון דער יידישער סינאַגאָגע אין גאַנץ וועסטפאַלן. באַלד (אין 1813) איז אָבער נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה אויך זועסטפאַלן געפאַלן. יעקבזאָן האָט דעמאָלט פאַרלאָזן קאַסעל (די וועסטפאַלישע רעזי־דענץ), איז אַריבערגעפאָרן קיין בערלין און אַהין אויך אַריבערגעטראָגן זיינע רעפאָרם־פּלענער. צוזאַמען מיט דעם באַנקיר יעקב בער (דער פאָטער פונם באַרימטן מוזיקער מאיר־בער) האָט יעקבזאָן געעפנט אין בערלין אַ רעפאָרמירטע סינאַגאָגע מיט אַן אָרגעל, מיט דייטשע פּרעדיגטן, מיט אַ מאָדערניזירטן סדר פון גאָטעסדינסט: בלויז אַ טייל תפילות האָט דער חזן פאָרגעטראָגן אין העברעיִשן טעקסט, דעם איבעריקן טייל אין דייטש. מען האָט אויך מבטל געווען די שטילע „שמונה עשרה״ און יוצא געווען דערמיט, וואָס מען האָט נאָכגעזאָגט דעם חזן. די תורה האָט מען געלייענט אָן דעם „טראָפּ״, נאָר מיט דער ספרדישער הברה. די אָרטאָדאָקסן האָבן אָבער אין דער רעפאָרמירטער שול דערזען אַ גרויסע געפאַר פאַרן „קיום היהדות״, און האָבן געזוכט הילף ביי דער פּרייסישער רעגירונג. אונטער דעם שוץ פונם „הייליקן בונד״ האָט די רעאַקציע נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה פאַרשפּרייט אירע ברייטע פליגל איבער גאַנץ אייראָפּע; די מלכים און פירשטן האָבן פּחד באַקומען פאַר וועלכע ס'איז נייערונגען. אויך דער פּרייסישער קיניג פרידריך־ווילהעלם דער דריטער איז געווען קעגנער פון רעפאָרמען. דאָס האָבן די אָרטאָדאָקסן פון דער יידישער בערלינער קהילה פאַרשטאַנען אויסצונוצן, און די רעפאָרמירטע סינאַגאָגע איז אויף אַ קורצע צייט געווען געשלאָסן. עדוואַרד קליי, דער פּרעדיקער פון דער רעפאָרמירטער בערלינער סינאַגאָגע, האָט זיך דעמאָלט געלאָזט קיין האַמבורג און דאָרט אַגיטירט פאַר אַ רע־פאָרמירטע שול לויטן מוסטער פון דער בערלינער. דער ענערגישער יעקבזאָן האָט אויך דערביי מיטגעהאָלפן. אין 1818 האָט זיך אין האַמבורג געגרינדעט אַ „רעפאָרם־טעמפּעל־פעראיין״, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם פּראָיעקט אַמשנעלסטן צו פאַרווירקלעכן, און שוין אין דעם זעלבן יאָר, צום גערענק־טאָג פון דער לייפּציגער שלאַכט (דעם 18טן אָקטיאָבער) איז מיט גרויס פּאַראַד געעפנט געוואָרן דער האַמבור־גער רעפאָרם־טעמפּל. די האַמבורגער רעפאָרמיסטן זיינען נאָך ווייטער געגאַנגען ווי זייערע בערלינער חברים: דער סדר התפילה איז נאָך מער געענדערט געוואָרן, און די שטעלן, וווּ עס ווערט אַרויסגעזאָגט די האָפענונג אויף „קיבוץ גליות״, האָט מען פּשוט אַרויסגעוואָרפן [1].

---

1 דעם רעפאָרמירטן סידור פאַר דער האַמבורגער שול האָבן צונויפגעשטעלט און פאַרעפנטלעכט מאיר ברעסלוי און זעקיל פרענקל. באַריכות וועגן דעם דאָזיקן סידור זע: ש. בערנפעלד, ציט. ח. 247—252.

עס וואָלט אָבער געווען היסטאָריש אומגערעכט בנוגע די האַמ־בורגער רעפאָרמיסטן צו דערקלערן די אַלע ענדערונגען, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין דעם יידישן ריטוס, בלויז מיט ריין־אַסימילאַציע־מאָטיוון, באשר זייער איינציקע אויפגאַבע איז געווען בלויז נאָכצוטאָן דער פּראָ־טעסטאַנטישער קירך, אַרויסצושטעלן זיך „לייטן גלייך". דאָ האָבן באַשטימט מיטגעווירקט אויך גאַנץ אַנדערע מאָטיוון. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אונטער דער ווירקונג פון די ראָמאַנטישע שטרעמונגען און אויך פון די רעאַקציאָנערע טענדענצן, וואָס האָבן זיך געלאָזט שפּירן שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער רעסטאַווראַציע־תקופה, האָט זיך אויך אין די אינטעליגענטע שיכטן געשטאַרקט דער אינטערעס צו רעליגיעזע פּראָבלעמען און אויך צו רעליגיעזע טראַדיציעס. די אַלט־פרענקישע מנהגים אין דער יידישער שול, דער געפּילדער און געשריי בשעת דעם גאָטעסדינסט, די מחלוקת וועגן ששי און דאָס דינגען זיך פאַר אַן עליה,—דאָס אַלץ האָט גאַנץ ווייניק געקאָנט אימפּאָנירן און צוציען צו זיך די יידישע יוגנט, וואָס איז שוין געווען „פון דער קולטור באַלעקט", און האָט דערצו נאָך זייער ווייניק פאַרשטאַנען די שפּראַך, אין וועלכער די תפילות און פיוטים זיינען פאַרפאַסט. מיט ביטול האָבן זיי געקוקט אויף די „אַזיאַטישע" מנהגים, אויף דעם „ווילדן" סדר, אָדער ריכטי־קער — אויף דער אומאָרדענונג, וואָס הערשט אין דער יידישער סינאַגאָגע. דערצו האָבן זיי נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן דאָס אַלץ מיט דער מוסטערהאַפטער אָרדענונג און פייערלעך דערהויי־בענער שטימונג, וואָס עס הערשט אין די פּראָטעסטאַנטישע געבעט־הייזער, בשעת דעם גאָטעסדינסט. ניט דאָס איז, נאַטירלעך, געווען די הויפּט־סיבה, וואָס די יידישע אינטעליגענטע און האַלב־אינטעליגענטע יוגנט האָט מאַסנוויז פאַרלאָזן די רעליגיע פון זייערע אבות און געוואָרן שפּאָגל נייע קריסטן [1]. די גרינדער פון דעם טעמפּל, יעדנפאַלס — אַ געוויסער טייל פון זיי, האָבן אָבער געמיינט, אַז דער נייער טעמפּל וועט זיין אַ „תרים בפני הפורענות", אַז אדאַנק דער רעליגיעזער רעפאָרם, ווען דער גאָטעסדינסט וועט צוגיין אויף אַ מאָדערנעם שטייגער מיט אָרגעלשפּיל און שיינעם געזאַנג, און באַגאַבטע רעדנער וועלן האַלטן דייטשע פּרעדיקטן, אין וועלכע זיי וועלן באַקענען מיטן „מאור היהדות", מיט דער ריינער מאָראַל פון דעם יידישן דת,—וועט די יוגנט ניט פאַר־לאָזן זייער שטאַם און שטילן זייער רעליגיעזן דורשט אין דעם רעפאָרם־טעמפּל...

---

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, ז"ז 133, 134, 148.

יעקובזאָן איז געווען זייער צופרידן מיטן אויפטו פון די האַמ־בורגער רעפאָרמיסטן; ער האָט אָבער זייער גוט געוווּסט, אַז די אָרטאָ־דאָקסן וועלן אויך ווייטער פרווון אַרויסשטעלן פאַרן יידישן קיבוץ און פאַר דער רעגירונג די רעפאָרמיסטישע סינאַגאָגעס אַלס אַפּיקורסישע סעקטן־מאַכעריי. עס איז דערפאַר געווען זייער וויכטיק באַצייטנס אַרויסצובאַקומען אַ „הכשר" אויף די נייע רעפאָרמען מצד אייניקע מער־ווייניקער אָנגעזעענע רבנים. יעקבזאָן האָט אויך געפונען דעם פּאַסנדיקן מענטשן דאָס דורכצופירן אין דער פּערזאָן פון אליעזר בן זאב־וואָלף ליבערמאַן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט באַזעצט אין בערלין. אַן אויסטערליש־זיגזאַגישן לעבנס־וועג האָט ליבערמאַן דורכגעמאַכט. געבאָרן אין אַ רבנישער פאַמיליע אין עלזאַס (אין דער שטאָט האַגענוי), האָט ער באַקומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע דערציִונג, געווען אַ גרויסער בקי אין דער תלמודיש־רבנישער ליטעראַטור, שפּעטער זיך באַקענט מיט דער בער־לינער השכלה, זיך דערוואָרבן אַ געוויסע אייראָפּעיִשע בילדונג, געמאַכט זיך אַ נאָמען אַלס גוטער העברעיִשער סטיליסט און טאַלענטפולער שריפטשטעלער. ביי דעם אַלעם האָט ער אָבער ניט געהאַט קיין פעסטן עקאָנאָמישן באָדן אונטער די פיס, איז אַ שטענדיקער נע־ונדניק, מוז אָנקומען צו דער שטיצע פון גבירים־מעצענאַטן און לעבט אין דחקות. אין אַ צייט אַרום „בייט ער דאָס רענדל": ער נעמט אָן דעם קאַטוילישן גלויבן [1], ווערט אַ מקורב ביים פּויפּסט פּיוס דעם ניינטן, שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער קאַטוילישער וועלט; זיין טויט באַדויערט הערצלעך דער פּויפּסט און אין דער נייערער צייט (אין יאָר 1910) ווערט ליבערמאַן פון דער קאַטוילישער קירך אָפיציעל אָנערקענט אַלס „הייליקער". בשעת ליבערמאַן האָט נאָך דורכגעמאַכט דעם עטאַפּ פון אַ משכיל אַ נע־ונדניק, וואָס האָט פּרנסה בדוחק, האָט אים יעקבזאָן פאַרגעלייגט צו ווערן אַן עמיסאַר פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי. ליבערמאַן האָט אויף דעם פאַרשלאָג גערן איינגעוויליקט, און ענערגיש זיך גענומען פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. אים איז ווירקלעך געלונגען צו באַקומען „הסכמות" פון פיר פאַרשיידענע רבנים, אַז די אַלע רעפאָרמעס בנוגע דעם גאָטעסדינסט, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער רעפאָרם־

---

1 עס מיז דערבײַ אָנגעוויזן ווערן, אַז אויך נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן דעם יידישן גלויבן, האָט ער זיך דאָך ניט אָפּגעקערט פון זיינע שטאַמברידער און פלעגט שטענדיק, ווי וויט ער האָט געקאָנט, זיין אַ מליץ יושר פאַר דעם יידישן פאָלק. עס פעלן ליידער אין די יידישע קוועלן ווייטערע ביאָגראַפישע פּרטים, וואָס זאָלן פּסיכאָלאָגיש באַלייכטן די אויסטערלישע לעבנס־עטאַפּן פון דער דאָזיקער העכסט אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט.

פאַרטיי אין בערלין און האַמבורג זיינען כלל ניט קעגן דעם יידישן דין. אמת, צוויי פון די דאָזיקע רבנים, פון ליוואָרנא און ווערצאָנע, זיינען געווען גאַנץ ווייניק באַקאַנט; די אַנדערע צוויי זיינען געווען משה בן מנחם קאָניץ (קוניצער) אויס אָפען און אהרן חאָרינער (חאָרין), דער אויבערראַבינער פון דער אונגארישער שטאָט אראַד. משה קאָניץ האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן; אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן זיין ווערק „בן יוחאי״, וווּ ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אַז דעם „זוהר״ האָט ווירקלעך פאַרפאַסט דער תנא ר׳ שמעון בן יוחאי [1]. משה קאָניצס „הסכמה״ איז געשריבן זייער קורץ, דערפאַר אָבער האָט זיין חבר, אהרן חאָרין, געענטפערט אויף ליבערמאַנס אָנפראַגע מיט אַ גאַנצער בראָשור „קנאת האמת״.

אהרן חאָרין [2] האָט געהערט צו די געציילטע רבנים, וואָס האָבן אין יענער צייט אַגיטירט, ווי שאול בערלין, פאַר השכלה און רעפאָרמירן דעם יידישן לעבנסשטייגער. ער איז, אמת, געווען אָפּנהאַרציקער, ווי בערלין, דערפאַר אָבער ווייניקער באַגאַבט; זיינע ידיעות אין אַלגעמיינעם וויסן זיינען געווען גאַנץ קליין [3], דערצו נאָך איז ער געווען כאַראַקטערלאָז, קאָמפּסלוסטיק, אָבער אָן דעם נייטיקן קאָמפּסמוט [4]. זיין מזל האָט נאָך געטראָגן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו לעבן אין אַן אָפּגעשטאַנענער, שטרענג אָרטאָדאָקסישער סביבה, און יעדער שריט זיינער האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און רדיפות קעגן דעם „אַפּיקורסישן״ רב. נאָך אין 1798 איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת קעגן חאָרינען דערפאַר, וואָס ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס „מקיל״ אין דער פראַגע, צי איז כשר צום עסן דער מין פיש, וואָס טראָגט דעם נאָמען שטער (אין רוסישן אָסעטר), און האָט פאַרטיידיקט זיין שטאַנד־

---

1 באַריכות וועגן קאָניצעס לעבן און שאַפן זע: ראובן פאַהנס אַרטיקל „לתולדות הרב משה קאָניץ״ אין „רשומות״, IV.

2 געבוירן אין ווייסקירכען (מעהרן) אין 1766, געשטאָרבן אין אראַד (אונגערן) אין 1844.

3 חאָרין האָט ליב געהאַט זיך צו באַנוצן מיט ראיות פון נאַטורוויסנשאַפטן. ווי ווייניק באַהאַוונט ער איז אָבער געווען אויף דעם געביט, קאָן מען זען אין זיין „עמק השוה״, וואו ער ווייזט אָן (דף י״א, עמ׳ ב׳), אַז גליענדיק אייזן איז שווערער פון קאַלטן, אָדער וואו ער רעדט וועגן דער אַנטשטייונג פון קאָמעטן (דאָרטן, דף נ״ד) און פון דונערן (דאָרטן דף פ״ט, עמ׳ א).

4 אַ גרעסערע, אין פּאַנעגירישן טאָן געשריבענע אַרבעט וועגן חאָרינען האָט פאַרעפנטלעכט לעאָפּאָלד לעוו אין זיין צייטשריפט „בן חנניא״ (1862—1863). איבערגעדרוקט אין לעווס געזאַמלטע שריפטן, II, 251—420. זע אויך מ. יאָסט: „קולטור־געשיכטע״, 1847, 71—74.

פונקט אין צוויי בראשורן: „אמרי נועם" און „שריון קשקשת" [1]. נאך מער האט ער געהאט אויסצושטיין רדיפות פאר זיין ווערק „עמק השוה", וואס ער האט פארפאסט אין 1802 און פארעפנטלעכט אין פראג אין 1803. אין דער ערשטער אפטיילונג, וואס טראגט דעם טיטול: „ראש אמנה", באהאנדלט דער פארפאסער די יסודות פון תורת משה לויט דעם סדר, ווי זיי זיינען פארמולירט ביים רמב״ם אין זיינע 13 „אני מאמינס". חארין איז א שוואכער סטיליסט און א נאך ערגערער ארכי־טעקטאר. זיינע געדאנקען ווערן דערטרונקען אין א ים פון ווערטער און פון זייטיקע סברות, וואס האבן א קנאפן שייכות צום ענין. אויך זיינען די פון חארינען ארויסגעזאגטע געדאנקען ניט באזונדערס ניי [2]. ער חזרט, אשטייגער, אפט איבער דעם אלט באקאנטן געדאנק, אז „התורה והחכמה משולבות אשה אל אחותה" (דארטן, דף י״א), חזרט אויך איבער אין צעשוווּמענער און ניט גאנץ קלארער פארם דעם רמב״מס טעזיס, אז נאר דער מענטש, וואס האט זיך פארטיפט אין די „חכמות הנגלות", ד״ה, אין דער „טבע המציאות" און אין דער חכמת התורה — בלויז דער קען דערגרייכן צו דער מעלות הנבואה [3]. מיר באגעגענען אויך ביי חארינען דעם באקאנטן טעזיס וועגן דער אוניווער־סאלער מיסיע פונם יידישן פאלק, אז גאט האט באצוועקט צו שאפן פון דעם פאלק ישראל א „ממלכת כהנים", וואס איז פארויסבאשטימט צו זיין א „אור עמים", א לייכטטורעם און וועגפירער פאר דער גאנצער מענטשהייט, „לצרף כלם... כל מין האנושי" [4]. אינטערעסאנט, וועז אויך ניט גאנץ ניי, איז חארינס געדאנק, וואס ער באהאנדלט באריכות אין דער דריטער אפטיילונג „דירת אהרן", אז די דערקלערונגען צו דער תורה זיינען דערפאר ניט קאדיפיצירט געווארן און געבליבן א תורה בעל פה, בכדי די תלמידי חכמים און געזעצלערער פון יעדן דור זאלן האבן די מעגלעכקייט איינצופירן די תקנות, וואס די צייט און אומשטענדן פאדערן [5].

---

1 זע וועגן דעם חארינס מיטטיילונג אין כרם חמד, II, 97—98

2 עס פילט זיך באזונדערס שטארק די השפעה פון שנאבערס „יסוד התורה" (זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ערשטער בוך, ז׳ 37, 48—51).

3 דארטן, דף ל׳, עמ׳ ב׳.

4 דארטן, ל״ג—ל״ד.

5 דארטן, דף ס״ה: שאלו נתנה התורה ופרושה כולו בכתב, כבר ימנע מחכמים שבכל דור ודור לחדש דבר... ולא יהיו לחכמי הדור בכל זמן מקום לתקן סייגים כפי ענין הדור והזמן (אויך דא פילט זיך די השפעה פון שנאבערס „יסוד התורה").

דער אויבנדערמאַנטער משה קאָניץ האָט פאַרויסגעשיקט אַ לויב־ליד, וווּ ער פאַרזיכערט האָרינגען:

אַתָּה אֲגִי עִבְרִים תָּאִיר לְהַצִּילָם מִשַּׁחַת,
כָּל פֶּה יוֹדְךָ וְכָל לָשׁוֹן תְּהִלָּתְךָ תְּמַלֵּל [1].

„געלויבט" האָבן דעם „עמק השוה" בלויז אייניקע משכּילים, ווי שלמה ראַפּאָפּאָרט און אַנדערע [2]. דערפאַר האָט אָבער אין דעם אָרטאָ־דאָקסישן לאַגער אויסגעבראָכן אַ גאַנצער שטורעם. דער „עמק השוה" איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן „עמק עכור", וואָס דאַרף דורכן פייער פאַרטיליקט ווערן [3]. אין האָרינגערס אייגענער קהילה האָט זיך אָנגע־הויבן אַ מחלוקת, זיינע קעגנער האָבן אים מיט שטיינער באַוואָרפן, און האָרין האָט סוף כּל סוף געגעבן אַ שריפטלעכע דערקלערונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון די אינם „עמק השוה" ארויסגעזאָגטע געדאַנקען [4]. דער איינגעשראָקענער האָרין איז אויף אַ לענגערע צייט אַנטשוויגן געוואָרן. דער עמיסאַר פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי, ליבערמאַן, האָט אָבער האָרינגען פון זיין לאַנגן שווייגן אויפגעוועקט. דער משכּילישער רב האָט ווידער קאַמפּסלוסט באַקומען, און שיקט ליבערמאַנען זיין קונטרס „קנאת האמת", ווו ער פליסט זיך צו באַווייזן מיט פיל ציטאַטן אויס דעם תּלמוד און פּוסקים, אַז דער נייער סדר התּפילה, וואָס די בערלינער רעפאָרמיסטן האָבן איינגעפירט, געפינט זיך אין פולן הסכּם מיט די ייִדישע דינים און מנהגים.

ליבערמאַן האָט די אַלע פיר רבנישע פּסקים אָפּגעדרוקט צוזאַמען אין אַ באַזונדער ווערק „נוגה הצדק" (דעסוי, 1818). ער האָט זיך אָבער דערמיט אַליין ניט באַגנוגט און צוזאַמען מיטן „נוגה הצדק" האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט זיין אייגן ווערק „אור נוגה", וואָס באַשטייט אויס צוויי טייל. אין דעם ערשטן באַהאַנדלט ער די טענות, וואָס די אָרטאָ־דאָקסן שטעלן אַרויס אַנטקעגן די נייערונגען, וואָס די רעפאָרמיסטן האָבן איינגעפירט אין שול. אים איז ניט שווער צו דערווייזן מיט פיל ציטאַטן אויס דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור „שכּל הפּוסקים מתּירין להתפּלל בכל לשון", ס'איז בפירוש דערלויבט צו דאַוונען אויף וועלכער שפּראַך ס'איז, און פיל אָנגעזעענע אויטאָריטעטן האָבן אַפילו

1 דו תעסט די אויגן פון די ייִדן אויפּליכטן, זיי רעטן פון אונטערגאַנג; יעדעס מויל וועט דיר דאַנקען, יעדע צונג — דיין לויב דערציילן.
2 בן חנניה, 1863, 38.
3 כּרם חמד, II, 98.
4 דאָרטן, 104.

אַנגעוויזן, אַז ווער עס פאַרשטייט נית קיין לשון קודש, זאָל ער בעסער מתפלל זיין אויף דער שפּראַך, וואָס ער פאַרשטייט. אינטערעסאַנט איז אָבער דערביי פאָלגנדיקער פּרט: ליבערמאַן, וואָס קאַרגט כּלל נית אין ציטאַטן, פאַררופט זיך קיין איין מאָל נית אויף דער אַלטער יידיש-דייטשער ליטעראַטור, ווו די פראַגע וועגן דאַוונען אויף דער מוטער-שפּראַך איז אַזוי אָפט דעבאַטירט געוואָרן [1]. אויסער דעם ביטול, מיט וועלכן די משכּילים האָבן זיך בכלל פאַרהאַלטן צו דער דאָזיקער ליטעראַטור, האָט נאָך דאָ מיטגעווירקט אַן אַנדערער מאָטיוו. ווי אהרן וואָלפזאָן בשעתו [2], אַזוי איז אויך דער משכּיל ליבערמאַן אויסן צו דערווייזן נית סתם, אַז מתפלל זיין דאַרף מען אויף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך; ביי אים איז דער עיקר, אַז די פאַרשטענדלעכע שפּראַך דאַרף זיין אומבאַדינגט אַ כּבודיקע שפּראַך, אַ גראַמאַטיקאַל-ריינע און ליטעראַריש-ציכטיקע. און ער ווייזט טאַקע בפירוש אָן, אַז אַלץ, וואָס ער רעדט וועגן „ענין תפילה״ און באַווייזט דעם „היתר״, אַז מען מעג מתפלל זיין „בלשון אשכּנזית״, איז דאָס נוגע בלויז דעם רוב דייטשע יידן, וואָס זיי זיינען שוין פון קינדוויין אָן געוויינט צו ריידן אויף דער ריינער ציכטיקער דייטשער שפּראַך; אַנדערש איז אָבער די לאַגע ביי די יידן אין אַנ-דערע מדינות, ווי, צום ביישפּיל, ביי די „אנשי פּולניא ודומיהם״. זיי ריידן אפילו אויך „בלשון שפת אשכּנזית״,—די דייטשע שפּראַך איז אָבער ביי זיי פאַרגרייזט און פאַרדאַרבן, זיי קענען קיין ריין דייטש נית ריידן, דערפאַר אָבער זיינען זיי פיל מער בקי אין לשון קודש, ווי דייטשע יידן, בכן איז פיל גלייכער, יענע יידן זאָלן זיך האַלטן אין דעם מנהג פון זייערע אבות, דאַוונען אויף דער ריינער און זיבנפאַך געלייטערטער העב-רעיִשער שפּראַך, נית אויף זייער פאַרגרעבטן און פאַרדאָרבענעם דייטשן לשון [3]. די ליבע צו דער ביבל-שפּראַך באַוועגט אָבער ליבערמאַנען, ער זאָל זיך אויך ווענדן מיט דברי מוסר צו די דייטשע יידן און ער ווייזט זיי אויף, אַז אייניקע תפילות דאַרפן אויך ביי די רעפאָרמירטע און מאָ-דערנע יידן געזאָגט ווערן אין שול אויף דער העברעיִשער שפּראַך און דאָס אוים פאָלגנדיקן טעם: „ערשטנס זיינען צווישן אונזערע תפילות פאַ-ראַן אַזוינע הייליקע און דערהייבענע געבעטן, ווי צום ביישפּיל „קריאת שמע״ און אַנדערע, וואָס ס׳איז מער פּאַסיק זיי מתפלל צו זיין אויף דער שפּראַך, וואָס מיר האָבן בירושה פון אונזערע אבות. אויב אָבער עס וועט ווער שטעלן די פראַגע: ווי קאָן איך פאָדערן פון מיין זון,

1 זע אונזער ווערק, ב׳ VI, ז׳ 185, 229 א״וו.
2 זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ע״שטער בוך, ז״ז 128—129.
3 אור נוגה, I, 9.

ער זאָל אוועלכע־ס'איז תּפילה זאָגן אויף לשון קודש, אַז ער פאַרשטייט גאָר לחלוטין ניט די דאָזיקע שפּראַך? דעם ענטפער איך מיט פאַרוווּנ־דערונג: פאַרוואָס לערנט איר ניט מיט אייערע קינדער די העברעיִשע שפּראַך, די עלטסטע צווישן אַלע לשונות? איר פּטרט דאָך אַזאַ גרויס פאַרמעגן אויף צו געבן בילדונג אייערע קינדער, איר לערנט זיי אַלערליי חכמות און די פאַרשיידנסטע שפּראַכן, — פאַר וואָס־זשע פאַרגעסט איר אָן אונזער טייערער שפּראַך, די ירושה פון אונזערע אבות?"[1].

פון אַ באַדייטנדיק ברייטערן פאַרנעם איז דער צווייטער טייל פון „אור נוגה". ער באַנוגנט זיך שוין דאָרט ניט בלויז מיט דער פראַגע וועגן דער שול־רעפאָרם: ער שטעלט שוין די פראַגע וועגן רעפאָרמירן דעם גאַנצן אומנאָרמאַלן יידישן לעבנ־שטייגער. און אין דער הינזיכט דאַרף ליבערמאַן באַטראַכט ווערן אַלס פאָרגענגער פון יצחק־בער לעווינ־זאָן אין די איבעריקע השכּלה־קעמפער. אין משך פון זיינע וואַנדער־יאָרן איבער פאַרשיידענע יידישע צענטערס[2] האָט ער געהאַט די מעג־לעכקייט גוט זיך צו באַקענען מיט דעם אומנאָרמאַלן לעבן פון דעם יידישן קיבוץ, בפרט אין די ערטער, ווו זיי לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן; און אָט די אָנגעווייטיקטע לעבנספראַגן פרוווט ער באַהאַנדלען אין דעם צווייטן טייל פון זיין ווערק. מיט אַן אמת־פּובליציסטישן טאַלענט שיל־דערט ליבערמאַן אין אַ ריינער, קלאָרער שפּראַך דעם גייסטיקן צעפאַל, וואָס ער באַמערקט אין דעם יידישן לעבן: פון איין זייט די „מגששי קיר", די וואָס טאַפּן אין דער פינסטער, קלאַמערן זיך מיט עקשנות אָן קריטיק און פאַרשטאַנד אינם אַלטן און פאַרגאַנגענעם, ווילן ניט וויסן פון די נייע לעבנס־פאָדערונגען, ווילן ניט פאַרשטיין, אַז דאָס לעבן קאָן ניט בלייבן פאַרגליווערט אויף איין אָרט שטיין. און פון אַנדערער זייט: די „מאורי כתעים" — די פאַרפירנדיקע ליכטער און אויפקלערער, וואָס וואַרפן אַלץ אָפּ, ריידן מיט שפּאָט און ביטול וועגן דעם תלמוד און די אַמאָליקע חכמים, פאַרהאַלטן זיך מיט האָס און פאַראַכטן אָן קריטיק אַלץ, וואָס געהערט צום עבר, וואָס טראָגט דעם שטעמפּל פון ירושת אבות, וואָס שמעקט מיט אמונה און טראַדיציע[3].

ווי אַלע משכּילים, פאַלט אויך ליבערמאַן אָן אויף דעם אַלט־פרענקישן סדר פון דערציִונג. וואָס, — פרעגט ליבערמאַן, — ווייסט בײַ אונז דער פּשוטער מאַסע־מענטש (האיש ההמוני) פון דער יידישער

---

1 אור נוגה, I, 23—24.

2 אַז ער האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעהאַלטן אין אַזוינע צענטערן, ווי פּראָג און לעמבערג, — וויזט ליבערמאַן אַליין אָן. (אור נוגה I, 17, 21).

3 דאָרטן, II, 7—8, 13—15.

אמונה, פון יידישער עטיק? מען האט אים דאך דערצויגן ווי א ווילדן מענטשן (איש מְדַבְּרִי), אן וויסן, אן אמונה, אן מוסר. פון וואנען זאל ער דאס וויסן און ביי וועמען זאל ער לערנען? ביים רב מיט זיינע פילפולישע דרשות, וואס דער פשוטער מענטש חייבט ניט אן צו פארשטיין? קומט ער אין שול אריין, באוועגן זיך זיינע ליפצן, ער פארשטייט אבער ניט וואס ער זאגט [1]. ווי א טיפישער משכיל פארביט ליבערמאן די היסטארישע געשעענישן מיט זייערע פועל־יוצאס, און ער פארזיכערט דערפאר, אז די שרעקלעכע רדיפות, וואס יידן זיינען אויסגעשטאנען אין מיטלאלטער, האבן זיך גענומען דערפון, וואס יידן זיינען געווען פינסטער און אבערגלויביש. צי קענען מיר דען — רופט ליבערמאן אויס פא־טעטיש — פארגעסן דאס בלוט פון אונזער פאלק, וואס איז פארגאסן געווארן ווי וואסער אין די אמאליקע דורות? אך מי היה בעוכרינו? ווער האט אונז צו דעם אומגליק געבראכט? בלויז אונזער נארישקייט, אונזער ווילד באנעמען, אונזערע משונהדיקע מנהגים, וואס זיינען געווען אזוי פרעמד און אויפפאלנדיק ביי די ארומיקע פעלקער — אט וואס ס׳האט אונז געבראכט צו די אלע צרות. ווען אונזערע חכמים און מנהיגים זאלן געווען זיין אמתע היטער פון פאלק, אפהיטן פון די אלע שטרויכלונגען און אבני נגף; ווען זיי וואלטן דעם יידישן קיבוץ געפירט מיט פארשטאנד לויט די פאדערונגען פון דער צייט, געלערנט דעם דרך, ווי מען דארף מקיים זיין עבודת הבורא, ליבן דעם מלך, פאדערן גליק און פרידן פאר די ארומיקע איינוווינער, געטריי דינען דעם פאטערלאנד, לערנען „כל חכמה ותבונה, לשון ומוסר״ — וואלטן מיר דען געקומען צו די דאזיקע אומגליקן? [2].

שפעטער, אין די זעכציקער יארן, האבן די דיכטער יהודה־לייב גארדאן און מיכל גארדאן מיט פאטאס געוועקט זייער פאלק „הָקִיצָה עַמִּי!״ — „שטיי אויף מיין פאלק, דערוואך פון דיין דרימל, אין נארישקייטן זיי ניט פארפירט!״ נאר נאך מיט העכער פערציק יאר פריער האט ליבערמאן כמעט מיט די אייגענע ווערטער געטענהט צום פאלק ישראל: „ברידער מיינע, פאלק מיינס! קיין טרייסט קאן מיין הארץ ניט גע־פינען, ווען איך זע, ווי נידעריק געפאלן ס׳איז אונזער פאלק! עפנט אייערע אויגן און קוקט זיך ארום, זעט ווי אלע פעלקער שטרעבן צו די קוואלן פון וויסן, האבן גרויס דערפאלג און דערגרייכן זייער ציל, נאר מיר בלייבן איינגעהילט אין פינסטערניש, זיינען פארזונקען אין נארישע פאנטאזיעס, אין געדיכטע וואלקנס פון שגעון... בעת אין דער ארומיקער

---

1 אור נוגה, II, 25.

2 דארטן, 30.

וועלט בלויז בילדונג, צעוויט און פארטריבן זיינען די פינסטערניש און אַבערגלויבנס פון אַמאָל, האָט נאָך ביי אונזער פאָלק די בלום פון וויסן נאָך ניט אויפגעבליט; ניט פאַריאָגט זיינען נאָך די פינסטערע וואָלקנס, אין וועלכע מיר בלאָנדזשען. ווי לאַנג, מיין פאָלק, וועלן מיר ניט פאַרשטיין, אַז מיר זיינען ביז איצט געזעסן אין דער פינסטער, איינגעוויגט אין דעם דרימל פון פוילקייט, געחלומט אויפן שוים פון בטלנות (הוזים שוכבים בחיק הבטלה), ליידיק פון וועלכן ס'איז וויסן פון חכמה, פאַרשטאַנד און לעבנס-עטיק. אַלץ, וואָס ס'איז פאַרבונדן מיטן גלייכן שכל, איז אונז צווידער, יעדע מלאכה איז ביי אונז פאַרהאַסט, פינסטערניש ווערט ביי אונז פאַר ליכט דערקלערט, און ליכט — פאַר פינסטערניש [1].

ווי מיט עטלעכע יאָר שפּעטער יצחק-בער לעווינזאָן אין זיין „תעודה בישראל", פלייסט זיך אויך ליבערמאַן צו דערווייזן מיט פיל ציטאַטן אויס דער תלמודישער ליטעראַטור, אַז יעדער בן-ישראל איז מחוייב „לדעת ולהשכיל ולחקור עד שכח שכלנו מגיע", און אַז אין אַמאָליקע צייטן, בימי התלמוד און אויך אין שפּעטערע דורות, זיינען די גדולי ישראל געווען רייך אין וויסן, באַהבנט אין די חכמות חיצוניות, אין נאַטורוויסנשאַפטן, און געווען געניט אין די שפּראַכן פון די אַרומיקע פעלקער און קולטורן, וואָרעם די דאָזיקע ידיעות זיינען נייטיק אי צו די פאָדערונגען פונם רעאַלן לעבן, אי אויך ביים באַלייכטן רעליגיעזע פּראָבלעמען און ביים דערפילן די געבאָטן פון עבודת הבורא [2].

דער „אור נוגה", מיט זיין שיינעם פּאַטעטישן סטיל און מיט זיינע פילצאָליקע ציטאַטן פון תלמוד און פוסקים, האָט געמאַכט אַ גע-וויסן רושם; די רעפאָרם-פּאַרטיי האָט פאַרגרעסערט די צאָל פון אירע מיטגלידער, אין דעם רעפאָרם-טעמפּל איז געוואַקסן די צאָל באַזוכער. די אָרטאָדאָקסן האָבן דאָס נאַטירלעך ניט געקאָנט רויִק צוזען. ווי נאָר ליבערמאַנס דאָפּל-ווערק איז דערשינען, האָט אַ געוויסער נחמן בן שמחה בערלין אויס ליסאַ זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוטרעטן מיט אַ דיקער קעגנ-שריפט „עת לדבר", נאָר וויל ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, אַז מען דאַרף וואָס גיכער וואָרענען דעם עולם „פאַרן גיפט, וואָס איז באַהאַלטן אין ליבערמאַנס ווערק", האָט ער דערווייל אויף דער הייסער מינוט אַרויסגעלאָזט (אין 1818) אַ פלוג-שריפט „כדור קטון", וואָס האָט ערשט געזאָלט דינען אַלס אַריינפיר צו זיין „עת לדבר". בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם טאָן, אין וועלכן די פלוג-שריפט איז געשריבן, גענוגט צו ברענגען פאָלגנדיקע שטעלע: „וואָס וועלן זאָגן די אומות

1 אור נוגה, II, 30—31.

2 דאָרטן, 30—31.

העולם בעת זיי וועלן זיך דערוויסן, אז ביי אונז זיינען פאראן אזוינע, וואס רופן צו ווידערשפעניקייט און פרעדיקן, מען זאל מורד זיין אין די רעליגיעזע מצוות און געבאטן? זיי וועלן זיך טענהן: איצט זייט איר מורד אין אייער דת, און באלד וועט איר אויך ווידערשפעניקן קעגן די געבאטן פון דער רעגירונג... איצט האט איר העזה אפצוווארפן די מנהגים פון אייערע אבות, באלד וועט אייער חוצפה דערגייז, אז איר וועט אויך מענטשן פון אנדערן גלויבן איבעררײדן, זיי זאלן אראפוואַרפן פון זיך דעם עול פון זייער דת. און אין דעם ליגט דאך, כידוע, א גרויסע סכנה „לישוב העולם״ [1].

דער בעל „כדור קטן״ איז זיכער, אז ווי נאר די רבנים און „גאוני הדור״ וועלן זיך באקענען מיט דעם „אור נוגה״, וועלן זיי גלייך איינזען, אז דאס ווערק איז ווערט, מען זאל עס פארברענען, און דעם מחבר דארף מען מחרים זיין „בכל מקום שהוא״ (דארטן. 5).

אפשטעלן זיך אויף בערלינערס חיבור גופא (דערשינען אין 1819 אין נישט כדאי: אזוי לאנגווייליג און טאלענטלאז איז דער „עת לדבר״ געשריבן. א געוויסן אינטערעס האבן בלויז די בלעטער, וואו נחמן בן שמחה, אליין א בערלינער, באשרייבט די התנהגות פון די יידישע בערלינער גבירים אוים דעם פארגאנגענעם דור און די ענדערונגען, וואס זיינען דערנאך אין די דאזיקע קרייזן פארגעקומען דורך דער שולד פון די „מסיתים ומחטיאים״, וואס האבן זיך אויף דער יידישער גאס באוויזן [2].

נחמן בערלין קלאגט זיך דערויף, וואס די רבנים שווייגן (שתקו הרבנים ויחרישו הגאונים) און טרעטן נית ארוים קעגן די „מסיתים״. די רבנים זיינען אבער געשטאנען אויף דער וואך. באלד נאך דעם דערשיינען פון ליבערמאנס ווערק, האט דער האמבורגער בית דין צדק אנגעגורט זיינע לענדן, ארויסגעלאזן א כרוז צו די מנחיגי הדור, צו די באוווסטע רבנים פון פארשיידענע אייראפעישע לענדער, זיי זאלן ארויסטרעטן קעגן די „כת חדשה״, די „מסיתים ומדיחים״, וואס האבן אויפגעבויט א באזונדערן „טעמפל״ מיט אן ארגעל, ענדערן דעם סדר התפילה, זינגען ביים דאווענען דייטשע לידער, פארווארפן די פון קדמת דנא איינגעפירטע מנהגים אאז״וו. דערביי האבן זיי אויך אנגעוויזן אויף די פיר רבנים, וואס שטיצן מיט זייערע פסקים די נייע „כת״ און אויף ליבערמאנס „אור נוגה״. די מנהיגי הדור זיינען געווען איבערראשט פון דער דאזיקער ידיעה. גרוים איז געווען זייער צארן אויף דעם אפיקורסישן רב אהרן חארין. ווי עס שיינט, זיינען קעגן אים ווידער אמאל,

1 כדור קטן, 7—6.

2 עת לדבר, 66—64.

ווי נאָך דעם דערשיינען פון זיין „עמק השוה״, אַנגענומען געוואָרן שטרענגע מיטלען, און חאָרין פון זיין זייט האָט ווידער אַמאָל באַוויזן, ווי ווייניק ער איז צוגעפּאַסט צו אַ קעמפער־ראָלע. ער, וואָס האָט זיך ניט באַנוגנט מיטן פּסק „קנאת האמת״, נאָר האָט נאָך פאַראויסגעשיקט אליעזר ליבערמאַנס „אור נוגה״ צוויי לויבלידער, ווו ער באַזינגט „דאָס ליכט פון וויסן״, וואָס עס פאַרשפּרייט „זיין געליבטער פריינד אליעזר״, האָט באַלד חרטה געקראָגן און האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז אַלע זיינע רייד אין „קנאת האמת״ זיינען „בטלים ומבוטלים״ [1]. דאָס האָט אים אָבער כּלל ניט אָפּגעהאַלטן, ער זאָל אין אַ יאָר אַרום, ווי נאָר די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט און ס׳איז קלענער געוואָרן די מורא פאַר נייע רדיפות — אַרויסצוטרעטן מיט אַ בראָשור „דבר בעתו״, ווו ער פאַרטיידיקט ווידער די זעלבע הנחות, פון וועלכע ער האָט זיך אָקערשט עפנטלעך אָפּגעזאָגט און זיי דערקלערט פאַר „נול אונד ניכטיג״ [2].

העכער פינף און דרייסיק רבנים פון דייטשלאַנד, פּוילן, בעהמען, מעהרן, אונגערן, איטאַליע, עלזאַס און האָלאַנד האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם כּרוז פון די האַמבורגער רבנים און צוגעשיקט זייערע פּסקים, וואָס זיינען טאַקע באַלד פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער זאַמלונג „אלה דברי הברית״ [3], און צום סוף ווערט אויך געבראַכט דער תמצית פון די פּסקים אין דער דייטשער איבערזעצונג [4].

---

1 אלה דברי הברית, 98, 131.

2 זע אויך זיין אַרויסטרעטן קעגן די „הרבנים בדור הזה״, וואָס זיינען תועים ומתעים״ און „דערנידעריקן דעם כבוד הדת״ (כרם חמד, II, 105—108).

3 דער פולער טיטול: אלה דברי הברית ליעקב לחוק לישראל ברית עולם, אחת דבר אלהים ולא ימיר דתו לעולמים. ע״פי התורה ופסק־דין אשר יצא מאת בית דין־צדק דק״ק האמבורג יע״א, ועל ידם החזיקו הגאונים הגדולים אשר במדינת אשכנז, פולין, צרפת ואיטעליען, ומדינת בעהמען, מעהררען ואונגארן. כולם כאחד עונים ואומרים, בגזירת עירין פתגמא, ובמאמר קדישין שאלתא, להפר דת חדשה (אשר בדו מלבם איזה יחידים הדיוטים שאינם בני תורה) ליסד מנהגים שלא כדת משה וישראל. על כן קמו הגאונים חסידים וקדושים רבנים המפורסמים לתקוע יתד במקום נאמן בקעו מצאו וגדרו גדר לאסיר איסר על שלשה פשעים אשר חטאו בנפשותם, ואלו הן: א) אסור לשנות סדר התפילה הנהוגה בישראל, מן ברכת השחר עד אחר עלינו לסב... ומכ״ש שאין לגרוע ממנה. ב) אסור להתפלל סדר התפילה הלז בלשון אחר חוץ מל... הקודש, וכל תפילה הנדפסת שלא כתקונה ושלא כמנהגנו היא פסולה ואסור לה... מתוכה. ג) אסור לנגן בב״הכנ בשום כלי־שיר בשבת ובי״ט אפילו על ידי אינו יש... אלטונה, תקע״ט (1819).

4 די דייטשע איבערזעצונג האָט באַזאָרגט דער דיכטער שלום כהן (... ברית אמת, 43, גרעץ, ציט. ווו., ז׳ 386).

אונטער אייניקע פון די דאָזיקע פּסקים זיינען געחתמעט די אמתע „גדולי הדור״, די באַדייטנדיקסטע רבנים פון יענער צייט, ווי עקיבא אייגער, זיין איידעם משה סופר, מרדכי באַנעט און אַנדערע. און אַז מען לייענט דעם „אלה דברי הברית״ מיט זיין הילצערנעם, כבד־פּהישן סטיל [1], מיט דעם טרוקענעם פּלפּול און די חריפישע פּשטלעך, דער־מאָנט מען זיך ניט ווילנדיק אין היינעס גאָליקן אויסרוף בנוגע די יידישע וועכטער: „ווי שלעכט געשיצט איסט איזראַעל״. בעת יעקבזאָן האָט אין וועסטפאַלן געפרוווט איינפירן די רעפאָרם־סינאַגאָגן מיט אָרגל־שפּיל און גאָטעסדינסט אויף דער דייטשער שפּראַך, האָט זיך געפונען אַן אָר־טאָדאָקסישער רב זאַבל אייגער, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַרויסצושטעלן אַ נאַציאָנאַלן מאָטיוו, פאַר וואָס ער איז קעגן דער רעפאָרם: די העב־רעיִשע שפּראַך איז דער פאַראייניקונגס־באַנד, וואָס האַלט צוזאַמען די צעזייטע גלידער פונם גלות־פאָלק [2], און די רעפאָרמיסטן ווילן דעם דאָ־זיקן באַנד צעשטערן. די רבנים אָבער, וואָס טרעטן אַרויס מיט אַזאַ צאָרן און גרויס געפּילדער אין דעם „אלה דברי הברית״ — ביי זיי איז דער וויכטיקסטער און איבערצייגנדיקסטער מאָטיוו: כך נוהגין, אסור לשנות — אַזוי איז דער מנהג, מען טאָר ניט ענדערן! „מנהגו של ישראל תורה הוא״, — דערקלערט פון איין זייט דער האַמבורגער רב, און פון דער אַנדערער — דער אב״ד פון האַנו [3]. רבנים פון פאַרשיי־דענע מדינות און לענדער טענהן אין איין קול: „אסור לשנות שום מנהג קבוע״, „אל תשנו ממנהג אבותיכם״; „איסור גמור לשנות שום דבר ממנהגי אבותינו״; „חלילה לנו לשנות שום דבר״; „קבלת אָבות ואין כח לשנות״, מיר טאָרן ניט ענדערן, מיר טאָרן ניט מינדערן „אפילו כחוט השערה״ [4]. דער גדול הדור, עקיבא אייגער, ווייזט אָן: אַז באשר ס׳איז דאָך אַ פעסטגעזעצטער כּלל „שלא לשנות שום נוסחא מנוסחאות המסודרות וקבועות לנו מאבותינו דור דור עד משה רבנו ע״ה [5]. און

---

1 אייניקע פּסקים, ווי, צום ביישפּיל, דער לאַנגער בריוו, וואָס ס׳האָבן צו־געשיקט די רבנים פון פּאַדוא (אלה דברי הברית, 46 — 51), זיינען געשריבן אין אַזאַ „בבל־שפּראַך״, אַז ס׳איז ערטערווייז שווער דעם פּשט צו פאַרשטיין.

2 אייגערס בריוו צו יעקבזאָנען: אדוני שאל את עבדו מדוע מתלוננים בעירנו אל הרינה ואל התפלה בלשון אשכנז בבית חנוך נערים אשר יסד הקאָנסיסטאָריום... הנה כל ישראל אחים וחברים בכל מקום אשר תדרוך כף רגלם ע״י שפה אחת ודברים אחדים וירכסו עבותות אהבה אשר תחברם (מיר ציטירן לויט ה. אויערבאַכס „געשיכטע דער איזראַעליטישן געמיינדע האַלבערשטאַדט״, 219—221.

3 אלה דברי הברית, 1, 70.

4 דאָרטן, 3, 23, 25, 47, 48, 76 און א״וו.

5 דאָרטן, 27.

עקיבא איינערס איידעם, משה סופר, באַשטעטיקט פון זיין זייט: אין לנו לבדות להתיר מה שאבותינו ואבות אבותינו נוהגין בו איסור—מיר האָבן זיך ניט וואָס צו קלינן און מתיר מאַכן דאָס, וואָס אונזערע עלטערן און עלטער-עלטערן האָבן געאַסרט 1. און ער לאָזט זיך דערביי אין אַ לאַנגן פלפול, בכדי צו דערווייזן דורך שפּיציקע פּשטלעך, אַז אין אונזער דור קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין אַזאַ בית דין, וואָס זאָל זיין „גדול מראשונים בחכמה ומנין" און דערמיט זיין בכח מבטל צו זיין אַ מנהג, וואָס אַ בית דין פון אַ פריערדיקן דור האָט איינגעפירט 2. סטייטש? — פרעגן פאַרחידושט די רבנים פון ליוואָרנאָ — ווער ווייסט דען ניט, וואָס דער בעל „בית חדש" (דער ב"ח) דערציילט, אַז צוויי גדולי הדור האָבן אָן עונש באַקומען „על שבטלו לומר פיוטים בקהל שלהם" 3. ווי קאָן עס גאָר אויבן געדאַנק קומען, — רופט אויס דער אב"ד פון דער שטאָט טריעסט, ר' אליעזר, — צו ענדערן אַפילו איין אות פון דעם נוסח, וואָס ס'האָבן פעסטגעשטעלט אונזערע נביאים, זקנים און חכמים? (לשנות אפילו אות ממטבע שטבעו נביאינו וזקנינו וחכמינו) 4.

ניט ווייניקער קונציק איז דער פּסק, וואָס די רבנים און גדולי-הדור לאָזן אַרויס וועגן דער פראַגע, צי איז דערלויבט מתפלל צו זיין ניט בלויז אויף לשון קודש, נאָר אויך אויף אַן אַנדער שפּראַך. די רבנים ווייסן נאַטירלעך זייער גוט, אַז ס'איז פאַראַן אַ בפירושע משנה, דאָס קריאת שמע ותפילה וברכת המזון מעג מען זאָגן בכל לשון. זיי ווייסן אויך, אַז פיל מיטלאַלטערלעכע אויטאָריטעטן האָבן געפּסקנט, דאָס די, וואָס פאַרשטייען ניט קיין לשון קודש, זאָלן זיי בעסער דאַוונען אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען; דאָך פליסן זיך די רבנים עקיבא אייגער, משה סופר, אברהם טיקטין און אַנדערע 5 צו דערווייזן, אַז דאַוונען בציבור „בלשון שאינו לשון הקודש" איז „אומ-מעגלעך בשום אופן", און אָט אויס וואָסערן טעם: אין יעדן וואָרט, אין יעדן אות פון די תפילות זיינען דאָך באַהאַלטן ווער ווייסט וואָסערע געוואַלדיקע סודות, וואָסערע „דברים גדולים ונוראים", און ווי קאָנען מיר די דאָזיקע כוונות און סודות איבערטראָגן אין אַן אַנדער שפּראַך, בעת מיר ווייסן דאָך ניט, וואָסערע כוונות עס זיינען דאָרט באַהאַלטן?

---

1 אלה דברי הברית, 32.

2 דאָרטן, 8.

3 דאָרטן, 66.

4 דאָרטן, 89.

5 דאָרטן, 10, 11, 25, 27, 49, 66.

אָבער ווען מיר זאָגן די תפילות געניי, אזוי ווי די אנשי כנסת הגדולה האָבן זיי מתקן געווען, איז אפילו ווען מיר ווייסן ניט זייערע כוונות, דאָך — „עלתה לנו תפלתנו לרצון משא״כ כשאנו מתפללין בלשון אחר״ 1.

אפילו תפילות זיינען אויך ביי די רבנים פון „אלה דברי הברית״ פאַרעכנט געווען ניט צווישן די „חובות הלבבות״, נאָר צווישן די „חובות המצוות״, וואָס מען דאַרף מקיים זיין, ווייל אזוי איז געבאָטן.

די פראַגע וועגן דעם אָרגל־שפּיל אין שול פאַרענטפערן די גדולי הדור ניט ווייניקער קונציק. מרדכי־באָנעט שטעלט ארויס פיל חריפישע פּשטלעך, בכדי צו דערווייזן, אז ביים שפּילן אָרגל אום שבת איז דאָ אַ חשש פון „שבות דשבות״, און קומט דורכדעם צום אויספיר: „ובין כך נראה דאיסור גמור הוא לנגן בעוגב בשבת אפילו אינו בן ישראל״; דער אַמסטערדאַמער רב פון זיין זייט ווייזט אָן, אז זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, טאָר מען ניט שפּילן בכלי־שיר, מחמת „אל תשמח אל גיל בעמים״ 2, און אנדערע גדולי הדור שטעלן די האַרבע פראַגע: ווי קאָנען מיר עס קומען פאַרן מלכו של עולם בכלי־שיר ושמחה, בעת מיר ווייסן, ווי זינדיק מיר זיינען? „חוטא בל יתגאה, חוטא בל יתגאה!״ 3...

די אַלע ראיות און טענות באַווירצן נאָך די רבנים ליתר תוקף מיט געוואַלדיקע זלזולים. די רעפאָרמיסטן ווערן ביי זיי געקרייגט מיט אַזעלכע עפּיטעטן: פריצי הדור, אינם לא עברים ולא נוצרים, כופרים בעיקרי הדת, בית רשעים ישמד וזרועות רשעים תשברנה, יצאו אנשים בני בליעל, אמר נבל בלבו אין אלהים, אנשים חטאים, תאלמנה שפתי שקר, עדת מרעים, בוערים בעם, אלה הטפשים, ערב רב, מטה רשע, הפושעים והמורדים, עצרת בוגדים, תרבות אנשים רשעים, זרע מרעים בנים משחיתים, פוחזים וריקים, עזי פנים, מסיתים ומדיחים, התועבים המשחיתים כרם ד׳ צבאות, אנשי רשע, עושי תועבה, נערים נעורים מיראת חטא, שועלים קטנים מחבלים כרם ד׳, גונבי נפשות, עדה רעה, הדיוטים אא״וו 4. דער „נוגה צדק״ איז אַ „ספר פסול״, „חושך רע״, וואָס איז געשאַפן „להסית ולהדיח״.

אייניקע רבנים ווילן אָבער זיך דערמיט ניט באַנוגענען; זיי געפינען, אז אַזעלכע רשעים איז אַ מצוה צו מסרן פאַר „נאַטשאַלסטוואָ״.

1 אלה דברי הברית, 15—16.
2 דאָרטן, 61.
3 דאָרטן, 78—79.
4 דאָרטן, 17, 22, 24, 26, 30, 48, 52, 53, 58, 59, 61, 64, 83, 85.

ווי די מתנגדים האָבן אין זייער קאַמף קעגן די חסידים געוואָלט אויס־נוצן פאַוועל דעם ערשטנס פחד פאַר „נייע סעקטן״ [1], אַזוי האָבן מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער די רבנים געוואָלט אויסנוצן די רעאַקציאָנערע שטרעמונגען, וואָס דער „הייליקער בונד״ מיט אַלכּסנדר דעם ערשטן בראש האָבן פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע. דער טריסטער רב, ר׳ אליעזר, עצהט דעם האַמבורגער בית דין צדק: גייט אין הויף פון די פירשטן (בחצר השרים), טוט זיי בעטן, זיי זאָלן שטאַרקן די שלאַבעריקע הענט און ניט אונטערשטיצן די עושי רשעה; זאָל ניט צעשפּאָלטן ווערן דאָס הויז ישראל דורך אַ נייער סעקטע, דערויף זיינען דאָך איצט זייער מקפיד אַלע מלכי ארץ. מיר האָבן געהערט, אַז די שׂרים פון דער שטאָט האַמבורג זיינען מענטשן פון גערעכטיקייט און יושר, לכן זאָל מען אויסקלייבן פאַרשטאַנדיקע און גאָטספאַרכטיקע מענטשן, לאָזן זיי קומען מיט געוויין פאַר די שׂרים, און דאָס הויז פון די רשעים וועט פאַרטיליקט ווערן, און זייערע אָרעמס וועלן ווערן צעבראָכן [2]. אויך דער טריעסטער אב״ד, אברהם אליעזר הלוי, ווייזט אָן, אַז די רבנים און חכמי הדור, וואָס זיצן על כסא־הרבנות און האָבן די מעגלעכקייט „לעמוד בחצר המלכות״, זיי דאַרפן ניט דערלאָזן קיין צעשפּאַלטונג און דאַרפן די דאָזיקע רשעים רודפן „עד חרמה״ [3].

באַזונדערס טיפּיש איז אין דער הינזיכט דער רב פון ליסאַ. ער אַנטוויקלט ווייטער דעם געדאַנק, וואָס ס׳האָט אַרויסגעזאָגט זיין בן־עיר, דער פאַרפאַסער פון „עת לדבר״ [4], און פלייסט זיך צו דערווייזן, אַז די פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי זיינען ניט נאָר אפּיקורסים און רשעים גמורים, נייערט טאַקע אויך מורדים במלכות. ער, דער פרומער רב, שפּילט דעם פייערדיקן פּאַטריאָט, און דערקלערט, אַז גלייך, ווי מיר גלויבן באמונה גמורה, דאָס דער בורא יתברך איז דער מנהיג פון דער וועלט, אַזוי גלויבן מיר אויך „שהמלך והשלטון הוא בחיר ד׳ להתנהג על ידו״. מיר ווייסן דאָך, — ווייזט ער אָן אין זיין פּסק, — אַז די הערשאַפטן פון יעדער מדינה זיינען זייער מקפיד, דאָס יעדער מענטש דאַרף זיין געבונדן אין די קייטן פון זיין דת און אמונה, און מ׳טאָר ניט געטיילט זיין אין באַזונדערע סעקטן, יעדע זאָל זיך טאָן, וואָס איר געפעלט. עס שטייט ביי שלמה

---

1 זע אויבן, ז׳ 127—128.

2 דאָרטן, 23—24.

3 דאָרטן, 60.

4 זע אויבן, ז׳ 199—200.

5 ציננבערג, ב׳ VII, ז׳ 10.

המלך געשריבן: ירא את ד׳ בני ומלך — טו פאָרכטן, מיין זון, פאַר גאָט און פאַרן מלך, ועם שונים אל תתערב, דאָס הייסט, זאָלסט זיך נישט חברן מיט די, וואָס ווילן ענדערן און זיך אָפּווענדן פון אונזערע אבות, וואָרעם דורכדעם וועסטו פאַרלירן די פאָרכטיקייט אי פאַר גאָט, אי פאַרן מלך.

מיר זעען דערפון גאַנץ קלאָר, — פירט אויס דער גאָטספאָרכטי־קער רב, — אז דאָס ענדערן די נוסחאות (פון די תפילות) איז אַ ביטערער גיפט, און ווי אַ שלאַנג שטרעבט ער צו צעשטערן דעם דת, די הנהגת המדינה און דעם קיום העולם, (געשפּייצט ביים ליסער רב) 1.

דער „אלה דברי הברית״ האָט שטאַרק אויפגעבראַכט ניט בלויז די רעפאָרם־פאַרטיי; אפילו אין געוויסע אָרטאָדאָקסישע קרייזן האָט דער שטאַרק פיינדלעכער טאָן, מיט וועלכן די שטאָקפרומע רבנים זיינען ארויסגעטראָטן קעגן די רעפאָרמירטע סינאַגאָגעס, ארויסגערופן אַ באַשטימטע אומצופרידנקייט. נאָך איידער דער „אלה דברי הברית״ איז דערשינען, איז דער אָרטאָדאָקסיש־געשטימטער און אין האמבורג זייער אָנגעזעענער למדן אליעזור ריסער [2] ארויסגעטראָטן (דעצעמבער 1818) מיט זיין „זענדשרייבען אַן מיינע גלויבענסגענאָסען אין האמבורג אָדער איינע אבהאַנדלונג איבער דען איזראַעליטישען קולטוס״, ווו ער באַקעמפט דעם האמבורגער בית דין צדק און זיינע מיטהעלפער דערפאַר, וואָס זיי ווילן ארויסרופן אַ צעשפּאַלטונג אין דעם יידישן קיבוץ און שטעלן ארויס די רעפאָרם־פאַרטיי אלס פושעי ישראל און כופרים בעיקר.

דעם באַלד דערנאָך דערשינענעם „אלה דברי הברית״ האָט די רעפאָרם־פאַרטיי גלייך אַטאַקירט מיט צוויי קעגנשריפטן: „ברית אמת״ און „חרב נוקמת נקם ברית״.

דער „ברית אמת״ איז דערשינען אונטער אַ פּסעוודאָנים „אמת אבידע אחיצדק״, און אויך דאָס דרוק־אָרט איז מיט אַ כיוון ניט ריכטיק אָנגעוויזן [3]. דער פאַרפאַסער פון דעם ווערק איז געווען אַ לערער פון פויזן, דוד קאַראָ, וואָס האָט דעביוטירט מיט אַ גרויסן אַרטיקל אין „המאסף״ (1810—1811) וועגן קינדער־דערציונג „גידול בנים״. דער „ברית

---

1 באַלד נאָך דעם „אלה דברי הברית״ איז קעגן דער רעפאָרם־פאַרטיי דערשינען אברהם בר׳ אריה־ליב לעווענשטאַמס „צרור החיים״ (1820), וואו עס ווערן בלויז איבערגעחזרט די טענות, וואָס זיינען שוין ארויסגעזאָגט אינם „אלה דברי הברית״.

2 אליעזר איז געווען דעם באַוווסטן האמבורגער רבס, רפאל כהנס, איידעם.

3 אויפן שער־בלאַט איז אָנגעוויזן קונסטאַנטינא, דאָס ווערק איז אָבער געדרוקט אין דעסוי.

אמת" באשטייט אויס צוויי טייל: „ברית אלהים" און „ברית הכהונה" או „תכונת הרבנים" 1. דער ערשטער טייל איז ווייניק אינטערעסאנט; דער פארפאסער פירט א פאלעמיק מיט די רבנים פון „אלה דברי הברית" און מיט זייערע פסקים, און דעקט אויף די גרייזן און ניט ריכ־טיקע הנחות, וואס ווערן ארויסגעזאגט אין יעדן פסק באזונדער. דער פארפאסער גופא־ווייזט אין דער פארערדע אן, אז דער צווייטער טייל איז דער וויכטיקסטער. דער דאזיקער טייל האט ווירקלעך א געוויסן קולטור־היסטארישן אינטערעס; עס איז נאך וואלפסזאנס „שיחה בארץ החיים" דער ערשטער אנזאגער פון דעם קולטור־קאמף, וואס די משכילים האבן אונטערגענומען אין דער ניי־העברעיִשער ליטעראטור קעגן די רבנים. „תכונת הרבנים" הייסט דער צווייטער טייל: וואס די רבנים זיינען געווען אמאל, וואס זיי זיינען איצט און ווי דארפן זיי זיין (כאשר היו, כאשר המה וכאשר ראוים להיות).

בכדי צו זיין א מנהיג העדה, א פירער און דערציִער פון דער קהילה, דארף דער רב, לויט קאראס מיינונג, דערפילן זיבן באדינגונגען, פון וועלכע די וויכטיקסטע זיינען: 1) א רב דארף זיין א מאראליש־ריינער מענטש; 2) ער דארף גרינדלעך ארייננדרינגען אין דעם גייסט פון דעם יידישן דת, ניט א תפלה־זאך האלטן פארן עיקר און דעם עיקר פאר א תפל; 3) א רב דארף זיין אויך בקי אין וויסנשאפטן און באזיצן די שפראך פון דער ארומיקער באפעלקערונג; 4) דער רב דארף האלטן דרשות פארן פאלק, דערציִען דאס פאלק, באקענען אים אין קלארער, איינפאכער שפראך מיט די מאראלישע יסודות פון דער תורה, דערקלערן, ווי מען דארף קינדער דערציִען, מעורר זיין, אז יעדער פאטער דארף השגחה האבן, ווי באלד זיין זון איז ניט מסוגל צו קיין וויסנשאפטן, זאל ער אים לערנען א מלאכה צדער געוויינען צו ערדארבעט, וואס דאס איז דאך די וויכטיקסטע און נוצלעכסטע פון אלע מלאכות [2]. דער רב איז אויך מחוייב צו פרעדיקן פאר זיין עדה אהבת־האדם הכללית (טאלעראנץ

1 דער היסטאריקער גרעץ און דער ביבליאגראף ה. ציישלין ווייזן אן, אז דעם צווייטן טייל זאל האבן פארפאסט ניט דוד קארא, נאר יהודה מיזעס. דאס געפינט זיך אבער אין פולער סתירה מיט דוד קאראס אייגענער דערקלערונג אין „אלגעמיינע ציימונג דעס יודענטומס", 1837, ז' 370, וואו ער ווייזט אן אז ער איז אויך דער פארפאסער פון „תכונתי הרבנים". דערויף זאגן אויך עדות אייניקע געדאנקען און מיינונגען פון „נידול בנים", וואס חזרן זיך איבער אין „תכונת הרבנים". דער רייכער יהודה־לייב מיזעס האט בלויז אויף זיינע הוצאות געדרוקט קאראס ווערק און צוגעגעבן א גאנצע צאל הערות, וואס באצוועקן נאך מער צו פארשארפן די אנפאלן אויף די רבנים.

2 ספעציעל וועגן דער וויכטיקייט פון ערד־ארבעט רעדט דער פארפאסער ווייטער, ז' 126 – 128.

אוּן מענטשנליבע, דערקלערט דער פּראָפעסער), אַז יעדער מענטש דאַרף ליב האָבן אַלע מענטשן־קינדער אָן אונטערשייד פוּן אוּמה און גלויבן; אויך דאַרף ער איינפלאַנצן ליבע צוּ דעם פאָטערלאַנד; 5) דער מנהיג העדה דאַרף זיך רעכענען מיט די פאָדערוּנגען פוּן דער צייט און אוּמשטענדן: ער דאַרף צופּאַסן די הנהגה פוּן זיין פאָלק צוּ די קוּלטוּרעלע צוּשטענדן פוּנם לאַנד (לדרכי נימוסי המדינה); פאַרשטיין, ווי מען דאַרף דוּרכלוּפטערן די ֿפאַרעיפוּשטע אַטמאָספערע (האויר המעופש), וואָס דריקט איבער די קעפּ פוּן זיין קהלה, אָפּרייניקן פוּנם שפּינוועבס, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט...

אין אַמאָליקע דורות, — פאַרזיכערט דער פּראָפעסער, — האָבן די מנהיגי העדה דערפילט די אַלע באַדינגוּנגען, אָבער אין אוּנזערע צייטן איז די נאַרישקייט און ווילדקייט אַזוי גרויס, אַז מען קלייבט אויס אַ רב איידער מען איז חוקר ודורש, צי פּאַסט ער לויט זיינע קענטענישן און מאָראַלישע אייגנשאַפטן צוּ דעם דאָזיקן אַחריוּתדיקן פּאָסטן; איצט קוּמט אַ ליאַדע ווער, אַבי ער קען נאָר דראָבטשן (היודע לצפצף) אין ש״ס און פּוסקים, באַקוּמט ער גלייך דעם רבנות־שטעקן אין דער האַנט. און אַזוינע רבנים, וואָס האָבן קיין באַגריף ניט הן אין חכמה, הן אין דרך־ארץ — זיי זיינען עס די פּירערס פוּן בית ישראל? די מנהיגים אין אַמאָליקע דורות, די חכמי התלמוד, זיינען געשטאַנען אויף דער הייך פוּן דעמאָלטיקער קוּלטוּר און וויסן, און מיר אין אוּנזערע צייטן האָבן פאַר מנהיגים לויטער „מרחקי החכמה ובוזי התבונה“, — מענטשן, וואָס דערווייטערן זיך פוּן יעדער חכמה און פאַראַכטן דאָס וויסן. יעדער ספר, וואָס איז געשריבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, הייסט שוין ביי זיי „ספר פּסול“, און אַלץ, וואָס שטייט דאָרט, איז לויטער אַפּיקורסות און זייער אייגענע שפּראַך איז אַ ממזר־לשון (שפה ממזרת) אָן טאַטע און מאַמע, נאָר אַ געמיש פוּן די לשונות, אויף וועלכע מען האָט גערעדט אין די לענדער, איבער וועלכע אוּנזערע זיידעס האָבן געוואַנדערט, אַ פאַרגרייזטע, צעקאַראַשעטע, פאַרדאָרבענע שפּראַך (לשון מטורפת מדולדלת ומשובשת) [1]. די חכמי התלמוד, — פאַרזיכערט קאַראַ, — האָבן זיך גערעכנט מיט די פאָדערוּנגען פוּן זער צייט, זיי האָבן מתקן געווען נייע תקנות לויט די באַדערפענישן פוּן דער צייט און פלעגן דערביי אַפילו צייטנווייז -בטל זיין „מה שכתוב בתורה“ און איצט? עס איז דאָך

---

1 ניט מיט קיין קלענערן ביטול רעדט דער פּראָפעסער וועגן דער צלטיידישער מוסר־ליטעראַטור „אשר תבחל גם נפש משכלת“, ווי דער „צאינה וראינה“ און „קב הישר“.

ניטאָ אַזאַ אומה ולשון, וואָס זאָל זײַן אַזוי איבערלאָדן מיט מנהגים, דינים און געזעצן, ווי מיר בײַ איצטיקע צײַטן. ווי נאָר דער מענטש עפנט אין דער פרי די אויגן, ביז ער לייגט זיך שלאָפן בײַ נאַכט, האָט ער צו דערפילן תּלי תּלים מנהגים און דינים; יעדער ריר מיטן מינ־דעסטן אָבער איז פאַרבונדן מיט אַלערליי איסורים און וואָרענישן און אַלע שטיצן זיי זיך אויפן זאַץ: המחמיר — תּבוא עליו ברכה.

טיפּיש איז דער ענטפער, וואָס דער משכּיל דוד קאַראָ גיט צום סוף אויף דער פראַגע: ומה נעשה — וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? אויסער דעם, וואָס מען דאַרף ראַדיקאַל איבערבויען די קינדער־דערציִונג, געפינט נאָך דער פאַרפאַסער, אַז מע דאַרף קודם כּל אָט וואָס טאָן: די פאַר־שטענדיקע און געבילדעטע פון יעדער מדינה דאַרפן זיך אַלע צונויפנע־מען און קומען צום קיניג מיט אַזאַ געבעט: מיר זײַנען דײַנע קנעכט גלײַך מיט די אַנדערע אײַנוווינער פון לאַנד, מיר נעמען אַ גלײַכן אָנ־טייל אין דער פּראָדוקציע פון דער מלוכה, מיר צאָלן שטייערן מיטן גאַנצן ווילן און מיטן גאַנצן האַרצן זײַנען מיר דעם לאַנד געטריי איבער־געגעבן, — באַווייליק־זשע, אַז מיר זאָלן אויך גלײַך זײַן מיט אַלע אַנדערע בירגער אָט מיט וואָס: זאָל באַשטימט ווערן אַ זאַמלונג פון פאַרשטאַנ־דיקע מענטשן, וואָס זײַנען באַקאַנט מיט זייער געניטקייט אין דת משה וישראל און מיט זייער ליבע צו גערעכטיקייט און זיי זאָלן באַפולמעכ־טיקט ווערן השגחה צו געבן אויף אַלע רעליגיעזע יידישע ענינים, באַ־שליסן, וואָס מען דאַרף מתקן זײַן און וואָס דאַרף בטל ווערן. אויך זאָלן זיי האָבן דאָס רעכט צו ווײַלן און צו באַשטימען אַ רב אין יעדער קהילה באַזונדער. און די יידישע עדה זאָל מער ניט זײַן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך. דעמאָלט וועלן פון אונז אַראָפּפאַלן די פּענטעס פון ווילד־קייט און אומוויסן (אסורי הבערות) און אויך מיר, דײַן פאָלק ישראל, וועלן גלײַך מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דײַן לאַנד ווערן טיכטיקע, נוצלעכע בירגער [1].

מיט איין וואָרט — מען דאַרף די גאַנצע מאַכט איבער דער קהילה איבערגעבן די משכּילים און געבילדעטע און אויפן אָרט פון די רבנים זאָלן זיי, די משכּילים, ווערן די „רועי ישראל", די היטער און וועכטער פונם פאָלק...

דוד קאַראָ האָט זיך געפונען ווײַט פונם קאַמפּלאַץ, נאָר נאָך איידער זײַן „ברית אמת" איז אין דרוק דערשינען, איז אין האַמבורג גופא אַרויסגעטראָטן קעגן די אָרטאָדאָקסן פון „אלה דברי הברית" איינער

---

1 ברית אמת, 142.

פון די הויפּטפירער פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי, מ. י. בריסילוי, מיט זיין „חרב נוקמת נקם ברית״ [1], איינער פון די שאַרפסטע, אָבער אויך פון די גלענצנדיקסטע פּאַמפּלעטן, וואָס די נייהעברעיִשע ליטעראַטור באַזיצט [2].

ניט בלויז דער קריגערישער טאָן פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים, זייערע בייזע, ניט פאַרדינטע אָנפאַלן און גראָבע זידלערייען האָבן באַליי־דיקט און אויפגעבראַכט דעם פירער פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי, מאיר בריסילוי; דערצאָרנט האָבן אים די „רועי ישראל״ מיט זייערע אומבאהאָלפענע טענות, מיט זייער טרוקענעם פּלפּול און קינדערשע בויך־סברות. אומבאַוווּסט, אינסטינקטיוו האָט פון אים אַרויסגעשריען דער ווייַ פאַר דעם קלאָגעדיקן שוצלאָזן מצב פון פאָלק, וואָס האָט אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט, אין אַזאַ היסטאָרישער איבערברוך־תּקופה אַזוינע פירער, אַזעלכע פאַרשטייער. ער האַלט פאַר איבעריק צו פירן מיט זיי דעבאַטן, דערווייזן, ווי אומגערעכט זיי זיינען, ווי אָפּגעשטאַנען זיי זיינען; ניין — נאַקעט און בלויז דאַרפן זיי, לויט בריסילויס שטאַנד־פּונקט, אַרויסגעשטעלט ווערן אין זייער גאַנצער אַלטפרענקישקייט און חוני־המעגלישער אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט. ניט מיט קיין לאָגישע טענות, נאָר מיט דער בייטש פון סאַטירע, מיט די שפּיציקע פיילן פון שפּאָט און געלעכטער דאַרף מען קעגן זיי אַרויסטרעטן און זיי באַקעמפן. און בריסילוי איז ניט נאָר אַ קעמפער־נאַטור, נאָר אויך אַן אויסגע־צייכנטער סטיליסט, אַ מייסטער פון דער ביבל־שפּראַך. און יעדע פראַזע אין „חרב נוקמת״ איז פול מיט גיפט, יעדע שורה — אַ שפּיציק־שאַרפע פייל, וואָס ווערט געשליידערט מיט האַס און צאָרן אין די „רועי האליל״, אין די „העצמות היבשות״, וואָס „גם אהבתם, גם שנאתם, גם קנאתם כבר אבדה, וחלק אין להם עוד לעולם״...

דער האַמבורגער „בית דין צדק״ האָט צוב שלום פון „אלה דברי הברית״ מכריז וכמודיע געווען, אַז באַם עס וועלן זיך געפינען „פּריוואַט־פּערזאָנען״, וואָס וועלן „עטוואָס געגן דיזעם ספר שרייבן״, דערקלערן זיי

---

1 דער פּאַמפּלעט איז דערשינען אַנאָנים, אויך איז ניט אָנגעוויזן דאָס דרוק־אָרט; ס'איז בלויז אָנגעצייכנט די דאַטע (תקע״ט). מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער ערשטער אויסגאַבע. ש. בערנפעלד האָט דאָס ווערק איבערגעדרוקט אין די ביילאַגן צו זיין „תולדות הריפורמציון״.

2 אויפן סמך פון אַ געוויסער שטעלע אין דער קעגן־שריפט „להט החרב המתהפכת״ קאָן מען אפשר מאַכן אַ השערה, אַז די רעפאָרמיסטן האָבן אויך אַרויס־געלאָזן אילוסטרירטע קאַריקאַטורן קעגן די אָרטאָדאָקסישע רבנים. דאָרטן (ז׳ 5) הײַסט נעמלעך אָנגעוויזן: האם גם זאת חשבתם לחכמה להוציא מתחת ידכם פתוחי חותם בעט ברזל ועופרת בדברי ריב ומצה, חרפה וקלון נגד המאורות הגדולים אנשי שם ומופתי הדור, אבירי הרועים רכב ישראל ופרשיו!

פאַרוים, אַז זיי „פינדען אונטער אונזערער ווירדע“ זיך „אין איינען פעדער־קריג איינצולאַסען“, און וועלען „קיינע געגענשריפט בעאַנטוואָרטען ווערדען“. צו שמאַרציק זיינען אָבער געווען די פיילן פון „חרב נוקמת“, צו אַ שטאַרקן איינדרוק האָט דער פּאַמפלעט געמאַכט; האָט מען קיין ברירה ניט געהאַט, און דאָך געמוזט מיט אַ „געגענשריפט בעאַנטוואָרטען“. און אַלס ענטפער אויף דעם „חרב נוקמת“ איז באַלד (1820) דערשינען ל. רייניצעס „להט החרב המתהפכת“. דער פאַרפאַסער פּרוּווט אימיטירן, אָבער אָן דערפאָלג, ברייסילוים גלענצנדיקן ביבל־סטיל, חזרט איבער לאַנגוויליק און צעצויגן די טענות פון די רבנים אוים דעם „אלה דברי הברית“, יעדער זייטל איז באַפּוצט מיט אַזוינע שפּראַך־בלומען, ווי: אנשי בליעל, מנאפים, עצרת בוגדים, פתאים וסכלים, מחנה משוגעים, כלב, נבל, רשעים, סכל, זקן וכסיל אאז״וו.

אַזוינע קעגנשריפטן האָבן געקאָנט קאַרג וואָס העלפן; די אָרטאָדאָקסן האָבן אָבער געקראָגן הילף פון אַן אַנדער זייט, טאַקע פון דער, אויף וועלכער עס האָבן אָנגעוויזן אין זייערע פּסקים די רבנים פון טריטש און פון ליסא — מצד די מלכים און שרים פון לאַנד. די אָרטאָדאָקסן האָבן געשיקט דעם פּרייסישן מלך איין קלאָגשריפט נאָך דער אַנדערער אויף די אַפּיקורסים און „קעצער“, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זייער קהילה. און דער מלך, „דער מענטש פון גערעכטיקייט און יושר“, האָט דערהערט זייער געבעט. דער פּרייסישער מלך איז בכלל ניט געווען פריי פון מיסיאָנערישע טענדענצן, און טאַקע אין אָנפאַנג 1822 איז אין פּרייסן געגרינדעט געוואָרן אַ מיסיאָנערע געזעלשאַפט מיט דער ספּעציעלער אויפגאַבע צו אַגיטירן צווישן יידן, דערלייכטן זיי די אויגן מיט די אייביקע אמתן פון דער קריסטלעכער קירך. די יידישע רעפאָרמיסטן האָבן דאָך אָנגעוויזן, אַז זיי באַצוועקן מיט זייערע רעפאָרמען, די יוגנט זאָל ניט פאַרלאָזן דעם דת פון זייערע אבות,—האָט טאַקע די קיניגלעכע רעגירונג מיט אַ כיוון דערפילט דעם ווונטש פון די אָרטאָדאָקסן, פאַרבאָטן איינצופירן וועלכע ס'איז ענדערונגען אינם יידישן ריטוס; אפילו דייטשע פּרעדיקן אין שול זיינען אויך פאַרווערט געוואָרן [1].

די אָרטאָדאָקסן האָבן געזיגט. דער דאָזיקער נצחון איז אָבער געווען ערגער פון דער טיפסטער מפּלה. דער דיסקרעדיטירונגס־פּראָצעס פון דער פאַרשטאַרטער שולחן־ערוך־רבנות, דער פּראָצעס, וואָס האָט זיך אַזוי געשטאַרקט בשעת דעם זיבן־יאָריקן „קמיעות־קריג“ צווישן יעקב עמדן און יונתן אייבעשיץ, האָט דערגרייכט זיין העכסטן פאַלענדונגס־פּונקט

1 זע ש. בערנפעלד, ציט. ווו, 92.

אין צווייִ דורות ארום בײַ דעם קאַמף קעגן דער רעפאָרם־פּאַרטײַ אין די ערשטע יאָרן פון דער רעאַקציע־תּקופה.

אויסטערליש שלענגלט זיך אָבער דער זיגזאַגישער וועג פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס איז אַזוי ענג צונויפגעפלאָכטן מיט די פאַרשיידנאַרטיקע קולטורעלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע צושטאַנדן פון דער אַרומיקער סביבה. און דווקא אין די 20־ער יאָרן פונם 19טן י״ה זײַנען פאָרגעקומען בנוגע דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור און ליטעראַטור גאַנץ וויכטיקע געשעענישן. אין דײַטשלאַנד האָבן מיט ריין אַפּאָלאָגעטישע צוועקן דײַטשע געלערנטע מיטן יונגן לעאָפּאָלד צונץ בראש זיך פאַרמאָסטן צו שטעלן אַ מצבה דעם פאַרגאַנגענעם ייִדנטום, אונטערצופירן דעם סך־הכּל פון אַלץ, וואָס דער ייִדישער קיבוץ האָט געשאַפן אויפן געביט פון גייסט און געדאַנק אין משך פון זײַנע טויזנט־יאָריקע וואַנדערונגען. און פון דעם פאַרמעסט איז אויסגעוואַקסן אַן אייגנאַרטיקער בנין — די „חכמת היהדות״...

אין עסטרייך האָט דער דיכטער שלום־כּהן געגרינדעט די צײַטשריפט „בכּורי העתּים״. זײַן פאַרמעסט איז דווקא געווען גאַנץ קליין — בלויז באַנײַען די טראַדיציעס פון דעם „המאסף״, גיין אין זײַנע דרכים, וואַרעמען זיך אין זײַנע שטראַלן. די רעזולטאַטן זײַנען אָבער איבערגעוואַקסן דעם רעדאַקטאָרס קליינע השגות. דער פריערדיקער „מאסף״־פאַרערער איז אָפּגעשטופּט געוואָרן אין אַ זײַט, און בעת ער איז געווען פאַרטאָן און געשאַפן אַ בלאַסע קאָפּיע פון וויזעלס „שירי תפארת״ — דעם דיקבײַכיקן „ניר דוד״, האָבן דעם פאָדערגרונד פאַרנומען אַזעלכע דענקער און פאַרשער, ווי נחמן קראָכמאַל, שלמה ראַפּאָפּאָרט און שמואל־דוד לוצאַטאָ, און אַזאַ סאַטיריקער ווי ערטער. צו דערזעלבער צײַט טרעטן אַרויס יצחק־בער לעווינזאָן מיט זײַן „תעודה בישראל״ און מנשה איליער מיט זײַן „אַלפי מנשה״ און לייגן די גרונד־שטיינער פון דער השכּלה־ליטעראַטור אין רוסלאַנד. דער אומדערמידלעכער ישראל אַקסענפעלד פּרוּווט דורכמאַכן דאָס אייגענע, ווען אַפילו מיט אַנדערע מיטלען, אויפן געביט פון דער פאָלקס־שפּראַך, און אין פּוילן מאַכט דער יונגער שלמה עטינגער דעם דרייסטן פּרוּוו אויסצונוצן די פאָלקס־שפּראַך ניט בלויז אַלס קאַמפס־ און אויפקלערונגס־מיטל, נאָר אויך אַלס געשליפענעם אינסטרומענט פאַר אמתער קונסט.

וועגן דעם — אין ווײַטערדיקן באַנד.

ביילאַגן

ביילאגע נומ׳ 1

(זע זייט 172)

דער פארוואלטער פון דער סעמיטישער מאנוסקריפטן־אפטיילונג אין דער לענינגראדער מלוכה־ביבליאטעק, יחיאל ברבֿי, האט אונז אויפמערקזאם געמאכט, אז אין א קאלעקציע מאנוסקריפטן, וואס ער האט ערשט אין 1934 קאטאלאגיזירט, געפינט זיך אן איינגעבונדענער מאנוסקריפט מיט דער אויפשריפט: „מכתבי מ״ה נתן מבראסלאוו״.

דער דאזיקער מאנוסקריפט (פערטע קאלעקציע, נומ׳ 93) באשטייט אויס 117 באשריבענע פאגינירטע בלעטער, אין 4°. יעדע זייט איז געשריבן אין צוויי שפאלטן. אויפן פארדערשטן ליידיקן בלאט איז אנגע־מערקט, אז דער מאנוסקריפט האט געהערט צו „גדליה זאב בארקע מפה אומן״. דערנאך גייט א „הקדמה למכתבים״ פון דעם אנאנימען זאמלער. אין דער הקדמה ווערט דערציילט וועגן ר׳ נתנס גרויסקייט און וועגן זיין איבערגעגעבנקייט דעם צדיק ר׳ נחמן בראסלאווער. אגב, ווערט דארט אנגעוויזן, אז די תפילות, וואס ר׳ נתן האט פארעפנטלעכט, זיינען בלויז א גאנץ קליינער טייל פון די גרויסע תפילות־זאמלונגען, וואס זיינען פארברענט געווארן („לבד ממה שנשרפו הרבה הרבה חבורים מסדר לקוטי תפלות שלו מה שלא זכו העולם לראותם וליהנות מהם כלל, כידוע ומפורסם בין אנשי שלומנו״).

נאך דער „הקדמה״ גייט א גרויסע קאלעקציע נתנס בריוו (ביז דף ק״ז), דערנאך גייען בריוו פון אנדערע בראסלאווער חסידים. נתנס בריוו זיינען אלע דאטירט; דער ערשטער טראגט די דאטע: עירב יום כפור תקצ״ו און דער לעצטער — א׳ וישב תר״ה (אין 1845 איז נתן געשטארבן). סך הכל 291 בריוו (פון תקצ״ו—28, תקצ״ז—22, תקצ״ח—23, תקצ״ט—20, ת״ר—41, תר״א—47, תר״ב—39, תר״ג—37, תר״ד—27, תר״ה—7). מיט קליינע אויסנאמען זיינען כמעט אלע בריוו אדרעסירט צו נתנס געליבטן זון און תלמיד יצחק, וואס איז שפעטער אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל און דארטן געשטארבן. בלויז געציילטע בריוו זיינען אדרעסירט צו נתנס איידעם, ברוך, און צו אייניקע אנגעזעענע בראס־לאווער חסידים. אבער אויך צום זון איז דער גרעסטער טייל בריוו

געשריבן מיטן באשטימטן אויפטראג, ער זאל זיי פארלייענען די „אנשי שלומנו״.

ווער איז געווען דער זאמלער און אפשרייבער פון די דאזיקע בריוו? פאר איין בריוו (דף כ״ג, עמ׳ ב׳) געפינט זיך אזא צושריפט: „זאת היא העתקה ממכתב אחד להרבני המופלא מו״ה ר׳ אפרים מקרומיטשאק, והיו כתוב כיקודם דברים נסתרים ומכאן נתן לנו רשות להעתיקו וחסר הרבה״. ביי אן אנדער בריוו (פונם יאר 1839) געפינען מיר אזא צושריפט: „אמר המעתיק: והיה לזכרון עולם אשר אחר יום כיפור זה בא פקודות ישועה מהגובערניע שיחזור מו״ר ז״ל לעירו לבראסלב, טוב להודות לד׳״. עס איז קלאר, אז דער דאזיקער „מעתיק״ איז געווען ר׳ נתנס א תלמיד, וואס פלעגט מיטן וויסן און איינוויליקונג פון זיין רבין אפשרייבן יענעמס בריוו, בכדי אויפצוהיטן די אין זיי אנגעזאמלטע תורה.

די דאזיקע בריוו־קאלעקציע איז זייער אינטערעסאנט פון פארשיידענע שטאנדפונקטן. ראשית גיבן זיי אונז א בולט בילד וועגן דעם לעבן פון די בראסלאווער חסידים אין די ערשטע יארצענטן נאך זייער רבינס טויט. מיר ווערן געוואר אינטערעסאנטע פרטים וועגן די רדיפות, וואס די „בראסלאווער״ האבן געהאט אויסצושטיין פון זייערע קעגנער. „אבל מחלוקת כזאת, — קלאגט זיך ר׳ נתן אין זיין בריוו פון יום ה׳ ויקרא תקצ״ז, — כאשר עלינו, כמעט לא היה בעולם, אשר קמו עלינו לבלענו חנם ח״ו לולא ד׳ שהיה לנו״. די רדיפות האבן אבער זייער ציל ניט דערגרייכט; דאס האט נאך מער געשטארקט ביי די „בראסלאווער״ דעם אימפעט צו גיין אויף מסירת נפש צוליב דער תורה פון זייער רבין. דער אלטער און קראנקער נתן נעמיראווער וויסט נישט פון קיין רו, ער פארט אלץ ארום פון איין שטאט אין דער אנדערער אלס אגיטאטאר און פראפאגאנדיסט. אין פיל שטעט האט ער זייער פיל אויסצושטיין פון די קעגנער. מען שלאגט אים אויס די פענסטער, מען שטעלט אים אריין אין זיין קווארטיר א „פאסטוי״ פון סאלדאטן; פון פיל שטעט איז ער אנטלאפן קוים מיטן לעבן. דאס שרעקט אים אבער ניט איין; ער, דער זקן און חלוש, האט ניט קיין פחד צו שווארצן די עסטרייכישע גרעניץ אין ראדזיוויל, בכדי זיך צו דערלאנגען קיין בראד, און דארטן אגיטירן פאר זיין רבינס תורה.

דרייסיק יאר זיינען שוין פארגאנגען זינט דער בראסלאווער איז געשטארבן, נאר אומבאגרעניצט איז זיין שליטה איבער זיין תלמידם גאנץ טאן און טראכטן. אלע נתנס הונדערטער בריוו זיינען פול מיט אנטציקונג און געוואלדיקער התלהבות פאר זיין רבין, אין וועלכן ער זעט

די העכסטע מדרגה פון געטלעכער התגלות. די בריוו פירן אונז אריין אין דער אינטימער וועלט פון די בראַסלאַווער חסידים מיט זייער באַגרעניצטן וועלט־באַנעם, אָבער אויך מיט זייער אייזערנעם בטחון און פייערדיקן פּאַטאָס. „לא דבר ריק הוא מכם — שרייבט נתן צו „אנשי שלומו״ — מה שזכינו לידע ממנו ומתורתו הקדושה, הוא חיינו ואורך ימינו; ת״ל (תהלה לאל) יש ויש לנו על מי לסמוך, ככחו אז כן כחו עתה ויותר ויותר להצילנו מכל אויבינו ולהושיענו בגשמיות וברוחניות״. „רק הזהר — שרייבט ער זיין זון יצחקן — לקיים שיהיו דבריו האמתיים של אדומו״ר זצ״ל בכל יום בעיניך כחדשים... כי השי״ת הקדים רפואה למכתנו האנושית כי כבר היה אדומו״ר ז״ל בעולם״. און אַן אַנדערש מאָל שרייבט ער דעם זון: „ויותר מהמה הנסתרות לד׳ אלקינו. חסדיו הנעלמים חסדי חנם מהאוצר מתנת חנם שממשיך הפראסטיק * הגדול שאנו זוכים לידע ממנו מעט מעט דמעט דמעט קט. מי יבין עוצם גדלו ורוממתו״.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער סטיל פון די בריוו. נתן שרייבט אַ פליסנדיק העברעיִש; דער העברעיִשער נוסח ווערט אָבער יעדעס מאָל איבערגעריסן, ווען נתן ברענגט זיין רבינס מימראָס אויף מאַמע־לשון. „ובאמת — שרייבט נתן נעמיראָווער — צריכין להתחיל ללמוד עמך ועם כולנו מחדש קמץ אלף בכל תורה ותורה שגילה הוא ז״ל (דער בראַסלאַווער) ואיך צעק בקולו הקדוש ואמר: גאָט איז מיט דיר, ביי דיר, לעבן דיר, שרעק דיך ניט, „קיין יאוש איז גאָר ניט פאַרהאַנדן״. ושצריכין, — לייענען מיר אין אַן אַנדער בריוו, — לחטוף היגון ואנחה דווקא לתוך השמחה... וביותר צריכין לעשות עצמו משמח, מען זאָל זיך מאַכן פריילעך ולשמח את עצמו ע״י מילי דשטותא כמו שמרגילין כל ישראל בימי הפורים״. צום סוף פון איין בריוו פאָלגט אַזאַ מין צושריפט: „עיקר שכחתי! און טאַקי פּאַרט האָפּ! כי ביותר צריכין לחזק עצמו בשמחה״. דאָס איז, ווי נתן גופא ווייזט אָן, דעם בראַסלאַווערס אַ מימרא. אין אַן אַנדער בריוו ווייזט נתן אָן זיין זון: כאשר שמעתי מפיו הקדוש: נאָר בטחון! „צריכים להשתדל — וואָרנט ער אַן אַנדערש מאָל זיין זון — לשבר העצבות המזיק ח״ו יותר מהכל. גיוואַלד שרעק דיך ניט מיין ליב קינד, שרעק דיך ניט, גאָט איז מיט דיר באמונ. זכור מה שאמר אדומו״ר ז״ל: גאָט איז גרויס, מען ווייסט גאָר ניט! סע טוען זיך אויף דער וועלט אַזוינע זאַכין מע ווייסט גאָר ניט וכו׳ וכו׳״.

---

* דער בראַסלאַווער פלעגט דאָך אויף זיך זאָגן, אַז ער איז אַ „פּראָסטאַק״ (זע אויבן, ז׳ 181).

אין א בריוו פון יום ד׳, ויצא, תקצ״ו, צום אײדעם ברוך גייט א לאנגע צושריפט אויף יידיש צו דער טאכטער חנה-צירל. די דאזיקע צושריפט איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם וועלט-באנעם פון נחמן בראסלאווערס געטרייסטן תלמיד, אז מיר ברענגען זי דא בשלימות:

„ליבע טאכטער, למען השם זארג ניט; גלייב אין השי״ת, ער וועט אייך ניט פארלאזין, קוק אויף נידיריקע פון אייך, ווי פיל יונגע לייט גייען אראפ אף (פון?) קעסט און האבן דאס אויך ניט. פאלג מיך און זארג ניט אף מארגן. אויב סע מיגליך זאלשט דיר מאכין עפיס א פרנסה — מה טוב. אז בני ר׳ שכנא וועט דא זיין, בעט אים ער זאל מיט מיר שמוסין איין עצה, טאמיר קאנסטו דיר עפיס א פרנסה מאכין. נאר למה״ש לע״ע זארג גאר ניט. גאט איז גרויס. דער וואס גיט לעבין דער גיט פרנסה. ווייטיר קיין צייט ניט פיל צו שרייבן, זייט געזונט און פריילין. ליבה קינדר! גילויבט איז השי״ת אז מיר רייסן ניט קיין הייליקע ספרים *, און מיר לערנין נאך זייא. ב״ה מע האט עפיס צו לערנין. געלויבט השי״ת, איך האב אייך שוין גיגיבן א גוטי ירושה אף אייביג. קיין עושר אין דער וועלט קאן אזוי א ירושה ניט לאזין. מיר האבן זיך ב״ה גארניט צו שעמין. דברי אביך המדבר באמת נתן הנ״ל.

ביילאגע נומ׳ 2

(זע זייט 205)

וועגן דעם „שבחי בעל שם טוב" אין יידיש

פון די צוויי ערשטע אויסגאבעס אין יידיש, וואס זיינען דערשינען אין איין יאר מיט די ערשטע צוויי העברעיִשע אויסגאבעס (1815), האבן מיר געהאט די מעגלעכקייט צו זען בלויז די אסטרער. אויפן שער-בלאט ווערט אנגעוויזן: דעם ספר שבחי הבעש״ט, וואש מיר האבן מעתיק גוועזן אויף לשון אשכנז, דאש איז א גרושי זאך דערצייילין מגודל מעלות ומדות הרב הקדוש בוצינא קדישא כבוד קדושת שמו מהור״ר ישראל בעש״ט ממעזיבוז. ניסים ונוראות, וואש עש איז שוין אלאנגי צייט ניט גיהערט גיווארן. איטלכר, וואש קאן ניט לשון הקודש,

---

* דאס איז, ווי עס שיינט, אן אנצוהערעניש אויף די קעגנער, וואס פלעגן פארברענען די ספרים ביי די בראסלאווער חסידים.

זאָל דעם ספר קויפן, כּדי מען זאָל װיסן, אַז מיר האָבן אַ גאָט אלוהי ישראל, װאָס קאָן טאָן ניסים ונפלאות דורך זײַנע קנעכט, װאָס דינען אים באמת.

נדפס באוסטרהא לפרט ג״א״ל י״ש״ר״א״ל (1815) לפ״ק. אויף דער אַנדערער זײַט גײט אַ קורצע הקדמה: מיר זענען מודיע װער עס װעט לייענען דעם ספר שבחי הבעש״ט, װאָס מיר האָבן מעתיק געװעזן פֿון לשון הקודש אויף לשון אשכנז, כּדי עס זאָלן װיסן אַלע לײַט חאָטשי די, װאָס קאָנען ניט לשון הקודש, מאַנען און װײַבער און קינדער: זאָלן זײַא װיסן, אַז השי״ת שמו לאָזט ניט אוישן אונז ישראל, אַז מיר זאָגען השי״ת ניט פרגעסין חאָטשי עס האָט זיך אויש גילאָזט די נביאים, װאָס זענען געװעזן. אַז מיר זענען געװעזן אין הײליגין לאַנד און דר בית המקדש איז גיװעזן, פלעגט השי״ת מודיע זײַן דורך זײַנע הײליגע נביאים, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דר װעלט, װאָס אַלי האָבן גזעהן די ניסים דורך זײַנע נביאים. און הײַנט איז דש אַלטע פון אונז אַװעק גיגאַנגין; לאָזט ער אונז אויך מאַכין װיסין, אַז מיר זאָלין זיך ניט כּיאָש זײַן מיר זאָלין ניט זאָגין אַז מיר זעלן שוין ח״ו פרפאַלין חלילה. הָט ער אונז געװעזן (גװיזן?) אַז הײַנט קאָן אויך זײַן אַז השי״ת בּרַחֲמָיו װעט אונז װידר שיקין אַזעלכין, װאָס װעט אונז כּלל ישראל אויש לערנין, װיא מיר זאָלין זיך באמת אום קערן צו גאָט ב״ה באמת ולב שלם כּדי מיר זאָלין קענין מקבל זײַן דיא לעכט (ליכט) פון משיח צדקנו, װאָס װעט קומן במהרה בימינו.

פאַקטיש איז דאָס ניט קײן איבערזעצונג, נאָר אַן איבערדערציילונג. אין דעם רוב „שבחים", װאָס װערן דערציילט, װי, צום בײַשפּיל, אין דער באַשרײַבונג פון דעם בעש״טס פּטירה, פעלן אײניקע פּרטים, װאָס זײַנען פאַראַן אין דעם העברעיִשן טעקסט, דערפאַר געפינען מיר דאָרט אַזעלכע פּרטים, װאָס זײַנען אינם העברעיִשן אָריגינאַל ניטאָ. די אויסטרער אויסגאַבע פאַרענדיקט זיך מיט דעם בעש״טס טויט; די איבעריקע מעשׂיות, װאָס װערן געבראַכט צום סוף פון דעם העברעיִשן „שבחי הבעש״ט, װערן דאָ ניט געבראַכט. דאָס גאַנצע װערק איז אײַנגעטײלט אין 83 פּרקים, און דער איבערזעצער פלײַסט זיך געטרײַ צו בלײַבן דעם סטיל פון די דערצײלערישע מוסר־ספרים, װי „שמחת הנפש", „בּרך אברהם" און אַנדערע. אַלס אילוסטראַציע ברענגען מיר די באַשרײַבונג, װי אַזוי דער בעש״ט איז נִתְגַלֶה געװאָרן:

פּרק ט״ו. אין דיזן פּרק װערט דערציילט די אַנדרי מעשׂה פון התגלות הבעש״ט:

הָבָב ר׳ דוד מְסָלְיִיוּבר איז גיפאָרין נאָך חנוכה־געלט * און פרבלאָנסעט צו דעם דאָרף, וויא הרב ר׳ ישראל בעש״ט איז גיזעסין. איז ער גיקומן אין שטוב אריין און הָט גיפרעגט זיין ווייב: ווי איז דיין מאַן? הָט זי גיזאָגט: ער איז ביים ראַנדר און העלפט אָנטרייַנסען די בהמות. אָביר ער איז גיזעסן אין זיין התבודדות־שטיבל. הט ר׳ דוד גיזאָגט: וואָש וועל איך דאָ עסין? האָט זיא גיזאָגט: עש איז דאָ איין עוף, וואָש מיין מאַן האָט גיקולט, זעט דעם חליף, אוב ער וועט אייך געפעלין, וועל איך אייך קאָחין. האָט ער גיזעהן דעם חליף, איז אים וואויל גיפעלין און האָט גיהייישין קאָחין. די צדקת איז גיגאַנגין און האָט מודיע גוועזן איר מאַן הרב ר׳ ישראל, איז ער גיקומן אַהיים און הָט זיך גימאַכט גלייך, וויא ער קומט פון דעם מוכסין, און אים משמש גוועזן ווי דער סדר איז פון איין ערליכן פראָסטאַק א דאָרפש־מאַן איז משמש איין מגיד, איין רבי, און האָט אים אליין דווקא גיבעט אויף דער נאַכט, און הָט אים אליין גישטעלט וואַשער און אין וואָש וואָשין זיך. און ער אליין האָט זיך גילייגט אין בעט מיט דעם ווייב, אזוי ווי א גראָבער פראָסטיק ארנדער. און ביי דער נאַכט איז דער בעל־שם אויף גישטאַנין, וואָרום ער פלעגט ניט צו שלאָפין נאָר צווי שעה, און׳ האָט זיך גיזעצט אונטרין אויבין און הָט עוסק גוועזן אין וואָש ער איז תמיד עוסק. אז ר׳ דוד האָט זיך אויף גיכאַפט, האָט ער גיזעהן אונטר אויבין א גרווישי לעכטיקייט. הָט ער אויף גיוועקט דעם בעל־שם׳ם ווייב און האָט גישריגין: חנה, חנה! עש ברענט אונטר אויבין! זאָגט זי צו אים: אייִדר איך וועל אָן טאָן דעם שלייער און דש קלייִד וועט זייער פלאַקרין, גייט זייט מוחל אליין מיט וואַשר וועט איר פאַר־לעשין. וויא ער קומט צום אונטערנן אובין, הָט ער גזעהן דֶר ר׳ ישראל בע״ש זיצט אונטערן אובן און עש שיינט איבר אים א לעכט. איז ער זייער דֶר שראָקין גיוואָרן, און איז חליש געבליבן. הָט זיא (דעם בעש״טס ווייב) געמוזט אויף וועקן און מבלבל זיין איר מאַן דעם בעש״ט פון זיין דביקות, ער זאָל אויף מונטערן ר׳ דוד. אין דער פריִא הָט ר׳ דוד גיזאָגט צו רבי ישראל: איך הָב אזו גזעהן ביִא נאַכט איבר דיין קאָפ, וואָש בטייט עש? הָט דֶר בע״ש גיענטפערט: אפשר וויִיל איך האָב תילים ערנצעט (ערנסט) גיזאָגט, אפשר הָב איך זיך מדבק גיוועזן אין השי״ת. נָאך ר׳ דוד אויף אים גוזר גוועזן, הָט ער זיך מְגַלֶּה גוועזן. פון דינשטמאָל פלעגט ר׳ דוד אופט פארן צום בע״ש הערן פון איִם

---

* חעגן דעם מנהג, אז רבנים פלעגן חנוכה־צייט ארומפאָרן צו הישן די דאָרף־יידן נאָך חנוכה־געלט, זע אויבן ז׳ 109.

דברי תורה, און אז ר׳ דוד פלעגט אמאל זאגן דברי תורה, פלעגט מן אים פרעגין: פון וואנין קומט צו דיר אזו דברי תורה? האט ער גיענפערט: איך האב גיהערט פון איין עני ואביון, עש איז פר הגדן אזוי איין עני.

ביילאגע נומ׳ 3

(זע זייט 221 און 256)

מענדל לעפינס „משלי״=איבערזעצונג

ווייל דאס דאזיקע ווערק איז פון די גרעסטע זעלטנהייטן, ברענגען מיר דא צוויי גרעסערע אויסצוגן:

I. דער אכטער קאפיטל (הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה).

א) רופט=זשע דען ניט אוים דיא חכמה און מבינות=שאפט לאזט זיך הערין מיט איר קול. ב) אין אלי הוכי ערטער אויפן וועג, דארטן וואו דיא טראקטין טחיילן זיך, אט דארטן שטייט זיא. ג) ביי די בראמן אין איינגאנג פון דער שטאט דוכט וואו מקומט פון אלי טירן אהין, דארטן זינגט זיא אוים: ד) צונאייך לייט רופיך דאס, און מיין קול צו מענמשענקינדער; ה) פארשטייטס אייך נישמער איר פתאים אויף איבר לייגונג, און איר נארנים נעמצייך נאר צום הארצן. ו) גיטס אכטונג וויא איך רייד נאר פייני=בריהש, מיינו ליפען עפנין זיך מיט יושר. ז) וויא מיין גומין טראכט נאר נאך אמת צו זאגן, הולטייען איז א מיאוס=קייט פאר מייני ליפען. ח) דיא רייד פון מיין מויל זענין אלי מיט ער=ליכקייט, קיין קרומקייט איז אין זייא נישט פארהאנדין און קיין שום עקשנות. ט) רעכט זענין זיי אלי פאר דעם, וואס איז א מבין, און גלייך פאר דיא וואס האבן דערלאנגט גניטשאפט. י) נעמט אקארשט אן מיין מוסר און לאזט אי קאסטן געלט און גניטשאפט וואס חעשובר איז פון גימגאלד. יא) ווארן חכמה איז פון פערל בעסער, אלי קלינא=טים זענין * מיט איר נישט צו פארגלייכן. יב) איך חכמה דיא שכינה פון ערמה, און דעם ספאסיב ממציא צו זיין תחבולות. יג) יראת שמים הייסט בייזים פיינט צו האבן, האפעריגקייט, גאוה, שלעכטער וועג און דרייען מיט דער צונג דאס האביך פיינט. יד) איין עצה און א בריה=שאפט קער צו מיר, מבינות=שאפט בין איך, גבורה איז מיין. טו) מלכים ראנדזין דורך מיר, און שררות גיבן פראווים פון ערליכקייט. טז) דורך

---

* פונם דייטשן חארט קליינאד.

מיר קומען שררות צו הארשאפט, און ווערין דורך מיר פייני בריות אלי דיא וואס משפטן מיט ערליכקייט. יז) איך האב ליב מייני ליבהאפּער און דיא וואס באגערן מיך נישמר גפינן זיא מיך שוין. יח) במיר איז עושר און כבוד, גרויס האב און צדקה. יט) מיין פּרי איז בעסער פון ריין גאלד, מיין הכנסה איז חעשבור פון מזומן געלד. כ) איך גייא מיר אום מיטן שטייגער פון ערליכקייט, צישין די סטעשקים פון גערעכטיג־קייט. כא) צו בשערין מיינע ליב האבר א קרן, זייערי אוצרות וועליך אן שפּיגווין. כב) מיך האלט השי״ת פאר זיין בעסטן אינטערעס, פאר אלי זיינע מלאכות אין דער וועלט. כג) פון איביג אן ביניך שוין חשוב גוועזן, גאר נאך פון תחלת אן פון דיא פארצייטיגשע זאכן. כד) שון דעמאלט אז קיין תהומות זינין נאך נישט גוועזן, קיין קוואלין פון דיא גוואלדיגע וואסרין. כה) איידר בערג זענין גפונדעוויט גווארן, פאר גבערג נאך ביניך גי גרינטעוועט גווארן. כו) ער האט נאך נישט גהאט גמאכט קיין ערד און קיין גאסן, דעם גרויסן שטויב פון דער וועלט. כז) וויא ער האט אן גרעכטעוויט דיא הימלן בין איך דורט גוועזן, אז ער האט גיקריצט דעם צירקול איברן תהום. כח) אז ער האט גערע־פריוועט דיא הימלן פון אובין, גמאציוויט דיא קוואלן פינים תהום. כט) אז ער האט דעם ים זיין חוק גשטעלט אן די וואסרן פעלן נישט זיין ציווי *, אז ער האט פאר צייכונט דיא פודעמענטים פון דער ערד. ל) איך בין גוועזן בייא אים א לערנער, בין גוועזן בייא אים א שפּיליכן טאג בטאג, האב בייא אים תמיד קאטאווים גטריבן. לא) האב מיר קאטאווים גיטריבן אויף דער וועלט (דאס הייסט) אין זיין מדינה, חאב מיך גשפּילט מיט מענטש;-קינדער. לב) מילא היינטזשי קינדער הערטץ מיך צו און אז וואול דיא דאזיגע, וואס פילנעוועז מיינע וועגן. לג) הערט מוסר און ווערט קלוג, אזוי וועט עטץ נישט פארשייט זיין. לד) אז וואול דעם מענטשן, וואס מיך פאלגט צו פילנעוועז מייני טירן טאג בטאג צו האלטן זיך אניםביישטידל פון מיינע טירן. לה) ווארן דער, וואס טרעפט מיך אן, דער האט בעקומן א לעבן און דער האט זיך אויס גרעכט א גוטן ווילן (הסכמה) פון השי״ת. לו) ווער זיך אן מיר אבר פאר זינדוגט דער קריוודיט זיין לעבן. מיינע פיינט האבן זיך אלי אנים טויט פאר ליבט.

II. אשת חיל מי ימצא (קאפּ׳ ל״א, י—ל״א).

י) איין אשת חיל וואו טרעפט מען אן. נאך ווייטר פון פעריל איז זיא צו באקומן. יא) מיטן גאנצן הארצן קאן זיך איר מאן אויף

---

* זיין באפעל.

איהר פאַר לאָזן, ער וועט אין זיין האַב אין ערגיץ קיין היזק נישט האָבן. יב) נאָר גוטס טוט זיא אן אים, קיין בייז איר לעבסטאָג נישט. יג) וואָהל און לײַון * האָט זיא אָנגעפרעגט און מיט אוראייגענע חענט האָט זיא עס אויף גרעט אויס גאַרביט. יד) זיא איז צו שין די סוחרשי שיפן פאַרגליכן. זיא ברענגט פון ווייט און בריט איר פרנסה אריין. טו) זיא איז אויף גישטאַנן אז סיז נאָך פינצטער זיא האָט שוין אָנגעגרייט עסין דעם הויז-גזינד און ארביט אירי דינסטן. טז) א שטיקל פעלד האָט זיא גגאַרט און האָטים באַקומן, פון איר אייגעני פראַצי האָט זיא בעפלאַנצט איין גאַרטן. יז) זיא האָט זיך דער האַריוויט קראַפט אין אירי קרישוס, גזינט און מאַכט אין אירי הענט. יח) זיא האָט דערפילט אָטעם אין איר האַנדיל, אויך בייא נאַכט פאַר לעשט זיך נישט איר לעכט. יט) זיא זיצט מיט איין האַנט אונטער גלעהנט דעם קוזשיל ** און די אַנדרי אויס גשטרעקט מיט דער וואריטעני. כ) איר האַנט איז אָפן צו איין עני איר אָרום אויסגעשטרעקט געגן איין אביון. כא) זיא האָט שוין איר הויז גזינד פאַר זאָרגט פארין ווינטר, אלי זענין שוין פיין אויס ניקליידט אויך פאַר א פראָסט. כב) בעטגוואַנד האָט זיא זיך ספּאַראַנ-דזיט, לאַנדיגעס צייג און שוועביש-ווארג זענין אירי מלבושים. כג) איר מאַן איז באַקענט גוואָרן אויף דער וועלט ווי ער זיצט צישין די פייני בעריום פונם לאַנד. כד) דריליך *** ארביט זיא און ברענגט עס אליין אויס, און גאַרטן ווארג גיט זי אן דעם הורטאַוניק. כה) שיין און שטאַרק קויפט זיא איין זיך אויף קליידונג, און נאָך לאַנגי צייט דערנאָך האָט זיא דעם נחת. כו) איר מויל עפינט זיך מיט חכמה, מוסר פון גוטצקייט איז בייא איר תמיד אויף דער צונג. כד) זיא קלערט זיך תמיד דורך דאָס אײַנקומניש און אויסקומניש אין איר ווערטשאַפט, אזו עסט זיא קיין מאָל נישט פונם גרייטן. כח) עס זענין שוין אויף גקומן אירי קינדרליך, זיא האָט פון זיי א גדולה און פון איר מאַן גרויס כבוד. זט) פיל אזוני טעכטיר האָבן זיך אויף געבערייעט, אָבער דאָ איבערגייט זייא אלי מיט אַנדור. ל) דער הן אליין איז נישט, און הבל דאָס שייני פנים, גוט און פרום איז דער צו, דיא מעג זיך וואול בערימין. לא) זיא מעג עס גניסן וואָס אירי הענט האָבין זיך פאַר דינט, עס ווע-לין זיא בערימין אין אלי שטעט אירי גוטי מעשים.

---

* לייחן — פלאַקס.

** שפּינגעשטעל.

*** טעפּיך.

ביילאגע נומ׳ 4

(זע זייט 271 און 274)

חייקל הורוויצעס „צפנת פענח".

דער „צפנת פענח" איז א דיק בוך פון 368 זייטן 4⁰. באשטייט אוים דריי טיילן. יעדער טייל האט א באזונדערן שער-בלאט. מיר ברענגען דא די פארערדע און דאס נאכווארט פון דעם דאזיקן זייער זעלטענעם בוך.

הקדמת המעתיק:

עס איז שוין לערך דריי הונדערט פיניף און צוואנציג יאהר, זינט מען האט גיפונין דאס נייע טייל וועלט וועליכים עס הייסט אמעריקא. אזוי ווי עס איז א בשרייבונג בֿ זייער פיהל אומות וויא אזוי עס איז גיפונין גיווארין און ווער עס האט גיפונין, אויך ווער איטליכים שטיקיל לאנד האט איין גינומין און ווי אזוי עס איז מיט יענע מענטשין צו גיגאנגין איידער מען האט איטליכם שטיקיל לאנד אפגנומין אזוי איז אויף אלים דא א בשרייבונג בֿ די אומות העולם און בני עמנו האבין דער פון גאר קיין בשרייבונג נים, און ווען מען גיפינט עפים דער פון אין א ספר איז ער נאר מזכיר, אז עס איז גיפונין גיווארין די נייע וועלט און בשרייבט נים ווען מען האט גיפונין, און ווער עס האט גיפונין און ווער עס האט איטליכי מדינה כובש גיוועזן און וויא אזוי מען האט דיא נייע לענדיר כובש גיוועזן. פון דעם אלים וויסין גאר בני עמנו נים, סיידין דער וואס ליינט דיא גישיכטע אין א פרעמדר כתב ולשון, דער וויסט דיא אלע זאכין וויא עס האט זיך גיפיהרט מיט דיא לייט וואס האבין דיא נייע לענדיר גיפונין: אויך דיא מלחמות און צרות און סכנות וואס מען האט גיליטן איידיר מען האט דיא נייע לענדיר כובש גיוועזן. דיא מענטשין וואס קענין ליינין פרעמדע כתבים ולשונות גיפינין זיך אובר בֿ אונדז יהודים גאנץ ווייניג אין דער מדינה און דריבער ווייסט דאס קייניר נים פון דער גאנציר גישעכטע, און כמה פעמים האבן מיר חכמי האומות פאר ווערף גימאכט, זיי האבן מיר גיזאגט בזה הלשון: „אזוי א פיינע אומה ווי איר יהודים זענין, וואס איטליכר צווישן אייך קען שרייבן און ליינען, זאלט איר פון אזוי א פיינע זאך דאס ענדעקונג אמעריקא איז, גאר קיין בֿ שרייבונג נים האבין, ווער עס האט זיא אפ גינומין און ווי אזוי עס האט זיך געפיהרט איידיר מען האט עס כובש גיוועזן. און אז מ׳ק רעדין מיט א בר ישראל דערפון ווייסט ער גאר נים דרינין ארויין צו ריידין".

און אַזוי וויא השם יתברך ברוך הוא האָט מיר דיא מתנה גיגעבן אַז איך קען אַ ביסיל ליינען טייטשע ביכער, האָב איך דאָס אויף מיר גינומין צו טאָהן די חרפה פון בני עמנו, דיא אומות העולם זאָלין אונדז שוין מעהר קיין פאַר ווערף ניט מאַכין. און איך האָב מיר אויס גיקליבין דיא ב׳ שרייבונג פון האדון החכם פראָפעסיר קאַמפע; ער האָט אַרויס גיגעבין דרייא טיילין פון ענטדעקונג אַמעריקאַ׳ דאָס איז גידרוקט גיוואָרין אין רעטלינגען. פון זיין ב׳ שרייבונג האָב איך מיר אַרויס גינומין דעם תמצית און האָב איבערגעשריבין אויף ריין יודיש כאשר ידבר איש אל רעהו כדי איטליכער זאָל דאָס פאַרשטיין. איך האָב עס אַ נאָמין גיגעבין צפנת פענח, ווייל דיא טייטש דער פין איז די פאַר־באָרגינע זאַכין איז נתגלה גיוואָרין, און עס איז אויך אַזוי מיט דער נייער וועלט אַמעריקאַ: זי איז גיוועזן פאַרבאָרגין, און עס איז מיט דער צייט נתגלה גיוואָרין, אַזוי ווי מען וועט אין דעם בוך לייגען. אויך איז די גאַנצע גישעכטע פון יהודים פאַרבאָרגין גיוועזן ביז אַ הער, און איך האָב עס דורך דעם בוך מגלה גיוועזן כדי אַז איטליכר זאָל די גישעכטע וויסין. דער צענזאָר מווילנא דאַנקט מיר שריפטליך, ווייל איך האָב מיר מיהע גיגעבין דאָס איבערצוזעצין, ווייל עס איז זייער אַ גרויסע טובה פאַר בני עמנו. השם יתברך ברוך הוא ווייסט מיין מחשבה אַז איך טוא דאָס ניט פון מיין כבוד וועגין, נאָר פאַר גרוים ליבשאַפט צו אחינו בני ישראל, אַז זייא זאָלין גוט וויסין פון דער גישעכטע, מען זאָל זיי פון די אומות ניט קענין קיין פאַהרווערף מאַכין. אויך ווער עס וועט דאָס בוך לייגין, וועט זעהין די טובות וואָס השם יתברך ברוך הוא האָט אונדז גיטאָהן מיט דעם וואָס מען האָט אונדז די נייע וועלט מגלה גיוועזן. מיר גיניסין פון אַמעריקאַ זייער פיהל גוטע, און מיר מוזין דער פאַר אָפּגעבין צו השם יתברך ברוך הוא אַ גרוים שבח והודיה. אלה דברי המעתיק לטובת כלל ישראל חייקיל בהנגיד המפורסם מו״ח זאב וואָלף הלוי הורוויץ זצ״ל מאומאַן.

נאָכוואָרט צום „צפנת פענח"

(דף קפ—קפב)

דאָ ענדיגט זיך דיא גאַנצע געשיכטע פון ענדעקונג אמעריקאַ אַלע דרייא טיילין, דורך דיא גרויסע דרייא ריצערם קאָלאָמבאָס און קאָרטוס און פיצערראָ, און וואָס זייא האָבין איטליכער ב׳ וויזין, איידיר זייא האָבין די נייע וועלט גיפונען און אָפּגנומין.

ווען מען זאָל וועלין אויס רעכינין דיא טובות וואָס די דרייא (טיילין וועלט: אַזיע, און אירופע, און אַפריקאַ איז אַרויס גיקומין דורך

דעם, וואס דיא ריצערים האבין דיא נייע וועלט גיפונין און האבין זיא כובש גיוועזן; דאס איז זייער פיל צו דערציילין און צו בּ שרייבין, איך וועל אייך דאך דערציילין עטליכע זאכין פון דעם גוטע וואס מיר האבין פון אמעריקא:

קאווע און צוקר האבין מיר פון דארטין און אויך פיל בשמים-ווארג, אויך זייער פיל פארב האלצין, דאס הייסט אזעליכע העלציר וואס מען ניצט זייא אין דיא היגי פאבריקעס, מען פארבט מיט זייא די מאטעריעס וואס אין דיא פאבריקים ווערין גיארבּיט. מען האט אויך פון אמעריקא זייער פיל פוטערוואורג, און וואס עסין ווארג אז בּ לאנגט האבין מיר פון אמעריקא קארטאפליעס, דאס האט מען פריער אין אונזירע לענדיר גאר נישט גיוויסט, ערשט פון אמעריקא האט מען די קארטאפליעס אהער ארויס גיבּראכט און איצונד ווייסט שוין איטליכער פון זייא. אין גאנץ אירופע ניצט מען זיי צום עסין, און חס ושלום ווען עס איז הונגיר אודר יקרות, זענין זיך פיל מענטשן פון זייא מפרנס. מען האט אויך פון אמעריקא צו אונדז גיבּראכט די קאקעריזעס, וועלכעס עס האט אין אמעריקע גיהייסין מאיץ. פון די קאקעריזעס זענין זיך זייער פיל מענטשין מפרנס, און האטשי מיר ניטצין דאס אין אונדזער מדינה גאנץ ווייניג, וויל השם יתברך האט אונדזער מדינה גיגעבּין גוטי און פעטי פעלדיר און בּ אונדז זענין ניט קיין פוילע מענטשין, זייא האבּין ליעב צו ארבּייטין, דריבּער ארבּייטין די לייט אנדערע תּבואות גינוג, אזוי ניטצן מיר דיא קאקעריזעס גאנץ ווייניג, אובּער אין די טערקישע לענדיר, לעבּין זייער פיל מענטשין נאר פון די קאקעריזעס, וויל עס איז ארום זיי גאר ווייניג ארבּעט; די קאקעריזעס ווערין גינאנט דאס בּרויט פון די פוילע מענטשין, און אזוי וויא דיא טערקישע מענטשין זענין פויל צו דער ארבּעט זייא זאלין אנדערי תבואות בּארבּייטין, דריבּער ניטצין זיא אין דיא טערקישע מדינות דאס מייסטע דיא קאקעריזעס און מען רופט עס דארטין אין יענע לענדער מאמעליגע אויך מאלאייע...

וואס רפואות איז אז בּ לאנגט האבין מיר אויך פון אמעריקא זייער פיל ארטיקלען, וואס ווערין גיניצט אין דער אפטייק צו רפואות און בּ זונדערס דיא הויפט רפואה חינא דע חינא. דאס ווייסט איצונד ממש איטליכער מענטש, אז דאס העלפט גווים צום קאלטין קדחת... דאס חינא דע חינא איז א קארע פון א בּוים וואס וואקסט אין אמע-ריקא. (דא דערציילט הורוויץ גאנץ בּאריכות די מעשה, ווי אזוי די אייראפעער האבּן זיך דערוווסט וועגן דעם היילמיטל חינא). נאך דער מעשה פירט הורוויץ אוים:

און דערפאר האבּין מיר צו דאנקין צו דעם השם יתברך ברוך הוא, וואס זיין השגחה איז זייער גרוים און ער האט אריין געשיקט שׂכל צו

קאלאמבאסין, עס זאל אים אויף זיין מוח קומין, אז אויף יעניר זייט ים אוקיאנוס מוז אויך זיין מדינות מיט מענטשין, און ער האט דאס כובש גיוועזן, און אויף איהם קוקענדיג זענין נאך מענטשין א הין גיגאנגין און האבין דארטין פיל מדינות כובש גיוועזן.

וואס אן בלאנגט עשירות ברענגט מען פון אמעריקא זייער פיל גאלד און זילבער און אויך אבנים טובות אין אונדזערע לענדער אריין. דער מלך פון פורטיגאל האט אין אמעריקא א שטיק לאנד פון דעם קיניגרייך פערא, דאס שטיק הייסט אמאצאנין לאנד, דארטין גיפינט מען פיל גאלד און פיל דימאנטין און בריליאנטן (דא גייט א לענגערע מעשה וועגן דעם „גרעסטן בריליאנט פון דער גאנצער וועלט", וואס געפינט זיך ביים מלך פון פארטוגאל. דערנאך גייט פאלגנדיקער שלום):

עס איז נאך זייער א גרויסע טובה פאר דיא דריי טיילין וועלט וואס, מען האט דאס אמעריקא גיפונען, ווייל זייער פיל מיליאנען מענטשין זענין פון דיא היגע לענדיר אוועק גיגאנגין קיין אמעריקא, און האבין זיך דארטין בזעצט, און ווען דאס אמעריקא וואלט נישט גיוועזן, וואלטין אלע מענטשין גיוועזן דא געבליבן אין דיא היגע דרייא טיילין וועלט, אזיע אירופע אפריקא, אזוי וועלט דא גיוועזן חס ושלום הונגיר און קראנקהייטן און אויך פיל אנדערע צרות, ווייל עס העט זייער ענג גיוועזן און איצונד איז אונדז גראמער. און יענע פיל מיליאנען מענטשין וואס זענין פון דאנין אהין אוועק גיגאנגין, איז זייא דארטין זייער גוט. עס ווערט אויך א גרויסער האנדיל גיפירט צווישן אונדזערי מענטשין און צווישן יענע מענטשין וואס דארטין זיצין. מען טוט דורך דעם זייער גרויסע משא ומתנס, אויך זעהט מען דורך דעם דיא השגחה פון השם יתברך ברוך הוא, אז ער האט דיא ריצערים שכל איין גיגעבין זייא זאלין זיך זייער לעבין איין שטעלין צו גיין אין אזעלכי מקום סכנות לטובת הכלל. און אזוי וויא השם יתברך ברוך הוא האט מיט אונדז גיטאן חסדים, בעטין מיר איהם אז ער זאל מיט אונדז ווייטער חסדים טהן און זאל אונדז שיקן דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן, ברוך ד' לעולם אמן ואמן. ענדע דיא גאנצי בשרייבונג פון ענדעקונג אמעריקא אלע דרייא ביכער.

נאָמען-צעטל

אביגדור בן חיים (פינסקער רב) 124, 128.
אברהם-אבא, דער פּרנס פונם וועד, 66.
אברהם-אליעזר הלוי, 305.
אברהם מלאך, 123.
אברהם קאַליסקער, 129.
אברבנאל, יהודה, 91
אַדלער, נתן, 279.
אהרן הכּהן אויס אַפּטאַ (דער אַרויסגעבער פון דעם „כּתר שם טוב"), 48.
אײבעשיץ, יונתן, 89.
אײגער, זאַבל, 302.
אײגער, עקיבא, 302, 303.
אײכל, יצחק, 249.
איציק מלאַנצוס (דער לובלינער צדיק), 224.
„אלה דברי הברית", 301—306.
אלימלך ליזשענסקער, 114—120, 213.
אליעזר, דער טריטשער רב, 305.
אַפּטער רב, 212, 214—216.
אפרים סודילקאָווער (דער „בעל דגל מחנה אפרים"), 48, 168.
אפרים קוטאָווער, 41.
אקסענפעלד, ישראל, 312.
באָרעק, מענדל, 53, 80, 81.
באַלאַבאַן, מאיר, 66.
באָנאַפּאַרט, נאַפּאָלעאָן, 236—237.
באַרי, יהודה, 266.
ביק, יעקב-שמואל, 262—265.
בער, איסאַאַק-בער, 233
בער, מיכאל, 233.
בערגער, גבריאל, 249.
בערלין, נחמן בן שמחה, 299—300.
בערנע, לודוויג, 232, 233.
בעש"ט (ישראל בעל שם טוב), 13—14, 39—79, 80, 82, 83, 86, 87, 90, 92, 95, 101, 102, 106, 110, 113, 141, 148, 151, 174, 204, 206—210, 212, 223.
בראָד, אַלס האַנדל-שטאָט, 254—255.
בריסילוי, מאיר, 290, 310.
גאָטלאָבער, א. ב., 268, 270, 281.
גאָרדאָן, יהודה-ליב, 298.
גאָרדאָן, מיכל. 298.
גינצבורג, דוב-בער, 249.
גינצבורג, מרדכי-אהרן, 269.
„געגנאַרטע וועלט" (אַנאָנימע פּיעסע), 275—276.
גרעץ, היינריך, 241, 245, 279, 307,
גרשון קוטאָווער, 41, 42, 44, 46, 52, 64, 76.
דאָלגאָרוקי, אי. מ., 267.
דאַנטע, אליגיערי, 78.
דוב-בער, דער מעזעריטשער מגיד, 81 — 99, 113, 122, 133, 138, 142, 158, 159, 162.
דובנאָוו, ש., 38, 46, 104, 220, 221, 279, 283.
דעמבאָווסקי, בישאָף, 22.
האַמבערג, הערץ, 253.
האַראָדעצקי, ש. א., 107.
הורוויץ, הירש-בער, 179.
הורוויץ, חיים-חײקל, 267—275, 324—327.
היידענהיים, וואָלף, 279.
הלוי, אליהו חלפן, 234—236.
„המאסף" (1809—1811).
הערדער, יאָהאַן, 241, 243.
וואָלאָזשינער, חיים, 103, 277.
וואָלף, יוסף, 229, 232.
וואָלפסזאָן, אהרן, 258, 275, 307.
ווייזל, נפתלי-הירץ, 248.
וויינלעז, ישראל, 266, 281, 283, 286.
„וויכּוחא רבה", 225—226.
ווילנער גאון, 111, 124, 126, 218.
ווינער, שמואל, 221, 226.
וועהלי, יאָנאַס, 19.

װעלװל זשיטאָמירער (דער בעל „אור המאיר"), 48, 82, 86.
זאב-װאָלף אויס גראָדנא, 83.
זאב-װאָלף זבאַריזשער, 153—155.
זאַמאָשטש, ישראל, 278—279.
זוסי אַניפּאָלער, 132.
זמיר עריצים וחרבות צורים (אַנטי-חסידי-שער פּאַמפלעט), 104—105.
זעצער, ש. ז., 196.
זשידיטשעװער צדיק (צבי-הירש אײכענשטײן), 285.
חורין, אהרן, 293—295, 301.
חעלמאַ, שלמה, 279.
טראָפּלאָװיץ, יוסף, 247.
יאָסט, מאַרקוס, 283.
יהודה-ליב ב"ר מרדכי (דער פאַרפאַסער פון „זמיר עריצים וחרבות צורים"), 104.
יטעלס, ברוך, 240.
יטעלס, יהודה, 17—18, 29.
יעקב-יוסף הכהן, 47, 52, 60, 76, 84, 86, 105—111, 124.
יעקבזאָן, ישראל, 289—290, 292, 302.
יצחק אשכנזי (אר"י), 53—54, 92, 103, 133—134, 174.
ישעיה אויס יאַנאָװע (דער זאַמלער פון „צוואת הריב"ש"), 48.
ישעיה פון דונאָװעץ (דער זאַמלער פון „אור תורה"), 85.
ישראל קאָזיניצער, 130, 211.
כהן, שלום, 246—252, 301, 312.
לוי יצחק (דער באַרדיטשעװער רב) 48, 156—168, 174, 177.
לוצאַטאָ, שמואל-דוד, 240.
ליבערמאַן, אליעזר, 292, 295—299.
לייב מלמד אויס בראָד, 17.
לייב קריסע, 22.
לייבל, ישראל ב"ר יהודה, 217—221, 225.
לעװין, לואיס, 279.
לעװיזאָן, שלמה, 238—245, 256.
לעװינזאָן יצחק-בער, 261, 299, 312.
לעװענשטאַם, אברהם בן אריה-ליב, 306.
לעטעריס, מאיר, 246, 250.
לעפין, מענדל, 263, 285—287, [illegible],
266, 281—282, 321—323.
מאיר אויס פּרעמישלאַן, 156
מאַקאָװער, דוד, 47, 220, 221—225.
„מגלה טמירין", 286—288.
מיזעס, יהודה 307.
מיזעלש, משה, 130, 131.
מיימון, שלמה, 42, 84, 101.
מיסר ליאון, 241.
מנחם די פאַנו, 89.
מנחם מענדל אויס קאָסאָװ, 155.
מנשה איליער 312.
מעזעריטשער מגיד, זע דוב-בער.
מענדיל װיטעבסקער, 123.
מענדעלזאָן, משה אויס האַמבורג, 270.
„מעשה תעתועים" (פּאַמפלעט), 279.
מרגלית, מרדכי, 15.
משה בן מיימון, 135, 182.
משה בן נחמן (רמב"ן), 51, 54.
משה ליב אויס סאַסאָװ, 151—153, 211.
משה סופר, 303.
„נועם אלימלך", זע אלימלך ליזשענסקער.
נחום טשערנאָבילער, 48.
נחמיה חיון, 12.
נחמן בראַסלאַװער, 168—202, 203, [illegible].
נחמן האָראָדענקער, 168.
ניגער, ש., 196.
נתן בן נפתלי הירץ אויס נעמיראָװ, 172, 172, 185, 187, 191 193, 195—196, 197, 199, 204, 315—318
סאַדאַגורער רב, 191.
סאַטאַנאָװ, יצחק, 239.
סגל בודק, שמואל בן יהודה-ליב (דער זאַמלער פון „לקוטים יקרים"), 48.
„סולאַמיס", 229—232, 233—237.
סילװעסטר דע-סאַסי, 234.
סלוצקער מגיד, זע לייבעל ישראל.
עטינגער, שלמה, 312.
עמדן, יעקב, 11.
פאַרגעס, גבריאל, 19,
פאַרגעס, משה, 19—20.
פלעקעלס, אליעזר, 18, 29—30.
פעדער, טוביה, 257—261, [illegible].
פעטער-בער, 17, 223.

פערל, יוסף, 196, 283—288.
פעפערקאָרן, 286.
פראַנק, יעקב, 13, 14, 20—37, 39, 150.
פראַנקיסטן, 16—20, 21—24, 65.
פרידלענדער, דוד, 237.
פרענקל, דוד, 229, 232.
פרענקל, זעקיל, 290.
פרץ, י. ל., 152.
צדיקיזם, 72—76, 90—91, 96—99, 114—120, 147, 189—191, 192—193.
צונץ, לעאָפּאָלד, 312.
ציטלין, ה. ליאָם, 279.
קאַזאַנאָווא, 16.
קאָזעניצער מגיד, 234.
קאַמפּע, יאָאַכים היינריך, 270, 271, 272, 273, 274.
קאַניץ, משה בן מנחם, 293, 295.
קאָסאָוויץ, נח, 19.
קאַצענעלענבויגן, אברהם (דער בריסקער רב), 157.
קאַראָ, דוד, 306—309.
קאַרו, יוסף, 57.
קדושת לוי, 158—168.
קליינמאַן, יוסף, 16, 30.
קלמנסן, יעקב, 279—280.
קערנער, משה, 279
קראָכמאַל, נחמן, 280.
קרויזהאַר, א., 21.
ראָזענטאַל, שלמה, 239.
רבֿקבֿי, יחיאל, 315.
רוססאָ, זשאַן-זשאַק, 247.
רייזע, זלמן, 269.
רייכלין, יאָהאַן, 286.
רייניץ, ל., 311.
ריסער, אליעזר, 306.
„ריקצוג דער פראַנצאָזען", 266—267.
„שבחי הבעש"ט", 205, 318—321.
שבתי צבי, 9, 15, 20, 33, 65.
שור, אלישע, 17, 22.
שור, חוה, 17.
שטיף, נחום, 269.
שטערן, באַזיליוס, 283,
שלמה לוצקער, 84—85.
שמיד, אַנטאָן, 251.
שמעון בן יוחאי, 60.
שמעון לוביטשער, 42—43.
שניאור-זלמן שניאורסזאָן, 44, 48, 121—149.
שניאורזאָן, דוב-בער, 131.
„שעבסין" (שבתי-צביניקעס), 11, 12, 14.
שפּאָלער זיידע, 171.
„תולדות יעקב יוסף", זע יעקב-יוסף הכהן.
„תניא", 132—149.

אינהאלט

ערשטער קאפיטל:

זייט

די נאכווייען פון דער שבתי־צביאישער משיחישער באוועגונג. — די סעקטאנטן אין פאדאליע. — די רבנים און זייער „חרם". — יעקב פראנק אלס פערזענלעכקייט. — יעקב פראנק ביי די „שעבסין" אין סאלאניקע. — דער פארקערפערטער „מלכא קדישא" און דער גלגול פון שבתי־צבי. — די פראנקיסטן און זייער התנהגות. — יהודה ייטלש און זיין „שיחה"; די זכרונות וועגן די פראנקיסטן אין אפענבאך פון משה פארגעס. — יעקב פראנקס העברעיִשע צחיי אויסרופן. — דער וועלט־באנעם פון די פראנקיסטן. — יעקב פראנקס מעשהלעך. — דער פארויסבאשטימטער אונטערגאנג 9

צווייטער קאפיטל:

ר' ישראל בעל שם טוב. — זיינע קינדער־יארן. — זיין התבודדות. — דער יתום ווערט א באהעלפער ביי א דרדקי־מלמד. — זיין ליבע צו ניגונים און געזאנג. — דער באהעלפער ווערט אונטער־שמש אין קלויז. — זיין חשק צו קבלה. — דער אונטער־שמש באקענט זיך מיט די כתבים פונם מקובל ר' אדם. — זיין פריינדשאפט מיט ר' אדמס זון. — דעם יונגן מקובל מאכט מען חתונה, און ער ווערט באלד אן אלמן. — ישראל בן אליעזרס וואנדער־יארן. — זיין חתונה מיט דעם בראָדער רבס, ר' גרשון קוטעווערס, שוועסטער. — דער רב און דער עם־הארץ. — ישראל בן אליעזרס התבודדות אין די קארפאטן־בערג. — דער איבערברוך אין דעם וועלט־באנעם פונם יונגן מקובל. — ישראל בן אליעזרס פרנסות. — דער שענקער און דארפס־מלמד ווערט א בעל־שם. — דעם בעש"טס התגלות. — דעם בעש"טס וועלט־באנעם (לית אתר פנוי מניה). — דעם בעש"טס אפטימיזם. — די השפעה פון דעם רמב"ן און דעם אר"י. — דער בעש"ט קעגן אסקעזע; דער באדייט פון תפילה; מען קען תפילה טאן אויך „על ידי דיבור זול". — וועגן זיסע און ביטערע געטראנקען. — גאט דינען קען מען נאר מיט פרייד. — דער בעש"ט און די לומדים. — דער מענטש און דער צדיק אין דעם בעש"טס סיסטעם. — דעם בעש"טס בריוו וועגן „עלית נשמות". — דער בעש"ט און זיין „חבורה" . 38

דריטער קאפיטל:

דעם בעש"טס תלמידים. — זיין פארטרעטער ר' דוב־בער דער מעזע־ריטשער מגיד. — פון מערזיבוזש קיין מעזעריטש. — די קוועלן פונם מגידס תורה. — „לקוטים יקרים", „לקוטי אמרים", „אור תורה" און „אור המאיר". —

זײַט

װעגן פּאַנטעאיסטישע אָנשױאונגען אינם װעלט־בּאַנעם פֿון די בּאַגרינדער פֿון דער חסידות־בּאַװעגונג. — די לערע װעגן צימצום. — דער צימצום און דער צװעק פֿון „מעשה בּראשית". — ליבּע און צימצום אַלס „אחדות גמורה". — די שליחות פֿונם פֿאָלק ישראל. — דער צדיק אין דער בּחינה פֿונם כּהן גדול אין יום־כּיפּור. — דער צדיק און דער „אדם בּפועל". — טעאָרעטישער צדיקיזם. — דער ערשטער קאַמף קעגן די חסידים. — די סאָציאַלע יסודות פֿון דעם דאָזיקן קאַמף. — דער חרם־קונטרס „זמיר עריצים וחרבות צורים". — יעקבֿ־יוסף כּהן, דער גרינדער פֿון דער חסידישער ליטעראַטור. — זײַן קאַמף קעגן די רבּנים. — דער באַטײַט פֿון זײַן „תּולדות יעקבֿ־יוסף" 80

פֿערטער קאַפּיטל:

פֿון טעאָרעטישן צדיקיזם צו פּראַקטישן צדיקיזם. — אלימלך ליזענסקער און זײַן „נועם אלימלך". — דער מאַניפֿעסט פֿון פּראַקטישן צדיקיזם. — „הצדיק גוזר והשם יתבּרך מקײם". — צװײ װעגן פֿון חסידות. — דער ליאַדיער רבּי שניאור־זלמן. — אין פֿײַער פֿון מחלוקת. — שניאור־זלמנס שנאה צו נאַפּאָלעאָנען. — דער טויט אונטערװעגנס. — דער באַדײַט פֿונם „תּניא". — דאָס צמצום־פּראָבּלעם איז דער באַלײַכטונג פֿונם בּעל „התּניא". — „אור מתלבּש" און „אור מקיף". — גאָט איז אי אימאַנענט אי טראַנסצענדענט. — דער עקסטרעמער אידעאַליזם בײַם בּעל „התּניא". — דער תּכלית פֿון „מעשה בּראשית". — „די װעלט איז באַשאַפֿן צוליב דעם פֿאָלק ישראל". — די דרײַ לבֿושים: מחשבה, דיבּור ומעשה. — דער באַדײַט פֿון לימוד התּורה און קיום המצװת. — די לערע װעגן די דרײַ בּחינות: חכמה, בּינה און דעת (חבּ"ד). — צװײ פֿאַרמען פֿון ליבּע און יראה — אהבת עולם און אהבה רבּה. — צװײ בּחינות אינם מענטשנס הארצן. — די העכסטע מדרגה פֿון ליבּע איז „למעלה מבּחינת הדעת והתּבונה". — דער מקובל איז גובֿר דעם למדן. — דער „תּניא" װעגן דער ראָלע פֿונם צדיק. — דער בּעל „התּניא" װעגן די „חכמות אחרות" . . 113

פֿינפֿטער קאַפּיטל:

די פֿאָנענטרעגער פֿון „אהבת ישראל". — משה־ליבּ פֿון סאַסאָװ; זאבֿ־װאָלף זבּאַריזער; מנחם־מענדל אױס קאָסעװ און מאיר אױס פּרעמישלאַן. — דער בּערדיטשעװער רבֿ לוי־יצחק און זײַן „קדושת לוי". — די „עיני ד'" אַלס דעם מענטשנס באַשאַף. — די ליבּע אַלס ערשטע מידה פֿון גאָט, און אַלס גרונדשטײן פֿון דער װעלט. — אהבת ישראל און אהבת הבּורא. — אַלץ אין דער װעלט איז פֿול מיט גאָטס ליבּע. — די קאָסמישע ראָלע פֿון דעם פֿאָלק ישראל. — דער צדיק דאַרף שטענדיק מלמד זכות זײַן אויף ײדן. — די גאולה פֿאַר דער גאַנצער װעלט. — די באַפֿרײַונג פֿון טויטשרעק פֿאַר די שבֿעה מדורי גיהנום. — דעם בעש"טס אוראײניקל ר' נחמן בּראַסלאַװער. — ר' נחמנס לעבּנסװעג. — זײַן װעלטבּאַנעם. — פֿראַגן, אויף װעלכע עס איז קײן ענטפֿער ניטאָ. — די װעלט איז אױס רחמנות געשאַפֿן, און די װעלט נײיטיקט זיך אין רחמים. — צװײ סאָרטן אַפּיקורסים. — דעם בּראַסלאַװערס קאַמף קעגן די ראַציאָנאַליסטן. — פּשיטות און תּמימות אָן חכמות; „חכמה דקדושה". — די גרויסע בּחינה פֿון שמחה. — דער ניגון פֿון דער װעלט. — די העכסטע בּחינה פֿון שתיקה. —

זײַט
דער ניגון פֿון „ראש אמונה". — די ראָלע פֿונם צדיק; דער צדיק אין דער בחינה פֿון משה־משיח. — ר׳ נחמן בראַצלאַװערס סיפּורי מעשׂיות 150

זעקסטער קאַפּיטל:

צװײ פֿאָרמען חסידישע מעשׂיות. — זאַמלונגען פֿון חסידישע ספּורי מעשׂיות. — זײער אָפּקלאַנג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. — די פּאַמפֿלעטן־ליטעראַטור קעגן די חסידים. — דער סלוצקער מגיד ישׂראל לײבל; זײַן „ספר ויכּוח" און „גלויבחידדיגע נאַכריכטען". — דוד מאַקאָװער, זײַן „זמיר עריצים" און „שבר פּושעים". — די דערהײטערכע װערן דערנעענטערט. — פֿרידלעכע שפּנער אין דער פּאָלעמיק־ליטעראַטור 203

זיבעטער קאַפּיטל:

די ערשטע ײדיש־דײַטשע צײַטשריפֿט „סולאַמיט". — אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. — ניט קײן נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזער קיבוץ. — גאַפּאָלעטן און די ײדן־פֿראַגע. — אליהו חלפֿן הלוי און זײַן פּאָעמע. — דאָס „שמאַנען־ליד". — „איזראַעליטען", ניט „יודען". — שלמה לעװיזאָן און זײַן שאַפֿן. — לעװיזאָנס לױבליד דער שײנקײט און דער „בת היופֿי". — דער באַדײַט פֿון זײַן „מליצת ישורון". — לעװיזאָנס טראַגישער טױט. — שלום כּהן. — זײַן „משלי אָגור" און „מטעי קדם". — דער באַנײַטער „מאסף". — שלום כּהנס אַלעגאָרישע דראַמע „עמל ותרצה". — שלום כּהנס װאַנדער־יאָרן. — זײַן קומען קײן װין. — אַ טריבונע פֿאַרן העברעיִשן װאָרט 228

אַכטער קאַפּיטל:

מענדל לעפֿין־סאַטאַנאָװ און זײַן ביבל־איבערזעצונג אין ײדיש. — דער סטיל פֿון סאַטאַנאָװס „משלי"־איבערזעצונג. — דער „בעל מליץ" טוביה גוטמאַן־פֿעדער, זײַן פּאַמפֿלעט „קול מחצצים" קעגן סאַטאַנאָװס איבערזעצונג אויף דער שפּראַך פֿון „קאַפּסױבער און דינססן". — יעקב־שמואל ביק און זײַן װעלט־באַנעם. — „ריקצוג דער פֿראַנצאָזען". — חײַם־חײקל הורװיץ און זײַן „צפֿנת פּענח". — דער פּעדאַגאָג־הומאַניסט און דער מעבילישער סוחר. — דער סטיל פֿון „צפֿנת פּענח". — די אַנאָנימע פּיעסע „די גענאַרטע װעלט". — פּאָלעמיק אַרום צװײ פֿראַגן 253

נײַנטער קאַפּיטל:

די מתנגדים מיט די חסידים צוזאַמען קעגן דעם נײַעם שונא. — ישׂראל זאַמאָשטש קעגן חסידים. — דער פּאַמפֿלעט „מעשׂה תעתועים". — יעקב קלמנסאָן קעגן דער „געפֿערלעכער" סעקטע. — מענדל לעפֿינס אַנטיחסידישע װערק „דער פֿרשכער חסיד" און „מחכימת פּתי". — דער אַנטי־חסידישער מאַנוסקריפּט „איבער דאָס װעזן דער זעקטע חסידים". — יוסף פּערל אַלס קולטור־קעמפֿער. — זײַן סאַטירע „מגלה טמירין". — די רעליגיעזע רעפֿאָרם אין דײַטשלאַנד. — די ראָלע פֿון ישׂראל יעקובזאָן. — דער קאַמף פֿון די אָרטאָדאָקסן קעגן

דער „רעפֿאָרם-פּאַרטײ". — דער „נוגה הצדק" און די „הכשר"-פּסקים. — משה קוניץ און אהרן חאָרין. — חאָרינס „עמק השוה" און „קנאת האמת". — אליעזר ליבערמאַן און זײַן „אור נוגה". — דער באַדײַט פֿון ליבערמאַנס װערק. — נחמן בערלינס קעגנשריפֿט. — דער האַמבורגער „בית דין צדק" און דער „אלה דברי הברית". — די פּסקים פֿון די אָרטאָדאָקסישע רבנים. — דוד קאַראָ און זײַן „ברית אמת". — די רבנים אַמאָל און הײַנט. — מאיר גריסילוס פּאַמפֿלעט „חרב נוקמת". — די קעגנערשריפֿט „להט החרב המתהפכת". שלוס 277

ב ײ ל א ג ן 313

בײַלאַגע נומ׳ 1 315

בײַלאַגע נומ׳ 2 — װעגן דעם „שבחי בעל שם טוב" אין ייִדיש 318

בײַלאַגע נומ׳ 3 — מענדל לעפֿינס „משלי"-איבערזעצונג 321

בײַלאַגע נומ׳ 4 — חײקל הורװיצעס „צפֿנת פענח" 324

זוכצעטל 329